STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08115

DI FILOSOFYE FUN IDNTUM

Zvi Cahn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פילאָזאָפיע פון אידנטום

ערשטער באַנד

THE PHILOSOPHY OF JUDAISM

The development of Jewish thought throughout the ages, from the Bible, Talmud, Jewish Philosophers, Cabbalah, etc., till nowadays

by

ZVI CAHN

Ordained Rabbi, (Rabbinical College, Sochatchev);
Ph.D. in Philosophy and Psychology, (Berlin University);
Ph.D. in Semitics, (Dropsie College, Philadelphia, Pa.)

VOLUME I

FARBAND BOOK PUBLISHING ASSOCIATION, INC.
New York
1958

די פילאָזאָפיע פון אידנטום

די אַנטוויקלונג פון אידישן געדאַנק דורך אַלע צייטן
אָנהויבנדיק פון תנ"ך, תלמוד, די אידישע פילאָזאָפן
און קבלה ביז צו דער היינטיקער צייט

פון

דר. צבי כהן

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון

פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג

ביים אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו־יאָרק — 1958

Copyright 1958 *by*
DR. ZVI CAHN

All Rights Reserved

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street, New York 3, N. Y.

253

מיין געטרייע פרוי
די באַוואוסטע
שרייבערין
מלכה כהן
מיט די וואַרעמסטע
געפילן

מ ח ב ר

אינהאַלט

ערשטער באַנד

פאָרוואָרט פון פאַרבאַנד פאַרלאַג xiii
עטלעכע ווערטער פון הלל ראָגאָף xv
פאָרוואָרט פון מחבר xvii

איינליימונג:

1. קאָסמאָפּאָליטישע און נאַציאָנאַלע טענדענצן אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע 1
2. שכל און גלויבן ביי אידן און ניט־אידן 13
3. דער קאָלעקטיווער גייסט פון אידישן שאַפן 19
4. וואָס זיינען די גרונט־פּרינציפּן פון אידנטום? 23
5. צדיקים און בעלי־תשובה ביי אידן און ניט־אידן 32
6. ליכט און שאָטן אין דער אידישער געשיכטע 37
7. קאַמפּס־מאָטיוון אין דער אידישער געשיכטע 40
8. די שריפטן ביי אידן 44
9. די שפּראַך פון די אידן 47
10. מאָדערנע ביבל־קריטיק און ביבל־אַרכעאָלאָגיע 51
11. ארץ־ישראל אין צענטער פון אידנטום 58
12. כראָנאָלאָגיע ביי אידן און ניט־אידן 61

די ביבלישע עפּאָכע:

1. די אבות: אברהם, יצחק און יעקב 67
2. משה רבינו און אהרן הכהן 75
3. יהושע בן נון 82
4. ווער זיינען געווען די אידישע נביאים? 86
5. פיר עפּאָכעס פון נביאים ביי אידן 92
6. אמתע און פאַלשע נביאים 97
7. זיינען געווען נביאים אויך ביי ניט־אידן? 104
8. שמואל הנביא און זיינע גרויסע אידעאַלן 108
9. די שטילע נביאים 111

10. די ערשטע שטורמישע נביאים........ 116
11. די הויכע נביאות פון ישעיהו הנביא........ 122
12. די טיפע ליידן פון ירמיה הנביא........ 133
13. די וויזיעס פון יחזקאל הנביא........ 138
14. פינף נביאים וועגן פרעמדע פעלקער........ 144
15. די לעצטע נביאים........ 150
16. איז דניאל געווען אַ נביא ?........ 156
17. כתובים 160
א. תהלים 161
ב. משלי 165
ג. איוב 168
ד. די פינף מגילות (שיר השירים, רות, איכה, קהלת און מגילת אסתר) 172
ה. עזרא 184
ו. נחמיה 186
ז. דברי הימים אי און בי........ 188
18. אנדערע שאַפונגען אין דער ביבלישער עפּאָכע (ספרים חיצונים, אַפּאָקריפן) 190

די תלמודישע עפּאָכע I

(די צייט פון די תנאים)

1. ווי אזוי איז אַנטשטאַנען דער תלמוד........ 199
2. די ערשטע תנאים........ 202
3. הלל און שמאי........ 206
4. די דריי פּאַרטייען : פרושים, צדוקים און איסיים........ 212
5. ר׳ יוחנן בן זכאי........ 218
6. רבן גמליאל פון יבנה........ 224
7. ר׳ עקיבא........ 229
8. ר׳ מאיר........ 235
9. ר׳ יהודה הנשיא........ 241
10. וואָס פאַר אַ ווערק איז דער תלמוד ?........ 247
11. וואָס די תנאים האָבן אויפגעטאָן........ 255
12. די ליבעראַלע געזעצן וועגן שבת........ 260
13. די אידעאָלאָגיעס פון די דריי פּאַרטייען........ 265
I די פרושים........ 265
II דער געדאַנקען־גאַנג פון די צדוקים........ 269
III די מיינונגען וועגן די איסיים........ 274

14. ווען האָט זיך אָנגעהויבן ביי אידן די משיח־אידעע? 280
15. דער משיח־געדאַנק פון די פּרושים.................................. 285
16. די משיח־געדאַנקען פון די מיסטישע סעקטן............................ 290
17. ווען האָט זיך אָנגעהויבן די אידעאָלאָגיע וועגן „יענער וועלט" ?.... 295
18. דער געדאַנק פון גן־עדן און גיהנום.................................. 305
19. דער געדאַנק פון תחית המתים...................................... 310
20. הלכה און אגדה אין תלמוד.. 315

צווייטער באַנד

די תלמודישע עפּאָכע II

(די צייט פון די אמוראים)

1. די עפּאָכע פון די אמוראים; דער ערשטער — רב.......................... 7
2. דער אמורא ר' שמואל.. 14
3. די אמוראים פון צווייטן דור.. 19
4. די אמוראים אביי און רבא.. 25
5. רב אשי, וועלכער האָט אָפּגעשלאָסן דעם תלמוד........................ 31
6. ווי אַזוי מען דאַרף פאַרשטיין אַ בלאַט גמרא............................ 37
7. ווי אַזוי עס ווערט געפירט אַ דיסקוסיקע אין תלמוד.................... 43
8. די לאָגישע געזעצן פון תלמוד... 49
9. די שעפער פון דער „אגדה" אין תלמוד................................ 55
10. משלים און מעשה'לעך אין תלמוד..................................... 61
11. ליבעס־געשיכטן אין תלמוד... 67
12. וויכוחים און דיסקוסיעס מיט ניט־גלויביקע............................ 73
13. געשיכטעס וועגן טויטע און וועגן חלומות.............................. 79
14. פאַנטאַסטישע מעשה'לעך, פאָלקס־רפואות און ווערטלעך.................. 85
15. וואָס איז אַזוינס די אידישע עטיק.................................... 91
16. די עטיק פון אַרבעט און האַנדל...................................... 96
17. די עטיק פון פאַמיליען־לעבן.. 102
18. די עטיק פון קינדער־דערציאונג....................................... 108
19. די עטיק פון פריינטשאַפט.. 114
20. די עטיק וועגן גוטע און שלעכטע זיטן פון מענטשן....................... 119

אינהאַלט

21. די פּסיכאָלאָגיע פון מאַן, פרוי און קינד 125
22. דער תלמוד ירושלמי 130
23. אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען אין דער תלמודישער עפּאָכע 133
 1. די רבנן סבוראי 133
 2. די גאונים 134
 3. די סעקטן קעגן תלמוד 135
 4. די קאַראַאימער 137
 5. די מסורה 138
 6. דער סידור 140
 7. די מחזורים — פיוט און יוצרות 142
 8. מדרשים 144
 9. דער אָנהויב פון קבלה 145
 10. די אויפלעבונג פון העברעאיש 147

די פילאָזאָפישע עפּאָכע I

(די גאָלדענע עפּאָכע פון שפּאַניען)

1. ווער זיינען געווען די אידישע פילאָזאָפן? 151
2. ר׳ סעדיה גאון 156
3. רבנו בחיי און דער חובת הלבבות 172
4. דער פּאָעט־פילאָזאָף שלמה בן־גבירול 178
5. די דיכטער־פילאָזאָפן אברהם אבן־עזרא און משה אבן־עזרא 185
6. ר׳ יהודה הלוי 194
7. דער רמב״ם 201
8. די לערע פון רמב״ן 219
9. ר׳ אברהם אבולעפיא 229
10. ר׳ לוי בן גרשון (רלב״ג) 236
11. ר׳ חסדאי קרעסקאס 248
12. ר׳ יוסף אלבו 254
13. דאָן יצחק אברבנאל 260
14. דאָס ספר „הזוהר״ 266
15. זיינען די אידישע פילאָזאָפן געווען פרײדענקער? 272
16. אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען אין ערשטן טייל פון דער פילאָזאָפישער עפּאָכע 278
 1. מפרשים 278
 2. פוסקים און שו״ת 281
 3. העברעאישע אויפלעבונג און דקדוק 283
 4. פאַלשע משיחים 285

אינהאַלט

די פילאָזאָפישע עפּאָכע II

(פון גירוש שפּאַניען ביז צו דער היינטיקער צייט)

1. ברוך שפּינאָזא און זיין שיטה.. 291
2. משה מענדעלסאָן און די נייע צייט.. 309
3. ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.. 326
4. ר׳ נחמן קראָכמאַל און זיינע תלמידים.. 339
5. די רעפאָרמער און זייער באַציאונג צום אידנטום.. 345
6. די עפּאָכע פון אידישער וויסנשאַפט אין דייטשלאַנד.. 352
7. די פיר אידישע רעפאָרם־פילאָזאָפן.. 359
8. ר׳ שמשון רפאל הירש.. 366
9. דריי גרויסע פילאָזאָפן וועגן דער אידישער מאָראַל.. 374
10. משה העס און זיין ווערק „רוים און ירושלים".. 382
11. אחד־העם און זיין ביישטייער צום אידנטום.. 389
12. טעאָדאָר הערצל און זיין „יודענשטאַט".. 397
13. אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען אין צווייטן טייל פון דער פילאָזאָפישער עפּאָכע.. 402
    1. די אַנטוויקלונג פון קבלה.. 402
    2. מוסר־ספרים.. 406

שלום־וואָרט.. 409

ביבליאָגראַפיע.. 415

רעגיסטער פון נעמען (אינדעקס).. 417

פאָרוואָרט פון פאַרבאַנד פאַרלאַג

דער **פאַרבאַנד פאַרלאַג** ברענגט מיט גרויס צופרידנקייט דער אידישער וועלט דאָס וויכטיקע ווערק פון **ד ר. צבי כהן**, „די פילאָזאָפיע פון אידנטום" (פון אברהם אבינו ביז צו היינטיקער צייט).

דער **פאַרבאַנד פאַרלאַג** האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַרייכערן די אידישע ליטעראַטור דורך פונדאַמענטאַלע ווערק. די ביז־איצטיקע טעטיקייטן פון פאַרלאַג האָבן זיכער באַרעכטיקט זיינע וויכטיקע אויפגאַבן. דער נייער בוך פון **ד ר. צבי כהן** איז אַ וואָגיקער צוגאָב צו די ווערק וואָס זיינען ביז איצט אַרויסגעגעבן געוואָרן פון **פאַרבאַנד פאַרלאַג**.

דאָס ווערק — „די פילאָזאָפיע פון אידנטום" פון **ד ר. צבי כהן** פירט אַריין דעם אידישן לייענער אין דער טיפקייט פון דער אידישער געשיכטע און אידישער מחשבה אין פאַרלויף פון פילע דורות.

אידישע פערזענלעכקייטן, באַזונדערס מענטשן פון גייסט, האָבן שטענדיק באַרייכערט דאָס אידישע לעבן אין יעדן לאַנד: זיי האָבן געהאָלפן פאַרטיפן, אויסברייטערן און באַפעסטיקן די אידישע גייסטיקע אוצרות און ווייזן דעם אידישן מענטשן אַ לעבנס־וועג לויט די אייביקע ווערטן פון תנ"ך און אַ אידישע ציוויליזאַציע, וואָס איז אין פאַרשידענע צייטן באַפעסטיקט געוואָרן פון די נביאים, אידישע פילאָזאָפן און פירנדיקע אידישע פערזענלעכקייטן אין קאַמף פאַר אונזער קיום און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. דאָס בוך ווערט פאַרענדיקט מיט דער גרויסער פערזענלעכקייט פון **ד ר. טעאָדאָר הערצל**, דער וויזיאָנער און באַגרינדער פון דער אידישער מדינה, דער באַשאַפער פון פאָליטישן ציוניזם.

דער **פאַרבאַנד פאַרלאַג** דריקט אויס זיין אָנערקענונג צו **ד ר. צבי כהן** פאַר דער גרויסער מי, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן צו שאַפן דאָס וויכטיקע ווערק.

אַ דאַנק אויך דער פאַרוואַלטונג און רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", באַזונדערס דעם רעדאַקטאָר, **הלל ראָגאָף**, פאַר אַרויסווייזן אַ סך אינטערעס, אַז דאָס בוך „די פילאָזאָפיע פון אידנטום" זאָל קאָנען דערשיינען און דורך געבן יעדן אַ מעגלעכקייט דורכן „פאָרווערטס" באַקאַנט צו ווערן מיט דעם אינהאַלט פון דעם וויכטיקן בוך.

דער **פאַרבאַנד פאַרלאַג** דריקט אויך אויס אָנערקענונג צו דער דרוק־פירמע „די ברידער שולזינגער" און צו אַלע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געהאָלפן אַז דאָס ווערק זאָל געבראַכט ווערן צו דער אידישער וועלט אין אַזאַ שיינער פאָרם.

פאַרבאַנד פאַרלאַג
ביים אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

אַ פּאָר ווערטער פון הלל ראָגאָף

(הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס")

צו דער געלעגנהייט, וואָס דר. צבי כהן, מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", גיט אַרויס די סעריעס פון אַרטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט אין „פאָרווערטס" יעדן שבת, וועגן די נביאים, דעם תלמוד און די אידישע פילאָזאָפן, אין בוך־פאָרם, וויל איך דאָ זאָגן עטלעכע ווערטער:

ווען דר. צבי כהן האָט מיר מיט דריי יאָר צוריק פאָרגעשלאָגן צו דרוקן אין „פאָרווערטס" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די „נביאים", האָב איך דערצו גלייך מסכים געווען, אָבער דאָך געטראַכט, אַז אפשר וועלן אַזעלכע אַרטיקלען זיין צו הויך פאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער. איך בין דעריבער געווען צופרידן איבערראַשט ווען כ'האָב געזען, אַז עס קומען אָן פיל בריוו, אין וועלכע מען לויבט די אַרטיקלען און האָב אויך געהערט, אַז זיי האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי די לייענער.

נאָך דער סעריע פון די „נביאים" האָט דר. צבי כהן פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די „אידישע פילאָזאָפן", וואָס האָט אַרויסגערופן ניט ווייניקער אינטערעס ביי די לייענער, און דערנאָך נאָך אַ סעריע וועגן „תלמוד", ווידער מיט גרויס דערפאָלג.

אין יענער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען בריוו פון לייענער, וועלכע האָבן פאָרגעשלאָגן דעם שרייבער, אַז ער זאָל זיינע אַרטיקלען אַרויסגעבן אין בוך־פאָרם. ווען די צאָל פון די בריוו האָט זיך פאַרמערט, האָט דער מחבר, דר. צבי כהן, זיך אָנגעהויבן ערנסט צו פאַראינטערעסירן מיטן דאָזיקן געדאַנק. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער „פאַרבאַנד־פאַרלאַג" ביים „אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד" האָט זיך אָפּגערופן אַז ער איז וויליק מיטצו־העלפן אין דער אויסגאַבע פון אַזאַ בוך, און אַזוי איז דאָס דערשיינען פון בוך געוואָרן אַ פאַקט.

וועגן דר. כהן'ס אַרבעטן קען איך דאָ בלויז איבער'חזר'ן וואָס איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם אין „פאָרווערטס" דעם 5טן יוני, 1957, ווען עס האָט זיך געדרוקט די סעריע וועגן די „אידישע פילאָזאָפן". איך האָב געשריבן דאָס פאָלגנדע:

„דער ,פאָרווערטס' דרוקט איצט אַ סעריע אַרטיקלען איבער די אידישע פילאָזאָפן און פילאָזאָפיע. די אַרטיקלען דערשיינען יעדן שבת און זיינען געשריבן פון אונזער מיטאַרבעטער דר. צבי כהן. דר. צבי כהן איז אַ הויך־געלערנטער אין אידישער געשיכטע, אידישער וויסנשאַפט און אידישער פילאָ־זאָפיע. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין די קענגנשטאַנדן אין פאַרשידענע אוני־ווערזיטעטן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. אין דער סעריע אַרטיקלען, וואָס ער שרייבט איצט, גיט ער איבער אויף אַ פּאָפּולערן אופן דעם עצם, דעם

עיקר פון די שאַפונגען פון די באַרימטע אידישע דענקער, פון די פריסטע צייטן ביז היינט. דערביי שילדערט ער אויך די פערזענלעכקייטן פון יעדן פון די דענקער. ער גיט אין קורצן זייערע ביאָגראַפיעס און ער באַשרייבט אויך דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער צייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. עס איז געשריבן אַזוי, אַז עס באַקומט זיך אייגנטלעך אַ גאַנץ בילד פון דער צייט אין אַלגעמיין, ווי אויך פון דער אידישער לאַגע און אידישע פּראָבלעמען אין יענער צייט, און אויך פון דעם דאַמאָלסדיקן אַרט לעבן און דענקען. יעדער קאַפּיטל פון דער סעריע גיט אַן אויפקלערונג פון אידישע פילאָזאָפישע גע־דאַנקען, ווי אויך אַ שילדערונג פון אַ קאַפּיטל אידישער געשיכטע.

„דר. צבי כהן באַזיצט די פעאיקייט אויפצוקלערן די שווערסטע געדאַנקען אויף אַ לייכטן, פּאָפּולערן אופן. מיר ראַטן יעדן לייענער ניט צו פאַרפעלן לייענען די אינטערעסאַנטע, באַלערנדיקע און וויכטיקע סעריע אַרטיקלען. ווי געזאָגט, ווערן זיי געדרוקט אין די שבת׳דיקע נומערן פון ,פאָרווערטס׳ ".

העכסט צופרידן דערפון, וואָס די דאָזיקע ווערטפולע סעריעס דערשיינען אין בוך־פאָרם, ווינטשן מיר דעם מחבר פיל דערפאָלג. עס וועט זיין אַ בוך, וואָס עס וועט זיין ווערט צו רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל עס לייענען און שטודירן.

הלל ראָגאָף

פאָרוואָרט פון מחבר

דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ פאַר אייך, האָב איך פאַרטראַכט נאָך מיט 25 יאָר צוריק, נאָכדעם ווי איך האָב אין פאַרשידענע אידישע קרייזן, סײַ פון אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט געלערנט און פאַרגעסן און סײַ צווישן אַזעלכע וואָס האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען, געזען, אַז עס פעלט אידיש וויסן אויף שריט און טריט. מיר איז אויך אויסגעקומען צו ריידן מיט אידן, וואָס זיינען געלערנט און צו באַטראַכטן מיט זיי די מכה פון אומוויסנקייט אויף דער אידישער גאַס. עס איז כסדר אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק, אַז עס פעלט אַ בוך אויף אידיש, אין וועלכן עס זאָל אויף אַ פשוטן אופן און אין אַ קלאָרער שפּראַך איבערגעגעבן ווערן אַלץ וואָס אונזערע נביאים, אונזערע תנאים און אונזערע פילאָזאָפן האָבן אויפגעטאָן אויפן געביט פון אידנטום; אַ בוך וואָס זאָל איבערגעבן אויף אידיש אַלץ וואָס דער אידישער גייסט האָט געשאַפן פון אברהם אבינו אָן ביז צו דער היינטיקער צייט; אַן אויפקלערונג ווי אַזוי עס איז אַנשטאַנען דער אידישער גלויבן אין איין גאָט, דער געדאַנק פון מאָנאָטעאיזם און ווער עס זיינען געווען די אידישע פאַטריאַרכן און זייער ראָלע אין דער אידישער געשיכטע; אַ בוך וואָס זאָל זיך אָפּשטעלן אויף דער ריזן־פיגור פון משה רבינו און געבן אַ קלאָר בילד וועגן זיין ראָלע אַלס געזעצגעבער פון די אידן און די באַדייטונג פון דער תורה; דערנאָך וועגן דער ראָלע פון די נביאים ביי אידן; שפּעטער די תלמודישע עפּאָכע מיט די גרויסע לערער, די תנאים און די אמוראים; און ערשט נאָך זיי די פילאָזאָפישע עפּאָכע, אָנהויבנדיק פון דעם גרויסן אידישן פילאָזאָף, ר׳ סעדיה גאון, ביז צו דער היינטיקער צייט.

ווען איך האָב זיך איבערצייגט אין דער נויטווענדיקייט פון אַזאַ בוך, האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט פון שאַפן אַזאַ ווערק און אָנגעהויבן נישטערן און זוכן און אָפּקלייבן מאַטעריאַלן; אָנוואַרפן בקיצור די הויפּט־געדאַנקען פון אַלע אונזערע גרויסע לערער; שרייבן און איבערשרייבן און פון לייגן אַ ציגל צו אַ ציגל ביז — אָט דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן.

אָבער דערביי האָב איך געהאַט פאַר זיך די פאָלגנדע דריי פּרינציפּן:

ע ר ש ט נ ס : צו זען אַז אַלץ זאָל זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם. מסביר צו זיין דאָס סאַמע שווערסטע פון די פילאָזאָפיעס און געדאַנקען־גאַנג פון די גרויסע מייסטער אויף אַן אופן, אַז עס זאָל זיין לייכט צו פאַרשטיין פאַר יעדן איינעם.

צ ו ו י י ט ס : צו שטיין אויפן באָדן פון טראַדיציע, וועלכע איז דער תוך פון אונזער לעבן. די טראַדיציע איז די עלטסטע אויסטייטשונג פון אַלע אונזערע אוצרות און זאָגט אונז דעריבער מער ווי אַלע אַלטע און נייע פאָרשער און ביבל־קריטיקער, אידן און נישט־אידן, שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס די ביבל־קריטיקער טאַפּן אין דער פינסטער, און דאָס וואָס איינער זאָגט, ווערט

אָפּגעלייקנט פון אַ צווייטן, און אויסער דאָס וואָס ביי די נישט־אידישע גע־לערנטע איז נאָך פאַראַן אַ נאָך־ריח פון נישט־פאַרגינערייי און אידן־האַס.

ד ר י ט נ ס : אויפצוקלערן, אַז מיר האָבן אַ תורה וואָס דאָס מיינט — לערע. מיר האָבן נישט קיין רעליגיע, קיין דאָגמעס, נאָר אַ ליבעראַלע געזעצ־געבונג, וואָס איז אויסן דאָס בעסטע פאַרן אידן, סיי פאַר אים גופא און סאַי פאַר זיינע באַציאונגען מיט די מיט־מענטשן. אונזער תורה זאָגט אונז כסדר אָן צו וויסן און צו לערנען. זי רופט צו אונז אַלע מאָל מיט די ווערטער „וידעת" (דו זאָלסט וויסן) און „והגית" (דו זאָלסט לערנען). דאָס איז דער תוך־געדאַנק פון אידנטום, וואָס ציט זיך דורך דער גאַנצער צייט פון די טויזנטער יאָרן ווי אַ רויטער פאָדים. דערצו קומט צו די פאָדערונג פון — צ ד ק , א מ ת און י ו ש ר אין אַלע אונזערע טעטיקייטן. אָט דאָס איז דער תוך פון אידנטום, ווי עס האָבן עס געזען אַלע פירער פון אדון הנביאים, משה רבינו, די נביאים ראשונים און אחרונים, די בעלי־התלמוד, די אידישע פילאָזאָפן און אַלע אַנדערע דענקער ביז איצט. אַן אָנשטענדיק לעבן צו גאָט, צו זיך און צו לייט — דאָס איז דער תמצית פון אידנטום.

***

עס איז דעריבער די האָפענונג פון מחבר, אַז ער זאָל האָבן מיט זיין אַרבעט דערגרייכט דעם ציל וואָס ער האָט זיך געשטעלט, אָפּצושאַפן כאָטש טיילוויז עם־הארצות און אומוויסנהייט אויף דער אידישער גאַס. עס איז זיין גלויבן, אַז איצט, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס ווערק וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויסגעפעלט, זאָל יעדער איינער זיך אַוועקזעצן און לייענען (ריכטיקער: לערנען) דעריך. עס איז אויך זיין גלויבן, אַז עס וועלן אין דעם בוך געפינען אַ נייע באַלויכטונג פון די היסטאָרישע געשעענישן, די יעניקע וואָס האָבן גע־לערנט און געדענקען; עס וועט אויפפרישן דעם זכרון ביי די, וועלכע האָבן געלערנט און פאַרגעסן, און עס וועלן זיך עפענען די אויגן צו זען אַ נייע ליכט ביי די יעניקע וואָס האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען. עס איז אַ בוך פאַר יונג און אַלט, פאַר דעם אידישן מאַן ווי פאַר דער אידישער פרוי. אַ בוך פאַר יעדן איינעם וואָס באַגערט אידיש וויסן.

***

איך וויל דאָ אויך געבן אַ דאַנקזאָגונג צו אַלע וואָס האָבן מיר מיטגע־האָלפן אין מיין אַרבעט:

דעם ערשטן דאַנק גייט צו מיין ליבער און געטרייער פרוי, די באַוואוסטע שרייבערין מ ל כ ה כ ה ן , וועלכע האָט מיר פיל מיטגעהאָלפן אין מיין אַרבעט און צו וועמען דאָס ווערק איז געווידמעט.

דעם צווייטן דאַנק גייט צום הויפּט־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", מר. ה ל ל ר אָ ג אָ ף , וועלכער האָט אָנערקענט די וויכטיקייט פון מיינע אַר־בעטן וועגן די נביאים, דעם תלמוד און די אידישע פילאָזאָפן און האָט מיך

דערמוטיקט אָנצוגיין מיט די אַרבעטן פון וואָס עס איז אַרויסגעקומען אָט דער בוך.

אַ דאַנק אויך דעם מענעדזשער פון „פאָרווערטס" אל. קאהן פאַר געבן מיר פיל פּלאַץ אין „פאָרווערטס" צו פּובליצירן דאָס בוך. אַ דאַנק קומט אויך מיינע פריינט פּאָול רובינשטיין, דער אַדווערטייזמענטס־מענעדזשער, און א. זימאָף, דער קינסטלערישער אָנפירער און מענעדזשער פון די אַדווערטייזמענטס אין דער „פאָרווערטס"־דרוקעריי, און אַלע וואָס האָבן אים געהאָלפן.

אַ באַזונדערן דאַנק קומט דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פירער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, חבר לואיס סיגאַל, וועלכער האָט דער ערשטער דערזען אין מיינע אַרטיקלען פון „פאָרווערטס", אַז זיי דאַרפן דערשיינען אין בוך־פאָרם און האָט מיך דערמוטיקט דערצו און זיך אויך אינטערעסירט, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען אין „פאַרבאַנד־פאַרלאַג". אַ דאַנק אויך צו מיין ליבן חבר ש. באַנטשעק, וואָס האָט דערין פיל מיטגעהאָלפן.

אַ דאַנק אויך די וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן מיט ראַט און טאַט, ווי מיינע פריינט לואיס האָלענדער, יוסף דאָרפמאַן, מאָריס בלומענרייך און אַנדערע יוניאָן־פירער, ווי אויך מיין פריינט וויליאַם יאַנאָף, דער חזן ש. מאַלאָווסקי און אַנדערע.

צום סוף אַ דאַנק מיינע פריינט אין דער שולזינגער־דרוקעריי, דעם ליבן שמואל שולזינגער גופא און זיינע אַרויסהעלפער, אירווינג הונגער און אַלע אַנדערע.

⁂

איך דאַרף אָבער אָפּגעבן אַ דאַנקזאָגונג (וואָס כ'האָב געדאַרפט טאָן באַלד אין אָנהויב) צו דעם וואָס לעבט אייביק, פאַר געבן מיר די מעגלעכקייט צו קאָנען אָנשרייבן אָט דאָס ווערק; פאַר די פיזישע און גייסטיקע כוחות וואָס האָבן מיך איצט, ווען כ'בין שוין, כראָנאָלאָגיש, נישט אין מיינע יונגע יאָרן — נישט פאַרלאָזן; פאַרן זכרון וואָס דינט מיר ווייטער אַזוי ווי אַלע מאָל; פאַר דעם וואָס ער האָט נישט אָפּגעטאָן פון מיר די קלאָרקייט פון געדאַנק און אויך דערפאַר וואָס ער האָט כסדר פאַרשטאַרקט אין מיר די טרייב־קראַפט אויפצושטיין אין מיטן דער נאַכט אויף צו אַרבעטן און אויך פאַר דעם יוגנט־כוח וואָס ער האָט אין מיר אָפּגעהיטן נישט מיד צו ווערן, נאָך נעכט אָן שלאָף און נאָך גרויע טעג, נאָך טעג פון איינזאַמקייט, רויענדיק זיך צווישן ביכער... איך דאַנק דיר גאָט פאַר דעם אַלעם און איך בעט ביי דיר בלויז, אַז דו זאָלסט מיך לייטזעליקן מיט די אַלע מתנות אויף ווייטער, אַז כ'זאָל קאָנען אָנשרייבן און פאַרענדיקן נאָך יענע ביכער, וועלכע זיינען, צווישן אַנדערע, דער הויפּט־ציל פון מיין לעבן, אמן!

צ. כ.

איינלייטונג

.1

קאָסמאָפּאָליטישע און נאַציאָנאַלע טענדענצן אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע

דער גרויסער ניט־אידישער געלערנטער דזשאָרדזש פוט מור איז אין זיין בוך „דזשודאַאיזם" (צוויי טיילן, 1927), געווען דער ערשטער אָנצוווייזן דערויף, אַז די דיסקוסיע, וואָס האָט זיך געצויגן פאַר צענדליקער יאָרן אין דער ניט־אידישער געלערנטער וועלט, וועגן דער אידישער וועלטאַנשויאונג, לויט ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ביבל און אין די שפּעטערדיקע שאַפונגען, דעם תלמוד און די מדרשים, צי זי איז אַ שטרענג־נאַציאָנאַלע אָדער וויט־גייענדיק אוניווערסאַלע — איז לחלוטין געווען אויף אַ פאַלשן וועג. עס איז קלאָר, זאָגט מור, פאַר יעדן איינעם, וואָס באַקענט זיך מיט די קוועלן פון דער ביבל און תלמוד אין אָריגינאַל, אַז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אידישן פאָלק איז דאָס, וואָס ביידע טענדענצן גייען ביי אים צוזאַמען האַנט ביי האַנט, איינס נעבן דעם אַנדערן. מיר זעען דאָס באַלד ביים אָנהויב פון דער אידישער נאַציע. ביידע אייגנשאַפטן זיינען דאָ אין איר, נאָר אַמאָל נעמט איינע די אויבערהאַנט, און אַמאָל די צווייטע. אַמאָל איז נאַציאָנאַליזם די ערשטע פידל און אוניווערסאַליזם די צווייטע, און אַמאָל פאַרקערט: אוניווערסאַליזם איז די הויפּט־זאַך און נאַציאָנאַליזם קומט ערשט שפּעטער.

אָט די דערשיינונג זעען מיר פון משה רבינו ביזן לעצטן פון די נביאים, און שפּעטער אויך אין די קלוגע ווערטער פון די תנאים און אמוראים. יעדע איינשטעלונג איז געווען אָפּהענגיק פון דער צייט, פון דער סביבה און אויך פון טעמפּעראַמענט פון דעם אָדער יענעם, פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אין פראָנט פון אידישן פאָלק אין אַ געוויסער עפּאָכע. עס זיינען געווען נביאים, וואָס האָבן גערעדט מער צו זייער פאָלק, שטראָףרייד, און אויך ווערטער פון טרייסט און פון האָפענונג אויף בעסערע צייטן, אָבער צו דער וועלט האָבן אָט די נביאים גערעדט ווייניקער. געווען ווידער אַנדערע, וואָס האָבן מער גערעדט צו דער וועלט, געשטראָפט פעלקער, זיי געטרייסט און וועגן זייער פאָלק ווייניק גערעדט. דער רוב אָבער פון די נביאים האָט געהאַט אַ זין פאַר ביידע ריכטונגען, פאַר זייער פאָלק און פאַר דער וועלט אין אַ גלייכער מאָס. זיי זיינען אי נאַציאָנאַל אי אוניווערסאַל. נאָך מער, זיי האָבן געזען דאָס וואויל־זיין פון זייער פאָלק נאָר אין אַ וועלט,

וואָס וועט זיין גוט און פרום. זיי האָבן געוועזן די אידן ווי אַ טייל פון דער וועלט.

שוין ביים ערשטן אַרכיטעקט פון אידישן פאָלק, ביי משה׳ן, איז דאָס דער הויפּט־פּרינציפּ פון זיין שאַפונג. ער, דער גרויסער מייסטער פון אידישן פאָלק, אונזער משה רבינו, האָט געוואָלט שאַפן ניט סתם אַ פאָלק צווישן פעלקער, ניט אַ פאָלק „ככל הגויים", נאָר אַ פאָלק איבער פעלקער, אַ „גוי קדוש", אַ פאָלק וואָס זאָל פירן פעלקער אין זיין ליכט. ניט דעראָבערן פעלקער, נאָר לערנען זיי און דערהויבן זיי. דאָס איז געווען זיין בוי־פּלאַן. ער האָט געוואָלט אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַ „ממלכת כהנים" (די צוויי ווערטער ווערן פון אייניקע פאַרטייטשט אין זין פון אַ „טעאָקראַטישער שטאַט". דאָס איז פאַלש. משה׳ס מיין איז, אַ שטאַט פון גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, ווייל דער „כהן" אין יענער צייט איז געווען דער גייסטיקער פירער). דאָס זעט מען צום בעסטן אין דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אין „במדבר" (י״א, כ״ט). ווען מען איז געקומען זאָגן משה׳ן, אַז אלדד און מידד זאָגן נביאות אין דער מחנה, און דער זאָגער האָט פאַרלאַנגט פון משה׳ן, אַז מ׳זאָל זיי פאַרשפּאַרן, איז משה׳ס ענטפער געווען: „ומי יתן כל עם ה׳ נביאים, כי יתן את רוחו עליהם" — הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זיין נביאים, און גאָט זאָל מאַכן רוען זיין גייסט איבער זיי, אַז זיי זאָלן קאָנען זיין לערער און פירער פון דער מענטשהייט.

דערפאַר האָט משה געוואָלט, אַז די אידן זאָלן באַטראַכטן זייער גאָט ווי זייער קעניג, זייער מלך און דעריבער דאַרפן זיי ניט קיין מלך בשר ודם. אַזאַ פאָלק איז אַ גרופּירונג פון מענטשן מיט אַן אידעאַל — צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַן איין־איינציקן גאָט איבער דער וועלט, וואָס ס׳האָט געמיינט, קודם כל, דאָס אָפּשאַפן געצן־דינסט און דאָס איינפירן פון מאָנאָ־טעאיזם. דאָס דינען צו איין גאָט, איז דעמאָלט פאַר די ווילדע שבטים געווען דער ערשטער שריט אויפן וועג צו ציוויליזאַציע.

משה האָט ניט געוואָלט, אַז די אידן זאָלן האָבן אַ קעניג, אַ מלך. אָבער ווייסנדיק די מענטשלעכע שוואַכקייטן בכלל און יענער צייט בפרט, האָט ער פאָרגעזען, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען די אידן וועלן זיך ווינטשן צו זיין „ככל הגויים" און האָבן אַ קעניג. ער האָט דעריבער געשאַפן געזעצן צו באַגרעניצן די מאַכט פון קעניג, כדי אים ניט געבן קיין אַבסאָלוטע הער־שאַפט איבערן פאָלק.

און אַזאַ מאָמענט איז געקומען אין די טעג פון די שופטים, ווען דאָס פאָלק האָט געזאָגט צו שמואל׳ן, אַז זיי ווילן אַ קעניג. דער נביא איז געווען קעגן דעם און זיי געוואָרנט, אַז דאָס איז ניט דער ווילן פון גאָט. ער מאַכט זיי באַקאַנט מיט די שוועריקייטן, וואָס זיי וועלן האָבן, ווען זיי וועלן האָבן אַ קעניג און זאָגט זיי, אַז „איר וועט ווערן צו אים קנעכט און איר וועט שרייען צו גאָט אין יענעם טאָג וועגן אייער קעניג, וואָס איר האָט אויסגע־

קליבן, אָבער גאָט וועט אייך ניט ענטפערן" (שמואל א׳, ח׳), אָבער דאָס פאָלק טענה׳ט אַלץ: „ניין, מיר ווילן אַ קעניג. מיר ווילן זיין „ככל הגויים" (דאָרטן) און שמואל זאַלבט שאול׳ן פאַר אַ קעניג, און ווען דער נביא זאָגט צו גאָט, אַז די אידן האָבן אים פאַרוואָרפן, ענטפערט אים גאָט: „כי לא אותך מאסו כי אותי מאסו ממלוך עליהם" (זיי האָבן ניט דיך פאַרוואָרפן, נאָר מיך, אַז איך זאָל ניט זיין מער זייער קעניג).

אידן האָבן איצט געקראָגן אַ קעניג און עס הויבט זיך אָן די באַקאַנטע געשיכטע פון דעם קעניגטום, וואָס ווערט, נאָך שלמה׳ס טויט, געטיילט אויף צוויי טיילן, אויף „מלכות יהודה" און „מלכות ישראל". און די אידן ווערן צוויי פעלקער, יהודה און ישראל, מיט צוויי הויפּט־שטעט, ירושלים און שומרון, מיט דער גאַנצער שעדלעכער קעניגלעכער הויף־פּאָליטיק סיי אין יהודה און סיי אין ישראל. אָבער דורך דער גאַנצער צייט שטייען אויף ביי אידן נביאים אין ביידע מלוכות, וואָס שטראָפן די קעניגן פאַר דאָס שלעכטס, וואָס זיי טועך, און זאָגן נביאות וועגן די אידן און זייער לאַנד, און אין דער זעלביקער צייט זעען זיי אויך אַנדערע פעלקער, זיי שטראָפן אויך זיי און רופן זיי זיך צו באַזינען. זיי רעדן צו אַלע פעלקער פון יענער צייט: עמון, מואב, אדום, צור און אַנדערע, אָבער זיי רעדן אויך צו די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך זיי. זיי זאָגן נביאות וועגן אַ נייער וועלט, וואָס וועט אויסגעבויט ווערן — אַ וועלט וואָס וועט זיין אויפן יסוד פון „אַבסאָלוטער גערעכטיקייט".

אין די רייען פון די דאָזיקע נביאים זעען מיר, ווי געזאָגט, אַזעלכע וואָס זיינען מער נאַציאָנאַל, און אַנדערע וואָס זיינען פאַרקערט, מער אוניווער־סאַל. אָבער כמעט אַלע האָבן אָן אויג פאַר ביידן, סיי פאַר די אידן און סיי פאַר די ניט־אידן; סיי פאַר זייער לאַנד און סיי פאַר דער וועלט. אַלע נביאים, אָן אויסנאַם, האָבן אין זייערע זעאונגען געזען אויך די אויסער־לעכע וועלט. קיינער פון זיי איז ניט געווען אַזוי ענג־נאַציאָנאַל צו זען בלויז זיין פאָלק אַליין, אָן דער וועלט. ביי יעדן פון זיי געפינען מיר עפּעס, ווען נאָר אַפילו עטלעכע ווערטער, אויך פאַר די אַנדערע פעלקער. אַזוי רעדט דער נביא עמוס מיט צאָרן: „על שלשה פשעי מואב ועל ארבעה לא אשיבנו, על שרפו עצמות מלך אדום לשיד" (עמוס ב׳). דער נביא פון יהודה איז פאַראינטערעסירט אין דעם אכזריי׳שן אופן, ווי אַזוי דער מלך פון מואב האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן מלך פון אדום, דער מלך, וואָס איז געווען אייגנטלעך אַ בלוטיקער שונא פון אידישן פאָלק. אַ חוץ וואָס דאָס פאָלק מואב אַליין, איז אויך באַגאַנגען קעגן אידן גרויס אכזריות, דאָך זאָגט דער נביא „לבי למואב יזעק". דער נביא ישעיה רופט צו כורש מלך פּרס „למשיחי לכורש". אַזוי איז אויך דאָ אַ שליחות פון אידישן גאָט צו דער שטאָט נינוה, זי צו שטראָפן פאַר אירע זינד, וואָס ס׳ווערט אַזוי פּאָעטיש דערציילט אין „יונה".

דער שטאַרקסטער פּרעדיקער פון אוניווערסאַליזם איז טאַקע דער נביא

עמוס. ביי אים איז דער גאָט ה׳ ניט נאָר דער אידישער גאָט, נאָר דער גאָט פון אַלע פעלקער. אַ גאָט, וואָס אַלע פעלקער זיינען ביי אים גליך. דער נביא איז נאַציאָנאַל אויף אַזוי פיל, אַז ער נעמט אין באַטראַכט צוערשט די אידישע זינד און שטראָפט די אידן דערפאַר. אָבער ער האַלט ניט, אַז גאָט האָט אויסגעווילט די אידן פון אַלע פעלקער, כדי זיי צו געבן מער פריווי־לעגיעס. פאַרקערט, ער האָט זיי אויסגעווילט, כדי אַרויפלייגן אויף זיי מער פליכטן, כדי זיי זאָלן לערנען די וועלט. ער שטראָפט די וואָס באַרויבן אַנדערע, וואָס לאָזן פאַלן דעם אָרימאַן, אָבער ווען ס׳קומט צו רעדן וועגן אידן און ניט־אידן, זאָגט ער, אַז אַז זיי זיינען גליך פאַר גאָט: „הלוא כבני כושיים אתם לי בני ישראל״ (עמוס ט׳, ז׳ — אַזוי ווי די זין פון די כושיים, זענט איר ביי מיר בני ישראל, זאָגט גאָט). מיר געפינען אויך אין עמוס נביאות וועגן אדום, עמון, דמשק און אַנדערע.

די אוניווערסאַלע נביאות גייען אַזוי ווייט, ביז זיי דערגרייכן די שלום־אויטאָפּיע, וואָס דער נביא ישעיה שילדערט שפּעטער אַזוי מייסטעריש, וועגן די טעג, ווען ס׳וועט הערשן אין דער וועלט אַבסאָלוטע גערעכטיקייט — „וגר זאב עם כבש״, אַ וואָלף וועט וואוינען מיט אַ שעפּס א. א. וו. דאָס איז געווען דער ענד־ציל פון אַלע נביאים, וואָס האָבן געזען דאָס גליק פון דער וועלט אינאיינעם מיט זייער אייגן פאָלק. זיי זיינען דעריבער ניט געווען איינגעשלאָסן בלויז אין ד׳ אמות פון נאַציאָנאַליזם, ניין, זיי האָבן געהאַט אַ גרעסערע וועלט־פּערספּעקטיוו, אַ ווייטערן קאָסמאָפּאָליטישן אויסבליק.

אין דעם פּרט איז גערעכט דר. יוסף קלויזנער, ווען ער זאָגט אין זיין בוך „הנביאים״ (ירושלים, 1954), אַז „אידישקייט האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין קיין איינער פון די וועלט־רעליגיעס, ווייל ניט דער בודאַאיזם, ניט דאָס קריסטנטום און ניט דער איסלאַם, האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע גייסטיקע ריזן, וואָס האָבן גערעדט צו אַ גאַנצער וועלט, ווי דאָס אידישע פאָלק. אָבער ניט נאָר בנוגע רעליגיעס, נאָר בכלל אַלס פאָלק האָבן אידן ניט זייער גלייכן. האָבן דען די גריכן אַרויסגעגעבן אַזאַ ריז ווי ישעיה אָדער ירמיה, אָדער עמוס, אָדער זכריה? ניט סאָקראַטעס, ניט פּלאַטאָ, ניט אַריסטאָטעל און אַלע אַנדערע, האָבן געהאַט אַזאַ וועלט־פאַרנעם און אַוודאי דאַרף מען ניט זוכן זייערס גלייכן צווישן די רוימישע הערשער און פילאָזאָפן, ווען אַפילו איינער אָדער אַ צווייטער פון זיי האָט זיך געשפּילט מיט פילאָזאָפישע באַגריפן און גערעדט הויכע רייד״...

אָט די דאָזיקע טענדענץ פון נאַציאָנאַליזם באַנאַנד מיט אוניווערסאַליזם געפינען מיר אויך שפּעטער ביי אַ סך פון די פאָרשטייער פון די חכמי התלמוד. אויך ביי זיי געפינען מיר דעם זעלביקן קאָסמאָפּאָליטישן גייסט, וואָס גייט געאָרעמט מיט אידיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. דאָס איז ביי אידן געוואָרן אַזאַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַזוי ווייט, אַז מען האָט דאָס אַפילו אַריינגעשטעלט אין דאַוונען. אין די תפילות פון ראש השנה, ווען

דער איד קומט אין שול אַריין זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר, ווען ער בעט צו גאָט, אַז ער זאָל אַריינגעשריבן ווערן אין „ספר החיים", און פאַרשריבן ווערן צו געזונט און פּרנסה, און אַז גאָט זאָל זיך אומקערן צו „ציון ברחמים", בעט דער איד אויך — און דער עיקר — אַז „אַלע פעלקער זאָלן מאַכן איין בונד צו דינען דיך און עס זאָל אָפּגעמעקט ווערן דאָס שלעכטס פון דער וועלט". איינס גייט אינאיינעם מיטן צווייטן און ביידע זיינען ניט־צעטיילעוודיק.

מיר וועלן דעריבער מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער די אַפּאָקריפן, תלמוד און די מדרשים, ווי אויך איבער די ווערק פון די בעלי קבלה צו זען, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם גאַנג פון די דאָזיקע צוויי טענדענצן.

* * *

די צוויי טענדענצן, די נאַציאָנאַלע און די אוניווערסאַלע, וואָס מיר טרעפן אָן אין די ביבלישע שריפטן, זעען מיר אויך אין די שאַפונגען פון דער נאָך־ביבלישער עפּאָכע, וואָס ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען „אַפּאָק־ריפן" (אָדער „ספרים חיצונים"). אָבער אין די „אַפּאָקריפן" האָט שוין די אוניווערסאַלע אידייע גענומען די אויבערהאַנט. באַזונדערס אין יענעם טייל אידן, וואָס ווערט באַצייכנט ווי „אַפּאָקאַליפּטישע ליטעראַטור", ווי, למשל, אין די „סיבילן" און די אַנדערע פאַרשיידענע „זעאונגען". נאָך מער, די אוניווערסאַלע אידייע האָט דאָרטן שוין אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרם. עס ווערט שוין געשאַפן אַ מאָדוס ווי אַזוי דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק זאָל סוף כל סוף זיגן אין דער וועלט. אָט דער מאָדוס איז אַ לעגענדאַריש־פאַנטאַסטישער, אָבער ער גיט דאָך עפּעס אַ בילד און עס זיינען ניט סתם הוילע רייד, ווי פריער. די אַפּאָקאַליפּטישע „זעערס" זעען פאַראויס אַ טאָג, ווען גאָט וועט הערשן איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע וועלן צו אים דינען, אָן אונטערשייד פון שטאַם און פאַרב. די איצטיקע „רשעות'דיקע צייט", וואָס ווערט באַהערשט פון שטן, וועט פאַרשווינדן. עס וועלן דערנאָך קומען די „טעג פון משיח". עס וועלן זיין גרויסע צרות אויף דער וועלט, ווייל עס וועט פאָרקומען אַ שטאַרקער קאַמף פון שטן קעגן די, וואָס ווילן ברענגען גערעכטיקייט אויף דער ערד. דאָס וועלן זיין „טעג פון גרויסע ליידן", בלוט וועט זיך גיסן אומעטום און אַ סך מענטשן וועלן אומקומען, און אויך די וואָס וועלן בלייבן לעבן, וועלן ליידן גרויסע יסורים אין די דאָזיקע טעג. דאָס וועלן זיין די „חבלי משיח". אָבער דערנאָך וועלן קומען אַנדערע טעג, טעג פון גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט. עס וועט קומען אַ טאָג פון משפּט, ווען אַלע געליטענע וועלן פאַרגיטיקט ווערן, און אַלע „שלעכטס־טוער" וועלן פאַראורטיילט ווערן, און דערנאָך וועט קומען דער טאָג פון „מלכות שמים". אַלע שילדערונגען וועגן יענעם גרויסן טאָג, ווערן באַשריבן ביי די אַפּאָקריפן־שרייבער אין ליכטיקע פאַרבן. אַ גרויסער טייל פון זיי, זעט די ליכטיקע טעג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און נאָר אַ קלענערער טייל — בלויז פאַר די קינדער פון ישראל.

די זעלביקע האַרמאָניע פוןביידע אידייען געפינען מיר אויך אין דער משנה און שפּעטער אין דער גמרא, סיי אין בבל׳שער און סיי אין דער ירושלמי׳ער און אויך אין אַלע שפּעטערדיקע מדרשים. אַזוי ווי אַט די שאַפונגען האָבן זיך געצויגן איבער אַ לאַנגער קייט פון דורות אין פאַרשיידענע לענדער, ווערן זיי דעריבער אונטערגעוואָרפן דעם גייסט פון צייט און סביבה, שוין אָפּגערעדט פון דעם טעמפּעראַמענט, געמיט־צושטאַנד און, דער עיקר, דעם אויסבליק פון דעם יחיד, אָדער פון דער גרופּע, וואָס האָט עס געזאָגט, אַזוי אַז ביידע טענדענצן גייען ווייטער אינאיינעם האַנט ביי האַנט.

מיר ווילן דאָ ברענגען נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי ווי אַ מוסטער.

קודם כל קומט גאָר באַזונדערס אין באַטראַכט די זעלטענע דעקלאַראַציע פון מענטשן־ליבע פונעם גרויסן תנא ר׳ עקיבא. אַט דער תנא, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע גייסטער אין אידישן לעבן אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש; דער, וואָס איז געווען ניט נאָר לערער און פירער, נאָר אויך קעמפער אין בר כוכבא׳ס אויפשטאַנד, האָט אַוועקגעשטעלט אַט־דעם פּרינציפּ פון ליבע צו מענטשן בכלל, אָן אונטערשייד ווער ער איז. זיינע גאָלדענע ווערטער זיינען: „חביב אדם שנברא בצלם, חיבה יתירה נודעת לו שנברא בצלם אלקים שנאמר כי בצלם אלקים עשה את האדם״ (אבות פרק ג׳, י״ז) — דער מענטש איז באַליבט, ווייל ער איז געשאַפן געוואָרן אין אַ געשטאַלט (ער מיינט דאָס, וואָס ער איז אַנדערש פון אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט, דערמיט וואָס ער שטייט אויף זיינע פיס און קריכט ניט אויף אַלע פיר). נאָך מער באַליבט איז ער דערפאַר, וואָס ער איז געשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט (דאָס מיינט דאָס, וואָס דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די קראַפט פון שכל און געפילן). אַט־די הומאַניסטישע דעקלאַראַציע געהערט צו די געציילטע זאָגונגען פון די גרויסע גייסטער אין דער וועלט.

אָבער ר׳ עקיבא איז ניט געווען דער איינציקער. ענלעך צו די ווערטער פון ר׳ עקיבא, זיינען די רייד פון זיינעם אַ מיטציייטלער, בן־עזאי, וועלכער זאָגט: „אל תהי בז לכל אדם... שאין לך אדם שאין לו שעה״ (אבות פרק ד׳, ג׳) — זאָלסט ניט גרינגשעצן קיין שום מענטשן, מחמת ס׳איז ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל ניט האָבן זיין צייט.

אָדער נעמט די שטעלע פון די חכמי יבנה: „איך בין אַ געשאַף פון גאָט און מיין שכן איז אויך זיין שאַפונג. מיין אַרבעט איז אין דער שטאָט און זיין אַרבעט איז אין פעלד. איך שטיי אויף פרי צו מיין אַרבעט, און ער שטייט אויף פרי צו זיין אַרבעט. אַזוי ווי ער קאָן ניט אויפטאָן פיל אין מיין אַרבעט, אַזוי קאָן איך ניט אויפטאָן פיל אין זיין אַרבעט, אָדער אפשר וועסטו זאָגן: ׳איך טו גרויסע זאַכן און ער טוט קליינע זאַכן׳ — מיר האָבן געלערנט, אַז עס מאַכט ניט אויס צי איינער טוט אַ סך אָדער ווייניק. דער עיקר איז, אַז ער זאָל האָבן גאָט אין האַרצן״.

אָן אַנדער דערקלערונג פון דעם סאָרט זיינען די רייד פון ר׳ מתיה בן

חרש: „הוי מקדים בשלום כל אדם" — „באַגריס יעדן מענטשן, נאָך איידער ער באַגריסט דיך" (אָבות ד', כ').

ר' מאיר, דער גרויסער גייסט פון יענער גרויסער עפּאָכע און אַ תלמיד פון ר' עקיבא, דריקט עס אויס אין אַ גאַר קורצן טערמין: „אהוב את הבריות" — דו זאָלסט ליב האָבן די מענטשהייט. אַ צווייטע דערקלערונג פון ר' מאיר איז: „מנין שאפילו גוי ועוסק בתורה שהוא ככהן גדול, ת"ל אשר יעשה אותם האדם וחי בהם, כהנים לויים וישראלים לא נאמר אלא אדם" (בבא קמא ל"ח) — פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַפילו אַ גוי וואָס לערנט תורה, איז אַזוי ווי דער כהן־גדול? עס שטייט געשריבן „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם". עס שטייט ניט „כהנים לויים און ישראלים", עס שטייט „אדם" א. אַ. וו.

אָדער נעמט די הערלעכע שטעלע אין תלמוד, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז ווען משה רבינו האָט געזונגען „אָז ישיר", נאָכדעם ווי די אידן זיינען אַריבער דעם ים סוף און די מצריים זיינען דערטרונקען געוואָרן, איז גאָט געוועזן אין כעס אויף אים און געזאָגט: „מיין שאַפונג טרינקט זיך אין ים, און איר זינגט גאַר שירה?" (מגילה ז').

אַזעלכע שטעלן זיינען דאָ אין תלמוד אין די הונדערטער. צו ברענגען אַלע, איז ניט מעגלעך. אָבער שוין דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ פּאַר אונז, איז גענוג כדי פעסטצושטעלן, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער גייסט, וואָס איז געווען אַ טייל פון אידישן מהות אין דער צייט פון די נביאים און אין דער ביבלישער עפּאָכע, האָט אים ניט פאַרלאָזן אויך אין די שפּעטערדיקע טעג און בייזאַנד מיט נאַציאָנאַלע לאָזונגען, גייען אויך ווי אַ געטריי פּאָרל די אוניווערסאַלע מאָטיוון. זיי גייען אַלע מאָל געאַרעמט ווי אַ חתן מיט אַ כלה.

אויף וויפיל מיר האָבן געזען ביז איצט, איז דאָס אַלץ אין דער טעאָריע. דאָס וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט באַשטייט אַלץ פון מיינונגען און אויסדרוקן. ווי אַזוי אָבער איז פּאַקטיש געוועזן די באַציאונג צו דעם אַלעם אין לעבן? מיט אַנדערע ווערטער, ווי אַזוי האָבן זיך ביידע טענדענצן אויסגעדריקט און געפונען זייער אָרט אין ממשות'דיקן לעבן פון די אידן אין אַלע צייטן? — וועגן דעם וועלן מיר באַלד זען.

* * *

דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק, וואָס האָט צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַלע טענדענצן באַהערשט דאָס אידישע פּאָלק זינט דעם אָנהויב פון זיין עקזיס־טענץ, האָט ניט געקאָנט בלייבן בלויז אין שריפט און האָט דעריבער געזוכט אַן אויסוועג אויך צו מעשים. דאָס האָבן געוויסע טיילן פון אידישן פאָלק דערגרייכט, אָפט צום שאָדן פון די אידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, מחמת דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק האָט געמוזט פירן צו אַסימילאַציע. קאָסמאָ־פּאָליטיזם האָט אין זיך — צי מיר ווילן יאָ, אָדער ניט — די יאָדרע פון אויסמישונג מיט אַנדערע, ווייל דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער עצם פון דער

גאַנצער אידייע. קאָסמאָפּאָליטיזם מיינט: שאַפן איין גאַנצקייט און ממילא דאָס אויפלעזן פון קליינע טיילן אין גאַנצן גרויסן. מיט אַנדערע ווערטער: אַסימילאַציע. עס וועט דעריבער קיין וואונדער ניט זיין, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דער געדאַנק פון אַסימילאַציע האָט ווי אַ רויטער פאָדעם, באַגלייט דאָס אידישע פאָלק אין אַלע פעריאָדן פון זיין געשיכטע און זיך אויסגעדריקט אַלע מאָל אין אַ שטרעבונג זיך אויסצומישן אין דער מערהייט פון די אַרו־מיקע פעלקער.

אין די ביבלישע צייטן פון די שופטים און די מלכים איז די שטרעבונג געווען צו געצן־דינסט און גרויסע קאַמפן האָבן דעמאָלט געמוזט פירן די דינער פון גאָט, כדי אָפּצורייסן די אידן פונעם געצן־קולט און פון די געצן־דינער. אין „שופטים" באַהאַלט דאָס ניט פאַר אונז דער שרייבער. ער דערציילט אויספירלעך ווי אַזוי די אידן האָבן „גענומען די טעכטער פון די געצן־דינער פאַר ווייבער און געדינט צו די געצן" (שופטים ג׳, ו׳). אַפילו שפּעטער, שוין אין דער עפּאָכע פון די מלכים, האָט איינער פון די בעסטע דינער פון גאָט, שלמה, דער זון פון דוד המלך, חתונה געהאָט מיט פרעה׳ס טאָכטער און „די פרויען האָבן אָפּגענייגט זיין האַרץ נאָך די פרעמדע געטער" (מלכים י״א, ד׳).

אין דער גאַנצער צייט פון ערשטן בית המקדש האָט דער אַסימילאַציע־געדאַנק שטאַרק באַהערשט די אידישע וועלט, וועדליג דעם גייסט פון יענער צייט, צו דינען צו די געצן. בלויז דאָ און דאָרטן איז אויפגעשטאַנען אַ קעניג, אין מלכות יהודה אָדער אין מלכות ישראל, וואָס האָט צעבראָכן די אָפּגעטער און זיך אומגעקערט צום דינסט פון גאָט, צום גלויבן אין איין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד. ווי שטאַרק ס׳איז געווען דער יצר־הרע צו געצן־אַסימילאַציע, איז צו זען פון דעם, וואָס ס׳ווערט דערציילט אין תלמוד, אַז דער קעניג מנשה איז געקומען צו רב אשי׳ן אין חלום און רב אשי האָט אים געפרעגט: „דו, וואָס דו ביסט קלוג געווען, איז ווי קומט עס, וואָס דו האָסט געדינט צו דער עבודה זרה?" דערויף האָט אים מנשה געענטפערט: „ווען דו וואָלסט געלעבט אין מיין צייט, וואָלסטו אויך פאַר־קאָטשעט די עקן פון דיין מלבוש, כדי צו קאָנען וואָס גיכער לויפן נאָך זיי" (סנהדרין ק״ב ע״ב). אַזוי שטאַרק איז געווען דער דראַנג צו דער אַסי־מילאַציע פון געצן־דינסט אין יענער צייט.

מען קאָן דעריבער זאָגן, מיט פולשטענדיקער זיכערקייט, אַז דער אַסימי־לאַציע־געדאַנק איז ביז צו דער צייט פון נאָכן ערשטן בית המקדש געווען אין פולער קראַפט ביים גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק. גאַנצע שבטים האָבן זיך אויסגעמישט צווישן די געצן־דינערישע פעלקער און זיינען, אַזוי אַרום, פאַר אונז פאַרלוירן געגאַנגען. פון די דאָזיקע שבטים איז אפרים געווען דער ערשטער שבט, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אידישן גאָט, ווי עס זאָגט דער נביא הושע: „אפרים בעמים יתבולל" (הושע ז׳, ח׳)

— אפרים האָט זיך אויסגעמישט צווישן די פעלקער. דאָס זעלביקע איז, נאָך דעם חורבן פון ערשטן בית המקדש, אויך געווען דער גורל פון די איבעריקע ניין שבטים פון מלכות ישראל. דעריבער, ווען די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, צו לעבן צווישן די אַנדערע געצן־דינערישע פעלקער, איז עס פאַר זיי ניט געווען אַזאַ טראַגעדיע, ווייל זיי זיינען געווען געצן־דינער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן צווישן געצן־דינער. אויך האָבן זיי זייער אייגן מלכות, דאָס מלכות ישראל, ניט צופיל ליב געהאַט, מחמת דער גרויסער צאָל בלוט־פאַרגיסונגען, אומערלעכקייט און פאַרדאָרבנ־קייט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט אין די טעג פון די מלכים פון ישראל. עס איז דעריבער אויך גאַנץ מעגלעך, אַז די צען שבטים זיינען באמת גאָרניט אויף אַזוי פיל פאַרטריבן געוואָרן, ווי, אפשר, גאָר אַליין אַוועק פון לאַנד, מיטן גוטן ווילן, צו גיין אין דער פרעמדע, וואָס איז זיי געווען נענטער צום האַרצן ווי דאָס אייגענע לאַנד. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס דער תנא ר׳ עקיבא האָט זיך אַזוי שאַרף אַרויסגעזאָגט וועגן די צען שבטים, אַז זיי זיינען פאַרן אידישן פאָלק פאַרלוירן געגאַנגען אויף אייביק. זיי האָבן זיך אינגאַנצן אַסימילירט מיט די געצן־דינער און זיך אויסגעמישט צווישן זיי. דאָס איז זיין באַוואוסטע דערקלערונג: „עשרת השבטים אינן עתידין לחזור״ (סנהדרין ק״א) — די צען שבטים וועלן זיך ניט אומקערן און מען דאַרף ניט מער טראַכטן וועגן זיי.

* * *

ווי אַזוי האָט זיך ווייטער געצויגן דער רויטער פאָדעם פון אַסימילאַציע, וואָס באַגלייט דאָס אידישע פאָלק?

עזרא און נחמיה, וואָס זיינען געווען פון אונזערע נאַציאָנאַלע באַנייער ביים אָנהויב פון צווייטן בית המקדש, האָבן געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע אַרבעט. אָט ווי עס ווערט דערציילט אין ספר עזרא: „דאָס פאָלק ישראל, און די כהנים און לויים, האָבן זיך ניט געהאַלטן אָפּגעשיידט פון די פעלקער פון די לענדער... וואָרים זיי האָבן גענומען פון זייערע טעכטער פאַר זיך און פאַר זייערע זין, און דער הייליקער זאָמען האָט זיך פאַרמישט מיט די פעלקער פון די לענדער...״ (עזרא ט׳, א־ב). בלויז אין די שבטים יהודה און בנימין איז די לאַגע געווען אַביסל בעסער. דער נביא יחזקאל, וואָס האָט געלעבט אין יענער עפּאָכע, שילדערט אונז אַ בילד פון יענער צייט אין זיין פּראָפעט־טישער זעאונג פון די „עצמות היבשות״, די אויסגעטריקנטע ביינער וואָס שטייען צוריק אויף צום לעבן, און דער נביא זאָגט אין נאָמען פון גאָט: „און וואָס אייך קומט אויפן זינען וועט קיינמאָל ניט זיין. וואָס איר זאָגט: מיר וועלן זיין אַזוי ווי די אומות, אַזוי ווי די משפחות פון די לענדער, צו דינען האָלץ און שטיין. אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער האַר, אויב ניט מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און מיט אויסגע־גאָסענעם גרימצאָרן, וועל איך קיניגן אויף אייך!״ (יחזקאל כ׳, ל״ב־ל״ג).

און די גמרא זאָגט, אַז „ווען עס איז פאַרגעסן געוואָרן די תורה ביי אידן, האָט עזרא זי באַנייט" (סוכה כ׳).

אָבער די עפּאָכע פון צווייטן בית המקדש, איז באמת אַן אויסנאַם, איינע פון די גרויסע וואונדער, וואָס מיר זעען כסדר אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק. נאָך אַזוי פיל דורות פון געצן־דינסט, נאָך הונדערטער יאָרן פון עובדי עבודה זרה, איז פּלוצים אויפגעקומען אַזאַ גרויסער דור, ווי דער פון די תנאים און שפּעטער די אמוראים, די שאַפער און באַגרינדער פון אידישקייט. עס איז געווען אַן עפּאָכע, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין די שפּעטערדיקע דורות. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען עס האָבן געלעבט און געווירקט אַזעלכע ריזן, ווי הלל און שמאי, ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ עקיבא און ר׳ מאיר, ר׳ יהודה הנשיא און נאָך און נאָך פון די גרעסטע גייס־טיקע פירער ביי אידן. עס איז באמת שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז די אייניקלעך און קינדער פון די וואָס האָבן זיך ערשט נעכטן געבוקט צו אַן אָפּגאָט פון שטיין און האָלץ, זאָלן שטייגן אַזוי הויך, צו שאַפן אַזעלכע גרויסע עטישע ווערטן, וואָס אויף זיי איז אייגנטלעך אויס־געבויט אונזער גאַנצע היינטיקע ציוויליזאַציע. מען טאָר אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן, אַז דער גאַנצער אונטערשייד צווישן דער צייט פון ערשטן בית המקדש און דעם צווייטן, איז געווען די צייט פון גלות בבל, וואָס האָט געדויערט, לויט דער אידישער טראַדיציע, בסך הכל 70 יאָר און לויט וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג — ניט מער ווי 52 יאָר.

אָבער מען דאַרף אויך אין דער נייער עפּאָכע ניט לאַנג זוכן כדי צו געפינען דעם רויטן פאָדעם פון אַסימילאַציע. ער ליגט אויבן אויף, בולט פאַר אונזערע אויגן. מיר האָבן אין זינען די טעטיקייט פון דער העלע־ניסטן־גרופּע, וואָס האָט אין יענער צייט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע.

יאָ, פונקט אַזוי, ווי עס איז געווען אַן אינערלעכע שטרעבונג צו געצן־דינסט, אין די טעג פון ערשטן בית המקדש, אַ שטרעבונג ביז „צו פאַר־קאַטשען די פּאָלעס און לויפן נאָך זיי" (ווי דער קעניג מנשה האָט זיך בילדלעך אויסגעדריקט, לויט דער תלמוד־לעגענדע) — אַזוי איז אויך אין דער נייער עפּאָכע געווען אַ שטרעבונג, וואָס דער אַסימילאַטאָרישער געדאַנק האָט אַרויסגעשטעלט אין פראָנט, נאָכצוטאָן די קינדער פון גריכנלאַנד און צו גיין אין זייערע וועגן.

* * *

דער אָנהויב איז געווען אין אַלעקסאַנדריע, וואו שמעון (יאַזון) מיט זיין גרופּע העלעניסטן האָבן געוויזן דעם וועג נאָכצופאָלגן די גריכישע וועגן אין ספּאָרט, אין קולט פאַר אויסערלעכער שיינקייט און פילאָזאָפישע געדאַנקען וועגן געטלעכקייט, וואָס זיינען געווען פרעמד דעם אידישן גייסט. דאָרטן האָט אויך געווירקט דער אידישער פילאָזאָף פילאָן, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דער פרעמד און איז געווען ווייט פון אידישן מקור. די העלע־

ניסטן האָבן אַריבערגעטראָגן זייערע געדאַנקען אויך קיין ארץ ישראל און עס איז דאָרטן אויפגעקומען אַ העלעניסטישע גרופּע, וואָס אין איר תוך האָט זי געפּרעדיקט אַסימילאַציע. אָבער זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה, ווייל זי האָט זיך אַלעמאָל אָנגעלענט אויף די הערשנדיקע כוחות. אין יענער עפּאָכע זעען מיר אַ סאָרט אַסימילאַציע, וואָס איז ניט גלייך צו דער פריער־דיקער. איצט האָט עס געהייסן, איז עס ניט אַ געדאַנק צו גיין אַ שטאָפּל נידעריקער, ווי ביי געצן־דינסט, נאָר פאַרקערט, אַ שטאָפּל העכער. ניט אויסצומישן זיך צווישן די דינער פון אָפּגעטער און טאָן אַזוי ווי זיי, נאָר אויפצוהויבן זיך און פאַרשענערן דאָס לעבן דורך אַריינברענגען דאָס שיינע פון גריכנלאַנד.

אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן אויסרייד, און אויב מען עפנט נאָר אַ טיר פאַר אַסימילאַציע, איז שוין ניטאָ קיין אָפּשטעל. מען קאָן מער ניט זאָגן, אַז ביז אַהער איז גוט און ווייטער ניט, און אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די אַסימילאַציע האָט אין יענער צייט אָנגעטאָן פיל צרות דעם אידישן פאָלק. די תורה איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ זייט און דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס מען האָט איבערגענומען פון די גריכן. דאָס האָט אויך געפירט צו אַ קאַמף קעגן די תנאים און פרושים, וואָס אין אים האָבן אַ סך פון ביידע צדדים פאַרלוירן ניט נאָר זייער השפּעה, נאָר אויך זייער לעבן.

אָבער ביי דער גאַנצער מי מצד די העלעניסטן און ביי זייער גאַנצן שטיצן זיך אויף די רעגירנדיקע כוחות, איז דער העלעניזם פאַרט געבליבן אין לאַנד ניט מער ווי אַ פרעמדע זאַך, אין דער גאַנצער צייט פון צווייטן בית המקדש. עס איז געווען אַ באַגרענעצטע שטרעבונג פון אַ קלענער גרופּע, וואָס דאָס פאָלק האָט צו איר געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציאונג. די גרויסקייט פון די תנאים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי, די גייסטיקע פירער פון די אידן, האָבן די גרופּע ניט אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל און ניט געשטעלט אויסערן אידישן פאָלק. די תנאים האָבן די העלעניסטן געלאָזט אָנגיין מיט זייער אַגיטאַציע פאַר די שיינע מנהגים און זיטן פון גריכנלאַנד. אָבער עס איז געווען אַן אַגיטאַציע, וואָס האָט געהאַט ווייניק דערפאָלג.

* * *

אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער אידישער געשיכטע, זעען מיר ווי דער רויטער פאָדעם פון אַסימילאַציע באַגלייט כסדר דאָס אידישע פאָלק אין אַלע עפּאָכן און אין אַלע לענדער.

אין מיטל־אַלטער זיינען די אידן געווען אָפּגעזונדערט מיט „געטאָס" פון דער קריסטלעכער וועלט. די גרויסע מויערן אַרום דעם אידישן וואוינ־טייל האָט זיי אָפּגעטיילט ניט בלויז פונעם לעבן און אויפפירונגען פון די גויים, נאָר אויך פון אַלע זייערע געדאַנקען־גענג. במשך הונדערטער יאָרן איז געווען אַ גרויסע מחיצה צווישן איד און גוי, און אין יענער צייט איז דער רויטער פאָדעם פון אַסימילאַציע כמעט ניט געווען קענטיק. עס האָט קיין

שום אַסימילאַציע ניט געקאָנט זיין, ווייל מען האָט דעם אידן באַלד ניט אַרויסגעלאָזט פון זיין ווינקל. ער האָט לכתחילה ניט געקאָנט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער ניט־אידישער וועלט. ער איז געווען אָפּגעשלאָסן און אָפּגעזונדערט פון ניט־אידן.

ערשט ווען מען האָט אָפּגעשאַפט די געטאָס און מען האָט געגעבן די אידן גלייכבאַרעכטיקונג, צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן באַוויזן דער רויטער פאָדעם. צוערשט אין בערלין און אין דייטשלאַנד בכלל, וואו עס זיינען אויפגעקומען די ערשטע גרופּן, וואָס האָבן אָפן געפּרעדיקט אַסימילאַציע, ביז צו דער רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָט דעם אַסימילאַציע־געדאַנק געשטאַרקט; די צייט, ווען געוויסע „ראַבינער" האָבן פאַרלאַנגט אינגאַנצן אָפּצושאַפן די עיקר סימנים פון אידישן פאָלק, ווי ברית מילה, דאָס אָפּהיטן שבת און דעם פאַרבאָט חתונה צו האָבן מיט אַ ניט־אידן. די ערשטע רעפאָרמער, ווי האָלדהיים און גייגער, האָבן אין יאָר 1844 אַרויסגעגעבן דעם היתר צו הייראַטן מיט ניט־אידן. נאָך זיי זיינען געקומען די אַנדערע רעפאָרמער, וואָס האָבן אויף אַ קאָנפערענץ אין דער שטאָט אויגסבורג (1871) אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אַ ניט־געמל'טער איד איז אויך אַ איד. און דערנאָך די לעצטע רעפאָרמער, וואָס האָבן איינגעפירט צו האָבן גאָטעס־דינסט פון שבת — זונטיק און בכלל אָפּצוהיטן זונטיק אַנשטאָט שבת. די רעפאָרם־באַוועגונג האָט זינט דעמאָלט, אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צייטן, געביטן אירע פאָרמען און געזעצן, אָבער דער געדאַנק פון אַסימילאַציע גייט איר שטענדיק נאָך.

מיר זעען אויך איצט אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אויסער ביי די רעפאָרמער, אויף יעדן געביט פון לעבן, פאָרמען פון אַסימילאַציע. דאָס דריקט זיך אויס אין אַלטן ווילן צוצופּאַסן זיך צו דער אַרומיקער וועלט, צו געהערן צו דער מערהייט און ניט באַטאָנען באַזונדערס דאָס געהערן צו אַ מינדערהייט. דער אַסימילאַציע־פּראָצעס גייט אָן כסדר, אומעטום וואו אידן זיינען אין די פרעמדע לענדער.

אָבער די אַסימילאַציע־טענדענצן וואָס זיינען, אין תוך גענומען, דער אונטערשלאַק פון קאָסמאָפּאָליטישן געדאַנק, זיינען ניט אַלעמאָל אַ שטרעבונג צו שטייגן העכער איבער די נאַציאָנאַלע פאַרלאַנגען, נאָר אַזוי ווי אין די געצן־דינערישע צייטן, אַ שטרעבונג אַמאָל צו גיין אַראָפּ און אַראָפּ. עס זיינען דאָ צוויי פאָרמען: אַ העכערער ווילן צו אַ קאָסמאָפּאָליטישער וועלט, וואו אַלע מענטשן וועלן זיך פאַרברידערן, כדי צו שאַפן אַ האַרמאָניע פון העכערן גייסט. דאָס איז דער העכערער קאָסמאָפּאָליטיזם. אָבער עס איז אויך דאָ אַ שטרעבונג אַראָפּצולאָזן זיך צו די גראָבע תאוות און אומווירדיקע פאַרלאַנגען פון חומר. דאָס איז אַן אַסימילאַציע מיטן נידעריקן און ניט קיין שטרעבונג צו העכערן.

מערקווירדיק איז אָבער דאָס, וואָס ביי אידן האָט מען פאַר אַסימילאַטאָ־

רישע טענדענצן קיינמאָל קיין מורא ניט געהאַט, אַפילו ווען עס זיינען אָפּגעפאַלן דורך דעם פיל פאַרדאַרטע בלעטער פון אידישן בוים. מען האָט גיכער געקוקט דערויף ווי אויף אַ נאַטירלעכער דערשיינונג. אַ שטייגער ווי אַז אַזוי מוז עס זיין, פונקט אַזוי ווי עס איז נאַטירלעך אַז עס פאַלן פון אַ בוים אַראָפּ פאַרדאַרטע בלעטער, אַפילו אין בעסטן בליען, אין דער צייט פון פרילינג. איין אמורא האָט דאָס דערקלערט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז „ישראל אין להם בטילה עולמית" (מנחות נ"ג) — דאָס אידישע פאָלק קאָן קיינמאָל ניט בטל ווערן. עס קאָנען און וועלן אַראָפּפאַלן אַזעלכע פאַר־דאַרטע בלעטער און אַפילו גאַנצע צווייגן, פון צייט צו צייט, אָבער צום בוים האָט עס ניט, דער שטאַם וועט בלייבן אויף זיין אָרט. „נצח ישראל לא ישקר" — די אייביקייט פון אידישן פאָלק וועט פון אים ניט אָפּגעטאָן ווערן...

2.

שכל און גלויבן ביי אידן און ניט־אידן

די אידישע רעליגיע האָט זיך אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון דורות צו זיין אַן אַבסאָלוט ריינע ראַציאָנאַליסטישע לערע. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל דער פונדאַמענט איז באַלד געווען אַזעלכער און עס איז אויך אָנגע־צייכנט געוואָרן, אַז דאָס זאָל זיין די טענדענץ. אידישקייט איז דעריבער ניט קיין אמונה, זי איז ניט קיין גלויבן, ווייל דער גאַנצער ענין פון גלויבן איז פרעמד דעם אידישן גייסט. אונזערס איז: „תורה" („כי תורה נתן לנו משה"). עס איז אַ לערע און ניט קיין גלויבן.

אין אָט דעם איינציקן וואָרט „תורה" ליגט דער גאַנצער אונטערשייד צווישן די אידישע און אַנדערע רעליגיעס און איבערהויפּט די קריסטלעכע, וואָרים אַפילו דאָס וואָרט „רעליגיע" פּאַסט זיך ניט פאַר אונזער לעבנס־אויפפאַסונג, ווייל „רעליגיע" מיינט אַ דינסט דורך גלויבן און געפילן, אָבער מיט אָט די צוויי באַגריפן האָט אידישקייט גאָרניט צו טאָן. די אידישע לערע ווייסט ניט פון קיין דאָגמעס, וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פון גלויבן. אונזערע הייליקע ווערק הייסן „מקרא", „משנה", „תלמוד", וואָס עס מיינט: לערנען; און אַזוי אויך הייסן אונזערע פירער — „תנאים", „אמוראים", „רבנן" — וואָס עס מיינט: לערער, זאָגער און גייסטיקע פירער.

מען קאָן ניט אָפּלייקענען, אַז אין סאַמע אָנהויב פון אונזער זיין, איז אין אונזער תורה אויך געווען אַ געוויסע צאָל פון אַזעלכע דאָגמעס. עס זיינען געווען אַזעלכע געבאָטן, וואָס זיינען געווען ניט על פי שכל, נאָר מען האָט אונז געזאָגט, אַז מען מוז זיי אָפּהיטן, ווייל אַזוי האָט מען געהייסן און מען האָט ניט קיין רעכט צו פרעגן קשיות. יאָ, מיט דער גאַנצער העכערער

חכמה פון גרויסן מייסטער פון אידישן פאָלק, משה רבינו, אויסצובויען פאַר אונז אַ „תורת חיים״ בלויז אויפן גרונד פון שכל און פאַרשטאַנד, האָבן זיך דאָך אַריינגעכאַפּט אין דער תורה, באַוואוסטזיניק אָדער ניט, אַ געוויסע צאָל פון דאָגמעס. מיט דער צייט אָבער זיינען די דאָגמעס פאַרשוואונדן. אין פאַרלויף פון דורות האָבן אונזערע גרויסע חכמים געריינִיקט דאָס אידנטום פון אַלע אַזעלכע ווילדע גראָזן, פון גלויבן, אַבערגלויבן, דאָגמעס און געזעצן, וואָס האָבן צו טאָן מיט עמאָציעס, ביז עס איז אַנטשטאַנען אַ געלייטערטע, געשליפענע און געריינִיקטע לערע, וואָס האָט ניט אירס גלייכן צווישן אַלע אַנדערע „לערעס״ פון די פעלקער. הויפּטזעכלעך, ווען מען שטעלט אַוועק איינע קעגנאיבער דער אַנדערער, אידנטום קעגנאיבער קריסטנטום.

ווארים קריסטנטום איז פּונקט דער היפוך פון אונזער לערע פון שכל און פאַרשטאַנד אין אַלץ וואָס מיר טוען. קריסטנטום איז געבויט אינגאַנצן אויף גלויבן און אויף עמאָציעס און דעריבער אויך אויף דאָגמעס, זאַכן פון וואָס דאָס אידנטום וויל ניט וויסן.

אידנטום מיינט פאַרשטאַנד, און קריסטנטום מיינט גלויבן. צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָס זיינען באַזירט אויף די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון מענטש. דעריבער קאָנען זיי זיך קיינמאָל ניט צוזאַמענרעדן. זיי קאָנען קיינמאָל ניט זיך ריכטיק פאַרשטיין, ווייל זיי רעדן אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן: איינע רעדט אויף דער שפּראַך פון שכל און די אַנדערע אויף דער שפּראַך פון געפילן.

די תורה וויל פון אונז, אַז מיר זאָלן קודם כל פאַרשטיין און ערשט דערנאָך עס טאָן. „ודע את ה׳ אלוקיך״ — דו זאָלסט וויסן דיין גאָט, איז אונז אָנגעזאָגט געוואָרן. די קריסטלעכע רעליגיע, פאַרקערט, וויל, אַז מען זאָל פריער טאָן, און וועגן פאַרשטיין קימערט זי זיך ניט. דאָס איז פאַר איר ניט וויכטיק.

לאָמיר מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער די צוויי וועלט־איינשטעלונגען און זען, ווי נאָענט אָדער ווי ווייט זיי זיינען איינע פון דער אַנדערער.

* * *

גלויבן אין גאָט איז, דוכט זיך, דער הויפּט־עיקר פון יעדער רעליגיע. אין קריסטנטום איז צום גלויבן אין איין גאָט אויך צוגעקומען דער גלויבן אין יעזוס׳ן, ביים רוב פון אירע פאַרשיידענע סעקטן, אַלס זון פון גאָט, וואָס איז געקומען צו אונז פון הימל, כדי צו העלפן די זינדיקע מענטשן. דאָס איז אַ געבאָט, וואָס יעדער קריסט מוז דערין גלויבן. אויב ניט, איז ער קיין קריסט ניט.

מוז אָבער אַ איד גלויבן אין גאָט?

לאָמיר דאָס פאַרשטיין. אַוודאי איז אָן אַ גאָט ניטאָ קיין שום יסוד פאַר קיין זאַך, ניט פאַר קיין תורה און ניט פאַר אַ אידיש פאָלק. אַוודאי איז איינער וואָס אָנערקענט ניט גאָט, אַ כופר בעיקר. אָבער די פראַגע איז,

צי דאַרף אַ איד גלויבן אין גאָט? איז ביי אידן דאָ אַזאַ געבאָט, אַזאַ באַפעל צו גלויבן?

ווארים אויב מיר פאַרשטייען עס ריכטיק, איז גלויבן דאָס פאַרקערטע פון שכל. גלויבן איז אַ געפיל־זאַך, אַ דבר שבלב. מען קאָן אַ מענטשן געבן צו פאַרשטיין עפּעס אַ זאַך, אָבער מען קאָן אים ניט מאַכן צו גלויבן אין עפּעס. קיינער קאָן יענעמס האַרץ ניט באַפעלן, און ניט נאָר קאָן עס קיין אַנדערער ניט טאָן, נאָר אַ מענטש אַליין — אויך ניט. מען קאָן פאַרשטיין, וואָס מען זוכט צו פאַרשטיין, אָבער מען קאָן ניט גלויבן אין דעם, וואָס מען וויל גלויבן. דעריבער קאָן ניט זיין אַזאַ געבאָט וואָס זאָגט: „גלויב!" עס קאָן ניט זיין קיין באַפעל איבער די געפילן.

און אין דער גאַנצער תורה איז טאַקע ניטאָ דער געבאָט פון גלויבן. אויף קיין אָרט ווערט אונז ניט אָנגעזאָגט, אַז מיר דאַרפן גלויבן אין דעם אָדער אין עפּעס אַנדערש. אַפילו צו גלויבן אין גאָט ווערט פון אונז ניט פאַרלאַנגט. עס איז ניטאָ אַ געבאָט, וואָס זאָגט אונז „תאמין באלקים", דו זאָלסט גלויבן אין גאָט. פון אַזעלכעס ווייסן מיר ניט.

מיר האָבן „תרי"ג מצוות", זעקס הונדערט און דרייצן מצוות. איז צווישן זיי דאָ אַ געבאָט צו גלויבן אין גאָט? איז דאָ אַזאַ מצות עשה (איינע פון די רמ"ח מצוות), וואָס זאָגט אונז דאָס?

דער רמב"ם, וואָס האָט אין זיין גרויס ווערק „יד החזקה" געוואָלט ווייזן, ווי אַזוי די תרי"ג מצוות זיינען דאָ אין דער תורה, רעכנט דאָס גלויבן אין גאָט פאַר אַ מצות עשה, וואָס דריקט זיך אויס אין די ווערטער „אנכי ה' אלקיך" (רמב"ם, יסודי התורה, פ"א, ו'). דאָס זעלבע זאָגט ער אויך אין זיין „ספר המצוות" (מצוה א'). דער רמב"ם שטיצט זיך דערביי אויף דער גמרא, וואָס זאָגט, אַז „אנכי" און „לא יהיה לך" זיינען פון די תרי"ג מצוות (סוכה כ"ג). אַזוי זאָגט אויך דער אבן עזרא אין זיין פירוש אויף דער תורה (פרשת יתרו) און אַזוי זאָגט אויך דער רמב"ן (אויך אין זיין פירוש אויף דער תורה, פרשת יתרו).

אָבער קעגן זיי זיינען אַרויסגעטראָטן גרויסע פּוסקים און פאָרשער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אַבסאָלוט, אַז „אנכי" איז ניט קיין מצות עשה, צו גלויבן אין גאָט. דער ערשטער דאָס צו זאָגן איז געווען דער בעל „הלכות גדולות", וועלכער זאָגט בפירוש, אַז „אנכי" איז ניט פון די מצוות, ווייל זי איז נאָר ווי אַן אַריינפיר צו די איבעריקע געזעצן. דער בעל „הלכות גדולות" שטיצט זיך דערביי אויך אויף אַ שטעלע אין דער גמרא וועלכע זאָגט, אַז די ערשטע מצוה איז געווען דער געבאָט קעגן עבודה זרה (הוריות ה'). לויט דעם קומט אויס, אַז „אנכי" ווערט גערעכנט ווי אַן אַריינפיר און די ערשטע מצוה איז „לא יהיה לך".

דאָס קאָן מען אויך זען פון דער „מכילתא" (פרשת יתרו), וואו עס זאָגט זיך וועגן „אנכי ה' אלקיך" פאָלגנדיקס: עס איז אַ משל צו אַ מלך, וואָס

קומט אַריין אין אַ נייער מדינה. זאָגט מען צו אים: „גיב אונז אַרויס געזעצן״. זאָגט ער צו זיי: „ניין, איך וועל ניט געבן אייך קיין געזעצן ביז איר וועט מיך אָנערקענען אַלס קעניג, ווארים אויב איך בין ניט אייער קעניג, וואָס טויגן די געזעצן?״ אַזוי האָט אויך גאָט געזאָגט צו די אידן: „אנכי ה׳ אלקיך״ און דערנאָך „לא יהיה לך״. דערפון איז צו זען, אַז „אנכי״ איז ניט גערעכנט געוואָרן אַלס די ערשטע מצוה.

מיט אָט דער מיינונג זיינען מסכים פיל פון די מפרשים, פוסקים און חוקרים. דער רשב״ץ אין זיין פירוש „זוהר הרקיע״ רעכנט אויך ניט אויס „אנכי״ צווישן די מצוות, ווארים ווען עס וואָלט געווען אַ מצוה, וואָלט געווען געזאָגט געוואָרן אין אָנהויב „שמע״ אָדער „דע, כי אנכי ה׳ אלקיך״. באַזונדערס טרעט אַרויס שאַרף ר׳ אברהם קרשקש אין זיין ספר „אור ה׳״ קעגן די יעניקע, וואָס ווילן מאַכן דאָס גלויבן אין גאָט פאַר אַן עיקר פון אידנטום און ער זאָגט בפירוש, אַז „מיר האָבן ניט אַזאַ געבאָט ווי גלויבן. מיר האָבן ניט קיין אמונה, נאָר בלויז תורה, וואָס עס מיינט — לערע, פאַרשטאַנד. משה רבינו האָט געזאָגט „הודיעני נא את דרכיך ואדעך״ (מאַך מיך באַקאַנט מיט דיינע וועגן, וועל איך דיך וויסן). דער נביא זאָגט: „בזאת יתהלל המתהלל, השכל וידוע אותי״ (מיט דעם קאָן זיך רימען דער וואָס רימט זיך, מיט פאַרשטיין און וויסן ווער איך בין). אַלע רעדן נאָר פון וויסן און ניט פון אמונה״.

מיר קומען, אַלזאָ, צום אויספיר, אַז ביי אידן איז דער עיקר דאָס פאַרשטיין און ניט דאָס גלויבן. דאָס איז געווען דער פונדאַמענט באַלד פון אָנהויב אָן. משה רבינו האָט אונז געזאָגט: „וידעת היום והשיבות אל לבבך״ (דברים ד׳, ל״ט), אָבער קיינמאָל ניט „והאמנת״ (דו זאָלסט גלויבן). אָט דער באַגריף פון גלויבן איז אין קיין שום פאָרם ניטאָ אין אונזערע הייליקע ביכער און ער איז קעגן דעם אידישן גייסט.

ווי אַזוי איז עס אָבער אין דער קריסטלעכער רעליגיע? דאָרטן איז עס פונקט פאַרקערט. דאָרטן פאַרלאַנגט מען פון יחיד נאָר איינס — גלויבן. „ווער עס וועט גלויבן... וועט געהאָלפן ווערן, און ווער עס וועט ניט גלויבן, וועט זיין שולדיק״ (מאַרקוס 16־15). „דער וואָס גלויבט אין יעזוס׳ן, דער וועט ניט זיין שולדיק, און דער וואָס גלויבט ניט אין אים, איז זיין שולד אין אים פון דעמאָלט אָן, ווייל ער האָט ניט געגלויבט אין נאָמען פון איינציקן זון פון גאָט״ (דזשאָן 3־18). אַזוי רעדן אויך אַלע אַנדערע אַפּאָסטאָלן. דאָס וואָרט „גלויבן״ גייט ניט אַראָפּ פון זייערע ליפּן.

* * *

לאָמיר איצט מאַכן אַ שריט ווייטער. מיר האָבן פריער באַטראַכט אַ „מצוות עשה״, דאָס הייסט, איינע פון די מצוות וואָס אַ איד דאַרף טאָן. לאָמיר איצט באַטראַכטן איינע פון די מצוות פון „לא תעשה״, פון די זאַכן

וואָס אַ איד דאַרף ניט טאָן און זען ווי ווייט עס גייט לויטן שכל און וויפיל לויט די געפילן.

אין דער תורה ווערט צום סוף פון די „עשרת הדברות" אונז געגעבן אַ געבאָט פון „לא תחמוד" — „דו זאָלסט ניט גלוסטן". מען טאָר ניט גלוסטן צו יענעמס האָב־און־גוטס און אויך ניט צו יענעמס ווייב. אָבער דער ענין פון גלוסטן איז דאָך אַ זאַך פון געפיל, וואָס קאָן ניט קאָנטראָלירט ווערן. ווי אַזוי, אַלזאָ, קאָן דאָ חל זיין אַ געבאָט? און וואָס קאָן טאָן אַפילו דער גרעסטער צדיק, וואָס וויל זיין דורכאויס גוט און פרום, אויב עס גיט זיך אים פלוצלונג אַ גלוסט צו עפּעס? קאָן ער זיך דען העלפן? אויב אַזוי, וואָס איז דאָ שייך אַ געבאָט „דו זאָלסט ניט גלוסטן" — און וואָס טוט מען ווען עס גלוסט זיך יאָ?

די גמרא האָט דאָס פאַרשטאַנען און פאַרנעמט זיך דערמיט זייער שטאַרק און איז געקומען צום אויספיר, אַז מען איז ניט עובר אויפן געבאָט פון „לא תחמוד", סיידן ווען עס איז דאָ אַ טאַט דערביי. אָבער בלויז גלוסטן אין האַרצן — מיינט גאָרניט, ווייל געפילן קאָן מען ניט באַשטראָפן. דאָס ווערט אויס־געדריקט אין דער מכילתא (פרשת יתרו), וואו עס ווערט געזאָגט: „לא תחמוד, יכול אפילו בדבור? — וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז אַפילו בלויז מיטן אַרויסרעדן עפּעס איז מען שוין עובר אויף לא תחמוד, איז דער ענטפער: ס'שטייט „וחשקת בה ולקחת", מה להלן עד שעושה מעשה אף כאן עד שעושה מעשה" — אַזוי ווי דאָרטן מיינט עס נאָר, ווען מען טוט אַ מעשה, אַזוי אויך דאָ איז נאָר ווען מען טוט אַ מעשה. אָבער אָן טאַט איז עס ניט קיין עבירה.

אַזוי אויך אויפן לאו „לא תחמוד אשת רעך" (דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין פריינטס פרוי) האָט מען געטייטשט, אַז מען איז עובר ערשט דעמאָלט, ווען מען טוט אַ מעשה, דהיינו, ווען מען צווייגט דעם מאַן דורך אַ שווינדל אָדער דורך געלט, צו גט'ן זיין פרוי, כדי צו קאָנען הייראַטן מיט איר. בלויז דעמאָלט איז מען עובר אויף „לא תחמוד".

דאָס ווייזט, אָן איבעריקן מאָל, אַז ביי אונז איז ניט פאַראַן קיין מעג־לעכקייט צו באַשטראָפן פאַר געפילן. עס זיינען טאַקע דאָ אַזעלכע אויסדרוקן ווי „הרהורי עבירה קשין מעבירה", אָדער „מחשבה כמעשה", אָבער דאָס איז אַלץ נאָר בדרך דרוש. להלכה אָבער איז עס גאַנץ אַנדערש. לויטן געזעץ מוז אַלץ זיין על פי שכל און אויף אַזאַ אופן, אַז דער מענטש זאָל זיך קאָנען אַליין קאָנטראָלירן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך ביי זאַכן וואָס זיינען לויטן פאַרשטאַנד, אָבער ניט ביי עמאָציעס און געפילן.

קריסטנטום, דאַקעגן, האָט כסדר דאָגמעס, זאַכן וואָס זיינען קעגן מענטש־לעכן שכל. אָבער דער קריסט דאַרף גלויבן אין זיי, אָן צו פרעגן קשיות. די ערשטע דאָגמע ביי די קריסטן איז צו גלויבן, אַז יעזוס איז דער זון פון גאָט, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון זיין פאָטער אין הימל צו אונז, זינדיקע מענטשן. דער דאָזיקער געדאַנק קאָן אַרויסרופן ביי אַ דענקענדיקן

מענטשן פיל קשיות, ווי, למשל, ווי אַזוי קאָן זיין מעגלעך די איינציקייט פון גאָט, ווען עס איז דאָ נעבן אים נאָך איינער, אַפילו ווען ער איז אַ זון, וואָס איז, אמת, ניט אַזוי מעכטיק ווי דער פאָטער, אָבער דאָך הייסט עס שוין ניט איינציק; דאָן די גאַנצע צושרייבונג פון אַ געבורט פון אַ זון צו גאָט, וואָס איז גענומען פון דער געצנדינערישער מיטאָלאָגיע, איז אַזוי ווייט פון שכל הישר, אַז עס איז טאַקע ניט מעגלעך אַנדערש ווי נאָר צו גלויבן אין דעם. דאָן די דאָגמע פון שוואַנגערשאַפט על פי רוח הקודש („אימעקיולעיט קאָנסעפּשאָן״) איז אויך אַ זאַך, וואָס איז ווייט פון שכל ווי מזרח פון מערב. דערנאָך די דאָגמע פון יעזוס׳עס אויפשטיין צוריק צום לעבן (רעזורעקשאָן), און נאָך פיל אַנדערע אַזעלכע דאָגמעס, אין וועלכע אַ פרומער קריסט מוז גלויבן, אויב ניט — איז ער קיין קריסט ניט.

אַזוי אַרום איז קריסטנטום אַ רעליגיע, וואָס רעכנט זיך בכלל ניט מיטן שכל. אָבער אויך די געפילן פון מענטשן קומען ניט צופיל אין באַטראַכט, כאָטש יעזוס און זיינע תלמידים האָבן זיך אויסגערימט דערמיט, אַז זיי ווילן, אַז מען זאָל דינען גאָט פון האַרצן. וואָרים די צענדליקע דאָגמעס, וואָס געפינען זיך אין אַלערליי קאַטעכיזמען פון די פאַרשידענע סעקטעס פון קריסטנטום, באַפעלן אויך דעם האַרץ ווי אַזוי צו פילן און אין וואָס צו גלויבן.

מיר האָבן דעריבער דאָ פאַר זיך צוויי וועלט־אַנשויאונגען, וואָס איינע איז דער היפוך פון דער אַנדערער, און זיי האָבן דעריבער אַ באַזונדערן צוטריט צו דעם גייסטיקן לעבן פון מאָדערנעם מענטשן.

* * *

אויף ווי ווייט אונזער תורה איז געווען פאַרזיכטיק בנוגע דעם אינער־לעכן לעבן פון אַ מענטשן, קאָן מען זען דערפון, וואָס כאָטש די גאַנצע תורה איז פול מיט דער שטרעבונג צו אמת, האָבן מיר דאָך ניט קיין פּאָזי־טיוון געבאָט צו רעדן אמת. עס געפינט זיך ניט, למשל, אין דער תורה אַזאַ מין באַפעל ווי „תדבר אמת״, עס איז נאָר דאָ אין נעגאַטיוון זין. צוויי מאָל ווערט עס געבראַכט אין אַ נעגאַטיווער פאָרם — אין מאָל אין „שמות״ (כ״ג, ז׳): „מדבר שקר תרחק (פון אַ פאַלשער זאַך זאָלסטו זיך דערווייטערן); און אַ צווייט מאָל אין „ויקרא״ (י״ט, א׳): „ולא תשקרו איש בעמיתו״ (איר זאָלט ניט זאָגן ליגן צו אַ פריינט). פאַרוואָס איז דאָס אונז געגעבן געוואָרן נאָר אין אַזאַ פאָרם? ווייל אַ געבאָט צו זאָגן בלויז אמת איז אוממעגלעך. מען קאָן ניט הייסן אַ מענטשן זאָגן בלויז אמת אַ גאַנצן לעבן. פאַרקערט, מיר געפינען אין דער גמרא פיל שטעלן, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אין געוויסע פאַלן איז גאָר אַ מצוה צו זאָגן ניט־אמת. ביי דער באַוואוסטער פלוגתא צווישן בית־שמאי און בית־הלל וועגן דעם, ווי אַזוי צו טאַנצן פאַר אַ כלה, זאָגן די בית־הלל, אַז מען דאַרף יעדער כלה מאַכן קאָמפּלימענטן, אַפילו ווען זיי זיינען ניט אמת. די בית־שמאי זאָגן

טאָקע אַנדערש, אַז מען דאַרף טאָקע זאָגן בלויז דעם אמת, אָבער די הלכה בלייבט אַזוי ווי די בית־הלל. נאָך עפּעס: אויב איינער קויפט זיך אַ מלבוש און מען האָט אים אָפּגענאַרט, דאַרף מען אים, לויט די בית־הלל, דאָס ניט זאָגן, אויב ער פרעגט זיך צי מען האָט אים גענאַרט. מען האָט אויך מתיר געווען אין געוויסע פאַלן פאַר אַ תלמיד חכם ניט צו זאָגן דעם אמת. נאָך מער, די גמרא ברענגט אַרויס, אַז אַפילו דער רבונו של עולם אַליין האָט געזאָגט אַ ניט־אמת צוליב שלום וועגן. וואָרים שרה האָט געהאַט געזאָגט „ואדוני זקן", אַז אברהם איז אַלט, אָבער גאָט האָט געזאָגט צו אברהמ'ען, אַז זי האָט געזאָגט אויף זיך „ואני זקנתי" (איך בין אַלט), כדי אברהמ'ען ניט צו דערצערענען (יבמות כ"ה). דער דין איז אויך, אַז מען מעג זאָגן אַנדערש ווי דער אמת איז „מפּני דרכי שלום". דאָס האָט אונזער גרויסער מייסטער, משה, פאַרשטאַנען, און דעריבער האָט ער אונז ניט געגעבן קיין געבאָט פון זאָגן בלויז אמת, אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך. ער האָט דעריבער געפורעמט זיין געבאָט בדרך שלילה, דאָס הייסט, ניט צו זאָגן קיין ליגן.

דאָס ווייזט נאָך מער, אַז די טענדענץ פון אונזער תורה איז געווען באַלד פון אָנהויב אָן צו גיין מיטן שכל, און אַז אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן, אַלע „עשה'ס" און „לא תעשה'ס" זאָלן זיין אין די ראַמען פון פאַרשטאַנד. אויף אָט דעם וועג זיינען געגאַנגען ווייטער די תנאים און אמוראים, די אידישע פילאָזאָפן און פּוסקים און בכלל אַלע וועגווייזער פון אידנטום. אָט צוליב דעם איז אין יעדן דור באַזונדער אונזער תורה געלייטערט געוואָרן, ביז מען איז געקומען צו דעם גרויסן מייסטער פון חסידות, ר' שניאור זלמן שניאורסאָן, וועלכער האָט געשאַפן די שיטה פון „חכמה, בינה, דעת", און האָט געגעבן דעם סלאָגאַן, אַז „התבוננות איז גרעסער פון התפעלות".

יאָ, חכמה, בינה, דעת, וואָס עס מיינט: פאַרשטאַנד, לאָגיק און שכל — זיינען די לייכט־טורעמס פון אידישן דענקען אין דער אידישער תורה, און לויט זיי וועלן מיר גיין ווייטער אויפן וועג צו פּראָגרעס.

.3

דער קאָלעקטיווער גייסט פון אידישן שאַפן

עס איז ווערט אָפּצושטעלן זיך אויך אויפן גאַנג און אויף דער טענדענץ פון דער אידישער שאַפונג. עס דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז דער אידישער גייסט האָט אַ קאָלעקטיוון זין. דער אידישער געניוס האָט גלייך פון אָנהויב אָן, זיך אויסגעדריקט צום בעסטן נאָר אין אַ קאָלעקטיווער פאָרם. דער אופן פון דער שאַפונג האָט זיך אַלע מאָל טאָקע געביטן. עס איז אַוועק איין פאָרם און עס איז געקומען אויף איר אָרט אַן אַנדערע, אָבער די אַנדערע איז אויך געווען אַ קאָלעקטיווע.

לאָמיר דאָס דערקלערן. עס מיינט ניט, אַז נאָר קאָלעקטיוון האָבן גע־שאַפן איין ווערק, דערנאָך אַ צווייטס, אַ דריטס. ניין, דאָס מיינט, אַז דער צייט־גייסט איז געווען דער זעלבער. עס איז אַלע מאָל געווען אַ קאָלעק־טיוו. ביי אונז אידן האָבן געשאַפן נישט יחידים, נאָר גרופּן. עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין אָרט פאַר איינצלנע, קעגן גייסט פון קאָלעקטיוו, נאָר אַלע מאָל פון דעם קאָלעקטיוו, פון יעדער געוויסער עפּאָכע. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז עס איז קיינמאָל ניט געווען קיין צייט, ווען עס זאָלן האָבן דערשיינען פאַרשידנאַרטיקע שאַפונגען, ווערק אויף פיל געביטן, נאָר אַלע מאָל זיינען די שאַפונגען געווען פון גייסט פון יענער צייט. אויב עס זיינען געווען טעלעכע אַנדערע ווערק, זיינען זיי געווען אויסנאַמען, זייטיקע, און זיינען אויך אין סכום פון די שאַפונגען פון יענער עפּאָכע ניט אַריינגעקומען.

אָבער יעדער קאָלעקטיוו איז אויך ניט געווען מעור אחד, ניט איין גאַנצע, בנוגע טאַלאַנט. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ניט אַלע מיטגלידער פון אַ קאָלעקטיוו זיינען געווען פון איין מדרגה פון גייסטיקער באַגאַבונג. ניין, עס זיינען געווען מדרגות, על פּי רוב, ערשטע, צווייטע און דריטע. די פון דער ערשטער מדרגה זיינען געווען די „פּני״, דאָס אויבערשטע פון שטייסל. זיי זיינען געזעסן אויבן־אָן, אָבער זייער צאָל איז געווען ניט קיין גרויסע. די פון דער צווייטער מדרגה זיינען שוין געווען גרעסער אין צאָל און די הויפּטשפּילער פון קאָלעקטיוו. די פון דער דריטער מדרגה זיינען געווען די לעצטע, ווייניק אין צאָל און אויך אין איינפלוס. עס האָט שוין געשמעקט מיט דער ירידה פון דער עפּאָכע.

אויך די עפּאָכן זיינען געווען פאַרשיידענע. עס זיינען געווען לאַנג־דויערנדיקע און אַזעלכע פון אַ קורצן לעבנס־שפּאַן און אַזוי איז אויך בנוגע דער צאָל פון די מיטגלידער געווען אַן אונטערשייד. עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַן עפּאָכע פון נאָענט צו טויזנט יאָר. דאָס זיינען געווען די ביבלישע און די תלמודישע עפּאָכן; און עס איז געווען אַן עפּאָכע פון אַ הונדערט יאָר, די סאַמע קלענסטע, די פון די רבנן סבוראי. עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו פון נאָענט צו 2000 מיטגלידער, דער סאַמע גרעסטער, דער פון די אמוראים; און עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו פון עטלעכע מנינים — די פון די אַפּאָקריפן. דער דורכשניטלעכער לעבנס־שפּאַן פון אַן עפּאָכע איז אָבער געווען אַ צוויי הונדערט יאָר מיט אַ צאָל מיט־גלידער פון עטלעכע הונדערט.

ביי די ערשטע דריי עפּאָכן האָט זיך צום סוף פון דער עפּאָכע באַוויזן אַן איינזאַמלער (ריכטיקער: עטלעכע איינזאַמלער), וועלכע האָבן צונויפגעקליבן די שאַפונגען פון דער עפּאָכע און געמאַכט אַ סיום. אָבער נאָר די ערשטע דריי האָבן דערצו זוכה געווען. די עפּאָכע פון דער „ביבל״ האָט געהאַט איר איינזאַמלער אין עזרא הסופר און שפּעטער אין די „אנשי כנסת הגדולה״; די עפּאָכע פון דער משנה — אין ר׳ יהודה הנשיא, באַוואוסט אַלס „רבי״;

און די עפּאָכע פון די אמוראים — אין רב אשי און זיינע מיטהעלפער. אָבער זיי, די איינזאַמלער, זיינען ניט געווען קיין סתם צונויפזאַמלער פון שאַפנדיקע ווערק און ווערטן פון דער עפּאָכע, נאָר אויך — רעדאַקטאָרן, אויסקלייבער און אויסבעסערער. ס'זיינען געווען זיי, וואָס האָבן געגעבן צו די שאַפונגען פון דער עפּאָכע איר פאָרם און צורה, אָבער אַזוי ווי לא כל אדם זוכה צו אַלע גוטע זאַכן פון לעבן, אַזוי האָבן אויך פיל עפּאָכן פאַרלאָזט די וועלט אָן אַ יורש, אָן אַ איינזאַמלער, אָן אַ סיום און אָן אַ קדיש־זאָגער. ווייסט מען טאַקע ניט, ווען עס איז געווען די עפּאָכע, זי איז עפּעס ניט אָפּגעגרעניצט, ניט צונויפגעזאַמלט געוואָרן.

לאָמיר גיין כסדר און אויף דעם אופן באַטראַכטן די גאָלדענע קייט פון אידישער שאַפונג. לאָמיר מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער דער אידישער שאַפונגס־געשיכטע.

צום ערשטן קומט דער תנ״ך, די 24 ספרים, וואָס זיינען איינגעזאַמלט געוואָרן, ווי שוין געזאָגט, פון עזרא הסופר און דורך די „אנשי כנסת הגדולה״. דאָ איז ניט דאָס אָרט אַריינצולאָזן זיך אין חקירות וועגן די פאַרשידענע תנ״כישע ווערק און פעסטצושטעלן ווער זייערע מחברים זיינען געווען און ווען זיי זיינען געשאַפן געוואָרן. פאַר אונז איז וויכטיק בלויז דער תנ״ך אַלס אַזעלכעס, אַלס אַ פאַרענדיקטע אַרבעט פון דער ערשטער עפּאָכע אין דער שאַפונג פון אידישן געניוס. די פיר און צוואַנציק קאַנאָניזירטע ווערק באַשטייען פון צוויי טיילן: פון אַן עפּישן טייל (די דערציילונגען פון חומש, יהושע, שופטים,ביידע טיילן פון שמואל, ביידע טיילן פון מלכים און ביידע טיילן פון דברי הימים און אויך די מגילות רות און אסתר); און פון אַ פּאָעטישן טייל (די נביאים אַ חוץ פיל שטעלן אין חומש און די אַנדערע פּאָעטישע שטעלן). אָבער ביידע טיילן שטעלן מיט זיך פאָר איין זאַך; עס איז צוויי טיילן פון איין גאַנצעס. זיי זיינען די שאַפונגען פון דער ביב־לישער עפּאָכע, פון די באַגרינדער פון אידישקייט און פון די נביאים. נאַטיר־לעך, זיינען אויך צווישן די נביאים געווען מדרגות: ערשטע, צווייטע און אַפילו דריטע, אָבער דאָס איז איצט ניט וויכטיק, ווייל מיר באַטראַכטן די ביבלישע עפּאָכע אַלס אַ גאַנצע.

נאָך דער ביבלישער עפּאָכע קומט די עפּאָכע פון די אַפּאָקריפן, די אַזוי גערופענע „ספרים חיצונים״ (זייטיקע ווערק), וועלכע ציילן אַן ערך פון 35 ביכער. די עפּאָכע האָט געדויערט אַ קורצע צייט און די צאָל פון די מיטגלידער פון איר קאָלעקטיוו איז געווען דער סאַמע קלענסטער. אָבער אפשר דערפאַר איז עס מעגלעך געווען פאַר די „אַנשי כנסת הגדולה״ צו אונטערדריקן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, וועלכער איז זיי נישט געפעלן און אים פאַר'משפט'ן צו „גניזה״, דאָס הייסט צו קאָנפיסקאַציע. מיט איין שטריך פון דער פעדער האָבן יענע צענזאָרן אויסגעמעקט אַ גאַנצע שאַפנדיקע עפּאָכע

פון אידישן לעבן, און די גאַנצע שאַפונג פון יענער קאָלעקטיוו איז פאַר־שוואונדן פון דער אידישער וועלט.

איצט טרעט אויף, אויף דער אַרענע פון אידישן שאַפן דער קאָלעקטיוו פון די תנאים, די בעלי המשנה, וועלכע האָבן אונז געגעבן די פאָרמירונג פון דער אידישער רעליגיע, אידישער געזעץ־געבונג, מאָראַל, פילאָזאָפישער אויסבליק און עטישע ווערטן. די עפּאָכע פון די זוגות ביז הלל און שמאי, דערנאָך ר׳ יוחנן בן זכאי, רבן גמליאל און זיין ר׳ שמעון, ר׳ עקיבא, ר׳ מאיר, ר׳ יוסי הגלילי און אַלע אַנדערע און צום סוף — ר׳ יהודה הנשיא (רבי). עס איז געווען אַ ריזיקער קאָלעקטיוו, און נאַטירלעך אויך פון מדרגות: ערשטע, צווייטע און דריטע, אָבער דער פאַרנעם ביי אַלע איז געווען דער זעלבער: די אויסטייטשונג פון דער תורה אין אַ ליבעראַלן זין. אַט דער קאָלעקטיוו האָט געציילט אַן ערך ביז דריי הונדערט מיטגלידער און האָט געדויערט נאָענט צו 500 יאָר. ער איז געבליבן, עד היום, דער וויכטיקסטער פון אַלע, ווייל די תנאים זיינען געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון בנין פון אידנטום.

דערנאָך קומט די עפּאָכע פון די אמוראים, די שאַפער פון די צוויי ריזן־ווערק: „תלמוד בבלי״ און „תלמוד ירושלמי״. דער הערשנדיקער גייסט פון דער עפּאָכע איז די פאָרשונג אין די רייד פון די תנאים. דער קאָלעקטיוו איז געווען גאָר אַ גרויסער און האָט זיך געצויגן נאָענט צו 300 יאָר (פונעם יאָר צוויי הונדערט און צוואַנציק ביזן יאָר פינף הונדערט, קריסטלעכער צייט־רעכענונג). עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו פון נאָענט צו צוויי טויזנט מיטגלידער, אין ביידע ערטער, אין בבל און אין ארץ ישראל.

אַזוי זעען מיר ווי עס קומען עפּאָכן און עס גייען עפּאָכן. עס קומט נאָך די אמוראים די עפּאָכע פון די „רבנן סבוראי״, אַן עפּאָכע וועלכע האָט געדויערט אַ גאָר קורצע צייט. נאָך זיי קומט די עפּאָכע פון די גאונים, וועלכע האָט געדויערט שוין אַן ערך פון פיר הונדערט יאָר און האָט אונז געגעבן די באַרימטע ווערק פון די גאונים אין בבל אין יענער צייט. עס איז אויך גלייכצייטיק אין יענער צייט, אין בבל, געווען די ערשטע עפּאָכע פון קבלה, די צייט ווען עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַזעלכע ווערק ווי „ספר יצירה״, „רזיאל המלאך״ און פיל אַנדערע און אין דער זעלבער צייט אויך אַן עפּאָכע פון מדרשים.

אין מיטן פון צענטן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן, מיט ר׳ סעדיה גאון, די עפּאָכע פון אידישער פילאָזאָפיע, וואָס גייט אַרויס שפּעטער פון די גרעניצן פון בבל און אַזיע און ציט זיך ביז ענדע פון פופצנטן יאָרהונדערט, אין שפּאַניע (ביז צום גירוש, אין יאָר 1492), אין אַנדערע לענדער, ווי למשל, אין פראַנקרייך, איז דעמאָלט די עפּאָכע פון די מפרשים פון דער תורה און תלמוד, ווי רש״י און אַנדערע, און אויך פון די „בעלי־התוספות״. עס קומט אויך פאָר גלייכצייטיק די צווייטע עפּאָכע אין קבלה, די פון דער

פילאָזאָפישער ריכטונג. אַביסל שפּעטער קומט אויף דער אַרענע אין פּוילן די עפּאָכע פון פּלפּול און גלייכצייטיק אין איטאַליע און אין צפת די דריטע עפּאָכע פון קבלה, די פון רמח״ל און פון האר״י און זייערע תלמידים. באַלד דערנאָך באַווייזט זיך דער בעש״ט און עס הויבט זיך אָן ווידער אַ נייע עפּאָכע, די פון חסידות. אין דער זעלבער צייט הויבט זיך אָן אין רוסלאַנד און אין פּוילן אויך די עפּאָכע פון השכלה און פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. ביי דער ענדע פון 19טן יאָרהונדערט קומט ווידער אַ נייע עפּאָכע, די עפּאָכע פון שאַפן אויף אידיש, וועלכע גייט נאָך אָן אין אונזערע טעג.

מיר זעען, אַלזאָ, אַז דער אידישער שאַפונגס־פּראָצעס איז ווי ריגנען אין אַ קייט. גאָלדענע רינגען, וועלכע זיינען באַהאָפטן איינע מיט די אַנדערע. דאָס איז דער זין פון דער אידישער געשיכטע און אויף דעם וועג שאַפט אויך ווייטער דער אידישער געניוס.

.4

וואָס זיינען די גרונט־פּרינציפּן פון אידנטום ?

דאָס אידנטום איז געקומען אויף דער וועלט אָן עיקרים. ניט אין דער תורה און ניט אין די נביאים זיינען אונז געגעבן געוואָרן גרונד־יסודות פון אידנטום. עס איז דאָ בלויז איין דערקלערונג און דאָס איז, אַז „אונזער גאָט איז איין גאָט״ (שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד).

אַפילו די צען געבאָטן זיינען אויך ניט קיין פּרינציפּן, כאָטש זיי זיינען אויסגעקריצט געוואָרן אויף די לוחות. די „עשרת הדברות״ זיינען ניט מער ווי געבאָטן און אַפילו ניט די סאַמע ערשטע ביי אידן, ווייל דער געבאָט פון מילה איז שוין פריער געווען, און אַפילו דער פאַרבאָט פון „גיד הנשה״ ווערט אויך דערמאָנט פריער נאָך אין חומש. אויך דאָס אָפּהיטן פון שבת ווערט אונז פריער נאָך אָנגעדייט.

אין דער תורה, וואָס משה האָט אונז געגעבן און וועלכע באַשטייט פון געזעצן צווישן מענטש־און־גאָט און מענטש־און־מענטש, ווערט אונז ניט געזאָגט אין קיין שום אָרט, וועלכע געזעצן עס זיינען מער וויכטיק און וועלכע ווייניקער — און אַוודאי ניט, וועלכע עס זיינען די הויפּט־מצוות, וואָס אויב מען היט זיי ניט אָפּ, איז מען ניט קיין איד.

אויך אין די נביאים זיינען ניטאָ קיין שום דערקלערונגען וועגן די יסודות פון אידנטום. די נביאים רעדן, על פּי רוב, וועגן די באַציאונגען פון מענטש־צו־מענטש. זיי רופן צו גערעכטיקייט, ערלעכקייט, יושר, אָבער דאָס זיינען ניט קיין פּרינציפּן, נאָר אַ לערע פון מאָראַל און עטיק. אויך אין

די נביאים, ווי אין דער תורה, ווערט אין קיין אָרט ניט אָנגעוויזן אויף געוויסע מצוות, אַז זיי זיינען הויפּט־געבאָטן. אַזעלכעס איז אין גאַנץ תנ״ך ניטאָ.

דאָס איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך ביי אידן, כל זמן זיי האָבן געלעבט פאַר זיך אַליין („עם לבדד ישכון״), און ניט געזוכט דעם צופלוס פון דרויסן, פון געצן־דינער, וואָס זאָלן אָנערקענען דעם אידישן גאָט. דאָס איז געווען אין יענע צייטן, ווען די אידן אַליין האָבן נאָך געדאַרפט פירן אַ גרויסן קאַמף אין זייערע אייגענע רייען, צו באַפרייען זיך פון געצן־דינסט, ווייל די אידן, וואָס האָבן געוואוינט צווישן געצן־דינערישע פעלקער, האָבן נאָכגעטאָן זייערע מעשים. אמת, זיי האָבן שוין הונדערטער יאָרן געהאַט די תורה פון משה׳ן, אָבער זיי האָבן זי נאָך אַלץ ניט געהאַט גוט פאַר־דייעט. דאָס איז געווען כמעט אין דער גאַנצער צייט פון ערשטן בית המקדש מיט די אייניקע אונטערברעכונגען, ווען די אידן האָבן זיך באַזינען און זיך אומגעקערט צוריק צו זייער גאָט.

ערשט נאָכדעם, ווי די אידן האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט פון געצן־דינסט און אויפגעהויבן הויך די פאָן פון אידנטום, האָבן עס אַנדערע פעלקער אויך דערזען און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן די געצן־דינערישע פעלקער, אָנצונעמען דאָס אידנטום, ווי עס האָבן געטאָן די שומרונים און אַנדערע. ערשט דעמאָלט איז אַנטשטאַנען די פראַגע, וואָס זיינען די עיקרים פון אידנטום.

אָבער די אידן, ניט זייענדיק געוואוינט צו טראַכטן אין די טערמינען, האָבן אַלץ נאָך קיין שום פאָרמולע וועגן עיקרים ניט געשאַפן, פשוט דערפאַר, ווייל עס איז ניט אַזאַ גרינגע זאַך צו שאַפן אַ פּרינציפּן־דערקלערונג וועגן אַ לערע, וואָס איז קעגן אַזעלכע פּרינציפּן; אַ תורה, וואָס איז אויסן געווען צו געבן די אידן אַ וועג אין לעבן, אָבער ניט קיין גרופּירונג פון דאָגמעס — און פּרינציפּן זיינען דאָגמעס. דאָך האָט מען אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש פּרובירט פעסטשטעלן געוויסע כללים, וועלכע זאָלן דינען אַלס הויפּט פון אַלע מצוות. אָבער אַפילו די כללים האָט מען פאַר קיין עיקרים ניט באַטראַכט.

* * *

דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אַ כלל, איז געווען הלל הזקן. ווען עס איז געקומען צו אים אַ גוי, וואָס האָט זיך געוואָלט מגייר זיין און האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פוס, האָט ער אים געזאָגט: „וואָס דו ווילסט ניט, אַז מען זאָל דיר טאָן, זאָלסטו יענעם ניט טאָן; דאָס איז די גאַנצע תורה, און דאָס איבעריקע זיינען אַלץ פירושים. גיי און לערן״ (שבת ל״א). ווי מיר זעען, האָט ער אים ניט געזאָגט, אַז די הויפּט־זאַך איז די דערקלערונג פון איין גאָט איבער דער וועלט; ניט „שמע ישראל״, נאָר גאָר אַן עטישן כלל און דאָס אויך ניט אין אַ פּאָזיטיווער פאָרם, ווי עס שטייט אין פסוק „ואהבת לרעך כמוך״, נאָר

אין אַ נעגאַטיוון זין, וואָס איז פיל לייכטער אויסצופירן, ווייל ניט טאָן איז גרינגער ווי יאָ טאָן.

ר׳ עקיבא, וועלכער האָט אויך געזוכט אַ כלל אין אידנטום, האָט דאָס אויך געפונען אין דעם פסוק „ואהבת לרעך כמוך״ (ואהבת לרעך כמוך הוא כלל גדול בתורה — בראשית רבה, פרק כ״ד). דאָס זעלבע וואָס הלל הזקן, נאָר אין אַ פאָזיטיוון זין.

ענלעך צו דעם איז אויך דער כלל, וואָס בן עזאי האָט אַוועקגעשטעלט: „זה ספר תולדות אדם, הוא כלל גדול בתורה״ (בראשית רבה, פרק כ״ב, סוף). עס שטייט געשריבן „זה ספר תולדות אדם״ — אָט דאָס איז דאָס בוך, וואָס פאַרצייכנט די געשיכטע פון דעם געבורט פון מענטשן, דאָס איז אַ גרויסער כלל, ווייל אין דעם פסוק ווערט געמיינט דער מענטש בכלל, ניט געטיילט אויף קאָלירן, רעליגיעס, שטאַנד אָדער אַנדערע צעטיילונגען. אַלע מענטשן זיינען גלייך.

ווייטער ווערט דערציילט אין דער גמרא (מכות כ״ד) אַזוי: „ר׳ שמלאי האָט גע׳דרשנ׳ט און געזאָגט, אַז משה רבינו האָט אונז געגעבן תרי״ג מצוות (613 געבאָטן). איז געקומען דוד המלך און האָט זיי פאַרקירצט אויף עלף (אין תהלים, קאַפיטל ט״ו). איז געקומען ישעיה הנביא און זיי געשטעלט אויף זעקס (אין פסוק „הולך צדקות״ א. אַ. וו. — ישעיה ל״ג). איז געקומען מיכה און האָט פון זיי אויסגעבויט נאָר דריי (הגיד לך אדם א. אַ. וו. — מיכה ו׳). איז געקומען חבקוק און האָט געמאַכט פון אַלע נאָר איינס. אין דעם פסוק: „וצדיק באמונתו יחיה״ (חבקוק א׳).

ווי מיר זעען, האָבן די גרויסע פירער פון אידנטום אונז געגעבן בלויז כללים, אָבער ניט קיין עיקרים. זיי זאָגן ניט „זה עיקר גדול בתורה״, נאָר „זה כלל גדול בתורה״. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשיד, ווייל „כלל״ איז ניט קיין „עיקר״ („כלל״ מיינט אַ הנחה, אַזוי ווי מ׳זאָגט, „בדרך כלל״; „עיקר״ מיינט שוין אַ פרינציפּ). די כללים, וואָס זיי האָבן אונז געגעבן, יעדער איינער זיין אייגענעם, זיינען כמעט איינס און דאָס זעלבע: עטישע פאַר־מולירונגען וועגן דער באַציאונג פון מענטש צו מענטש. זיי רעדן קיינער ניט וועגן „מציאות השם״, אָדער „אחדות הבורא״, וואָס דאָס וואָלט געווען נאָר נאַטירלעך. עס וואָלט זיכער געווען אויפן אָרט, ווען איינער פון די דאָזיקע תנאים וואָלט, למשל, געזאָגט, אַז „שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד, הוא כלל גדול בתורה״, אָבער ביי אונזערע חכמים איז דאָס עטישע, דאָס מענטשלעכע געשטאַנען, זעט אויס, פיל העכער ווי דאָס געטלעכע, טאַקע ווי די אָנערקענונג פון איין גאָט. נו, קאָן דען זיין אַ מער עטישע לערע? — זאָגט אַליין.

אין דער גמרא איז דאָ נאָך אַ שטעלע, וועלכע קאָן קלינגען ווי אַן עיקר אָדער עיקרים, אָבער עס איז אויך ניט דאָס. דאָס איז די שטעלע, אַז ווען אַ גוי קומט צו אונז, כדי זיך מגייר צו זיין, זאָגט מען אים וועגן

„אחדות הבורא״ און פון פאַרבאָט פון עבודה זרה, און וועגן דעם רעדט מען באריכות. מען זאָגט אים אויך עטלעכע מצוות, סיי פון די לייכטערע און סיי פון די שווערערע, אָבער וועגן דעם איז מען ניט מאריך (יבמות מ״ו).

דאָס דאָזיקע מיינט אויך ניט קיין עיקרים. ווען ניט, וואָלט די גמרא געזאָגט „אומרים לו עיקרי התורה״, אָדער „מלמדים אותו עיקרי התורה״. די גמרא האָט גאָר געוואָלט זאָגן, אַז כדי צו געבן אים אַ מוסטער וואָס אידישקייט איז, זאָל מען אים זאָגן, אַז מיר זיינען איבערצייגט אין דער איינציקייט פון גאָט; מיר זיינען קאַטעגאָריש קעגן געצן־דינסט און וועגן דעם רעדט מען אַרום ברייטער, ד. ה. מען גיט אים אַן אויפקלערונג ווי אַזוי אברהם אבינו איז צו דעם געקומען; ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן די לע־רע פון אידישן פאָלק. מען זאָגט אים אויך, אַז מיר האָבן אָנגעפירט מיטן געדאַנק פון מאָנאָטעאיזם און מיטן קאַמף אויסצוראָטן געצן־דינסט פון דער וועלט, און וועגן דעם רעדט מען באריכות. דערנאָך גיט מען אים אַ מוסטער פון אונזערע געזעצן, די געבאָטן און פאַרבאָטן, אָבער וועגן דעם דאַרף מען פיל ניט רעדן. דאָס מיינט אַלזאָ, אַז מען זאָל אים באַקענען מיטן אידנטום, אָבער ניט מער.

ווי מיר זעען, אַלזאָ, זיינען קיין עיקרים פון אידנטום אויך אין דער צייט פון תלמוד, סיי פון די חכמי המשנה און סיי פון די אמוראים, ניט געשאַפן געוואָרן.

* * *

מיט פיל יאָרן שפּעטער זיינען אַנטשטאַנען די אידישע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן געפילט אַ נויטווענדיקייט צו האָבן געוויסע עיקרים. עס איז געווען דערפאַר, וואָס די צייט האָט עס גורם געווען. עס זיינען אויפגעשטאַנען פיל גרופּן און סעקטן, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן תלמוד. צווישן די גרופּן און סעקטן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אָפּוואַרפן פיל פון די געזעצן פון תלמוד און לייכטער מאַכן דעם עול פון אידישקייט. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, ווי למשל, די קאַראַאימער, וואָס האָבן גאָר גע־וואָלט דעם עול פון אידנטום נאָך שווערער מאַכן און האָבן גע׳אסר׳ט אַפילו דאָס, וואָס די בעלי התלמוד האָבן מתיר געמאַכט. יעדנפאַלס איז אין יענער שווערער צייט, ווען עס איז אויפגעשטאַנען מאַכמעד, וועלכער האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אַראַבישן געצן־דינערישן מיטל־מזרח, נויטיק געוואָרן צו האָבן געוויסע פּרינציפּן, כדי צו קאָנען וויסן לויט זיי, ווער עס איז אַ איד און ווער ניט. מיר קומען דאָ צו צו דער פילאָזאָפישער אויפ־פאַסונג פון די אַזוי־גערופענע עיקרים, וואָס עס איז געווען אינגאַנצן אַ נייעס ביי אידן.

מען דאַרף וויסן, אַז אייגנטלעך איז דער ערשטער אידישער דענקער, וואָס האָט פּרובירט אויפצושטעלן עיקרים פאַרן אידנטום, געווען איינער, וואָס איז געבוירן געוואָרן 20 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג און איז גע־

שטאָרבן אין יאָר 40 פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. דאָס איז געווען דער אידישער פילאָזאָף פילאָן, וועלכער האָט געלעבט אין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן. פילאָן האָט אויסגערעכנט פאַלגנדיקע עיקרים פון אידנטום: 1) גלויבן אין גאָט; 2) גאָט איז איינער; 3) גאָט האָט געשאַפן די וועלט; 4) גאָט אַליין האָט זי געשאַפן אָן הילף פון קיינעם, און 5) אַז גאָט האָט השגחה איבער דער וועלט. ווי איר זעט, בלויז געטלעכע זאַכן, אָן קיין עטישע פּונקטן. די עיקרים זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן און זיינען אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

אין דער אידיש־פילאָזאָפישער עפּאָכע, אין אָנהויב פון מיטן צענטן יאָרהונדערט, האָבן אידישע געלערנטע גענומען אַרויסרוקן פּונקטן, וועלכע זיינען, לויט זייער מיינונג, געווען די וויכטיקסטע. דאָס זיינען ניט געווען קיין עיקרים, נאָר גרונט־געדאַנקען וועגן אידישקייט. דער ערשטער צו פאָרמולירן זיי איז געווען ר׳ סעדיה גאון. אין זיין ספר „האמונות והדעות״ האָט ער פּראָבירט צו סומירן פאַלגנדיקע הויפּט־כללים פון אידנטום: 1) אַז עס איז דאָ אַ גאָט; 2) ער איז איינער; 3) די תורה איז געגעבן געוואָרן פון גאָט צו די אידן; 4) דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן צו קאָנען טאָן מצוות אָדער עבירות; 5) עס איז דאָ אַ באַלוינונג און אַ באַשטראָפונג אויף דער וועלט; 6) עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי השארת הנפש נאָכן טויט; 7) תחית המתים; 8) די אויסלייזונג פון די אידן פון גלות, און 9) אַז עס איז דאָ שכר ועונש אויף יענער וועלט.

נאָך אַ אידישער געלערנטער פון יענער צייט, ר׳ חננאל, רעכנט אויס (אין זיין פּירוש אויף שמות י״ד, ל״א) נאָר 4 פּונקטן: 1) אַז עס איז דאָ אַ גאָט; 2) גלויבן אין דער הייליקייט פון די נביאים; 3) אַז עס איז דאָ אַ יענע וועלט; 4) אַז עס איז דאָ שכר ועונש (באַלוינונג און באַשטראָפונג). אָבער ר׳ חננאל זאָגט אַליין, אַז דאָס זיינען ניט קיין עיקרים, נאָר כללים. ער דערקלערט עס אַזוי: „עס זיינען ניטאָ קיין עיקרים, וואָס זיינען אָנערקענט פון אַלע. עס קאָנען זיין נאָר כללים, און דאָס האָב איך אויפגעשטעלט. אָבער עס קאָנען קומען אַנדערע און מאַכן נייע כללים״.

ווי מיר זעען, אַלזאָ, זיינען ביז נאָכן צענטן יאָרהונדערט, ד. ה. איבער דער גאַנצער צייט, וואָס די אידן זיינען געווען אין ארץ ישראל און אין בבל, קיין שום עיקרים פון אידנטום ניט געווען.

אָבער וואָס איז מכוח די דרייצן „אני מאמינ׳ס״, וואָס אַ איד זאָגט ביים דאַווענען? זיי ווערן דאָך אָנגערופן „י״ג עיקרים״? — ריכטיק. זיי ווערן טאַקע אַזוי באַצייכנט. אָבער וועגן דעם וועלן מיר באַלד זען.

* * *

אין אַ טייל סידורים (בלויז אין מתנגדישע און ניט אין חסידישע) ווערט אָנגעמערקט צו זאָגן דרייצן אַני מאמינ׳ס, וואָס זיינען אויך „י״ג עיקרים״. דאָס מיינט דרייצן הויפּט־פּרינציפּן פון אונזער גלויבן.

וואָס זיינען די דאָזיקע דרייצן הויפּט־פּרינציפּן? — די „אַני מאמינ׳ס״

ברענגען אַרויס יעדן עיקר מער אויספירלעך, אָבער אין קורצן זיינען זיי פאָלגנדיקע:

1) גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט;

2) אַז גאָט איז איינער;

3) אַז גאָט האָט ניט קיין פאָרם און קיין געשטאַלט פון אַ גוף;

4) אַז עס איז ניט געווען קיין גאָט פאַר גאָט;

5) אַז מען דאַרף דינען נאָר אים און ניט קיין פאַרטרעטער פון אים;

6) אַז מען דאַרף גלויבן אין די נביאים, אַז זיי זיינען געשיקט געוואָרן פון גאָט;

7) אַז משה איז געווען דער נביא פון אַלע נביאים;

8) אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן צו אונז פון גאָט;

9) אַז צו דער תורה קאָן מען גאָרניט צוגעבן און גאָרניט פון איר אַראָפּנעמען;

10) אַז גאָט האָט השגחה איבער דער וועלט;

11) אַז עס איז דאָ באַלוינונג און באַשטראָפונג (שכר ועונש) פאַר גוטע מעשים און פאַר שלעכטע טאַטן;

12) אַז עס וועט קומען משיח, און אפליו ווען ער פאַרזאַמט זיך צו קומען, טאָר מען ניט פאַרלירן דעם גלויבן, אַז ער וועט קומען;

13) אַז נאָך משיח׳ס קומען וועט זיין תחית המתים. די טויטע וועלן אויפשטיין צוריק צום לעבן.

צו די דרייצן „אני מאמינ׳ס״ נאָכן דאַווענען, האָט מען אויך אַוועקגעשטעלט, באַלד פון אָנהויב דאַווענען, צוויי פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס זיינען כולל די דרייצן עיקרים. איינס איז „אדון עולם אשר מלך״ (דער מחבר איז ניט באַוואוסט) און „יגדל אלקים חי וישתבח״ (דער מחבר איז געווען דניאל בן יהודה, דיין פון רוים. געלעבט אין סוף פון 13טן יאָרהונדערט).

ווער האָט אָבער געשאַפן די דרייצן „אני מאמינ׳ס״? און ווי אַזוי איז עס געשען אַז דער מחבר האָט זיך ניט געקימערט וועגן דעם, וואָס ביי אידן זיינען קיינמאָל קיין שום „עיקרים״ ניט געווען? היינט די ווערטער „אני מאמין״ (איך גלויב), ווי אַזוי האָט זיך גאָר געהויבן ביי אים די האַנט צו שרייבן דאָס, אין דער צייט, ווען ביי אידן האָט מען קיינמאָל ניט געברויכט דאָס וואָרט „אמונה״ (גלויבן), ווייל דער גאַנצער ענין איז אונז פרעמד. אַלע שטעלן אין תנ״ך, וואו עס רעדט זיך וועגן „אמונה״, ווי למשל, „ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״, אָדער „והאמין בה׳״ און דאָס גלייכן, ווערן נאָר געבראַכט בדרך סיפור, דאָס מיינט, אין אַ דערציילערישער פאָרם, אַז עס איז אַזוי און אַזוי געווען, אָבער קיינמאָל ניט בלשון ציווי, אין פאָרם פון אַ געבאָט, אַז מען מוז אַזוי טאָן — און יעדעס מאָל, ווען עס רעדט זיך וועגן

גאָט, ווערט געברויכט דאָס וואָרט „ידיעה", ווי למשל, „וידעת היום... כי ה' הוא האלקים" און אַנדערע ענלעכע אויסדרוקן. דעריבער פון וואַנען האָט דער מחבר פון די דרייצן „אני מאמינ'ס" עס גענומען?

היינט די דרייצן „עיקרים" גופא. זייט ווען זיינען דאָ ביי אונז דרייצן הויפּט־פּרינציפּן פון אידנטום? וואו געפינען זיי זיך? ניט אין דער תורה, ניט אין די נביאים, ניט אין דער משנה און ניט אין דער גמרא ווערט דערמאָנט אַזאַ צאָל פון עיקרים.

לאָמיר פּרובירן צו באַטראַכטן דעם ענין.

* * *

מיר האָבן דאָ פאַר זיך פיר פראַגן. זיי זיינען: 1) ווער איז געווען דער מחבר פון די דרייצן „אני מאמינ'ס"? 2) ווי אַזוי קומט עס, וואָס ער האָט אינגאַנצן געשאַפן „עיקרים", ווען קיינער פאַר אים האָט אַזעלכע ניט גע־וואַגט אויפצושטעלן? 3) ווי אַזוי קומט עס, וואָס ער האָט ביי יעדן „עיקר" אַוועקגעשטעלט די צוויי ווערטער „אני מאמין"? און 4) פאַרוואָס האָט ער געשאַפן דרייצן עיקרים? פון וואַנען האָט ער גענומען די צאָל דרייצן?

צום ערשטן לאָמיר זוכן דעם ענטפער צו דער ערשטער פראַגע, ווער עס האָט געשאַפן די „אני מאמינ'ס". ווי ווייט מיר ווייסן, זיינען די „אני מאמינ'ס" געשאַפן געוואָרן פון אַן אומבאַקאַנטן מחבר. אָבער זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרן לויט אַ טעזע פון ר' משה בן מימון, באַקאַנט אַלס דער רמב"ם (געבוירן אין קאָרדאָוואַ (שפּאַניע), אין יאָר 1135 און נפטר געוואָרן אין עגיפּטן, אין יאָר 1206. ער איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין טבריה, ארץ ישראל). דער רמב"ם האָט אויפן 33טן יאָר פון זיין לעבן, נאָך אַן אַרבעט פון צען יאָר, פאַרענדיקט אויף אַראַביש אַ פירוש אויף משניות. אין אָט דעם פירוש אויף דער מסכת סנהדרין, פרק חלק, זאָגט ער אַרויס אַ גאַנצע רייע פון געדאַנקען וועגן אידנטום.

ער ווייזט אָן דאָרטן, אַז עס זיינען פאַראַן ביי אידן דריי גרופּן מענטשן. די ערשטע באַשטייט פון פרומע און פאַנאַטיקער, וועלכע גלויבן, אַז אַלץ וואָס עס שטייט געשריבן אין דער גמרא וועגן משיח, שכר ועונש און תחית המתים, מיינט מען דערמיט פשוט, אַזוי ווי עס שטייט, אַז עס איז פאַראַן אַ יענע וועלט מיט אַ גן־עדן און אַ גיהנום און עס וועט נאָכן קומען פון משיח זיין תחית המתים א. ד. ג.

די צווייטע גרופּע פאַרשטייט שוין דאָס אַנדערש, אין אַ העכערן זין, און האָט פאַר די אַלע רייד אַ מער־גייסטיקע אויסטייטשונג. די דריטע גרופּע, וואָס איז קיין גרופּע בכלל ניט, ווייל די צאָל פון אירע מענטשן איז זייער קליין, פאַרשטייט, אַז דאָס איז אַלץ נאָר אַ משל און אַ מליצה און אַז מען דאַרף דינען דעם רבונו של עולם אָן צו טראַכטן וועגן אַ באַלוינונג און אויך אָן מורא פאַר אַ שטראָף. דער רמב"ם פאַרגלייכט דעם ענין פון „שכר ועונש" צו דעם, וואָס מען גיט אַ קינד צוקערקעס, כדי אַז עס זאָל

לערנען. אָדער שפּעטער גיט מען אַ בחור׳ל, אויך כדי ער זאָל לערנען, אַ נייעם מלבוש. נאָך שפּעטער, ווידער, זיינען דאָ אַזעלכע וואָס לערנען כדי מ׳זאָל זיי דערפאַר צוטיילן כבוד. די וואָס פאַרשטייען אָבער, זוכן ניט קיין באַלוינונג. זיי פאַרשטייען, אַז דער ענין אַליין איז וויכטיק. און דער רמב״ם קומט צום אויספיר, אַז ער וועט אויפשטעלן געוויסע „יסודות״ (געדענקט: „יסודות״ און ניט „עיקרים״) פאַרן פּראָסטן המון, וואָס דאַרף עס האָבן. ער זאָגט בפירוש אַזוי: „כ׳האָב דאָס געגעבן פאַר די מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום דערציאונג אין דעם וויכטיקן ענין, וואָס ניט אַלע מענטשן קאָנען משיג זיין״. נאָך אַט־דער הקדמה, ברענגט ער דרייצן „יסודות״ פון אידנטום, וואָס עס קאָן אויך מיינען „דרייצן כללים״, און ער רעדט אַרום יעדן „יסוד״ באַזונדער.

פון אַט־די דרייצן „יסודות״ האָט אַן אַנאָנימער מחבר געמאַכט די דרייצן עיקרים, צולייגנדיק צו יעדן „יסוד״ די ווערטער „אני מאמין״, וואָס ביים רמב״ם זיינען זיי ניטאָ (עס איז ביי אים דאָ דאָס וואָרט „שנאמין״, אָבער אויך ניט אַלס ציווי). יעדנפאַלס, די דרייצן „אני מאמינ׳ס״ זיינען נאָר בלויז מאָדעלירט געוואָרן לויטן רמב״מ׳ס דרייצן „יסודות״, אָבער זיי זיינען ניט זיינע. די גאַנצע פּרינציפּן־דערקלערונג איז אָבער אויך קעגן דעם רמב״מ׳ס גייסט. דאָס זעען מיר פון זיינע אַנדערע ווערק, ווי ער אַליין דערקלערט איניקע פּונקטן פון די „יסודות״ גאָר אַנדערש. אַזוי זאָגט דער רמב״ם אַליין אין „יד החזקה״, אַז געוויסע זאַכן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אין זיינע דרייצן „יסודות״, זיינען ניט קיין עיקרים פון אידנטום.

אין „מורה נבוכים״ גייט דער רמב״ם אַוועק נאָך ווייטער און גיט דעם גאַנצן ענין פון משיח און „תחית המתים״ גאָר אַ פילאָזאָפישע אויסטייטשונג, אַז דאָס מיינט אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די וועלט וועט שטייגן הויך אין חכמה און פאָלקאָמענהייט און עס וועט פאַרקומען אַן אויסלייזונג פון דער פינסטערניש און מענטשן וועלן אויפוואַכן צו פאַרשטיין זאַכן, פאַר וועלכע זיי זיינען פריער געוועזן טויט. דער רמב״ם פּסק׳נט אויך, אַז ווען אַ גוי קומט צו אונז און וויל זיך מגייר זיין, זאָגט מען אים וועגן אחדות הבורא, וועגן פאַרבאָט פון עבודה זרה און עטלעכע פון די האַרבע מצוות און אויך עטלעכע פון די לייכטערע מצוות (לויט דער גמרא יבמות נ״ו). מען זאָגט אים אָבער ניט די דרייצן עיקרים.

קעגן אַט־די „יסודות״ זיינען געוועזן שטאַרקע אַרויסטרעטונגען, סיי פון דער רבני׳שער וועלט און סיי פון די אויפגעקלערטע.

צווישן דער גרויסער צאָל פון אידישע געלערנטע, וואָס האָבן קריטיקירט די „יסודות״, זיינען געוועזן צוויי, וועלכע זיינען גאָר שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן זיי. דאָס זיינען געוועזן ר׳ חסדאי קרשקש (קרעסקאַס) אין זיין ספר „אור ה׳״, וועלכער האָט אויפגעוויזן, אַז די דרייצן „יסודות״ האָבן ניט קיין שום מקור אין אידנטום און העכסטנס קאָן מען נאָר באַטראַכטן פינף פון זיי

אַלס „יסודות"; און ר' יוסף אַלבו, וועלכער האָט פאַרפאַסט אַ גאַנץ ספר וועגן דעם ענין, אונטערן נאָמען „העיקרים", וואו ער זאָגט בפירוש: „מיר, אידן, האָבן ביז איצט ניט געוואוסט פון קיין עיקרים פאַרן אידנטום. עס איז דעריבער געפערלעך צו וועלן פעסטשטעלן אַזעלכע פּרינציפּן, ווייל עס קומט אויס לויט זיי, אַז ווער עס גלויבט ניט, למשל, אין „שכר ועונש" אָדער אין קומען פון „משיח" אָדער אין „תחית המתים", איז ניט קיין איד, און דאָס איז דורכאויס פאַלש. דאָס וואָס די גמרא זאָגט, אַז „הכופר בתחית המתים אין לו חלק לעולם הבא" — ווער עס לייקנט אין תחית המתים, האָט ניט קיין עולם הבא, מיינט העכסטנס אַ שטראָף ניט צו האָבן עולם הבא, ווייל ער גלויבט ניט דערין. אָבער עס מיינט ניט, אַז ער איז דערפאַר מער ניט קיין איד. הײַנט וועגן ענין פון משיח זעען מיר אויך אין דער גמרא, אַז דער אמורא הלל האָט געזאָגט: „אין להם משיח לישראל" — אידן האָבן ניט קיין משיח מער. פונדעסטוועגן האָט קיינער ניט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז ניט מער קיין איד, דערפאַר וואָס ער דענקט אַזוי".

בכלל, פירט אויס ר' יוסף אַלבו, איז צו זען, אַז דער רמב"ם אַליין האָט ניט געהאַלטן פון די דרייצן יסודות. דער רמב"ם, פירט ער אויס, האָט געהאַט צווייערליי פאָרמולירונגען: איין פאָרמולע פאַרן המון, פאַר וועלכן ער האָט געשאַפן די דרייצן „יסודות", און אַ צווייטע פאַר די, וואָס זיינען שוין אויפגעקלערט און גיבן זיך אָפּ מיט חקירה, דאָס הייסט פאַר אינטעלי־גענטע מענטשן. ער האָט אָבער פאַר זיי עס ניט פאָרמולירט אין אַ סדר אַזוי ווי פאַרן המון, ווייל זיי דאַרפן דאָס ניט, נאָר האָט בלויז אויסגעדריקט זיינע ליבעראַלע געדאַנקען, דאָ און דאָרטן, אין זיינע ווערק.

אַזוי אַרום האָבן די דרייצן „אני מאמינ'ס", וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן לויטן רמב"מ'ס „יסודות", קיין גרונד ניט. זיי זיינען דעריבער ניט קיין „עיקרים" פון אידנטום און — ניט בינדענד פאַר יעדן איד.

* * *

אין דער ווייטערדיקער דיסקוסיע וועגן „כללים" (ניט „עיקרים") פאַרן אידנטום האָבן די גרויסע געלערנטע פון דער ספרדישער עפּאָכע, יעדער איינער אַרויסגעזאָגט זיך וועגן אַנדערע. ר' יוסף אַלבו האָט געשאַפן דריי „כללים", און אַזוי האָבן אַנדערע געשאַפן אַנדערע „כללים". אַזוי האָט געטאָן רבינו בחיי בן ר' יוסף פּקודה אין זיין ספר „חובת הלבבות"; ר' יהודה הלוי אין זיין ספר „הכוזרי"; ר' שלמה בן גבירול; ר' אברהם אבן עזרא און פיל אַנדערע. לויט דאָן יצחק אברבנאל זיינען אַלע מצוות — עיקרים און מען קאָן ניט זאָגן וועלכע עס איז די וויכטיקסטע. די פּוסקים גייען נאָך ווייטער און זאָגן, אַז ניט נאָר די מצוות פון דער תורה, נאָר אַלע געבאָטן פון די תנאים און אמוראים זיינען עיקרים. און לויט די מקובלים, זיינען אַפילו די סייגים און חומרות אויך עיקרים און אַזוי אַלע מנהגים.

* * *

מיר זעען, אַלזאָ, אַז דאָס אידנטום האָט ניט, אין גרונד גענומען, קיין שום באַשטימטע פאָרמולירונגען פון פרינציפּן. עס איז ניטאָ אַזעלכעס וואָס מען זאָל עס קאָנען באַצייכענען מיט אָט דעם נאָמען און אַז די וואָס האָבן געזוכט צו שאַפן „עיקרים" פאַרן אידנטום זיינען געווען אַזוי פאַרשידנ־אַרטיק אין זייערע מיינונגען, אַז זיי ציען זיך פון איין עקסטרעם צום אַנדערן, פון שאַפן איין עיקר ביז צו זאָגן, אַז אַלץ איז אַן עיקר.

.5

צדיקים און בעלי־תשובה ביי אידן און ניט־אידן

כאַפּט־אָן אַ אידיש אינגל, וואָס איז בר־מצוה און וואָס פאַרשטייט דעם תנ"ך, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר, און שטעלט אים די פאָלגנדיקע פראַגע:

— ווער איז ביי אידן אַ צדיק?

דאָס אינגל וועט אייך ענטפערן:

— דער וואָס האָט קיינמאָל ניט געזינדיקט. דער וואָס טוט דאָס גוטע און רעכטפאַרטיקע אין גאָט'ס אויגן.

איר קאָנט אים אויך שטעלן אַ צווייטע פראַגע:

— ווער זיינען, לויט דיין מיינונג, געווען צדיקים?

דערויף וועט ער אייך ענטפערן:

— נח, ווייל עס שטייט „נח איש צדיק", און זיכער — די אבות, אברהם, יצחק און יעקב. דערנאָך קומען משה רבינו, אהרן הכהן און אַלע נביאים און דערנאָך נאָך אַנדערע.

איצט שטעלט אָפּ סתם אַ אידן אין גאַס, אַ איד, וואָס קען אַביסל אין די קליינע אותיות און פרעגט אים די זעלבע צוויי פראַגן, וועט ער אייך ענטפערן אויף דער ערשטער פראַגע: „ווער איז, לויט אייער מיינונג, אַ צדיק"?

— דער וואָס היט אָפּ אַלע געבאָטן פון דער תורה; דער וואָס איז ניט עובר אַפילו אויף דער קלענסטער עבירה; דער וואָס באַקעמפט דעם יצר־הרע; דער, וואָס גייט אין גאָט'ס וועגן.

ווען איר וועט דעם אידן שטעלן די צווייטע פראַגע: „ווער עס זיינען געווען די צדיקים?" וועט ער אייך צו די נעמען, וואָס דאָס אינגל האָט אויס־גערעכנט, צוגעבן נאָך אַלע תנאים און אמוראים, אַלע רבנים און רביים פון אַלע צייטן.

איצט, שטעלט־אפּ אַ אידן, אַ למדן, און פרעגט אים די ערשטע פראַגע. ער וועט אייך ענטפערן:

— אַ צדיק איז דער וואָס טוט „לפנים משורת הדין" (ד. ה. ניט נאָר דאָס, וואָס מען דאַרף טאָן לויטן דין, נאָר נאָך מער ווי דער דין איז), אַזוי זאָגט די גמרא. ער וועט אייך אויך זאָגן, ווידער לויט דער גמרא, צדיקים זיינען גרעסער ווי מלאכים און אַז צדיקים קאָנען אָפּראַטעווען אַפילו אַ שטאָט מיט רשעים, ווייל אין דער צייט פון סדום זיינען געווען נאָר 8 צדיקים. ווען עס וואָלטן אָבער געווען צען, וואָלט צוליב זייער זכות די שטאָט סדום ניט אונטערגעגאַנגען. אַזוי וועט ער אייך זאָגן נאָך פיל זאַכן, וואָס עס שטייט געשריבן ביי אונז אין די הייליקע ספרים וועגן צדיקים.

— און וואָס איז וועגן בעלי תשובה? — וועט איר אים, דעם למדן, פרעגן — וואָס איז וועגן זיי? זיינען זיי אַזוי גוט ווי צדיקים, אָדער ניט?

דער איד, דער למדן, וועט זיך קוועטשן און דרייען און וועט אייך ענטפערן אַזוי:

— נו, אַוודאי, תשובה איז אַ גרויסע זאַך. גאָט וויל, אַז מען זאָל תשובה טאָן. אַפילו ווען מען איז געווען אַ רשע דאָס גאַנצע לעבן און מען טוט תשובה, איז גאָט אויך מוחל אַלע זינד. אָבער דאָך ווענדט זיך ווען מען טוט תשובה, צי דעמאָלט ווען מען קאָן נאָך זינדיקן, אָדער שוין שפּעטער.

ער וועט אייך ווייטער זאָגן:

— פונדעסטוועגן איז דאָ אַן אונטערשיד צווישן צדיקים און בעלי־תשובה. דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער גמרא (סוכה נ"ג). ביי דער שמחת בית השואבה, ווערט דערציילט, האָבן די צדיקים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט, געזאָגט: „וואויל איז אונז, וואָס אונזער יוגנט האָט ניט פאַרשעמט אונזער עלטער". די, וואָס האָבן יאָ געזינדיקט און האָבן געטאָן תשובה, האָבן געזאָגט: „וואויל איז אונזער עלטער, וואָס האָט פאַרגעבן דאָס וואָס מיר האָבן געטאָן אין אונזער יוגנט". און אַלע האָבן געזאָגט: „וואויל איז די, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט, אָבער די וואָס האָבן יאָ געזינדיקט, זאָלן ווערן בעלי תשובה". עס זיינען אָבער דאָ אַזוינע עבירות, וואָס אַפילו ווען מען טוט תשובה ווערן זיי אויך ניט פאַרגעבן.

דער אידישער באַגריף וועגן „צדיקים" און „בעלי תשובה" איז דעריבער אַזאַ: צדיקים זיינען אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט; בעלי תשובה — אַזעלכע, וואָס האָבן געזינדיקט און תשובה געטאָן. זיי זיינען ניט פון דער מדרגה פון אמת'ע צדיקים, אָבער זיי זיינען צדיקים פון אַ צווייטער מדרגה.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז די אידעאָלאָגיע וועגן „צדיקים" און „בעלי תשובה" אין דער קריסטלעכער וועלט. ביי זיי רעדט זיך אינגאַנצן ניט

פון „צדיקים", דאָס הייסט, פון אַזעלכע וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט. די רייד איז נאָר וועגן „בעלי תשובה". הייליקע זיינען ביי זיי נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן געזינדיקט און תשובה געטאָן. אָט דאָס זיינען עס די „סעינטס", ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען.

דאָס איז דערפֿאַר אַזוי, ווייל דער ענין „תשובה" איז דער גאַנצער באַזיס פון קריסטנטום. עס איז אינגאַנצן אויסגעבויט געוואָרן דערויף און דאָס איז דער הויפּט־קוואַל פון דער גאַנצער רעליגיע. קריסטנטום זאָגט אונז, אַז די וועלט איז געווען זינדיג און אַזוי ווי גאָט האָט מער קיין מבול ניט געוואָלט ברענגען אויף דער וועלט, האָט ער געשיקט אַהער זיין זון, כדי צו וועקן דעם עולם צו תשובה און חרטה האָבן אויף זייערע זינד.

דער „נייער טעסטאַמענט" דערציילט, אַז נאָך פאַרן קומען פון יעזוס'ן, האָט יוחנן דער טובל'ער (דזשאָן דהי באַפּטיסט) גערופן דעם עולם צו תשובה דורך טובל זיין זיך אין ירדן. ער האָט גערופן, ווי עס ווערט דערציילט אין „מאַטיוס" (קאַפּיטל 3), אַז מען „זאָל טאָן תשובה דורך מתוודה זיין אויף די זינד". „איך בין זיך טובל אין ירדן, האָט ער געזאָגט, כדי איר זאָלט תשובה טאָן. טוט תשובה און ווערט צדיקים".

באַלד נאָך אים הערן מיר די זעלבע ווערטער אויך פון יעזוס'ן אַליין. ער וועקט כסדר די מענטשן צו תשובה. אין זיין באַוואוסטער רעדע אויפן באַרג, רופט ער צו „בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל פאַרגעבן די זינד, אַזוי ווי מיר טוען עס צו אַנדערע, וואָס האָבן אונז געטאָן שלעכטס" (מאַטיוס, קאַפּיטל 5). און וועגן זיין מיסיע אויף דער וועלט, זאָגט ער: „איך בין ניט געקומען כדי צו רופן די צדיקים, אַז זיי זאָלן קומען צו מיר, נאָר בלויז צו די זינדיקע, אַז זיי זאָלן צו מיר קומען" (מאַטיוס, קאַפּיטל 9—13).

אָט די ווערטער ווערן איבערגע'חזר'ט פון אים שפּעטער פיל מאָל. דאָס זעלבע טוען אויך אַלע אַפּאָסטאָלן. אַלע דערקלערן זיי, אַז זייער אויפגאַבע איז צו ברענגען די מענטשן צו טאָן תשובה אויף זייערע זינד. דאָס איז אַלזאָ געוואָרן די אידעאָלאָגיע פון קריסטנטום.

מיר זעען איצט, אַז דער גרונט־אונטערשיד צווישן ביידע רעליגיעס, אידנטום און קריסטנטום, באַשטייט אין דעם, וואָס לויטן אידנטום זיינען צדיקים אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט, און בעלי תשובה קומען אויף דעם צווייטן פּלאַץ, אין דער צייט ווען קריסטנטום האָט באַלד פון אָנהויב אָן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט צדיקים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט, נאָר בלויז מיט בעלי תשובה, און אַזעלכע ווערן ביי איר פאַר־רעכנט פאַר צדיקים.

אָט דער טעאָרעטישער אונטערשיד פירט אויך צו דער פּראַקטיק, צום לעבן גופא.

דער אידישער הייליקער איז אַ צדיק, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזינדיקט.

עס זיינען טאַקע דאָ אויך בעלי תשובה, אָבער זיי זיינען אין דער צווייטער מדרגה. דער קריסטלעכער הייליקער איז אַ בעל־תשובה (זעלטן איז עס איינער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזינדיקט). לויט דער קריסטלעכער אידעאָ־לאָגיע איז נאָר אַ צדיק דער, וואָס האָט געזינדיקט און שפּעטער זיך איבער־געבראָכן, האָט אָנערקענט גאָט און באַקעמפט אין זיך די ליידנשאַפט צו זינד. בלויז דער איז אַ הייליקער. און גראָד דער, וואָס האָט ניט געהאַט אַזאַ קאַמף צו פירן מיט זיך אַליין, איז ניט אַזאַ הייליקער, ווייל ער האָט גאָרניט געליטן און ניט געהאַט צו פירן אַ קאַמף מיט זיך.

דעריבער זיינען אונזערע צדיקים גאַנץ אַנדערש ווי ביי זיי. די צדיקים, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געזינדיקט, זיינען געווען, ווי דאָס אינגאַל האָט אויסגערעכנט: די אבות, משה און אהרן, די נביאים און אַלע אַנדערע, וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ"ך; און אויך די, וואָס דער פשוט'ער איד האָט צוגעגעבן: די תנאים, ווי ר' יהודה הנשיא (רבי), ר' עקיבא, ר' מאיר און אַנדערע, וואָס זיינען געווען ריין פון יעדער זינד, און אויך די שפּעטערדיקע גרויסע, לויטן למדן, ווי ר' סעדיה גאון, דער רמב"ם, ר' יהודה הלוי, ר' יוסף קארו (דער מחבר פון שלחן ערוך), דער האר"י הקדוש, דער בעל שם טוב, ר' שניאור זלמן פון ליאָדי, דער ווילנער גאון, ר' לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, דער „חפץ חיים" און אַנדערע.

אָט די אידן האָבן געלעבט אַ ריין, הייליק און אומבאַפלעקט לעבן. זיי זיינען געווען אַריינגעטאָן נאָר אין דריי זאַכן: אין תורה, עבודה (תפילה) און גמילות חסדים. זיי זיינען קיינמאָל ניט באַגאַנגען קיין שום זינד און עס איז אַפילו ניט געקומען אַמאָל צו זיי אין קאָפּ אַריין עפּעס אַ זינדיקע מחשבה.

נאָך זיי קומט, באַטירלעך, די גרויסע רייע פון בעלי תשובה, וואָס זיינען געליטערט געוואָרן אין זייערע יסורים און וועלכע מען האָט זיי מוחל געווען אַלע זייערע עבירות און זיי ווערן באַטראַכט כמעט ווי צדיקים. דאָך קיין פירנדיקע ראָלע האָבן זיי ביי אונז ניט פאַרנומען.

איצט וועלן מיר זיך באַקענען מיט זייערע הייליקע. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף פינף פון די סאַמע הייליקסטע אין דער קריסטלעכער וועלט, די גרינדער פון פינף גרויסע אָרדנס, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַר־שפּרייטן די קריסטלעכע לערע. זיי זיינען געווען: סעינט פראַנציס דע אַסיסי (1226 — 1182), גרינדער פון פראַנציסקאַנער אָרדן (דער גרעסטער פון אַלע. ער ציילט איצט באַענט צו דריי מיליאָן מיטגלידער); סעינט דאָמיניק (1221 — 1170), גרינדער פון דאָמיניקאַנער אָרדן; סעינט איגנאַטוס דע לייאלא (1556 — 1491), גרינדער פון יעזואיטישן אָרדן; מאַטעא די ביאַסי (סוף 16טן יאָרהונדערט) גרינדער פון קאַפּוטשינער אָרדן, און סעינט פּעט־ריק, וואָס האָט אייגנטלעך געלעבט אין פערטן יאָרהונדערט, אָבער דער אָרדן אויף זיין נאָמען איז געגרינדעט געוואָרן ערשט אין 18טן יאָרהונדערט.

עס איז מערקווירדיק, וואָס ווען מען לייענט די לעבנס־געשיכטן פון אָט די אַלע הייליקע, זעט מען גלייכע שטריכן אין זייער יוגנט־ביאָגראַפיע. אַלע זיינען זיי אין זייערע יונגע יאָרן געווען מלחמה־פירער און געלעבט אויף דער שווערד. זיי האָבן געקעמפט אין דער אָדער יענער אַרמיי. אַזוי איז עס געווען ביי פרענציס דע אַסיסי אין זיין שטאָט, אַזוי איז געווען ביי לייאָלאַ און אַזוי אויך ביי אַלע אַנדערע. אויך האָבן זיי, מערקווירדיק, כמעט אַלע געליטן אין דער יוגנט פון אַ קראַנקהייט און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זייער לעבן און געזען, אַז זיי זיינען אויף אַ פאַלשן וועג און תשובה געטאָן אויף זייערע זינד און זיך אומגעקערט צו גאָט אויף אַן אמת. זייער תשובה איז געווען זייער אַ פיינלעכע, אַ האַרבע און אַ שווערע און אָט דערין שטעקט זייער גרויסקייט.

מיר זעען, אַלזאָ, דאָ פּאַר זיך צוויי באַזונדערע אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען כלל ניט גליך איינע צו דער אַנדערער. אָבער אָט די קריסטלעכע אידעאָלאָגיע, וואָס שטעלט אַרויס בעלי תשובה אַלס די אמת'ע צדיקים און הויבט זיי אַפילו אויף העכער איבער יענע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט גע־זינדיקט, שפּיגלט זיך אָפּ אין אַלע שאַפונגען פון די גרויסע מייסטער פון דער אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטור זייט הונדערטער יאָרן. אין אַלע ווערק פון די קלאַסיקער ביז די ווערק פון היינטיקן טאָג, געשריבן פון ניט־אידן, זעען מיר העלדן, וואָס אויב זיי זיינען צדיקים, זיינען זיי אַזעלכע, וואָס האָבן פריער געזינדיקט און דערנאָך תשובה געטאָן. קיין אַנדערע זיינען ניטאָ. כדי דאָס נאָך מער קלאָר צו מאַכן, וואָלט זיך געפאָדערט אַ לענגערער שפּאַציר איבער דער וועלט־ליטעראַטור פון די לעצטע הונ־דערטער יאָרן, אָבער פאַר דעם האָבן מיר דאָ קיין פּלאַץ ניט.

און איצט נאָך עפּעס, וואָס איז דאָ אין דער קריסטלעכער אידעאָלאָגיע, וואָס איז כלל ניט ענלעך צו אונזערער, נעמלעך: די קאַנאָניזירונג פון אַ מענטשן אַלס אַ הייליקן. דאָס איז דעם אידישן וועג אינגאַנצן פרעמד.

די קאַטוילישע קירכע האָט אַ קאָלאָסאַלע ענציקלאָפּעדיע, וואָס אַנטהאַלט אַרום 20,000 הייליקע („סעינטס״). דאָס ווערק רופט זיך „מאַרטיראָלאָגיום ראָמאַנאָרום״. צווישן זיי זיינען דאָ אַרום 80 הייליקע פאַר וועלכע מען האָט באַשטימט געוויסע טעג פון יאָר, און זיי ווערן געפייערט אין פאַרשידענע לענדער, יעדער חודש האָט אַ געוויסע צאָל טעג פון הייליקע, וואָס דאַרפן געפייערט ווערן אַלס ימים־טובים. אָט דאָס איז אינגאַנצן קעגן דעם אידישן גייסט, ווייל מיר באַשטימען ניט ווער עס איז אַ הייליקער און מיר פייערן אויך ניט קיינעם פון אונזערע גרויסע גייסטער.

ביי אונז רופט מען אויך ניט אָן קיינעם מיט אַ טיטל „הקדוש״, אַפילו ווען ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם. די „עשרה הרוגי מלכות״, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, רופט מען ניט אָן קדושים, נאָר „הרוגי

מלכות״, און ר׳ עקיבא, וואָס איז געווען איינער פון זיי, האָט ניט ביי אונז די באַצייכענונג אין אָנהויב פון זיין נאָמען „הקדוש״, ווי ביי זיי „סעינט״. מען זאָגט ניט „הקדוש ר׳ עקיבא״, נאָר ר׳ עקיבא. מיר רופן אָן „קדושים״, אין אַ קאָלעקטיוון זין, די, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, אָבער ניט יעדן יחיד באַזונדער, און אַוודאי ניט אַלס אַ טיטל צו זיין נאָמען. ביי אונז איז מען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אַפילו ניט געוואָלט שטעלן קיין מצבות אויף די קברים פון צדיקים, ווי דער ירושלמי זאָגט „אין עושין נפשות לצדיקים, דבריהם הן הן זכרונן״ (ירושלמי, שקלים פ״ב ה״ה).

ווי מיר זעען, אַלזאָ, האָבן מיר דאָ צוויי באַזונדערע אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען פונקט דער היפוך איינע פון דער אַנדערער. דאָס זיינען צוויי פאַר־שידענע שטאַנדפונקטן, צוויי אייגנאַרטיקע מאָסן פאַר צדיקים און בעלי־תשובה.

.6

ליכט און שאָטן אין דער אידישער געשיכטע

די שעפער פון דער ביבל, ווען זיי האָבן געשריבן וועגן די העלדן פון אַן עפּאָכע, האָבן זיי געהאַלטן פאַר זייער פליכט צו געבן דעם גאַנצן אמת וועגן יעדן איינעם פון זיי, סיי די ליכטיקע זייטן און סיי די שאָטן־זייטן, ד. ה. די שיינע מעשים און די ניט־שיינע, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע. דורך דעם האָבן זיי אונז געגעבן די דאָזיקע העלדן אין אַ מענטשלעכער פאָרם. זיי האָבן אונז פאָרגעשטעלט די גרויסע פירער אַלס מענטשן. דאָס איז געווען זייער ריכט־ליניע און דאָס גייט דורך איבער אַלע אונזערע ספרים פון אָנהויב ביזן סוף, פון די אָבות ביז צו די סאַמע לעצטע צייטן.

שוין אין חומש געפינען מיר ליכט און שאָטן ביי די אָבות. ביי אברהם אָבינו געפינען מיר צוזאַמען מיט די לויב־ווערטער וועגן זיין דערקענען גאָט, וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד און צוזאַמען מיט זיין תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף דער שטאָט סדום, כאָטש זי איז זינדיק, אויך דעם פאַקט, אַז ער האָט געזאָגט צו פרעה מלך מצרים, אַז זיין ווייב שרה איז זיין שוועסטער און אויך דאָס, וואָס ער האָט פאַרטריבן פון זיין הויז הגר׳ן מיט איר קינד, וועלכער איז געווען זיין בלוט און פלייש. אַזוי זיינען אויך דאָ שאָטן־זייטן אין לעבן פון יצחק, פון יעקב און אין זיינע קינדער (ווי די מעשה יהודה און תמר) און פיל אַנדערע.

דאָס זעלבע זעען מיר אויך ביי משה׳ן, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס „איש אלקים״ (געטלעכער מאַן). דאָך ווערט וועגן אים דערציילט, אַז ער האָט דערמאָרדעט אַ מצרי, וואָס האָט געשלאָגן אַן איש עברי, כאָטש מאָרד איז

מאָרד, וועלכער מאָטיוו עס זאָל דערביי ניט זיין. עס ווערט אויך דערציילט וועגן אים, אַז מען האָט אים געטאַדלט, ווייל ער האָט גענומען אַן אשה כושית. אויך זיין צאָרן איבער די אידן, נאָך דער מעשה פון עגל, וואו ער האָט געהייסן, אַז אַ ברודער זאָל אומברענגען אַ ברודער, איז שווער צו פאַרשטיין און דאָס זעלבע אויך וועגן זיין כעס אויף אהרנ׳ס צוויי קינדער, נדב און אביהוא, וועלכע זיינען אומגעקומען ביים מקריב זיין דאָס קטורת ניט אַזוי ווי משה האָט געהייסן. און אַזוי זיינען דאָ נאָך אַנדערע אַזעלכע מאָמענטן.

דאָס אַלץ אָבער האָט ניט פאַרקלענערט אַפילו אויף אַ האָר, די געט־לעכע געשטאַלט פון משה רבינו, סיי פאַר דער געשיכטע און סיי ביים אידישן פאָלק. משה רבינו איז געבליבן אונזער משה, דער גרויסער פירער פון די אידן, דער וואָס האָט אונז געגעבן די תורה, דער וועלכער די תורה זאָגט עדות וועגן אים „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה״ (און עס איז ניט אויפ־געשטאַנען נאָך אַזאַ נביא ווי משה).

דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן. ווי, למשל, ביי דער שילדערונג פון דער ליבע־באַגעגעניש פון דוד׳ן מיט דער שיינער פאַרהייראַטער אַביגיל, וועלכע ער האָט ניט לאַנג דערנאָך גענומען פאַר אַ ווייב, נאָכן פלוצלונגדיקן טויט פון איר מאַן נבל און איבערהויפּט די געשיכטע פון בת שבע, דאָס ווייב פון אוריה החתי, וועלכן ער האָט געשיקט אויף דער ערשטער ליניע אין שלאַכט־פעלד, כדי ער זאָל אומקומען און האָט דערנאָך גענומען די שיינע פרוי פאַר אַ ווייב, פאַרוואָס דער נביא נתן האָט אים אומרחמנות׳דיק געשטראָפט. אָבער דאָס האָט אויך ניט געשטערט, אַז דוד המלך זאָל זיין דער „נעים זמירות ישראל״, דער ליבער זינגער פון די האַרציקע תפילות, וואָס מיר געפינען אין תהלים, און זאָל ווערן אָנערקענט ביי אידן אַלס דער גרעסטער קעניג, וואָס עס איז געוועזן ביי אידן און פון וועלכן עס וועט אַמאָל אַרויסקומען דער אויסלייזער, דער משיח, וועלכער וועט זיין ניט קיין אַנדערער, ווי אַ בן־דוד — פון שטאַם פון דוד׳ן.

אַט דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין לעבן פון שלמה המלך, וועלכער איז געוועזן, ווי דער פּסוק זאָגט עדות וועגן אים, דער קלוגסטער פון אַלע מענטשן און וועלכער האָט, ווען ער האָט איבערגענומען די מלוכה פון זיין פאָטער דוד, געבעטן צו גאָט, ניט אויף רייכקייט און ניט אויף צו באַזיגן זיינע שונאים, נאָר, אַז גאָט זאָל אים געבן חכמה און ערלעכקייט צו קאָנען זיין אַ יושר־דיקער ריכטער און אַן אויפריכטיקער קעניג צו זיין פאָלק. פונדעסטוועגן האָט דער ביבל־שרייבער ניט אָפּגעהאַלטן זיך פון צו דערציילן וועגן אים, אַז ער האָט ליב געהאַט פרויען פון פרעמדע פעלקער, וועגן וועלכע גאָט האָט געזאָגט, אַז מען זאָל פון זיי ניט נעמען פאַר קיין ווייבער... און עס איז געוועזן אויף זיינע עלטערע יאָרן, וואָס די ווייבער האָבן אָפּגענויגט זיין האַרץ, צו דינען פרעמדע געטער...

מיט דעם אַלעם אָבער איז שלמה המלך געבליבן ביי אונז דער סימבאָל פון תורה און חכמה, און צוזאַמען מיט זיין פאָטער דוד, איז יענע עפּאָכע, די פון דוד און שלמה געווען די שענסטע אין אידישן לעבן.

* * *

אויף דעם וועג זיינען אויך געגאַנגען די חכמים פון תלמוד. אויך אין דער צייט פון די תנאים זיינען ניט אַלע די, וואָס זיינען געווען טעטיק אין אידישן לעבן, ניט אַלע פירער און געלערנטע געווען לויטער מלאכים. און דעריבער ווערן זיי קיינמאָל ניט געשילדערט אַלס אַזעלכע.

אַזוי ווערט דערציילט וועגן גרויסן פירער רבן גמליאל פון יבנה, דער וועלכער איז געווען אַ נשיא בן נשיא און אַן אייניקל פון אַ נשיא און דער ערשטער וואָס האָט געקראָגן דעם טיטל „רבן", אַז ער האָט זיך ניט גוט אויפגעפירט בנוגע עטלעכע תלמידי חכמים, באַזונדערס קעגנאיבער ר' יהושע בן חנניה, וועלכן ער האָט געהייסן שטיין אויף די פיס אַ צייט לאַנג, און אַז דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורם קעגן אים און מען האָט אים דערפאַר אויפן אָרט אַראָפּגעזעצט פון זיין הויכן אַמט אַלס נשיא און אויסגעקליבן אַן אַנדערן. און אַזוי ווערט דערציילט נאָך אַנדערע אַזעלכע שאָטן־זייטן פון די אַנדערע תנאים צוזאַמען מיט די ליכט־זייטן.

אויך אין די צייטן פון די אמוראים ווערט דערציילט וועגן רב נחמן, וואָס די הלכה בלייבט אַזוי ווי ער אין געלט־ענינים, אַז ער האָט ניט אַרויס־געוויזן אַמאָל רחמנות צו אַ פרוי, אַן אלמנה, וואָס האָט געטענה'ט צו אים, אַז זיינע דינער האָבן צוגענומען איר האָלץ און דערפון געמאַכט אַ סוכה. עס ווערט אויך דערציילט פון זיין גאווה, דערפאַר וואָס ער איז געווען אַן איידעם פון עקזילאַרך (ראש הגולה) און האָט אַמאָל באַליידיקט תלמידי חכמים... דאָך דאָס אַלץ מינדערט ניט ביי אונז די געשטאַלט פון אים און פון אַנדערע גרויסע. זיי ווערן דורך די שאָטן־זייטן ניט קלענער. דערפאַר אָבער ווערן אונזערע שאַפונגען דורך דעם פיל גרעסער. סיי דער חומש, סיי די נביאים, סיי דער תלמוד און סיי אַלע אַנדערע שאַפונגען זיינען געוואָרן דערמיט אַליין, וואָס זיי גיבן אויך די שאָטן־זיין פון די באַשריבענע העלדן, גרעסער און פיל העכער. אין דעם ליגט זייער גרויסקייט. זיי גיבן אַלץ וועגן די העלדן, ליכט און שאָטן, צו ווייזן, אַז מיר אידן פאַרהייליקן ניט קיין מענטשן. מיר האָבן קאַנאָניזירט בלויז 24 ספרים פון תנ"ך, אָבער ניט די העלדן פון די פיר און צוואַנציק ספרים.

„און קיינער ווייסט ניט וואו עס איז דער קבר פון משה'ן ביזן היינטיקן טאָג" — שטייט צום סוף פון חומש און קיינער ווייסט אויך ניט וואו עס זיינען די קברים פון פיל אַנדערע העלדן. דאָס איז אונזער גאַנג אין דער געשיכטע.

7.

קאַמף־מאָטיוו אין דער אידישער געשיכטע

די אידישע געשיכטע איז ניט בלויז אַ קייט פון בלוט און טרערן, ווי מיר האָבן טיילמאָל דעם איינדרוק פון די באַשרייבונגען פון דער אידישער מאַרטיראָלאָגיע, נאָר זי איז אויך צו גלייכער צייט אַ היסטאָריע פון שטילע און שטורמישע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען געווען כסדר ביי אונז פון אָנ־הייב אָן, ווען אידן זיינען געוואָרן אַ פאָלק. עס זיינען געווען ביי אונז פיל ברוגזנדיקע קאַמפן סיי פון אַ קלענערן און סיי פון אַ גרעסערן כאַראַק־טער. אָבער די דאָזיקע קאַמפן זיינען פאָרגעקומען אין דער אידישער וועלט נאָר דעמאָלט, ווען זי האָט געהאַט מנוחה פונעם דרויסן, ווען די גוי׳אישע פרעמדע סביבה האָט ניט געלויערט אויף אונז אַלס פאַרניכטנדיקער שונא. אין יאָרן, אָבער, פון אַן עת צרה, אין אַ מאָמענט פון אַ געפאַר, האָט מען פאַרגעסן אַלע מחלוקת׳ן, דער פירוד הלבבות האָט אויפגעהערט און מען האָט זיך פאַראייניקט צו באַזייטיקן די סכנה. נאָר ווען די צרה איז אַריבער און ישראל איז געזעסן מער־ווייניקער במנוחה, האָט זיך ווידער אַמאָל צע־פלאַקערט ביי אונז אַ קאַמף אויף טויט און לעבן.

די אינערלעכע קאַמפן זיינען שטענדיק געווען פון אַ מינדערהייט קעגן אַ מערהייט, פון אַ קלענערן קאָלעקטיוו קעגן אַ גרעסערן און זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון יחידים, וועלכע זיינען געווען די פעלד־מאַרשאַלן. מער נאָך, עס איז אַלע מאָל געווען אַ יחיד, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף און אַרום אים האָבן זיך געזאַמלט די יעניקע, וואָס זיינען געווען איינשטימיק מיט אים. די מאָטיוון זיינען געווען פאַרשידענע, אָבער אַלע מאָל צוליב אמת און יושר. אַזאַ קאַמף איז געפירט געוואָרן צוליב אידייען און אַמאָל אויך אויף אַראָפּצואווארפן הערשנדיקע, וואָס האָבן זיך געפירט ניט יושר׳דיק. עס איז געווען אַ פּראָטעסט־אויפשטאַנד, אַ בונט קעגן אַנדערע. דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין עקזיסטענץ מיט אַ קאַמף צו באַפרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט פון מצרים, האָט דעם קאַמף קעגן קנעכטשאַפט קיינ־מאָל ניט אויפגעגעבן. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך אין אונזער לאַגער באַוויזן די נגע פון הערשאַפט, וואו נאָר עמיצער אָדער אַ גרופע האָט געוואָלט פאַרקנעכטן דאָס פאָלק, אָדער אַ טייל פון פאָלק, האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָ־לוציע. עס איז אַלע מאָל געווען איינער וואָס האָט געזאָגט צו די באַדריקנדע פירער: „אַרונטער, גענוג געהערשט!" אָבער ווי געזאָגט, איז עס ניט געווען בלויז צוליב מאַכט־מאָטיוו, וואָס, ווי דער גרויסער דענקער, אַלפרעד אַדלער, זאָגט, איז עס שטענדיק דאָ, דאָרט וואו אַ קאָלעקטיוו קעמפט מיט אַ קאָלעקטיוו, אפילו ווען דער קאָלעקטיוו ווערט געשאַפן און גע־פירט פון אַ יחיד. גענוי זאָגט אַלפרעד אַדלער וועגן דעם אַזוי: „דער

קאַמף פאַר מאַכט איז אַ דאָמינירנדער כח אין גאַנג פון געשיכטע און איז מער בולטער דאָרטן, וואו אַ קאָלעקטיוו פירט אָן אַ קאַמף. עס פּאַסירט אָפט, אַז אין צענטער פון אַזאַ קאָלעקטיוו שטייט אַ יחיד און דער קאָלעקטיוו איז נאָר אַ דעקאָראַציע פאַר אַן אינדיווידואום, אָבער עס איז דאָך אַ קאָלעקטיוו וואָס שטייט אין קאַמף. דאָ האָט קיין אַנדערער מאָטיוו קיין שום שייכות ניט, עס איז אַ קאַמף וועגן מאַכט". דאָס קאָן טאַקע זיין ריכטיק אומעטום, אָבער ניט ביי אידן. ביי אונז איז אַלע מאָל דער מאַכט־מאָטיוו אַליין געווען צו ווייניק. ער האָט שטענדיק געמוזט האָבן די באַגלייטונג פון אַן אידייע. מאַכט צוליב מאַכט, האָט ביי אונז אידן ניט אויסגענומען. עס האָט געמוזט זיין צוליב פאָדערן גערעכטיקייט, צוליבן מאַנען יושר, צוליבן פאַרלאַנגען גלייכהייט, פרייהייט און דעמאָקראַטיע. קיינמאָל אָבער ניט צוליב דער פּויסט אַליין. אַזוי איז געווען דער וועג פון דער אידישער געשיכטע.

אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע געפינען מיר פאָלגנדיקע שטילע און שטורמישע קאַמפן:

1. דער דור המדבר (אַ גאַנצע רייע פון אויפשטאַנדן: דער עגל הזהב, דערנאָך קרח און אַנדערע).

2. די ביבלישע עפּאָכע (די אויפשטאַנדן וואָס האָבן געפירט אַזש צו צוויי קעניגרייכן, מלכות יהודה און מלכות ישראל).

3. די תלמודישע עפּאָכע (קאַמפן צווישן פרושים און צדוקים).

4. דער קאַמף קעגן תלמוד (די פאַרשידענע סעקטן, קאַראַאימער און אַנדערע).

5. דער אויפשטאַנד קעגן חקירה (די קעגנערשאַפט קעגן רמב"ם, רלב"ג, אבן עזרא, שפינאָזאַ און אַנדערע).

6. די קבלה'יסטישע אויפשטאַנדן (שבתי צבי, יעקב פראַנק און דער קאַמף קעגן חסידות).

הויבן מיר אָן באַלד פון אָנהויב, זעען מיר דעם דור המדבר מיט זיינע קאַמפן. עס איז ניט שווער צו געפינען אין די אויפשטאַנדן פון דור המדבר, אַ פרומען מאָטיוו, נעמלעך, אַז זיי זיינען געווען מצד אַזעלכע, וואָס זיינען געגאַנגען קעגן ווילן פון גאָט; פון די יעניקע, וואָס האָבן ניט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם עול מלכות שמים. עס זיינען געווען קאַמפן פון ווידער־שפעניקער. מען קאָן געפינען דערצו אַ באַשטעטיקונג אין ספר דברים, וואו משה שטראָפט די אידן פאַר זייער ווידערשפעניקן גאָט און וואַרפט זיי פאַר דריי מאָל די זעלבע באַשולדיקונג: „ממרים הייתם עם ה'" — ווידער־שפעניקער זענט איר געווען צו גאָט (דברים כ"ד: ט', ז, און ל"ח, כ"ז). אָבער אַפילו בנוגע דעם דור המדבר, וואו דער מאַכט־מאָטיוו זעט אויס צו זיין דער וויכטיקסטער, ווייל עס שטייט דאָך בפירוש אין פסוק, אַז קורח

האָט געזאָגט: „רב לכם בני לוי" (גענוג שוין געהערשט, איר, קינדער פון לוי), וואָס עס מיינט פשוט: גענוג שוין מיט אייער מאַכט, איז דאָך אַפילו דאָ, דער מאַכט־מאָטיוו ניט געווען דער עיקר. מיר זעען עס פון צוויי שטעלן אין דער אַלטער ליטעראַטור, וועלכע ווייזן אָן, אַז עס איז אויך געווען אַן אידייען־מאָטיוו, נעמלעך, אַז די דינים, די געזעצן זיינען צו שווערע. אונזערע חכמים האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין קאַמף נאָר צוליב מאַכט, האָבן זיי דעריבער געזוכט און צוגעגעבן אידעאָלאָגישע טענות קורח'ן און זיין עדה. לאָמיר גוט באַטראַכטן די צוויי שטעלן.

די ערשטע שטעלע איז פון מדרש רבה (פרשת קורח). דאָרטן ווערט דערציילט אַזוי: קורח איז געקומען צו משה'ן און אים געפרעגט: „אַ טלית וואָס איז אינגאַנצן פון תכלת (בלויע וואָל) איז פטור פון ציצית?" האָט משה אים געענטפערט: „ניין, עס מוז אויך האָבן ציצית". האָט קורח זיך צע־שריען: „אַ טלית וואָס איז אינגאַנצן פון תכלת האָט נאָך אַלץ ניט גענוג תכלת אין זיך און מוז האָבן נאָך, די פיר פעדעם פון תכלת פון די ציצית?" דערנאָך האָט קורח געפרעגט משה'ן: „אַ הויז וואָס איז פול מיט ספרים, דאַרף האָבן אַ מזוזה?" האָט משה געזאָגט: „יאָ!" האָט קורח זיך צעשריען: „די גאַנצע תורה פון 275 פרשיות זיינען ניט גענוג, נאָר איין פרשה, די פון דער מזוזה, דאַרף דאָס מאַכן גוט? דאָס ווייזט, אַז גאָט האָט דאָס ניט געזאָגט, נאָר אַז דאָס טראַכטסטו משה דיר אויס פון קאָפּ!"

אָט דאָ זעען מיר שוין דעם אידעאָלאָגישן קאַמף. עס איז ניט געווען אַלזאָ בלויז צוליב מאַכט, נאָר צוליב דעם וואָס קורח האָט באַשולדיקט משה'ן, אַז עס זיינען שווערע געזעצן, און אַז פיל פון די געזעצן, וואָס ער גיט די אידן, זיינען גאָרניט פון גאָט, נאָר ער אַליין האָט זיי אויסגעטראַכט.

אַ צווייטע שטעלע איז פון ילקוט פרשת קורח, וואו עס ווערט דער־ציילט עפּעס אויף אַ סאַטירישן אופן:

„קורח האָט פאַרזאַמלט אַלע אידן אַרום זיך און זיי דערציילט אַזאַ מעשה: נעבן מיר וואוינט אַ שכנ'טע, אַן אלמנה מיט צוויי יונגע מיידלעך און זי האָט געהאַט אַ שטיקל פעלד. ווען זי איז געקומען צו אַקערן, האָט משה צו איר געזאָגט: „דו טאָרסט ניט אַקערן מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאַמען". ווען עס איז געקומען די צייט פון זייען, האָט משה איר ווידער געזאָגט: „דו זאָלסט ניט זייען קיין כלאים (געמישטע קערנער)". ווען עס איז געקומען שניט־צייט, האָט משה צו איר ווידער געזאָגט, אַז זי דאַרף געבן „לקט, שכחה און פאה". ווען זי האָט געמאַכט בינטלעך פון דער תבואה, האָט משה איר אָנגעזאָגט, אַז זי דאַרף געבן „תרומה" און „מעשר", פריער „מעשר ראשון" און דערנאָך „מעשר שני". איז עס איר מיאוס געוואָרן און זי האָט פאַרקויפט דאָס פעלד און זיך איבערגעלאָזט בלויז צוויי שעפּסעלעך, כדי צו לעבן פון שערן זייער וואָל און פון די שעפּסע־לעך וואָס זיי וועלן געבוירן. ווען די שעפּסן האָבן געהאַט שעפּסעלעך איז

געקומען אהרן און האָט צו איר געזאָגט: „גיב מיר דעם „בכור"", ער געהערט צו מיר!" האָט זי אים געגעבן. איז געקומען די צייט פון שניידן די וואָל איז אהרן ווידער געקומען און געזאָגט: „דאָס ערשטע וואָל קומט מיר!" איז עס איר ווידער מיאוס געוואָרן, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט זיי שעכטן און אויפעסן. אַזוי ווי זי האָט זיי געשאָכטן, איז ווידער געקומען אהרן און געזאָגט: „גיב מיר די „זרוע, לחיים און קיבה" (די טיילן וואָס דער כהן נעמט צו). האָט די פרוי געזאָגט, אַפילו איצט אַז כ'האָב זיי שוין געשאָכטן, קאָן איך אַלץ נאָך פון דיר ניט אויסהאַלטן, אויב אַזוי גיב איך זיי בעסער אַוועק צו גאָט. האָט אהרן געזאָגט: „אויב דו גיסט זיי צו גאָט, זיינען זיי שוין אינגאַנצן מיינע". איז די אלמנה געבליבן זיצן וויינענדיק צוזאַמען מיט אירע טעכטער.

דאָס איז אַ שרעקלעכע סאַטירע אויף דער שטרענגקייט פון די געזעצן. אָבער דער מדרש האָט עס געבראַכט כדי צו ווייזן, אַז ביי קורח'ן איז ניט געווען בלויז אַ מאַכט־מאָטיוו, נאָר אויך אַן אידעאָלאָגישער מאָטיוו, בעמלעך, דאָס וואָס די געזעצן זיינען צו שווער.

* * *

גייען מיר ווייטער אויף דעם וועג, איז שוין ניט שווער צו געפינען די אידעאָלאָגישע מאָטיוון ביי די אַנדערע קאַמפן.

אין קאַמף פון מלכות יהודה מיט מלכות ישראל איז אַ חוץ דער מאַכט־מאָטיוו אויך געווען בולט דער אידעאָלאָגישער מאָטיוו פון געצן־דינסט און די דינסט צום אידישן גאָט. יהודה, מיט אַלע אירע זינד, האָט זיך דאָך געהאַלטן מער ביים דינסט צו אידישן גאָט, ווי מלכות ישראל.

די קאַמפן צווישן די פּרושים און צדוקים, זיינען אָן אַ ספק, אַ חוץ דעם מאַכט־מאָטיוו קעגן דער חשמונאים דינאַסטיע, געווען אידעאָלאָגישע, צוליב דעם טייטש פון פסוקים און אויך וועגן דעם גלויבן פון שכר ועונש אויף יענער וועלט, וועגן קומען פון משיח און וועגן תחית המתים.

די קאַמפן פון די סעקטן נאָכן תלמוד, ווי די קאַראַאימער און אַנדערע, זיינען אויך געווען צוליב אידעאָלאָגישע מיינונגס־פאַרשידנקייטן, אַ חוץ פון באַהאַלטענע מאַכט־מאָטיוון.

דאָס זעלבע איז אויך ריכטיק בנוגע דעם קאַמף קעגן חקירה און אויך די קאַבאַליסטישע אויפשטאַנדן פון די פאַלשע משיחים און דער קאַמף קעגן חסידות. אומעטום איז דער אידעאָלאָגישער מאָטיוו געווען דער רויטער פאָדעם, צוליב וועלכן די קאַמפן זיינען געפירט געוואָרן.

דאָס איז דער כאַראַקטער־שטריך פון אידישן פאָלק: קאַמפן זיינען געווען אַלעמאָל, אָבער הויפּטזעכלעך צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון, צוליב גערעכטיקייט, צוליב יושר, אָדער ווי אַזוי צו פאַרשטיין ריכטיק די רייד פון גאָט. סתם קאַמפן צוליב מאַכט באַגלייט פון רויב און מאָרד, ווי ביי אַנדערע פעלקער, זיינען ביי אונז ניט געווען.

8.

די שריפטן ביי אידן

עס איז אַן אַלטע פראַגע אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט: וועלכעס פאָלק איז געווען דאָס ערשטע צו שאַפן דעם אלף בית וואָס מיר האָבן. אויף דער פראַ־גע זיינען געגעבן געוואָרן פאַר־שידענע ענטפערס. אַ טייל ווילן האָבן, אַז די פעניציער זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן געשאַפן די ערשטע שריפט אַלס אַ ווייטערדיקער שריט פון די היראָגליפן פון עגיפטן; אַנדע־רע ווידער דענקען, אַז דאָס האָבן געשאַפן די סיריער, נאָך אַנדערע — אַז דאָס איז געווען די שאַפונג פון די קרעטער (די איינוואוינער פון אינזל קרעטאַ), און אַ טייל אויך, אַז דאָס האָבן געשאַפן די ערשטע עברים, אין דער צייט פון די אָבות, אָדער נאָך פריער.

פיער אלף־בית'ן

1) כתב אשורית; 2) כתב עברי; 3) כתב פון די מכבים; און 4) כתב רש"י.

אַ גרויסע ענדערונג אין דעם פלאַנטער וועגן דער פראַגע האָט געשאַפן די אַנטדעקונג פון די סיני־אויפשריפטן פון 19טן יאָר־הונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. די אויפשריפטן האָבן אותיות, די ערשטע נאָך די היראָגליפן. אין די אויפ־שריפטן האָט מען געפונען 21 בוכשטאַבן. דאָס אות „תיו" איז נאָך דאָרטן ניטאָ. דער כאַראַק־טער פון די אותיות איז ווי עס איז געווען דער „כתב עברי" (די שריפט פון די עברים" שפע־

טער אין די צייטן פון בית המקדש. ווי עס זעט אויס, האָבן די איינוואוינער פון יענער געגנט געשאַפן אַ מין שריפט אויף צו פאַרבייטן די היראָגליפן און זיי האָבן אַלץ גענומען פון זייער לעבן. אַזוי, למשל, האָבן זיי געהאַט אָקסן, דערפאַר האָבן זיי געשאַפן דעם „אלף" מיט אַ צייכענונג פון אַן אָקס. „בית" — איז אַ סימבאָל פון אַ הויז. „גימל" — פון אַ קעמל (גמל). „דלת" — פון אַ טיר (דלת). זיי האָבן קולטיווירט איילבירטן (זתים) און באַצייכנט עס מיט אַ „זיין". זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט כאַפּן פיש און באַצייכנט דאָס וואַסער מיט „מם" (מים) און אַ קוואַל — מיט „עין" (מעין — אַ קוואַל). אַזוי אַלץ מיט די זאַכן וואָס עס האָבן זיי אַרומגערינגלט.

די אידן האָבן פריער באַנוצט די שריפט פון די עברים, דער „כתב עברי", וועלכער איז אָפן און שפּיציק און ניט אַזוי שיין און קלאָר. ווען די אידן האָבן אַנטוויקלט מער זייער לאַנד, אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, האָבן זיי איינגעזען, אַז די שריפט פון אַשור, כאָטש זי איז די זעלבע, איז דאָך מער אַנטוויקלט. זי איז פיר־קאַנטיק אַנשטאָט די שפּיציקייט פון כתב עברי און זיי האָבן בעסער אָנגענומען די פאַרפאָלקאָמענע פאָרם פון דער אַשור־שריפט און אָנגעהויבן צו געברויכן „כתב אַשורית", פריער אין פריוואַטן לעבן און שפּעטער אויך צו שרייבן די הייליקע ווערק, ווי אַ ספר תורה. אָבער כאָטש מען האָט גענוצט שוין די נייע פאָרם פון דער אַשור־שריפט, געפינען מיר, אַז דאָס פאָלק האָט פון געוואוינהייט וועגן, גענוצט דעם כתב עברי, אַפילו אַזוי שפּעט ווי ביי דער הערשאַפט פון די חשמונאים און נאָך שפּעטער, אין בר כוכבא'ס צייט. מען האָט נאָך אַלץ באַנוצט דעם כתב עברי אַפילו אויף די מטבעות וואָס מען האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט.

עס איז דאָ נאָך אַ מיינונג וועגן דער ענדערונג פון כתב עברי אויף כתב אַשורית, נעמלעך, אַז דאָס האָבן געטאָן די חכמים דערפאַר, כדי זיך אָפּצוטיילן פון די שומרונים. דערפאַר האָט מען געמאַכט, אַז מען זאָל שרייבן די ספר תורה אויף אַשורית, ווייל זיי האָבן געשריבן מיט כתב עברי. ווידער אַן אַנדערע מיינונג וויל האָבן, אַז דאָס איז געווען אַ נויט־ווענדיקייט פון דער צייט, צוליב דעם, וואָס די דיפּלאָמאַטישע וועלט האָט דעמאָלט זיך באַנוצט מיט דער אַראַמעאישער שפּראַך, וועלכע האָט אָנגענומען די פירקאַנטיקע אַשור־שריפט. די פערסישע אימפּעריע, וועלכע האָט דעמאָלט געהאַט אויסגעשפּרייט איר מאַכט איבער כמעט גאַנץ קליין־אַזיע, האָט גערעדט און געשריבן אַראַמעאיש מיט דער אַשור־שריפט. די אידן האָבן דעריבער געמוזט נוצן די פערסישע שריפט (כתב אַשורית) פאַר אַראַמעאישע בריוו און דאָס האָט שוין געפירט דערצו, צו געברויכן אויך די דאָזיקע שריפט פאַר העברעאיש.

בכלל גענומען זעען מיר, אַז די אידן זיינען ניט געווען אין דער

הינזיכט שאָוויניסטיש צו זאָגן, אַז אַזוי ווי דער כתב עברי איז די אידישע שריפט, ווען זיי ניט בייטן אויף אַן אלף־בית וואָס איז געברויכט געוואָרן אין אַשור, דער שונא פון יהודה און ישראל, וואָס האָט דערפירט צום ערשטן חורבן, צו דער פאַרברענונג פון בית המקדש און צו דער פאַר־טרייבונג פון די אידן פון ארץ ישראל. אונזערע חכמים האָבן געהאַט אַן אַנדערן כלל פאַר אַזעלכע ענינים און דאָס איז געווען „מיפיפיותו של יפת באהלי שם" (פון דער שיינקייט פון יפת אין די געצעלטן פון שם). שיינע און גוטע דערגרייכונגען פון אַנדערע פעלקער (די קינדער פון יפת) דאַרף מען אַריינברענגען אין די געצעלטן פון שם, אין דער וועלט פון די אידן וועלכע זיינען קינדער פון שם (סעמיטן).

די אַשורית־שריפט איז אויך געווען פון רעכטס צו לינקס און דער כאַראַקטער פון די אותיות איז געווען נאָר אַן אויסבעסערונג און אַ פאַר־שענערונג פון „כתב עברי". שפּעטער האָבן אַנדערע פעלקער אָנגענומען די פאָרם פון אידישן אלף־בית, אָבער זיי האָבן אויסגעביטן אויף צו לייענען די שריפט פון לינקס צו רעכטס. דאָס האָבן צום ערשטן געטאָן די גריכן, כאָטש זיי האָבן ניט געביטן די נעמען פון די בוכשטאַבן. „אלף" איז ביי זיי געוואָרן „אַלפאַ" און „בית" — „בעטאַ" און אַזוי אויך די אַנדערע אותיות. אין דער ענדערונג אויף צו שרייבן פון לינקס צו רעכטס, זיינען אַ טייל בוכשטאַבן געענדערט געוואָרן און אַנדערע זיינען געבליבן ווי פריער. פון די גריכן האָבן געגומען די רוימער, וועלכע האָבן אויך געמאַכט געוויסע ענדערונגען אין די פאָרמען פון די בוכשטאַבן און אַ טייל אויך פאַרצייכנט מיט אַנדערע נעמען.

* * *

די אידן האָבן פון דער אַשורית־שריפט אַנטוויקלט אין פאַרלויף פון דורות פיר אַנדערע אלף־בית'ן. אין מיטלאַלטער האָבן די אידן געשריבן אַראַבישע ווערק מיט אידישע אותיות. דעמאָלט האָבן זיי געענדערט די העברעאישע אותיות און זיי געמאַכט אַז זיי זאָלן זיין ענלעך צו דער אַראַ־בישער פאָרם, כדי דער טעקסט זאָל אויך האָבן אַן אַראַבישן אויסזען. שפּעטער, ווידער, אין שפּאַניע האָבן די אידן געשריבן שפּאַניש מיט אידישע אותיות און געענדערט די אידישע אותיות, אַז זיי זאָלן האָבן אַ שפּאַנישן כאַראַקטער. דאָס זעט מען באַזונדער אין דער שפּראַך לאַדינאָ, וואָס די שפּאַ־נישע אידן האָבן אַנטוויקלט אין שפּאַניע און מיט וועלכער די ספרדישע אידן באַנוצן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

ווען די אַשכנזישע אידן האָבן גענומען שרייבן, פריער דייטש מיט אידישע אותיות און שפּעטער געשאַפן די שפּראַך אידיש אַלס אַ לשון אויף וועלכן זיי האָבן גערעדט און אויך געשריבן, האָבן זיי ווידער געשאַפן אַן אייגענעם אלף־בית אויפן גרונד פון העברעאישן אָבער דאָך אַנדערש, וואָס

זאָל זיין צוגעפּאַסט מער צום כאַראַקטער פון אידיש. אָט די פאָרם פון די אותיות האָט מען שפּעטער אָנגענומען אויך אויף צו שרייבן העברעאיש.

אַ גאָר באַזונדערער אלף־בית האָבן אָבער די לומדישע אידן געשאַפן אויף צו שרייבן דערין פירושים אויף דער תורה און לומדישע ענינים. דאָס איז די באַקאַנטע שריפט וועלכע רופט זיך „כתב רש״י״ — די רש״י־שריפט. די שריפט ווערט דאַטירט פון 13טן יאָרהונדערט.

פאַרשטייט זיך, אַז גאָר אַ באַזונדערע שריפט איז די, מיט וועלכער מען שרייבט די תורה. אין גרונד גענומען איז זי די זעלבע פיר־קאַנטיקע שריפט אין וועלכער מען דרוקט די חומשים, סידורים און אַלע הייליקע ווערק, אָבער אַ טייל פון די אותיות אין דער תורה ווערט אויסגעפּוצט אין דער הויך מיט שטריכן און קריינדלעך. פון די אותיות וואָס ווערן אויסגעפּוצט זיינען: „אלף״, „בית״, „גימל״, „דלת״ און „היי״. „וואָוו״ און „זיין״ ווערן ניט אויסגעפּוצט. „חית״ — אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט. „טית״ — אַלעמאָל. „יוד״ — קיינמאָל ניט. „כף״ — אַלעמאָל. „למד״ — אַביסל. „מם״ — אַלעמאָל. „נון״ — קיינמאָל ניט. „סמך״ — יאָ. „עין״ — אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט. „פּא״ — אַמאָל, און „צדי״ — אַמאָל, „קוף״ — אַמאָל. „ריש״, „שין״ — אַלעמאָל. און „תיו״ — אַ שוואַכע באַפּוצונג. דאָס איז לויטן „ספר התגין״, אַן אַלט ספר (אַ מדרש אויף אַראַמעאיש, געמישט מיט לשון קודש וועגן דער מסורה). דער סופר פון אַ ספר תורה דאַרף וויסן ווען צו שרייבן די תגין און ווען ניט. אָבער אַ ספר תורה וואָס איז געשריבן געוואָרן אָן תגין איז דאָך, לויטן רמב״ם (הלכות ספר תורה פ״ז, ט׳), ניט פּסול.

אַזוי אַרום האָבן די אידן ניט נאָר גענומען אַ שענערן אלף־בית, פון אַן אַנדער פאָלק, נאָר זיי האָבן אויך דעם זעלבן אלף־בית אַלעמאָל פאַר־שענערט און אים צוגעפּאַסט יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אופן, צו די נייע געלעגנהייטן.

.9

די שפּראַך פון די אידן

העברעאיש, וועלכע איז געווען די שפּראַך פון די עברים, איידער נאָך זיי זיינען געווען אַ פאָלק און אויך שפּעטער ווען זיי זיינען געוואָרן באַקאַנט אַלס די „בני ישראל״ און אַפילו נאָך שפּעטער אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש און אויך פון צווייטן בית המקדש, האָט באַלד פון איר געבורט אָן געהאַט אַ שוועסטער־שפּראַך אַראַמעאיש, וועלכע האָט געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָלע פון איר אין מעסאָפּאָטאַמיע און אין גאַנץ קליין־אַזיע. העברעאיש און אַראַמעאיש גייען צוזאַמען אַרויס אויף דער וועלט ווי אַ

צווילינג און יעדע האָט זיך איר ראָלע אין אירע טעריטאָריעס, אָבער אַמאָל קומען פאָר אויך געוויסע ענדערונגען, ווען די העברעער רעדן אַראַמעאיש און אויך די אַראַמעער — העברעאיש.

דאָס וואָרט אַראַמעאיש (אָדער ארמית אין העברעאיש) איז פון ארם (ארם נהרים, וואָס עס מיינט צווישן די טייכן, צווישן נהר פרת און חידקל), די שפּראַך וואָס די איינוואוינער פון יענעם געגנט האָבן גערעדט. מען האָט זי גערופן „ארמית", וואָס עס מיינט די שפּראַך פון ארם. מען האָט אויך די שפּראַך גערופן „לשון כשדים" („קאַלדעער"), אויפן נאָמען פון דעם פאָלק וואָס האָט דאָרט געלעבט. אַראַמעאיש איז זייער נאָענט צו העברעאיש סיי אין ענלעכקייט פון די ווערטער, סיי אין בוי פון דער שפּראַך און סיי אין דער גראַמאַטיק.

מיר געפינען אין חומש (בראשית ל"א, מ"ג), אַז לבן הארמי האָט גערעדט די שפּראַך פון יענער געגנט, אַראַמעאיש, און ווען יעקב אבינו האָט געמאַכט שלום מיט אים און זיי האָבן געשטעלט אַ מאָנומענט, האָט אים לבן אָנגערופן אויף אַראַמעאיש: „יגר שהדותא" (אַ שטיין וואָס איז אַן עדות) און יעקב האָט אים גערופן „גל עד".

אין שפּעטערדיקע צייטן געפינען מיר (אין מלכים ב', י"ח, כ"ה), אַז אין דער צייט פון חזקיה (אין 8טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) איז אַראַמעאיש פאַרשטאַנען געוואָרן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געקענט ביידע שפּראַכן, העברעאיש און אַראַמעאיש. אין דער צייט פון עזרא איז אַראַמעאיש געווען די שפּראַך פון אָפיציעלע דאָקומענטן. שפּעטער איז אַראַמעאיש געוואָרן נאָך מער פּאָפּולער און שוין געוואָרן די שפּראַך פון פאָלק, און העברעאיש איז כמעט אַוועקגעשטויסן געוואָרן. די אידן אין גלות בבל האָבן גערעדט אַראַמעאיש און ווען זיי זיינען געקומען צוריק, האָבן זיי קיין אַנדער שפּראַך ניט געקענט. אין העברעאיש זיינען נאָר געווען, אַ חוץ פון דער תורה און די רייד פון די נביאים, פאַרשידענע תפילות. שפּעטער זעען מיר שוין אויך קאַפּיטלען געשריבן אויף אַראַמעאיש, אין עזרא און אין ספר דניאל. נאָך שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן אויף אַראַמעאיש דער תלמוד בבלי און אויך דער תלמוד ירושלמי, פיל תפילות, די כתובה, די ספרים פון די גאונים און אויך פיל מדרשים, ווי אויך פיל קבלה־ספרים, באַזונדער דער ספר „הזוהר".

אָבער ניט נאָר אַראַמעאיש, וועלכע איז געווען אַזוי נאָענט צו העברעאיש, האָט געקאָנט שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן, נאָר אַן אַנדערע שפּראַך אויך. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל אין פּרינציפּ האָבן אונזערע חכמים ניט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויף אַ שפּראַך, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט נאָר פאַר אַן אינסטרומענט אויף אויסצודריקן געדאַנקען. ביי זיי איז געווען וויכטיק דער תוך, אָט דאָס וואָס מען וויל זאָגן און ניט

אויף וועלכער שפּראַך מען זאָגט עס. דערפאַר האָבן זיי גע׳פּסק׳נט, אַז מען קאָן לייענען קריאת שמע אויף וועלכער שפּראַך מען רעדט און ניט דווקא אויף העברעאיש (שמע, בכל לשון שאתה שומע). אָבער ניט נאָר בלויז לייענען קריאת שמע, נאָר אויך בענטשן נאָכן עסן, דאַווענען און נעמען עדות פון מענטשן וועלכע קענען ניט קיין העברעאיש.

אָט דער שטאַנדפּונקט, אַז די שפּראַך איז נאָר אַ לבוש, אַ מלבוש אין וועלכע די געדאַנקען ווערן געקליידט, און דער עיקר איז ניט דאָס אויסער־לעכע נאָר דאָס אינערלעכע (לויטן כלל: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו — קוק ניט אויפן פלעשל, נאָר אויף דעם וואָס עס איז דערין פאַראַן), האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט זיך ניט צו שטאַרק געקימערט, אַז העברעאיש זאָל זיין ד י שפּראַך, און נאָר ד י שפּראַך אויף וועלכער אידן דאַרפן רעדן. דאָס האָט ממילא געפירט דערצו, אַז העברעאיש איז ביס־לעכוויז פאַרשוואונדן פון דער לעבנס־אַרענע און אַנדערע שפּראַכן האָבן פאַרנומען איר אָרט. פריער אַראַמעאיש (אַזוי לאַנג ווי די אידן זיינען געווען אין בבל), שפּעטער (אין איראָפּע און אַזיע) — אַראַביש, איבער־הויפּט דאָרטן וואו די אַראַבער האָבן געהערשט, און אויך אַנדערע שפּראַכן אין אַנדערע לענדער, וואו די באַפעלקערונג האָט גערעדט שפּאַניש, פראַנ־צויזיש, איטאַליעניש און דייטש.

אָבער כאָטש דאָס האָט געפירט דערצו, אַז העברעאיש איז אַרויס־געשטויסן געוואָרן פון לעבן און איז געוואָרן אַ בוך־שפּראַך, האָט עס אָבער פון דער אַנדערער זייט געגעבן אידישע געלערנטע אין דער גאַנצער וועלט די מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייערע געדאַנקען אין די שפּראַכן פון אַלע פעלקער אין דער וועלט און דערמיט אויך געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרשפּרייטן זייערע הויכע אידייען און אידעאַלן צו דער גאַנצער וועלט. די אידן, צוליב דעם וואָס זיי זיינען געוואָרן קאָסמאָפּאָליטיש אין הינזיכט פון שפּראַך, האָבן איצט געקראָגן די געלעגנהייט צו ווייזן די וועלט אונזערע גרויסע אוצרות פון וויסן, אונזער טיפע לערע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר דער געזעלשאַפט בכלל און אונזער עטיק פאַרן יחיד און פאַר דער פאַמיליע בפרט. דערמיט האָט דער איד דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט געשטרעבט דערצו, זייט דורות, צו פּראָקלאַמירן צו דער וועלט די הויכע אידעאַלן פון די נביאים און די שיינע מידות פון די תנאים און זייערע נאָכפאָלגער.

* * *

אָבער דאָס אידישע פאָלק וואָס האָט געלערנט, אַז מען קאָן זיך באַנוצן מיט אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, כדי צו פאַרשפּרייטן וויסן און גערעכטיקייט, האָט אין גאַנג פון דער געשיכטע, געשאַפן פאַר זיך עטלעכע אייגענע לשונות, וואָס זיינען אין אָנהויב געווען דיאַלעקטן פון דער לאַנדס־שפּראַך

און שפּעטער האָבן זיי זיך אַנטוויקלט צו זיין אייגענע שפּראַכן מיטן גאַנצן חן און שיינקייט פון אַ אידיש לשון. צווישן די פון אידן־געשאַפענע שפּראַכן צייכענען זיך באַזונדערס אויס: לאַדינאָ אויפן באָדן פון דער שפּאַנישער שפּראַך מיט אַ גרויסן פּראָצענט פון העברעאיזמען, און נאָך מער אונזער אידיש אויפן באָדן פון דער דייטשער שפּראַך מיט אַ צומיש פון סלאַווישע ווערטער און דער עיקר מיט העברעאישע פאָרמען, וועלכע מאַכן אויס פּופציק פּראָצענט און גיבן צו צו דער שפּראַך אַן אייגנאַרטיקן חן.

* * *

אונזער אידיש לשון איז מיט דער צייט געוואָרן אַ באַגלייט־דערשיינונג, אַ סאַטעליט צו דער תורה און תלמוד, אַזוי אַז מען קאָן כמעט ניט לערנען חומש אַז עס זאָל האָבן אַ טעם אָן אידיש, און באַזונדערס גאָר — דעם תלמוד. ווי יעדער איינער ווייסט, האָט דאָס לערנען תלמוד אויף העברעאיש אָדער ענגליש (צי אין אַנדערע שפּראַכן) קיין טעם ניט. גמרא דאַרף מען לערנען אויף אידיש, ווייל דאָס איז געווען דער אופן ווי אַזוי אידן האָבן געלערנט אַ בלאַט גמרא זייט טויזנטער יאָרן.

אידיש, וואָס איז אונזער אייגענע שפּראַך, איז איצט פאַר אונז נאָך פיל מער ווי אַראַמעאיש אַמאָל, ווייל די לעצטע שפּראַך איז דאָך געווען אַ פרעמדע, אַפילו ווען זי איז געווען אַ שוועסטער־שפּראַך, אין דער צייט אָבער, ווען אידיש איז אונזער קינד, אונזער טאָכטער, אונזער בלוט און פלייש.

און ווייסט איר פאַרוואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן אידיש? — אַלס אַ מיטל קעגן אַסימילאַציע. דער געניוס פון אידישן פאָלק דורך דעם ווילן פון אייביקן שומר ישראל האָט בכיון געשאַפן פאַר די אידישע דורות אין גלות אַן אייגענעם לשון, כדי אידישע קינדער זאָלן ניט רעדן אויפן גויאישן לשון, וואָס קאָן זיי פירן נאָר צו צופיל נאָענטקייט צום גוי און צו אַסימילאַציע. אידיש לשון שטייט ווי אַ שוץ־וואַנט צווישן איד און גוי. ווען אַ איד רעדט אידיש, איז די געפאַר אַז ער זאָל אויסטוישן דאָס רענדל פיל וויניקער, ווי ווען אַ איד רעדט אויף דעם פון די אַרומיקע פעלקער, צי דאָס איז דייטש, רוסיש, פּויליש, פראַנצויזיש אָדער ענגליש. דער שומר ישראל האָט דעריבער געגעבן אידן אַן אייגענע צונג, כדי זיי זאָלן ניט רעדן אויפן לשון פון גוי, כדי זיי זאָלן זיין אָפּגעשיידט פון אים. דאָס איז געשען וואו נאָר זיי זיינען געווען, צי דאָס נייע לשון איז געווען אַראַביש־אידיש, פּערסיש־אידיש, שפּאַניש־אידיש, דייטש־אידיש אָדער אַ סלאַוויש־אידיש.

אונזער אידיש איז אַ ווייטערדיקע געניאַלע שאַפונג פון אונזער גרויס פאָלק אין זיין גאַנג אין גלות, כדי צו זיכערן זיך זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ. דאָס אידישע לשון איז אונזער שוץ, אונזער היטער, אונזער מויער, אונזער פעסטונג און אונזער שומר וואָס וואַכט איבער אונזער קיום, צווישן די פעלקער.

.10

די מאָדערנע ביבל־קריטיק און ביבל־אַרכעאָלאָגיע

אין 19טן יאָרהונדערט האָבן אַ גאַנצע רייע פון ביבל־פאָרשער, איבער־הויפט אין דייטשלאַנד, געשאַפן אַ כלומר'שטן נייעם צווייג פון וויסנשאַפט אונטערן נאָמען „ביבל קריטיק". דאָס איז אַ פאָרשונג אויף פעסטצושטעלן, הויפטזעכלעך, צוויי זאַכן: 1) ווער עס זיינען געווען די שעפער פון די 24 ספרים פון דער ביבל און 2) די צייט אין וועלכער די ווערק פון דער ביבל זיינען געשריבן געוואָרן. אָט די צוויי פראַגן האָבן געהאַט באַשעפטיקט די בעסערע מוחות, סיי פון דער אידישער וועלט און סיי פון דער ניט־אידישער וועלט, זייט פיל הונדערטער יאָרן. אָבער אין לעצטן יאָרהונדערט האָבן די ענטפערס אויף דער פראַגע אין דעם ניט־אידישן לאַגער אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז זיי זיינען געוואָרן ממש אַבסורד. די נייע ביבל־פאָרשער האָבן דערפירט די גאַנצע זאַך ביז צו לעכערלעכקייט. אָבער לאָמיר גיין כסדר און זען ווי אַזוי דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען און וואָס פאַראַ מאָדנע מיינונגען די נייע פאָרשער זאָגן איצט אַרויס וועגן די שעפער און וועגן דער צייט פון די ווערק פון דער ביבל.

מיר וועלן אָנהויבן פון תלמוד, וואָס איז געווען די נאָענטסטע צייט צו דער ביבל. אונזערע תנאים און שפעטער אויך די אמוראים האָבן געהאַט געוויסע קשיות וועגן פאַרשידענע שטעלן פון דער תורה, פון נביאים און פון די כתובים, און זיי האָבן זיך באַמיט אַלץ צו פאַרענטפערן אויף דעם אָדער יענעם אופן, אָבער, איבער אַלעם איז געווען דער גלויבן, אַז די תורה איז געשריבן געוואָרן פון משה רבינו. די חכמים האָבן אויך געזאָגט ווער און ווען די אַנדערע ספרים פון תנ"ך זיינען געשאַפן געוואָרן. אַזוי, למשל, האָבן זיי געזאָגט, אַז משה האָט געשריבן די פינף טיילן פון דער תורה, אַ חוץ די לעצטע אַכט פסוקים וועגן זיין טויט, וואָס עס האָט געשריבן יהושע. משה האָט אויך געשריבן דעם ספר „איוב". יהושע האָט געשריבן זיין ספר און די לעצטע אַכט פסוקים פון דער תורה; שמואל האָט געשריבן זיין ספר און אויך „שופטים" און „רות"; דוד המלך האָט געשריבן דעם ספר „תהלים" מיט דער הילף פון צען זקנים; ירמיה האָט געשריבן זיין ספר און ספר „מלכים" א' און ב' און אויך „איכה"; חזקיה און זיין גרופע האָבן געשריבן די ספרים „ישעיה", „משלי", „שיר השירים" און „קהלת"; די נביאים חגי, זכריה און מלאכי האָבן געשריבן דאָס ספר „יחזקאל", די „תרי עשר" (די רייד פון די 12 נביאים וואָס גייען צוזאַמען אין תנ"ך אַלס איין ספר), דעם ספר „דניאל" און „מגילת אסתר"; עזרא האָט געשריבן זיין ספר און די „דברי הימים" ביז קאַפּיטל ל"ו (36) און נחמיה האָט עס געענדיקט (בבא בתרא ט"ו). אויך אין „ספר יהושע", וואו עס שטייט „וימת יהושע" האָבן דאָס

צוגעשריבן אלעזר און פנחס און דאָס ספר „שמואל" האָבן פאַרענדיקט גד החוזה און נתן הנביא.

וועגן ספר „איוב" איז דאָ אַ מחלוקה ביי די אמוראים און איינער גייט אַזוי ווייט ווי צו זאָגן, אַז עס איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון אחשורוש. נאָך איינער ((ההוא מרבנן דיתיב קמיה דרבי שמואל בר נחמני) זאָגט, אַז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה" (איוב איז אינגאַנצן ניט געווען. עס איז בלויז אַ משל). אויך האָבן זיי וועגן דער צייט פון די נביאים געזאָגט, אַז הושע איז געווען פאַר ישעיה, עמוס און מיכה; חגי, זכריה און מלאכי זיינען געווען די לעצטע נביאים; ישעיה קומט פריער פאַר ירמיה און יחזקאל. וועגן די כתובים זאָגן די חכמים פון תלמוד, אַז זיי קומען אין פאָלגנדיקן סדר: פריער איז „רות", דערנאָך קומט „תהלים", דאַן „איוב", דערנאָך „משלי", „קהלת", „שיר השירים", „איכה", „דניאל", „אסתר", „עזרא", „נחמיה" און „דברי הימים".

ווי מיר זעען, איז שוין אין די תלמודישע צייטן געווען אַ געוויסע סאָרט פון ביבל־קריטיק, אָבער אַזעלכע וואָס זוכט ניט צו מינדערן די חשיבות פון די הייליקע ספרים. מיר ווייסן אויך, אַז די „בעלי המסורה" (די וואָס האָבן געשאַפן די „מסורה") האָבן געמאַכט אין תנ"ך 18 ענדערונגען צוליבן כבוד פון תנ"ך. אַזוי, למשל, איז געשטאַנען פריער אין בראשית י"ח (פסוק י"ב) „וה' עודנו עומד לפני אברהם", האָבן די „בעלי המסורה", צוליבן כבוד פון גאָט איבערגעקערט דעם פסוק ווי עס לייענט זיך איצט: „ואברהם עודנו עומד לפני ה'" (בראשית רבה פרק מ"ט). אַן אַנדערע שטעלע איז געווען דער פסוק „ואל אראה ברעתך" (במדבר י"א, פסוק ט"ו), וואָס זיי האָבן געענדערט אויף „ואל אראה ברעתי". און אַזוי זיינען דאָ נאָך אַנדערע ערטער.

עס זיינען אויך דאָ פיל שטעלן אין תלמוד און אין מדרשים וואו עס ווערט געבראַכט אַ פסוק וואָס איז אַנדערש ווי אין אונזער טעקסט פון דער ביבל. אַמאָל איז עס מיט אַן ענלעך וואָרט און אַמאָל קומט עס אויס אַזוי, אַז דער גאַנצער טייטש פון פסוק איז אַן אַנדערער. אָט דאָס איז אַלץ פאַר־שטענדלעך ווען עס האַנדלט זיך וועגן ווערק וואָס זיינען שוין אַלט טויזנטער יאָרן. עס וואָלט געווען אוממעגלעך, אַז אַלץ זאָל זיין די גאַנצע צייט פונקט אַזוי ווי עס איז אַרויס פון דער האַנט פון דעם שעפער. דערביי דאַרף מען אָננעמען אַ געוויסע פאָרם פון ביבל־קריטיק, אַז קליינע און ניט־באַדייטנדיקע ענדערונגען זיינען אין די ספרים פון תנ"ך פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון די דורות. אָבער אין אַכטן, ניינטן און צענטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן ביי אידן אַ נייע פאָרם פון ביבל־קריטיק דורך דעם אַרויסטריט פון איינעם חיווי הבלכי, וועלכער האָט פאַרפאַסט אַ ווערק וועגן תנ"ך, וואו ער האָט געפרעגט 200 פראַגן. דאָס ספר אַליין איז פאַרלוירן געגאַנגען, אָבער טיילן פון דעם בוך ווערן געבראַכט פון אַנדערע אידישע מחברים. אין עלפטן יאָרהונדערט זיינען געווען צוויי נייע מפרשים פון דער

ביבל, וועלכע האָבן געפרעגט אַנדערע געוואָגטע פראַגן. דאָס זיינען געווען יצחק איבן דזשאַסאָס און משה איבן גיאַטילא. זייערע ספרים זיינען אויך מער ניטאָ, אָבער זייערע קשיות און טייטשן ווערן געבראַכט פון ר׳ אברהם אבן עזרא, וועלכער טרעט אַרויס שאַרף קעגן זיי (זיי האָבן געזאָגט, אַז דער חומש איז אויפגעשריבן געוואָרן ערשט אין דער צייט פון קעניג יהושפט). אָבער ר׳ אברהם אבן עזרא איז אַליין אַמאָל קריטיש און ער מאַכט באַמער־קונגען וועגן מעגלעכע צושריפטן אין דער תורה און אין די נביאים, אין שפעטערדיקע צייטן.

ווייטערדיקע קריטישע באַמערקונגען וועגן די ספרים פון תנ״ך זיינען געמאַכט געוואָרן פון שפינאָזאַ׳ן. לויט שפינאָזאַ׳ן זיינען די ערשטע עלף ביכער פון תנ״ך ביז מלכים ב׳, געשריבן געוואָרן פון איין מענטש, לויט זיין מיינונג, פון עזרא הסופר. שפעטער איז אַ צווייטער אידישער געלערנטער, ריטשאַרד סימאָן (1712) אויך געקומען צו אַזאַ באַשלוס, אַז דער חומש איז ניט געשריבן געוואָרן פון משה׳ן און אַז עזרא איז געווען דער מחבר.

אַ נייע ווענדונג אין ביבל־קריטיק האָט זיך אָנגעהויבן ווען די קריסטלעכע געלערנטע האָבן איבערגענומען די זאַך און זיינען געקומען צו די סאַמע ווילדסטע השערות. צום ערשטן איז אַרויסגעקומען דער קריסטלעכער גע־לערנטער, דזשאַק אַסטרוק, מיט אַ בוך (פאַריז 1753), אַז דער חומש איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון צוויי אַלטע ווערק. אין איינעם איז דער נאָמען פון גאָט אָנגעגעבן געוואָרן אַלס ה׳ און אין צווייטן — „אלקים״. מיר געפינען טיילמאָל ביידע נעמען פון גאָט צוזאַמען אין תנ״ך, ווי למשל, „ה׳ אלוקים״, אָבער מייסטן זיינען די נעמען „ה׳״ און „אלוקים״ באַזונדער. ער האָט באַצייכנט די צוויי קוועלן איינע מיט „J״ (פון וואָרט „ה׳״ אין דייטש און פראַנצויזיש) און די צווייטע קוועלע מיט „E״ פון וואָרט „עלאָקים״ אויף דייטש און פראַנצויזיש).

אויפן גרונט פון דער „אַנטדעקונג״ זיינען געקומען אַנדערע, וועלכע האָבן געטיילט די קוועלע פון „J״ אויך אויף צוויי, און אויף צוויי באַזונדערע צייטן. דער צווייטער פעריאָד איז פון דער ווען די כהנים האָבן געהאַט די ממשלה און דערפאַר ווערט די אַנדערע „J״ באַצייכנט מיט אַ „P״ (פון וואָרט „פריסטער״). איצט האָט זיך שוין דער וועג געעפנט פאַר יעדן איינעם וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ ביבל־קריטיקער, צו זאָגן עפּעס „נייעס״ און אַזוי זיינען צוגעקומען אַלץ אַנטדעקער פון נייע קוואַלן, ווי איינער מיטן אות „D״ (פון „דעיטעראָנאָמי״, דברים), וועלכעס ווערט באַטראַכט פאַר אַ ווערק פון גאָר אַן אַנדער צייט. נאָך איינער האָט געפונען נאָך אַ נייע קוועלע וואָס ער באַצייכנט מיט „C״ און נאָך איינער ווידער אַ נייע קוועלע וועלכע ער באַצייכנט מיט „H״ און אַזוי זיינען דאָ נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן געפונען נאָך נייע קוועלן.

מיט דער דאָזיקער נייער ביבל־קריטיק האָבן זיך פאַרנומען פיל

דייטשע פאָרשער, ווי וועלהאַוזן, פראַנץ דעליטש, דילמאַן, נעלדקע, קאוטש, קיטעל, הויפט, און פיל אַנדערע. איבערהויפּט איז די דאָזיקע קריטיקער געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן, אַז די אידן האָבן גאָרניט אויפגעטאָן און אַז זיי האָבן דער וועלט גאָרניט געגעבן, ניט דעם מאָנאָטעאיזם, ניט דעם רו־טאָג שבת און ניט פיל פון אונזערע שיינע תפילות פון תהלים. וועגן מאָנאָטעאיזם האָבן זיי אויסגעפונען, כלומרשט, אַז מיר האָבן אים ניט פון אברהם אבינו, ביי וועלכן עס שטייט „ויקרא בשם ה׳״ (ער האָט אויסגערופן גאָטס נאָמען), נאָר גאָר פון עגיפּטישן קעניג, דער פרעה אַכענאַטאָן, וואָס האָט געפּרעדיקט די דינסט צום הויפּט־גאָט אַמאָן־ראַ (די זון). אַי, ווי אַזוי קומט געצן־דינסט צו דער זון (אַטאָניזם) צום גאָט פון די אידן, וועגן וועלכן עס שטייט, אַז ער האָט גאָר געשאַפן די זון? און בכלל, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט געהאַט יענע זון־דינסט אַפילו פאַר די עגיפּטער גופא, ווען צוזאַמען מיט פרעה אַכענאַטאָנ׳ס טויט איז דער גאַנצער נייער זון־דינסט אונטערגעגאַנגען, ווייל אינגאַנצן האָט עס אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט פון 16 אָדער 17 יאָר? לייגט זיך דען גיכער ניט אויפן שכל, אַז אָט דער פרעה, וואָס ווערט געשילדערט ווי אַ דענקנדער מענטש, האָט עפּעס געלערנט אין גושן ביי די „היברוס״, וועגן זייער הויפּט־גאָט וואָס איז איבער אַלעס, און ער האָט פאַרטראַכט צו מאַכן אַלס הויפּט־גאָט, די זון? יעדנפאַלס, ווילן די דאָזיקע ביבל־קריטיקער ניט איינזען, אַז דער זון־געצנדינסט איז געווען איינגעפירט אין יענער צייט, ניט נאָר ביי די עגיפּטער, נאָר ביי פיל אַנדערע פעלקער און אַז גראַד קעגן דעם טרעט דאָך אַרויס די תורה, וועלכע רעדט כסדר קעגן דינען די קערפּערשאַפטן פון הימל. ביי אונז איז אַפילו געבליבן אַלס באַשטימטער אויסדרוק פאַר געצן־דינסט גראַד דאָס וואָרט „עכו״ם״, וואָס עס מיינט „עובדי כוכבים ומזלות״.

דאָס צווייטע, וואָס די דאָזיקע קריטיקער האָבן אונז ניט פאַרגונען, איז געווען די שאַפונג פון רו־טאָג — שבת. זיי האָבן געזוכט און גענישטערט אין די אַלטע כראָניקס פון די באַביליאַנער און געפונען ביי זיי, אַז זיי האָבן געהאַט אַ מין טאָג פאַר די הערשער, וואָס האָט געהייסן שאַבאַטום. עס איז אָבער ניט געווען קיין טאָג פון רו נאָך אַרבעט, ווייל די דאָזיקע הערשער האָבן ניט געאַרבעט. עס איז אויך ניט געווען קיין הייליקער טאָג ווען מען טאָר ניט אַרבעטן, נאָר אַ טאָג פון דינסט צו געוויסע געטער, איבערהויפּט צום אָפּגאָט בעל. ווידער אַמאָל נעמען דאָ די דאָזיקע קריטיקער אַ טייל פון געצן־דינסט פון יענער צייט און מאַכן עס פאַר אַ מקור פון אידישן גלויבן.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן די שיינע תפילות פון תהלים, וועלכע זיי פאַרגינען אונז אויך ניט און זוכן צו באַווייזן, אַז די געבעטן צום גאָט „ראַ״ (זון) זיינען ענלעך צו „ברכי נפשי״. אָבער די ענלעכקייט איז אַזעלכע ווי אַ מאַלפּע צו אַ מענטש.

די דאָזיקע אַלע השערות זיינען באַזונדערס צעשטערט געוואָרן פון דער ביבלישער אַרכעאָלאָגיע, וועלכע האָט געמאַכט וויכטיקע אַנטדעקונגען וואָס באַשטעטיקן דאָס וואָס עס שטייט אין דער ביבל.

בכלל גענומען האָט די ביבל־קריטיק פאַר אונז קיין באַדייטונג. דער תנ״ך איז געווען און געבליבן דער גרויסער כח וואָס האָט באַאיינפלוסט אונזער גאַנץ לעבן אַלס פאָלק. פאַר אונז וועט די תורה אייביק בלייבן „תורת משה״, ווען אפילו טויזנט ביבל־קריטיקער, פיל פון זיי מיט אידן־פיינטלעכע כוונות, וועלן פּרובירן צו צעגלידערן די ביבל און פאַרזוכן מאַכן אונזער גרויסן אוצר, צו נישט; פאַר אונז וועלן די רייד פון די נביאים אייביק קלינגען פריש און ניי פונקט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן; פאַר אונז אידן וועלן די טיף־רירנדיקע תפילות פון דוד המלך צוזאַמען מיט די קלוגע רייד פון שלמה׳ן, אייביק זיין אַ קוואַל פון הייליקייט און פון חכמה.

דער תנ״ך איז די גרעסטע שאַפונג פון אידישן פאָלק, וואָס האָט באַשטימט ניט נאָר אונזער גורל אויף דער ערד, נאָר אויך דעם גורל פון אַלע אַנדערע פעלקער — און מיט דעם ליכט, מיט דער ליכט פון די הייליקע ספרים, וועלן מיר אַלעמאָל זען די געשעענישן פון אַמאָל, די פון דער קעגנוואַרט און אויך די פון דער צוקונפט.

* * *

ביבלישע אַרכעאָלאָגיע, דאָס מיינט די אויסגראָבונגען וואָס ווערן איצט געמאַכט אין אָריענט, איבערהויפּט אין קליין אַזיע, האָבן צוגעטראָגן זייער פיל צו דער באַשטעטיקונג פון דעם וואָס עס ווערט דערציילט אין תנ״ך און אויך צו דער כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן, ד. ה. צו דער צייט און דאַטומס וואָס ווערן דאָרטן אָנגעגעבן.

די ביבלישע אַרכעאָלאָגיע איז פאַרהעלטניסמעסיק נאָך גאָר אַ יונגער צווייג פון וויסנשאַפט און זי האָט געהאַט איר אָנפאַנג ערשט מיטן אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט. אַמאָליקע צייטן האָבן די פאָרשער פון דער ביבל ניט געהאַט קיין אַנדערע קוועלן צו באַשטעטיקן דאָס וואָס עס ווערט דאָרטן דערציילט, ווי נאָר די ווערטער פון דער ביבל גופא. אָבער מיט אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט, ווען מען האָט גענומען מאַכן אויסגראָבונגען אין די ערטער וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ״ך, האָט זיך פאַר אונז אַנטדעקט אַן אוצר פון היסטאָרישע זאַכן, ווי טאָוולען, אויפשריפטן, פאַרשידענע כלים א. ד. ג., וואָס זיינען געלעגן טויזנטער יאָרן אין שויס פון דער ערד. אָט די אויסגראָבונגען האָבן געוויזן דער וועלט, אַז דאָס וואָס עס ווערט דערציילט אין תנ״ך איז אויף גאַנצע הונדערט פראָצענט אמת. אַנדערע זאַכן, וואָס מען האָט געפונען, האָבן ווידער אויפגעקלערט און אויסגעטייטשט פאַר אונז פיל שטעלן אין תנ״ך, וואָס זיינען געווען אומפאַרשטענדלעך.

אָבער דאָס איז ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען, ווייל מען האָט געמוזט פריער קענען פאַרשטיין פיל פון די אַלטע שריפטן, ווי למשל, די היראָגליפן אָדער

די קאַניפאָרם־שריפט פון די פּערסיער, אַסיריענס און באַבילאָנער. ערשט נאָכדעם ווי עס איז דאָס געלונגען, האָט זיך פאַר אונז אַנטדעקט אוצרות פון מאַטעריאַלן, פון וועלכע מיר האָבן פריער קיין אַנונג ניט געהאַט. די דאָזיקע אַרכעאָלאָגישע אַרבעט, וואָס ווערט איצט געטאָן דורך פיל אוניווער־זיטעטן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ מער, באַזונדערס זייט יאָר 1930, ווען מען האָט געמאַכט די אַנטדעקונג ווי אַזוי צו לייענען די חיתישע שריפט (די שריפט פון פאָלק „חיתים" אָדער „בני חת" וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ"ך). די אַרבעטן גייען אָן אין די לענדער אַרום פּאַלעסטינע און נאָך מער אין פּאַלעסטינע גופא. איצט ערשט הויבט מען אָן צו וויסן אַביסל וועגן דעם לעבן פון די אַמאָליקע פלשתים און די כנענים. די פאַרשידענע מאַלערייען אויף די טעפּ וואָס מען געפינט, העלפן אונז צו וויסן אין וועלכער צייט זיי זיינען געשאַפן געוואָרן און זיגלען און אויפשריפטן טייטשן אויס פאַר אונז די עפּאָכן פון די פאַרשידענע קעניגן. אַזוי למשל, האָט די אַנטדעקונג פון אַ מטבע, וואָס האָט זיך גערופן אַמאָל „פּים", קלאָר געמאַכט דעם פסוק אין שמואל א' (י"ג, כ"א) „והיתה הפצירה פים למחרשות". (עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער „פּים" איז געווען אַזאַ מטבע וואָס האָט געהאַט די ווערט פון 2 דריטל פון אַ „שקל"). אַזוי האָט מען אויך דורך די אויסגראָבונגען פעסטגעשטעלט דעם גענויעם דאַטום פון דעם באַשטייגן אויפן טראָן פון קעניג יהוא און מיר וויסן, אַז עס איז געווען 842 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן אַלע דאַטומס וואָס ווערן דערמאָנט אין מלכים א' און ב' וועגן די קעניגן פון ישראל און פון יהודה און אַפילו מיט אַ הונדערט יאָר פריער פאַר דעם דערמאָנטן דאַטום.

די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען דערציילן אויך וועגן דעם איינגעמען פון דעם לאַנד דורך די בני ישראל. אין די אויסגראָבונגען, וואָס מען האָט געמאַכט פון 14טן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) האָט מען געפונען אויפשריפטן וואָס דערציילן וועגן די „האַאיברי" וואָס זיינען געקומען פון דער מדבר און צוגענומען גרויסע טיילן פון לאַנד. דאָס איז געווען אין די טעג פון יהושע. די „האַאיברי" זיינען די „עברים" ווי די אידן האָבן דעמאָלט געהייסן. אויפשריפטן פון אַ הונדערט יאָר שפּעטער רעדן שוין פון „ישראל". דאָס האָט מען צום ערשטן געפונען אויף אַ מאָנו־מענט וואָס האָט באַלאַנגט צו פרעה מערנעפּטאַה. אין אָט דער אויפשריפט ווערט דערציילט, אַז ער האָט פאַרניכטעט דעם „אַריינדרינגער ישראל אין כנען". דאָס ווייזט, אַז עגיפּטן (מצרים) האָט דעמאָלט געהאָלפן כנען אין איר קאַמפן קעגן די בני ישראל. פון די אויסגראָבונגען ווערן מיר אויך געוואויר, אַז ירושלים האָט פריער געהייסן יורוסאַלים. מיר ווערן אויך געוואויר פון די אויסגראָבונגען, אַז די פלשתים זיינען געווען אַ פאָלק וואָס איז געקומען קיין כנען נאָך דער פאַרניכטונג פון דער קרעטער ציוויליזאַציע

און אַז די „בני ישראל״ האָבן זיי באַטראַכט אַלס פרעמדע און דערפאַר געפירט קעגן זיי דעם קאַמף פיל שטאַרקער ווי קעגן די אַנדערע איינגעזעסענע פעלקער.

מיר האָבן שוין דערמאָנט פריער, אַז אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט די אַרכעאָלאָגיע פאַר דער פעסטשטעלונג פון די צייטן, ווען עס האָבן געהערשט די קעניגן פון יהודה און פון ישראל. עס איז ווערט צו דערמאָנען אויך, אַז די אויסגראָבונגען האָבן פעסטגעשטעלט אַז דער „כותל מערבי״ איז טאַקע פון „בית המקדש״ און איז געבויט געוואָרן אין די צייטן ווען עס איז אָנגעגעבן אין דער אידישער געשיכטע. אַזוי איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן דער אמת וועגן די שטאַלן וואו שלמה המלך האָט געהאַלטן זיינע פערד (ווי עס ווערט דערציילט אין מלכים א׳, קאַפּיטל יוד, כ״ו־כ״ט). מען האָט אויך געפונען אַן אויפשריפט פון „שישק מלך מצרים״, וואָס איז אין דער צייט פון רחבעם אָנגעפאַלן אויף יהודה און האָט צוגענומען די אוצרות פון בית המקדש און די אוצרות פון קעניג און פיל אַנדערע זאַכן און דערמיט אַוועק, ווי עס ווערט דערציילט אין מלכים א׳ (י״ד, כ״ה־כ״ח). אַזוי האָט מען אויך געפונען פיל מאַטעריאַל וועגן דעם קעניג עמרי, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין מלכים א׳ (קאַפּיטל ט״ז, כ״ג־כ״ח). עס זיינען אויך דאָ פיל מאַטעריאַלן וועגן דעם קעניג אחאב. מען האָט אויך געפונען מאַטעריאַלן וועגן קעניג חזקיה, וואָס באַשטעטיקן דאָס וואָס עס ווערט דערציילט וועגן אים אין ישעיה אין די קאַפּיטלען ל״ו, ל״ז און ל״ח. אויך וועגן קעניג מנשה און זיינע קאַמפן מיט עגיפּטן (מצרים) זיינען געפונען געוואָרן פיל היסטאָרישע מאַטעריאַלן.

די אַרכעאָלאָגיע האָט אויך געהאָלפן צו פאַרשטיין געוויסע געזעצן פון דער תורה, ווייל מען האָט געפונען אַ גאַנצע רייע פון ענלעכע געזעצן פון אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען פיל שטרענגער און גרויזאַם בנוגע פאַרברעכער. אַזוי האָט מען געפונען אַזעלכע געזעצן ביי די חיתים, ביי די באַביליאַנער (דאָס בוך פון קעניג האַמוראַבי) און ביי פיל אַנדערע. מען האָט אויך געפונען סטאַטועס פון די אָפּגעטער פון יענער צייט, ווי פון דעם אָפּגאָט „בעל״ און פון דער געטין אסטארטא, וועלכע ווערט אָנגערופן אין דער ביבל „עשתורת״.

בכלל גענומען, האָט די ביבלישע אַרכעאָלאָגיע פיל מיטגעהאָלפן צו באַשטעטיקן און אויפצוקלערן אַ גאַנצע רייע פון שטעלן אין תנ״ך. די פשוט׳קייט פון תנ״ך ווערט ערשט מער נאָענט צו אונז ווען מען פאַרגלייכט עס מיט די גאווה׳דיקע אויפשריפטן פון אַ טייל פון די קעניגן פון אַנדערע לענדער. באַזונדערס זעט מען ווי ליבעראַל עס זיינען די אידישע געזעצן בנוגע גנבה, גזלה און אַפילו מאָרד, קעגנאיבער דער שטרענגקייט, ווילדקייט און אכזריות, וואָס ס׳זיינען פאַראַן אין די געזעצן פון די אַנדערע פעלקער פון יענער צייט אין קליין־אַזיע.

דאָס וויכטיקסטע פון אַלעם איז אָבער דאָס וואָס די ביבלישע אַרכעאָ־לאָגיע האָט אינגאַנצן פאַרניכטעט די ביבל־קריטיק און געוויזן ווי ריכטיק עס זיינען די דאַטומס און פאַקטן פון די פיר און צוואַנציק ספרים פון אונזער ביבל.

.11

ארץ־ישראל אין צענטער פון אידנטום

ארץ ישראל איז פון סאַמע אָנהויב אָן געשטאַנען כסדר אין צענטער פון אידנטום. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע דערקענונג פון אונזער עלטער־זיידע אברהם אבינו — ער האָט נאָך אַפילו דעמאָלט ניט געהייסן אברהם, נאָר אברם — אַז עס איז דאָ אַ גאָט וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד, שוין דעמאָלט ווען ער האָט נאָך דער מלחמה מיט די פיר מלכים אויסגערופן, אַז עס איז דאָ אַ „ה׳ אל עליון קונה שמים וארץ״ (אַ גאָט, דער העכסטער גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד, ווי עס ווערט דערציילט אין בראשית י״ד, כ״ב), האָט זיך שוין גאָט באַוויזן צו אים און צו אים צוגע־זאָגט, אַז ער וועט געבן צו זיינע קינדער דאָס גאַנצע לאַנד פון נהר מצרים ביזן נהר פרת. דאָס איז דער „ברית בין הבתרים״, דער אָפּמאַך צווישן אברהם אבינו און גאָט, אַז זיינע קינדער וועלן זיין גאָט׳ס פאָלק און וועלן אויסרופן זיין נאָמען אויף דער וועלט און דער רבונו של עולם וועט זיין צו אונז אַ גאָט און אונז געבן דאָס לאַנד און וועט דערצו שיצן איבער אונז אייביק, וואו מיר זאָלן ניט זיין. פון יענעם מאָמענט אָן איז ארץ ישראל געוואָרן דער תוך, דאָס סאַמע טיפסטע אין האַרץ פון יעדן איד און דער צענטער פון אידנטום.

אונזערע חכמים האָבן פיל גערעדט וועגן ארץ ישראל אַלס צענטער פון אידישן דענקען. „ווער עס וואוינט אויסער ארץ ישראל״ — האָבן זיי געזאָגט — „איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין גאָט״, ווייל דער געדאַנק פון אידישן גאָט איז פון אָנהויב אָן געווען איינס מיטן געדאַנק פון ארץ ישראל פאַר אידן. ר׳ יוחנן זאָגט: „אַפילו איצט, נאָכן חורבן, זאָל בעסער אַ איד וואוינען אין ארץ ישראל אין אַן אָרט וואָס איז באַוואוינט פון לויטער גויים, ווי אין חוץ לארץ אין אַן אָרט וואָס עס איז באַוואוינט פון לויטער אידן״.

„פאַרוואָס זיינען די שבטים פון עבר הירדן, ראובן, גד און האַלב שבט מנשה, פאַרטריבן געוואָרן פריער ווי די אַנדערע אידן פון זייער לאַנד (ווי עס ווערט דערציילט אין דברי הימים א׳, ה׳), ווייל זיי זיינען געווען רייך און האָבן ליב געהאַט נאָר געלט און פאַרבראַכט גאַנצע טעג אין אויסלאַנד״.

אַזוי איז עס אויך אין דער הלכה. מען קאָן צווינגען אַ ווייב אַז זי זאָל פאָרן מיט איר מאַן צו וואוינען מיט אים אין ארץ ישראל און אויב זי וויל ניט, קאָן דער מאַן איר געבן אַ גט אָן אַ כתובה (תוספתא כתובות פרק י״ב).

אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אויף איינעם וואָס פאַרלאָזט ארץ ישראל און פאָרט אין אויסלאַנד, אַז „ער לאָזט איבער די שויס פון דער מוטער צו האַלזן די שויס פון אַ פרעמדער" (ירושלמי מועד קטן פ״ג, א׳), און פון וואָרט „בארץ", וואָס שטייט אין פסוק „ברך יברכך ה׳ בארץ", האָבן די חכמים גע׳דרשנ׳ט, אַז די איינוואוינער פון ארץ ישראל זיינען פרייער אין יעדער היגזיכט ווי די איינוואוינער פון אַנדערע לענדער.

די חכמים זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו דערלויבן, צוליב ארץ ישראל, אַ זאַך וואָס איז פאַרבאָטן. אַזוי, למשל, טאָר מען ניט זאָגן צו אַ גוי ער זאָל עפּעס טאָן שבת, עס ווערט באַטראַכט פאַר אַ „שבות" (פון די געבאָטן וואָס גייען הינטער דעם דאָזיקן באַגריף, ווייל דער גוי דאַרף אייגנטלעך אויך רוען), אָבער ווען איינער קויפט אַ הויז אין ארץ ישראל אָן שבת פון אַ גוי, מעג ער זאָגן דעם גוי, אַז ער זאָל אויפשרייבן אַ קאָנטראַקט, כדי עס זאָל באַלד געטאָן ווערן עפּעס וועגן דעם געשעפט. נאַטירלעך דאַרף דער איד זיך אונטערשרייבן אונטערן קאָנטראַקט ערשט מוצאי שבת.

עס זיינען אויך דאָ אַ גאַנצע רייע פון דינים וועגן מצוות וואָס האָבן אַ שייכות מיט ארץ ישראל, וועלכע האָבן איצט ניט מער קיין זין פאַר די אידן וואָס וואוינען אין חוץ לארץ. אָבער צוליב דער הייליקייט פון לאַנד און כדי אָפּצוהיטן אין האַרצן דאָס געדענקען עס, האָט מען פיל פון די מצוות געהייסן ווייטער אָפּהיטן.

דאָס אַלץ ליגט אין דער שבועה, וואָס די אידן האָבן אָפּגעגעבן ווען זיי זיינען געזעסן ביי די טייכן פון בבל און געוויינט, די שבועה וועלכע זאָגט: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני, תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי, אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי!" (אויב איך וועל דיר פאַרגעסן ירושלים, זאָל פאַרגעסן ווערן מיין רעכטע האַנט, זאָל באַהאָפטן ווערן מיין צונג צו מיין גומען אויב איך וועל דיר ניט געדענקען; אויב איך וועל ניט דערמאָנען ירושלים צום סאַמע אָנהויב פון מיין יעדער שמחה).

* * *

אַזוי איז געשען, אַז ארץ־ישראל איז געוואָרן ווי אַ צווילינג צו די בני ישראל. נאָך מער, ביידע זיינען איינס, ווי צוויי טיילן פון איין זאַך.

און אַפילו נאָכדעם ווי ארץ ישראל איז חרוב געוואָרן און די אידן זיינען פון דאָרטן אַרויסגעטריבן געוואָרן, איז אַלץ ארץ ישראל געבליבן אין האַרץ פון די אידן דורך פיל סימבאָלן און געדענק־מיטלען. אַ איד לאָזט איבער

אַ שטיק פּלאַץ אויף דער וואַנט ניט אויסגעמאָלט אַלס „זכר לחורבן״, כדי צו דערמאָנען זיך אין ארץ ישראל. אַ איד דאַוונט מיטן פּנים צו מזרח (ארץ ישראל) און אויף דער וואַנט הענגט אַן אויסגעהאַפּטער „מזרח״ וואָס דאָס ווייב אָדער טאָכטער פון הויז האָבן געמאַכט.

יעדן יאָר ביים אָנהויב פון „סדר״, די ערשטע נעכט פון פּסח, זאָגט דער איד „השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל״ (היי־יאָר זיינען מיר דאָ, איבער אַ יאָר וועלן מיר זיין אין ארץ ישראל) און ער ענדיקט די גאַנצע „סדר״־צערעמאָניע מיט דעם אויסרוף „לשנה הבאה בירושלים״. מיט דעם אויסרוף „לשנה הבאה בירושלים״ ווערט אויך געענדיקט די תפילות פון יום כפור, צום סוף פון דער „תפלת נעילה״.

דער דאָזיקער געדאַנק וועגן ארץ ישראל אַלס צענטער פון אידישן דענקען, דאַרף מען ניט פאַרשטיין אַלס אַן „איבער־פּאַטריאָטיזם״, אָדער אַלס אַ מין „שאָוויניזם״, ווייל אויב עס וואָלט געווען דאָס, וואָלט ארץ ישראל געדאַרפט צו זיין דאָס העכסטע ביי די אידן, דאָך איז עס ניט אַזוי. דאָס העכסטע ביי אידן איז אַפילו ניט גאָט, נאָר גאָר די תורה. דאָס ווערט אַזוי הערלעך אויסגעדריקט אין דעם מאמר פון מדרש וועלכער זאָגט, אַז דער רבונו של עולם זאָגט: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״ (הלואי וואָלטן זיי מיר פאַרלאָזן און מיין תורה אָפּגעהיטן). אָבער צוזאַמען מיט דער תורה איז ביים איד אין האַרצן איינגעוועבט דאָס פּינטעלע ארץ ישראל, ווייל עס איז דאָס לאַנד וואו די אידן האָבן אויסגערופן צום ערשטן גאָטס נאָמען; דאָס לאַנד וואו עס האָט געוואוינט אין יענע אַלטע צייטן, פון לויטער געצן־דינסט, דאָס פאָלק ישראל, וואָס האָט געדינט צום גאָט וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד, וועלכן מען קען ניט זען, אין קעגנזאַץ צו די אָפּגעטער פון די פעלקער, וואָס מען האָט יאָ געזען און זיי אַליין געמאַכט. און כאָטש דאָס אידישע פאָלק איז אַליין דעמאָלט אויך געשטרויכלט געוואָרן און אָנשטאָט אָפּצושאַפן די געצן פון די אַרומיקע פעלקער, האָט עס געדינט אַליין צו זיי, איז דאָך אָבער אין פאָלק כסדר אָנגעגאַנגען אַ קאַמף קעגן געצן־דינסט ביז עס איז ענדלעך געקומען די צייט, ווען עס האָט עס אינגאַנצן אָפּגעשאַפט, אין אַ צייט ווען אַלע אַרומיקע פעלקער, זיינען נאָך געווען טיף פאַרזונקען אין פאַגאַניזם.

ארץ ישראל איז אויך געווען דאָס ערשטע ווינקעלע אויף גאָטס ערד וואו מיר זיינען געוואָרן פון שבטים — אַ פאָלק, און פון וואַנען עס זיינען אַרויס די ערשטע הומאַניטאַרישע געזעצן צו אַלע פעלקער, ווי די צען געבאָט און די פיל אַנדערע געבאָטן, וועלכע זיינען געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע און אויך דאָס אָרט וואו עס האָבן געלעבט און געווירקט אונזערע נביאים. עס איז דעריבער אָט דאָס אַלץ, וואָס ארץ ישראל מיינט פאַר אונז אין אַלע צייטן.

.12

כראָנאָלאָגיע ביי אידן און ניט־אידן

דער ענין פון כראָנאָלאָגיע, ד. ה. דאָס אָנגעבן דעם סדר פון די דורות און פון די געשעענישן, לויט אַ צייט־רעכענונג, ווען זיי זיינען פאָרגעקומען, איז ביי אידן אַנדערש ווי ביי די קריסטן. מיר האָבן אַ צייט־רעכענונג וואָס הויב זיך אָן מיטן שאַפן פון דער וועלט און גייט אַזוי כסדר ביזן היינטיקן טאָג. זייער צייט־רעכענונג איז זייט דער געבורט פון יעזוס׳ן, און דאָס יאָר וואָס מיר ציילן איצט איז פון אָט דער געבורט אָן. געשעענישן און מענטשן וועלכע האָבן געלעבט פריער פאַר יעזוס׳ן פאַרשרייבן זיי מיט דער באַצייכענונג „פאַרן געבורט פון יעזוס״. ממילא מוז מען שוין באַצייכענען די יאָרן אויף צוריק, ווי למשל: 100 יאָר פאַרן געבורט פון יעזוס, צי 1000 יאָר, א. אַ. וו. אַזוי טוט מען, למשל, ווען מען רעדט וועגן די פרעה׳ס פון מצרים אָדער וועגן אַנדערע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען טויזנטער יאָרן צוריק פאַר יעזוס׳ן. דאָס איז אַ שווערער אופן פון אויסרעכענען די צייט און עס איז אויך ניט אידיש, ווייל יעזוס שפילט ניט קיין ראָלע אין אונזער לעבן, אַזוי אַז מיר זאָלן דאַרפן צעטיילן די צייט אויף דעם, וואָס עס איז געווען פאַר אים און אויף דעם וואָס איז געשען נאָך אים.

די צרה איז אָבער מיט אונזער אידישער כראָנאָלאָגיע וואָס זי אַליין איז אויך ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן און עס זיינען דאָ בנוגע איר פיל קשיות. דער אמת איז, אַז אַמאָל אין דער אַנטיקער וועלט האָט מען זיך ווייניק געקימערט צו פאַרשרייבן גענוי דאַטומס פון געשעענישן. די דאַזיקע נאַכלעסיקייט איז צו זען ביי אַלע היסטאָרישע שרייבער און כראָניקער פון יענער צייט. פאַר זיי איז געווען וויכטיק בלויז די געשעעניש אָדער די פערזאָן. דאַטומס פון די געשעענישן האָט ביי זיי קיין גרויסע ראָלע ניט געשפילט.

מיר, אידן, האָבן אויך אַמאָל געליטן פון דער דאָזיקער שוואַכקייט און דעריבער זיינען אין אונזערע ספרים אַמאָל דאָ ציפערן וועלכע שטימען ניט. וועגן פיל פון זיי האָבן שוין אַפילו די חכמים פון תלמוד געפרעגט קשיות און געזוכט זיי צו פאַרענטפערן. אַזוי שטייט למשל איינמאָל, אַז די אידן זיינען געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים 400 יאָר און אין אַ צווייטן מאָל שטייט, אַז עס איז געווען 430 יאָר (לויט אַן אַנדערע קוועלע, די פון „סדר עולם רבה״, זיינען די אידן געווען דאָרטן ניט מער ווי 210 יאָר). אַזוי שטימען אויך ניט די ציפערן ביי די שופטים, ביי די קעניגן, סיי פון יהודה און סיי פון ישראל. דער גלות בבל ווערט אָנגעגעבן, אַז ער האָט געדויערט 70 יאָר, אָבער לויט אַנדערע קוועלן האָט ער געדויערט ניט מער ווי 52 יאָר. אַזוי זיינען דאָ נאָך פיל אַנדערע סתירות אין אונזער חשבון וואָס ציט זיך זייט דער וועלט־באַשאַפונג. אָבער מיט אַלע חסרונות און קשיות איז אונזער

אידישע כראָנאָלאָגיע דאָך בעסער ווי אַלע אַנדערע, ווייל עס גייט אַלץ לויט אַ גלייכן סדר. מיר מעגן טאַקע צווייפלען צי דער חשבון ציט זיך באמת פון דער וועלט־באַשאַפונג אָן, אָבער דער חשבון גופא איז אַ גלייכער, אָן צו רעכענען יאָרן פון פריער און יאָרן פון שפּעטער.

אַלזאָ, לויט אונזער כראָנאָלאָגיע איז אדם געבוירין געוואָרן אין ערשטן יאָר פון דער וועלט־באַשאַף. דערנאָך, גייט דער סדר אַזוי: שת איז געבוירין געוואָרן אין יאָר 130, אנוש — אין יאָר 235, קינן — אין יאָר 325, מהללאל — 395, ירד — 460, חנוך — 622, משותלח — 687, למך — 874, נח — 1056, שם — 1558. דער מבול איז געווען אין יאָר 1656.

דאָן קומט די צייט־רעכענונג פון אברהם אבינו אָן און עס איז אַזוי: אברהם איז געבוירין געוואָרן אין יאָר 1948 פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט. יצחק אין יאָר 2048, יעקב אין יאָר 2108. יעקב און זיינע קינדער זיינען געגאַנגען קיין מצרים אין יאָר 2238. משה רבינו איז געבוירין געוואָרן אין יאָר 3268. יציאת מצרים איז געווען אין יאָר 2448. אין זעלבן יאָר איז אויך געווען מתן תורה. די אידן זיינען אַריין אין ארץ ישראל דורך יהושע׳ן אין יאָר 2489. די צייט פון די שופטים איז געווען פון יאָר 2503 ביז עלי הכהן אין יאָר 2831, און שמואל הנביא איז געבוירין געוואָרן אין יאָר 2871.

פון איצט אָן הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון די אידישע קעניגן וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט קעניג שאול אין יאָר 2882 ביז צום קעניג צדקיה אין יאָר 3338. אין דעם גייט אַריין די צייט פון דוד המלך ווען ער געוואָרן קעניג אין ירושלים אין 2892, און די צוויי אידישע קעניגרייכן וואָס הויבן זיך אָן נאָך שלמה׳ן. רחבעם, דער ערשטער פון די מלכי יהודה און ירבעם דער ערשטער פון די מלכי ישראל, אין יאָר 2964. דאָס ציט זיך ביז צו דער צייט ווען די צען שבטים זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון שלמנאסר אין יאָר 3205. מלכות יהודה האָט ווייטער עקזיסטירט ביז דער צייט פון נבוזראדן, וועלכער האָט צעשטערט דעם בית המקדש אין יאָר 3338.

נאָך דער ביבלישער עפּאָכע הויבט זיך אָן, נאָך גלות בבל, די צייט פון צווייטן בית המקדש אין יאָר 3408. עזרא הסופר איז געקומען צוריק קיין ירושלים אין יאָר 3413. די עפּאָכע פון די תנאים הויבט זיך אָן מיט שמעון הצדיק אין יאָר 3442. ר׳ יוחנן בן זכאי איז געבוירין געוואָרן אין יאָר 3713. הלל און שמאי — אין יאָר 3728. דער חורבן פון בית המקדש איז געווען אין יאָר 3829, אין אַ זונטאָג, דעם 5טן אויגוסט אין יאָר 69, קריסט־לעכער צייט־רעכענונג.

די מלחמה פון בר כוכבא איז געווען אין יאָר 3893 (133 קריסטלעכע צייט־רעכענונג). רבי האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם משניות אין יאָר 3895 (135 קריסטלעכע צייט־רעכענונג). דעם תלמוד האָט מען געענדיקט אין יאָר 4349, (500 קריסטלעכע צייט־רעכענונג).

פון די עפּאָכן נאָכן תלמוד ווייסן מיר, אַז די תקופה פון די גאונים

אין בבל האָט זיך געענדיקט אין יאָר 4798 (1038). רש״י איז נפטר געוואָרן אין יאָר 4865 (1105). דער רמב״ם איז נפטר געוואָרן אין יאָר 4927 (1167) און די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט אַרויסגעטריבן די אידן פון שפּאַניע אין יאָר 5252 (1492).

אָט דאָס איז אַ קיצור פון דער אידישער כראָנאָלאָגיע לויט דעם ווי מיר פירן די רעכענונג זייט דעם וועלט־באַשאַף.

די אידן האָבן אין געוויסע צייטן געהאַט אויך אַן אַנדערע צייט־רעכע־נונג, וועלכע האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. יעדנפאַלס האָט זי ניט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער כראָנאָלאָגיע זייט׳ן וועלט־באַשאַף. עס איז געווען אַ צייט ווען די אידן האָבן זיך באַנוצט מיט אַ צייט־רעכענונג וואָס ווערט אָנ־גערופן „מנין השטרות". דאָס איז געווען ווען סעלעיקוס פון סיריע האָט געזיגט אין אָריענט און אַלע אַרומיקע לענדער האָבן אָנגעהויבן צו ציילן די יאָרן זייט זיין זיג. דאָס איז געשען אין יאָר 4348, 40 יאָר נאָך דעם אויפבויען פון צווייטן בית המקדש און 6 יאָר נאָכן הערשן פון אַלקעסאַנדער מוקדון, וועלכער האָט באַזיגט דריוש׳ן (312 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). אָבער די רעכענונג איז נאָר געווען פאַר קאָנטראַקטן און וועקסלען (שטרות). כאָטש זי האָט זיך געצויגן אויך שפּעטער פאַר אַ לאַנגער צייט.

* * *

די אַרבעט צו שאַפן אַ כראָנאָלאָגיע זייט׳ן באַשאַף פון דער וועלט איז געטאָן געוואָרן צום ערשטן פון תנא ר׳ יוסי בן חלפתא, אין זיין „סדר עולם רבה". דאָרטן ווערט געבראַכט, אַז די צייט פון יהושע ביז יפתח איז געווען 300 יאָר; די צייט פון ערשטן בית המקדש — 410 יאָר און פון צווייטן בית המקדש — 420 יאָר. די לעצטע צייט ווערט איינגעטיילט אויף: 34 יאָר אונטער די פּערסיער, 180 יאָר אונטער די גריכן און 103 פון די חשמונאים־דינאַסטיע. עס איז דערנאָך געשאַפן געוואָרן אַ צווייטע כראָנאָלאָגיש ווערק, „סדר עולם זוטא".

שפּעטער זיינען געשאַפן געוואָרן ביי אידן נאָך אַנדערע כראָנאָלאָגישע ווערק, וועלכע האָבן געפירט די כראָנאָלאָגיע ווייטער. יעדער איינער ביז צו זיין צייט.

עס איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז מיר קאָנען נישט פירן דעם רעכע־נונג פון די יאָרן לויט דער איצטיקער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. ערשטנס איז זי אַ צייט־רעכענונג נאָך זייער גאָט (אָדער משיח), וואָס מיר אָנערקענען נישט; צווייטנס איז זי נאָר אַ רעכענונג פאַר קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר, ווען, לויט אונזער געשיכטע, זיינען מיר שוין איצט אין אלף השישי. מיר וועלן זיך דעריבער האַלטן ביי דער אידישער כראָנאָלאָגיע, וואָס כאָטש זי איז פּעלעראַפּט אין געוויסע פּונקטן איז זי אָבער דאָך, קודם כל, אַ אידישע און דער עיקר — אַ כראָנאָלאָגיע וואָס ציט זיך פון ששת ימי בראשית אָן. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מעגלעך זיין פאַר׳ן לעזער צו גיין מיט גאַנג פון די

יאָרן און האָבן אַ באַגריף, ווען יעדע געשעעניש איז פאָרגעקומען, אָן צו ברעכן זיך דעם קאָפּ מיט ציילן די יאָרן פון פאַר קריסטוס אָדער נאָך קריסטוס און די יאָרן פון פאַר קריסטוס צו ציילן אויף צוריק. אונזער כראָנאָלאָגיע איז אַלזאָ די אידישע, די וואָס גייט ביי אונז פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט ביז׳ן היינטיקן טאָג. מיר ברענגען אָבער אויך אָפּט די קריסט־לעכע צייט־רעכענונג.

פירנדיק דעם חשבון לויט דער אידישער צייט־רעכענונג וועלן מיר איינטיילן אונזער גאַנצער פאָרשונג איבער דעם גאַנג פון אידישן דענקען, אין דריי הויפּט־עפּאָכעס. זיי זיינען:

1) די ביבלישע עפּאָכע, פון אברהם אבינו ביז עזרא הסופר (אַ צייט פון נאָענט צו 1500 יאָר).

2) די תלמודישע עפּאָכע, פון שמעון הצדיק ביז צום סוף פון די גאונים (אַ צייט פון נאָענט צו 1400 יאָר).

3) די פילאָזאָפישע עפּאָכע, פון יאָר 950 — די תקופה פון ר׳ סעדיה גאון ביז איצט (אַ צייט פון 1000 יאָר).

די ביבלישע עפּאָכע

.1

די אבות: אברהם, יצחק און יעקב

די אבות ווערן פאַררעכנט פאַר די טאַטעס פון אידישן פאָלק. — אברהם, דער קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט. — יצחק, וועלכער ווערט געפירט צו דער עקידה און נעמט עס פאַר ליב, ווייל אַזוי איז גאָטס ווילן. — יעקב, וועלכער ראַנגלט זיך מיט גאָט און מענטש און קריגט דערנאָך דעם נאָמען „ישראל". — זיינע 12 זין פון וועלכע עס אַנטשטייט דאָס אידישע פאָלק. — די אמהות, די מוטערס פון די אידן. — זיי אַלע זיינען די גרינדער פון אידיש פאָלק.

וואָס איז די באַדייטונג פון אברהם אבינו אין דער אידישער געשיכטע? און פאַרוואָס רופן מיר אים "אברהם אבינו"?

דער ענטפער דערויף איז, אַז אברהם איז געווען דער טאַטע פון אידישן פאָלק און אין אַ געוויסן זין, דער פאָטער פון אונזער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט. אברהם איז געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן געצן־דינסט און אָנשטאָט דעם, אונז געגעבן דעם גלויבן אין איין גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד.

לויט דער אידישער לעגענדע האָט אברהם, נאָך אין זיין פריער יוגנט דערקענט, אַז אַלע אָפּגעטער זיינען גאָרניט, און ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די, וואָס בוקן זיך צו זיי. די לעגענדע דערציילט אַזוי:

תרח, אברהמ׳ס פאָטער, האָט געהאַט אַ געשעפט פון געצן. איינמאָל איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן און איבערגעלאָזן אברהמ׳ען אין געשעפט. איז אַריינגעקומען איינער קויפן אַ געצקע. פרעגט אים אברהם: „ווי אַלט זענט איר?" זאָגט ער: „60 יאָר". הויבט אברהם אָן צו לאַכן און זאָגט צו אים: „איר, אַ מענטש פון זעכציק יאָר, גייט זיך בוקן צו אַ געצקע, וואָס מען האָט ערשט היינט געמאַכט און וואָס איז נאָך קיין טאָג ניט אַלט?" האָט זיך יענער פאַרשעמט און איז אַרויס.

נאָכדעם איז געקומען אַ פרוי מיט אַ שיסל מעל און געוואָלט ברענגען אַ קרבן צו די געצן. האָט אברהם גענומען פון איר דאָס מעל און צו איר געזאָגט, אַז ער וועט אַליין מקריב זיין דאָס צו די געצן און אַז זי זאָל גיין אַהיים. ווען זי איז אַוועק, האָט אברהם גענומען אַ האַמער און צעהאַקט אַלע געצן, אַ חוץ דעם גרעסטן, און דערנאָך האָט ער דעם האַמער געגעבן דעם

גרעסטן געץ אין דער האַנט אַריין. ווען דער פאָטער איז צוריקגעקומען אַהיים און געזען דעם חורבן פון די געצן, האָט ער געפרעגט אברהמ׳ען, וואָס עס איז געשען. האָט אים אברהם געזאָגט, אַז אַ פרוי האָט געבראַכט אַ קרבן פון מעל, האָבן זיך אַלע געצן גענומען קריגן וועגן דעם קרבן, איז דער גרעסטער געץ באַפאַלן אַלע און האָט זיי צעהאַקט אויף שטיקלעך. האָט תרח זיך אָנגעבייזערט אויף אברהמ׳ען און געזאָגט צו אים: „פאַרוואָס מאַכסטו חוזק פון מיר? ווי אַזוי האָט דער גרעסטער געץ געקאָנט צעברעכן אַלע קליינע געצער, אַז ער איז געמאַכט פון אַ שטיק ליים?״ האָט אברהם צו אים געזאָגט: „אויב אַזוי, טאַטע, פאַרוואָס בוקסטו זיך צו אים?״ (בראשית רבה ס״י ל״ח).

אָבער אברהם איז ניט באַלד געקומען צום גלויבן אין גאָט פון הימל. צום ערשטן, האָט ער געטראַכט, אַז די זון איז גאָט, ווייל זי גיט דאָך לעבן צו אַלץ אויף דער ערד. אָבער, ווען ער האָט זיך שפּעטער גוט צוגעקוקט, האָט ער געזען, אַז אַ חוץ דער זון גיבן אויך אַרויס הייל-שטראַלן פון זיך די לבנה און די שטערן, און ער האָט זיך געפרעגט צי זיי זיינען אויך געטער. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז דאָ עפּעס העכערס פון זיי אַלע — אַ גאָט, וואָס האָט דאָס אַלץ געשאַפן, איין גאָט. און ער האָט דעם געדאַנק פון איינציקן גאָט איבערגעגעבן צו זיינע קינדער, אַז זיי זאָלן עס איבערגעבן צו זייערע קינדער (ספר הישר).

אברהם איז דעריבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער אידישער לערע וועגן גאָטהייט, פון דעם נייעם באַגריף פון „אל עליון קונה שמים וארץ״ (דער העכסטער גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד), און ער מאַכט עס באַוואוסט צו אַלע, אַזוי אַז אַלע קעניגן, מיט וועלכע ער פירט מלחמות, ווייסן, אַז אברהם גלויבט אין איין גאָט, וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד, און ווען זיי שליסן שלום מיט אים, טוען זיי דאָס אין נאָמען פון זיין גאָט.

און אברהם איז געווען אויך אַ נביא, ווי עס ווערט דערציילט אין חומש, אַז גאָט האָט געזאָגט צו אבימלך׳ן: „גיב אָפּ זיין ווייב, ווייל ער איז אַ נביא און וועט בעטן פאַר דיר״. אָבער, ווי געזאָגט, איז ער געווען דער עיקר דער גרינדער פון אידישן פאָלק און דערפאַר איז ער פאַררעכנט צווישן די אבות, די טאַטעס פון די אידן.

ווי מיר ווייסן פון דער ביבל, האָט אברהם פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון אַן אמת׳ן נביא. ער איז געווען אַ קעמפער פאַרן אמת — אַ קעמפער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין מורא, און וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך, צו פרעדיקן דעם אמת וועגן דער געטלעכקייט.

ער האָט עס באַטראַכט פאַר זיין הויפּט-מיסיע אויסצורופן דעם נאָמען פון גאָט, אַלס דער איינציקער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד און איז געווען זייער מוטיק אָנצוהויבן דעם קאַמף קעגן געצן-דינסט,

אַ קאַמף, וואָס אליהו הנביא האָט ערשט מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער פאַרענדיקט.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ וועלט פון לויטער געצן־דינסט. אין אַזאַ וועלט און אַזאַ צייט האָט אברהם, איינער אַליין, געטריבן פון פייער וואָס האָט געברענט אין זיין הארץ, אויף זיך גענומען צו פאָרן פון אָרט צו אָרט און אויסצורופן גאָטס נאָמען, צו בויען פאַר אים מזבחות און צו ברענגען צו אים קרבנות.

דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אַן אומגעהויערן כח, אַן אינערלעך פייער, וואָס זאָל ברענען כסדר, און צו זיין אַ מענטש אָן שרעק פאַר דעם אייגענעם לעבן.

אין חומש ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט געזאָגט צו אברהמ׳ען אַז ער גייט אומברענגען די שטאָט סדום ווייל זי איז זינדיק, און אברהם, ווי אַן אמת׳ער נביא, בעט גאָט, אַז ער זאָל עס ניט טאָן. אברהם וויל אָפּראַטעווען דאָס לעבן פון די פרעמדע מענטשן, ווייל „ווי קאָן גאָט, וואָס משפט די גאַנצע וועלט, טאָן אַן אומרעכט און אומברענגען דעם צדיק צוזאַמען מיטן רשע״. גאָט זאָגט אים צו, אַז אויב עס וועלן זיין 50 צדיקים אין סדום, וועט ער שאַנעווען די גאַנצע שטאָט צוליב זיי. אברהם פרעגט גאָט ווייטער מיט אַ געבעט אויף די ליפּן: „וואָס וועט זיין, אויב עס וועט פעלן צו די צאָל פופציק — פינף, וועסטו צוליב פינף, אומברענגען די שטאָט?״ און גאָט זאָגט אים צו, אַז ער וועט עס ניט טאָן, אויב עס וועלן זיין דאָרטן 45 צדיקים. אברהם, אָבער, לאָזט ניט אָפּ און פרעגט ווייטער גאָט און ווידער מיט אַ געבעט: „און וואָס וועט זיין, אויב עס וועלן זיין נאָר פערציק?״ און גאָט זאָגט אים, אַז ער וועט גאָרניט טאָן צו דער שטאָט, אויב עס וועלן זיין פערציק צדיקים. אברהם לאָזט אָבער אַלץ ניט אָפּ: „און וואָס וועט זיין, אויב עס וועלן זיין דאָרטן דרייסיק צדיקים?״ און גאָט זאָגט אים, אַז ער וועט גאָרניט טאָן דער שטאָט, אויב עס וועלן דאָרטן זיין דרייסיק צדיקים. אָבער אברהם בעט ווייטער, ביז ער קומט צו צוואַנציק צדיקים און ביז ער דינגט אַראָפּ די צאָל ביז צען. אברהם וואָלט נאָך ווייטער געבעטן, אָבער דאָ האָט זיך גאָט שוין אָפּגעטאָן.

* * *

לויטן חומש האָט אברהם געוואוינט אין נגב, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פרוכטבאַר לאַנד. באַלד פון אָנהויב, ווען אברהם פאַרלאָזט זיין פאָטער־לאַנד אור כשדים, כדי צו גיין אין צוגעזאָגטן לאַנד, גייט ער אַוועק אין נגב פון ארץ ישראל. שפּעטער, נאָכדעם ווי ער האָט צוליב הונגער אויסגע־וואַנדערט קיין מצרים, קומט ער צוריק אין זיין לאַנד און באַזעצט זיך ווידער אין נגב. אויך נאָך דער סדום־איבערקערעניש, בלייבט ער אין נגב.

און דאָרטן, אין נגב, האָט ער אויך זיינע זעאונגען. דאָרטן האָט, לויט׳ן חומש, גאָט זיך באַוויזן צו אים און גערעדט צו אים וועגן זיין צוקונפט און

דער צוקונפט פון זיינע קינדער. דאָרטן, שטייט ווייטער געשריבן אין חומש, האָט גאָט אים עטלעכע מאָל פאַרזיכערט, אַז דאָס לאַנד וואו ער געפינט זיך און אַלץ וואָס עס איז אַרום אים, פון „נהר מצרים ביז נהר פרת״, וועט ער געבן צו זיינע קינדער און עס וועט זיין זייער לאַנד. ער, גאָט, וועט פאַרטרייבן פון דאָרטן די פעלקער, וואָס באַוואוינען עס איצט, און זיינע קינדער וועלן עס ירש׳ענען.

אָט די זעאונגען און פאַרשפּרעכונגען זיינען מיט דער צייט געוואָרן די „מאַגנא קאַרטא״, וואָס די אידן האָבן אויף יענעם לאַנד. לויט דער אידישער טראַדיציע, האָט גאָט אַליין פאַרשפּראָכן דאָס לאַנד צו די אידן. לויט אָט דעם צוזאָג, האָט משה, ווען ער האָט אַרויסגענומען די אידן פון מצרים, זיי גע־פירט אין דער מדבר אַריין, כדי צו גיין אין דעם לאַנד כנען און עס איינ־צונעמען. שפּעטער האָט משה׳ס תלמיד און יורש, יהושע בן נון, נאָך משה׳ס טויט, טאַקע אַריינגעפירט די אידן אין יענעם לאַנד, עס איינגענומען און צעטיילט עס צווישן די אידישע שבטים, לויט אַ פריער־אויסגעאַרבעטן פּלאַן.

אין חומש שטייט אַלע מאָל: „און גאָט האָט גערעדט צו אברהמ׳ען״, אָדער „און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אברהמ׳ען און געזאָגט״. בלויז אויף איין אָרט ווערט צוגעגעבן דאָס וואָרט „במחזה״, אין פאָרשטעלונג, דאָס הייסט, אַז גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין אַ פאָרשטעלונג. און אין אַנדער אָרט ווערט געזאָגט: „גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן אין חלום פון דער נאַכט״. לויטן רמב״ם און אויך לויט אַנדערע אידישע מפרשים, זיינען די אַלע זעאונגען פאָרגעקומען אין צוויי פאָרמען, על פי רוב אין חלום פון דער נאַכט און אויב עס איז געווען בייטאָג, איז עס געווען אַ מין חלום אויף דער וואָך.

דאָס איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אין יענע צייטן צו געוויסע מענטשן, ווייניק אין צאָל. דעריבער דאַרף מען יענע גרויסע גייסטער, וועלכע מיר רופן אָן נביאים, באַטראַכטן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן, ניט אַפילו אַזוי ווי מען באַטראַכט אויסערגעוויינלעכע און געניאַלע מענטשן. מען דאַרף זיך פאַרטיפן אין זייערע הויכע רייד, כדי צו פאַרשטיין זיי, און אַזוי אַרום באַגרייפן, וואָס עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען מיט זיי.

* * *

אברהם אבינו׳ס אַנטדעקונג, אַז עס איז דאָ אַ גאָט וואָס פירט אָן מיט דער וועלט און וועלכער האָט געשאַפן דעם הימל און די ערד, וואָלט געווען פון קליינער באַדייטונג, ווען זי וואָלט ניט פאַרגעזעצט געוואָרן צום ווייניקסטנס אין קרייז פון זיין אייגענעם שטאַם.

וואָרום עס וואָלט געקאָנט גאַנץ גריילעך זיין, אַז אברהם פון אור כשדים זאָל האָבן אין זיין געצנדינערישער צייט, זיך אויפגעהויבן העכער איבער זיין תקופה און זאָל האָבן משיג געווען דאָס, וואָס ביז אים האָט קיינער ניט באַגרייפן — און דאָך זאָל קיינער, אפילו זיינע אייגענע קינדער,

די עקידה

אַ מלאך פון הימל לאָזט נישט אברהמ׳ן צו ברענגען זיין זון יצחק אַלס קרבן פאַר גאָט.

ניט גיין אין זיינע פוסטריט. עס האָט געקאָנט זיין, אַז די קינדער זאָלן זיין פאַרזונקען אין דינסט פון די געצן אַזוי, אַז דער נאָמען פון אברהם און זיין רוף צו אַ העכערן גאָט, זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן.

עס איז דעריבער, זעט אויס, געווען אָנגעצייכנט ביים געבורט פון אידישן פאָלק, דעמאָלט נאָך גאָר אין אָנהויב פון אונזער געשיכטע, אַז נאָך „אברהם אבינו", דער ערשטער איד, זאָל קומען זיין זון, יצחק, וואָס זאָל גיין אין זיין פאָטערס וועג און וועלכער זאָל ווערן שפּעטער באַצייכנט אַלס „יצחק אבינו" — אונזער פאָטער יצחק און אַז אַזוי זאָל אויך גיין אין די זעלבע פוס־טריט יצחק׳ס זון, יעקב, וועלכער זאָל באַצייכנט ווערן אַלס „יעקב אבינו" — אונזער פאָטער יעקב. און אַזוי שפּעטער זיינע 12 זין, וועלכע זיינען געוואָרן די 12 שבטים, פון וועלכע עס איז אויסגעבויט געוואָרן דאָס פאָלק ישראל.

אברהם אבינו האָט אין זיין צייט, נאָך דעם ווי ער האָט געהאָט די אַנטפּלעקונג פון גאָט, דאָס אויסגערופן אומעטום, וואו ער איז געגאַנגען: „ויקרא בשם ה'" — ער האָט אויסגערופן גאָטס נאָמען, אויף אַזוי ווייט, אַז ווען מלכי צדק, דער קעניג פון שלם איז געקומען צו אים, האָט ער געוואוסט, אַז ער דאַרף אברם׳ען באַגריסן אַנדערש ווי אַלע, אַז ער דאַרף אים בענטשן אין נאָמען פון זיין גאָט, דער גאָט פון אברם׳ען, דער באַשעפער פון הימל און ערד — און דאָס טוט ער טאַקע, ווען ער זאָגט צו אים: „ברוך אברם לאל עליון קונה שמים וארץ" (געבענטשט זאָל זיין אברם פון העכערן גאָט, דער באַשעפער פון הימל און ערד). אברהם האָט זיין אַנטדעקונג פון מאָנאָטעאיזם געפּרעדיקט אויך צו אַנדערע קעניגן פון זיין צייט. אָבער דאָס ערשטע איז געווען זיין הויז, וואָס ער האָט אויפגעצויגן אויף דער אידייע, זיין שטאַם, וואָס איז געוואָרן שפּעטער דאָס פאָלק ישראל.

* * *

אויך יעקב אבינו איז געווען אַ פאַרזעצונג פון דער שטאַם־אידייע, וואָס דער אַלטער זיידע, אברהם, האָט איבערגעגעבן צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער. יעקב׳ס נאָמען ווערט געביטן, ווען ער באַגרייפט זיין גרויסע מיסיע אין דער וועלט, אויף „ישראל" און פון אים קומען אַרויס די „בני ישראל", וואָס וועלן פאַרנעמען דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט זייער זיידע אברהם, דאָס לאַנד וואָס וועט הייסן ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אידן.

עס איז דאָ אַ סך דראַמאַטישעס אין דער לעבנס־געשיכטע פון יעקב׳ן. צום ערשטן קומט זיין קאַמף מיט זיין ברודער עשיו, ווער עס זאָל קריגן די ברכה פון זיין פאָטער יצחק און ער מוז יצחק׳ן אָפּנאַרן, אַז ער זאָל מיינען אַז ער איז עשיו, וועלכן ער ליבט בעסער, פאַר וואָס עשיו ווערט אים אַ שונא אויף אַ גאַנץ לעבן.

דערנאָך קומט דער פאַרצווייפלטער קאַמף מיט לבנ׳ען, וועלכער האָט אים גענאַרט נאָכן דינען אים זיבן יאָר פאַר זיין טאָכטער, רחל, און אים

געגעבן גאָר לאה׳ן, אָבער לבן פירט דאָך אויס, אַז יעקב זאָל דינען אים נאָך זיבן יאָר, ווייל יעקב האָט רחל׳ען שטאַרק ליב געהאַט.

די דריטע דראַמאַטישע פּאַסירונג איז ווען די ברידער פאַרקויפן זיין ליבלינג־זון, יוסף, און אַלץ וואָס ער גייט דורך ביז צו דער צייט ווען ער קומט קיין מצרים און ווערט געוואויר, אַז זיין זון יוסף איז דער פירער פון לאַנד, און דער סוף פון דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע, איז, די באַגעגעניש פון יעקב׳ן מיט יוסף׳ן נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען ער האָט אים שוין ניט דערוואַרט צו זען, ווייל ער האָט שוין געטראַכט, אַז ער איז פאַר אים פאַר־לוירן געגאַנגען אויף אייביק.

יעקב אבינו אין געראַנגל מיטן מלאך פון גאָט. (רעמבראַנדט)

צום סוף קומט זיין גערראַנגל מיט אַ מלאך פון גאָט, וועלכער האָט אים ניט געקאָנט בייקומען און דער מלאך רופט אים דערפאַר אָנשטאָט יעקב — ישראל.

איז דאָס ניט סימבאָליש פאַר די דורות וואָס זיינען אַנטשטאַנען פון יעקב—ישראל מיט וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען אַן אייביקער קאַמף און דאָך האָט מען זיי ניט געקאָנט בייקומען, און דעריבער איז זייער נאָמען פאַרבליבן אויף אייביק — „ישראל", ווייל זיי האָבן געקעמפט מיט גאָט און מיט מענטש און זיי אַלע באַקעמפט...

ליגט ניט אין דער דערציילונג פון די פאַסירונגען דער סוד פון אונזער אייביקייט... די דראַמאַטישע קאַמפן פון יעקב׳ן און פון אומבאַזיגטן ישראל...

* * *

צוזאַמען מיט אַט די אָבות גייען אויך די געשטאַלטן פון די אמהות: שרה, רבקה רחל און לאה. זיי, די מוטערס פון די אידן, זיינען די באַגלייטערינס פון אונזערע טאַטעס און צוזאַמען מיט זיי — די בויער און געשטאַלטער פון אידישן שטאַם, פון אידישן פאָלק.

די קייט פון די גרינדער פון אידישן פאָלק ציט זיך איצט ווייטער. דאָס נייע רינגעלע אין דער קייט, איז דער גרעסטער פירער, משה רבינו, וועלכער האָט אַרויסגענומען די אידן פון מצרים, האָט זיי געגעבן די עשרת הדברות (די 10 געבאָט), וואָס זיינען אייגנטלעך די קאָנסטיטוציע פון דער וועלט, און די תורה, וואָס איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע. און צוזאַמען מיט אים זיין ברודער אהרן הכהן. דערנאָך קומט יהושע בן נון, משה׳ס תלמיד, וועלכער האָט אַריינגעפירט די אידן קיין ארץ ישראל און צעטיילט דאָס לאַנד צווישן זיי. און דער לעצטער פון די דאָזיקע גרינדער פון אידישן פאָלק איז שמואל, וועלכער האָט פאַראייניקט אַלע שבטים אין איין פאָלק און זיי געגעבן. קעגן זיין ווילן, אַ קעניג, ווייל דער עיקר איז ביי אים געווען, אַז עס זאָל ניט זיין מער קיין שבטים, נאָר איין גאַנץ פאָלק.

מיר וועלן זיך איצט אָפּשטעלן צוערשט אויף דער גרויסקייט פון משה רבינו, אָבער דאָס — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.2

משה רבינו און אהרן הכהן

אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון משה רבינו? — משה רופט אוים דעם נאָמען פון אידישן גאָט איבער דער גאַנצער וועלט און שאַפט פון קנעכט אַ פאָלק. — די צען געבאָטן און די תורה וואָס ער גיט צו די אידן און צו אַלע מענטשן. — אהרן הכהן, וועלכער ווערט דער סימבאָל פון העכערער גייסטיקייט ביי אידן.

די פראַגע „ווער איז געווען משה?" האָט אינטריגירט די בעסטע מוחות פון דער וועלט זייט אַלטע צייטן. דער דאָזיקער אינטערעס האָט ניט אויפ־געהערט ביזן היינטיקן טאָג.

אין תלמוד און אין די מדרשים געפינען מיר זייער פיל מאַטעריאַל וועגן משה'ן, סיי וועגן זיין געבורט, סיי וועגן זיין לעבן און סיי וועגן זיין טויט. אָבער עס איז אַלץ לעגענדעס און עס איז ניטאָ אין זיי גענוג שטאָף אויף אויסצובויען די אייגנאַרטיקע משה־פּערזענלעכקייט.

ניט בעסער טוען עס די ניט־אידישע פאָרשער, וועלכע לאָזן זיך אַוועק אין די ווייטע פעלדער פון השערות און איינפאַלן. עס זיינען דאָ פיל ביכער וועגן משה'ן מיט פאַרשידענע בויך־סברות, אָן שום גרונט און ממשות. אַפילו די „עגיפּטאָלאָגן" (די וואָס פאָרשן די געשיכטע פון עגיפּטן), וועלכע אַרבעטן שוין מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, זיינען אויך אין דער פינסטער וועגן דער משה־פּערזענלעכקייט. אַלץ וואָס די „עגיפּטאָלאָגן" וויסן צו זאָגן איז, אַז אַ חוץ די לעגענדאַרישע צען דינאַסטיעס פון עגיפּטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביזן יאָר 2500, פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, זיינען געווען נאָך זיבן דינאַסטיעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן ביזן יאָר 1587 (פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), דער אַזוי־גערופענער פעריאָד פון „די מיטעלע קעניגטומס". לויט זיי קומט אויס, אַז אין יענער צייט זיינען אַריינגעקומען פרעמדע פון אַזיאַטישע לענדער קיין עגיפּטן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד. די דאָזיקע אַריינדרינגער ווערן אָנגערופן „העקסעס". אין דער צייט פון די דאָזיקע אַריינדרינגער איז אויפגעשטאַנען אַ קעניג, אין וועמענס טעג יוסף איז געקומען קיין מצרים. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע קעגן די אַריינדרינגער. מען האָט זיי באַזיגט און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג, „וואָס האָט ניט געקענט יוסף'ן". דער נייער קעניג איז געווען דער באַגרינדער פון דער 18טער דינאַסטיע. אָט־דער נייער קעניג איז עס געווען רעמסס דער צווייטער, וועלכער האָט געלעבט אַן ערך 1200 יאָר פאַר

דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. אין זיין צייט זיינען אויסגעבויט געוואָרן פּיתום און רעמסס, און אין זיין צייט האָט געלעבט משה.

אָבער דאָס אַלץ איז פון ווייניק וויכטיקייט פאַר אונז צו וויסן מער וועגן אונזער משה. דעריבער ווילן מיר זיך האַלטן ביי דער פאָלקס־מיינונג וועלכע דערקלערט, אַז ווער עס איז געווען משה — איז אַן ענין פאַר פאָרשער. מיר, אידן, אָבער, האָבן אונזער משה, דער וואָס איז איינגעבאַקן אין די הערצער פון יעדן פון אונזער פאָלק, פון דור צו דור, און וואָס זיין השפּעה אויף אונזער נאַציאָנאַלן לעבן האָט ניט אויפגעהערט. אָט־דער משה איז אונזער משה רבינו און וועגן אים גייען אַלע אונזערע רייד.

וואָרים משה איז געווען פון יענע געציילטע פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס איז געבוירן געוואָרן ניט נאָר בלויז אויף צו פירן אַ פאָלק, נאָר אויך צו שאַפן ערשט דאָס פאָלק, וועלכעס ער זאָל פירן. משה האָט אויך ניט געוואָלט שאַפן גלאַט אַ פאָלק, נאָר אַן אויס־דערוויילט פאָלק, אַן „עם סגולה‟, אַ „גוי קדוש‟, אַ הייליק פאָלק. משה האָט אַפילו ניט געמיינט צו שאַפן סתם אַ פאָלק, נאָר פיל, פיל מער ווי דאָס. ער האָט געוואָלט שאַפן אַ פאָלק, וועלכע זאָל קעמפן און איינפירן אין לעבן דעם באַגריף פון אַ מאָנאָטעאיסטישן גאָט, דעם רעיון פון „אל אחד‟.

אברהם אבינו האָט טאַקע דער ערשטער זיך דערטראַכט צום געדאַנק פון איינהייט פון גאָט. ער איז געווען דער סאַמע ערשטער, וואָס האָט אויס־גערופן, אַז עס איז דאָ איין גאָט, וואָס הערשט איבער אַלעם, און ניט פיל געטער, ווי עס איז דעמאָלט געווען דער גייסט פון דער צייט. אברהם אבינו האָט אָבער דעם געדאַנק ניט גענוג פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. אברהם האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיטן איבערגעבן דעם געדאַנק פון איינהייטלעכקייט פון גאָט צו זיינע קינדער, צו יצחק׳ן און שפּעטער צו יעקב׳ן און זיינע צוועלף זין. אברהם האָט געשאַפן די פילאָזאָפיע פון מאָנאָטעאיזם. אָבער ער איז ניט געווען דער, וואָס האָט פאַרשפּרייט דעם רעיון גענוג אין דער וועלט און אַריינגעבראַכט אים צווישן אַלע מענטשן. דעריבער האָבן דורות און דורות געמוזט וואַרטן, גאַנצע 546 יאָר, לויט דער כראָנאָלאָגיע, ביז עס איז געקומען משה, דער מענטש פון מעשים.

און משה האָט געוואוסט, אַז כדי צו פאַרשפּרייטן דעם גאָט־איינהייט־געדאַנק, דאַרף ער שאַפן אַ פאָלק דערצו, וואָס זאָל קעמפן פאַר דעם. ער איז דעריבער נאָך אין מצרים צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ווען ער איז געקומען צו די אידן, האָט ער צו זיי גערעדט פון אַן איינציקן גאָט, דעם גאָט פון זייערע אָבות, און כאָטש דאָס פאָלק האָט זיך ניט צוגעהערט צו אים, ווי עס שטייט געשריבן אין חומש: „פון קורצן אָטעם און שווערע אַרבעט‟, האָט ער דאָך זיי אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ דעם געדאַנק, אַז גאָט זאָגט: „איך וועל אייך נעמען פאַר אַ פאָלק און זיין צו אייך אַ גאָט‟. ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז אין מצרים וועט ער דאָס ניט קאָנען טאָן, און ער האָט

משה רבינו מיט די לוחות. (פון לעסער אורי)

פאַרלאַנגט פון פרעה׳ן, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן די אידן אין דער מדבר אַריין, כדי צו דינען גאָט. ער האָט געוואוסט, אַז נאָר אין דער מדבר וועט מעגלעך זיין פאַר אים צו געשטאַלטן אָט די שבטים אין איין גרויס פאָלק און דאָרטן זיי איבערגעבן דעם געדאַנק פון אָן איינציקן גאָט.

* * *

די גרויסקייט פון משה רבינו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז ניט געווען, זייט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ניט ביי אידן און ניט ביי אַנדערע פעלקער, נאָך אַזאַ איינער ווי זיינס גלייכן. די געשיכטע ווייסט ניט פון נאָך איינעם ווי משה, וואָס האָט באַפרייט פון שקלאַפעריי אַזאַ גרויסע מאַסע, פון נאָענט אַ מיליאָן מענטשן, און זיי געפירט צו זייער פרייהייט, ווי עס דערציילט אונז דער חומש און ווי עס איז באַקאַנט איצט אויך דורך אַנדערע קוואַלן, באַזונדערס, פון די נייע אויסגראַבונגען; די געשיכטע ווייסט אויך ניט פון נאָך איינעם ווי משה, וואָס האָט געגעבן די אידן און דערמיט דער וועלט, די צען געבאָט, וואָס זיינען געוואָרן די קאָנסטי־טוציע פון אונזער גאַנצער ציוויליזאַציע. די געבאָטן וועגן אָן איינציקן גאָט, דער געבאָט פון אַ טאָג פון רו, נאָך זעקס טעג פון אַרבעט, דער געבאָט פון טייער האַלטן די עלטערן, די געבאָטן ניט צו גנב׳ענען, ניט צו מאָרדן, ניט צו שווערן אויף פאַלש, ניט צו באַגיין ניאוף־טאָטן און נאָך אַנדערע; די וועלט־געשיכטע ווייסט אויך ניט פון נאָך אַזאַ פיגור ווי משה, וואָס האָט געגעבן די אידן, און דורך זיי דער וועלט, די תורה מיט די הומאַניטאַרע געזעצן אויף העלפן די שוואַכע און די וואָס אַרבעטן, די תורה, פון וועלכער עס האָבן גענומען אַלס זייער יסוד די צוויי טעכטער־רעליגיעס: קריסטנטום און מאַכמעדאַניזם, וועלכע בילדן איצט צוזאַמען מיט דעם אידנטום די דריי הויפּט־רעליגיעס פון דער וועלט; די וועלט־געשיכטע ווייסט אויך ניט פון נאָך איינעם ווי משה, וואָס האָט געקעמפט אָן אויפהער, אויסצוראָטן געצן־דינעריי און האָט עס דערגרייכט ביים אידישן פאָלק, ביים ענדע פון זיין לעבן.

דעריבער איז דער אידישער טראַדיציאָנעלער געדאַנק, אַז עס איז געווען משה, וואָס האָט געשריבן די תורה פון אָנהויב ביזן סוף, באַזירט אויף אַ באָדן פון אמת, ווייל נאָר אַזאַ געטלעכער מאָן ווי משה האָט געקאָנט אָנשרייבן דאָס ספר וואָס האָט געלעבט ביז איצט, און וואָס וועט לעבן ווייטער אין אַלע דורות, וואָס וועלן קומען און וועט אַלע מאָל זיין פאַר אַלע פריש און ניי.

די גרויסקייט פון משה ליגט אויך אין דער איינפאַכקייט מיט וועלכער עס ווערט אַלץ דערציילט אין חומש; אין דער מערקווירדיקער פשוט׳קייט, וואָס נאָר די, וואָס שרייבן פאַר דער אייביקייט, ווייסן פון איר.

און דעריבער זיינען פאַלש די אַלע טענות פון די ביבל־קריטיקער, וואָס זוכן צו צערייסן די תורה אויף פאַרשידענע טיילן און וועלכע זאָגן, אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן דורך פאַרשידענע

מענטשן, ווייל יעדער איינער, וואָס האָט אַ זין פאַר דער אייביקייטס־מוזיק, וואָס ליגט אין די ווערטער פון די „חמשה חומשי תורה״, קאָן גלייך זען, אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון אַן איבערנאַטירלעכן גייסט, וואָס האָט געלעבט אַמאָל, אַמאָל, און וועלכער האָט אַריינגעטאָן אין זיינע ווערטער דעם גרויסן כח, וואָס עס איז געווען אין אים, אַז זיי, די ווערטער, זאָלן לעבן אייביק. מיט אַנדערע ווערטער: נאָר אַזאַ געטלעכער מאַן ווי משה האָט געקאָנט אויפשרייבן אָט די תורה, וועלכע לעבט אייביק.

* * *

אין חומש ווערט אויך דערציילט וועגן דער ראָלע פון אהרנ׳ען, משה׳ס ברודער, וועלכע הויבט זיך אָן באַלד נאָך דער געטלעכער דערשיינונג פון סנה. ווען גאָט האָט געהייסן משה׳ן גיין צו פרעה׳ן און זאָגן צו אים, אַז ער זאָל אַרויסשיקן די אידן, האָט גאָט דעמאָלט געזאָגט צו אים, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז אַ שטאַמלער („כבד פה״) וועט זיין עלטערער ברודער אהרן, רעדן פאַר אים. אהרן, ווייזט אויס, איז דערפון ניט געווען צופרידן, ווייל ער, אהרן, איז געווען דער עלטערער, טאָ פאַרוואָס זאָל ער דינען דעם אינגערן? אהרן איז אויך געווען דער, וואָס האָט געקאָנט רעדן, און משה ניט. אהרן האָט אויך געהאָט אַ שיינע לאַנגע באָרד, וואָס האָט געגעדערט אַראָפּ איבער זיינע קליידער („זקן אהרן שיורד על פי מידותיו — תהלים קל״ג, ב׳). אָבער משה האָט אים געזאָגט, אַז גאָט האָט געזאָגט אַז „ער וועט אים זיין פאַר אַ מויל און דו אים פאַר אַ גאָט״ („הוא יהיה לך לפה ואתה תהיה לו לאלהים״ — שמות ד׳, י״ז). אהרן האָט געפאָלגט און איז געגאַנגען מיט משה׳ן צו פרעה׳ן.

אין אָנהויב הייסט עס, אַז גאָט רעדט צו ביידע. עס הייסט, אַז גאָט זאָגט: „איך וועל זיין מיט דיין מויל און זיין מויל און אייך לערנען, וואָס איר זאָלט טאָן״ („ואנכי אהיה עם פיך ועם פיהו והוריתי אתכם את אשר תעשון״ — שמות ד׳, ט״ז). אין אָנהויב זעען מיר אויך, אַז נאָך יעדן מאָל, וואָס עס שטייט „וידבר ה׳ אל משה״, אָדער נאָך יעדע צוויי מאָל, שטייט אויך אַ „וידבר ה׳ אל משה ואל אהרן״. שפּעטער אָבער שטייט שוין בלויז „וידבר ה׳ אל משה״. משה האָט שוין דעמאָלט געפילט אין זיך יענע כוחות, וואָס האָבן אים באַשטימט, אַז ער זאָל זיין דער פירער. אפשר האָט דאָ ניט ווייניק מיטגעווירקט גראָד דאָס וואָס ער איז געווען אַ „כבד פה״, אַ שטאַמלער. עס איז מעגלעך, אַז דווקא דער חסרון האָט געווירקט אויף משה׳ן צום גוטן. (אויב עס איז דאָס, איז עס געווען אויף דעם אופן ווי עס דערקלערט עס דער באַוואוסטער פּסיכאָלאָג, אַלפרעד אַדלער. „ניט אַלע מאָל, שרייבט אַדלער, איז אַ פעלער, אַ שטערונג אין מענטשלעכן שטייגן. אַמאָל איז עס נאָך גאָר אַ מעלה. אונזער קערפּער איז אַזוי געבויט, אַז אַלע אברים אַרבעטן אין האַרמאָניע, און אויב איין אבר איז הינטערשטעליק קומט אַן אַנדער אבר, אָדער עטלעכע אברים און פאַרטרעטן דעם הינטערשטעליקן. ווען אַ מענטש

האָט פאַראַליזירטע פיס, ווערן ביי אים אַנטוויקלט שטאַרק די מוסקולן פון די הענט, און זיי קאָנען מיט זייער איבער־כח טיילמאָל פאַרגיטיקן די שוואַכע טעטיקייט פון די פיס. דאָס גייט אויך אויף די אינערלעכע כוחות, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אויף בייצוקומען אַ געוויסן פעלער, ווי למשל, ביי אַ שטאַמ־לער. דעמאָסטענעס איז, לויט דער לעגענדע, געוואָרן אַן אָראַטאָר נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געשטאַמלט. דער קערפּער אַליין טוט אַלץ, כדי צו פאַרגיטיקן דאָרטן, וואו עס איז דאָ אַ שטערונג. דער דאָזיקער פּראָצעס קומט אויך פאָר אין דער פּסיכיק. דער גייסט זוכט צו פאַרגיטיקן פאַרן שוואַכן אבר". עס איז דעריבער מעגלעך, אַז דאָס איז אויך געשען מיט משה'ן. גראָד צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ כבד־פּה און האָט געדאַרפט אָנקומען צו זיין ברודער, אהרן, האָט דאָס געווירקט אויף אים, אַז ער זאָל ווערן דער פירער).

אָבער אהרן ווערט שפּעטער פאַרמישט אין דער זינד פון „עגל הזהב". ווען משה קומט צוריק, באַהאַלט ער ניט זיין כעס אויף אהרן'ען און זאָגט צו אים אָפן: „וואָס האָט דאָס דיר אַזוינס דאָס פאָלק געטאָן, וואָס דו האָסט אויף אים געבראַכט אַזאַ שווערע זינד?" אהרן ענטפערט איצט משה'ן הכנעה'דיק: „זאָל ניט פאַרדריסן מיין האַר, דו ווייסט דאָך, אַז דאָס פאָלק איז שלעכט, און זיי האָבן צו מיר געזאָגט: מאַך אונז אַ גאָט, וואָס זאָל גיין פאַר אונז, ווייל דער מאַן, משה, וואָס האָט אונז אַרויסגעפירט פון מצרים, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געשען".

פון איצט אָן איז ניט מער „משה און אהרן"". דער נאָמען „אהרן" ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער, און משה דערנענטערט צו זיך אַן אינגל, יהושע בן נון, וועלכער „טוט ניט אָפּטרעטן פון זיין געצעלט" (שמות ל"ז, י"א).

* * *

אין דער מדבר זיינען אויך פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייע ווידערשפּעני־קונגען קעגן משה'ן. עס זיינען לויטן חומש געווען צוועלף אַזעלכע פאַלן. דער מאָטיוו איז געווען: שרעק, הונגער, דורשט און אויך לוסט צו מאַכט. די ערשטע פיר זיינען פאָרגעקומען ביים ים סוף, אין מרה, אין דעם מדבר סין און אין רפידים. אָבער אַלע האָבן זיך געענדיקט אויף אַ פרידלעכן אופן.

גאַנץ אַנדערש זיינען שוין די אַנדערע אַכט, צווישן וועלכע עס זיינען געווען דער פאַל פון גאָלדענעם קאַלב, די מרגלים, קורח און אַנדערע. די אַלע אַכט האָבן זיך געענדיקט מיט האַרבע שטראָפן.

אָבער וועגן די שטראָפן זיינען דאָ געטיילטע מיינונגען ביי די מפרשים און קאָמענטאַטאָרס. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זיינען פון דער קאָנסער־וואַטיווער שולע, וועלכע זאָגן, אַז דאָס זיינען געווען פאַרדינטע שטראָפן, דערפאַר וואָס זיי האָבן געזינדיקט קעגן גאָט און זיי האָבן די שטראָף כשר פאַרדינט. די אָנהענגער פון דער ליבעראַלער שולע דערקלערן, אָבער, אַז

די שטראָפן זיינען ניט פאָרגעקומען אין דער ווירקלעכקייט און די פסוקים מיינען נאָר צו זאָגן, אַז די זינדיקע האָבן פאַרדינט אַזאַ שטראָף, אָבער וועלכע מען האָט ניט אויסגעפירט.

יעדנפאַלס זעען מיר, אַז ביי דער ענדע פון משה'ס טעג, איז אויס־גערעכנט געוואָרן אינגאַנצן פון דער אידישער מחנה יעדער סאָרט פון געצן־דינסט און „דאָס פאָלק האָט געגלויבט אין גאָט און אין זיין קנעכט משה".

אָבער ניט אַזוי איז עס געווען שפּעטער, נאָך משה'ס טויט, ווען יהושע האָט איבערגענומען די פירערשאַפט — אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפיטל.

.3

יהושע בן נון

אַ נייער רינג אין די קייט פון די שאַפּנדיקע נביאים. — ער ברענגט אַריין די אידן קיין ארץ ישראל און פירט כסדר קאַמפן מיט די אַרומיקע פעלקער. — זיין קאַמף אין אידישן פאָלק גופא, אויף אויסצוראָטן געצן־דינסט. — די אָרעמע „שופטים״־עפּאָכע וואָס ציט זיך עטלעכע הונדערט יאָר נאָך אים.

נאָך משה׳ס טויט האָט איבערגענומען די פירערשאַפט יהושע בן נון, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט די אידן אין צוגעזאָגטן לאַנד און עס צעטיילט צווישן די צוועלף שבטים.

„משה וועט שטאַרבן און יהושע וועט אַריינברענגען די אידן אין לאַנד״ — איז געוואָרן די לאָזונג ביי דעם דור המדבר, ביים סוף פון משה׳ס טעג, אָבער דאָס איז געווען אויך משה׳ס ווילן. משה האָט בכיון גענומען אַ קינד פון פאָלק, אַלס זיין משרת („ומשרתו יהושע בן נון, נער״ — שמות ל״ג, א׳), און אים דערצויגן צו זיין זיין נאָכפאָלגער. משה האָט ניט געוואָלט אַ זון פון די „פּני״, נאָר דווקא איינעם פון פּשוט׳ן פאָלק, ביי וועמען עס וועט זיין אַ זכיה צו באַדינען אים. אַזאַ איינער, איז ער געווען זיכער, וועט ניט אָפּטרעטן אויף אַ האָר פון דעם, וואָס ער וועט אים זאָגן.

אָבער יהושע בן נון האָט אין אָנהויב ניט געגלויבט אין זיינע כוחות. דאָס, וואָס ער איז געווען משה׳ס משרת, האָט ער געוואוסט, איז נאָך צו ווייניק צו קאָנען אַריינפירן די צוועלף שבטים אין לאַנד, איינעמען עס און באַזעצן יעדן שבט אויף זיין חלק. דעמאָלט הייסט עס, לויטן חומש, האָט זיך גאָט באַוויזן צו אים און אים געזאָגט, אַז ער וועט זיין מיט אים, פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען מיט משה׳ן. גאָט זאָגט צו אים אויך דריי מאָל „חזק ואמץ״, און ווען יהושע בן נון קומט שפּעטער צום פאָלק, זאָגן די מאַסן צו אים אויך די זעלבע ווערטער: „חזק ואמץ״.

און יהושע שטאַרקט זיך און געפינט כוחות אין זיך און ער ווערט געהויבן אין די אויגן פון פאָלק, ווייל דאָס פאָלק זעט אין אים אַ קאָפּיע פון משה׳ן. די שבטים ווייסן, אַז יהושע איז ניט משה, אָבער דאָס, וואָס ער זאָגט, זאָגט ער נאָך דאָס, וואָס משה האָט אים געזאָגט, און דאָס איז ביים פאָלק געווען זייער וויכטיק.

די שבטים זיינען איצט פאַרנומען מיטן איינעמען דאָס לאַנד און זיינען פאַרוויקלט כסדר אין מלחמות מיט איין און דרייסיק מלכים (עס זאָגט זיך

נאָר אַזוי „מלכים". עס זיינען געווען קעניגן פון שטעטלעך, אָבער אין פסיכאָלאָגישן זין פון יענער צייט, זיינען זיי געווען קעניגן). אַלץ איז קאָנצענטרירט אין קאַמף מיט די איינוואוינער פון לאַנד. יהושע איז אַ גוטער פעלד־מאַרשאַל איבער אַן אַרמיי פון פערציק טויזנט מאַן, מיט

יהושע נעמט אַראָפּ די שיך ווען עס קומט צו אים דער מלאך פון גאָט.

גענעראַלן, קאַפּיטאַנען און לייטענאַנטן. די מלחמה האָט געפלאַקערט אויף אַלע זייטן און דאָס פאָלק איז מיט אים. אָבער נאָר אין אַנהויב. יאָ, באַלד

אין אָנהויב, איז דאָס פאָלק אינגאַנצן געווען מיט יהושע'ן. זייערע ווערטער צו אים זיינען געווען: „אַזוי ווי מיר זיינען געווען מיט משה'ן, אַזוי וועלן מיר אויך זיין מיט אייך! יעדער איינער, וואָס וועט ווידערשפּעניקן דאָס, וואָס איר זאָגט, זאָל געטויט ווערן!" אָבער וואָס מער די שבטים האָבן זיך באַזעצט אויפן לאַנד, וואָס מער זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, אַלץ מער האָבן זיי אָנגעהויבן צו דינען פרעמדע אָפּגעטער. ווארום נאָך אַלע נצחונות פון יהושע בן נון און זיינע מענטשן, איז אים דאָך ניט געלונגען צו פאַרטרייבן אינגאַנצן די פעלקער פון לאַנד, און די אידן האָבן געוואוינט צווישן די געצן־דינער.

און נאָך צענדליקער יאָרן פון קאַמף מיט די אַרומיקע איינוואוינער זיינען נאָך אַלץ, כמעט אַלע שבטים, געבליבן צווישן די שונאים. ווי עס ווערט דערציילט אין שופטים, אַז ישראל איז געזעסן צווישן כנעני, חתי, אמורי, פריזי און יבוסי; אפרים האָט געוואוינט צווישן דעם כנעני; מנשה — צווישן יבוסי פון ירושלים; זבולון האָט ניט געקאָנט פאַרטרייבן די איינוואוינער פון נהלל און די איינוואוינער פון אַנדערע ערטער; אָשר האָט ניט פאַרטריבן די איינוואוינער פון עכו און די איינוואוינער פון צידון; נפתלי האָט ניט פאַרטריבן די איינוואוינער פון בית שמש; דן האָט ניט פאַרטריבן דעם אמורי; מנשה האָט ניט באַפרייט בית שאָן און אַנדערע שטעט, און פיל לאַנד איז נאָך געבליבן איינצונעמען. אויך די ענקים זיינען געבליבן אין עזה, גת און אשדוד. באַזונדערס איז געבליבן ניט באַרירט דאָס גאַנצע לאַנד פון פלשתים און דאָס גאַנצע לאַנד פון גשורי. איבערהויפּט האָבן די אידן געליטן פיל פון די סרני הפלשתים, וועלכע האָבן כסדר פאַרפירט מיט זיי מלחמות. אַזוי אַרום איז געשען, אַז די שבטים, וועלכע האָבן געוואוינט צווישן די געצנדינערישע שכנים, האָבן ווידער אָנגעהויבן צו דינען צו די געצן, פּונקט אַזוי ווי זייערע שכנים. זיי האָבן „גענומען זייערע טעכטער צו זיך פאַר ווייבער און זייערע טעכטער געגעבן צו זייערע זין און געדינט צו זייערע געטער" (שופטים ג').

אָבער יהושע פירט אָן כסדר אַ קאַמף קעגן די געצן־דינער. ער שטראָפט זיי און מאָנט פון זיי צו פאַרלאָזן די אָפּגעטער און זיך אומקערן צו גאָט פון די אָבות. און עס איז געווען, אַז אַזוי לאַנג ווי יהושע רעדט צו זיי, זאָגן זיי אים צו, אַז זיי וועלן דינען דעם איינציקן גאָט, דעם גאָט פון די אָבות און ניט אָפּטרעטן אויף קיין האָר פון דעם, וואָס משה האָט זיי געבאָטן. אָבער ווען זיי גייען אַוועק פון אים, ציט זיי דאָס האַרץ צו דער עבודה־זרה און צו די אויסגעלאַסענע אָרגיעס און זיי טוען דאָס, וואָס אַלע זייערע שכנים טוען...

* * *

יהושע איז געווען איינער פון די שאַפנדיקע נביאים. ער איז געווען שאַפנדיק דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעפירט די צוועלף שבטים אין לאַנד,

עס איינגענומען און עס צעטיילט צווישן זיי גאַנץ גענוי, לויטן פּלאַן, וואָס משה האָט געהאַט אויסגעאַרבעט. יהושע בן נון האָט אַריינגעבראַכט די אידן קיין ארץ ישראל, פּונקט אַזוי ווי משה האָט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים. יהושע האָט פאַרענדיקט די אַרבעט פון משה׳ן.

יהושע איז געווען אַ פירער, ווייל „משה האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אים" (במדבר כ״ז), און אים אָנערקענט אַלס אַזעלכן. דאָס איז געווען דער אופן ווי אַזוי אַ פירער איז אַנטשטאַנען ביי אידן אין די גאָר ערשטע צייטן. עס האָט אַלע מאָל געדאַרפט זיין, אַז אַ פירער, וואָס לעבט צווישן פאָלק, זאָל אַרויפלייגן זיינע הענט אויף דעם נייעם און אים אָנערקענען (דאָס הייסט „סמיכה" פון אויסדרוק „סומך את ידיו", אַרויפלייגן די הענט, און דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס עד היום דאַרף אַ נייער רב קריגן סמיכה פון אַן עלטערן).

אָבער אַ חוץ די דאָזיקע „סמיכה" האָט יהושע בן נון געהאַט אין זיך אַן אַנדער סמיכה, נעמלעך, דאָס פייער פון אַן אומאויפהערלעכן קעמפער. יהושע האָט געקעמפט אויסצוראָטן געצן־דינסט פון צווישן די אידן און מיר זעען אים, ווי ער שטייט כסדר אויף דער וואַך, איינער אַליין, און קעמפט קעגן דעם ווילדן חשק פון די מאַסן צו די געצן־דינסט אַרגיעס און ער זאָגט זיי, אַז אויב זיי וועלן אָוועקגיין אויפן וועג פון די שכנים, וועט גאָט זיי פאַר־טרייבן פון לאַנד און זייער סוף וועט ניט זיין גוט.

ווי ווייט מיר זעען פון „ספר יהושע", האָט יהושע בן נון אין זיינע טעג (ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 110 יאָר) געהאַלטן די אידן מער־ווייניק אין צוים, אַזוי אַז דער רוב פון די צוועלף שבטים האָט געדינט צו גאָט, זיי האָבן אָפּגעהיט פסח, מ׳ל געווען זייערע קינדער און זיינען געווען געטריי צו גאָט פון משה און פון די אידישע אָבות.

איצט קומען מיר צו צו דער עפּאָכע פון די נביאים. אָבער ווער איז אַ נביא און וואָס איז נביאות? — וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.4

ווער זיינען געווען די אידישע נביאים און וואָס איז נביאות?

וויפיל נביאים זיינען געווען ביי אידן? — וואָס איז אַזוינס אַ נביא? — ווי אַזוי זאָגט אַ נביא זיינע רייד צום פאָלק? — דאָס זיינען פראַגן וואָס זיינען איינגע־הילט אין אַ שלייער פון מיסטעריע, אָבער דאָך איז דאָ אויף זיי אַן ענטפער. — וואָס אונזערע חכמים זאָגן וועגן דעם.

די דערשיינונג פון די אידישע נביאים אין אָנהויב פון דער אַנטשטייאונג פון אידישן פאָלק און זייער פאַרשווינדן פון דער אַרענע באַלד נאָכדעם, ווען דאָס דאָזיקע פאָלק איז געוואָרן רייף און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניק, איז איינגעהילט אין אַ שלייער פון מיסטעריע. וועגן דעם ענין האָט מען שוין זייער פיל געשריבן, אַזוי אַז עס איז שוין אַנטשטאַנען דעריבער אַ גאַנצע ליטעראַטור. דאָך איז נאָך אַלץ ניט קלאָר פאַר יעדן אידן, וואָס איז אַזוינס „נבואה"? ווער איז אַ נביא? וואָס געשעט מיט דעם מענטש דעמאָלט, ווען ער זאָגט נביאות? און וויפיל אַזעלכע נביאים זיינען געווען ביי אידן? אַזוי זיינען דאָ נאָך אַנדערע פראַגן. עס איז ניט קלאָר צי עס זיינען געווען נביאים נאָר ביי אידן, אָדער אויך ביי אַנדערע פעלקער; און צי זיי זיינען געווען פון דער זעלבער מדרגה, אָדער פון אַן אַנדערן אופן?

עס איז אָבער אַ זיכערע זאַך, אַז ביי אידן זיינען געווען אין אַ גאַנץ לאַנגן פעריאָד גרויסע נביאים, וואָס האָבן מיט זייערע רייד געשאַפן און געבויט אונזער פאָלק. עס איז דעריבער וויכטיק צו האָבן אַ באַגריף, ווער אַט־די נביאים זיינען געווען, אין וואָס עס איז באַשטאַנען זייער כוח און אויך וואָס עס איז געווען זייער מיסיע אויף דער וועלט.

מיר וועלן דאָ פּרובירן ענטפערן אויף די דערמאָנטע פראַגן אין גייסט פון דער אידישער טראַדיציע און לויט דעם, ווי אַזוי אונזערע פירער און געלערנטע האָבן געגעבן דערויף זייערע ענטפערס.

* * *

לאָמיר פריער אָוועקשטעלן די פאָלגנדיקע דריי פראַגן: וואָס איז אַזוינס נבואה? ווער איז אַ נביא און וויפיל נביאים זיינען געווען ביי אידן? — כדי צו האָבן אַ ריכטיקן ענטפער אויף אַט־די פראַגן וועלן מיר צוגייץ

פריער פאַר אַלץ צו די סאַמע עלטסטע קוואַלן וואָס מיר האָבן, דהיינו, דער תלמוד, דאָס הייסט, די משנה און די גמרא. די שעפער פון דער משנה, די תנאים, זיינען געקומען באַלד נאָך דער פעריאָדע פון די נביאים, אַזוי אַז די סאַמע ערשטע פון זיי האָבן נאָך אַפילו געקענט די סאַמע לעצטע פון יענע. נאָך די תנאים קומען ווידער די אמוראים, די שעפער פון דער גמרא. זיי זיינען שוין געווען שפּעטער, נאָך די תנאים, אָבער דאָך האָבן זיי נאָך געהאַט טראַדיציעס און וויסן וועגן די נביאים. ערשט דערנאָך וועלן מיר גיין צו די אַנדערע אידישע געלערנטע און פאָרשער.

פון די דריי פראַגן, וואָס מיר האָבן אַוועקגעשטעלט, וועלן מיר קודם־כל ענטפערן אויף דער לעצטער, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל דערויף האָבן מיר אַ פּאַרטיקן ענטפער אין די רייד פון די תנאים; צווייטנס, ווייל דורך דעם וועט ווערן גרינגער צו ענטפערן אויך אויף די ערשטע צוויי פראַגן. נאָכדעם ווי מיר וועלן זען ווער און וויפיל ס׳זיינען געווען די נביאים, וועט מען קאָנען פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זיינען עס געווען און מיט וואָס זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט. אַזוי אַרום וועט מען קאָנען האָבן אַ באַגריף וואָס עס איז אַזוינס נביאות און ווער עס איז אַ נביא.

אַלזאָ, לויט אונזער טראַדיציע פון תלמוד זיינען געווען ביי אידן 48 נביאים און זיבן נביאה׳טעס, צוזאַמען פינף און פופציק גייסטיקע מענטשן וואָס האָבן געזאָגט נביאות. זיי זיינען געווען: 1) אברהם, 2) יצחק, 3) יעקב, 4) משה, 5) אהרן, 6) יהושע, 7) פנחס, 8) אלקנה (דאָס איז געווען דער „איש אלקים״ וואָס האָט זיך באַוויזן צו עלי — שמואל א׳, ב׳, כ״ז), 9) עלי, 10) שמואל, 11) גד, 12) נתן, 13) דוד, 14) שלמה, 15) עידו, 16) מיכיהו בן ימלא, 17) עבדיה, 18) אחיה השילוני, 19) יהוא בן חנני, 20) עזריה בן עודד, 21) חזיאל הלוי מבני מוניה, 22) אלעזר בן דודו ממורישה (דברי הימים ב׳, י״ט), 23) הושע, 24) עמוס, 25) מיכה המורשתי, 26) אמוץ, 27) אליהו, 28) אלישע, 29) יונה בן אמיתי, 30) ישעיה, 31) יואל, 32) נחום, 33) חבקוק, 34) צפניה, 35) אוריה, 36) ירמיה, 37) יחזקאל, 38) דניאל (און די וואָס זאָגן, אַז דניאל איז ניט געווען אַ נביא, שטעלן דאָ אַריין אַנשטאָט אים דעם נאָמען פון שמעיה), 39) ברוך בן נריה, 40) שריה, 41) מחסיה, 42) חלקיהו, 43) חנמאל, 44) שלם, 45) חגי, 46) זכריה, 47) מלאכי און 48) מרדכי בלשן (מגילה י״ד).

די זיבן נביאה׳טעס זיינען געווען: שרה, מרים, דבורה, חנה, אביגיל, חולדה און אסתר (דאָרטן). דער זעלבער סדר איז אויך דערמאָנט אין ספר „סדר העולם״, וואָס שטאַמט נאָך פון דער צייט פון די תנאים. אויף דער פראַגע פאַרוואָס רעכנט מען אויך ניט עזרא און נחמיה צווישן די נביאים, איז דער ענטפער, אַז עזרא איז מלאכי (מגילה ט״ו) און אַז נחמיה׳ן רעכנט מען ניט פאַר קיין נביא. ווייטער זאָל עס הייסן, אַז עס זיינען געווען ביי אידן פיל מער נביאים, אַן ערך פון איבער צוויי הונדערט, נאָר די נביאות וואָס

עס איז געווען וויכטיק אויך פאַר קומענדיקע דורות האָט מען פאַרשריבן, און די אַנדערע — ניט (מגילה י״ד).

אַזוי איז עס לויט דער טראַדיציע, אָבער ווען מיר באַטראַכטן היינט דעם ענין פון די נביאים, זעען מיר די זאַך אַביסל אַנדערש. מיר האָבן איצט אַן אַנדערן באַגריף וועגן די נביאים און אויך אַן אַנדערע איינטיילונג. יעדנפאַלס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ניט אַלע נביאים זיינען געווען פון איין קאַליבער. ס׳זיינען געווען מדרגות צווישן זיי און ניט אַלע זיינען געווען פון איין און דעם זעלבן אופן. אָבער אַ חוץ דעם איז אויך אין ענין פון נבואה פאַרגעקומען אַ מצב פון אַנטוויקלונג, אַזוי אַז נבואה איז ניט אַלע מאָל געווען איינס און דאָס זעלבע.

* * *

מיר געפינען אין תנ״ך צען באַגריפן וועגן אַ נביא. ער ווערט אָנגערופן „ציר״, „נאמן״, „עבד״, „שליח״, „חוזה״, „רואה״, „צופה״, „מלאך״, „נביא״, און „איש אלקים״ (אבות דר׳ נתן פ׳ ל״ד, ז׳). אָבער אָט־די באַגריפן זיינען ניט סינאָנימען, ניט עטלעכע ווערטער פאַר איין באַגריף, נאָר ווערטער וואָס באַצייכענען מדרגות אין נבואה, דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון נבואה ביי אידן.

גלייך אין אָנהויב זעען מיר, אַז אברהם אבינו ווערט אָנגערופן נביא. ווען אבימלך מלך גרר האָט צוגענומען אברהמ׳ס ווייב, שרה׳ן, צו זיך, שטייט אין פסוק, אַז גאָט האָט געזאָגט צו אבימלך אין חלום: „גיב אָפּ דאָס ווייב פון דעם מאַן, ווייל ער איז אַ נביא. וועט ער בעטן פאַר דיר, וועסטו בלייבן לעבן״ (בראשית כ׳, ז׳). מיר זעען אַלזאָ, אַז אברהם ווערט אָנגערופן „נביא״, אָבער דאָך זאָגן מיר ניט „אברהם הנביא״, מיר זאָגן „אברהם אבינו״. ווייטער זעען מיר ביי משה רבינו פיל אויסדרוקן אַלס נביא, ווי אין פסוק „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה״ (עס איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ נביא ווי משה — דברים ל״ד, י׳). פונדעסטוועגן זאָגן מיר ניט „משה הנביא״, ווי מ׳זאָגט, למשל, „ישעיה הנביא״, אָדער „ירמיה הנביא״. מיר זאָגן „משה רבינו״. פאַרוואָס?

דאָס האָט צו טאָן מיטן גאַנצן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון נבואה ביי אידן. אַ קורצע דערציילונג, וואָס עס איז דאָ אין תנ״ך, גיט טיילוויז דעם שליסל צו דעם.

אין שמואל א׳ ווערט דערציילט ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז שאול זאָל ווערן דער ערשטער אידישער קעניג. עס הויבט זיך אָן מיט דעם, ווי אַזוי ביי שאול׳ס פאָטער, קיש, זיינען אַוועקגעקומען עטלעכע אייזלען און שאול איז זיי געגאַנגען זוכן. דערביי ווערט געזאָגט פאַלגנדיקס:

„פאַרצייטנס ביי אידן האָט אַזוי געזאָגט אַ מאַן, ווען ער איז געגאַנגען פאָרשן גאָט: לאָמיר גיין צום „רואה״ (דער זעער), ווייל דעם וואָס מען רופט אָן איצט „נביא״ האָט מען פריער גערופן „רואה״ (שמואל א׳, ט׳). ווייטער שטייט, אַז שאול און זיין יונגער קנעכט האָבן געפרעגט די מייד־

שמואל הנביא זאַלבט שאול'ן פאַר אַ קעניג ביי אידן.

לעך, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען שעפּן וואַסער: „וואוינט דאָ דער „רואה" ז" (שמואל א׳ ט׳, י"א).

דאָס וואָס דער „רואה" איז שפּעטער געוואָרן אַ „נביא" איז ניט געווען בלויז אַן ענדערונג פון ווערטער, נאָר אויך אין באַגריף וועגן נביא, ווייל „רואה" מיינט צו זען זאַכן (אין פאָראויס), אָבער „נביא" מיינט צו רעדן שטראָף־רייד (פון וואָרט „ניב שפתים"). פּונקט אַזוי זיינען אויך אַלע אַנדערע באַגריפן וועגן „נביא" ניט נאָר אַ בייט פון ווערטער, נאָר אויך אַן ענדערונג פון באַגריפן, פון דעם וואָס ער דאַרף פאַרשטעלן מיט זיך.

מיר געפינען ווייטער אין שמואל א׳ אַ גאַנצע באַשרייבונג פון דעם אופן ווי אַזוי אַ נביא האָט גערעדט צום פאָלק, וואָס עס מיט אים דעמאָלט געשען און ווי אַזוי די נביאים האָבן זיך אויפגעפירט.

קודם כל זעען מיר, אַז עס זיינען געווען גאַנצע גרופּן פון נביאים. די דאָזיקע גרופּן ווערן אָנגערופן מיט פאַרשידענע נעמען, ווי „להקת נביאים", „חבל נביאים", „בני נביאים" און מיט נאָך אַנדערע באַצייכענונגען. „להקת נביאים" איז געווען אַ גרופּע פון נביאים, וואָס יעדער איינער איז געווען אַ נביא. „חבל נביאים" איז שוין געווען אַ גרופּע פון יונגע נביאים, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אַ גרויסן נביא, אין אַ געוויסן זין — זיינע תלמידים. „בני נביאים" זיינען געווען נאָך יינגערע, וועלכע זיינען ערשט געגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אין דער לערע, אויף צו ווערן נביאים.

מיר געפינען אויך ווי אַזוי די נביאים האָבן געזאָגט נביאות. קודם כל האָבן זיי געהאַט פריער אַ צוגרייטונג פון מוזיק און זיי האָבן זיך באַנוצט דערצו מיט פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווי אַ פידל, אַ פּויק, אַ פייפל און אַ פלייט, כדי צו ווערן באַגייסטערט און ערשט דעמאָלט האָבן זיי געזאָגט זייערע נביאות׳ן. מיר זעען דאָס פון דעם, וואָס שמואל האָט געזאָגט צו שאול׳ן, באַלד נאָכדעם ווי ער האָט אים געזאַלבט: „נאָכדעם וועסטו קומען צו גבעת האלקים, וואָס דאָרט זיינען די האַרן פון די פלשתים און עס וועט זיין ווי דו וועסט קומען אין דער שטאָט אַריין, וועסטו באַגעגענען אַ „חבל נביאים" (אַ באַנדע פון נביאים), וואָס גייען אַרונטער פון דער הויכקייט און פאַר זיי זיינען דאָ שפּילער אויף אַ פלייט, אַ פּויק, אַ פייפל און אַ פידל און זיי זאָגן נביאות, וועט אויף דיר רוען גאָט׳ס גייסט און דו וועסט זאָגן נביאות צוזאַמען מיט זיי און דו וועסט ווערן אַן אַנדער מענטש" (שמואל א׳ י׳, ה־ו).

ווייטער ווערט דערציילט, אַז אַזוי איז טאַקע געווען. „אַזוי ווי שאול האָט אויסגעדרייט זיין אַקסל אַוועקצוגיין פון שמואל׳ן, האָט גאָט אין אים איבערגעקערט זיין האַרץ אויף אַנדערש און עס זיינען געקומען די אַלע צייכנס אין זעלבן טאָג און ער איז געקומען קיין גבעה און אַ „חבל נביאים" איז אים געקומען אַנטקעגן. האָט אויף אים גערוט גאָט׳ס גייסט און ער האָט אויך נביאות געזאָגט צווישן זיי. און עס איז געווען די וואָס האָבן אים

געקענט פון נעכטן און אייערנעכטן און זיי האָבן געזען, אַז ער זאָגט נביאות צוזאַמען מיט די נביאים. האָט איינער געפרעגט ביים אַנדערן: וואָס איז געשען צו קיש'ס זון? איז אויך שאול צווישן די נביאים?" (דאָרט).

דאָס, וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן באַנוצן זיך מיט מוזיק צו קאָנען זאָגן נביאות, געפינען מיר אויך אין אַן אַנדער שטעלע אין תנ"ך, ווען דער נביא אלישע האָט געזאָגט, אַז „מען זאָל אים ברענגען אַ זינגער (מנגן) און עס איז געווען אַזוי ווי דער זינגער האָט געזונגען, האָט גערוט אויף אים גאָט'ס גייסט" (מלכים ב', ג', ט"ו).

מיר זעען אויך, אַז ווען דער נביא האָט גענומען רעדן, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, אַזוי ווי שמואל האָט געזאָגט צו שאול'ן: „דו וועסט ווערן איבערגעקערט צו אַן אַנדערן מענטש". דער נביא איז אַריין אין אַן עקסטאַז און געשוועבט אין אַנדערע וועלטן. מיר זעען אויך דאָס פון אַ צווייטער שטעלע ביי שאול'ן. שוין שפּעטער, ווען ער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק איז ניט מיט אים, נאָר מיט דוד'ן, שטייט דאָרט, אַז „שאול איז געגאַנגען קיין ניות און ער האָט געזען אַ „להקת נביאים" (להקת איבערגעקערט איז „קהלת", אַ זאַמלונג), וואָס זאָגן נביאות און שמואל שטייט נעבן זיי, האָט אויך אויף אים גערוט גאָט'ס גייסט, און ער איז געגאַנגען און געזאָגט נביאות, ביז ער איז געקומען קיין ניות אין דער הויך, און ער האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער און נביאות געזאָגט פאַר שמואל'ן און איז געפאַלן נאַקעט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. דערפאַר זאָגט מען: „איז אויך שאול צווישן די נביאים?" (שמואל א', ט', י"ח—כ"ד).

מיר זעען איצט, אַז די נביאים זיינען אַריין ביים זאָגן נביאות אין אַזאַ עקסטאַז, אין אַזאַ עקזאַלטאַציע, אַז זיי האָבן געוואָרפן פון זיך די קליידער, ווייל זיי זיינען געווען אויף זיי צופיל, און אַזוי האָבן זיי געוואַנדערט נאַקעט און געזאָגט זייערע נביאות גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, אָן צו האָבן אַ געברויך פאַר פיזישע זאַכן. דאָס איז אַ צושטאַנד, ווען דער גייסט הערשט אינגאַנצן איבערן מענטשן; ווען דער מענטש טוט זיך אויס אינגאַנצן פון חומר און פון אַלע גשמיות'דיקע זאַכן, און דער גייסט ווערט דער גאַנצער בעל־הבית איבער אַלעם.

די פראַגע איז איצט, איז עס אַזוי געווען ביי אַלע נביאים? איז דאָס אַ נויטיקע באַדינגונג איידער צו זאָגן נביאות? אָדער דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער הויכער דערהויבונג פונעם נביא? עס איז אויך וויכטיק צו וויסן צי אַזאַ עקסטאַז איז געווען נאָר אין איין צייט, אין איין פעריאָד, אָדער עס איז אַזוי געווען אין אַלע צייטן? זיינען אין דער הינזיכט אַלע נביאים געווען גלייך, אָדער עס זיינען געווען פאַרשידענע מדרגות?

מיר וועלן עס פּרובירן קלאָר צו מאַכן.

.5

פיר עפּאָכעס פון נביאים ביי אידן

די צייכנס, וואָס די נביאים האָבן געגעבן צום פאָלק, כדי צו באַקרעפטיקן זייערע רייד. — די פיינלעכע צייכנס פון ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל און הושע. — וואָס דער רמב״ם דערקלערט וועגן די עלף מדרגות פון נבואה.

ווען מיר קוקן זיך צו צום אופן ווי אַזוי די אידישע נביאים האָבן גערעדט צום פאָלק, זעען מיר, אַז עס איז שטענדיק געווען אין אַ מאָמענט פון הויכן עקסטאַז, פון אויסערגעוויינלעכער עקזאַלטאַציע, פון אויסגעטאָנקייט פון דער וועלט. דער, אויף וועמען עס האָט גערוט גאָט'ס גייסט, וועמען גאָט האָט אויסגעקליבן צו שיקן מיט זיין וואָרט צו די אידן בפרט און צו דער מענטשהייט בכלל, איז געוואָרן אַן אַנדערער, גאַרניט דער זעלבער וואָס ער איז פריער געווען. עס איז געקומען אַ מאָמענט וואָס איז פריער ביי אים קיינמאָל ניט געווען און וועט זיך אפשר ביי אים קיינמאָל מער ניט איבער־חזר'ן, כאָטש אַפילו ער האָט אויסגעפירט זיין שליחות אויפן בעסטן אופן. עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס גאָט האָט זיי כסדר געשיקט מיט זיין וואָרט צו די מענטשן. דאָס זיינען געווען די גרויסע נביאים, די סאַמע אויסגעקליבענע.

די נביאים האָבן אויך געהאַט ניט בלויז מאָמענטן פון עקסטאַז, נאָר זיך אויך באַנוצט מיט סימבאָלן און צייכנס. אַזוי זעען מיר, אַז ישעיה הנביא איז אַרומגעגאַנגען „נאַקעט און באָרוועס" („ערום ויחף") אין פאַר־לויף פון דריי יאָר, נאָכדעם ווי עס איז איינגענומען געוואָרן אַשדוד (דורך דעם באַפעל פון סרגון דעם קעניג פון אַשור), כדי צו דערמאָנען אַזוי אַרום דאָס פאָלק, אַז דער קעניג פון אַשור וועט איינגעמען אויך מצרים און כוש און וועט פירן די געפאַנגענע נאַקעט און באָרוועס אין גלות אַריין, ווי מיר זעען עס פון ישעיה, קאַפּיטל כ׳:

„און עס איז געווען אין יאָר ווען תרתן איז געקומען קיין אַשדוד, ווייל עס האָט אים אַהין געשיקט סרגון, דער קעניג פון אַשור, און ער האָט זי איינגענומען. אין יענער צייט האָט גאָט גערעדט צו ישעיהו בן אמוץ אַזוי צו זאָגן: גיי און עפן אויף די זאַק־קליידער פון דיינע לענדן און דיינע שיך זאָלסטו אויסטאָן פון דיינע פיס. האָט ער אַזוי געטאָן, גייענדיק נאַקעט און באָרוועס. און גאָט האָט געזאָגט: אַזוי ווי מיין קנעכט ישעיהו איז געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס דריי יאָר, אַלס צייכן און סימבאָל אויף מצרים און כוש, אַזוי וועט דער קעניג פון אַשור פירן די געפאַנגענע פון מצרים און די פאַרטריבענע פון כוש, יונגע און אַלטע נאַקעט און באָרוועס"...

דאָס זעלבע זעען מיר אויך ביי ירמיהו׳ן. אויך ער באַנוצט זיך מיט צייכנס און סימבאָלן, ווי מיר זעען עס אין אָנהויב פון דרייצנטן קאַפּיטל (ירמיהו י״ג):

„אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו מיר: גיי און קויף דיר אַ גאַרטל פון לייוונט און טו אים אָן אויף דיינע לענדן און אין וואַסער זאָלסטו אים ניט ברענגען. האָב איך געקויפט דעם גאַרטל, ווי גאָט האָט געהייסן, און אים אָנגעטאָן אויף מיינע לענדן. האָט גאָט גערעדט צו מיר אַ צווייטן מאָל, אַזוי צו זאָגן: נעם דעם גאַרטל, וואָס דו האָסט געקויפט און וואָס דו האָסט אויף דיינע לענדן, און גיי קיין פּרת און באַהאַלט אים דאָרטן אין אַ שפּאַלט פון אַ פעלז. בין איך געגאַנגען און האָב אים באַהאַלטן אין פּרת, אַזוי ווי גאָט האָט מיר געבאָטן. און עס איז געווען אין אַ צייט שפּעטער, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: גיי קיין פּרת און נעם אַרויס פון דאָרטן דעם גאַרטל, וואָס איך האָב דיר געהייסן באַהאַלטן דאָרטן. בין איך געגאַנגען קיין פּרת און געגראָבן און גענומען דעם גאַרטל פונעם אָרט וואו איך האָב אים באַהאַלטן, און עס איז קאַליע געוואָרן דער גאַרטל, ער טויג צו גאָרניט. האָט גאָט צו מיר געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט, אָט אַזוי וועל איך פאַרדאַרבן דעם שטאָלץ פון יהודה און די פּראַכט פון ירושלים, וואָס איז גרויס. אָט דאָס דאָזיקע שלעכטע פאָלק, וואָס וויל זיך ניט צוהערן צו מיינע רייד...״

ווייטער זעען מיר ווי גאָט רעדט צו ירמיהו׳ן וועגן אַן אַנדערן סימבאָל (ירמיהו י״ח):

„שטיי אויף און גיי צו אַ טעפּערס הויז און דאָרטן וועל איך דיר זאָגן מיינע רייד. בין איך געגאַנגען און געזען ווי דער טעפּער אַרבעט אויף אַ פאָרם און עס איז קאַליע געוואָרן די כלי, וואָס ער האָט געמאַכט פון ליים אין די הענט פון טעפּער, און ער האָט זיך אומגעקערט און געמאַכט אַ צווייטע כלי, אַזוי ווי עס איז אים געפעלן געוואָרן צו מאַכן. האָט גאָט צו מיר געזאָגט: קען איך ניט אַזוי ווי דער טעפּער טוט, טאָן צו אייך, בית ישראל? אַזוי זאָגט גאָט, אַזוי ווי ליים אין די הענט פון אַ טעפּער, אַזוי זענט איר אין מיינע הענט...״

און ווידער אַמאָל רעדט גאָט צו ירמיהו׳ן וועגן אַ נייעם סימבאָל: „גיי און קויף אַ פלעשל פון איינעם וואָס מאַכט ערדענע כלים און נעם מיט דיר עטלעכע פירער פון פאָלק און פון די אַלטע לייט פון די כהנים און דו זאָלסט אַרויסגיין צו גיא בן־הינום, וואָס איז ביים טויער פון חרסות און דו זאָלסט דאָרטן פאַרלייענען די ווערטער וואָס איך וועל רעדן צו דיר... אַזוי זאָגט גאָט... איך ברענג שלעכטס אויף דעם אָרט... און דו זאָלסט צעברעכן דאָס פלעשל פאַר די אויגן פון די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען מיט דיר און זאָלסט זאָגן צו זיי, אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אָט אַזוי וועל איך צעברעכן דאָס פאָלק...״ (ירמיה י״ט).

און ווייטער דערציילט ירמיהו:

„גאָט האָט צו מיר געזאָגט: מאַך דיר שטריק און שטאַנגען, וואָס דו זאָלסט טראָגן אויף דיין האַלז...״ (ירמיה כ״ז).

דאָס האָט געזאָלט זיין ווידער אַ צייכן, אַז אַלע פעלקער, די שכנים פון יהודה און אויך יהודה, וועלן פאַרשקלאַפט ווערן אונטערן יאָך פון קעניג פון בבל...

דאָס זעלבע געפינען מיר אויך ביי יחזקאל׳ן. ער באַנוצט זיך מיט זייער פיל סימבאָלן און צייכנס. גאָט הייסט אים אויפעסן אַ מגילה, וואָס איז אָנגעשריבן אויף איר די צרות וואָס עס וועלן טרעפן די אידן, און ער טוט אַזוי (יחזקאל ב׳ און ג׳). דערנאָך איז ער איינגעשלאָסן אין הויז די גאַנצע צייט ווען ירושלים איז באַלאַגערט. ער בינדט זיך מיט שטריק און זיין צונג ווערט צוגעקלעפּט צו זיין גומען און ער ווערט שטום (יחזקאל ג׳, כ״ד).

און אָט הייסט אים גאָט נעמען אַ ציגל און אויסקריצן אויף איר דאָס בילד פון ירושלים און פאַרשטעלן סימבאָליש ווי אַזוי זי ווערט באַלאַגערט, און ער אַליין זאָל ליגן אויף דער לינקער זייט 390 טעג און דערנאָך אויף דער רעכטער זייט פערציק טעג. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט זאָל ער זיין געבונדן אין דיקע שטריק, כדי ער זאָל זיך ניט קאָנען איבערקערן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. און עסן זאָל ער די גאַנצע צייט „אומריין ברויט״ און דאָס אויך נאָר מיט אַ מאָס — און דאָס אַלץ אַלס אַ צייכן פאַר מלכות יהודה, אַז זי וועט חרוב ווערן און אירע קינדער וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות אַריין אין בבל.

דער לעצטער סימבאָל איז, אַז ער זאָל אָפּגאָלן זיך די האָר פון קאָפּ און די באָרד, און אַ דריטל פון די האָר פאַרברענען אין פייער, אַ דריטל אָפּהאַקן מיט דער שווערד און אַ דריטל פאַרשפּרייטן מיטן ווינט, אַלס אַ צייכן וואָס עס וועט טרעפן צו מלכות יהודה נאָכדעם ווי ירושלים וועט חרוב ווערן.

דעם נביא הושע הייסט גאָט נעמען זיך אַ זינדיק ווייב און מיט איר האָבן קינדער און זיי אַ נאָמען געבן, אַלס אַ צייכן אויף די זינד פון די אידן. דער נביא גייט און נעמט זיך פאַר אַ ווייב גומר בת דבלים, און זי איז געוואָרן שוואַנגער און געבוירן אַ זון און גאָט הייסט אים אַ נאָמען געבן יזרעאל, אַלס אַ צייכן, אַז ער וועט זיך אָפּרעכענען פאַר דעם בלוט פון יזרעאל און צעשטערן דאָס מלכות ישראל. און זי ווערט ווידער שוואַנגער און געבוירט אַ טאָכטער, און גאָט זאָגט צו אים: „רוף איר אָן „לא רוחמה״, ווייל איך וועל ניט האָבן מער קיין רחמנות אויף די אידן״. דערנאָך האָט זי ווידער געבוירן אַ זון, האָט גאָט געזאָגט: „רוף זיין נאָמען „לא עמי״, ווייל די אידן זיינען ניט מער מיין פאָלק״ (הושע א׳).

מיר זעען אַלזאָ, אַז דער נביא האָט ניט בלויז גערעדט זיינע רייד אין מאָמענט פון הויכן עקסטאַז און פון פולשטענדיקער עקזאַלטאַציע, נאָר ער האָט עס אויך באַוויזן שפּעטער דורך סימבאָלן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן

טיילוויז מיט גרויסע יסורים פאַר אים, כדי, אַזוי אַרום, אונטערצושטרייכן און באַטאָנען דעם אמת פון זיינע רייד און — וואָס עס וועלן זיין די קאָנ־סעקווענצן, אויב מען וועט זיך צו זיי ניט צוהערן.

אָט־דאָס איז נבואה. דער, וועמען גאָט לייטזעליקט מיט אַזעלכע הויכע מאָמענטן, אָדער אַפילו נאָר מיט איין מאָמענט, אָט דעם האָט ער געגעבן דעם כח פון נבואה; אָט אים האָט ער אויסגעוויילט צו שיקן מיט זיין וואָרט צו זיין פאָלק ישראל אָדער צו דער גאַנצער מענטשהייט...

* * *

אָבער כאָטש מיר ווייסן שוין איצט וואָס נבואה איז, קאָן מען דערפון נאָך ניט דרינגען אויף צוריק, אַז דער וואָס ווערט געלייטזעליקט פון גאָט מיט אַזעלכע הויכע מאָמענטן, איז שוין אַ נביא. ניין, ווייל אַ חוץ די דאָזיקע הויכע מאָמענטן דאַרפן זיין נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען ניט גלייך ביי אַלע נביאים. עס זיינען פאַראַן מדרגות.

אָבער וואָס זיינען אָט־די מדרגות?

דער רמב״ם (אין מורה נבוכים חלק ב׳, פרק מ״ח) רעכנט אויס עלף אַזעלכע שטופן. זיי גייען ביי אים פון קליין ביז גרויס, פון נידעריק ביז העכער.

די עלף מדרגות זיינען פאָלגנדיקע:

1. דער נביא דאַרף זיין איינער, וואָס העלפט מענטשן, וואָס באַשיצט די גערעכטע קעגן די אומגערעכטע.

2. עס דאַרף זיין אין אים אַן אַנדערער כח, וואָס זאָל אים וועקן צו רעדן מיט חכמה וועגן געטלעכע ענינים, אָדער שטראָף־רייד צו די וואָס זינדיקן און טוען שלעכטס. אָבער דאָס אַלץ זאָל געשען אין דער וואַך, דאָס מיינט, אַז עס זאָל אויף אים רוען דער רוח הקודש.

3. די נבואה וואָס קומט אין חלום אין פאָרם פון אַ משל מיט אַ באַשיידונג.

4. אַ נבואה, וואָס אַ מענטש זאָל רעדן צו אים אין חלום, אַזוי ווי מיר זעען עס אין אַ טייל פון יחזקאל׳ס נביאות, ווי ער זאָגט „וידבר אלי האיש״.

5. אַז ער זאָל הערן אין חלום ווערטער פון נבואה, דערקלערט און פאַרטייטשט און ניט זען דעם וואָס עס רעדט צו אים, ווי עס האָט געטראָפן מיט שמואל׳ן אין דער ערשטער צייט פון זיין נבואה.

6. אַז אַ מלאך זאָל רעדן צום נביא אין חלום, ווי דאָס האָט פאַסירט מיטן רוב פון די נביאים, ווי עס שטייט „ויאמר אלי מלאך האלקים בחלום״ (און עס האָט געזאָגט צו מיר אַ מלאך פון גאָט אין חלום — בראשית ל״א, י״א).

7. אַז דער נביא זאָל זען אין חלום אַ שטייגער ווי דער בורא יתברך רעדט צו אים, ווי עס שטייט ביי ישעיה „ראיתי את ה׳ ואשמע את קול ה׳

אומר״ (איך האָב געזען גאָט און געהערט די שטים פון גאָט וואָס זאָגט — ישעיה ו׳, א׳).

8. אַז עס זאָל קומען צו אים גאָט׳ס וואָרט אין אַ געשטאַלט, און אַז ער זאָל זען פאַרשטעלונגען, ווי, למשל, ביי אברהמ׳ען ביים ברית פון בין הבתרים (בראשית ט״ו, ט׳).

9. צו הערן ווערטער דורך אַ געשטאַלט, ווי עס שטייט ביי אברהם אבינו „והנה דבר ה׳ אליו״ (און עס איז געווען גאָט׳ס וואָרט צו אים — בראשית ט״ו, ד׳).

10. ער זאָל זען ווי עמעצער רעדט צו אים אין געשטאַלט, ווי אברהם ביי די אלוני ממרא און ווי יהושע ביי יריחו.

11. אַז אַ מלאך זאָל רעדן צו אים ווי אברהם ביי דער עקדה, און דאָס איז די גרעסטע דערגרייכונג פון נבואה, אַ חוץ פון משה רבינו, וואָס ביי אים שטייט, אַז גאָט האָט גערעדט צו אים פנים אל פנים.

* * *

אָבער אַ חוץ די דאָזיקע איינטיילונג פון די מדרגות פון די נביאים, איז דאָ נאָך אַן איינטיילונג, וואָס האָט שוין צו טאָן מיט דער צייט, ווען די נביאים זיינען געקומען אויף דער לעבנס־אַרענע. לויט דער דאָזיקער איינ־טיילונג איז די עפּאָכע פון אברהם אבינו ביז שמואל הנביא געווען די ערשטע עפּאָכע פון שאַפנדיקע נביאים, אָדער די עפּאָכע פון די גרינדער פון אידנטום. דאָס זיינען געווען די נביאים, וועלכע האָבן גערעדט צו אונז דורך מעשים, וועלכע זיינען געבליבן פאַר דורי־דורות. ניט אַלע זייערע רייד זיינען פאַרשריבן געוואָרן, אָבער זייערע מעשים רעדן צו אונז שטענדיק. די צווייטע עפּאָכע איז געווען די, פון די שטילע נביאים, אָדער מינדלעכע נביאים, וועלכע האָבן געווירקט נאָר אין זייער צייט און וועמענס רייד זיינען ווייניק אָדער כמעט אינגאַנצן ניט פאַרשריבן געוואָרן. די עפּאָכע פון אַזעלכע נביאים, ווי גד, נתן און אַנדערע, וועגן וועלכע מיר ווייסן זייער ווייניק. די דריטע עפּאָכע איז פון די שטורמישע נביאים, די שטראָפער, מאָנער פון אייביקן אמת און גערעכטיקייט, ווי ישעיה, ירמיה, יחזקאל, הושע, עמוס און אַנדערע. די פיערטע עפּאָכע איז פון די קלענערע און לעצטע נביאים, וועלכע האָבן געהאַט קליינע זעאונגען, אָבער אַזעלכע וואָס זיינען געווען פון אַ באַדייטונג פאַר יענער צייט. אָבער איידער מיר טרעטן־צו צו זיי אַלע, דאַרפן מיר זיך קלאָר מאַכן בכלל, ווער עס זיינען געווען די אמת׳ע און ווער די פאַלשע נביאים. וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפיטל.

.6

אמת׳ע און פאַלשע נביאים

ווער איז אַן אמת׳ער נביא און ווער אַ פאַלשער? — דאָס אינערלעכע פייער פון אַן אמת׳ן נביא און זיין שטענדיקער קאַמף, אַן מורא, פאַר אמת און גערעכטיקייט. — ביישפּילן פון אליהו הנביא, נתן הנביא און פון נביא מיכיהו בן ימלא. — אַלע נביאים זיינען אויך געווען אוניווערסאַלע קעמפער.

מיר קומען איצט צו נעענטער צום ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס שטעלט אַ נביא אַזוינס מיט זיך פאַר?

עס זיינען געווען, ווי מיר ווייסן שוין, פאַרשידענע סאָרטן פון נביאים, אָדער נביאים פון פאַרשידענע מדרגות, לויט זייערע אינערלעכע כוחות, זייערע מעשים פאַרן אידישן פאָלק אָדער פאַר דער וועלט און לויטן קאַמף, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט אומעטום פאַר אמת און גערעכטיקייט.

אָט־דאָס לעצטע איז געווען דער הויפּט־באַדינג פאַר אַ נביא. עס האָט אומבאַדינגט געמוזט זיין אין אים אַ טייל פון דעם הייליקן פייער, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען אַזוי לאַנג, ווי דער אמת איז ניט באַוויזן געוואָרן און די גערעכטיקייט איז ניט געוואָרן צוריקגעשטעלט. דער נביא האָט געמוזט זיין גרייט, אין זיך, צו ליידן פאַר די פּרינציפּן, די שרעקלעכסטע יסורים און אַפילו טויט. דאָס איז אויך געווען דער פּרוביר־שטיין צו וויסן, לויט דער ביבל, צי גאָט האָט אים געשיקט מיט זיין וואָרט צו די מענטשן.

דעריבער מיינט ניט די צאָל, וואָס אונזער טראַדיציע האָט פון די נביאים (48 מענער און 7 פרויען), אַז אַלע זיינען געווען גלייך, אָדער אַפילו אין כלל פון נביאים. ניין, עס מיינט נאָר צו זאָגן, אַז ביי די אַלע אויסגערעכנטע איז געווען עפּעס נבואה׳שעס, אַז ביי זיי האָט געברענט דאָס אינערלעכע פייער, ביי ווענמען מער און ביי וועמען ווייניקער. עס איז גענוג געווען, אַז אויב מען האָט ביי איינעם געזען עפּעס אַ טאַט, אַ באַוועגונג, אַ זאָג, אַן איינשטעלונג, וואָס איז געקומען פון טיפן אמת, פאַר וועלכן ער איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, אַז מען זאָל אים פאַררעכענען אין דער צאָל פון די נביאים. אַזוי אָרום זעען מיר, אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט עפּעס, זיינען פאַרשריבן געוואָרן אַלס נביאים, בעת אַלע אַנדערע זיינען פאַרגעסן געוואָרן. עס זיינען אויך געווען נביאים, וואָס מען האָט זייערע רייד ניט פאַרשריבן און אַנדערע, וואָס מען האָט זייערע רייד יאָ פאַרשריבן, לדורות. אָבער יעדער איינער האָט געמוזט האָבן אין זיך אַ נבואה׳שן פונק. דאָס איז געווען אמת אפילו וועגן די סאַמע שטילע נביאים,

ווייל עס זיינען געווען שטילע נביאים אין אַלע עפּאָכן. יעדעס מאָל, ווען עס איז געווען אַ גרויסער נביא, זיינען אַרום אים געווען אויך שטילע נביאים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. אָבער יעדער פון זיי האָט געמוזט האָבן כאָטש אַ פונק פון נבואה, אַז ניט, וואָלט ער ניט געקאָנט זיין אין דער סביבה פונעם נביא. יעדער איינער פון זיי האָט געמוזט זיין אַ קעמפער פאַרן אמת און גרייט דערפאַר מיט מסירת נפש.

* * *

אָבער פונקט אַזוי זיינען אויך געווען אין יעדער צייט פיל פאַלשע נביאים.

עס זיינען געווען צוויי סאָרטן פון פאַלשע נביאים: איינס, אַזעלכע וואָס זיינען געווען נביאים פון געצן־דינסט, ווי, למשל, די נביאים פון אָפּגאָט „בעל", אָדער פון דער געטין „אשרה", וועלכע האָבן גערופן צו דינען דער עבודה זרה: און צוויי, אַ סאָרט פון פאַלשע נביאים, וואָס האָבן ניט גערופן צו דינען דער עבודה זרה, אָבער וועלכע האָבן ניט געהאַט אין זיך דעם פייער פון אמת.

אַזעלכע פאַלשע נביאים זיינען געווען אין די הויפן פון די קעניגן זייער פיל, מען קאָן זאָגן — אין די הונדערטער, און אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט איז געווען דאָס, וואָס דער קעניג האָט געוואָלט פון זיי הערן. זיי האָבן אונטערדריקט דעם אמת, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס וואָס זיי זאָגן איז ניט אַזוי, ווייל ביי זיי אין האַרצן האָט ניט געברענט דאָס פייער פון מוזן זאָגן דעם אמת אַפילו ווען עס שמעקט מיט לעבנס־געפאַר.

עטלעכע שטעלן פון תנ"ך וועלן אונז קלאָר מאַכן וואָס מיר מיינען ווען אמת'ע און פאַלשע נביאים.

די ערשטע שטעלע איז אין חומש. אין „דברים" ווערט אונז אָנגע־זאָגט, אַז מען זאָל זיך אויסהיטן פון אַ פאַלשן נביא, אויב ער וועט אונז רופן אָפּצוטרעטן פון וועג פון דער תורה... „איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו די רייד פון דעם נביא... ווייל גאָט פּרובירט אייך דערמיט נאָר אויס... און דער פאַלשער נביא זאָל ווערן געטויט... און גאָט זאָגט: „איך וועל אייך אויפשטעלן אַ נביא פון צווישן אייערע ברידער... און איך וועל געבן מיינע רייד אין זיין מויל און ער וועט רעדן צו אייך אַלץ וואָס איך וועל אים הייסן..." אָט־דאָס איז דער געבאָט וועגן אַ פאַלשן נביא...

איצט לאָמיר זען וואָס עס ווערט ווייטער דערציילט אין תנ"ך וועגן אַזעלכע פאַלשע נביאים.

אין מלכים א' (י"ח) ווערט דערציילט וועגן דעם קאַמף וואָס אליהו הנביא האָט אָנגעפירט קעגן 450 פאַלשע נביאים, וואָס האָבן גערופן צו דינען צום אָפּגאָט „בעל". ער, אליהו, האָט איינער אַליין געקעמפט קעגן פיר הונדערט און פופציק פאַלשע נביאים און זיי באַזיגט. עס ווערט דער־ציילט אַזוי:

עס איז געווען אין דער צייט פון אחאב, דעם מלך פון ישראל, וועלכער האָט זיך גענומען פאַר אַ ווייב איזבל, די טאָכטער פון אתבעל, דעם קעניג פון די צדונים, און האָט געדינט צום בעל און זיך געבוקט צו אים... און עס איז געווען נאָכדעם ווי איזבל האָט פאַרשניטן אַלע נביאים, וואָס האָבן געדינט צו גאָט, און עובדיה, וואָס איז געווען באַשטימט איבערן הויז פון קעניג, האָט גענומען הונדערט נביאים פון גאָט און זיי באַהאַלטן, צו פופציק אין אַ הייל, און האָט זיי געשפּייזט מיט ברויט און וואַסער... אין יענער צייט איז אליהו התשבי געקומען צו עובדיה'ן און צו אים געזאָגט, אַז ער זאָל גיין זאָגן דעם קעניג אחאב, אַז אליהו וויל אים זען...

עובדיה האָט מורא געהאַט דאָס צו זאָגן צו אחאב'ן און האָט געזאָגט צו אליהו'ן, אַז דער קעניג אחאב זוכט אים אַרום צו טויטן אים, און ער זוכט אים ניט בלויז אין לאַנד, נאָר ער האָט אויך געבעטן פיל אַנדערע לענדער, אַז אויב ער געפינט זיך דאָרטן, זאָלן זיי אים אויסליפערן צו אחאב'ן. און ער האָט אויסגעפירט אַז אויב אליהו הייסט אים גיין צום קעניג און אים דאָס זאָגן, וואָס זועט זיין אויב דער גייסט וועט זאָגן אליהו'ן אַז ער זאָל גיין ערגעץ אַנדערש־וואו, און דער קעניג וועט דעריבער אים ניט געפינען, דעמאָלט וועט ער אים, עובדיה'ן, טויטן פאַר ניט ברענגען אליהו'ן צו אים. האָט אים אליהו צוגעשוואוירן אין נאָמען פון גאָט, אַז ער וועט וואַרטן פאַרן קעניג'ס וואָרט. איז עובדיה אַוועק און דאָס געזאָגט צו אחאב'ן. האָט דער קעניג געזאָגט, אַז ער וויל אים זען. איז עובדיה אַוועק צוריק צו אליהו'ן און אים דאָס געזאָגט און אחאב איז אַוועק צו זען אליהו'ן. און עס איז געווען ווען אחאב האָט געזען אליהו'ן, האָט ער צו אים געזאָגט: „ביזטו דאָס דער עוכר ישראל?" דערויף האָט אים אליהו געענטפערט אָן שום מורא און מיטן פייער פון אמת, וואָס האָט געברענט אין זיין האַרצן: „איך בין ניט קיין עוכר ישראל, נאָר דו ביזט עס, דו און דיין פאָטערס הויז, וואָס איר האָט פאַרלאָזן גאָט'ס געבאָטן און איר גייט נאָך די אָפּגעטער". און אליהו הייסט אים צונויפרופן אַלע אידן צום באַרג כרמל און ברענגען צונויף אַלע נביאים פון „בעל", פיר הונדערט און פופציק פאַלשע נביאים, און דאָרטן וועט מען אַנטשיידן ווער עס איז גאָט.

אחאב האָט באַלד אַרויסגעשיקט מענטשן צונויפצוזאַמלען אַלע נביאים פון „בעל" אויפן באַרג כרמל, און ווען אַלע זיינען געווען פאַרזאַמלט, האָט אליהו געזאָגט צום פאָלק: „ווי לאַנג נאָך וועט איר שפּרינגען איבער צוויי שוועלן? אויב דער אידישער גאָט איז דער גאָט, דינט צו אים; און אויב דער אָפּגאָט „בעל" איז גאָט — דינט צו אים". האָט דאָס פאָלק געשוויגן און גאָרניט געענטפערט.

איצט ווערט ווייטער דערציילט וועגן דעם מופת, וואָס אליהו האָט באַוויזן, אַז אויפן מזבח צום אָפּגאָט „בעל", וואו ער האָט געהייסן אַז די פאַלשע נביאים זאָלן מקריב זיין אַ קרבן, אָבער אָן פייער, איז קיין פייער ניט געקומען;

אָבער אויף דעם מזבח צו גאָט, איז אַראָפּ אַ פייער פון הימל און פאַרברענט דעם קרבן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מופת איז דאָ ניט דער עיקר. דאָס סאַמע וויכטיקסטע דאָ איז דאָס, וואָס אליהו, ווען דער קעניג אחאב האָט אַרומגעזוכט צו טויטן, איז אַליין אַוועק צו אים, האָט אים אָנגערופן „עוכר



אליהו הנביא און זיין תלמיד אלישע (פירשט)

ישראל״, זיך אַנטקעגנגעשטעלט איינער אַליין קעגן פיר הונדערט און פופציק פאַלשע נביאים, פון זיי אָפּגעלאַכט און האָט דערפירט צו זייער סוף.

אָט־דאָס איז געווען דער קאַמף פון אליהו מיט דער ערשטער גרופּע פון פאַלשע נביאים, מיט די נביאים פון אַן אָפּגאָט. ער האָט געקעמפט אָן שום מורא פאַר זיין לעבן און געשטאַרקט פון דעם אינערלעכן פייער, וואָס האָט אים געפירט אויף דעם וועג פון אמת און גערעכטיקייט.

און עס איז דאָ אַ צווייטער פאַל, אויך מיט הונדערטער פאַלשע נביאים, אַ צווייטער סאָרט פאַלשע, קעגן וועלכע עס איז אויך אַרויסגעטראָטן בלויז איין נביא. דאָס ווערט דערציילט שפּעטער אין מלכים א׳ (כ״ב — ביזן סוף). עס ווערט דערציילט פאָלגנדיקס:

יהושפט, דער קעניג פון יהודה, איז געקומען צו אחאב׳ן, דעם קעניג

פון ישראל, קיין שומרון, אויף אַ קעניגלעכער באַראַטונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, וואָס אחאב האָט געוואָלט אָנפירן אַ מלחמה מיט ארם דערפאַר, וואָס ארם האָט פאַרכאַפּט אַ שטאָט פון ישראל „רמות גלעד". אחאב וויל פון קעניג פון יהודה, יהושפט, אַז ער זאָל מיט אים צוזאַמען גיין אין קריג קעגן ארם. יהושפט זאָגט צו אחאב'ן, אַז פריער דאַרף מען פרעגן ביי גאָט, צי מען וועט די מלחמה געווינען. אחאב קלייבט צונויף אַן ערך פון פיר הונדערט נביאים און פרעגט זיי, צי ער זאָל גיין צוזאַמען מיטן קעניג, יהושפט פון יהודה, אַרויס אין קריג קעגן ארם. אַלע נביאים ענטפערן דעם קעניג מיט איין נוסח: „ער זאָל גיין און ער וועט זיגן!" יהושפט'ן געפעלט דאָס ניט. ער זעט, אַז די נביאים זיינען פון דעם סאָרט, וואָס זיי זאָגן דעם קעניג דאָס וואָס ער וויל הערן פון זיי, און ער פרעגט אחאב'ן צי עס איז ניטאָ נאָך אַ נביא, פון גאָט, וואָס מען זאָל אים קאָנען פרעגן. אחאב ענטפערט אים, אַז עס איז דאָ נאָך אַ נביא, אָבער ער, אחאב, האָט אים פיינט, ווייל ער זאָגט ניט אויף אים קיין גוטס נאָר בלויז שלעכטס. דער נביא הייסט מיכיהו בן ימלא. יהושפט וויל, אַז מען זאָל אים ברענגען, כדי צו הערן זיין מיינונג. אחאב האָט קיין ברירה ניט און שיקט נאָך אים. אויפן וועג פּרובירט דער שליח פון קעניג איבערצורעדן מיכיהו'ן, אַז ער זאָל זאָגן דאָס, וואָס די אַנדערע נביאים האָבן געזאָגט: „ער זאָל גיין און ער וועט זיגן". אָבער מיכיהו ענטפערט אים, אַז „איך וועל זאָגן נאָר דאָס וואָס גאָט וועט אַריינלייגן מיר אין מויל אַריין"...

מיכיהו קומט פאַרן קעניג אחאב און אחאב פרעגט אים שוין, אויך אין נאָמען פון יהושפט'ן, צי זיי זאָלן גיין אין דער מלחמה איבער רמות גלעד. מיכיהו ענטפערט אים פריער אַזוי ווי אַלע אַנדערע פאַלשע נביאים: „ער זאָל גיין און ער וועט זיגן". אחאב ווייסט אָבער, אַז מיכיהו איז אַן אמת'ער נביא, איינער וואָס האָט אים קיינמאָל ניט גע'חנפ'עט, אַ נביא וואָס האָט שטענדיק געזאָגט אים דעם אמת אין פּנים אַריין. ער פילט דעריבער אין מיכיהו'ס ווערטער, אַז ער לאַכט אָפּ פון אים, אַז ער זאָגט אים בכיוון דאָס, וואָס ער וויל הערן. אחאב באַשווערט דעריבער איצט מיכיהו'ן, אַז ער זאָל אים זאָגן דעם אמת און מיכיהו קומט איצט אַרויס מיטן גאַנצן אמת. ער זאָגט אים, אַז זיינע אַלע נביאים זיינען פאַלשע און אַז גאָט האָט צו זיי ניט גערעדט און אַז ער זאָל ניט גיין אין דער מלחמה, ווייל ער וועט פאַרשפּילן. איינער פון די פאַלשע נביאים, צדקיהו בן כנענה, לויפט צו מיט כעס צו מיכיהו'ן און דערלאַנגט אים אַ פּאַטש אין באַק אַריין, און אחאב הייסט אַרעסטירן מיכיהו'ן און אים האַלטן אויף טרוקן ברויט און וואַסער ביז ער וועט צוריקקומען פון דער מלחמה בשלום. אָבער מיכיהו בייט ניט זיין מיינונג און זאָגט צו אחאב'ן: „אויב דו וועסט קומען צוריק בשלום, האָט גאָט צו מיר ניט גערעדט", און דערצו שרייט מיכיהו אויס הויך: „הערט דאָס, אַלע פעלקער!"

דאָ האָבן מיר ווידער אַ פאַל פון אַ נביא, וואָס קעמפט קעגן פיר הונדערט

פֿאַלשע נביאים. אָבער דאָס מאָל איז עס אַן אַנדערער סאָרט פֿון פֿאַלשע נביאים, ניט נביאים פֿון אַן אָפּגאָט, נאָר סתם אַזעלכע וואָס זיינען קיין נביאים ניט און גיבן זיך אויס דאָס צו זיין. אַזעלכע וואָס ווילן געפֿעלן דעם קעניג און זאָגן אים שטענדיק דאָס, וואָס ער וויל הערן פֿון זיי. דאָס זיינען נביאים, וואָס גאָט האָט זיי ניט געשיקט, נביאים אָן פֿייער.

און אָט ווערט אין דער ביבל דערציילט פֿון נאָך אַ פֿאַל פֿון אַ נביא, וואָס האָט ניט מורא געהאַט צו זאָגן זיין קעניג דעם אמת אין פּנים אַריין. דאָס איז געווען נתן הנביא.

דאָס ווערט דערציילט אין שמואל א׳ (י״ב): דוד המלך האָט צוגענומען דאָס ווייב פֿון אוריה החתי, די שיינע בת שבע, און געשיקט איר מאַן אויפֿן מלחמה־פֿראָנט, כדי ער זאָל דאָרטן אומקומען. דעמאָלט איז געקומען נתן הנביא צום קעניג דוד און צו אים אַזוי געזאָגט: „עס זיינען געווען צוויי מענטשן אין אַ שטאָט, איינער אַ רייכער און איינער אַן אָרעמער. דער רייכער האָט געהאַט אַ גרויס פֿאַרמעגן און פֿיל שאָף און רינדער, אָבער דער אָרעמאַן האָט געהאַט נאָר איין שעפּסל. האָט דער רייכער צוגענומען ביים אָרעמאַן זיין שעפּסל און זיך געמאַכט אַ סעודה דערפֿון. וואָס זאָל מען טאָן צו אַזאַ מאַן?״ דער קעניג דוד איז געוואָרן אין כעס און האָט געזאָגט: „אַזאַ איינער האָט פֿאַרדינט דעם טויט״. דערויף האָט אים געענטפֿערט דער נביא נתן: „דו ביזט עס דער מענטש, וואָס האָט אַזוי געטאָן! דו האָסט צוגענומען דאָס ווייב פֿון אוריה החתי, וועלכע ער האָט שטאַרק געליבט! דו האָסט געזינדיקט קעגן גאָט!...״

מיר זעען אַלזאָ, אַז דער ערשטער באַדינג פֿאַר אַ נביא איז — צו זאָגן דעם אמת, שטענדיק און אייביק, אָן שום מורא וואָס עס וועט דערפֿאַר געשען מיט אים. אַזוי האָבן געטאָן אַלע נביאים, און אַלע אַזעלכע קעמפֿער פֿאַרן אמת, זיינען ביי אונז פֿאַרשריבן געוואָרן אַלס נביאים.

פֿון נתן הנביא, פֿון אליהו הנביא און פֿון מיכיהו בן ימלא זיינען ניט געבליבן קיין ספֿרים. זיי האָבן קיין גרויסע נביאות׳ן ניט געזאָגט, אָבער זיי זיינען געווען נביאים, ווייל זיי האָבן געטראָגן גאָט׳ס פֿייער אין זייערע הערצער, זיי זיינען געווען קעמפֿער פֿאַרן אמת.

אָבער קעמפֿער פֿאַרן אמת זיינען נביאים ניט בלויז ווען עס איז וועגן אידן, נאָר וועגן אַלע פֿעלקער, וואו נאָר מענטשן ליידן פֿון פֿאַלשקייט און אומגערעכטיקייט, זיי קעמפֿן אומעטום קעגן ליגנס און שלעכטס. דע־ריבער האָבן די אידישע נביאים ניט געזען זייערע זעאונגען בלויז וועגן אידן, נאָר אויך וועגן אַנדערע פֿעלקער. זיי זיינען ניט געווען בלויז נאַציאָנאַלע, נאָר אויך אוניווערסאַלע, איינער מער, אַן אַנדערער ווייני־קער, אָבער אַלע האָבן געקעמפֿט פֿאַר אמת און גערעכטיקייט אומעטום. זיי זיינען געווען די נביאים פֿון דער מענטשהייט.

און אָט־דאָס איז אַ נביא! אָט־דאָס איז עס, וואָס שטעלט אים אַוועק העכער פון אַלע!

און אָט מיט דער מאָס און מיט דעם וויסן וועגן אַ נביא וועלן מיר איצט באַטראַכטן די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס פון די נביאים. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַפילו דער מינדסטער צווישן זיי האָט געהאַט אין זיך אַ פונק פון גאָט׳ס פייער צו קעמפן פאַרן אמת און קעגן אומגערעכטיקייט אומעטום, ווּוּ עס געשעט, און דערפאַר זיינען זיי אַריינגערעכנט געוואָרן אין דער צאָל פון די נביאים פון אונזער טראַדיציע. אָבער איידער מיר גייען ווייטער, איז כדאי פעסטצושטעלן נאָך איין זאַך, נעמלעך, צי עס זיינען געווען נביאים אויך ביי אַנדערע פעלקער? אָבער דאָס וועלן מיר באַלד טאָן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

7.

זיינען געווען נביאים אויך ביי ניט־אידן?

בלעם בן בעור און זיינע „נביאות" — די „מאַנטיס" ביי די גריכן און „וואַטעס" ביי די רוימער. — דער גייסטיקער וואַקום אין גריכנלאַנד. — פאַרוואָס אַנדערע פעלקער האָבן ניט געהאַט קיין נביאים.

זיינען געווען נביאים נאָר ביי אידן, אָדער אויך ביי אַנדערע פעלקער?

דער ענטפער דערויף איז — ניין, ביי די אומות העולם זיינען קיין נביאים ניט געווען. נאָר די אידן האָבן אַרויסגעגעבן נביאים, אָבער ניט קיין שום אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

אָנהויבנדיק פון גאָר אַלטע צייטן, זעען מיר, אַז אין חומש ווערט דערציילט וועגן קעניג פון מואב, בלק בן צפור, וואָס האָט גערופן צו זיך בלעם בן בעור צו שעלטן די אידן. בלעם איז געווען אַ זעער, ווי עס זיינען די אויסדרוקן וועגן אים: „ויגל ה' את עיני בלעם" (גאָט האָט אַנטפּלעקט די אויגן פון בלעם'ען), אָדער דער אויסדרוק „נופל וגלוי עינים" (ער פאַלט און זעט מיט די אויגן). אומעטום כסדר איז דאָ בלויז דער באַגריף פון זען, אָבער קיינמאָל ניט אַז ער איז געווען אַ נביא.

אויך ביי די גריכן האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע זעער, וואָס מען האָט זיי גערופן „מאַנטיס", אָדער „מאַנטיקער". דאָס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן זען זאַכן וועגן דער צוקונפט און דאָס פאָלק פלעגט זיי דערפאַר אָפּגעבן פיל כבוד. שפּעטער, ביי די רוימער, האָבן די דאָזיקע זעער געהייסן „וואַטעס". דאָס זיינען געווען די זעלבע „מאַנטיס", וואָס האָבן פאַראויס־געזאָגט די צוקונפט. אָבער דאָס איז גאַנץ ווייט פון באַגריף נביא, וואָס „גאָט'ס וואָרט ברענט אין זיינע ביינער", און וועלכער קעמפט כסדר דערפאַר, אָן מורא פאַר זיין אייגן לעבן.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז עס זיינען קיין נביאים ביי קיין שום אַנדערן פאָלק, אַ חוץ ביי אידן, ניט געווען. בלויז אַ טייל קריסטן, צווישן די פּראָטעסטאַנטן, זאָגן, אַז יעזוס איז ניט געווען גאָט'ס זון, נאָר אַ פּראָ־פעט, אַ נביא, און זיי גלויבן, אַז ער דאַרף פאַררעכנט ווערן אין דער ריי פון די נביאים, ווייל ער איז אומגעקומען צוליבן אמת אויפן קרייץ. אָבער, אויב אַפילו לויט זיי, איז ער דאָך אויך געווען אַ קינד פון אידישן פאָלק...

* * *

אָבער פאַרוואָס זיינען ניט געווען קיין נביאים ביי די אַנדערע פעלקער? וואָס איז געווען די סיבה דערצו? און פאַרוואָס זיינען געווען נביאים בלויז ביי אידן?

דער ענטפער דערויף איז, אַז דאָס איז צוליב דעם מהות פון אידישן פאָלק און צוליב דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די אַנדערע פעלקער.

דאָס אידישע פאָלק איז געבוירן געוואָרן מיט אַ גאָט, מיט אַן איינ־איינציקן גאָט, אין דער צייט ווען די אַנדערע פעלקער זיינען אַנטשטאַנען מיט פיל געטער און מיט נידעריקע געטער, מיט געטער פון חיות און עופות, פון האָלץ און שטיין, דער געצן־דינסט פון יענער צייט.

לאָמיר דאָס קלאָר מאַכן:

דאָס אידישע פאָלק איז געבוירן געוואָרן מיט אַ קאָסמאָגראַפיע, מיט אַ „בראשית ברא", מיט אַ פאַרטיקן ענטפער וועגן דעם, ווער עס האָט אַלץ געשאַפן. דער ענטפער ליגט אין די ערשטע ווערטער פון דער תורה: גאָט, דער גאָט, וועלכן מען קען ניט זען, דער גאָט וואָס פירט אַן מיט דער וועלט; דער גאָט וואָס איז די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט — האָט באַשאַפן הימל און ערד. און עס ווערט באַשריבן גענוי וואָס עס איז געווען פריער און שפּעטער און ווי אַזוי די באַשאַפונג איז צוגעגאַנגען. דעריבער האָבן די אומרואיקע אידישע גייסטער, די דענקער און פאָרשער ניט געדאַרפט מער זוכן אַן ענטפער צו די פּראָבלעמען פון גאָטהייט און וועלט־באַשאַף. זיי האָבן געהאַט דערויף אַ פאַרטיקן ענטפער. די דאָזיקע אומרואיקע גייסטער האָבן דעריבער ניט פילאָזאָפירט וועגן גאָט, נאָר בעסער געזוכט גערעכטיקייט אויף דער וועלט, זיי זיינען געוואָרן די קעמפער פאַר „צדק, יושר און שלום". אָט־דאָס זיינען געווען די נביאים פון אידישן פאָלק.

אַנדערש אָבער איז געווען ביי די אַנדערע פעלקער, ווי למשל, ביי די גריכן. אויך זיי, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער אין יענער צייט, זיינען געווען אַריינגעטאָן אין געצן־דינסט ביז אַריבערן קאָפּ. נאָך מער, די געצנדינסט אין גריכנלאַנד איז דערגאַנגען צו אַ מדרגה ווען אַלדאָס בייז, וואָס די מענטשן האָבן אָפּגעטאָן, האָט מען צוגעשריבן צו די געטער. די אָפּגעטער אין גריכנלאַנד זיינען געוואָרן די פאַרדאָרבנסטע וועזנס אויף גאָט'ס וועלט און האָבן אָפּגעטאָן אַלע געמיינהייטן. זיי זיינען געווען פאַלש און פול מיט אָפּנאַרעריי; האָבן אָפּגעטאָן מעשים תעתועים אויפן סעקסועלן געביט (ווי קראָנאָס און רהיאַ, צעאוס און העראַ); האָבן געהאַט קאַניבאַליסטישע טענדענצן (קראָנאָס) און דערצו געווען אויך גרויסע פּחדנים (ווי אַרעס און אַנדערע). עס פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד פון אַ רעליגיע און דאָס גריכנלאַנד פון דער מיטאָ־לאָגיע האָט טאַקע קיין רעליגיע ניט געהאַט. עס זיינען ניט געווען קיין שום הייליקע ביכער, קיין גייסטלעכע פירער, קיין שום גייסטלעכע אויטאָריטעט, קיין שום באַשטימטע תפילות און קיין שום צערעמאָניעס, וואָס מען האָט געדאַרפט אויספירן. יעדער איינער האָט געקאָנט גלייבן אין די געטער וויפיל ער האָט געוואָלט און האָט געדינט צו וועלכן גאָט ער האָט זיך אויס־געקליבן, אָדער גאָר ניט געדינט צו קיינעם.

אין יענער צייט האָבן די בעסערע מענטשן פון גריכישן פאָלק גענומען פאַרטראַכטן זיך וועגן דער וועלט און לעבן, וועגן דעם באַשאַף פון אַלעס. און עס זיינען אין יענעם גייסטיקן חלל, אין יענעם וואַקום, אַנטשטאַנען די פילאָזאָפן, די וואָס האָבן געפרעגט די אייביקע פראַגן און געזוכט צו געפינען אַן ענטפער אויף זיי.

דאָרטן האָט איצט ניט געקאָנט אויפקומען קיין נביאים, קיין קעמפער פאַר גערעכטיקייט, ווייל פאַר זייערע אויגן איז געשטאַנען די סאַמע ערשטע פראַגע: די גאָטהייט. ווער האָט געשאַפן הימל און ערד — און אָט־דאָס האָבן זיי געזוכט צו פאַרענטפערן, אַזוי אַרום זיינען געבוירן געוואָרן די גריכישע פילאָזאָפן.

* * *

אמת, אויך ביי אידן איז געווען אַ גרויסע עפּאָכע פון געצנדינסט, אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון די אידישע קעניגן סיי אין מלכות ישראל און סיי אין מלכות יהודה. דאָס איז געווען אין דער צייט פון ערשטן בית־המקדש, ווען די אידן זיינען געווען פאַרזונקען איבער די אויערן אין דינסט פון די געצן „בעל" און „עשתורת" — אַ דינסט וואָס איז באַשטאַנען פון סעקסועלע אָרגיעס — און זיי האָבן דעמאָלט פון קיין גייסטיקייט ניט געוואָלט וויסן. אין יענער צייט איז אויך געווען אַ מאָמענט פון גייסטיקן חלל, אַ וואַקום פאַר די בעסערע מענטשן פון אידישן פאָלק. אָבער אָט־דער גייסטיקער חלל האָט געפירט דערצו, אַז עס זאָלן אַנטשטיין די נביאים, די מאָנער פון גערעכטיקייט און ערלעכקייט. ביי אידן האָבן ניט געקאָנט אַנטשטיין קיין פילאָזאָפן, אַזעלכע וואָס פרעגן ווער עס האָט געשאַפן די וועלט, און אויב גאָט, ווער איז גאָט, ווייל עס איז געווען דער ענטפער, וואָס הויבט זיך אָן מיט „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" (צום ערשטן האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און ערד). עס איז דעריבער געווען אַזוי, אַז ווי נאָר עס איז געקומען אַ צייט, ווען די אידן האָבן זיך אויסגעניכטערט פון געצנדינסט, ווי למשל, אין דער צייט פון יאשיהו און חזקיה, האָבן זיי זיך באַלד אומגעקערט צו דער תורה און זיי האָבן געוואוסט, אַז גאָט האָט געשאַפן דעם הימל און די ערד און אַז גאָט איז איינער; גאָט איז איבער אַלץ; גאָט איז ניט קיין האָלץ, אָדער שטיין, אָדער אייזן, אָדער עפּעס אַ באַשאַף, נאָר אַ העכערער גייסטיקער כח, וואָס האָט געשאַפן אַלץ און וואָס פירט אָן מיט אַלץ. אָט צוליב דעם האָט מען שוין קיין פראַגן ניט געקאָנט פרעגן און קיין שום פילאָזאָפיע וועגן דער גאָטהייט האָט ניט געקאָנט אַנטשטיין. די אידן זיינען אין דער הינזיכט געווען אין אַ בעסערער לאַגע ווי די גריכן, וועלכע האָבן אַזאַ תורה און אַזאַ קאָסמאָגראַפיע ניט געהאַט. אָט דאָס איז דער ענטפער אויף דער פראַגע פאַרוואָס ביי אַנדערע פעלקער זיינען קיין נביאים ניט געווען. זייערע ערשטע גייסטיקע מענטשן האָבן געדאַרפט זוכן די גאָטהייט ווען די ערשטע אידישע גייסטיקע מענטשן האָבן דאָס ניט געדאַרפט און דעריבער געזוכט עפּעס אַנדערש: גערעכטיקייט פאַר די מענטשן.

* * *

נאָכדעם, ווי מיר האָבן איצט קלאָר געמאַכט דעם גאַנצן ענין פון נבואה און אויך ווער עס איז אַ נביא, קאָנען מיר שוין צוטרעטן צו יענער גרויסער תקופה, וועלכע רופט זיך די ביבלישע עפּאָכע. אָט די עפּאָכע הויבט זיך אָן מיט די שאַפנדע נביאים, די גרינדער פון אידנטום, און ציט זיך ביז צו די לעצטע נביאים, אין דער צייט פון סוף פון ערשטן בית המקדש.

נאָך יהושע בן נון האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון די „שופטים", דאָס הייסט, ריכטער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן אידישן לעבן. די עפּאָכע האָט געדויערט 360 יאָר און עס זיינען געווען 15 שופטים (אַנדערע רעכענען יהושע בן נון אויך פאַר אַ „שופט" און ציילן דעריבער 16 „שופטים").

אין דער דאָזיקער גרויסער עפּאָכע זעט מען ניט קיין איין גרויסן אידישן גייסט. די אידן ווערן וואָס אַמאָל מער פאַרזונקען אין געצן־דינסט און עס איז ניטאָ קיין שטראָפער און קיין מוכיח, וואָס זאָל זיי זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם. עס באַווייזט זיך ניט קיין שום נביא, וואָס זאָל אויפהויבן הויך זיין שטים.

בלויז אויף אַ קורצער צייט בליצט דורך די דערשיינונג פון דבורה הנביאה, וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אין שופטים, אַז זי האָט גע־משפט די אידן. זי איז געווען איינע פון די „שופטים". וועגן איר ווערט דערציילט, אַז זי איז געווען אַן „אשה נביאה" און איז געווען דאָס ווייב פון לפידות. זי איז געזעסן אונטערן „תומר דבורה", צווישן „רמה" און „בית אל", אויפן הר אפרים, און אַלע אידן זיינען געקומען צו איר פאַר גערעכטיקייט. דבורה איז דעריבער געווען די איינציקע פּערזאָן אין יענער צייט, וואָס האָט גערופן צו דינען דעם אידישן גאָט — און זי האָט אויך דערמוטיקט ברק בן אבינועם צו גיין אין קאַמף מיט סיסראַ'ן, דעם גרויסן פעלד־מאַרשאַל. ברק זאָגט צו איר, אַז אויב זי וועט גיין מיט אים, וועט ער אויך גיין און זי גייט מיט אים. אין דעם קאַמף איז סיסראַ געפאַלן און דבורה האָט געזונגען איר פּרעכטיק געזאַנג, וואָס איז באַקאַנט אַלס „שירת דבורה". עס איז אַ הערלעך נביא'ישער רוף אָוועקצוואַרפן דעם דינסט צו די געצן און גיין צוריק צום גלויבן אין איינציקן גאָט, דעם באַ־שאַפער פון הימל און ערד.

נאָך איר זעט מען ווידער ניט קיין שום גרויסן גייסט ביי אידן אין יענער צייט. ווידער ווערט דאָס פאָלק פאַרזונקען אין געצן־דינסט און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אים זאָגן אַ וואָרט. דאָס „ספר שופטים", וואָס דער־ציילט די געשיכטע פון יענער צייט, ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „אין יענע טעג איז ניט געווען קיין מלך ביי אידן און יעדער איינער האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט". אָבער עס איז ניט געווען ניט נאָר קיין מלך, נאָר אויך ניט קיין נביא, וואָס וואָס זאָל גיין צווישן פאָלק און אים שטראָפן און זאָגן אים, אַז ער איז אָפּגעטראָטן פון גאָט'ס וועג. אָבער באַלד נעמט זיך וועקן דער גייסט פון גאָטביים אידישן פאָלק און עס אַנטשטייט דער ערשטער גרויסער נביא שמואל, אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.8

שמואל הנביא און זיינע גרויסע אידעאַלן

שמואל פאַראייניקט אַלע שבטים אין איין פאָלק. — ער איז אויך דער ערשטער נביא ביי אידן וואָס שאַפט אַ שולע פאַר נביאים. — ער ווייזט אַ ביישפּיל וואָס אַ נביא דאַרף זיין: אַ קעמפער פאַרן אמת און אַ שטראָפער צו די וואָס זינדיקן.

צום סוף פון דער שופטים־עפּאָכע שטייט אויף אַ גרויסער נביא ביי די אידן. דאָס איז געווען שמואל הנביא, וועלכער איז אויך געווען דער לעצטער שופט.

שמואל קומט אין אַ מאָמענט, ווען דאָס פאָלק ליידט שטאַרק פון די שופטים, וואָס זיינען ניט ערלעך און אַפילו שמואל׳ס אייגענע צוויי זין, יואל און אביה, וועלכע זיינען געווען שופטים, האָבן זיך ניט גוט אויפגע־פירט. שמואל טרעט איצט אַרויס מיט אַ נייעם געדאַנק. ער קעמפט ניט מער בלויז פאַר איין גאָט, נאָר אויך פאַר איין פאָלק. ער וויל שאַפן פון אַלע שבטים איין פאָלק, אַזוי אַז אין פאַל אַ שבט האָט צרות פון זיינע שכנים, זאָלן אים אַלע אידן קומען צו הילף. אַ חוץ דעם איז ער אויך אַ קעמ־פער, וואָס רופט צו גערעכטיקייט און משפט צווישן די אידן גופא. און „שמואל איז אַרומגעפאָרן אין פאַרשידענע שטעט צו זייען דעם נאָמען פון משפט און גערעכטיקייט ביי אידן".

דאָס פאָלק איז שוין מיד פון די שופטים און וויל אַ קעניג. שמואל איז אין האַרצן קעגן אַ קעניג. ער זאָגט דעריבער דעם פאָלק וואָס אַ קעניג מיינט, אַז ער וועט באַרויבן דאָס פאָלק, כדי אויסצופירן זיינע פאַרגעניגנס און צו לעבן אַ לוקסוס־לעבן. אָבער פון דער אַנדערער זייט וויל ער אויך, אַז עס זאָל זיין אַ קעניג, כדי עס זאָל ניט זיין מער קיין שבטים, נאָר איין פאָלק.

שמואל האָט געוואוסט, אַז אין דער צייט פון די שופטים, כאָטש דאָס פאָלק איז ניט געווען פאַראייניקט און יעדער שבט איז געווען ווי אַ קליין פאָלק באַזונדער, איז אָבער דאָך געווען אַ געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וואָס האָט ניט דערלאָזט צו קיין אומרעכט, ווי מיר זעען עס פון דעם פאַל פון „פלגש בגבעה"". (עס ווערט דערציילט אין „שופטים", אַז איינער האָט זיך גענומען אַ ווייב פון אַן אַנדער שבט און איז געפאָרן מיט איר צו זיך אַהיים. אויפן וועג, ביינאַכט, איז ער געקומען קיין גבעה, פון שבט בנימין. האָט עמעצער זיי אַריינגענומען אויף צו נעכטיקן. ווען די שטאָט־לייט האָבן זיך דערפון דערוואוסט, זיינען זיי באַפאַלן דאָס הויז און, לויט אַן אַלטן סדום־געזעץ,

אַרויסגענומען די פרוי, מיט איר געזינדיקט און דערנאָך איר געטויט. דער מאַן האָט דערנאָך צעשניטן איר קערפּער אויף צוועלף טיילן און צעשיקט אַ טייל צו יעדן שבט (אַלס צייכן, אַז אַלע זיינען דערין שולדיק). אין דעם פאַל האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע שבטים און זיינען אַרויסגעקומען קעגן גאַנצן שבט בנימין, וואו דאָס האָט פּאַסירט, און זיינען פאַרגעקומען גרויסע שלאַכטן. דערנאָך איז אויסגערופן געוואָרן אַ באַיקאָט אויפן שבט בנימין, אַז מען זאָל זיך מיט זייער זין און טעכטער ניט משדך זיין, ביז עס איז ענדלעך געשלאָסן געוואָרן אַ שלום).

אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַזוי לאַנג ווי עס איז ניט געווען קיין קעניג און עס האָט געהערשט די עפנטלעכע מיינונג. אָבער אַ קעניג מיט זיינע משרתים קאָנען הערשן אַזוי ווילקירלעך איבערן פאָלק, אַז יעדער איינער זאָל מורא האָבן אַרויסצורעדן אַ וואָרט. טאָ וואָס וועט דעמאָלט זיין?

דאָס פאָלק האָט אָבער דאָך געוואָלט האָבן אַ קעניג. שמואל האָט זיי דאָס נאָכגעגעבן און געזאַלבט שאול'ן פאַר אַ קעניג, אָבער גלייכצייטיק האָט ער האָט געשאַפן אַ קעגן־געווער. ער האָט געזאַמלט, פאַרשטאַרקט און פאַר־גרעסערט די צאָל פון די נביאים, ער האָט אָבער געפאָדערט, אַז די יונגע נביאים (און אויך אפשר יונגע פרויען) זאָלן זיין באַגאַבט מיטן פייער פון אמת אין זייערע הערצער. אַזוי אַרום האָט ער געזען אַ מעגלעכקייט, אַז עס זאָל פון זיי אַרויסקומען גרויסע נביאים וואָס וועלן ניט מורא האָבן צו גיין צום קעניג, אויב ער וועט טאָן עפּעס אַן אומרעכט, און עס אים זאָגן גלייך אין פּנים אַריין.

ער האָט געשאַפן, דעריבער, אַ מין שולע פאַר נביאים און צום ערשטן מאָל הערן מיר פון אַ „להקת נביאים" (אַ זאַמלונג פון נביאים) און אויך פון „חבל נביאים" (אַ באַנד פון נביאים), וועלכע גרייטן זיך צו זאָגן נביאות געשטאַרקט דורך פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, אַזוי אַז אַפילו שאול, וואָס איז צופעליק אַריינגעפאַלן צווישן זיי, האָט אויך גענומען זאָגן נביאות.

און אָט פון די גרופּן פון יונגע־לייט, וואָס האָבן זיך גערופן „להקת נביאים", „חבל נביאים" און „בני נביאים" זיינען אַרויסגעקומען יענע „שטילע נביאים", וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונזער געשיכטע.

* * *

שמואל גיט אויך די אידן דאָס ערשטע מאָל דעם אמת'ן באַגריף פון דעם וואָס גאָט וויל פון מענטשן. ער זאָגט זיי, אַז גאָט וויל ניט קיין קרבנות, ער וויל ניט אַז מען זאָל מקריב זיין שאָף און רינדער, נאָר אַז מען זאָל אים פאָלגן און טאָן גערעכטיקייט. ער זאַלבט איצט פאַר אַ קעניג שאול בן קיש, אָבער מיט אַ צייט שפּעטער, ווען שאול פאָלגט אים ניט, נעמט ער צו ביי אים די מלוכה און זאַלבט אַ צווייטן, דוד בן ישי.

שמואל איז פון גאַנצן פאָלק אָנערקענט געוואָרן אַלס נביא, ווי מיר

זעען עס פון פסוק: „און עס האָט געוואוסט גאַנץ ישראל פון דן ביז באר־שבע, אַז שמואל, איז באַגלויבט אַלס נביא צו גאָט" (שמואל א׳, ג׳, כ׳).

שמואל האָט אויך אויסגעברייטערט דעם באַגריף פון אַ נביא, אַז ער זאָל הייסן ניט נאָר אַ קעמפער פאַרן געדאַנק פון אַן איינציקן גאָט, נאָר אויך אַ קעמפער פאַרן פאָלק, קעגן דעם קעניג און זיינע ראַט־געבער. אַזעלכע האָט ער דערנענטערט צו זיך און זיי אַנערקענט אַלס נביאים. ער האָט אויך געביטן דעם נאָמען פאַר די דאָזיקע מענטשן. אַנשטאָט דעם וואָס מען האָט אַזאַ איינעם פריער גערופן „רואה" (זעער), האָט ער אים איצט גערופן „נביא" (פון וואָרט „ניב" — רעדן). דער נביא דאַרף זיין איינער וואָס האָט ניט קיין מורא צו גיין צום קעניג אָדער צו זיינע ראַט־געבער און זאָגן זיי דעם אמת, אויב זיי באַגייען אַן אומרעכט. ער דאַרף ניט מורא האָבן פאַר ליידן און ניט אַפילו פאַר זיין לעבן. ער דאַרף גיין אויף מסירת נפש.

אָט־די נייע מיסיע פון נביא ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרשפּרייט צווישן די יונגע נביאים, און אַזוי אַרום זעען מיר אין אָנהויב פון דער עפּאָכע פון די מלכים ביי אידן, אַ ריי פון „שטילע נביאים", אַזעלכע וואָס זייערע רייד ווערן ניט פאַרצייכנט לדורות, אָבער וועלכע קעמפן מיטן פייער פון זייערע הערצער פאַר אמת און גערעכטיקייט.

פון איצט־אָן ווערט דער נביא ניט נאָר אַ קעמפער פאַר אַן איינ־איינציקן גאָט, נאָר אויך אַ קעמפער פאַר גערעכטיקייט צווישן מענטשן, אַ קעמפער פאַרן אמת. ער ווערט אויך אַ מוכיח, אַ שטראָפער, וואָס רופט די מענטשן צו טאָן תשובה אויף זייערע זינד, צווייערליי זינד: זינד צו גאָט און זינד צו מענטשן.

.9

די שטילע נביאים

די נביאים וואָס זיינען געווען אין די צייטן פון דוד און שלמה. — די שטילע נביאים גד, נתן, אחיה השילוני און אַנדערע. — ווען די קעניגן האָבן מער געזינדיקט, זיינען די נביאים געוואָרן שטורמישער.

עס געדויערט ניט לאַנג און מיר זעען דעם אויפטריט פון די ערשטע נביאים פון דער נייער עפּאָכע, די ערשטע צוויי: גד און נתן.

וועגן גד הנביא ווערט דערציילט עטלעכע מאָל (אין שמואל א׳ און ב׳ און אויך אין דברי הימים). ער איז עס געווען דער, וועלכער איז געקומען צו דוד המלך און אים געזאָגט, אַז ער האָט געזינדיקט און אַז גאָט זאָגט, ער זאָל אויסקלייבן איינע פון דריי שטראָפן: זיבן יאָר הונגער אין לאַנד, אָדער דריי חדשים אַנטלויפן פון שונא, צי גאָר דריי טעג פון אַ מגפה — און דוד האָט אויסגעקליבן די לעצטע שטראָף (שמואל ב׳, כ״ד).

דער יונגער קעניג דוד. (פון לעסער אורי)

פיל שטאַרקער נאָך זעען מיר עס ביים אויפטריט פון נתן הנביא אויך ביים קעניג דוד. דאָס ערשטע מאָל קומט ער צו דוד׳ן און זאָגט אים, אַז ער זאָל ניט בויען דעם בית המקדש, וואָס ער פלאַנט צו בויען, ווייל זיינע הענט זיינען באַפלעקט פון בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, און אַ בית־

המקדש איז אַ הויז פון שלום פאַר אַלע מענטשן. דאָס צווייטע מאָל קומט ער צו אים נאָכדעם ווי דוד האָט צוגענומען די פרוי בת שבע פון אוריה החתי און אים געשיקט אויפן פראָנט, אַז ער זאָל דאָרט אומקומען. דער נביא נתן איז זייער אויפגערעגט און ער דערציילט דעם קעניג אַ מעשה מיט אַ גביר, וואָס האָט געהאַט פיל שאָף און רינדער און וועלכער האָט צוגענומען דאָס איינציקע שעפסל פון אַן אָרעמאַן. דער קעניג ווערט אין כעס און זאָגט, אַז אַזאַ איינער האָט פאַרדינט טויט־שטראָף. דעמאָלט זאָגט צו אים נתן הנביא: „דו ביזט דער וואָס דו האָסט פאַרדינט טויט־שטראָף, ווייל דו האָסט עס געטאָן". און דער קעניג דוד גיט זיך אונטער און טוט תשובה.

פון דער זעלבער מדרגה זיינען אויך געווען די אַנדערע שטילע נביאים אין דער צייט פון דעם מלכים־פּעריאָד, ווי למשל, אליהו הנביא, וואָס האָט ניט מורא געהאַט צו קעמפן קעגן אחאב׳ן; און אלישע, זיין תלמיד, וואָס האָט ניט מורא געהאַט צו זאָגן דעם קעניג יהורם, דעם מלך ישראל, אין פּנים אַריין: „ווען איך וואָלט ניט געשאַנעוועט דעם קעניג יהושפט פון יהודה, וואָלט איך אַפילו ניט געוואָלט אָנקוקן דיין פּנים". דאָס זעלבע איז אויך געווען שפּעטער מיט די אַנדערע נביאים, וועלכע האָבן געזאָגט די קעניגן סיי פון יהודה און סיי פון ישראל דעם אמת, אָן שום מורא. אַזוי האָבן אויך געטאָן ירמיה, הושע און אַנדערע, ווי מיר וועלן עס שפּעטער דערקלערן.

מיטן זאַלבן פון שאול׳ן פאַר אַ קעניג און שפּעטער אויך דוד׳ן, אַלס זיין נאָכפאָלגער, האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פון אינטריגעס אין אידישן לעבן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קאַמפן פאַרן טראָן. דער ערשטער קאַמף איז געווען צווישן שאול און דוד. נאָך דוד׳ס טויט הויבן זיך אָן ווידער קאַמפן צווישן דוד׳ס קינדער. דאַן קומען די קאַמפן פאַר דער דינאַסטיע אין שלמה׳ס צייט, ביז עס ברעכט אויס, נאָכן טויט פון שלמה, דער גרויסער קאַמף צווישן רחבעם, שלמה׳ס זון, און ירבעם בן נבט און דאָס פאָלק ישראל ווערט צעטיילט אויף צוויי מלוכות, מלכות יהודה און מלכות ישראל.

די מלכים־עפּאָכע האָט געדויערט פון שאול׳ן ביזן לעצטן קעניג צדקיהו, וואָס אין עלפטן יאָר פון זיין קעניגן איז ער פאַרטריבן געוואָרן דורך נבוזראדן און עס איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית־המקדש. עס איז געווען אַן עפּאָכע וואָס האָט געדויערט 456 יאָר און אין וועלכער עס האָט געהערשט צעריסנקייט, געעצן־דינסט און דינאַסטיעס־מאָרדן אין מלכות יהודה, און נאָך מער אין מלכות ישראל. דאָ און דאָרטן האָט זיך אויך באַוויזן אַמאָל אַ הערשער וואָס האָט גערופן צוריק צו גיין צום מאָנאָטעאיסטישן גלויבן; אַן אַנדערער, ווידער, האָט זיך דערמאָנט אָן די אידישע מנהגים און גערופן צו פייערן פסח אָדער סוכות. אָבער דאָס פאָלק איז געווען פאַרטאָן איבערן קאָפּ אין פּאַגאַניזם. לויט דעם תלמוד, איז דער ערגסטער פון אַלע געווען מנשה בן חזקיה, פון די מלכי יהודה. ער האָט אַריינגעשטעלט אַן אָפּגאָט

אין היכל, האָט איינגעפירט אויסגעלאָסענע אָרגיעס און געלעסטערט די תורה (סנהדרין ק׳, ב׳).

און דערפאַר, צוליב די זינד פון די קעניגן, איז די מלכים־עפּאָכע געווען זייער רייך אין נביאים. די שופטים־עפּאָכע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן 336 יאָר, האָט אַרויסגעגעבן ניט מער ווי דריי נביאים: יהושע בן נון, דבורה הנביאה און שמואל הנביא. דאַקעגן האָט די מלכים־עפּאָכע, וואָס האָט גע־דויערט אינגאַנצן מיט ניינציק יאָר מער, געהאַט זעכצן נביאים. זיי זיינען געווען: נתן, גד, אחיה השילוני, הושע, עמוס, מיכה, אליהו, אלישע, יונה, ישעיה, יואל, נחום, חבקוק, צפניה, יחזקאל און ירמיה, דאָס הייסט, דער רוב פון אַלע נביאים. דאָך האָט קיינער פון זיי ניט געקאָנט צוריק אַרויספירן די אידן אויפן גלייכן וועג, פון וועלכן זיי זיינען אַראָפּ.

אַזוי אַרום, הענגט איין גרויסער שוואַרצער פלעק אויף די גאַנצע 822 יאָר, זינט די אידן זיינען אַריין אין זייער לאַנד ביז צו דער ענדע פון ערשטן חורבן. עס איז געווען איין גרויסער לאַנגער פעריאָד פון פאַרזונקענקייט אין געצן־דינסט, פון ברענען אייגענע קינדער אויפן פייער פון אָפּגאָט מולך און פון כל׳ערליי ווילדע אָרגיעס צו די אָפּגעטער בעל, אשרה און אַנדערע.

און דאָך האָבן מיר פון יענער טרויעריקער צייט די שענסטע מתנה, נעמלעך, דעם גרעסטן אוצר פון אידישן שאַפן, די נביאים, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זייער פיל געליטן. אָבער די ליידן וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זייער קאַמף פאַרן אמת — איז גאָרניט, אין פאַרגלייך, אַנטקעגן דער גרויסער ירושה וואָס זיי האָבן אַזוי אַרום געלאָזן פאַר דער מענטשהייט. אָט־די נביאים האָבן געקעמפט קעגן דעספּאָטישע קעניגן, קעגן קאָרופּציע פון די פירער, קעגן פאַלשקייט אין די הויכע פענסטער און קעגן אומגערעכטיקייט אומעטום.

* * *

דער אָנהויב איז געווען, ווי געזאָגט, מיט שטילע נביאים, אין די טעג פון דוד און שלמה. אָבער עס זיינען אויך געווען שטילע נביאים אין די טעג פון די אַנדערע קעניגן פון יהודה און פון ישראל. זיי זיינען געווען צוזאַמען מיט די שטורמישע נביאים, ווי ישעיה, ירמיה, הושע, עמוס און אַלע אַנדערע. אָבער ניט אַלע שטילע נביאים זיינען דערמאָנט געוואָרן אין תנ״ך. בלויז די וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט, ווערן דערמאָנט און די איבעריקע — ניט.

די סיבה פאַרוואָס עס זיינען פריער געווען שטילע נביאים איז דאָס, וואָס אין די צייטן פון דוד און שלמה האָבן די נביאים ניט געדאַרפט צו זיין שטורמיש, ווייל ביידע קעניגן, דוד און שלמה, זיינען געווען גאָטספאַרכטיק. דער נביא האָט ניט געדאַרפט שטורמען קעגן זיי, ווי עס האָבן געטאָן שפּעטער די אַנדערע נביאים. בלויז אויב איינער פון זיי האָט געטאָן עפּעס וואָס איז ניט רעכט, האָט זיך געפונען אַ נביא וואָס האָט אים דאָס געזאָגט. דאָס פאָלק אַליין האָט זיך אויך אומגעקערט, אין יענע טעג, צום גאָט פון זייערע אבות

און די נביאים האָבן דעריבער ניט געדאַרפט אַזוי שטאַרק שטראָפן די שולדיקע.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז עס געוואָרן שפּעטער, ווען פיל קעניגן פון ביידע מלוכות, איבערהויפּט פון מלכות ישראל, האָבן געדינט צו די פרעמדע אָפּגעטער. דעמאָלט איז עס געוואָרן שוין אַ נויטווענדיקייט פאַר די נביאים אויפצוהויבן הויך זייער שטימע און צו זאָגן זיי זייערע שטראָף־רייד.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן און זען אין וועלכע צייטן יעדער איינער פון די נביאים האָט געלעבט. ווי מיר ווייסן פון תנ״ך, איז די אידישע מלוכה נאָך שלמה׳ס טויט צעטיילט געוואָרן אויף צוויי לאַגערן, דאָס הייסט, אויף צוויי מלוכות. די שבטים יהודה און בנימין האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען און מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס מלכות יהודה (דאָס קעניגרייך פון יהודה) מיט ירושלים אַלס די הויפּט־שטאָט. זיי האָבן געהערשט אין דרום פון ארץ־ישראל. די אַנדערע צען שבטים האָבן געשאַפן אַ נייע קעניגרייך: „מלכות ישראל״, אָדער „מלכות אפרים״, אין צפון פון ארץ־ישראל און זייער הויפּט־שטאָט איז געווען שומרון.

אָבער „מלכות יהודה״ איז געווען מער מיט גאָט ווי „מלכות ישראל״. זינט שלמה׳ס טויט האָבן אין משך פון 382 יאָר געהערשט אויפן טראָן פון יהודה נײַנצן קעניגן, פון וועלכע דער רוב האָט ניט געדינט צו פרעמדע געטער און אייניקע האָבן אַפילו זיך באַמיט אויסצוראָטן געצן־דינסט איבער גאַנצן פון זייער לאַנד. דאָס זיינען געווען די מלכים: אסא, יהושפט, חזקיה און יאשיהו. אין „מלכות יהודה״ איז געווען מער־ווייניקער אַ סיסטעם פון אַ דינאַסטיע, וואו זין האָבן איבערגענומען די מלוכה נאָכן טויט פון פאָטער. אין „מלכות ישראל״ אָבער זיינען פאַרגעקומען כסדר אינטריגעס אַרום דעם טראָן און פיל פון די קעניגן האָבן פאַרכאַפּט די מלוכה דורך אויפשטאַנד און מאָרד.

„מלכות ישראל״ האָט געדויערט ניט מער ווי 233 יאָר. אין דער צייט האָבן אויך געהערשט דאָרטן נײַנצן קעניגן, אָבער די קעניגן האָבן געהערשט פיל ווייניקער צייט, ווייל פיל פון זיי זיינען אומגעקומען פון פאַרברעכערישע הענט. עס זיינען געווען קעניגן וואָס האָבן רעגירט אינגאַנצן נאָר צוויי יאָר, ווי נדב, אלה, אחזיה, און פקחיה. דער קעניג זמרי האָט געהערשט אינגאַנצן זיבן טעג.

די שטילע נביאים און שפּעטער אויך די שטורמישע נביאים זיינען אָבער ניט געווען קיין נביאים פון בלויז איין לאַגער, ווי למשל, „מלכות יהודה״ אָדער „מלכות ישראל״. ניין, זיי האָבן געזאָגט זייערע נביאות׳ן צו ביידע לענדער (און אָפט אויך צו אַנדערע לענדער).

לויט דער אידישער כראָנאָלאָגיע האָבן די שטילע נביאים, גד און נתן, געלעבט אין די צייטן פון דוד און שלמה; אחיה השילוני, עדו החוזה און יהוא בן חנניה האָבן געלעבט אין די טעג פון די מלכים פון „מלכות יהודה״:

רחבעם, אביה און אסא. אין יענער צייט האָבן געהערשט אין „מלכות ישראל" די קעניגן: ירבעם, נדב, בעשה, אלה, זמרי און עמרי. אליהו הנביא און אלישע האָבן נביאות געזאָגט אין די טעג פון יהורם, אחזיה און פון די קעניגין עתליה פון „מלכות יהודה" און אויך אין די טעג פון אחאב, אחזיה, יהורם, יהוא, יהואחז און יהואש פון „מלכות ישראל". אין יענע טעג זיינען געווען אויך די שטילע נביאים — עזריה און חנניה.

פון די שטורמישע נביאים זיינען די נביאים עמוס און הושע געווען, לויט דער כראָנאָלאָגיע, פריער ווי ישעיה און ירמיה. עמוס און הושע זיינען געווען אין די טעג פון די קעניגן עוזיה און יותם פון די מלכי יהודה און אויך פון די קעניגן ירבעם דער צווייטער, זכריה, שלום, מנחם, פקחיה, פקח און הושע פון די מלכי ישראל. אין סדר פון אונזער תנ"ך אָבער קומט די נביאות פון ישעיה פאַר עמוס און הושע. דאָס איז אונזער טראַדיציע.

מיר וועלן זיך דעריבער האַלטן ביי דעם וועג פון דער כראָנאָלאָגיע און אויף אַזאַ אופן באַלייכטן די טעטיקייט און נביאות פון די שטורמישע נביאים. דער ערשטער פון זיי איז געווען עמוס. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם קעניג עוזיה פון די מלכי יהודה. אין יענע צייטן זיינען אויך געווען די שטילע נביאים: אוריה און עודד. וועגן עמוס'ן — אין קומענ־דיקן קאַפּיטל.

.10

די ערשטע שטורמישע נביאים: עמוס, הושע און מיכה

עמוס, דער ערשטער פון די שטורמישע נביאים, אַ פּאַסטוך און אַ לוין־אַרבעטער. — דער נביא, וואָס אין זיינע פוס־טריט זיינען געגאַנגען ישעיה און די אַנדערע נביאים. — איז עמוס געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער נביא? — דער נביא הושע און זיין אויסטערלישע וויזיע. — די דריי עיקרים פון דער אידישער לערע, לויטן נביא מיכה. — אַ פאַרגלייך צווישן די נביאות פון מיכה און ירמיה הנביא.

דער נביא עמוס איז געווען דער ערשטער שטורמישער נביא, וואָס איז געקומען נאָך דער עפּאָכע פון די שטילע נביאים. ער האָט געזאָגט זיינע נביאות אין די טעג פון קעניג ירבעם דער צווייטער, פון מלכות ישראל. ער איז אויך געווען דער ערשטער נביא ביי אידן וואָס האָט אָוועק־געשטעלט דעם ענין נבואה אויף איר העכסטער הויך, און אין זיינע פוס־טריט זיינען געגאַנגען אין זיין צייט הושע, ישעיה, און מיכה און שפּעטער אַלע אַנדערע נביאים.

עמוס איז געקומען פון דער שטאָט תקוע, אין לאַנד פון יהודה (פינף מייל אויף דרום פון בית לחם). ער איז געווען אַ פּאַסטוך און אויך אַן אַרבעטער וואָס קלייבט אויף טייטלען אין פעלד, פאַר אַ טעגלעכן לוין, און ער אַליין זאָגט, אַז ער איז געווען אַ „בולס שקמים" (קלייבער פון טייטלען). (ער האָט געדאַרפט זאָגן „בולש שקמים" מיט אַ „שין", אָבער ער האָט וואַרשיינלעך ניט געקאָנט אַרויסזאָגן קיין „שין", ווי די וואָס האָבן אין יענער צייט געזאָגט „סיבולת" אָנשטאָט „שיבולת" און ווי עס זאָגן היינט אַ טייל ליטוואַקעס „גוט סאַבעס" אָנשטאָט „גוט שבת"). אָבער כאָטש עמוס איז געווען פון יהודה, האָט ער געזאָגט זיינע נביאות הויפּטזעכלעך אין מלכות ישראל, אין בית אל. עמוס אַליין זאָגט אויף זיך, אַז „לא נביא אני ולא בן נביא" (איך בין ניט קיין נביא און ניט אַ זון פון אַ נביא), אָבער ער האָט געהאַט אין זיך דעם פייער פון אַ נביא און ער האָט איינגע־שטעלט זיין לעבן, ווען ער איז געגאַנגען קיין שומרון נביאות זאָגן קעגן די זינדיקע קעניגן, וואָס האָבן געדינט צו פרעמדע אָפּגעטער. די געפאַר איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו אמציה, דער כהן פון דער עבודה זרה, האָט, ווען מען האָט געזאָגט צום קעניג ירבעם דער צווייטער, אַז עמוס בונטעוועט

דאָס לאַנד קעגן אים, געזאָגט צו עמוס'ן, אַז ער זאָל אַנטלויפן קיין יהודה און ניט קומען מער קיין בית אל (עמוס ז'). עמוס, אָבער, האָט אים ניט געפאָלגט און געזאָגט ווייטער זיינע נביאות, אַז „ירבעם וועט אומקומען מיט דער שווערד און זיין לאַנד וועט חרוב ווערן" און אויך אַז „די אידן וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות אַריין". עמוס ווייסט גאַנץ גוט אַז זיין לעבן איז אין געפאַר, אָבער דאָס האַלט אים ניט צוריק פון צו זאָגן זיינע נביאות אין מלכות ישראל.

* * *

דאָס ספר „עמוס" באַשטייט פון ניין קאַפּיטלען. אין די ערשטע צוויי און אויך אין דריי שורות פון קאַפּיטל ג' זאָגט דער נביא נביאות וועגן די פעלקער וואָס וואוינען אין שכנות מיט יהודה און ישראל. פון קאַפּיטל דריי אָן, אָנהויבנדיק פון פסוק ד', רעדט ער וועגן די זינד פון ישראל און אויך וועגן יהודה. אין די קאַפּיטלען זיבן און אַכט גיט ער איבער זיינע זעאונגען און אין קאַפּיטל ניין טרייסט ער די אידן.



דער נביא עמוס שטראָפט די אידן.

אין עמוס'עס צייט האָט ירבעם דער צווייטער באַזיגט דאָס קעניגרייך ארם (סיריע), וואָס איז געווען אַ פיל שטאַרקערע מלוכה ווי ישראל. ירבעם איז געווען שיכור פון נצחון און האָט געזאָגט, אַז דאָס האָבן די אָפּגעטער אים געהאָלפן און דערפאַר האָט ער נאָך מער פאַרשטאַרקט די דינסט צו זיי. ירבעם האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז הינטער ארם און ישראל שטייט אַשור, וועלכער צילט איינצושלינגען זיי בײדע. אַשור האָט דעריבער געוואָלט, אַז ישראל זאָל פירן אַ מלחמה מיט ארם און ווי דער אויסגאַנג זאָל ניט זיין, וועלן בײדע לענדער זיין אָפּגעשוואַכט און אַשור וועט דעמאָלט זיי קאָנען לייכט באַזיגן.

דער נביא עמוס זעט דאָס און ער וואָרנט ירבעמ׳ען וועגן דעם. ירבעם איז אָבער פאַרטרונקען פון זיג און הערט אים ניט. דער נביא עמוס האַלט זיך אָבער ניט צוריק און זאָגט ווייטער זיינע נביאות, אַז „עס וועט קומען אַשור און וועט צונעמען ביי ישראל אַלץ וואָס זי האָט צוגענומען ביי ארם און אויך צעשטערן מלכות ישראל און נעמען די אידן אין געפאַנגענשאַפט״.

עמוס איז אויך געווען דער ערשטער פון די שטורמישע נביאים, וואָס האָבן גערעדט קעגן קרבנות און קעגן די ימים־טובים, אין וועלכע מען ברענגט אַ סך קרבנות צו גאָט. ישעיה הנביא, אין זיינע רייד וועגן קרבנות, האָט נאָכגעזאָגט פיל פון די ווערטער פון עמוס׳ן, וועלכער איז געווען פאַר אים. „איך האָב אייך פיינט — זאָגט עמוס — איך האַס אייערע ימים־טובים... הערט שוין אויף צו זינגען אייערע געזאַנגען און די קלאַנגען פון פליטן טו איך ניט הערן... וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך איז גאָר עפּעס אַנדערש, אַז עס זאָל פליסן ווי וואַסער גערעכטיקייט און רעכטפאַרטיקייט ווי דער טייך זאָל זיין שטאַרק״.

עמוס זאָגט אויך צו אידן, אַז זיי זאָלן זיך ניט איינרעדן, דאָס דערפאַר וואָס גאָט האָט זיי אויסגעווילט פון אַלע פעלקער, וועט ער זיי ניט באַשטראָפן פאַר זייערע זינד. דאָס — זאָגט דער נביא — איז פאַלש. גראָד פאַרקערט, דווקא דערפאַר ווייל איר זענט אויסגעקליבענע פון אַלע, קומט אייך נאָך מער צו באַשטראָפן פאַר אייערע זינד. איר דאַרפט זיך אויך ניט האַלטן פאַר אויסגעוויילטע, ווייל פאַר גאָט זיינען אַלע גלייך, אַלע זיינען זיינע קינדער. „אַזוי ווי די שוואַרצע כושים זענט איר צו מיר בני ישראל, זאָגט גאָט״ (עמוס ט׳). דער גאָט פון די אידן איז ניט בלויז אַ אידישער גאָט, נאָר דער גאָט פון דער וועלט, דער גאָט פון אַלע מענטשן. דעריבער זאָגט עמוס אויך נביאות וועגן אדום, מואב, עמון, דמשק (ארם) און אַנדערע פעלקער.

דער נביא שטראָפט אויך די וואָס לעבן אין לוקסוס און באַראַבעווען אַנדערע: „די וואָס שלאָפן אויף בעטן פון עלפאַנט־ביין און עסן די בעסטע שאָף״ און אין דער זעלבער צייט טראַכטן זיי נאָר פון „אונטערדריקן דעם אָרעמען״. ער טאַדלט אויך „פרויען וואָס פאַשען זיך, לעבן אין רייכקייט און זוכן נאָר צו באַרויבן די אָרעמע״. אָבער סוף־כל־סוף ענדיקט ער, ווי עס האָבן געטאָן אַלע נביאים, מיט טרייסט־ווערטער צו די אידן, אַז גאָט וועט נאָך רחמנות האָבן אויף זיין פאָלק ישראל...

* * *

כמעט אין דער זעלבער צייט, מיט אַ יאָר צען אָדער פופצן שפּעטער, שטייט אויף דער נביא הושע, וועלכער זאָגט זיינע נביאות אין סוף טעג פון עוזיה ביז צום אָנהויב פון חזקיה. הושע האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעס אין דער נבואה: דעם טאָן פון ליבע. עמוס איז דער נביא פון משפט און גע־רעכטיקייט, אָבער הושע גייט־צו נאָך עפּעס: ער וויל, אַז די אידן זאָלן ליב האָבן גאָט, ווייל גאָט האָט ליב די אידן. דערמיט האָט ער באַנייט דעם געבאָט פון משה „ואהבת את ה׳ אלקיך״ (דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט).

אין הושע׳ס צייט איז שוין די לאַגע אין ישראל ניט געווען אַזוי האָפנדיק. עס האָט געהערשט דעמאָלט אַן אַנאַרכיע. וואָרים נאָך דעם טויט פון ירבעם דעם צווייטן, האָט זיין זון, זכריה, איינגאַנצן געהערשט נאָר זעקס חדשים, ווייל שלום בן יבש האָט געמאַכט אַ בונט קעגן אים און אים דער׳הרג׳עט. אָבער שלום הערשט ניט מער ווי איין חודש, ווייל קעגן אים בונטעוועט זיך מנחם בן גדי פון תרצה און דער׳הרג׳עט אים. מנחם האָט שוין געהערשט צוועלף יאָר, אָבער עס זיינען געווען אומרואיקע יאָרן, ווייל אַשור איז שטאַרק אויסגעוואָקסן און זיך געגרייט צו גיין אויף ישראל, און ווען מנחם בן גדי הערט, אַז פול, דער קעניג פון אַשור, מאַרשירט אויף זיין לאַנד, גייט ער אים אַנטקעגן מיט אַ מתנה פון טויזנט „ככר כסף״ (אַ „ככר״ זילבער איז באַשטאַנען פון דריי טויזנט שקלים) און קויפט זיך ביי אים אויס. דאָס געלט האָט ער געזאַמלט ביי די רייכע אידן פון יענער צייט. נאָך מנחמ׳ען האָט געקיניגט זיין זון, פקחיה, צוויי יאָר, ווייל פקח בן רמליהו האָט אים דער׳הרג׳עט. פקח האָט געקיניגט שוין צוואַנציק יאָר, אָבער אויך ער איז ניט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, ווייל הושע בן אלה האָט אים דער־הרג׳עט און פאַרכאַפּט זיין טראָן. אין זיינע טעג איז מלכות ישראל חרוב געוואָרן דורך אַשור׳ן.

הושע, פונקט אַזוי ווי עמוס און ישעיה, קעמפט קעגן דער קאָרופּציע וואָס האָט געהערשט אין יענער צייט אין די קעניגלעכע קרייזן מיטן וויסן פון קעניג, וואָס האָט עס דערלאָזט. ער שטראָפט דעם קעניג און זיינע לייט און זאָגט זיי, אַז מיט די פירונגען ווערט דאָס לאַנד וואָס אַמאָל שוואַכער און דער שונא ווערט עס דעריבער לייכט איינגעמען.

ער שטראָפט אויך דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך צוריקגענומען דינען די פרעמדע אָפּגעטער מיט גרויס חשק, כאָטש זיי האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט אויך פון אידישן גאָט. זיי האָבן געדינט צו ביידע, צום אידישן גאָט און צום אָפּגאָט „בעל״. דער נביא הושע טרעט אויך אַרויס שאַרף קעגן די צוויי קעלבער, וואָס דער ערשטער ירבעם האָט נאָך געהאַט אַוועקגעשטעלט און צו וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך נאָך אַלץ געבוקט. ער רופט צום פאָלק: „לאָז אָפּ דיינע קעלבער, שומרון. מיין צאָרן ברענט אויף זיי! ביז וואַנען וועט איר ניט פאַרשטיין, אַז זיי זיינען געמאַכט פון עמעצן און ניט קיין גאָט״. ער זאָגט דאַן ווייטער, אַז די וואָס בוקן זיך צו זיי, טוען אַלדאָס־בייז און דערנאָך קומען זיי צו די „קעלבער״, וואָס זיינען געטער אין זייערע אויגן און בעטן זיי, אַז זיי זאָלן מוחל זיין, „די וואָס שלאַכטן מענטשן און קושן די קעלבער״ (הושע י״ג). ער שטראָפט אויך די כהנים, וועלכע ווילן אַז דאָס פאָלק זאָל וואָס מער זינדיקן, כדי זיי זאָלן מקריב זיין אַ סך קרבנות און זיי, די כהנים, וועלן האָבן צו עסן און צו טרינקען: „זיי עסן די זינד פון מיין פאָלק און צו פאַרברעכנס טוען שטרעבן זייערע זעלן״ (הושע ד׳).

הושע גיסט אויס זיין צאָרן אין שטורמישע שטראָף־רייד און אויך אין

טרויעריקע נביאות. ער זאָגט, אַז אַפילו די נאַטור טוט ליידן צוליבן שלעכטס פון מענטשן. „די ערד — זאָגט ער — וועט טרויערן (אויף דעם מענטש וואָס טוט שלעכט) און אומגליקלעך וועלן זיין אַלע וואָס וואוינען אויף איר, אַפילו די חיות פון פעלד, די פייגל פון הימל און די פיש פון וואַסער״. (הושע ד׳).

צום סוף זאָגט ער, ווי אַלע נביאים, טרייסט־ווערטער צו די אידן און אויך צו אַלע פעלקער וועגן דעם קומען פון אַנדערע צייטן.

הושע האָט אויך אַ וויזיע, וואָס איז שווער צו באַשטימען צי דאָס איז פאַנטאַזיע אָדער ווירקלעכקייט. ער זאָגט, אַז גאָט הייסט אים נעמען אַ זינדיקע פרוי און האָבן מיט איר זינדיקע קינדער, אַלס סימבאָל, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט געזינדיקט קעגן אים און דער נביא דערציילט, אַז ער האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט אַזאַ פרוי און געהאַט מיר איר אַ זון, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן „יזרעאל״. שפּעטער האָט זי געבוירן אים אַ טאָכטער, וועלכע ער האָט רופט אָן „לא רוחמה״ (ניט דערבאַרימטע), און דאַן נאָך אַ זון, וועלכן ער רופט אָן „לא עמי״ (ניט מיין פאָלק), אַלס סימבאָלן וועגן די זינד פון די אידן.

עס איז שווער צו זאָגן, צי די וויזיע איז געווען אַזאַ שטאַרקע פאַר־שטעלונגס־קראַפט צו סימבאָליזירן דערמיט די זינד פון ישראל (פּונקט אַזוי ווי ביי ישעיה הנביא, דאָס נעמען פאַר אַ ווייב איינע וואָס הייסט „נביאה״ און מיט איר האָבן אַ זון, וואָס זאָל הייסן „מהר שלל, חש בז״), אָדער דאָס איז געווען אַזוי אין דער ווירקלעכקייט. יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז דער נביא האָט מיט דעם געוואָלט שטאַרק אונטערשטרייכן דאָס וואָס די אידן זיינען אַראָפּ פון גלייכן וועג און אַז זיי וועלן אַזוי אַרום אונטערגיין אַלס פאָלק וואָס לעבט אויף זיין לאַנד.

הושע האָט אָבער אויך גערעדט ווערטער פון טרייסט צו די אידן און באַזונדערס וועגן דער ליבע פון די אידן צו גאָט און פון גאָט צו זיי. גאָט זאָגט: „איך בין פאַרלאָבט צו דיר (דאָס אידישע פאָלק) אויף אייביק! איך בין פאַרלאָבט צו דיר מיט גערעכטיקייט און משפט, מיט חסד און רחמים! איך בין פאַרלאָבט צו דיר מיט גלויבן און מיטן וויסן פון גאָט״ (הושע ב׳). דערמיט האָט דער נביא הושע אַריינגעפירט דעם עלעמענט פון ליבע און צוגעבונדנקייט אין דער באַציאונג פון גאָט צו די אידן און פון די אידן צו זייער גאָט...

* * *

אין יענער צייטן, אָבער אַביסל שפּעטער שוין, אין דער צייט פון ישעיה הנביא, האָט געלעבט נאָך אַ נביא מיטן נאָמען מיכה פון מורשה (דערפאַר האָט מען אים גערופן „מיכה המורשתי״). ער איז שוין געקומען נאָך עוזיה און האָט נביאות געזאָגט אין די טעג פון יותם, אחז און יחזקיהו. ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון עמוס און הושע.

דאָס ספר „מיכה״ פון אָט־דעם נביא באַשטייט פון זיבן קאַפּיטלען.

די ערשטע צוויי זיינען וועגן די זינד פון שומרון. די קאַפּיטלען דריי, פיר און פינף — וועגן גערעכטיקייט, וואָס עס פעלט אין לאַנד; און אין קאַפּיטל זעקס שטראָפט ער די אידן דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט דאַנקבאַר צו גאָט פאַר אַלעם גוטן וואָס ער האָט געטאָן צו זיי. אין לעצטן קאַפּיטל רעדט ער טרייסט־ווערטער צו די אידן. מיכה האָט ליב צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט „שמעו". ער הויב אָן דערמיט כמעט אַלע זיינע נביאות. ער ווענדעט זיך צום אידישן פאָלק, צו די פרעמדע פעלקער און בכלל צו דער וועלט מיט די ווערטער „שמעו לי" (הערט זיך־צו צו מיר), אָדער „שמעו עמים" (הערט זיך צו, פעלקער), אָדער גאָר „שמעו נא ראשי יעקב" (הערט זיך צו, איר פאָרשטייער פון יעקב).

דער נביא מיכה שטראָפט אויך די פאַלשע נביאים, כאָטש דאָס פאָלק וויל זיי, ווייל זיי זאָגן בלויז גוטע רייד — און דער נביא פירט אויס, אַז דער אמת וועט ענדלעך אַרויסקומען און די פאַלשע נביאים וועלן נאָר זיין צו שאַנד און צו שפּאָט. ער טרעט אויך אַרויס קעגן קרבנות און חזר'ט איבער דערביי ישעיה'ס רייד. צום סוף זאָגט ער אויך די זעלבע נבואה פון ישעיה, וועגן „אחרית הימים", אַז „עס וועלן קומען טעג, ווען אַ פאָלק וועט ניט מער אויפהויבן אַ שווערד קעגן אַן אַנדער פאָלק און מען וועט מער ניט לערנען זיך צו פירן מלחמה" (מיכה ד'), געגוי אַזוי ווי ביי ישעיה'ן.

איין זאַך געפינען מיר אָבער ביי מיכה'ן, וואָס איז ניטאָ ביי די אַנדערע נביאים, און דאָס איז זיין דערקלערונג וועגן דעם, וואָס גאָט וויל פון אַ מענטש. וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן, כדי צו גיין אין גאָט'ס וועגן. דער נביא האָט, לויטן תלמוד, געשאַפן די פאָרמולע דערצו. ער האָט אַוועקגעשטעלט די גאַנצע אידישע תורה אויף דריי עיקרים. זיי דריקן זיך אויס אין זיינע פאָלגנדיקע ווערטער:

„האָט דיר אַ מענטש געזאָגט, וואָס עס איז גוט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר? בלויז צו טאָן גערעכטיקייט, ליב צו האָבן צו טאָן גענאָד און פאַרבאָרגן אומצוגייען מיט דיין גאָט" (מיכה ו', ח').

אָט אין די דריי פּרינציפּן ליגט אַלץ, וואָס גאָט וויל פון אַ מענטש. דאָס זיינען די דריי הויפּט־עיקרים און אַלע זיינען זיי ווי אַזוי צו לעבן מיטן מיט־מענטש. דאָס איז די שענסטע פאָרמולע, וואָס עס איז ווען געשאַפן געוואָרן וועגן דער אידישער לערע.

דער נביא מיכה האָט אויך הונדערט און פופציק יאָר פאַרן ערשטן חורבן, נביאות געזאָגט, אַז „ציון וועט ווערן ווי אַ פעלד צעאַקערט און ירושלים וועט ווערן וויסט און דער הר הבית צו אַ שטיק וואַלד". ממש די זעלבע ווערטער מיט וועלכע ירמיה הנביא, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, האָט באַקלאָגט דעם חורבן פיל שפּעטער.

.11

די הויכע נביאות פון ישעיה הנביא

ווען האָט געלעבט דער נביא ישעיה? — דער אויפשטייג פון קעניגרייך אַשור אַלס אַ וועלט־מאַכט. — ישעיה הנביא׳ס שאַרפע רייד צו די קעניגן פון זיין צייט. — זיינע הויכע אידעאַלן וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. — זיינען געווען צוויי נביאים מיטן נאָמען „ישעיה״? — דער אמת וועגן די לעצטע 27 קאַפּיטלען פון ישעיה.

דער נביא ישעיה בן אמוץ האָט געזאָגט זיינע נביאות אין די טעג פון פאַלגנדיקע קעניגן פון יהודה: עוזיה, יותם אחז און חזקיה. דער טראָן איז אין יהודה איבערגעגאַנגען פון פאָטער צו זון. יותם איז געווען אַ זון פון עוזיה; אחז — אַ זון פון יותם, און חזקיה — אַ זון פון אחז. אין דער זעלבער צייט האָבן אין מלכות ישראל געקיניגט די קעניגן: מנחם בן גדי, פקחיה, פקח און הושע. אָבער דאָך צו באַהויפּטן, אַז ישעיה הנביא האָט טאַקע נביאות געזאָגט אין דער גאַנצער צייט פון די פיר דערמאָנטע קעניגן, וואָלט געווען ניט ריכטיק, ווייל דאָס וואָלט געמיינט, אַז ער האָט נביאות געזאָגט הונדערט מיט דריצן יאָר, וואָרים דער חשבון איז אַזוי: עוזיה האָט געקיניגט 52 יאָר, זיין זון יותם — 16 יאָר, איז עס צוזאַמען 68 יאָר; יותמ׳ס זון, אחז, האָט געקיניגט אויך 16 יאָר, האָבן מיר 84 יאָר; דאַן האָט אחז׳עס זון, חזקיה, געקיניגט 29 יאָר, מיינט עס צוזאַמען 113 יאָר.

עס זעט דעריבער אויס, אַז ישעיה האָט אָנגעהויבן צו זאָגן זיינע נביאות ערשט צום סאַמע סוף פון עוזיה׳ס טעג, מעגלעך גאָר אַ צוויי אָדער דריי יאָר פאַר זיין טויט. אויב אַזוי, האָט ער נביאות געזאָגט 61 יאָר, אָדער צום העכסטן 63 יאָר. עס קאָן אויך זיין, אַז ער האָט ניט געזאָגט נביאות די גאַנצע צייט פון חזקיה׳ס לעבן, נאָר ביז 15 יאָר פאַר זיין טויט, ווי מען קאָן עס דרינגען פון מלכים ב׳ (ל״ח, ה׳). אין דעם פאַל האָט ער נביאות געזאָגט בלויז 46 יאָר, אָדער צום העכסטן — 48 יאָר.

איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן אַנדערע נביאים אין דער צייט פון ישעיה הנביא׳ס נביאות. לויט דער גמרא האָבן פיר נביאים געזאָגט נביאות אין איין צייט: הושע, ישעיה, עמוס און מיכה (פסחים פ״ז). אָבער עס זעט אויס, אַז עס איז ניט געווען אינגאַנצן אין איין צייט, ווייל עמוס און הושע זיינען געווען פריער פאַר ישעיה׳ן. אָט די צוויי נביאים האָבן נביאות געזאָגט אין אָנהויב פון עוזיה׳ס טעג, און מיכה און ישעיה זיינען געווען אין זיינע

לעצטע טעג. לויט דעם קומט אויס, אַז עמוס און הושע האָבן נביאות געזאָגט אין דער צייט, דריי טויזנט הונדערט פיר און דרייסיק, לויטן אידישן חשבון פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט. (לויטן קריסטלעכן חשבון קומט עס אויס — 626 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). מיכה איז געקומען מיט אַ צוואַנציק יאָר שפעטער און ישעיה הנביא — מיט אַ וואָסערע 30 אָדער 40 יאָר נאָך שפעטער, אומגעפער אין יאָר דריי טויזנט צוויי הונדערט (לויטן קריסטלעכן חשבון איז ישעיה הנביא געווען אין יאָר 558 פאַר קריסטוס'ן). אַזוי אַרום האָבן די אַלע פיר דערמאָנטע נביאים געלעבט אין איין צייט, אין משך פון 70 יאָר.

עס זיינען אָבער דאָ געלערנטע, וואָס גיבן אָן אַן אַנדער חשבון. לויט זיי קומט אויס, אַז ישעיה איז געווען מיט אַ הונדערט יאָר פריער. אָבער דאָס איז שווער צו באַווייזן און מיר ווילן זיך אויך ניט אַריינלאָזן דאָ אין די איינצלהייטן פון די פאָרשונגען.

* * *

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט פריער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן נביא הושע, אַז אויב מען זאָל אָננעמען די רייד פון ישעיה הנביא אין קאַפיטל ח' (ג') אַלס ממשות'דיקע און ניט אַלס מליצה־רייד, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וועלכע ער רופט־אָן „נביאה", מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַ זון, וועמען ער האָט אָנגערופן מיטן נאָמען „מהר שלל, חש בז", אַלס סימבאָל פאַר דער צייט, ווען די קעניגן האָבן זיך געאיילט צו גיין אין קריג, כדי צו כאַפּן זאַק־רויב (דער טייטש פון די ווערטער „מהר שלל, חש בז" מיינט: „איילן זיך צו זאַק־רויב, יאָגן זיך נאָך פרעמד גוטס").

ווי מיר זעען ווייטער פון מלכים ב' האָט ישעיה ניט געהאַט קיין מורא פאַר די קעניגן, צו וועלכע ער איז געקומען זאָגן זיינע נביאות. אַזוי זעט מען, אַז ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויפן קעניג אָחז, ווען יענער האָט געוואָלט פון אים אַ צייכן. ישעיה האָט צו אים געזאָגט: „הערט מיך אויס, דאָס הויז פון דוד, איז ווייניק פאַר אייך וואָס איר מאַכט מיד די מענטשן, וואָס איר ווילט אויך מיד מאַכן גאָט!" (מלכים ב', ז', י"א). ער האָט אויך ניט מורא געהאַט צו זאָגן צום קעניג חזקיה, ווען ער איז געוואָרן קראַנק: „שרייב־אָן אַ צוואה, ווייל דו וועסט שטאַרבן!" ישעיה איז בכלל געווען אַ מענטש וואָס האָט ניט געוואוסט פון מורא. דעריבער זעען מיר, אַז אויף דער פראַגע פון קעניג חזקיה, צי ער זאָל גיין האַלטן מלחמה מיט אַשור, וואָס איז געווען דעמאָלט אַ וועלט־מאַכט און פאַר וועלכן אַלע קליינע מלוכות האָבן געציטערט, האָט ער געענטפערט, ער זאָל גיין און גאָט וועט אים העלפן, ער וועט באַזיגן דעם שונא.

לויט אַ לעגענדע איז ישעיה דער'הרג'עט געוואָרן פון מנשה, דעם זון פון חזקיה, ווען ער האָט גערעדט שלעכטס אויף אים. די לעגענדע געפינט זיך אין דער גמרא (יבמות מ"ט). זי ווערט אויך געבראַכט אין נייעם טעסטאַ־

מענט און אויך אין די אַפּאָקריפֿן. לויט אַן אַנדער לעגענדע, האָט ישעיה געלעבט 120 יאָר.

* * *

דאָס אויפטרעטן פון אַשור, אַלס די ערשטע ריזיקע מלוכה, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער וועלט פון יענער צייט. גאָר פריער זיינען אין יענעם טייל וועלט געווען לויטער קליינע מלוכות, ווי דער חיתי, כנעני, אמורי, יבוסי א. ד. ג. אין אַ שפּעטערע צייט דערשיינען שוין אויף דער אַרענע גרעסערע מלוכות, ווי מואב, אדום, עמון און אַנדערע. מיט דער צייט איז פלוצלונג אויסגעוואַקסן ארם (סיריע), אַלס אַ גרויסע מלוכה, מיט וועלכער די אַרומיקע לענדער האָבן זיך געמוזט רעכענען. אָבער גאָר פלוצלונג שטייט אויף אַ וועלט־מאַכט אַשור, וועלכע האָט איינגענומען פיל לענדער און פאַרנעמט זיך איינצונעמען אַלע לענדער פון אַזיע. אַשור האָט אויך געצילט איינצונעמען די צוויי אידישע מלוכות, ישראל און יהודה, און די קעניגן פוןביידע לענדער האָבן געציטערט פאַר דעם נייעם ריז. דער קעניג אחז פון יהודה ווענדעט זיך צום נביא ישעיה, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לאַנד און פרעגט אים, וואָס ער זאָל טאָן. דער נביא זאָגט אים, אַז ער זאָל זיך ניט שרעקן פאַר אַשור'ן, ווייל ער מיינט ניט איצט איינצונעמען מלכות יהודה. ער וויל פריער גיין אויף מצרים און נאָך אַדערע לענדער, און ערשט שפּעטער קאָן עס זיין אַ געפאַר פאַר יהודה. אָבער ביז דעמאָלט איז נאָך גאָט אַ גוטער. אחז האָט אָבער מורא און ער באַמיט זיך אונטערצוקויפן אַשור. ער שיקט אים אַ גרויסע מתנה און לייגט זיך צו אַשור'ן צו די פיס, פאַרזיכערנדיק דערביי דעם קעניג פון אַשור, אַז ער איז „זיין קנעכט" (עבדך אני — מלכים ב', ט"ז). ווען ישעיה דערוויסט זיך דערפון, שטורעמט ער קעגן דעם קעניגס האַנדלונג און זאָגט צו אחז'ן, אַז ער קאָן זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער שוץ פון „תגלת פלאסר (דער קעניג פון אַשור), ווייל צוזאַמען מיט אָט דער שוץ, וועט ער מוזן זיך אונטערוואַרפן צו אים און טאָן אַלץ וואָס ער וועט אים הייסן".

אָבער אַשור ווערט שטאַרקער און שטאַרקער און ער גייט ענדלעך אויף מלכות ישראל און אויף מלכות יהודה. עס איז אין דער צייט פון קעניג חזקיה. דער קעניג שליסט צום ערשטן אַן אָפּמאַך מיט די אַרומיקע לענדער, וועלכע ציטערן פאַר אַשור, ווי מואב, צידון, עמון און די פלשתים. סנחריב גייט אויף יהודה מיט אַ גרויסער אַרמיי און באַלאַגערט ירושלים. חזקיה שיקט צום קעניג פון אַשור טייערע מתנות און בעט זיך ביי אים אָפּ. סנחריב פאַרלאָזט ירושלים.

אָבער אין חזקיה'ן ברענט אַ כעס קעגן אַשור'ן און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער רעוואָלטירט ער. סנחריב קומט צוריק און באַלאַגערט ווידער די שטאָט ירושלים. ישעיה שטיצט דעם קעניג און גיט אים מוט צו קעמפן קעגן אַשור'ן. דער נביא ווייסט, אַז אַשור איז שוין פאַרהאַסט ביי אַלע

אַרומיקע לענדער און אַז סנחריב׳ס גרויסע אַרמיי באַשטייט פון זעלנער פון די איינגענומענע לענדער, וועלכע קוקן נאָר אויס אויף אַ מאָמענט צו רעוואָלטירן קעגן אים און דאָס געשעט טאַקע אויך.

מיר זעען אַלזאָ, אַז ישעיה הנביא האָט ניט נאָר ניט קיין מורא פאַר די קעניגן פון יהודה און ישראל, נאָר אויך ניט פאַר שטאַרקערע פון זיי, אַפילו ניט פאַר אַשור׳ן. ער איז אַ קעמפער, אַ רעוואָלוציאָנער, ווייל ער איז באַזעלט פון זיינע הויכע אידעאַלן און פון אַ טיפן גלויבן אין גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן.

* * *

אָבער וואָס זיינען די הויכע אידעאַלן פון ישעיה הנביא?

מיר געפינען דאָס אין די הויך־פּאָעטישע קאַפּיטלען פון ספר ישעיה.

באַלד אין אָנהויב שטראָפט דער נביא, מיטן פייער פון זיין האַרצן, די פירער פון דער מלוכה אין יענער צייט, וועלכע זיינען געווען קאָרופּטירט און די פאַרוואַלטער, וועלכע פלעגן שיכור׳ן גאַנצע טעג און נעמען גרעפט אויף צו באַפרייען שולדיקע און אָנשטאָט זיי, באַשטראָפן די ערלעכע. ער ווענדעט זיך מיט כעס צו זיי:

„ווי צו אייך, איר העלדן, צו טרינקען ווין, איר קעמפער אויף צו גיסן אין זיך ביר; די וואָס גיבן רעכט דעם שולדיקן צוליב גרעפט, און די ערלעכקייט פון די צדיקים טוען זיי פון זיי אָפּטאָן״ (ישעיה ה׳, כ״ב).

דער נביא שטורעמט ווייטער קעגן די ריכטער, וואָס טיילן כלומר׳שט אויס גערעכטיקייט:

„גאָט וועט האָבן אַ משפט מיט די פירער פון זיין פאָלק, מיט זיינע האַרן. איר, וואָס האָט אויסגערוימט אַלץ פון וויין־גאָרטן; איר, וואָס איר האָט דעם רויב פון אָרעמאַן אין אייערע הייזער! פאַרוואָס טוט איר אונטערדריקן מיין פאָלק און דאָס געזיכט פון די אָרעמע טוט איר צעמאָלן!״ (ישעיה ג׳, י״ד־ט״ו).

דער נביא טרעט שפּעטער אַרויס קעגן די וואָס זיינען מקריב קרבנות צו גאָט, ווען זייערע הענט זיינען ניט ריין פון זינד:

„וואָס טויג מיר אייערע קרבנות, זאָגט גאָט. איך בין שוין זאַט פון אייערע בראַנד־אָפּפערס, פון די אָקסן און פונעם פעטס פון די געאָפּפערטע בהמות. דאָס בלוט פון אָקסן, שעפּסן און בעק וויל איך ניט מער! ברענגט מיר ניט מער קיין זעמל־אָפּפער און קטורת. עס איז מיר דערווידער, וואָס איר ברענגט מיר יעדן חודש, אָדער שבת, אָדער יום־טוב. איך קאָן עס ניט מער פאַרטראָגן! עס איז זינד און פייערלעכקייט צוזאַמען. אייער חודש׳לעכע און יום־טוב׳דיקע פייערונגען האָב איך פיינט. זיי זיינען נאָר מיר צו לאַסט. איך קאָן עס מער ניט פאַרטראָגן״ (ישעיה א׳, י״ג־י״ד).

דער נביא האָט אָבער אויך עפּעס צו זאָגן, אין גוטן זין, וועגן דער צוקונפט וואָס ער זעט פאַר די אידן און פאַר דער וועלט. דאָס איז דער הויכער אידעאַל וועגן אַ צייט, ווען עס וועט הערשן אַבסאָלוטע גערעכטיקייט און אייביקער פרידן סיי אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן און סיי אין דער נאַטור; וועגן אַ צייט, ווען עס וועט הערשן גערעכטיקייט און ערלעכקייט פאַר אַלע, פאַר דער גאַנצער וועלט. ער דריקט דאָס אויס אין זיינע מעכטיקע ווערטער:

„און עס וועט אַרויסקומען אַ שפּראָצלינג פון שטאַם פון ישי, און אַ גליד פון זיינע וואָרצלען וועט זיך פרוכטפּערן, און עס וועט רוען אויף אים אַ גייסט פון ראָט און גבורה, אַ גייסט פון וויסן און פורכט פאַר גאָט. און ער וועט אָטעמען מיט דער מורא פאַר גאָט און ער וועט ניט משפּט'ן לויטן זען פון זיינע אויגן און ניט שטראָפן לויטן הערן פון זיינע אויערן. נאָר ער וועט משפּט'ן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע און וועט שטראָפן מיט יושר די געפאַלענע פון לאַנד, און ער וועט שלאָגן די שטאַרקע מיט דער רוט פון זיין מויל און מיט דעם אָטעם פון זיינע לעפצן וועט ער טויטן דעם שולדיקן. און עס וועט וואוינען אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט וועט מיט אַ ציגעלע הויזן, און אַ קאַלב און אַ יונגער לייב און אַ יונגער טיגער צוזאַמען און אַ קליין אינגל וועט מיט זיי אָנפירן" (ישעיה י"א, א'-ז').

און ווייטער:

„און ער וועט משפּט'ן צווישן פעלקער און ער וועט שטראָפן פיל נאַציעס און זיי וועלן צעברעכן זייערע שווערדן אויף צו מאַכן פון זיי שניטמעסער, און זייערע שפּיזן פאַר קאָסעס. עס וועט ניט אויפהויבן אַ פאָלק צו אַ פאָלק אַ שווערד און מען וועט מער ניט לערנען צו פירן מלחמה" (ישעיה ב', ד').

אָט דאָס איז דער העכסטער אידעאַל וואָס איז ווען געפּרעדיקט געוואָרן פון אַ גרויסן וועלט-פירער און צו וועלכער פאַרווירקלעכונג מיר וואַרטן נאָך אַלץ... נאָר אַזוי פיל טויזנטער יאָרן...

* * *

ישעיה הנביא איז געווען ניט ווייניקער אוניווערסאַל ווי נאַציאָנאַל. זיינע נביאות'ן קאָן מען כמעט טיילן העלפט אויף העלפט: אַ העלפט צו די אידן און אַ העלפט צו דער וועלט.

צוזאַמען מיט זיינע שטראָף-רייד און טרייסט-ווערטער צו די אידן, זיינען דאָ גאַנצע קאַפּיטלען וואָס ער האָט געזאָגט צו די אַרומיקע פעלקער אין יענער צייט. אַזוי איז דער גאַנצער צענטער קאַפּיטל וועגן אַשור'ן; דאָס דרייצנטע וועגן בבל (משא בבל); דאָס פופצנטע און זעכצנטע וועגן מואָב (משא מואָב); דאָס זיבעצנטע איז וועגן ארם (משא דמשק); דאָס ניינצנטע

וועגן מצרים; דאָס צוואַנציקסטע ווידער וועגן אַשור; דאָס דריי־און־צוואַנ־ציקסטע וועגן צור און אַזוי כסדר.

און פונקט אַזוי ווי צו די אידן, אַזוי האָט ער אויך פאַר די אַנדערע פעלקער גערעדט —ביידע, גוטע רייד און שלעכטע, שטראָף־ווערטער און טרייסטונגען. ער פלעגט אויך אַריין רייד צו די אַנדערע פעלקער אין זיינע נביאות׳ן וועגן די אידן און אַזוי אויך פאַרקערט, אין די נביאות׳ן צו די פעלקער ברענגט ער אויך אַריין ווערטער צו די אידן, ווייל ער זעט די אידן און די וועלט אַלס איינס, איין גאַנצעס. ער ווייסט, אַז עס קאָן ניט זיין קיין פרידן אין דער וועלט, אויב די אידן וועלן ליידן; און פאַרקערט, קאָנען די אידן ניט האָבן קיין פרידן, אויב די וועלט וועט ליידן.

דער נביא זעט אויך אַלע מענטשן אַלס ליידנדיקע קינדער פון גאָט, אַלס אַזעלכע וואָס ווערן באַ׳עוולה׳ט פון זייערע פאַלשע פירער און ער האָפט אויף אַ טאָג, ווען עס וועט אַנדערש זיין, ווען גערעכטיקייט וועט הערשן סיי צווישן מענטשן און סיי אין דער נאַטור.

צום סוף האָבן מיר 27 קאַפּיטלען, וואָס זיינען טרייסט־ווערטער צו די אידן, נאָכדעם ווי זיי וועלן שוין זיין פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. אָט־די קאַפּיטלען זיינען שווער צו פאַרשטיין, ווייל ווי אַזוי קומט עס, אַז ישעיה, וואָס האָט געלעבט פאַרן ערשטן חורבן, זאָל רעדן גאָר פון גלות בבל? דעריבער איז דאָ אַ מיינונג ביי די ביבל־פאָרשער, ניט־אידישע ווי אידישע, אַז די דאָזיקע קאַפּיטלען זיינען פון אַן אַנדער נביא, וואָס האָט געלעבט אין אַ שפּעטערדיקער צייט. דאָס וואָלט אַלזאָ געמיינט, אַז עס איז געווען אַ צווייטער ישעיה הנביא. אָבער אונזער טראַדיציע זאָגט אונז גאָרניט וועגן דעם. פאַרקערט, אין תלמוד ווערט דאָס ספר ישעיה באַטראַכט פאַר איין גאַנצעס, געשריבן פון איין נביא מיטן נאָמען ישעיה. אָבער לאָמיר די גאַנצע זאַך גוט און פאַרזיכטיק באַטראַכטן.

* * *

דער ספר „ישעיה״, וואָס אַנטהאַלט די נביאות פון ישעיה הנביא, האָט 66 קאַפּיטלען. זיי טיילן זיך אויף זעקס טיילן:

1. די נביאות צו די קעניגן פון יהודה וועגן מלחמות מיט די אַרומיקע פעלקער. אין זיי זאָגט דער נביא מיט וועמען זיי זאָלן גיין אין מלחמה און מיט וועמען ניט.

2. שטראָף־רייד צו די פירער פון פאָלק און אויך צום פאָלק ישראל גופא, אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפן די אָפּגעטער און צוריקגיין דינען דעם אידישן גאָט. דער נביא רעדט צו זיי מיט די ביטערסטע ווערטער און שמייסט זיי מיט דער שאַרפקייט פון זיין צונג.

3. שטראָף־רייד צו די אַרומיקע פעלקער פון ישראל און יהודה, ווי מואָב, אדום, עמון, מצרים, אַשור און אַנדערע, פאַר זייערע זינד.

4. אַ דערקלערונג וועגן דעם, אַז גאָט וויל ניט קיין קרבנות און בראַנד־אָפּפערס, נאָר אַז דער מענטש זאָל טאָן גוטס און גערעכטיקייט צום אַנדערן.

5. אַ פאָרזעאונג, אַז יהודה און ישׂראל וועלן צוליב זייערע זינד פאַר־טריבן ווערן פון לאַנד און אַז שפּעטער וועט גאָט זיי צוריקברענגען אין לאַנד פון זייערע אָבות.

6. פאָראויסזעאונגען וועגן שטייגן פון מענטש און אַ וויזיע פאַר אייביקן שלום און האַרמאָניע פון מענטש מיט דער נאַטור.

איידער מיר גייען ווייטער, דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן, וואָס דער נביא מיינט מיטן וואָרט „זינד". זינד, לויטן אידישן באַגריף, מיינט צווייערליי: קעגן גאָט און קעגן מענטשן. זינד קעגן גאָט מיינט, דאָס דינען צו געצן, ווי דאָס דינען צו אַ געשטאַלט געמאַכט פון האָלץ אָדער שטיין, אָדער גאָר צו אַ חיה אָדער אַן אַנדער באַשעפעניש, ווייל דערמיט ווייזט דער מענטש אין וואָס פאַר אַ נידעריקן מצב ער געפינט זיך. אָבער נאָך מער רעדט דער נביא מיט צאָרן וועגן די זינד וואָס אַ מענטש טוט צו מענטשן און וועגן דער אומגערעכטיקייט וואָס הערשט אין דער געזעלשאַפט. ישעיה זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז אַ פאַרדאָרבענע געזעלשאַפט קאָן ניט עקזיסטירן. ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז אין אַ מלוכה, וואו עס הערשט אָפּן רויב און שווינדל; אין אַ מדינה, וואו דאָס מענטשלעכע לעבן איז הפקר, פעלט די אינערלעכע מאָראַל וואָס האַלט מענטשן צוזאַמען און אַזאַ לאַנד וועט דעריבער אין אַ טאָג, ווען אַ שטאַרקער שונא וועט עס באַפאַלן, ניט קאָנען קעמפן קעגן אים, ווייל עס איז ניטאָ דאָרטן קיין פאַראייניקט פאָלק. עס זיינען דאָ נאָר איינצלנע מענטשן, וואָס יעדער איינער קוקט נאָר אין זיין ווינקל. דאָס האָט דער נביא געזאָגט צו אַלע פעלקער פון יענער צייט, און באַזונדערס צו יהודה און ישראל, וואָס זיינען געווען ניט צופיל בעסער. אָבער צו מלכות יהודה און מלכות ישראל זאָגט ער צום סוף, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן פאַרטריבן ווערן אין גלות אַריין, אין אַ פרעמד לאַנד, וועט גאָט אויף זיי רחמנות האָבן און זיי צוריקברענגען אין זייער לאַנד. אָט־די טרייסט־ווערטער געפינען זיך אין די לעצטע 27 קאַפּיטלען פון „ישעיה", פון קאַפּיטל מ׳ (40) ביז קאַפּיטל ס״ו (66).

ווי אַ טייל ביבל־קריטיקער ווילן האָבן זיינען די 27 קאַפּיטלען ניט פון אונזער ישעיה הנביא, פון ישעיה בן אמוץ, נאָר פון אַ צווייטן ישעיה (אָדער ער האָט אפשר געהייסן מיט אַן אַנדערן נאָמען), וועלכער האָט גע־לעבט פיל שפּעטער, נאָר זיינע קאַפּיטלען זיינען צוגעגעבן געוואָרן צום ספר „ישעיה", וואָס האָט זיך געענדיקט מיט קאַפּיטל 39 (ל״ט).

לויט ווי זיי דערקלערן איז עס, ערשטנס, אוממעגלעך, אַז ישעיה הנביא, וואָס האָט געלעבט פיל פריער, איידער נבוכדנאצר האָט פאַר־טריבן די אידן פון לאַנד, זאָל זאָגן נביאות וועגן דעם צוריקקומען פון די אידן פון בבל, אין דער צייט פון כורש, וואָס איז געווען מיט 200 יאָר

שפּעטער. צווייטנס, פּירט זיי דערצו דאָס שפּעטערדיקע דערמאָנען „כורש׳ן״ביים נאָמען. דריטנס, געפינען זיי, אַז דער סטיל פון די נביאות פון די 27 קאַפּיטלען איז אַנדערש פון סטיל פון די נביאות וואָס ישעיה האָט געזאָגט ביז קאַפּיטל ל״ט (39). צוליב דעם זיינען אַ טייל פון די ביבל־קריטיקער געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז געווען אַ צווייטער ישעיה הנביא, וועלכער האָט געלעבט שפּעטער.

די דאָזיקע מיינונג איז אויך טיילווייז אַ אידישע, ווייל שוין דער אבן עזרא אין זיין פירוש אויף תנ״ך זאָגט אַרויס אָט דעם געדאַנק. שפּעטער האָבן דאָס געזאָגט אויך די קריסטלעכע געלערנטע און לעצטנס — זייער פיל ביבל־פאָרשער, אידן און ניט־אידן. לויט זיי הייסט עס, אַז עס זיינען געווען צוויי ישעיה׳ס: איינער, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון חזקיה — און אַ צווייטער, וואָס האָט געלעבט אין אָנהויב פון צווייטן בית־המקדש, מיט 200 אָדער 220 יאָר שפּעטער פון ערשטן ישעיה.

אָבער דאָס איז ניט נאָר קעגן אונזער טראַדיציע, ווייל אין תלמוד און אַלע אַנדערע ספרים ווערט גערעדט נאָר פון איין ישעיה הנביא, נאָר מיר זעען אויך, אַז יאָזעפוס רעדט פון אַלע 66 קאַפּיטלען פון ישעיה, אַלס אַזעלכע, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון איין מענטש. אַזוי ווערן זיי אויך דערמאָנט אין ספר „בן סירא״. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז עס זיינען שוין דאָ געלערנטע וואָס זאָגן, אַז די קאַפּיטלען פון ישעיה פון נ״ו (56) ביז ענדע ס״ו (66) זיינען געשריבן געוואָרן פון אַ דריטן ישעיה הנביא. און אַזוי זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס רעדן שוין וועגן אַ פערטן, אַ פינפטן ישעיה און נאָך מער.

* * *

ווען מען קוקט זיך צו צום אופן פון רעדן פון די נביאים, זעט מען, אַז עס איז געווען זייער שטייגער צו זאָגן פריער שטראָף־רייד און דערנאָך טרייסט־ווערטער. איבערהויפּט איז געווען אָנגענומען צו זאָגן די טרייסט־ווערטער צום סוף, כדי צו ענדיקן מיט גוטס. דאָס זעען מיר אַזוי ביי עמוס׳ן, וואו נאָך דעם ווי ער שטראָפט די אידן, זאָגט ער צו זיי טרייסט־ווערטער, אַז „עס וועלן נאָך קומען גוטע טעג״. דאָס זעלבע זעען מיר אויך ביי הושע, אַז נאָכן שטראָפן זאָגט ער: „איך וועל זיין ווי אַ טוי צו ישראל, זאָגט גאָט״. דאָס זעלבע זעען מיר אויך ביי מיכה׳ן, וואו נאָכן שטראָפן די אידן אויף אַ שאַרפן אופן, זאָגט ער די זעלבע ווערטער פון ישעיה הנביא וועגן דער „ענד פון די טעג״, ווען עס וועט קומען דער אייביקער שלום. אַזוי איז עס אויך ביי ירמיה, ביי יחזקאל און ביי אַלע אַנדערע נביאים. אַלע האָבן זיי צום סוף פון זייערע שטראָף־רייד, טרייסט־ווערטער פאַר די אידן, ווי פאַר דער מענטשהייט בכלל.

ישעיה הנביא האָט נאָך מער טרייסט־ווערטער ווי אַלע אַנדערע, ווייל ער שטראָפט און טרייסט אין איין צייט. ער שלאָגט און קושט ווי אַ גוטער

טאַטע, מיט איין מאָל. אַזוי זעען מיר, אַז נאָכדעם ווי ער זידלט די אידן און רופט זיי אָן „פאַרדאַרבענע קינדער״, טרייסט ער זיי באַלד (אין קאַפּיטל עלף), אַז „זיי וועלן נאָך הערשן איבער זייער פיינט״. אַזוי איז עס כסדר אין גאַנץ ישעיה. דעריבער האָבן אונזערע חכמים געזאָגט, אַז דער ספר ישעיה איז אינגאַנצן אַ „טרייסט בוך״ („ספר ישעיה כוליה נחמתא״).

דער נביא ישעיה האָט טאַקע געשטראָפט די קעניגן און די אידן מיט די שאַרפסטע ווערטער, ווייל אַפילו די קעניגן פון יהודה, וואָס האָבן שוין געגלויבט אין גאָט און געדינט צו אים, האָבן אויך ניט אָפּגעלאָזן די עבודה־זרה און גלייכצייטיק געדינט סיי צום אידישן גאָט און סיי צום „בעל״, דעם גרויסן אָפּגאָט פון יענער צייט. אויך זיי האָבן פאַרברענט זייערע ערשטע זין צום גאָט „מולך״, ווי עס האָבן געטאָן אַזעלכע גאָטס־פאַרכטיקע קעניגן, ווי אחז, וועלכער האָט אַליין מקריב געווען זיין ערשטן זון צום „מולך״ (מלכים ב׳, ט״ז), מנשה (מלכים ב׳, כ״א) און פיל אַנדערע.

בכלל קאָן מען זאָגן, אַז אין יענער צייט איז אין מלכות יהודה געווען איינגעפירט צו דינען צום אידישן גאָט גלייכצייטיק מיט דער דינסט צום אָפּגאָט. מען האָט ניט געוואָלט אינגאַנצן אָוועקגיין פון אידישן גאָט, אָבער דער אָפּגאָט האָט שטאַרק געלאָקט, ווייל די דינסט צו אים איז געווען פאַר־בונדן מיט פיל תאווה און אויסגעלאַסנקייט און מיט געשלעכטלעכע אָרגיעס, וואָס האָבן גערייצט די מאַסן. אַזוי איז געווען אויך אין מלכות ישראל און דעריבער האָט אליהו הנביא געשריען צום פאָלק: „ווי לאַנג נאָך וועט איר שפּרינגען איבער צוויי שוועלן, אָדער דינט צו גאָט אָדער צום „בעל״. אויב דער אידישער גאָט איז אַ גאָט — דינט צו אים, און אויב „בעל״ איז דער גאָט — דינט צו אים״.

אָבער דאָס שפּרינגען „אויף צוויי שוועלן״ איז נאָך געווען מער אין דער מאָדע אין מלכות יהודה ווי אין מלכות ישראל, ווייל אין מלכות ישראל האָט מען ווייניקער געדינט צום אידישן גאָט. קעגן דעם טרעט אַרויס שטאַרק דער נביא ישעיה מיט זיין שאַרפער צונג און ער רעדט צום פאָלק וועגן דער הייליקייט און גרויסקייט פון אידישן גאָט, וואָס קאָן גאָרניט קומען אין פאַרגלייך מיט דער גאָרנישטקייט פון די אָפּגעטער. דער מענטש, זאָגט ישעיה, וואָס דינט צו אָפּגעטער ווערט דערנידעריקט, ווייל ער בוקט זיך צו דעם וואָס זיינע הענט האָבן געשאַפן. דערפאַר, אָבער, ווערט דער מענטש, וואָס דינט צו גאָט, דערהויבן, ווייל ער דינט צו דעם וואָס האָט געשאַפן די גאַנצע וועלט.

דער נביא רעדט וועגן יהודה און זאָגט: „און עס איז פול געוואָרן דאָס לאַנד מיט אָפּגעטער, צו דער שאַפונג פון די אייגענע הענט טוען זיי זיך בוקן, צו דעם וואָס עס האָבן געמאַכט זייערע פינגער און עס איז געבויגן געוואָרן דער מענטש און נידעריק איז געוואָרן דער, וואָס איז גע־שאַפן געוואָרן אין מענטשלעכן געשטאַלט״. און ער רופט אויס: „קום אין

אַ שפּאַלט און באַהאַלט זיך אין דר׳ערד פאַר דער מורא׳דיקייט פון גאָט און פאַר דער פּראַכט פון זיין שטאָלץ!״...

ישעיה איז געווען דער ערשטער פון די נביאים וואָס האָט דערקלערט, אַז גאָט איז הייליק. ער רופט „קדוש, קדוש ה׳ צבאות!״ און שטעלט אַוועק די הייליקייט פון גאָט אַלס אַ מוסטער פאַרן מענטש, אַז ער זאָל גיין אין זיינע וועגן, ווייל דער הייליקער מענטש באַגייט ניט קיין שום שלעכטס. דערמיט גייט ישעיה צוריק צו משה׳ן, וואָס האָט אונז אויך אָנגעזאָגט: „קדושים תהיו... כי קדוש ה׳ אלוקיכם״ (איר זאָלט זיין הייליק, ווייל הייליק איז אייער גאָט).

ישעיה שטראָפט און טרייסט, טרייסט און שטראָפט. אַזוי איז ער אין אַלע זיינע נביאות׳ן. עס איז אַלץ איין ישעיה, אַזוי ווי אונזער טראַדיציע זאָגט אונז.

עס איז בלויז מעגלעך, ווי איין געלערנטער ווייזט אויף, אַז דאָס וואָרט „לכורש״ אין פסוק „כי כה אמר ה׳ למשיחו לכורש״ (ישעיה מ״ח, א׳) איז אין אָריגינאַל ניט געווען און אַז אין די צייטן פון כורש׳ן האָט עמעצער צוגעשריבן דאָס וואָרט „לכורש״ אין דער זייט, אַלס טייטש, אַז מיטן וואָרט „למשיחו״, זיין געזאַלבטן, האָט דער נביא געמיינט „כורש׳ן״. שפּעטער אָבער איז דאָס וואָרט „לכורש״ אַריינגעשטעלט געוואָרן אינעווייניק דורך אַן איבערשרייבער, וועלכער האָט געמיינט, אַז עס דאַרף זיין אין טעקסט.

* * *

די זיבן און צוואַנציק קאַפּיטלען אין ישעיה פון מ׳ (40) ביז ס״ו (66) זיינען, ווי געזאָגט, טרייסט־ווערטער צום אידישן פאָלק, וואָס וועט נאָך דערלעבן גוטע טעג, נאָך די שלעכטע וואָס ער האָט געהאַט, און אַז גאָט וועט אים מוחל זיין אַלע זיינע זינד, ווען ער וועט זיך אומקערן צוריק צו זיין גאָט. די קאַפּיטלען הויבן זיך אָן מיט די ווערטער: „נחמו נחמו עמי״ (טרייסט, טרייסט מיין פאָלק). ער טרייסט די אידן, אַז זיי זאָלן ניט מורא האָבן פאַר די אַרומיקע פעלקער. „אל תירא עבדי יעקב״ (דו זאָלסט זיך ניט שרעקן, מיין קנעכט יעקב) רופט אויס דער נביא. דער נביא לאַכט ווייטער אָפּ פון די וואָס דינען צו געצן און איבערהויפּט פון די וואָס דינען סיי צו גאָט און סיי צום „בעל״. „אַ העלפט (פון זיין קרבן) פאַרברענט ער צום אָפּגאָט און אַ העלפט צום אידישן גאָט״. דער נביא רעדט דערפון, אַז עס וועט מיט דער צייט אויסגעבויט ווערן אַ נייער בית־המקדש, וואָס וועט זיין הייליק פאַר אַלע פעלקער. דאָס בית המקדש וועט ניט זיין מער אַן אָרט צו ברענגען דאָרטן קרבנות, נאָר אַ געבעט־אָרט פאַר אַלע פעלקער (כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים — ישעיה נ״ו). ער לאַכט אָפּ פון די וואָס פאַסטן און מיינען, אַז דערמיט דינען זיי גאָט: „איר פאַסט דאָך נאָר, כדי זיך קאָנען קריגן מיט אַנדערע! איז דען דאָס אַ פאַסט־טאָג וואָס

דאַרף מיר געפּעלן? גיב בעסער דיין ברויט צום הונגעריקן, און פאַרבי־טערטע אָרעמע־לייט נעם אַריין אין דיין הויז" (נ"ח).

און אַזוי זעט דער נביא ווייטער די ענדע פון די טעג, כמעט די זעלבע וויזיע מיט וועלכער ער הויבט אָן דאָס ספר ישעיה, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אַ וואָלף מיט אַ שעפּסל וועלן זיך פּאַשען אויף איין לאָנקע, אַ לייב און אַן אָקס וועלן עסן שטרוי (ס"ה). עס וועט זיין אַ גרויסע האַרמאָ־ניע אין דער נאַטור און דער מענטש וועט ווערן אַנדערש. דער לייב וועט מער ניט פאַרצוקן, ווייל ער וועט ניט עסן מער קיין פליש, ער וועט עסן נאָר שטרוי, אַזוי ווי אַן אָקס. אויך דער מענטש וועט מער ניט זיין בלוט־דורשטיק און ניט מער פאַרגיסן דאָס בלוט פון זיין מיט־מענטש, און שלום און האַרמאָניע וועלן זיין אין דער נאַטור און אויך צווישן מענטשן — נאַטור און מענטש וועלן זיין איינס.

מיט אַזעלכע רייד האָט ישעיה אָנגעהויבן זיינע גרויסע זעאונגען אין זיין „ספר ישעיה" און דערמיט ענדיקט ער. עס זיינען דעריבער ניט געווען קיין צוויי ישעיה הנביא'ס, נאָר איין נביא, וואָס האָט געזאָגט זיינע הויכע נביאות צו די אידן און צו דער מענטשהייט. אין אָט די רייד איז ישעיה געגאַנגען אין די פוס־טריט פון זיינע פאַרגייער — עמוס און הושע.

.12

די טיפע ליידן פון ירמיה הנביא

עס איז ניטאָ אין דער וועלט־געשיכטע נאָך אַזאַ טראַ־גישע פיגור ווי ירמיה, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פאַרן אמת. — די פאַרפאָלגונגען, וואָס ער און זיין משפחה זיינען אויסגעשטאַנען. — ווי אַזוי ירמיה באַקלאָגט דעם חורבן אין זיין קלאָג־ליד „איכה". — זיינע טרייסט־ווערטער צום אידישן פאָלק.

אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ניט געווען קיין מער־טראַגישע פיגור פון איינעם, וואָס האָט געליטן צוליבן אמת, ווי דער נביא ירמיה. עס איז ממש ניט געווען קיין שיעור און קיין סוף צו זיינע ליידן, פון זיין פריער יוגנט ביז זיין טויט.

אויף ירמיה'ן איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין דער נביא פון די אידן אין די לעצטע טעג פון מלכות יהודה, און אויך צו זען דעם חורבן פון לאַנד דורך נבוכדנצר און זיין מעכטיקער אַרמיי.

ירמיה האָט געשטאַמט פון דער שטאָט ענתות, אין לאַנד פון בנימין. ער איז געווען אַ זון פון חלקיהו הכהן און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן נביאות ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג. ווי עס ווערט דערציילט אין ספר ירמיהו, האָט גאָט אים געשיקט צו זאָגן נביאות צו די אידן, ווען ער איז געווען נאָך אַ אינגל. ער האָט ניט געוואָלט גיין און געזאָגט צו גאָט: „איך ווייס דאָך גאָרניט, איך בין דאָך נאָך אַ אינגל". אָבער גאָט שטאַרקט אים און זאָגט צו אים: „זאָלסט ניט זאָגן כ'בין נאָך אַ אינגל... דו זאָלסט פאַר זיי ניט מורא האָבן, ווארים איך וועל זיין מיט דיר, צו ראַטעווען דיך". ער האָט צום ערשטן אָנגעהויבן צו זאָגן נביאות אין זיין שטאָט, אין ענתות. אָבער די שטאָט־לייט זיינען געווען קעגן אים, ווייל ער האָט זיי געשטראָפט. ער האָט אויך געזאָגט שוין דעמאָלט טרויעריקע נביאות וועגן מלכות יהודה. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אַפילו זיינע אייגענע ברידער און שוועסטער און אַנדערע נאָענטע קרובים האָבן אים גע'רודפ'ט (ירמיה י"ב). שפּעטער פאָרט ער קיין ירושלים און זאָגט דאָרטן זיינע נביאות. ער שטראָפט די אידן און די הערשער אין טויער פון בית המקדש (ירמיהו ו'), אין הויף פון בית המקדש (ירמיה כ"ו), אין הויז פון קעניג פון יהודה (ירמיה כ"ב) און אין פיל אַנדערע פּלעצער.

די לאַגע אין יהודה איז דעמאָלט געווען זייער שלעכט. פאַרדאָרבנקייט און קאָרופּציע האָט געהערשט אומעטום. דער קעניג און זיין סוויטע האָבן אַרויפגעלייגט שווערע פאָדאַטקעס אויפן פאָלק און עס גענומען פאַר זיך,

כדי צו קאָנען וואָס מער הולטאַיעווען. דערצו איז דעמאָלט געווען אין לאַנד אַ כאַפּטע פון פאַלשע נביאים, וועלכע האָבן כסדר געלויבט דעם קעניג און זיינע משרתים, און צו זיי געזאָגט, אַז אַלץ וואָס זיי טוען — איז גוט.

ירמיה האָט דאָס ניט געקאָנט צוזען און ער האָט געשריען הויך אויפן קול קעגן די אַלע שווינדלער און פאַלשע פירער. „גאָט'ס וואָרט איז געווען אין זיין האַרץ ווי אַ ברענענדיק פייער, וואָס האָט פאַרצערט זיינע ביינער" (ירמיה כ'). ער האָט ניט געשאָנעוועט קיינעם פון זיי, ניט דעם קעניג און ניט זיין סוויטע, ניט די פאַלשע נביאים און ניט די כהנים פון דער עבודה זרה. זיי אַלע האָט ער געזאָגט דעם אמת אין פנים אַריין און האָט זיי אָנגערופן מיט די אמת'ע נעמען. קיין וואונדער ניט, אַז זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט דולדן און אים גע'רודפ'ט מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. ער ווערט אָפּט געשלאָגן און אַריינגעוואָרפן אין געפּענגעניש. אַזוי, למשל, האָט פשחור בן אמר הכהן אים געשלאָגן פאַר די אויגן פון פיל מענטשן און דערנאָך אים אַריינגעוואָרפן אין געפּענגעניש (ירמיה כ'). ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, נאָך אַ שטורמישער נבואה, האָט אים געכאַפּט יראייה בן שלמיה הכהן און אים שטאַרק געשלאָגן און דערנאָך אים געבראַכט צו די מיניסטאָרן, וועלכע האָבן אים ווידער אַריינגעוואָרפן אין געפּענגעניש (ירמיה ל"ז).

אָבער דאָך — נאָך דעם אַלעם, קומט ירמיה אַריין אין בית המקדש, דאָס הייליקסטע אָרט ביי די אידן, ער קוקט זיך אַרום און זעט ווער עס איז דאָרטן דאָ. ער זעט אַ באַנדע שווינדלער, רויבער, מערדער און היפּאָקריטן, וואָס רעדן פון הייליקייטן און טוען אָפּ אַלדאָס־ביי און ער ציטערט־אויף און שרייט אויס:

„אַזוי זאָגט גאָט צבאות, דער גאָט פון די אידן: בעסערט אויס אייערע וועגן און אייערע טאַטן, וועל איך רוען מיט אייך אין דעם אָרט. איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו די פאַלשע רייד וואָס זאָגן אייך, אַז זיי זיינען פון גאָט'ס היכל, גאָט'ס היכל, גאָט'ס היכל. איר זאָלט וויסן, אויב איר וועט אויסבעסערן אייערע וועגן און אייערע טאַטן, אויב איר וועט זיך פירן מיט גערעכטיקייט צווישן מענטש און מענטש, אויב איר וועט דעם פרעמדן, דעם יתום און די אלמנה ניט באַראַבעווען און אומשולדיק בלוט ניט פאַרגיסן — וועל איך רוען מיט אייך אין דעם אָרט... אָבער אויב איר מיינט, אַז מען קאָן גנב'ענען, מאָרדן, ניאופ'ן, שווערן פאַלש און דינען צום אָפּגאָט בעל, און דערנאָך קומען אין דעם הויז, וואָס מיין נאָמען ווערט דערויף גערופן און זאָגן צו זיך, אַז מען איז געראַטעוועט... ניין! וואָס מיינט איר, אַז דאָס הויז איז אַ הייל פאַר אויסגעלאַסענע?!..."

און ירמיה זאָגט זיי ווייטער, אַז אויב זיי וועלן זיך אַזוי פירן, וועט דאָס לאַנג חרוב ווערן, דאָס הויז וועט צעשטערט ווערן און די אידן וועלן פון שונא פאַרטריבן ווערן אין גלות אַריין.

קיין וואונדער ניט, אַז די כהנים, די שטאַרקע און די פאַלשע נביאים איילן צום קעניג און זאָגן אים, אַז ער האָט פאַרדינט דעם טויט (ירמיה כ״ו).

אָבער ירמיה שרעקט זיך ניט פאַר זיי. ער שרייבט אויף זיין נבואה און לייענט זי פאַרן פאָלק. דאָס פאָלק ציטערט־אויף, ווייל עס ליידט אויך שטאַרק פון די הערשער, די באַדריקער. די זאַך קומט אָן צו די מיניסטאָרן. זיי ווילן הערן די נבואה, וואָס עס האָט אויפגעשריבן פאַר ירמיה זיין איבער־געגעבענער תלמיד און אָנהענגער ברוך בן נריה. ברוך טוט זיי צוליב און לייענט פאַר זיי די נבואה. עס מאַכט אויף זיי אַ שטאַרקן איינדרוק, ווייל זיי ווייסן דאָך, אַז עס איז אמת. זיי זאָגן עס דעם קעניג און זיי ווילן, אַז ער זאָל זי אויך הערן. דער קעניג יהויקים בן יאשיהו האָט זיך דעמאָלט געפונען אין זיין ווינטער־פּאַלאַץ. ער איז געזעסן אַרומגערינגלט פון זיין סוויטע פאַר אַ פייער־פּלאַץ. דער קעניג הייסט זיין סעקרעטאַר, אַז ער זאָל לייענען פאַר אים די נבואה, וואָס איז געווען אין דער פאָרם פון אַ מגילה. דער סעקרעטאַר לייענט זי און דער קעניג שניידט אָפּ מיט אַ ראַזיר־מעסער יעדעס זייטל, וואָס ער האָט שוין געלייענט און וואַרפט עס אין פייער אַריין. ווען ער ענדיקט, ברענט דער קעניג יהויקים פון כעס אויף ירמיה׳ן און הייסט אים ברענגען צו זיך. דער נביא באַהאַלט זיך אויס. דער קעניג שווערט, אַז ער וועט אים דערמאָרדן, און מען קאָן דאָס אים גלויבן אויך. ער האָט דאָך שוין אַזוי געטאָן צו אַן אַנדער נביא, אוריה בן שמעיה. אויך יענער האָט געזאָגט שלעכטע נביאות אויפן קעניג. האָט דער קעניג אים געהייסן אַרעסטירן. ווען אוריה האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער אַנטלאָפן קיין מצרים. האָט יהויקים געשיקט אַהין מענטשן, וועלכע האָבן אים פאַר־נאַרט אַהיים און דאָ האָט מען אים געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער (פּונקט אַזוי ווי מען טוט עס איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס ווייזט, אַז אַלע דיקטאַטאָרישע הערשער האָבן איין פּנים). ירמיה׳ן געלינגט אָבער דאָך אויסצובאַהאַלטן זיך עטלעכע יאָר ביז יהויקים שטאַרבט. אויף יהויקים׳ס אָרט קיניגט צדקיה. אָבער אויך ער באַהאַנדלט ירמיה׳ן פּונקט אַזוי ווי די פריערדיקע קעניגן. ירמיה שרעקט זיך אָבער ניט פאַר אים און זאָגט ווידער זיינע שטראָף־רייד צום קעניג. צדקיה הייסט אים אַריינוואַרפן אין אַ גראָבן פון ליים און זיינע לייט האָבן דאָס אויסגעפירט און ירמיה׳ן אַראָפּגעלאָזט מיט שטריק אין ליים־גרוב, וואו ער האָט זיך געטרונקען אין ליים און געהאַלטן ביים אויסגיין, אָבער אַ קנעכט פון קעניג, אַ שוואַרצער, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַוועק צום קעניג און גע׳פועל׳ט ביי אים, אַז מען זאָל ראַטעווען ירמיה׳ן פון אַ זיכערן טויט. האָט מען גע־דאַרפט האָבן דרייסיק מענטשן וואָס זאָלן טאָן די רעטונגס־אַרבעט, דאָס הייסט אים צוריק אַרויסנעמען פון דעם ליים־גרוב.

אָבער ירמיה האָט זיך דערנאָך ווייטער ניט געשראָקן פאַר צדקיה׳ן און זיינע מיניסטאָרן, און ווייטער געזאָגט זיינע שלעכטע נביאות וועגן זיי.

אַזוי ווייט וועגן ירמיה׳ס מוט און קעמפערישקייט. אָבער וואָס איז אייגנטלעך די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון ירמיה׳ס נביאות? מיט וואָס צייכנט ער זיך אויס קעגנאיבער אַלע אַנדערע נביאים? עס איז אמת, אַז ער האָט מער געליטן, אָבער אַלע נביאים האָבן געליטן און אַפּילו ישעיה׳ן האָט מען געשלאָגן און געריסן ביי די האָר. מיט וואָס אָבער צייכנט זיך ירמיה אויס מער פון אַלע?

דער ענטפער דערויף איז, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער קעמפער פאַרן אמת, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געזען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ירמיה איז פאַר דעם אַבסאָ־לוטן אמת, ניט געקוקט דערויף, צי ער איז גוט אָדער שלעכט פאַרן מענטש, סיי פאַרן יחיד און סיי פאַרן רבים. לויט ירמיה טאָר מען דעם אמת ניט פאַרבויגן, אויף קיין האָר ניט, אַפּילו דאָרטן וואו עס איז דאָ אַ סכנת נפשות. יאָ, אַפּילו דאָרטן וואו מענטשלעכע לעבנס זיינען אין געפאַר.

ירמיה מאָנט, ווי אַלע אַנדערע נביאים, פון אַלע מענטשן גערעכ־טיקייט, ערלעכקייט און גלייכקייט. אָבער דאָס איז ביי אים ניט אויף דער ערשטער מדרגה, ווי ביי די אַנדערע נביאים, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאָדערונג וועגן אמת. ביי ירמיה׳ן איז דאָס זאָגן דעם ריינעם אמת אויף דער ערשטער מדרגה און ערשט אַלס פּועל יוצא דערפון קומען די פאָדערונגען וועגן גערעכטיקייט און ערלעכקייט. מיר זעען דעריבער, אַז ירמיה רעדט אין אַלע זיינע נביאות נאָר קעגן „שקר" (ליגנס), ווייל דאָס איז ביי אים די ערגסטע זאַך אין דער וועלט. דערפאַר האָט ער געקעמפט אַזוי שטאַרק קעגן די פאַלשע נביאים, ווייל זיי זיינען לויטער שקר. ירמיה באַרואיקט זיך ניט, ביז ער גיט אַרויס זיין דעוויז, וואָס איז „ה׳ אלקים אמת, הוא אלקים חיים ומלך העולם" (גאָט איז אמת, ער איז דער לעבעדיקער גאָט און קעניג פאַר דער וועלט — ירמיה י׳, ט׳).

ירמיה׳ס פאָדערונג צו זאָגן דעם אמת שטענדיק, אַלע מאָל, אין יעדער צייט, אָן קיין אָפּנייג אויף רעכטס אָדער לינקס און אויך אָן צו רעכענען זיך דערמיט, צי עס וועט זיין גוט אָדער שלעכט פאַר וועמען עס איז, זעט מען באַזונדערס פון אַ שטעלע וואָס עס ווערט געבראַכט אין ירמיה ל״ז. עס ווערט דערציילט אַזוי: ירמיה איז ווידער אַמאָל אַריינגעפאַלן אין געפענ־געניש. דער קעניג צדקיה, וואָס האָט מורא פאַר נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל (די נייע גרויסע מאַכט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יענער צייט), שיקט אין געהיים אַ שליח צו ירמיה׳ן צו ברענגען אים צו אים. דער שליח זאָגט ירמיה׳ן, אַז דער קעניג איז פאַרזאָרגט איבער דער פאַרשטייענדיקער מלחמה און בעט אים, אַז אַזוי ווי ער, ירמיה, האָט שוין פיל געליטן צוליבן זאָגן דעם אמת, זאָל ער איצט, אַפּילו ווען ער האָט אַ שלעכטע נבואה, ניט זאָגן זי מיט אַזאַ שאַרפקייט, כדי דער קעניג זאָל אים, ירמיה׳ן, באַפרייען און ניט צוריקשיקן אין געפענגעניש, אָדער נאָך ערגער פון דעם, איבערגעבן אים

אין די הענט פון די הענקערס, אַז זיי זאָלן אים טויטן. ירמיה קומט צום קעניג צדקיה. צדקיה פרעגט אים מיט שרעק: „איז עפּעס דאָ אַ וואָרט פאַר מיר פון גאָט?" ירמיה זאָגט אים: „עס איז דאָ". דער קעניג פרעגט אים: „וואָס איז עס?" און ירמיה זאָגט אים: „דו וועסט אַריינפאַלן אין די הענט פון קעניג פון בבל". דער קעניג הייסט אים צוריק אַרעסטירן, אָבער ער זאָל זיצן אין אַן אַנדער געפענגעניש, ניט אין דער זעלבער ווי פריער. ירמיה האָט איצט געקאָנט זיך ראַטעווען. ער האָט בלויז געדאַרפט זאָגן זיינע ווערטער צום קעניג ניט אין אַזאַ שאַרפער פאָרם. אָבער פאַר ירמיה'ן וואָלט דאָס געמיינט אָפּנויגן אויף אַ האָר פון אמת, און דאָס וועט ער ניט טאָן. בעסער דער טויט ווי צו ענדערן אַפילו אויף אַ האָר דעם ריינעם אמת...

* * *

און אַזוי האָט ירמיה נביאות געזאָגט צוויי און פערציק יאָר און געלעבט ביזן חורבן, וועגן וועלכן ער האָט געזאָגט נביאות, אַ זער ווען קומען. ירמיה האָט באַקלאָגט און באַוויינט דעם חורבן פון זיין פאָלק, פון זיין לאַנד און פון גאָט'ס הויז. אָבער דאָס האָט ער באַזונדערס געטאָן אין זיין ווערק „איכה".

ירמיה'ס צער איז געווען ניט זיינע ליידן, נאָר דאָס וואָס די מענטשן זיינען פאַלש. געווען מאָמענטן, ווען ער איז וועגן דעם געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער שעלט דעם טאָג פון זיין געבורט און ער שרייט אויס:

> פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן. דער טאָג, וואָס מיין מאַמע האָט מיך אין אים געבוירן, זאָל ניט זיין געבענטשט... פאַרוואָס בין איך ניט געשטאָרבן אין איר טראַכט און עס וואָלט געווען מיין מוטער מיין קבר און איר טראַכט — די אייביקע טראָגעניש (ירמיה כ', י"ד-י"ז).

ירמיה איז אויך געווען אַנדערש פון אַנדערע דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַן איבערגעגעבענעם תלמיד, וואָס האָט אויפגעשריבן אַלע זיינע רייד. דאָס איז געווען ברוך בן נריה. דאָס ספר ירמיה איז דעריבער געשריבן געוואָרן על פי רוב מיט „לשון נסתר", דאָס מיינט, אין דריטער פערזאָן וועגן אַן אַנדערן, און ניט אין ערשטער פערזאָן, ווי עס האָבן געשריבן די אַנדערע נביאים.

צום סוף ענדיקט ירמיה מיט טרייסט-ווערטער, אַז גאָט וועט נאָך אויסלייזן די אידן פון גלות און זיי אומקערן קיין ארץ-ישראל, אַזוי ווי עס האָבן געטאָן אַלע נביאים. ער זאָגט אַפילו נביאות, אַז גאָט וועט מאַכן מיט די אידן אַ נייעם בונד („ברית חדשה") און דער נייער בונד וועט זיין דאָס, וואָס ער „וועט אַריינגעבן די תורה אינעווייניק פון זיי און אויף זייערע הערצער וועט ער עס אויפשרייבן און אַז אַלע וועלן דערקענען גאָט און וועלן אָוועקוואַרפן די פרעמדע אָפּגעטער".

מיט אָט די ווערטער, צו „דערקענען גאָט", איז ירמיה געווען אַ פאַרלויפער פון אַ צווייטן נביא, וואָס איז שוין געווען אין גלות בבל. דאָס איז דער נביא יחזקאל. וועגן אים באַזונדערס — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.13

די וויזיעס פון יחזקאל הנביא

ווי אַזוי ער זעט די געטלעכקייט. — זיין נייע שיטה אין אידנטום. — ער שאַפט דעם באַגריף, אַז נאָר דער זינדיקער זאָל באַשטראָפט ווערן. — זיין באַרימטער פסוק, וואָס האָט אַרויסגערופן פיל דעבאַטן.

דער נביא יחזקאל, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע נביאים ביי אידן, פאַרנעמט אַ באַזונדערן פלאַץ צווישן אַלע אַנדערע נביאים, סיי מיט זיינע אויסטערלישע וויזיעס, סיי מיט מיט זיינע זייער שאַרפע שטראָף־רייד צו די זינדיקע און סיי מיט זיינע טרייסט־ווערטער, וועלכע ער האָט אַנגעקליידט אין מערקווירדיקע בילדלעכע פאָרמען.

יחזקאל הנביא איז געווען דער זון פון בוזי הכהן פון דער משפחה צדוק און איז געווען איינער פון די וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיטן קעניג יהויכין קיין בבל דורך נבוכדנאצר'ן (מלכים ב', כ"ד, י"ד). יחזקאל איז דעריבער געווען דער נביא פון גלות. ווי ער אַליין זאָגט, האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן נביאות אין פינפטן יאָר, זינט דער קעניג יהויכין איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. זיין ערשטע נביאות איז געווען ביים טייך כבר אין לאַנד פון כשדים (יחזקאל א', ג'). ער דערמאָנט אויך אַ דאַטום פון דער לעצטער נבואה, אַז עס איז געווען א' ניסן, 27 יאָר זינט די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות בבל. דאָס מיינט אַלזאָ, אַז ער האָט געזאָגט נביאות פון פינפטן יאָר פון גלות בבל ביזן זיבן־און־צוואַנציקסטן יאָר, אַ קיימא לן פון צוויי־און־צוואַנציק יאָר.

ווי מיר זעען פון „ספר יחזקאל", האָט דער נביא געהאַט אַן אויסער־געוויינלעכע פאַנטאַזיע און איז געווען אימשטאַנד אויפצוהויבן זיך אין אַזאַ צושטאַנד, ווייט, ווייט איבער די גרענעצן פון דער ווירקלעכקייט. ער האָט אויך געהאַט זיינע אייגענע מיינונגען וועגן אידנטום, אין וועלכע ער איז זיך צעגאַנגען מיט די אַנדערע נביאים. ער האָט אַזוי אַרום אויסגעבויט אַן אייגענע פילאָזאָפיע פון אידישקייט.

אין זיינע שטראָף־רייד ווייסט יחזקאל קיין גרענעץ ניט. ער געברויכט די סאַמע ביטערסטע ווערטער פאַר די זינדיקע פון זיין פאָלק. זיין שאַרפע צונג שטעלט זיך פאַר גאָרניט אָפּ. ער איז ביטער, גאַליק, שאַרף און פול מיט צאָרן אויף די זינדיקע אידן און אין זיין כעס ווייסט ער ניט פון קיין שום צוריקהאַלט.

אָבער פונקט אַזוי איז ער אויך שטאַרק אין זיינע טרייסט־ווערטער, וועלכע ער גיט אָפט אין בילדער. דאָ לאָזט ער אויך פריי זיין פאַנטאַזיע



דער נביא יחזקאל

צו מאָלן אין די הערלעכסטע פאַרבן די צוקונפט פון זיין פאָלק. מיט איין וואָרט: דער נביא יחזקאל איז גרויס אין אַלעם. ער איז שטאַרק אין שעלטן און אַ ריז אין בענטשן; ער איז אויסערגעוויינלעך אין שטראָפן און אַ גיגאַנט אין טרייסטן; יעדע זאַך איז ביי אים פילפאַך פאַרגרעסערט, ווייל אַזוי דיקטירט אים זיין שטורמישע נאַטור, זיין אומגעצוימטער טעמפּעראַמענט. אָבער ער האָט אויך געגוג לאָגיק צו קאָנען זען דאָס נייע פּנים פון אידנטום, וואָס וועט אַנטשטיין נאָכן גלות בבל, און ער זעט פאָר די נייע צייט, וואָס וועט קומען מיטן אָנהויב פון נייעם בית־המקדש, אין אַ הערלעכער ליכט.

* * *

לאָמיר זיך דעריבער צום ערשטן אָפּשטעלן אויף זיינע מאָדנע וויזיעס. די ערשטע איז וועגן דער געטלעכקייט, ווי אַזוי ער האָט זי געזען. כמעט אַלע נביאים האָבן געגעבן אַ בילד פון דער געטלעכקייט, לויט דעם ווי זיי האָבן זי געזען. משה'ס בילד איז, אַז „מען קאָן זי זען נאָר פון הינטן, אָבער דאָס פּנים קאָן מען ניט זען". ישעיה הנביא זעט ווי גאָט זיצט אויף אַ הויכן שטול און אַרום אים זיינען ברענענדיקע מלאכים, מיט זעקס פליגל צו יעדן איינעם, און אַלע זאָגן „קדוש, קדוש ה' צבאות". יחזקאל'ס פאָרשטעלונג וועגן דער געטלעכקייט איז אָבער גאָר אויסטערליש: „אַ רייט־וואָגן מיט פיר הייליקע חיות, וואָס לויפן גיך הין און צוריק אויף רעדער פון תרשיש, אַ ראָד אין אַ ראָד פול מיט אויגן... און איבער זיי איז אויסגעשפּרייט אַ מורא'דיקער הימל און אויף דעם הימל זיצט גאָט צבאות"... אַ מאָדנע פאַנטאַזיע!

יחזקאל שילדערט ווייטער ווי אַזוי ער האָט ניט געוואָלט גיין זאָגן נביאות, אָבער ער טוט עס ניט ווי אַ טייל פון די נביאים, צו זאָגן עס בלויז מיט עטלעכע ווערטער. ניין, ביי אים ווערט עס אין אַ גאַנץ בילד, ווי אַזוי גאָט גיט אים אַראָפּצושלינגען אַ מגילה און אויפעסן זי ביז זי וועט ווערן פאַרדייעט אין זיין מאָגן.

און אַזוי איז עס אויך, ווען עס קומט צו סימבאָלן. אַלע נביאים האָבן גערעדט דורך סימבאָלן, אָדער צייכנס, וואָס זיינען טיילווייז געווען פאַרבונדן מיט יסורים, אָבער ביי יחזקאל'ן ווערט עס אַזוי שטאַרק פאַרגרעסערט, אַז עס ווערט מורא'דיק. אַזוי זאָגט ער, אַז גאָט האָט אים געהייסן שלאָפן אויף דער לינקער זייט 390 טעג און דערנאָך אויף דער רעכטער זייט ווידער 40 טעג... ער הייסט אים עסן אַ קוכן פון אָפּפאַל פון די בהמות... ער הייסט אים אויסגאָלן אַ לאָך אין די האָר פון זיין קאָפּ און אויך אינמיטן פון זיין באָרד... און זיין פאַנטאַזיע רוט אַלץ ניט ביז ער דער־ציילט, אַז אַ „געשטאַלט פון אַ האַנט פון פייער און חשמל האָט אָנגעכאַפּט אים ביי די האָר פון זיין קאָפּ און אים אַוועקגעטראָגן צווישן הימל און ערד" (יחזקאל ח', ג').

אָבער די שענסטע וויזיעס זיינען ביי אים די, וועלכע ער האָט געזען וועגן דעם אומקערן זיך פון די אידן צוריק קיין ארץ־ישראל. ער זעט אַ טאָל מיט ביינער פון טויטע מענטשן און גאָט פרעגט אים, צי די ביינער וועלן לעבעדיק ווערן. ער ענטפערט גאָט: „גאָט, נאָר דו ווייסט דעם ענטפער". און גאָט זאָגט אים, אַז די ביינער וועלן ווערן באַוואַקסן מיט פלייש און אָדערן און אַז ער וועט אַריינגעבן אין די קערפּערס אַ גייסט און זיי וועלן ווערן לעבעדיק — אַ בילד פון צוריקקומען פון די אידן קיין ארץ־ישראל און ווערן צוריק אַ פאָלק, אַ גרויס פאָלק.

דאָס צווייטע בילד איז וועגן דעם, אַז מלכות יהודה און מלכות ישראל

וועלן ווערן צוריק פאַראייניקט אין איין גרויס מלכות פון אידישן פאָלק. ער שילדערט דאָס דורך אַ בילד ווי אַזוי באַזונדערע בוימער ווערן פאַראייניקט אין איין וואַלד, אין איין גאַנצעס...

* * *

ווי שוין געזאָגט, איז דער נביא יחזקאל ניט נאָר גרויס בלויז אין פאַנטאַזיע, נאָר אויך אין לאָגיק. מיר זעען אים אַלס אַזעלכן, וואָס ווייזט אַ נייעם וועג פאַר אידישקייט; אַלס איינעם, וואָס לייגט אַוועק נייע יסודות פאַר דער אידישער לערע.

דאָס ערשטע, וואָס דער נביא יחזקאל באַטראַכט פאַר אַ נייעם עיקר אין אידנטום, איז דער ענין פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זינד. ווען די אידן זיינען געוועזן אין זייער לאַנד, זיינען זיי געוועזן איין נאַציאָנאַלע איינהייט, איין „גאַנצעס". דעריבער איז דאָרטן געוועזן אָנגענומען דער כלל פון „ופוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים" (גאָט באַצאָלט פאַר די זינד פון די עלטערן צו די קינדער צום דריטן און אַפילו צום פערטן דור). עס איז געוועזן איין גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון כלל פאַרן פרט, פון רבים פאַרן יחיד. עס האָט געהייסן, אַז ניט נאָר דער זינדיקער ווערט באַשטראָפט, נאָר דער גאַנצער כלל. דער גלות האָט אָבער דאָס געענדערט און דעריבער האָט יחזקאל אַוועקגעשטעלט אַ נייעם כלל פון „הנפש החוטאת היא תמות" — נאָר דער מענטש וואָס זינדיקט, דער זאָל באַשטראָפט ווערן און ניט קיין אַנדערער. ער זאָגט עס נאָך אַמאָל אַרויס פיל בולט'ער: „אַ זון זאָל ניט ליידן פאַר די זינד פון זיין פאָטער, און קיין פאָטער פאַר די זינד פון זיין זון. די גערעכטיקייט פון צדיק זאָל גיין פאַרן צדיק, און די רשעות פון רשע זאָל צוגעשריבן ווערן צום רשע" (יחזקאל י"ח, כ'). ער מאַכט אויך קלאָרער דעם באַגריף פון תשובה. אַ רשע קאָן ווערן אַ צדיק און עס ווערן אַלע זיינע עבירות אָפּגעווישט. פאַרקערט אויך, אַ צדיק קאָן ווערן אַ רשע און דעמאָלט ווערט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן אַלס צדיק, פאַרגעסן.

דער נביא יחזקאל האַלט פון קרבנות, אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע נביאים, וועלכע זיינען געוועזן קעגן דעם. אָבער פון זיינע רייד וועגן קרבנות זעט מען, אַז ער וויל, אַזוי אַרום, אַוועקציען די אידן פון די פרעמדע אָפּגעטער און זיי ברענגען צוריק צום אידישן גאָט. זיין געדאַנקען־גאַנג איז אַזוי: צו זאָגן צו זיי, אַז זיי זאָלן ניט ברענגען קיין קרבנות איז אוממעגלעך, ווייל זיי פאַרשטייען ניט ווי אַזוי מען קאָן דינען צו גאָט, אָן צו ברענגען צו אים קרבנות. דעריבער איז שוין בעסער צו זאָגן צו זיי, אַז זיי זאָלן יאָ ברענגען קרבנות, אָבער זיי זאָלן זיי ברענגען צום אידישן גאָט. זאָלן זיי בעסער דינען צום אידישן גאָט דורך ברענגען צו אים קרבנות, ווי ניט צו דינען צו אים אינגאַנצן.

דער נביא יחזקאל זאָגט אויך־צו די אידן, אַז גאָט וועט זיי אויסלייזן פון גלות און ברענגען צוריק קיין ארץ־ישראל, ניט ווייל זיי זיינען עס ווערט,

נאָר כדי גאָט׳ס נאָמען זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן צווישן די פעלקער. וואָרים, אויב גאָט וועט די אידן פאַרניכטן, וועלן די פעלקער זאָגן, אַז גאָט האָט פאַרניכטעט זיין פאָלק און עס וועט אויך ניט זיין ווער עס זאָל אויסרופן גאָט׳ס נאָמען איבער דער וועלט. דעריבער וועט גאָט אויסלייזן די אידן פון גלות, אָבער ניט צוליב זיי וועט ער דאָס טאָן, נאָר צוליב זיין נאָמען: „ניט צוליב אייך טו איך דאָס, אידיש פאָלק, זאָגט גאָט, נאָר כדי צו הייליקן מיין נאָמען" (יחזקאל כ״ב).

* * *

דער נביא יחזקאל האָט אין זיין ביטערניש קעגן די אידן, וואָס האָבן פאַרלאָזן גאָט און געדינט צו אָפּגעטער, געזוכט צו טרעפן זיי מיט די סאַמע שאַרפסטע ווערטער און אַזוי האָט ער אין אַ מאָמענט פון צאָרן זיך גערייצט מיט די אידן, און כדי זיי צו טרעפן אַמשטאַרקסטן, האָט ער געזאָגט צו זיי, אַז גאָט זאָגט: „און איך האָב אייך אויך געגעבן ניט גוטע געזעצן, געבאָטן ניט צו לעבן מיט זיי" (וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם — יחזקאל כ׳, כ״ה). אָט די שטעלע האָט אַרויסגערופן פיל פאַרוואונדערונג ביי די חכמי התלמוד, ביי וועלכע עס איז אַפילו געווען אַ מיינונג איינגאַנצן צו באַהאַלטן דאָס ספר יחזקאל. די שטעלע האָט אויך געגעבן אַ געלעגנהייט דעם פילאָזאָף ברוך שפינאָזאַ אויסצודריקען זיין האַס (צוליב די רדיפות פון די אידן קעגן אים) צו די אידישע געזעצן, שטיצנדיק זיך דערביי אויף דעם דערמאָנטן פסוק. אָבער עס איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, וואָס לייענט דאָס ספר יחזקאל מיט שכל, אַז דער נביא האָט בכיוון געשליידערט די זינדיקע אידן אין פנים אַריין אַ שאַרפן אויסדרוק, כדי דערמיט זיי נאָר מער ווייז צו טאָן, פונקט אַזוי ווי אַ מאַמע, וואָס שעלט מיט טויטע קללות איר קינד מיינט עס בכלל ניט. דעריבער איז דער דערמאָנטער פסוק ניט קיין אויסדרוק פון אַ מיינונג פון נביא, נאָר גיכער אַ בייז וואָרט, געזאָגט אין כעס, כדי צו טרעפן דערמיט די זינדיקע אידן, וואָס שאַרפער.

אַז דאָס איז אַזוי זעט מען דערפון, וואָס דער נביא האָט שפּעטער אַ גאַנצע אוטאָפּיע וועגן דער באַנייאונג פון אידישן מלוכה־לעבן אין ארץ־ישראל אויפן גרונד פון דער תורה. ער זעט אַ צייט, ווען עס וועט זיין ביי אידן ניט מער אַ קעניג, נאָר אַ נשיא, אַ פּרעזידענט, וואָס וועט איבערגעבן זיין הערשאַפט צו זיינע קינדער (יחזקאל מ״ו, י״ח). ס׳וועט זיין אַ טעאָ־קראַטישע רעפּובליק, וואו אַלץ וועט זיך פירן לויט תורת משה... עס איז קלאָר, אַז אויב יחזקאל וואָלט באמת געהאַלטן, אַז תורת משה באַשטייט פון שלעכטע געזעצן, וואָלט ער געוויס ניט געוואָלט, אַז די נייע מלוכה זאָל זיין געבויט אויף אַזעלכע יסודות. דער נביא שילדערט ווייטער ווי אַזוי די רעפּובליק וועט זיין אַן אמת־דעמאָקראַטישע, אָבער אַלץ אויפן גרונד פון דער אידישער לערע, אַ טעאָקראַטיש־דעמאָקראַטישע.

אין צוויי קאַפּיטלען (ל״ח און ל״ט) רעדט דער נביא וועגן דער מלחמה פון גוג ומגוג (וואָס עס מיינט באמת „גוג פון לאַנד מגוג״). אָט־די צוויי קאַפּיטלען זיינען פאַרהוילן פון אונז און מען ווייסט ניט וואוהין ער האָט דערמיט געצילט. אָבער עס איז דאָך צו זען, אַז דער נביא האָט מורא פאַר אַ דריטער וועלט־מאַכט (נאָך אַשור און בבל), וואָס זאָל צעשטערן די באַנייטע אידישע מלוכה, נאָכדעם ווי עס וועט אויסגעבויט ווערן דאָס צווייטע בית־המקדש. אָבער אָט־די מורא איז טאַקע פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן, מיטן אויפשטיין פון דער דריטער וועלט־מאַכט, רוים, וועלכע האָט ווירקלעך שפּעטער צעשטערט די אידישע מלוכה.

דאָס ספר יחזקאל האָט אַכט־און־פערציק קאַפּיטלען, וועלכע טיילן זיך אויף פינף טיילן: 1) שטראָף־רייד אויף די זינד פון די אידן (א׳ — כ״ד); 2) נקמה אין די גויים, וואָס האָבן פאַראורזאַכט דעם אידישן חורבן (כ״ה — ל״ו); 3) דאָס אויפשטיין צוריק צום לעבן פון אידישן פאָלק און די מלחמות פון גוג ומגוג (ל״ז — ל״ט); 4) דאָס אויפבויען פון בית־המקדש און די עבודה פון קרבנות (מ׳ — מ״ז); 5) דאָס צעטיילן ארץ־ישראל אויפסניי צו די שבטים (מ״ח).

מערקווירדיק איז, וואָס דער נביא יחזקאל ענדיקט ניט זיין ספר, אַזוי ווי אַלע אַנדערע נביאים, מיט טרייסט־ווערטער. ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט ער די טרייסט־ווערטער (געגעבן דורך בילדער) אַוועקגעשטעלט כמעט אינמיטן פון זיין בוך (ל״ז—ל״ט). צום סוף זיינען דאָ בלויז בילדער פון דער קומענדיקער אויפלעבונג, אָבער ניט ווערטער פון טרייסט, ווי ביי אַלע אַנדערע נביאים. דאָס קאָן אפשר זיין דערפאַר, וואָס דער נביא האָט געזען צופיל דעם חורבן און געליטן צו־שטאַרק אין גלות פון בבל, אַז ער זאָל קאָנען רעדן טרייסט־ווערטער צו די אידן. ער איז געווען צופיל פאַרביטערט און, כאָטש ער זעט די אידישע אויפלעבונג, האָט ער אָבער דאָך ניט קיין גוטע ווערטער צו די אידן.

דער נביא יחזקאל זאָגט כמעט גאָרניט קיין נביאות וועגן די אַנדערע פעלקער. דערפאַר אָבער האָבן די אַנדערע נביאים, איבערהויפּט פון די קליינע זעאונגען, געזאָגט זייער פיל נביאות וועגן ניט־אידן. אַזעלכע נביאים זיינען געווען פינף: נחום, חבקוק, צפניה, חגי און מלאכי. וועגן זיי — אין קומענ־דיקן קאַפּיטל.

.14

פינף נביאים וואָס האָבן נביאות געזאָגט בלויז וועגן פרעמדע פעלקער

די פינף נביאים זיינען: נחום, חבקוק, צפניה, עובדיה און יונה. — מיט וואָס זיי זיינען ענלעך איינער צום אַנדערן. — זייערע נביאות'ן וועגן אַשור, בבל און אדום.

אין תנ"ך האָבן מיר, אין דער אָפּטיילונג פון נביאים, אַ ספר וואָס הייסט „תרי עשר", וואָס עס מיינט אויף אַראַמעאיש — צוועלף. דאָס האָבן די אנשי כנסת הגדולה צוזאַמענגענומען די נביאות'ן פון צוועלף נביאים, וואָס האָבן געהאַט אַ קליינע צאָל פון זעאונגען און זיי איינגעזאַמלט אין איין באַנד, כדי זיי זאָלן ניט פאַרלוירן גיין (ווי עס טוט אַן איינבינדער, וואָס בינדט איין אַ געוויסע צאָל פון דינע ביכלעך אין איין באַנד). דערביי האָבן די צונויפזאַמלער ניט געקוקט שטאַרק דערויף, ווער עס איז געווען פריער און ווער שפּעטער און אויך ניט, ווער עס האָט מער קאַפּיטלעך און ווער ווייניקער. עס איז אָבער דאָך מעגלעך, אַז זיי האָבן געהאַט עפּעס אַ געוויסן טעם, פאַרוואָס זיי האָבן זיי אַזוי אויסגעשטעלט, וואָס עס איז אונז לײַדער ניט באַקאַנט.

אַלזאָ, אין תנ"ך גייען די צוועלף נביאים לויט פאָלגנדיקן סדר: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי. מיר האָבן שוין פריער אַרומגערעדט וועגן די נביאות פון דריי פון דער גרופּע: עמוס הושע און מיכה, וועלכע זיינען געווען פון די סאַמע ערשטע נביאים, האָבן געלעבט כמעט אין איין צייט און זייערע נביאות'ן זיינען געווען זייער ענלעך איינער צום אַנדערן. איצט וועלן מיר אַרויסנעמען פון דער גרופּע נאָך פינף, וואָס האָבן אויך אַן ענלעכקייט איינער צום צווייטן. דאָס מאָל איז עס דערמיט, וואָס זיי האָבן נביאות־געזאָגט ניט וועגן יהודה אָדער ישראל, נאָר בלויז וועגן פרעמדע פעלקער פון יענער צייט. אַלע נביאים האָבן געזאָגט נביאות אויך וועגן אַנדערע פעלקער, אָבער זיי, אָט די פינף, האָבן געזאָגט נביאות נאָר וועגן די אַנדערע פעלקער. זיי זיינען געווען די סאַמע אוניווערסאַליסטן צווישן די נביאים. דאָס זיינען די נביאים: נחום, חבקוק, צפניה, עובדיה און יונה.

לאָמיר באַטראַכטן גענוי די נביאות'ן פון יעדן פון זיי.

* * *

נחום האלקושי איז דער נאָמען פון ערשטן אוניווערסאַלן נביא. זיין ספר הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „משא נינוה" (די נביאות וועגן נינוה,

די הויפט־שטאָט פון אַשור), „ספר חזון נחום האלקושי" (דאָס ספר פון זעאונגען פון נחום פון אלקוש). דאָס ספר האָט בלויז דריי זעאונגען און אַלע זיינען בלויז וועגן אַשור. דער נביא רעדט דאָרטן זייער ווייניק וועגן אידן. די הויפט־נביאות זיינע איז וועגן דער מפלה וואָס עס וועט קומען אויף אַשור'ן. לויט אונזער טראַדיציע האָט דער נביא נחום געלעבט אין דער צייט פון קעניג מנשה, נאָענט צום חורבן פון ערשטן בית־המקדש. עס זיינען אָבער דאָ מיינונגען, וועלכע ווילן האָבן, אַז ער איז געווען פריער, אין די צייטן פון יותם, דער קעניג פון יהודה (דאָס איז די מיינונג פון יאָזעפוס); און עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז ער איז געווען שפּעטער, צווישן די פאַרטריבענע פון אַשור, און געלעבט אין דער שטאָט אלקוש ביים טייך חידקל.

אין זיינע נביאות רעדט דער נביא אין ערשטן קאַפּיטל וועגן דעם, אַז גאָט וועט נעמען נקמה אין די וואָס האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד פון די אידן. אין צווייטן קאַפּיטל זאָגט ער אָן אַ בשורה צו די שטעט פון יהודה, אַז נינוה איז שוין געוואָרן חרוב און אַז גאָט האָט גענומען נקמה אָן אַשור'ן. אין דריטן קאַפּיטל שילדערט ער וואָס פאַר אַ פאַרדאָרבענע שטאָט נינוה איז געווען. אַ שטאָט פול מיט גנבה און גזלה, אויסגעלאַסנקייט און כל'ערליי פאַרברעכנס.

מיר זעען, אַלזאָ, ביים נביא נחום אַ נייעם נביא'ישן שטריך, וואָס מיר האָבן ביז איצט ביי קיינעם פון די נביאים ניט געזען, און דאָס איז — פרייד פון נקמה. ביז איצט האָבן מיר ביי די נביאים געזען נאָר דאָס אָננעמען זיך פאַר שוואַכע און ליידנדיקע. קיינער פון זיי האָט אָבער ניט גערעדט וועגן נקמה אָן די שונאים. דער נביא נחום האָט, זעט אויס, איבערגענומען די ווערטער פון משה, אַז גאָט איז זיך נוקם אָן די וואָס פאַרברעכן קעגן אים, און האָט דעם באַגריף נאָך פיל מער אויסגעברייטערט. נחום זאָגט:

גאָט איז אַ גאָט פון נקמה,
גאָט איז זיך נוקם און איז פול מיט צאָרן,
גאָט איז זיך נוקם אין זיינע פיינט,
און ער האָט האַס צו זיינע שונאים.

אין דער תורה איז דאָ אַ געבאָט וואָס זאָגט: „לא תיקום ולא תיטור" (דו זאָלסט זיך ניט נוקם זיין און ניט היטן קיין כעס צו קיינעם). דאָס, טייטשט דער נביא נחום, איז נאָר אין באַצוג צום יחיד, צום איינצלנעם, אָבער ניט בנוגע אַ פאָלק, ווי אַשור, וואָס וויל פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט; אַ לאַנד, וואָס וויל מאַכן אונטערטעניק אַלע קליינע פעלקער. אַזאַ פאָלק איז אַ מצוה צו רודפ'ן און נקמה נעמען אין אַזאַ פאָלק, אַ רויבער־פאָלק, איז ניט סתם ראַכע, נאָר אַ טובה פאַר דער מענטשהייט. דער נביא זאָגט דעריבער פריער וועגן אַשור'ן, אַז זי איז ניט סתם אַ מלוכה, נאָר „אריה טורף", און די שטאָט נינוה איז ניט גלאַט אַ הויפט־שטאָט, נאָר „אַ שטייג פון לייבן". דער נביא

רעכנט אויך אויס אַלע געמיינהייטן וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין נינוה, די הויפּט־שטאָט פון אַשור, און פירט אויס, אַז די פרייד איבער דער מפּלה פון אַשור איז ניט קיין נקמה־אַקט, נאָר אַ פרייד איבער אַ גערעכטן משפּט, ווייל אַשור „וועט מער ניט אָנפאַלן אויף דיר, יהודה... דעריבער פריי זיך און מאַך אַ יום־טוב". דער נביא נחום האָט ווירקלעך געטראָפן מיט זיין נביאות. אַשור איז געפאַלן און יהודה איז דורך דעם ניצול געוואָרן. אָבער שפּעטער איז אויפגעשטאַנען אַ נייע גרויס־מאַכט — בבל, וואָס האָט פאַרנומען אַשור'ס פּלאַץ און חרוב געמאַכט יהודה.

* * *

דער צווייטער אוניווערסאַלער נביא, חבקוק, האָט אויך בלויז דריי זעאונגען און אויך אַלע אין שייכות מיט אַשור. ווי עס שיינט, איז דער נביא חבקוק געווען פון שבט לוי, ווייל ער ענדיקט מיט די ווערטער „למנצח בנגינותי". עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז ער איז געווען פון די משוררים אין בית המקדש. ווי געזאָגט, האָט דאָס ספר חבקוק אינגאַנצן דריי קאַפּיטלען. דאָס ערשטע און אויך דאָס צווייטע באַשטייט פון קשיות אויף דער פירונג פון דער וועלט. דאָס דריטע קאַפּיטל איז אַ תפילה אויף די פעלערן וואָס מיר מאַכן. חבקוק איז דער ערשטער נביא וואָס קומט אַרויס מיט טענות צו דער השגחה, פאַרוואָס זאָל יהודה מורא האָבן פאַר אַזעלכע לענדער ווי אַשור און בבל, וואָס זיינען אין גייסטיקן זין פיל נידעריקער ווי די אידן? ער טרעט אַרויס קעגן אַשור און בבל און זאָגט, אַז אַפילו אויב יהודה האָט געזינדיקט, דאַרף אויך ניט אַשור און ניט בבל, וואָס שטייען אויף אַ פיל־נידעריקערער שטופע ווי יהודה, זיין די, וואָס זאָלן איר באַשטראָפן פאַר אירע זינד. ער זאָגט דאָס זעלבע אויך בנוגע איינצלנע מענטשן און עס איז בכלל צום ערשטן מאָל וואָס מיר הערן די פראַגע: פאַרוואָס גייט אַ צדיק שלעכט און אַ רשע — גוט? אָבער חבקוק פרעגט ניט בלויז דאָס אַליין, נאָר נאָך אַן אַנדער קשיא: „פאַרוואָס שווייגסטו, גאָט (פרעגט חבקוק), ווען אַ רשע טוט איינשלינגען איינעם, וואָס איז פיל גערעכטער ווי ער?"

און דאָס איז אַ נייעס. דער נביא האָט ניט קיין טענות צום אידישן פאָלק, נאָר צו גאָט. גאָט דאַרף זיין דער סימבאָל פון גערעכטיקייט. „אָבער (פרעגט ער) פאַרוואָס האָסטו געמאַכט, גאָט, די מענטשן אַזוי ווי די פיש אין ים (וואו איינער עסט אויף דעם אַנדערן) און אַזוי ווי ווערים, וואָס קיינער הערשט ניט איבער זיי?" חבקוק מאָנט ניט בלויז אַן ענטפער אויף זיינע פראַגן, נאָר ער זאָגט אויך, אַז „איך וועל שטיין און וואַרטן אויף אַן ענטפער. איך וועל וואַרטן צו זען, וואָס ער וועט רעדן צו מיר און וואָס ער וועט ענטפערן אויף מיינע פראַגן".

און חבקוק הערט ענדלעך דעם ענטפער פון גאָט. גאָט זאָגט צו אים: „דאָס וואָס עס דאַרף געשען — וועט קומען. עס וועט ניט פאַרשפּעטיקן". דער ענטפער איז, אַז מען דאַרף ניט טראַכטן, אַז די שטראָף פאַרן רשע

דאַרף קומען באַלד אויפן אָרט. ניין, עס קאָן געדויערן, אָבער עס וועט זיכער קומען. און דאָס זעלבע איז אויך וועגן אַשור און בבל. אָט־די לענדער זיינען טאַקע געניצט געוואָרן אויף צו באַשטראָפן די אידן, אָבער זייער סוף וועט קומען.

און אַזוי זעט דער נביא דאָס אָנקומען פון נבוכדנאצר פון בבל, וועלכער האָט חרוב געמאַכט אַשור, אָבער בבל׳ס סוף איז אויך נאָענט, אויך איר גורל איז פאַרזיגלט, ווייל זי איז ניט בעסער ווי אַשור.

* * *

דער דריטער אוניווערסאַלער נביא, צפניה, דערציילט אין אָנהויב פון זיין בוך, אַז ער איז צפניה בן כושׁ, בן גדליה, בן אמריה, בן חזקיה. דאָס מיינט, אַז ער איז געווען דער פערטער דור פון קעניג חזקיה. און ער האָט נביאות געזאָגט אין דער צייט פון „יאשיהו בן אמון, דער קעניג פון יהודה“.

אויך צפניה רעדט בלויז וועגן אַשור, אָבער ניט וועגן דעם לאַנד גופא, נאָר וועגן דער געצן־דינסט פון אַשור, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין יהודה. ער טרעט אַרויס איבערהויפּט קעגן די, וואָס דינען צו גאָט און צום בעל צוזאַמען און ער זאָגט שאַרפע ווערטער קעגן זיי: „איך וועל בויגן מיין האַנט אויף יהודה און אויף אַלע איינוואוינער פון ירושלים און וועל פאַר־שניידן פון דאָרטן די רעשטלעך פון בבל, די גלחים צוזאַמען מיט די כהנים, די וואָס בוקן זיך צו די צייכנס פון הימל צוזאַמען מיט די וואָס בוקן זיך און שווערן ביי גאָט“. די גלחים פון אָפּגאָט בעל און די זינדיקע כהנים פון גאָט זיינען ביי אים אויף איין מדרגה.

צפניה מאָלט אַ שרעקלעך בילד פון אַ „טאָג פון גאָט׳ס צאָרן“, וואָס וועט קומען און ער רופט די מענטשן תשובה צו טאָן. דאָס איז דאָס נייעסטע וואָס מיר זעען ביי צפניה׳ן — תשובה, איידער עס קומט דער „טאָג פון גאָט׳ס צאָרן“. ער זאָגט: „בעט צו גאָט... זוכט גערעכטיקייט... זוכט ערלעכקייט, אפשר וועט איר זיך באַהאַלטן אין דעם טאָג פון גאָט׳ס צאָרן“...

צום סוף זאָגט דער נביא, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אַלע וועלן דערקענען גאָט און דינען צו אים. דער נביא זעט ניט בלויז אַ „טאָג פון גאָט׳ס צאָרן“, נאָר אויך אַ טאָג, ווען גאָט וועט אַראָפּגעבן פון זיין גייסט צו די מענטשן און „אַלע וועלן רופן מיט אַ קלאָרער שפּראַך אין נאָמען פון גאָט און עס וועלן דינען צו אים אַלע צוזאַמען“...

* * *

דער פערטער אוניווערסאַלער נביא איז עובדיה. זיין ספר, דאָס „ספר עובדיה“, באַשטייט אינגאַנצן פון איין קאַפּיטל, אָבער דאָס קאַפּיטל איז נביאות בלויז וועגן אדום.

וועגן עובדיה׳ן ווייסט מען זייער ווייניק, ווייל עס ווערט ניט דער־מאָנט דער נאָמען פון זיין פאָטער און זיין שטאָם. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז דאָס איז דער עובדיה, וואָס ווערט דערמאָנט אין מלכים, וועלכער האָט

געלעבט אין די צייטן פון קעניג אחאב און איז געווען אַן אַנגעשטעלטער ביי אים אין הויז. אַנדערע געלערנטע, ווידער, זאָגן, אַז עס איז ניט דער זעלבער עובדיה, נאָר אַ פיל שפּעטערדיקער.

די גאַנצע נבואה איז צוליב דעם, וואָס אדום האָט זיך געפרייט דערויף וואָס אַשור איז באַפאַלן יהודה און דאָס לאַנד איינגענומען. דער נביא זאָגט־אָן אדומ׳ען אַ „טאָג פון משפט״, ווען גאָט וועט נעמען געצאָלט פון איר פאַר אירע זינד און אויך דערפאַר וואָס זי האָט זיך געפרייט אויף יהודה׳ס אומ־גליק. צום סוף זיינען דאָ עטלעכע ווערטער פון טרייסט. ער זעט פאָר, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען גאָט אַליין וועט הערשן אין הר ציון און עס וועט גע׳משפט ווערן דער „הר עשיו״. ער זאָגט אויך פאָר, אַז די אידן וועלן ירש׳ענען און פאַרנעמען די שטעט פון נגב, וואָס עס מיינט, דאָס לאַנד אדום, וואָס געפינט זיך אויף דרום־זייט פון ישראל.

וועגן אדמ׳ען האָבן אויך נביאות געזאָגט פיל אַנדערע נביאים, ווי, למשל, ישעיה, ירמיה און יחזקאל. קיינער פון זיי האָט אָבער ניט געווידמעט זיין גאַנצע נביאות בלויז צו אדום, ווי עס טוט עובדיה. ער דערמאָנט אין זיין קורצע נבואה אויך עמון און מואב. אָבער דער עיקר איז ביי אים אדום, אויף וועמען ער גיסט אויס זיין גאַנצן צאָרן, ווייל ער באַטראַכט אדום פאַר די הויפּט־זינדיקערין און אַלס די פאַרדאָרבנסטע צווישן אַלע פרעמדע פעלקער.

* * *

צום רייסטער פון די אידישע נביאים, וואָס האָבן געזאָגט זייערע נביאות הויפּטזעכלעך צו פרעמדע פעלקער, קומט אויך צו ער ספר „יונה״.

דאָס ספר איז אינגאַנצן אַנדערש פון אַלע ספרים פון נביאות, ווייל עס זיינען דערין ניטאָ קיין שום נביאות. עס איז נאָר אַ מעשה וועגן נביא יונה. אַ דערציילונג, אַז גאָט האָט געשיקט דעם נביא קיין נינוה, די הויפּט־שטאָט פון אַשור, צו שטראָפן די דאָרטיקע מענטשן פאַר די זינד וואָס זיי טוען. דער נביא האָט אָבער ניט געוואָלט גיין אַהין און איז אַנטלאָפן אויף אַ שיף קיין תרשיש. די סיבה פאַרוואָס דער נביא האָט ניט געוואָלט גיין, ווערט ניט אָנגעגעבן, אָבער מען דאַרף פאַרשטיין, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אַשור איז געווען קעגן שומרון, די הויפּט־שטאָט פון מלכות ישראל, און דער נביא האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט שטראָפן אַשור׳ן און איר הייסן תשובה טאָן, וואָס וועט זיין אויב זי וועט פאָלגן און טאַקע טאָן תשובה, וועט דאָך גאָט אויף איר רחמנות האָבן און איר ניט חרוב מאַכן. וועט דער סוף זיין, אַז זי וועט שפּעטער חרוב מאַכן שומרון, דעריבער וויל ער ניט גיין. ער וויל בעסער, אַז אַשור זאָל חרוב ווערן.

דער נביא יונה, ווערט ווייטער דערציילט, אַנטלויפט אין אַ שיף, אָבער עס ווערט אַ שטורם אויפן ים און מען דערוויסט זיך אַז עס איז צוליב אים. מען וואַרפט אים אַריין אין ים און דער ים ווערט שטיל. באַלד קומט אַ וואַל־פיש און שלינגט אים איין. און דער נביא זאָגט תפילות צו גאָט אין

בויך פון וואַל־פיש. ענדלעך שפּייט דער פיש אים אויס און גאָט הייסט אים ווידער גיין קיין נינוה. דאָס מאָל פאָלגט ער שוין און ער רופט אויס אין די גאַסן, אַז אין פערציק טעג אַרום וועט נינוה חרוב ווערן. די מענטשן טוען תשובה און ווערן אָפּגעראַטעוועט. אָבער דער נביא האָט שטאַרק צער דערפון, וואָס ער האָט געראַטעוועט נינוה, די שטאָט פון מער פון צוועלף „רבוא" (אַ רבוא איז 10 טויזנט) מענטשן...

עס זיינען דאָ מיינונגען פון געלערנטע, וואָס זאָגן, אַז דער „ספר יונה" איז געשריבן געוואָרן אין פיל שפּעטערדיקע צייטן, אָבער קיין באַווייזן דע־רויף זיינען ניטאָ. יעדנפאַלס איז עס אַ פּרעכטיקע דערציילונג, ווי אַזוי גאָט שיקט אַ נביא צו ראַטעווען אַשור, ווייל גאָט וויל ניט, אַז דער זינדיקער זאָל אומקומען, נאָר ער זאָל טאָן תשובה. אַשור טוט טאַקע תשובה און ווערט געראַטעוועט. אָבער שפּעטער קערט זי זיך אום צוריק צו זינד און ווערט חרוב.

די איבעריקע פיר נביאים פון „תרי עשר" זיינען שוין געקומען שפּע־טער נאָך גלות בבל. זיי זיינען געווען די לעצטע נביאים. וועגן זיי — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.15

די לעצטע נביאים

יואל, חגי, זכריה און מלאכי. — יואל'ס רייד וועגן הײשעריק אַלס סימבאָל פון די אַרומיקע פײנטלעכע פעלקער. — חגי'ס דערמוטיקונג צו בויען דעם בית־המקדש. — זכריה'ס אויסטערלישע וויזיעס און מלאכי'ס שטראָף־רייד קעגן די געמישטע הייראַטן. — איז מלאכי געווען דער לעצטער פון די נביאים?

די לעצטע נביאים זיינען געקומען אויף דער אַרענע שוין נאָכדעם ווי די אידן האָבן זיך אומגעקערט פון גלות בבל, אין דער צייט ווען מען האָט געבויט דעם צווייטן בית המקדש, טאַקע אין סאַמע אָנהויב פון שיבת ציון. די לעצטע זיינען געווען: יואל, חגי, זכריה און מלאכי.

די לעצטע נביאים זיינען שוין ניט אַזוי שטורמיש ווי זייערע פאָרגענגער און האָבן אויך ניט קיין ניי וואָרט. עטלעכע פון זיי האָבן בלויז איבערגע־חזר'ט דאָס וואָס די פריערדיקע נביאים האָבן געזאָגט, אָבער אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אין זיך נביאישעס און געזאָגט זייערע רייד מיט אַ נביאישן פּאַטאָס, האָבן אונזערע חכמים זיי אַריינגענומען צווישן די נביאים און איינ־געשלאָסן זיי אין „תרי עשר". איינעם פון זיי, יואל'ן, האָט מען אַפילו געגעבן אַ פּלאַץ נאָך פאַר עמוס'ן, כאָטש סיי אין דער צייט און סיי אין שטאַרקייט פון נבואה, איז עמוס'עס אָרט פאַר יואל'ן.

* * *

וועגן נביא יואל ווייסט מען נאָר איין זאַך, אַז ער איז געווען דער זון פון פתואל, מער ניט. ווען ער האָט געלעבט און פון וואַנען ער קומט — ווערט ניט דערציילט. אין דער גמרא האָט דער אמורא עולא געגעבן אַ כלל, אַז אומעטום וואו עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון אַ נביא צוזאַמען מיט זיין פאָטערס נאָמען, איז עס אַ באַוויז, אַז אויך דער פאָטער איז געווען אַ נביא און אַז ער איז געווען פון ירושלים (מגילה ט"ו). אויף אַזאַ אופן הייסט עס, אַז יואל'ס פאָטער איז אויך געווען אַ נביא און אַז ער איז גע־ווען פון ירושלים.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָט יואל געזאָגט זיינע נביאות שוין נאָכ־דעם ווי די אידן זיינען געקומען צוריק פון בבל, ווייל ער דערמאָנט ניט, ניט מלכות יהודה און ניט מלכות ישראל. ער רעדט אויך דערפון, אַז עס איז געשטערט געוואָרן די עבודה ביים מזבח, וואָס ווייזט, אַז דער בית־

המקדש איז שוין דעמאָלט געווען חרוב. ער דערמאָנט אויך „בני היונים", די גריכן, וואָס זיינען ערשט שפּעטער אַרויס אויף דער סצענע פון לעבן. ער זאָגט אויך, אַז אין דער צוקונפט „וועט ירושלים זיין הייליק און פרעמדע וועלן ניט הערשן אין איר". דאָס ווייזט, אַז מען האָט שוין איבערגעלעבט אַ צייט, ווען פרעמדע האָבן געהערשט אין ירושלים. פון דעם איז גע־דרונגען, אַז יואל האָט געלעבט אין דער צייט פון נחמיה, אַביסל פריער אָדער שפּעטער.

אין ספר יואל זיינען אינגאַנצן דאָ פיר קאַפּיטלען. צוויי פון זיי, א' און ב', זיינען אָפּגעגעבן אויף צו שילדערן דעם היישעריק, וואָס איז אַמאָל געקומען אויף יהודה און האָט פאַרוויסט דאָס לאַנד. ער שילדערט דעם היישעריק מיט שטאַרקע, פּאַטעטישע אויסדרוקן, ווי למשל: „אַ פאָלק איז אַרויף אויף מיין לאַנד, שטאַרק און אָן אַ צאָל. זיינע ציינער — די ציין פון אַ לייב... ער האָט פאַרוויסט מיין וויינגאָרטן... פריער איז געווען דאָס לאַנד ווי אַ גן־עדן, און נאָך אים איז עס געוואָרן ווי אַ מדבר וויסט"...

די גאַנצע זאַך זעט אויס מאָדנע, ווייל ווי אַזוי איז שייך, אַז אַ נביא זאָל מיט מער ווי הונדערט יאָר שפּעטער רעדן אַזוי פיל וועגן אַ היישעריק־אַנשיקעניש וואָס איז אַמאָל געווען אין לאַנד יהודה. דעריבער דענקט דער אברבנאל און מיט אים נאָך אַנדערע מפרשים, אַז דאָס איז נאָר אַ משל אויף די אַרומיקע פעלקער, וואָס זיינען באַפאַלן ווי אַ היישעריק די אידישע מלוכה.

אין די אַנדערע צוויי קאַפּיטלען (ג' און ד') שילדערט יואל דעם „טאָג פון גאָט", ווען גאָט וועט קומען משפּט'ן די וועלט. אין די שילדערונגען דערמאָנט ער אַ סך די רייד פון נביא צפניה, וועלכער האָט אויך גערעדט וועגן אַ „טאָג פון גאָט", ווען ער וועט קומען צו משפּט'ן די וועלט. ער זאָגט, אַז אַלע פעלקער וועלן קומען אין עמק יהושפט און דאָרטן וועט גאָט זיצן צו משפּט. אין פיל פון זיינע רייד הערן זיך טענער פון די אַלטע נביאים, ווי ישעיה, עמוס און יחזקאל. אָבער ער שילדערט הערלעך די צוקונפט, וואָס עס וועט קומען נאָכן „טאָג פון גאָט" ווען די גערעכטיקייט וועט זיגן. עס קאָן זיין, אַז צוליב דעם האָבן די חכמים אים אַוועקגעשטעלט באַלד נאָך הושע, אין בוך פון די 12 נביאים.

* * *

דער נביא חגי גייט צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע צוויי פון זיין צייט, זכריה און מלאכי. אין ספר חגי שטייט אַפילו ניט ווי זיין פאָטער האָט געהייסן און פון וואַנען ער שטאַמט. עס שטייט נאָר „היה דבר ה' ביד חגי הנביא" (גאָט'ס וואָרט איז געווען צו חגי דעם נביא). פון דער גמרא ווייסן מיר, אַז אין חגי'ס צייטן האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון די „אנשי כנסת הגדולה", וואָס איז געווען אַ גרויסע אַקאַדעמיע פון געלערנטע צו באַהאַנדלען אַלע אידישע ענינים פון יענער צייט און פון זיי הויבט זיך אָן די „תורה שבעל פה", דער תלמוד.

דאָס ספר חגי באַשטייט אינגאַנצן פון צוויי קאַפּיטלען, אין וועלכע עס ווערט דערציילט די געשיכטע ווי אַזוי מען האָט צוריק אויפגעבויט דעם צווייטן בית המקדש. אין יענער צייט איז שוין געווען אויף דער וועלט־אַרענע אַ נייע וועלט־מאַכט, פּערסיע, וועלכע האָט געהאַט באַקעמפט בבל, פּונקט אַזוי ווי די פריערדיקע האָט באַקעמפט אַשור. די פּערסישע מאַכט איז געווען גוט געשטימט צו די אידן, פיל בעסער ווי בבל און פריער אַשור. דער קעניג כורש האָט אין ערשטן יאָר פון זיין הערשאַפט געגעבן דערלויבעניש צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש אין ירושלים. די אידן האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער די שומרונים און אַנדערע אידישע שונאים האָבן פאַרוואָרפן דאָס פּערסישע מלכות מיט פּראָטעסטן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן בלבולים קעגן די אידן און האָבן פאַרלאַנגט ניט צו לאָזן צוריק אויפבויען דעם בית המקדש. די אַרבעט ביים בית־המקדש איז דעריבער אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער קעניג כורש איז דערווייל געשטאָרבן און אויף זיין פּלאַץ איז געקומען דריוש. אין צווייטן יאָר פון זיין הערשאַפט האָט חגי גענומען רופן צום פאָלק, אַז מען זאָל זיך נעמען ווייטער צו בויען דעם בית־המקדש, צי מען האָט אַ דערלויבעניש דערויף אָדער ניט. זרובבל בן שאלתיאל איז שוין דעמאָלט געווען דער גובערנאַטאָר פון ירושלים און יהושע בן יהוצדק איז שוין געווען כהן גדול, כאָטש דאָס בית־המקדש איז נאָך ניט געווען פאַרטיק. אין יענע צייטן האָט פּערסיע געהאַט איינגענומען אַלע לענדער אַרום איר, דערונטער אויך עגיפּטן. אָבער אין די אַלע לענדער האָט מען זיך געבונטעוועט קעגן פּערסיע, בלויז יהודה ניט. דערפאַר זיינען די פּערסישע הערשער געווען גוט געשטימט צו די אידן.

דער נביא חגי שרייט צום פאָלק: „איר זאָגט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט (צו בויען דעם בית המקדש), איז צייט פאַר אייך, אַז איר זאָלט וואוינען אין פיינע הייזער, און גאָט'ס הויז זאָל זיין חרוב?" ער זאָגט זיי ווייטער, אַז צוליב דעם וואָס „גאָט'ס הויז איז חרוב, איז אַ הונגער אין לאַנד, ווייל די ערד טריקנט און עס איז ניטאָ קיין גערעטעניש". זיינע רייד ווירקן אויפן פאָלק און מען נעמט זיך גלייך בויען צוריק דעם בית המקדש, און אין ווייניקער ווי אַ חודש איז שוין געשטאַנען דער בנין פאַרטיק. פאַר־שטייט זיך, אַז די אידן האָבן ניט געהאַט דעמאָלט אַזוי פיל גאָלד צו בויען דעם בית המקדש אַזוי ווי אין שלמה'ס צייטן. דערפאַר האָט דאָס הויז אויסגעזען אָרעם. ווען די אַלטע לייט, וועלכע האָבן נאָך געזען דעם אַלטן בית המקדש, האָבן דערזען דעם נייעם, האָבן זיי זיך צעוויינט. אָבער דער נביא זאָגט צו זיי, אַז גאָט זאָגט: „מיר געהערט דאָס גאַנצע גאָלד און דאָס גאַנצע זילבער. אַזוי זאָגט גאָט צבאות, עס וועט זיין גרעסער און שענער דער כבוד פון דער הויז דעם לעצטן ווי פון ערשטן"...

די צוויי קאַפּיטלען פון ספר חגי האָבן פיר נביאות'ן. דאָס ערשטע, אַז גאָט האָט געהייסן בויען זיין הויז און ניט וואַרטן מער פאַר קיין דער־

לויבעניש. דאָס צווייטע, אַז כאָטש די אידן האָבן ניט קיין גאָלד, וועט דאָס הויז שפּעטער זיין נאָך שענער ווי דער ערשטער בית־המקדש. דאָס דריטע, אַז מען זאָל רייניקן די הערצער איידער מען וועט אַריינגיין אין נייעם בית־המקדש. די פערטע נבואה, אַז גאָט זאָגט אַז ער וועט אין דער צוקונפט פאַרניכטן אַלע וועלט־מאַכטן און אָפּשאַפן די שטאַרקייט פון אַלע פעלקער און זיי וועלן מער ניט פירן צווישן זיך קיין מלחמות.

* * *

די נביאות פון נביא זכריה קומט אין „תרי עשר" באַלד נאָך די נביאות פון חגי. ביי זכריה'ן ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז געווען דער זון פון ברכיה, וואָס איז געווען דער זון פון עדו הנביא. דאָס מיינט, אַז ער איז געווען אַ נביא בן נביא און אַז אַפילו זיין זיידע איז אויך געווען אַ נביא. ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן נביאות אין אַכטן חודש פון דער הערשאַפט פון קעניג דריוש, וואָס עס מיינט, מיט זעקס חדשים שפּעטער נאָך חגי'ן.

דאָס ספר זכריה באַשטייט פון 14 קאַפּיטלען. פון זיי זיינען די ערשטע אַכט קאַפּיטלען געשריבן אין איין טאָן, ענלעך צו די רייד פון חגי, נאָר אַביסל אַנדערש אין דער באַציאונג צו געוויסע טעטיקייטן פון יענער צייט. אָבער די קאַפּיטלען פון ט' אַן ביז י"ד (פון 9 ביז 14) זיינען שוין געשריבן געוואָרן גאָר אין אַן אַנדער טאָן.

דאָס ספר הויבט זיך אָן מיט שטראָף־רייד צו די אידן און דער נביא מונטערט זיי צו בויען דאָס בית־המקדש, אין טאָן פון חגי הנביא. אָבער באַלד גייט דער נביא איבער צו וויזיעס און ברענגט אַ גאַנצע ריי פון אויס־טערלישע וויזיעס. דאָס ווייזט, אַז ער האָט שוין ניט געהאַט אין זיך דעם שטאַרקן כח פון נבואה, ווי עס איז געווען ביי די נביאים פריער, נאָר אַז ער האָט געזען זאַכן דורך געוויסע פאַרשטעלונגען. עס האָט שוין געהאַלטן דעמאָלט ביי דער ענדע פון דער נביאישער תקופה און זכריה אַליין פרעגט: „צי וועלן דען שטענדיק זיין נביאים?" זכריה'ן פאַרדריסט אויף די אַרומיקע פעלקער, וואָס האָבן יהודה און ישראל ניט געלאָזט לעבן רואיק, און ער זאָגט, אַז גאָט וועט אויסגיסן זיין צאָרן אויף זיי. ער זעט, אַז דאָס בית־המקדש וועט אויסגעבויט ווערן און גאָט וועט וואוינען אין ירושלים. עס האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט אויך וועגן זרובבל, אַלס הויפּט פון לאַנד און יהושע, אַלס כהן גדול, און ער שטיצט זיי ביידע. ער האָפט, אַז זרובבל וועט זיין דער נייער געזאַלבטער, וואָס וועט פירן די אידן אַהיים און צוריק אויפבויען זייער מלוכה. ער האָפט אויך אַז זרובבל און יהושע וועלן לעבן בשלום צווישן זיך און ער זאָגט, אַז מען דאַרף ניט מער פאַסטן אויפן חורבן, נאָר בעסער העלפן דעם אָרעמאַן. זיין לעצטע האָפענונג איז, אַז אַלע פעלקער וועלן נאָך קומען קיין ירושלים צו פאַרשן דאָרטן גאָט און בעטן צו אים.

דאָס איז אַלץ פון אָנהויב ביזן אַכטן קאַפּיטל. אָבער פון דאָרטן אָן זיינען די רייד גאָר אַנדערש און אַפילו אַביסל אין קעגנזאַץ צו די ערשטע

אַכט קאַפּיטלען. ער זאָגט זיך דאָרטן אַרויס פאַר קרבנות און ער דריקט זיך אויס שטאַרק קעגן די נביאים, אַז גאָט זאָגט: „אויך די נביאים און דעם רוח הטומאה וועל איך אָפּשאַפן פון דער וועלט"... ער דערמאָנט אויך די „בני יון", וואָס עס איז אַ שפּעטערדיקער באַגריף. צוליב דעם אַלעם זיינען פיל קריסטלעכע געלערנטע ביי דער מיינונג, אַז די לעצטע 6 קאַפּיטלען זיינען געשריבן געוואָרן פון אַן אַנדערן נביא, וואָס האָט אויך געהייסן זכריה. עס איז, הייסט עס, געווען אַ צווייטער זכריה.

די אידישע טראַדיציע ווייסט אָבער ניט פון אַ צווייטן זכריה און עס איז די מיינונג פון די אידישע ביבל־קריטיקער, אַז אַלע פערצן קאַפּיטלען פון זכריה זיינען פון איין זכריה הנביא און אַז עס איז ניט געווען קיין צווייטער. די מיינונג איז, אַז די לעצטע זעקס קאַפּיטלען האָט דער נביא געשריבן שוין אויף די עלטערע יאָרן, ווען די לאַגע איז געווען אַנדערש. אין יענער צייט זיינען געווען פיל פאַלשע נביאים, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס זיינען קיין נביאים ניט געווען און זיך אויסגעגעבן פאַר אַזעלכע און קעגן זיי רעדט על פי רוב זכריה.

יעדנפאַלס איז זכריה געווען איינער פון די לעצטע נביאים, וואָס האָבן געמוטיקט דאָס פאָלק צו אַ נייער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל.

* * *

לויט אַלע מיינונגען, איז דער נאָמען פון נביא מלאכי ניט קיין אמת׳ער, נאָר אַ געגעבענער, אַ פען־נאָמען, אָנגענומען פון זיך אַליין אָדער פון פאָלק אין אַ געוויסער צייט און סביבה. לויטן תלמוד איז דער אמת׳ער נאָמען פון מלאכי — עזרא. דער נאָמען „מלאכי" איז פון זיין פסוק „הנני שולח מלאכי" (מלאכי ג׳־א׳), וואָס עס מיינט, איך שיק מיין שליח. לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע איז מלאכי געווען דער לעצטער נביא, דאָס הייסט, אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דניאל איז ניט געווען אַ נביא. מלאכי האָט געלעבט אין דער צייט פון נחמיה און איז געווען באַטייליקט אין אויפבויען פון נייעם בית המקדש.

דאָס ספר מלאכי האָט דריי קאַפּיטלען און דער גאַנצער ספר איז ניט מער ווי איין נבואה — שטראָף־רייד צום פאָלק. דער נביא האָט ליב צו רעדן מיט פראַגע־צייכנס, ווי, למשל, „גאָט, זאָגט ער, האָט אייך ליב. נו, פרעגט איר, מיט וואָס האָט ער אונז ליב?" א. ד. גל. אָדער ער רעדט וועגן דעם חילוק וואָס עס איז דאָ צווישן די „בני יעקב" און „בני עשיו" און זאָגט, אַז גאָט זאָגט מיט אַ פראַגע־טאָן: „האָב איך יעקב׳ן ליב געקראָגן און עשיו׳ן פיינט?" דאַן קומען שטראָף־רייד צו די כהנים, וואָס זיינען מקריב קרבנות וואָס האָבן אַ מום, ווייל דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פון גאָט׳ס נאָמען. ער זאָגט אויך שטאַרקע רייד צו די אידן וואָס האָבן חתונה מיט ניט־אידישע ווייבער, וועלכע געפעלן זיי בעסער ווי די אידישע טעכטער, און רעדט אויך שטראָף־רייד צו די וואָס שווינדלען אין האַנדל און נאַרן אלמנות און יתומים.

דער נביא פאַרזיכערט אויך, אַז עס וועט זיין שטראָף פאַרן רשע און גוטס פאַרן צדיק, און אַז אליהו הנביא וועט קומען איידער עס וועט קומען „גאָט׳ס טאָג״ און וועט אויסגלייכן צווישן פאָטערס און זין און זין און פאָטערס.

די שטאַרקע רייד פון מלאכי קעגן די וואָס הייראַטן מיט פרעמדע פרויען, פאַרשטאַרקן נאָך מער דעם איינדרוק, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן פון עזרא׳ן, דעם הויפּט־קעמפער קעגן געמישטע הייראַטן אין יענער צייט.

מיט מלאכי ענדיקט זיך דער סדר פון די נביאים, אָבער עס בלייבן נאָך איבער דניאל׳ס זעאונגען און די פראַגע, צי דניאל איז געווען אַ נביא. וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.16

איז דניאל געווען אַ נביא?

דניאל אַלס זעער און פּאַרטייטשער פון חלומות. — דער אונטערשייד צווישן אַ זעער און אַ נביא. — ניט אַלע נביאים זיינען געווען גלייך. — זעקס פון די זיבן נביאה׳טעס זיינען געווען זעערינס. — ווי אַזוי איז אַ נביא געווען געקליידט? — דער באַשלוס אַז אַ נביא מוז האָבן סמיכה. — דער סוף פון דער נביאים־עפּאָכע ביי אידן.

ווער איז געווען דניאל? איז ער געווען אַ נביא אָדער ניט?

דניאל איז געווען פון די וואָס נבוכדנאצר האָט פאַרטריבן אין גלות אריין צוזאַמען מיטן קעניג יהויכין. ער איז דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר און אַזוי ווי דער קעניג נבוכדנאצר האָט געוואָלט האָבן ביי זיך אין פּאַלאַץ שיינע און קלוגע קינדער, האָט מען אים אויך גענומען אַהין צוזאַמען מיט זיינע חברים חנניה, מישאל און עזריה. דניאל און זיינע חברים האָבן געהאַט אַ פרומע אידישע דערציאונג און דעריבער האָבן זיי ניט געוואָלט עסן קיין טריפות אין קעניגלעכן פּאַלאַץ און זיך דערנערט נאָר מיט קערנער. דניאל האָט זיך נאָך אַלס אינגל אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט געזען זעאונגען און האָט אויך געקאָנט אויסטייטשן חלומות. שפּעטער האָט ער טאַקע אויס־געטייטשט בלשאצר׳ן די מאָדנע אויפשריפט, וואָס ער האָט געזען אויף דער וואַנט אין דער גרויסער סעודה־נאַכט. עס זיינען געווען פיר ווערטער: „מנא, מנא, תקל, ופרסין״. דניאל האָט עס פאַרטייטשט דעם קעניג, אַז דאָס מיינט: „מנא״ — עס איז אָפּגעציילט געוואָרן, דאָס מיינט, אַז די טעג פון זיין הערשן איז געענדיקט. „תקל״ — מען האָט עס אָפּגעוואויגן אויף אַ וואָג־שאָל, „ופרסין״ — און מען האָט עס צעטיילט. דאָס מיינט, אַז אַ טייל פון זיין לאַנד וועט אַוועקגעגעבן ווערן צו מדי און פרס (דניאל כ״ה, כ״ח). שפּעטער ווערט דערציילט, ווי אַזוי דניאל איז געוואָרן גרויס און דער קעניג האָט אים באַשטימט אויף אַ הויכן אַמט. די אַנדערע הויכע לייט האָבן אים דערפאַר מקנא געווען און דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז מען זאָל אין דרייסיק טעג ניט בעטן צו גאָט, נאָר צום קעניג אַליין. דערמיט האָבן זיי געוואָלט טרעפן דניאל׳ן, וואָס האָט געדאַווענט יעדן טאָג. אַלזאָ, אויב ער וועט דאַווענען און בעטן צו גאָט, וועט ער דערמיט עובר זיין אויפן געזעץ. אַזוי איז טאַקע געווען. מען האָט אים דערפאַר אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן אין אַ שטייג פון לייבן. אָבער עס איז געשען אַ נס און ער איז געראַטעוועט געוואָרן

און אַנשטאָט אים האָט מען אַריינגעוואָרפן אַהין זיינע שונאים, וועלכע זיינען פאַרצערט געוואָרן פון די לייבן.

דניאל איז, לויט אונזערע חכמים, ניט געווען קיין נביא, נאָר אַ קלוגער מענטש און איינער וואָס האָט געהאַט זעאונגען. ער האָט אויך געוואוסט ווי אַזוי אויסצוטייטשן חלומות. דעריבער האָבן זיי דעם „ספר דניאל" ניט אַוועקגעשטעלט צווישן די נביאים, נאָר אין דער אָפּטיילונג פון „כתובים", אָבער פאַר „עזרא" און „נחמיה". אין דער גריכישער איבערזעצונג, אין דער „סעפּטואגינטא" (תרגום השבעים) איז דניאל אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאָך יחזקאל, אַלס נביא. און אויך ביי קריסטן ווערט דניאל פאַררעכנט פאַר אַ נביא, ווייל אַזוי ווערט ער אָנגערופן אין נייעם טעסטאַמענט — דניאל הנביא".

דאָס „ספר דניאל" באַשטייט פון צוויי טיילן, איין טייל (פון א' ביז ו') באַשטייט פון איבערגעבן די געשעענישן פון יענער צייט, דער צווייטער טייל (פון ז' ביז י"ב) באַשטייט פון זעאונגען. דער ספר איז אויך אויפגעשריבן געוואָרן אַ טייל אין העברעאיש און אַ טייל אין אַראַמעאיש. עס ווערן אויך דאָרטן דערמאָנט נעמען פון מלאכים, ווי „האיש גבריאל", „מיכאל שר הגדול" אָדער „מיכאל שר ישראל", וואָס קעמפט צוזאַמען מיט גבריאל'ן קעגן די מלאכים וואָס זיינען די „שרים" פון אַנדערע אומות. דאָס איז איבערגענומען געוואָרן פון פּערסישן גלויבן, ווייל ביז איצט האָט זיך נאָר גערעדט אין תנ"ך וועגן מלאכים אַלס שליחים פון גאָט, אָבער ניט אַלס „שרים", אַלס האַרן פון לענדער, און אויך ניט אַז זיי האָבן נעמען. די גמרא זאָגט טאַקע דעריבער, אַז די נעמען פון מלאכים האָבן אידן איבערגענומען פון די באַבילאָנער.

אין ספר דניאל ווערט אויך דערמאָנט צום ערשטן מאָל דער גלויבן אין תחית המתים. דאָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין פּסוק: „פיל פון די, וואָס זיינען געשטאָרבן, וועלן אויפשטיין"... אָבער דאָס איז אויך אַ נייע זאַך, ווייל ביז דעמאָלט האָט מען ביי אידן וועגן דעם ניט גערעדט.

* * *

לויט דער אידישער טראַדיציע איז דניאל געווען בלויז אַ זעער, ד. ה. אַ חוזה. דאָס זעען זאַכן אין פאָראויס, הייסט אויף לאַטיין אַן „אַפּאָקאַליפּסי" און דער וואָס זעט עס — אַן אַפּאָקאַליפּטיק. אָבער אַ זעער איז ניט קיין נביא. דער אונטערשייד צווישן אַ זעער און אַ נביא איז זייער אַ גרויסער: אַ זעער זעט זאַכן, אין חלום אָדער אין דער וואַך, אָבער עס איז ניטאָ עפּעס מער ווי דאָס. דער זעער קעמפט ניט פאַר דעם וואָס ער זעט און אַוודאי איז ער זיך ניט דערפאַר מוסר נפש; אַ נביא אָבער איז שוין עפּעס אַנדערש. קודם כל זעט ער פיל מער ווי אַ זעער, דערצו איז עס ניט בלויז דאָס, נאָר ער קעמפט אויך פאַר דעם וואָס ער זעט — און ער קעמפט ביז בלוט, ביז מסירת נפש. „עס ווערט ווי אַ פייער אין זיינע ביינער". דער נביא ווייסט, אַז עס איז

געווען „גאָט׳ס וואָרט צו אים" און ער רוט ניט מער, ביז ער ברענגט דאָס וואָרט צו די, צו וועלכע גאָט האָט אים געשיקט.

איידער עס זיינען געווען ביי אידן נביאים, זיינען געווען בלויז אַזעלכע וואָס האָבן געזען זאַכן. מען האָט אַזאַ איינעם גערופן „רואה", דער זעער, ווי עס ווערט דערציילט אין שמואל א׳ (ט׳, ט׳), אָדער דער „חוזה". אַזוי האָט דער זעער אויך געהאַט אין יענער צייט נאָך פיל אַנדערע נעמען, ווי „צופה" און נאָך אַנדערע וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן באַגריף פון זען. ערשט שפּע־טער איז דער זעער געשטיגן צו דער מדרגה פון אַ נביא.

נאָך דעם נביא מלאכי (פון די לעצטע דריי: חגי, זכריה, מלאכי) איז דער ענין נבואה אַוועק אינגאַנצן פון אידן. עס זיינען געקומען „זעער" און דניאל איז געווען דער ערשטער פון זיי. נאָך אים זיינען געקומען אַ גאַנצע ריי אַנדערע זעער מיט זייערע ווערק, וועלכע זיינען באַקאַנט געוואָרן אַלס די „אַפּאָקאַליפּטן". אונזערע חכמים האָבן אָבער ניט געהאַלטן פון זייערע זעאונגען און אַ חוץ דעם ספר דניאל, וועלכן זיי האָבן אַריינגענומען אין די כתבי הקודש, האָבן זיי אַלע אַנדערע ווערק פון די זעערס פאַר׳משפּט צו קאָנ־פיסקאַציע (דן געווען צו גניזה).

אַזוי אַרום ווערט קלאָר, אַז די פאַרשידענע נביאים וואָס די אידן האָבן געהאַט, זיינען אַלע געווען פון דער מדרגה פון אמת׳ע נביאים. עס זיינען געווען צווישן זיי אין אָנהויב אויך שטילע נביאים, אָבער אויך די שטילע נביאים זיינען געווען אמת׳ע נביאים, ווייל זיי זיינען געווען קעמפּפערס פאַרן אמת, ניט ווייניקער ווי די שטורמישע נביאים. צו די נביאים ווערן אויך צוגערעכנט אַ ריי פון פרויען, אַלס נביאה׳טעס, אָבער זיי אַלע, אַ חוץ דבורה, האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט עפּעס באַזונדערס. זיי זיינען דעריבער אויך געווען בלויז זעערינס, אָבער ניט קיין נביאה׳טעס אין אמת׳ן זין פון וואָרט.

* * *

אין יענע אַלטע צייטן, ווען דער רוח הנבואה האָט שוין געהאַלטן ביים אויפהערן, האָבן זיך געפונען פיל וואָס האָבן זיך אויסגעגעבן פאַר נביאים, כאָטש זיי זיינען דאָס ניט געווען. זיי האָבן דאָס געטאָן דורך קליידן זיך ווי נביאים. דעמאָלט פלעגן די נביאים זיין באַקאַנט דורך זייערע עקסטראַ־קליידער, נעמלעך, אַ האָריקן מאַנטל און אַ גאַרטל פון לעדער אַרומגענומען ביי די לענדן. דאָס געפינען מיר אין מלכים ב׳ (י״ג) און אויך פריער אין מלכים ב׳ (א׳), וואו עס ווערט דערציילט וועגן „אדרת אליהו" (אליהו׳ס מאַנטל). ביים סוף טעג פון די נביאים זעען מיר, אַז דער נביא זכריה רעדט וועגן די פאַלשע נביאים און זאָגט: „און זיי וועלן זיך ניט מער אָנקליידן אַ האָריקן מאַנטל, כדי צו פאַלשעווען" (זכריה י״ג, ד׳). דאָס ווייזט, אַז די פאַלשע נביאים פלעגן זיך אין יענער צייט אָנטאָן אַזעלכע האָריקע מאַנטלען, כדי מען זאָל מיינען אַז זיי זיינען אמת׳ע נביאים.

מיר קומען איצט צו צו די לעצטע טעג פון דער גרויסער פענאָמענאַ־לער דערשיינונג פון נבואה ביי אידן. עס זיינען דאָ אַ סך וואָס גיבן זיך אויס אַלס נביאים, אָבער קיין נביאים זיינען זיי ניט. אַ טייל זיינען זעערס, אָבער, ווי געזאָגט, זיינען זעערס ניט קיין נביאים. פיל פון די חכמים האָבן אפילו געקוקט אויף די זעערס ווי אויף שווינדלערס; אַנדערע ווידער, אַלס אַזעלכע וואָס זיינען ניט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד.

אָט צוליב דעם האָבן די אנשי כנסת הגדולה, די גרויסע אידישע געֿ־לערנטע פון גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן געשאַפן דעמאָלט אַן אַקאַדעמיע פאַר אידישער וויסנשאַפט, איינגעפירט אַ נייע זאַך, נעמלעך, אַז פון איצט אָן זאָלן זיי אַרויסגעבן אַ באַשטעטיקונג דעם יעניקן, וואָס איז באמת אַ נביא. דאָס הייסט, אַז קיינער זאָל ניט קאָנען זאָגן, אַז ער איז אַ נביא, סאַידן ער האָט די גוטהייסונג פון די אנשי כנסת הגדולה.

אָט וועגן דעם ווערט דערציילט אין דער גמרא: „דאָס בית הגדול פון ירושלים (דאָס מיינט מען די סנהדרין) האָט אונטערזוכט יעדן נביא צו וויסן, צי ער איז אַן אמת׳ער נביא אָדער ניט". אַלע נביאים האָבן אין יענער צייט נאָר געקאָנט זאָגן נביאות, אויב דאָס בית דין פון די 71 (די סנהדרין) האָט זיי געגעבן סמיכה דערצו. די חכמים האָבן דערויף געפונען אַ טייטש אין פסוק. עס שטייט: „און איך האָב געהערט דאָס קול פון גאָט, וואָס זאָגט: וועמען זאָל איך שיקן?" — דאָס מיינט, אַז דער נביא מוז צום ערשטן הערן דאָס קול פון גאָט. די אַנדערע העלפט פון פסוק זאָגט אָבער: „און ווער וועט גיין צום פאָלק, כדי אים דאָס צו זאָגן" — דאָס מיינט, אַז דער נביא מוז האָבן דערויף די צושטימונג פון די סנהדרין. דעריבער זאָגט די גמרא, אַז „חגי, זכריה און מלאכי זיינען געזעסן אין לשכת הגזית און דאָרטן געזאָגט זייערע נביאות". און אַז עס איז דעמאָלט געוואָרן אַ כלל, אַז „אין נביא אלא מי שמקובל בסנהדרין" (סנהדרין פ״ב) — עס איז ניטאָ קיין נביא, סאַידן איינער וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון די סנהדרין.

אַזוי זעען מיר, אַז ווען די סנהדרין האָבן ניט געזען פאַר זיך מער אַזעלכע, וואָס זיינען אמת׳ע נביאים, האָבן זיי אַרויסגעגעבן זייער דערקלערונג, אַז „פסקה רוח הנבואה מישראל" (דער גייסט פון נבואה האָט זיך פון די אידן אָפּגעטאָן). די עפּאָכע פון נביאים איז געענדיקט.

.17

כתובים

(האַגיאָגראַפיע)

„כתובים" איז דער דריטער טייל פון תנ"ך. צום ערשטן קומען די פינף ספרים פון דער תורה. דערנאָך — די אַכט ספרים פון די נביאים און נאָך זיי — די עלף ספרים פון כתובים. „כתובים" מיינט: שריפטן, דאָס הייסט, אַז די שאַפונגען זיינען ניט פון דער מדרגה פון דער תורה, וואָס משה רבינו האָט געגעבן צו די אידן, און אויך ניט פון דער מדרגה פון די נביאים, וועלכע האָבן גערעדט צום אידישן פאָלק אין נאָמען פון גאָט, נאָר שריפטן, אַזעלכע וועלכע זיינען געשאַפן פון גרויסע גייסטער פון די אידן און מען האָט זיי אַריינגענומען אין די „כתבי קודש" (הייליקע שריפטן), אין זאַמלונג פון די גרונד־ספרים פון אידישן פאָלק. צוזאַמען זיינען דאָ אַזעלכע גרונד־ספרים — 24. דערפאַר רופט מען אויך אָן תנ"ך (תורה, נביאים און כתובים) — „עשרים וארבעה" (24).

אין די כתובים גייען אַריין: תהלים, איוב, משלי, שיר השירים, רות, איכה, קהלת, מגילת אסתר, דניאל, עזרא, נחמיה און דברי הימים (א' און ב'). לויט דעם חשבון זיינען דאָ צוועלף ספרים, אָבער אין סדר פון תנ"ך ווערן עזרא און נחמיה באַטראַכט פאַר איין ספר. די צאָל פון די כתובים איז אַזוי אַרום — עלף.

די ספרים פון דער תורה ווערן געלייענט יעדן שבת, יעדע וואָך אַ סדרה. די ספרים פון די נביאים ווערן אויך געלייענט טיילוויז אין די „הפטורות" (נאָכן לייענען די תורה). פון די כתובים ווערן נאָר די פינף מגילות געלייענט עפנטלעך, יעדע איינע אין איר צייט, און תהלים ווערט געזאָגט פריוואַט און עפנטלעך, סיי דורך אַ צבור און סיי דורך יחידים ביי פערשידענע גע־לעגנהייטן. די אַנדערע ספרים פון כתובים ווערן ניט געלייענט עפנטלעך.

אָבער וואָס איז די באַדייטונג פון אָט די ספרים? ווען זיינען זיי גע־שריבן געוואָרן און דורך וועמען? און פאַרוואָס האָט מען זיי אַריינגענומען אין די גרונד־ספרים פון אידישן פאָלק? פאַרוואָס האָט מען זיי קאַנאָניזירט? — אויף די פראַגן וועלן מיר פּראָבירן צו ענטפערן, לויט דעם ווי די ספרים פון כתובים פאַרנעמען אַן אָרט אין דעם סדר פון תנ"ך.

א. תהלים

(פסאַלמען)

„תהלים" פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט אין די כתובים און קומט דעריבער צום ערשטן.

„תהלים" איז אָנגענומען ביי אונז אַלס דאָס געבעט און געזאַנג־בוך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון דוד המלך אין פאַרשידענע צייטן פון זיין לעבן. אין תהלים געפינען זיך 150 קאַפּיטלען. אָבער לויט ווי עס ווערט אָנגעגעבן אויף אַ טייל פון די קאַפּיטלען, זיינען ניט אַלע פון דוד'ן, נאָר גאָר פון אַנדערע.

לויט דער רשימה פון די נעמען, וואָס עס זיינען אָנגעגעבן אויף די קאַפּיטלען פון „תהלים", האָבן מיר 72 וואו עס ווערט אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען פון דוד'ן; 2 זיינען פון שלמה המלך (קאַפּיטל 72 און 127); איין קאַפּיטל (90) ווערט אָנגעגעבן, אַז עס איז פון משה רבינו; 12 זיינען פון אסף (דאָס 50טע קאַפּיטל און די קאַפּיטלען 73 ביז 83); עלף קאַפּיטלען זיינען פון די „בני קורח"; איין קאַפּיטל איז פון איתן (קאַפּיטל 49) און איין קאַפּיטל איז פון הימן (קאַפּיטל 88). סך הכל זיינען דאָ הונדערט קאַפּיטלען, וואו עס ווערט אָנגעגעבן, ווער דער פאַרפאַסער איז געווען. אויף די איבעריקע 50 קאַפּיטלען ווערט דער פאַרפאַסער נישט אָנגעגעבן, אָבער וועגן אָט די 50 קאַפּיטלען איז דאָ אין דער גמרא, אַז דוד המלך האָט געשאַפן גאַנץ תהלים אַ חוץ די 28 קאַפּיטלען וואָס ווערן באַצייכנט מיט אַנדערע נעמען, ווייל די 50 קאַפּיטלען אויף וועלכע עס איז ניטאָ קיין באַצייכענונג זיינען אויך פון דוד המלך. לויט דער מיינונג פון ר' מאיר זיינען אפילו די 28 קאַפּיטלעך, וואו עס ווערט אָנגעגעבן אַנדערע נעמען, אויך פון דוד המלך, און די שטעלע אין תהלים, וואו עס ווערט געזאָגט „כלו תפלות דוד בן ישי" (צום סוף פון קאַפּיטל 72), לייענט עס ר' מאיר ווי עס וואָלט געשטאַנען „כל אלה תפלות דוד בן ישי" (פסחים, קי"ז).

דאָס ספר „תהלים" ווערט איינגעטיילט אויף 5 טיילן. דער ערשטער טייל איז פון 1 ביז 41; דער צווייטער טייל פון 42 ביז 72; דער דריטער טייל פון 73 ביז 89; דער פערטער טייל פון 90 ביז 106 און דער פינפטער טייל פון 107 ביז 150. דאָס וואָס ביים סוף פון צווייטן טייל שטייט: „כלו תפלות דוד בן ישי" (עס זיינען פאַרענדיקט די תפילות פון דוד בן ישי), מיינט ניט, אַז נאָר ביז דאָרטן זיינען די תפילות פון דוד המלך און די איבעריקע ניט, ווייל עס געפינען זיך אין תהלים אויך שפּעטער תפילות פון דוד המלך. לויט אַ טייל געלערנטע, זיינען אַמאָל די תפילות, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון דוד געווען צוזאַמען און זייער צאָל איז געווען 72, דערפאַר

איז דערנאָך געשטאַנען, אַז דאָס איז די ענדע פון דוד׳ס תפילות, אָבער שפּעטער האָט מען איבערגעשטעלט דעם סדר פון דוד׳ס געזאַנגען, אָבער דאָס שלוס־וואָרט „כלו תפילות״ א. אַ. וו. איז געבליבן.

ביי אַ סך פון די תפילות ווערט אָנגעגעבן אויף וואָס פאַר אַן אינסטרו־מענט מען דאַרף עס שפּילן אָדער באַגלייטן צום געזאַנג, ווי „למנצח על הגתית״, אָדער „למנצח על השמינית״, „למנצח על שושן עדות״, „למנצח לידותון״. דאָס זיינען געוועזן אַזוינע אינסטרומענטן, וואָס מיר ווייסן איצט ניט מער ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעזען און וואָס פאַר אַ קלאַנגען זיי האָבן אַרויסגעגעבן. פיל פון די תהלים־קאַפּיטלען זיינען געזונגען געוואָרן פון די לויים אין בית המקדש בעת מען האָט מקריב געווען די קרבנות, דערביי זיינען זיי באַגלייט געוואָרן פון די פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

* * *

דאָס ספר „תהלים״ אַנטהאַלט פאַרשידענע אופנים פון אויסדרוק, ווען אַ מענטש גיסט אויס זיין האַרץ פאַר גאָט אָדער פאַר זיינע מיט־מענטשן צוליב אַ געשעעניש פון פרייד אָדער לייד. עס אַנטהאַלט צען פאָרמען: געבעט־לידער צו גאָט; קלאָג־לידער (עלעגיעס); לידער וואָס לערנען מענטשן ווי אַזוי זיך צו פירן; זיג־לידער; אויסגוס פון געפילן צו אַ פריינט; עפּאָס־לידער פון אַ געשעעניש; לירישע געזאַנגען; דאַנק־לידער; עטישע אָנווייַ־זונגען און — פילאָזאָפישע לידער, וואו עס ווערט אַרומגערעדט דער גורל פון מענטש אויף דר׳ערד און עס ווערט אויך געפרעגט פראַגן וועגן דעם סדר פון דער וועלט, צי עס אַזוי ריכטיק?

פיל פון די קאַפּיטלען פון תהלים האָבן די חכמים אַריינגעשטעלט אין דאַווענען, ד. ה. אין די געבעטן וואָס אַ איד דאַרף זאָגן יעדן טאָג, אָדער ביי געוויסע געלעגנהייטן, ווי דאָס קאַפּיטל „אשרי יושבי ביתך״, וואָס מען זאָגט דריי מאָל אַ טאָג; דאָס קאַפּיטל „לכו נרננה״, וואָס מען זאָגט ביי קבלת שבת; די קאַפּיטלען פון „הלל״, וואָס מען זאָגט ראש חודש און אין די ימים־טובים. שבת אין דער פרי זאָגט מען „מזמור שיר ליום השבת״ און אַזוי זאָגט מען פיל אַנדערע ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

צו זאָגן תהלים איז איינגעפירט געווען ביי אידן אַלס אַ גרויסע זאַך. מען זאָגט אויך תהלים ווען עס פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק אָדער ווען עמיצער אין אַ פאַמיליע ווערט קראַנק. אין דער אַלטער היים איז כמעט אין יעדן שטעטל געווען אַ „חברה תהלים״, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט זאָגן „תהלים״.

* * *

וועגן דער צייט, ווען די קאַפּיטלען פון תהלים זיינען געשאַפן געוואָרן, זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען, אָבער עס איז קלאָר, אַז אַזוי ווי זיי זיינען ניט פון איין קוואַל, מוזן זיי זיין פון פאַרשידענע צייטן. עס זיינען דאָ אַזעלכע

וואָס זיינען גאָר אַלט, ווען מען האָט נאָך אין העברעאיש געברויכט די אַלטע פאָרם פון „כי״ צום סוף פון וואָרט (ווי אין קאַפּיטל ק״ז אין די אויסדרוקן „תחלואיכי״, „המעטרכי״ „חייכי״, „נעורייכי״ אָדער אַנדערע אַלטע פאָרמען). אַנדערע קאַפּיטלען זיינען נאָך געווען פריש און ניי ווען מען האָט צוזאַמענגעשטעלט דאָס ספר תהלים. עס איז אָנגענומען ביי אידן, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון דער כנסת הגדולה. עס איז אויך מעגלעך, אַז די פינף טיילן פון תהלים זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן און אַ טייל פון זיי נאָך אין די צייטן, ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, פאַר די לויים, אַז זיי זאָלן האָבן אַ טעקסט־בוך אויף צו זינגען זייערע לידער בעת דער עבודה אין בית המקדש.

דאָס ספר „תהלים״ איז אויך דאָס פּאָפּולערסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור. תהלים ווערט געזאָגט און געזונגען זייט טויזנטער יאָרן אין די גאָט־געבעט־הייזער פון אַלע ד׳ריי גרויסע רעליגיעס פון דער איצטיקער ציוויליזירטר וועלט: אידנטום, קריסטנטום און איסלאַם. ביי די ניט־אידן הייסט עס „פּסאַלמען״ (אָדער ווי מען רעדט עס אויס אין ענגליש „סאַאמס״).

איצט ווילן מיר דאָ דערקלערן עטלעכע ווערטער וואָס ווערן איבער־גע׳חזר׳ט אין תהלים און וועלכע פאָדערן אַן אויסטייטשונג. מיר זען אין תהלים אָפט דאָס וואָרט „למנצח״ אין אָנהויב פון אַ קאַפּיטל, דאָס מיינט: צום קאַפּעלמייסטער, צום דיריגענט פון אַ כאָר אָדער אַן אָרקעסטער ווי אַזוי צו זינגען און אויסצושפּילן דאָס קאַפּיטל תהלים. די ווערטער „על הגתית״ (למנצח על הגתית) אָדער „על שושנים״ (למנצח על שושנים) אָדער „לידותון״ (למנצח על ידותון) א. ד. גל. מיינען אַזעלכע מוזיק־אינסטרומענטן וואָס מיר האָבן איצט ניט מער און וועלכע מען האָט שטאַרק באַנוצט אין יענער צייט. דאָס וואָרט „סלה״, וואָס געפינט זיך צום סוף פון פיל קאַפּיטלען, האָט דעם טייטש ווי „אָמן״, דאָס מיינט: אַזוי איז עס. אַזוי זאָל עס זיין. דער רד״ק מיינט אָבער, אַז עס איז אַ צייכן צו פאַרענדיקן דעם ניגון אָדער די מוזיק. דאָס וואָרט „מכתם״ מיינט אַ וויכטיק געזאַנג. דאָס וואָרט „משכיל״ מיינט: אַן אויפקלערונג. עס מיינט צו זאָגן, אַז דאָס קאַפּיטל איז אַן אויפקלערונג. עס מיינט צו זאָגן, אַז דאָס קאַפּיטל איז אַן אויפקלערונג וועגן עפּעס אַ מוסר־השכל. דאָס וואָרט „שגיון״ מיינט אַזאַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט. דאָס וואָרט „הללויה״ מיינט צו ענדיקן דאָס געזאַנג פון כאָר מיט איין שטאַרקער שטימע. „הללויה!״ „הללויה!״

* * *

צום סוף ווערן מיר דאָ ברענגען צוויי קאַפּיטלען פון תהלים, וועלכע צייכענען זיך באַזונדערס אויס מיט זייער לירישקייט. דאָס ערשטע איז קאַפּיטל 13, און דאָס צווייטע איז קאַפּיטל 23 (ביידע קאַפּיטלען זיינען פון יהואָש׳ס איבערזעצונג).

קאַפּיטל 13:

פֿאַר דעם געזאַנג־מייסטער; אַ מזמור פֿון דוד׳ן.
ביז וואַנען, גאָט, וועסטו מיך תמיד פֿאַרגעסן?
ביז וואַנען וועסטו פֿאַרבאַרגן דיין פּנים פֿון מיר?
ביז וואַנען וועל איך האַלטן עצות ביי זיך
מיט קומער אין מיין האַרצן דורכן טאָג?
ביז וואַנען וועט מיין פֿיינט זיך דערהויבן אויף מיר?
קוק־צו, ענטפֿער מיר, ה׳, מיין גאָט.
דערלייכט מיינע אויגן, איך זאָל ניט איינשלאָפֿן צום טויט;
מיין פֿיינט זאָל ניט זאָגן: איך בין אים בייגעקומען.
מיינע שונאים זאָל זיך ניט פֿרייען, אַז איך וועל אומפֿאַלן.
אָבער איך פֿאַרזיכער מיך אויף דיין חסד;
מיין האַרץ וועט זיך פֿרייען מיט דיין הילף;
איך וועל זינגען צו גאָט, וואָס ער האָט מיר גוטס געטאָן.

און איצט קאַפּיטל 23, וואָס איז זייער פּאָפּולער:

אַ מזמור פֿון דוד׳ן.
גאָט איז מיין פּאַסטוך, מיר וועט ניט פֿעלן.
אויף גראָזיקע פֿיטער־פֿלעצער מאַכט ער מיך הויערן,
ביי רואיקע וואַסערן טוט ער מיך פֿירן.
ער דערקוויקט מיין זעל,
ער פֿירט מיך אין ריכטיקע שטעגן פֿון וועגן זיין נאָמען.
אַפֿילו אַז איך גיי אין טאָל פֿון טויט־שאָטן
האָב איך ניט מורא פֿאַר בייז, וואָרים דו ביזט מיט מיר;
דיין שטעקן און דיין אָנלען — זיי טרייסטן מיך.
דו גרייטסט פֿאַר מיר אַ טיש אַנטקעגן מיינע פֿיינט;
האָסט באַזאַלבט מיט אויל מיין קאָפּ, מיין כוס לויפֿט אַריבער.
נאָר גוטס און גענאָד וועלן מיר נאָכגיין אַלע טעג פֿון מיין לעבן
און איך וועל זיצן אין גאָט׳ס הויז אויף לאַנגע טעג.

דער שטאַרקער בטחון און אָפּטימיזם; דער טיפֿער גלויבן אין גערעכטיקייט פֿון גאָט און פֿון דער וועלט צוזאַמען מיט די טיפּישע לירישע עמאָציעס וואָס עס זיינען דאָ אין די צוויי לידער, וועלכע מיר האָבן דאָ געבראַכט אַלס אַ מוסטער, ווייזן ווי הויך און שטאַרק עס זיינען די דאָזיקע געבעטן־געזאַנגען און אַז אַ מענטש, ווען ער איז אין אַן עת צרה, קאָן געפֿינען אין די דאָזיקע ווערטער אַ היילונג און טרייסט פֿאַר זיין נשמה.

ב. משלי

„משלי״ איז דאָס צווייטע בוך פון כתובים און עס קומט באַלד נאָך תהלים, פאַר איוב. דער אָנהויב פון בוך איז „משלי שלמה בן דוד מלך ישראל״ (די משלים פון שלמה דער זון פון דוד, דער קעניג פון ישראל). די ערשטע זיבן פסוקים זיינען ווי אַן הקדמה צו דערקלערן וואָס דאָס ספר איז אַזוינס און וואָס עס איז דער צוועק דערפון. דער ציל ווערט אָנגעגעבן אַלס „יראת ה׳ ראשית דעת״ (מורא פאַר גאָט איז די ערשטע וויסנשאַפט). דערנאָך הויבט זיך אָן דאָס ספר גופא פון פסוק יוד. דער ערשטער טייל ציט זיך ביז ענדע פון ניינטן קאַפּיטל, און עס ווערט דאָרט גערעדט דערפון, אַז מען דאַרף פאָלגן דעם מוסר פון די עלטערן און צו לערנען חכמה און וויסנשאַפט. דערנאָך גייט אַ גאַנצע רייע פון עטישע כללים, ווי אַזוי צו פירן זיך אין לעבן בנוגע זיך און בנוגע אַנדערע.

דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן מיטן צענטן קאַפּיטל, מיט די ווערטער „משלי שלמה״ און ציט זיך ביזן 25טן קאַפּיטל. אין דעם טייל געפינען זיך אַ גאַנצע רייע פון אַפאָריזמען, וועגן פאַרשידענע ענינים, ווי למשל, צו איבערטראַכטן זאַכן איידער מען טוט זיי; צו באַגנוגענען זיך מיט דעם וואָס מען האָט; ניט צו זוכן צופיל פאַרגעניגנס אין לעבן; צו האָבן אַ הנאה פון אייגן־פאַרדינטן ברויט; צו האַלטן אַ פאַרשפּרעכן וואָס מען האָט געגעבן; צו זיין באַשיידן; צו זאָגן דעם אמת; פיינט צו האָבן ליגנס און חניפה; ווי אַזוי צו פירן זיך אין דער היים, און נאָך פיל אַנדערע ענלעכע עטישע לערעס.

דער דריטער טייל הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „גם אלה משלי שלמה״ (אויך דאָס איז פון שלמה׳ס משלים) און עס ווערט געגעבן אַלס צוגאָב פון דעם וואָס מען האָט צוזאַמענגעקליבן שפּעטער פון שלמה׳ס רייד. דאָס צוגעגעבענע באַשטייט פון 5 קאַפּיטלען (25, 26, 27, 28 און 29), וועלכע האָבן אַן ענלעכן כאַראַקטער ווי די פריערדיקע. צום סוף זיינען דאָ צוויי קאַפּיטלען (30 און 31) ביי וועלכע עס איז אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען פון אַנדערע. ביים קאַפּיטל 30 שטייט „דברי אגור בן יקה״ (די רייד פון אגור, דער זון פון יקה) און ביים קאַפּיטל 31 ווערט אָנגעגעבן: „דברי למואל מלך משא״. אין דעם קאַפּיטל גייט אַריין אַ לויב־געזאַנג פאַר דער ענערגישער פרוי (אשת חיל).

דער מחבר פון ספר „משלי״ ווענדעט זיך אָפט צו זיינע לייענער מיטן האַרציקן רוף: „בני״ (מיין קינד). הויפּטזעכלעך הויבט ער דערמיט אָן כמעט יעדעס קאַפּיטל.

באַלד אין אָנהויב האָבן מיר אַזאַ ווענדונג:

הער צו מיין קינד די שטראָף־רייד פון דיין פאָטער און דו זאָלסט ניט פאַרלאָזן די לערע פון דיין מוטער (פסוק 8 פון ערשטן קאַפּיטל).

אַזוי הויבט ער אויך אָן דאָס צווייטע קאַפּיטל מיט אַזאַ ווענדונג:

מיין קינד, אויב דו וועסט זיך צוהערן צו מיינע רייד און מיינע געבאָטן וועסטו באַהאַלטן ביי דיר —

אַזוי הויבט ער אויך אָן דאָס דריטע קאַפּיטל:

מיין קינד, מיין לערע זאָלסטו ניט פאַרגעסן און מיינע געבאָטן היט־אָפּ אין דיין האַרצן.

דאָס פערטע קאַפּיטל הויבט זיך אויך אַזוי אָן, אין מערצאָל:

הערט צו, קינדער, די שטראָף־רייד פון פאָטער און פאַרנעמט צו וועלן פאַרשטיין אויפקלערונג.

דאָס פינפטע קאַפּיטל אויך אַזוי:

מיין קינד, מיין חכמה פאַרנעם, צו מיין אויפקלערונג בייג־צו דיין אויער.

און אַזוי גייט עס כסדר. ביים זעקסטן קאַפּיטל און ביים זיבעטן כמעט אין גאַנצן ערשטן טייל.

פון די אַפאָריזמען זיינען אַ טייל זייער טרעפנד, ווי למשל:

אַ קלוגער זון איז פרייד פאַרן פאָטער און אַ נאַרישער זון — אַ ווייטיק פאַר דער מוטער.

אַזוי ווי עסיק פאַר די ציין און רויך פאַר די אויגן, אַזוי איז אַ פוילער צו די וואָס שיקן אים מיט עפּעס.

אַזוי ווי אַ גאָלדענער נאָז־באַנד אויפן שנוק פון אַ חזיר, אַזוי איז אַ שיינע פרוי, וואָס האָט קיין טאַקט ניט.

אָט דאָס זיינען אייניקע פון די אַפאָריזמען, מיט וועלכע דער ספר „משלי" איז אָנגעפּיקעוועט ביז צום סוף.

וועגן דער פראַגע: ווער איז געווען דער מחבר פון „משלי"? איז קיין אַנדערער ענטפער נישטאָ, ווי — שלמה המלך, ווייל דריי מאָל ווערט דערמאָנט זיין נאָמען אין דעם בוך. באַלד אין אָנהויב ווערט געזאָגט, אַז עס איז פון שלמה המלך. דער צווייטער טייל, קאַפּיטל 10, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „משלי שלמה". און ביים קאַפּיטל 25 ווערט צוגעגעבן: „אשר העתיקו אנשי חזקיה מלך יהודה" (וואָס עס האָבן איבערגעזעצט (איבערגעשריבן) די מענטשן פון חזקיה דער קעניג פון יהודה). אין דער גמרא ווערט געזאָגט, אַז חזקיה'ס מענטשן האָבן איבערגעשריבן דאָס ספר „משלי" (בבא בתרא ט"ו). די גמרא זאָגט אויך, אַז אַפילו די צוויי לעצטע קאַפּיטלען, דער פון אגור און דער פון למואל זיינען פון שלמה'ן און אַז דאָס זיינען געווען זיינע פאַרשטעלטע נעמען.

אָבער אַ טייל ביבל־קריטיקער דערקלערן, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם ווערק איז געשאַפן געוואָרן אויפן גרונד פון דעם עגיפּטישן בוך „די חכמה פון

אַמען־עז־אָפּע״ (צווישן 1000 און 600 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), און אַז „משלי״ איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן צווישן 400 און 200 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג (דאָס איז געווען אין דער צייט פון די ערשטע תנאים). אָבער דאָס איז פאַלש. ווייל אין יענער צייט האָט מען אַזאַ העברעאיש, ווי מיר האָבן אין משלי, ניט געשריבן. דער סטיל און דער גאַנצער בוי פון די זאַצן באַלאַנגט צו דער ביבלישער עפּאָכע, ווי יעדער איינער קען עס זען.

די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם תנ״ך, האָבן אָפּגעגעבן פאַר „משלי״ אַ פּלאַץ באַלד נאָך תהלים. דאָס ווייזט אויף דער חשיבות פון דעם ספר. דאָס ספר „איוב״, וועגן וועלכן די מסורה זאָגט, אַז משה רבינו האָט עס געשריבן, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין דער רייע ערשט נאָך „משלי״. זיי האָבן עס געטאָן דערפאַר, ווייל משלי אַנטהאַלט ניט נאָר אַפאָריזמען און קלוגע רייד, נאָר אויך גאַנצע לערעס, ווי אַזוי אָפּצו־היטן די געבאָטן פון גאָט. „משלי״ האָט אין זיך אַ סך פון „דברים״, טייל־מאָל אויך אין טאָן און אין סטיל. „משלי״ איז דעריבער אַ בוך פון מאָראַל און עטיק. אַ בוך וואָס לערנט די יסודות פון אידנטום. עס ווייזט דעם וועג ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט און צו טאָן גוטס צו אייגענע און צו פרעמדע. נאָך מער, צו טאָן גוטס אַפילו צו אַ שונא, וואָס דאָס איז דער העכסטער פונקט פון יעדער מאָראַל־לערע. אָט־דאָס ווערט אויסגע־דריקט אין „משלי״ אין די קורצע ווערטער:

אויב עס איז הונגעריק דיין פיינט, גיב אים ברויט צו עסן און
אויב ער איז דורשטיק, גיב אים וואַסער צו טרינקען.
פּראָסטע, פּשוט׳ע ווערטער, אָבער ווי דערהויבן זיי זיינען!

עס איז דעריבער אַ זיכערע זאַך, אַז דער וואָס האָט געזאָגט די דאָזיקע רייד האָט געמוזט זיין אַ הויך־מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט גע־זוכט גערעכטיקייט און יושר אין דער וועלט. אַזוי אַרום ווערט קלאָר, אַז די טראַדיציע וואָס זאָגט, אַז שלמה המלך האָט געשריבן דעם ספר „משלי״ איז גערעכט. עס איז אַ בוך פון חכמה געשריבן פון אַ וועלט־חכם, אין יענע אַלטע, גוטע צייטן.

ג. איוב

דאָס ספר „איוב”, וואָס קומט אין כתובים נאָך תהלים און משלי, איז אַ דראַמאַטישע שאַפונג, די עלטסטע פון דעם אַרט שרייבן אין דער וועלט. עס איז אַ דראַמע וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע, צי עס ווערט עמיצער באַשטראָפט פון גאָט ווען ער איז אומשולדיק. עס איז דאָס ערשטע ווערק וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם פראָבלעם „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו” — פאַרוואָס מען זעט ווי איינער, וואָס איז אַ צדיק, היט אָפּ גאָט׳ס תורה און איז גוט צו זיינע מיט־מענטשן און דאָך גייט אים שלעכט אויף דער וועלט, ער ליידט פון נויט, קראַנקייטן און אַנדערע צרות; און מען זעט אויך, אַז אַ רשע, וואָס היט ניט אָפּ גאָט׳ס געבאָט און איז שלעכט צו זיינע מיט־מענטשן, גייט גוט, ער איז רייך, ווייסט ניט פון קיין שום קראַנקייטן און אַנדערע צרות. מיט אַנדערע ווערטער: איז דאָ גערעכטיקייט אין דער פירונג פון דער וועלט? פירט גאָט זיין וועלט מיט יושר אָדער ניט?

אין דער דראַמע ווערט די פראַגע אַרומגערעדט אין פאָרם פון דיאַלאָגן. דאָס ספר האָט אַ פאָררעדע, דערנאָך קומען פאַר די דיאַלאָגן. זיי ווערן געפירט צווישן איינעם, וואָס איז געווען אַ צדיק, איוב, און דאָך זיינען אויף אים געקומען גרויסע צרות — און זיינע דריי פריינט. אין דער דראַמע נעמען אָנטייל: גאָט, דער שטן, איוב, איוב׳ס ווייב און די פריינט פון איוב׳ן: אליפז, בלדד און צופר און אויך איינער מיטן נאָמען אליהוא. די גאַנצע האַנדלונג קומט פאַר אין 42 קאַפּיטלען פון וועלכע די ערשטע צוויי זיינען אַן אַריינפיר אין פּראָזע. די איבעריקע פערציק קאַפּיטלען (פון קאַפּיטל דריי ביז אין מיטן פון קאַפּיטל 42) זיינען געשריבן אין אַ פּאָעטישן סטיל. די דראַמע האָט דריי אַקטן געטיילט אויף זיבן סצענעס, מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג. אין פּראָלאָג ווערט דערציילט וועגן דעם, אַז איוב איז געווען אַ צדיק און וואָס ער האָט געזאָגט, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. דערנאָך ווערט געשילדערט ווי ער האָט געליטן פון אַ הויט־קראַנקייט און וואָס ער האָט דעמאָלט געזאָגט. די פאָרשטעלונג איז אַזוי: דער שטן קומט צו גאָט, אין דער סוויטע פון אַלע מלאכים. ער קומט פון אַרומשוועבן איבער דער וועלט. גאָט זאָגט צו אים: האָסטו געזען וואָס פאַר אַ צדיק מיין קנעכט איוב איז; עס איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט נאָך אַזאַ ערלעכער מענטש ווי ער, וואָס האָט מורא פאַר גאָט און טוט ניט קיין שלעכטס. דער שטן ענטפערט דערויף צו גאָט: איוב דינט דען דיך בחינם? האָסט אים געגעבן פיל גוטס. צום ערשטן, זיבן זין און דריי טעכטער, דערנאָך אַזאַ גרויס פאַרמעגן, זיבן טויזנט שאָף,

דריי טויזנט קעמלען, פינף הונדערט אָקסן צום אַקער און פינף הונדערט אייזלען, אַזוי אַז ער איז דער רייכסטער מענטש אין גאַנצן געגנט. פּראָביר אָבער, גאָט, און ריר אים מיט עפּעס אָן, זאָל ער, למשל, פאַרלירן זיין פאַרמעגן, וועסטו שוין זען ווי ער וועט דיך בענטשן (דאָס מיינט מען פאַרקערט). האָט גאָט געזאָגט: גוט, איך גיב אים איבער אין דיינע הענט, שטן, אָבער אים אַליין זאָלסטו היטן.

איז באַלד אויף איוב׳ן געקומען איין אומגליק נאָכן אַנדערן. צום ערשטן האָט ער פאַרלוירן זיינע אָקסן און אייזלען, דערנאָך האָט אַ פייער פאַרניכטעט זיינע שאָף, באַלד נאָכדעם האָבן די כשדים פאַרכאַפּט די קעמלען און גלייך דערויף האָט אַ שטורם־ווינט אָפּגעווישט זיין הויז פון דר׳ערד און עס זיינען אומגעקומען אַלע זיינע קינדער. האָט איוב זיך געריסן קריעה און געקלאָגט אויף דעם גרויסן חורבן, אָבער דאָך גאָט האָט ער ניט געלעסטערט.

קומט ווידער צוגיין דער שטן פאַר גאָט און גאָט פרעגט אים וועגן איוב׳ן און ער זאָגט צו אים: „זעסטו, שטן, איוב האָט אַזוי פיל געליטן, ער האָט פאַרלוירן זיינע קינדער און זיין גאַנץ פאַרמעגן, און דאָך איז קיין איין וואָרט ניט אַרויס פון זיין מויל קעגן מיר״. זאָגט דער שטן צו גאָט: „זאָל ער נאָר ליידן אַליין, זאָל ער ווערן קראַנק, וועסטו שוין זען ווי ער וועט לעסטערן גאָט״. זאָגט גאָט צו אים: „איך גיב אים ווייטער איבער אין דיינע הענט, אָבער זיין נשמה זאָלסטו היטן״. האָט דער שטן דאָס צוגעזאָגט צו גאָט.

באַלד ווערט איוב קראַנק מיט אַ שווערער הויט־קראַנקייט און באַדעקט מיט קרעץ פון קאָפּ ביז צו די פיס. זאָגט צו אים זיין ווייב, ווען זי האָט געזען ווי ער ליידט: „פאַרוואָס ביזטו נאָך אַלץ פרום און רעדסט ניט אַרויס אַ וואָרט קעגן גאָט? לעסטער גאָט, אַפילו ווען דו זאָלסט דאַרפן שטאַרבן!״ איוב אָבער בייזערט זיך אָן אויף איר און זאָגט צו איר: „דו רעדסט ווי אַ פאַרדאָרבענער מענטש; מיר דאַרפן ניט נעמען פון גאָט בלויז דאָס גוטע, נאָר אויך דאָס שלעכטע״. און איוב האָט ווייטער ניט געלעסטערט גאָט.

איצט האָבן דאָס געהערט איוב׳ס דריי פריינט, אליפז התימני, בלדד השוחי און צופר הנעמתי און זיי קומען צו אים. ווען זיי האָבן געזען אים אין אַזאַ לאַגע, האָבן זיי געריסן אויף זיך די קליידער און גענומען וויינען. אַזוי זיינען זיי געזעסן מיט אים זיבן טעג און זיבן נעכט און ניט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, ווייל זיי האָבן געזען, אַז זיינע יסורים זיינען גרויס.

נאָך די זיבן טעג הויבן זיי אָן צו ריידן און עס הויבט זיך אָן דער דראַמאַטישער דיאַלאָג.

ערשטער אַקט, ערשטע סצענע: איוב רעדט. ער שעלט דעם טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן. עס הויבט זיך איצט אָן די ערשטע דיסקוסיע. אליפז רעדט צו איוב׳ן און איוב ענטפערט אים. דערנאָך רעדט בלדד און איוב ענטפערט

אים. דערנאָך רעדט צופר און איוב ענטפערט אים. די דיסקוסיע איז וועגן דעם, צי גאָט איז גערעכט.

ערשטער אַקט, צווייטע סצענע: עס קומט פאַר אַ צווייטע דיסקוסיע מיט די באַטייליקונג פון די זעלבע מענטשן. די פראַגע איז, צי פאַרשטייט מען גאָט'ס וועגן. באַלד דערנאָך קומט אַ דריטע סצענע וועגן דעם, ווי ווייט און דערהויבן גאָט איז פון די מענטשן.

צווייטער אַקט, ערשטע סצענע: עס מישט זיך אַריין אליהוא, ווען ער זעט, אַז אַלע האָבן ניט קיין ווערטער צו ענטפערן איוב'ן, וועלכער רעכטפאַרטיקט כסדר גאָט'ס טאָטן. ער זאָגט, אַז ביז איצט האָט ער ניט גערעדט, ווייל ער איז נאָך יונג און זיי אַלע זיינען שוין אַלטע לייט, אָבער איצט זעט ער, אַז אַלטע לייט וויסן גאָרניט און ער האָט טענות צו איוב'ן, וואָס זאָגט נאָך אַלץ, אַז גאָט פראָבירט נאָר אויס דעם מענטש.

צווייטער אַקט, צווייטע סצענע: איוב ענטפערט אים צוריק.

דריטער אַקט, ערשטע סצענע: גאָט ענטפערט איוב'ן פון שטורם. ער פרעגט אים: ביזטו געווען דעמאָלט ווען כ'האָב געשאַפן די וועלט? ווייסטו דעם סוד פון דער נאַטור? האָסטו אַ באַגריף וואָס עס איז אַזוינס לעבן און וואָס איז טויט? ווייסטו ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגונג און וואָס עס איז מאַטעריע? און דער עיקר: ווייסטו ווער גאָט איז? ביזטו געווען אויף זיינע וועגן?

דריטער אַקט, צווייטע סצענע: איוב ענטפערט אונטערטעניק און בוקט זיך צו גאָט.

עפּילאָג: איוב געפינט חן אין גאָט'ס אויגן. ער קערט אים אום צוריק זיין פאַרמעגן נאָך מיט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פריער און היילט אים אויס פון זיין קראַנקייט און ער ענדיקט זיין לעבן אין גרויס גליק און צופרידנקייט.

* * *

ווען און ווער האָט געשאַפן אָט־דעם ספר איוב?

שוין אין תלמוד איז וועגן דעם פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע. איינער האָט געזאָגט, אַז איוב האָט געלעבט אין די צייטן פון אברהם אבינו (בר קפרא אין ירושלמי, סוטה ד'). אַ צווייטע מיינונג איז געווען, אַז ער האָט געלעבט אין די צייטן פון יצחק'ן (דאָס איז די מיינונג פון ר' אלעזר בן עזריה, וועלכער זאָגט, אַז אליהוא איז יצחק); אַ דריטע מיינונג איז, אַז אין די טעג פון יעקב אָבינו; אַ פערטע — אין דער צייט ווען די אידן זיינען געווען פאַר־שקלאַפט אין מצרים; אַ פינפטע — אין די טעג פון משה רבינו און אַזוי זיינען דאָ מיינונגען, אַז ער האָט געלעבט אין די טעג פון פרעה; אין די טעג פון די מרגלים; אין דער צייט פון די שופטים; אין די טעג פון דוד המלך; אין דער צייט פון דער מלכת שבא; אין די טעג פון אחשורוש; אין דער צייט פון עזרא הסופר — און נאָך די אַלע מיינונגען קומט ערשט די

מיינונג אַז — „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה״ (איוב איז ניט געווען און ניט געבוירן געוואָרן, נאָר די גאַנצע זאַך איז אַ משל, אַ פאַנטאַזיע — בבא בתרא י״ד).

אויף דער פראַגע, ווער האָט געשאַפן דאָס ספר איוב, זיינען פונקט אַזוי די מיינונגען צעטיילט. לויטן תלמוד האָט משה געשריבן דאָס ספר איוב (בבא בתרא י״ד). עס זיינען אָבער דאָ אַנדערע מיינונגען.

לויט דער ביבל־קריטיק האָט איוב געלעבט אין דער צייט פון די ערשטע תנאים, 450 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. אָבער דאָס איז ניט מעגלעך. ווייל ווען מען קוקט זיך צו צו דעם העברעאישן סטיל פון בוך זעט מען, אַז עס איז גאָר אַן אַנדערער העברעאיש, פון דער פיל־פריערדי־קער ביבלישער צייט, און ניט דער פון די תנאים. אין דער גמרא ווערט טאַקע געזאָגט, אַז דער לשון (סטיל) פון איוב איז נאָענט צום לשון פון דער תורה (בבא בתרא ע״ד). דאָס ספר איוב איז אַ טיפע געניאַלע שאַפונג איבער גאָט׳ס וועגן אין לעבן. עס איז דעריבער סיי לויטן אינהאַלט און סיי לויטן סטיל, ניט פרעמד די מיינונג, אַז דאָס געניאַלע ווערק האָט געשאַפן דער געניאַלסטער גייסט וואָס האָט געלעבט אין סאַמע אָנהויב פון געבורט פון אידישן פאָלק און אַז דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אונזער — משה רבינו.

ד. די פינף מגילות

שיר השירים

אין דער אָפּטיילונג פון כתובים גייען אויך אַריין די „פינף מגילות". דאָס זיינען פינף קורצע שאַפונגען, וועלכע מען לייענט פאַר פאַרן עולם ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. די פינף מגילות זיינען: 1) שיר השירים, וואָס מען לייענט שבת חול המועד פסח; 2) רות, וואָס מען לייענט שבועות; 3) איכה, וואָס מען זאָגט תשעה באָב; 4) קהלת, וואָס מען לייענט שבת חול המועד סוכות און 5) אסתר, וואָס מען לייענט פורים. אסתר הייסט אויך „מגילת אסתר", אָדער סתם „די מגילה". פון די פינף מגילות זיינען צוויי דערציילונגען פון אַ געוויסער געשעעניש, דאָס זיינען: „רות" און „אסתר"; צוויי זיינען פּאָעטישע שאַפונגען: „שיר השירים" און „איכה", און די פינפטע, קהלת, איז אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג וועגן גאָט, וועלט און מענטש.

מיר וועלן באַהאַנדלען די פינף מגילות לויטן סדר ווי זיי קומען אַריין אין תנ"ך.

די ערשטע איז „שיר השירים". דאָס איז אַ ליבע־געזאַנג פון אַכט קאַפּיטלען. עס איז אַ געזאַנג פון אַ יונגער פרוי, וואָס בענקט נאָך איר געליבטן און זיינע ענטפערס צו איר, על פּי רוב געשריבן אין אַ דיאַלאָג־פאָרם. אַמאָל זאָגט זי אירע רייד צו אים און ער ענטפערט איר און אַמאָל איז עס פאַרקערט, ער רעדט צו איר און זי ענטפערט אים. די ליבע־רייד און דער אויסגוס פון די געפילן זיינען פון די שענסטע און העכסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

עס איז, אָבער, שווער צו פאַרשטיין די פאַבולא, דעם סיפור המעשה, וואָס עס איז באַהאַלטן אונטער די הויכע פּאָעטישע רייד. דעריבער האָבן רעליגיעזע דענקער און אויך וויסנשאַפטס־לייט פּראָבירט אַריינטייטשן אַן אינהאַלט אין די דאָזיקע העכסט־פּאָעטישע קאַפּיטלען. אָבער ווי מען דאַרף עס צו פאַרשטיין אויף אַ פשוט'ן אופן, איז עס אַ געזאַנג פון אַ יונגפרוי, וועלכע איז פאַרליבט אין אַ יונגן פּאַסטוך, אָבער וועלכע האָט געהאַט דאָס גליק, — וואָס עס איז ביי איר אַן אומגליק, — אַז דער קעניג שלמה זאָל איר האָבן געזען און געוואָרן פאַרכאַפּט פון איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט און געהייסן איר ברענגען אין זיין פּאַלאַץ, אין ירושלים. די יונגפרוי, שולמית, זינגט דאָרטן אירע בענקשאַפטס־לידער צו איר געליבטן און זי וויל פון קעניג און פון אַלע זיינע צוזאָגונגען צו איר, נישט וויסן. ווען דער קעניג זעט, אַז ער קאָן שולמית'ן ניט באַזיגן און אַז איר האַרץ איז נאָך אַלץ מיט איר געליבטן, הייסט ער איר אָפּפירן צוריק אַהיים, אין איר דאָרף, צו איר געליבטן.

די רעליגיעזע דענקער זיינען אָבער ניט געווען צופרידן פון אַזאַ פּשוט'ער אויסטייטשונג און דעריבער האָט מען געוואָלט דאָס ספר באַהאַלטן (פאַר־משפּט'ן צו גניזה, וואָס עס מיינט קאָנפיסקאַציע). אָבער אַ טייל חכמים, מיט רבי עקיבא בראש, האָבן עס אָפּגעראַטעוועט און אַריינגענומען אין די הייליקע שריפטן. דערפאַר אָבער האָבן זיי עס אויסגעטייטשט אין אַן אַלע־גאָרישן זין, אַז עס איז אַ ליבע־דיאַלאָג צווישן גאָט און דעם אידישן פאָלק, וואָס איז גאָט'ס געליבטע.

גייענדיק אין די דאָזיקע פוס־טריט, האָט שפּעטער די קריסטלעכע קירכע אויך אַזוי אויסגעטייטשט שיר השירים, אַלס אַ ליבע־דיאַלאָג צווישן יעזוס'ן און די קריסטן.

דאָס ווערק איז, ווי שוין געזאָגט, צוגעשריבן געוואָרן צו שלמה המלך אַלס דער מחבר. עס האָט באַלד אין אָנהויב די ווערטער „שיר השירים אשר לשלמה". דערמיט ווערט געמיינט, אַז אַזוי ווי עס ווערט דערציילט (אין מלכים א, — ה', י"ב), אַז שלמה המלך האָט אָנגעשריבן 1005 שירים (ויהי שירו חמשה ואלף) איז דאָס ליד געווען זיין „שיר השירים", דאָס ליד פון די לידער, דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען.

עס איז אָבער אויך דאָ אַ מיינונג, אַז נאָר דאָס ערשטע ליד איז פון שלמה'ן און אַז די איבעריקע לידער זיינען געווען ליבע־לידער פון פאָלק, וואָס זיינען שפּעטער צונויפגעזאַמלט געוואָרן. דאָס בוך האָט דעריבער ניט קיין שום באַזונדערע פאַבולאַ. עס זיינען בלויז פאָלקס ליבע־לידער.

צוליב דעם, וואָס פרומע אידן באַטראַכטן „שיר השירים" ווי אַ ליבע־דיאַלאָג צווישן גאָט און די „כנסת ישראל", איז איינגעפירט געוואָרן צו זאָגן „שיר השירים" יעדן פרייטיק צו נאַכטס פאַרן דאַווענען. אַזוי האָט אויך אויף דעם גרונד, דער דיכטער ר' שלמה הלוי אלקבץ געשאַפן זיין „לכה דודי", וואָס מען זינגט פרייטיק צו נאַכטס ביים דאַווענען, אַן אַלעגאָריע אויף די אידן אַלס חתן און שבת אַלס די כלה, די מלכה (שבת מלכתא).

רות

„רות" איז דאָס צווייטע בוך פון די „פינף מגילות" און דאָס פינפטע פון די „כתובים". אין רות ווערט דערציילט אַ געשיכטע, וועלכע האָט פּאַסירט אין דער צייט פון די שופטים. עס איז אַ פּרעכטיקע אידיליע פון דעם לעבן אויפן לאַנד אין יענער צייט און איז אויך אַ פּאַר־געשיכטע צו דער אַנטשטייאונג פון דער ישי־דינאַסטיע אין די שפּעטערדיקע טעג. רות, וועלכע האָט געשטאַמט פון מואב, האָט זיך מגייר געווען און איז געוואָרן אַ אידישע פרוי און דערנאָך האָט בועז מיט איר חתונה געהאַט. די חכמים האָבן דערויף געפרעגט, ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט זיין, ווען אין דער תורה שטייט בפירוש: „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'" (עס זאָל ניט אַריינקומען

איינער פון פאָלק עמון אָדער מואב אין גאָט'ס קהל), וואָס עס מיינט: ניט הייראַטן מיט אַ אידישער פרוי — און זיי האָבן געענטפערט, אַז אַזוי ווי עס שטייט „עמוני" און „מואבי" מיינט עס, אַז אַ מאַן טאָר ניט, אָבער אַ פרוי, אַן „עמונית" אָדער „מואָבית" מעג יאָ (יבמות ס"ט).

לויט דער אידישער כראָנאָלאָגיע האָט די געשיכטע פאַסירט אין יאָר צוויי טויזנט 787, אָדער אַמשפּעטסטן אין יאָר 793, וואָס עס מיינט 973—967 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

אָבער טראָץ דעם, וואָס עס ווערט באַלד אין אָנהויב פון „רות" אָנגעגעבן „ויהי בימי שפוט השופטים" (עס איז געווען אין דער צייט ווען די שופטים האָבן רעגירט), האָבן דאָך די ביבל־קריטיקער גענומען זוכן באַווייזן, אַז רות איז געשאַפן געוואָרן פיל שפּעטער. דער ערשטער וואָס האָט דאָס געזאָגט איז געווען אברהם גייגער, וועלכער האָט דערקלערט, אַז דער שרייבער פון רות האָט געוואָלט באַווייזן, אַז עס קאָן זיין געמישטע הייראַטן מיט די פעלקער עמון און מואב און אַז דאָס בוך איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון עזרא און נחמיה. אָבער גראָד אין עזרא געפינען מיר (אין קאַפּיטל ט'), אַז ער איז געווען קעגן פרויען פון עמון און מואָב, אַפילו ווען זיי האָבן זיך מגייר געווען.

עס זיינען אויך דאָ נאָך פיל אַנדערע מיינונגען וועגן „רות". אַ טייל ווילן האָבן, אַז די צייט ווען „רות" איז געשריבן געוואָרן איז געווען אין די ביבלישע צייטן; אַנדערע ווידער זאָגן אַז עס איז געווען שוין נאָכן ערשטן חורבן. פאַר אונז אָבער איז אונזער טראַדיציע, וועלכע ציט זיך זייט טויזנטער יאָרן, מער צום האַרצן ווי די השערות פון די אידישע און ניט־אידישע געלערנטע. לויט אונזער טראַדיציע איז די פּאַסירונג פון רות געווען אין די טעג פון די שופטים און אַזוי זאָגט אויך דער תלמוד: „שמואל האָט געשריבן זיין ספר שמואל א' און ב', שופטים און רות" (בבא בתרא י"ד).

רות ווערט געלייענט אין שול דעם צווייטן טאָג פון שבועות נאָכן לייענען אין דער תורה. די ספרדים לייענען די מגילה אַ טייל דעם ערשטן טאָג און אַ טייל דעם צווייטן, און דער חזן זאָגט אַ פסוק און די דאַווגער — אַ צווייטן, אַזוי ביז צום סוף. אַזוי זיינען פאַראַנען נאָך אַנדערע מנהגים.

א י כ ה

„איכה" אָדער „מגילת איכה" איז דאָס דריטע ספר פון די פינף מגילות און דאָס זעקסטע פון די „כתובים". דאָס ספר ווערט גערופן „איכה" אויף דעם אָנהויב פסוק: „איכה ישבה בדד". עס ווערט אויך אָנגערופן „קינות" (קלאָג־לידער).

„מגילת איכה" איז אַ קלאָג־ליד אויפן ערשטן חורבן פון ארץ־ישראל און אויף דער צעשטערונג פונעם ערשטן בית המקדש. עס האָט פינף

קאַפּיטלען. דאָס ערשטע, צווייטע און פערטע, זיינען לויטן אלף־בית און האָבן 22 פסוקים יעדע איינע (אַזוי פיל וויפיל עס זיינען דאָ אותיות אין העברעאישן אלף־בית). אין דריטן קאַפּיטל זיינען פאַראַן דריי אלף־בית׳ן (דריי פסוקים וואָס הויבן זיך אָן מיט „אלף״, דריי מיט „בית״, דריי מיט „גימל״ א. אַ. וו.). אָט דאָס קאַפּיטל האָט דעריבער 66 פסוקים. דאָס פינפטע קאַפּיטל האָט אויך פונקט אַזוי ווי דאָס ערשטע, צווייטע און פערטע — 22 פסוקים, אָבער עס איז ניט לויטן אלף־בית.

דער סדר פון די פרשיות איז אַזוי: אין ערשטן קאַפּיטל קלאָגט דער „מקונן״ (קלאָגער) דערויף, וואָס ירושלים, וועלכע איז געווען אַזאַ גרויסע און פרעכטיקע שטאָט, אַ שטאָט וועלכע איז געווען אַזוי באַפעלקערט (העיר רבתי עם), אַ הויפט־שטאָט פאַר לענדער (שרתי במדינות) און באַליבט ביי אַלע (ציון, בתולת יהודה) — איז נאָכן חורבן אַזוי פאַרוויסט געוואָרן. אין צווייטן קאַפּיטל רעדט ער וועגן די צרות און ליידן וואָס עס זיינען געקומען אויף ירושלים אין אירע איינוואוינער. אין דריטן קאַפּיטל דערציילט דער דיכטער, וואָס עס איז געשען ביים חורבן און זאָגט, אַז מיר דאַרפן פאַרנעמען די שטראָף, ווייל גאָט׳ס משפט איז גערעכט. אָבער גאָט וועט נאָך רחמנות האָבן אויף אונז און אונז צוריקברענגען אין זיין לאַנד און אויך נקמה נעמען פון די פיינט און זיי באַצאָלן, אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן צו אונז. אין פערטן קאַפּיטל ברענגט דער דיכטער אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער חורבן איז געקומען צוליב די פאַלשע נביאים און צוליב די פאַרדאָרבענע כהנים, וועלכע האָבן פאַרפירט דאָס פאָלק. דאָס פינפטע קאַפּיטל איז אַ תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל אונז נישט פאַרגעסן אויף אייביק און אַז ער זאָל צוריק באַנייען אונזערע יאָרן אַזוי ווי פריער (השיבנו ה׳ אליך ונשובה, חדש ימינו כקדם).

לויט דער גמרא האָט ירמיה געשריבן דאָס „ספר איכה״, אָבער עס איז געווען אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט ביי די חכמים, ווען ער האָט עס געשריבן. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז אין דער צייט פון קעניג יהויקים, אַנדערע האָבן אָבער געזאָגט, אַז ירמיה האָט געשריבן די מגילה ערשט נאָכן חורבן (איכה רבתא פ״א, א׳).

די ביבל־פאָרשער האָבן אָבער אַנדערע מיינונגען וועגן דעם מחבר און וועגן דער צייט פון דער מגילה. אַזוי זיינען דאָ מיינונגען, אַז קאַפּיטל צוויי און פיר זיינען פיל עלטער ווי איינס און פינף און אַז קאַפּיטל דריי איז אַ שפּעטערדיקע שאַפונג. די אַלע מיינונגען אָבער זיינען נאָר השערות, אָן שום באַגרינדונג. אַ סך שטעלן זיך אויך אָפּ דערויף, וואָס אין קאַפּיטל צוויי איז דער אות „פא״ פאַר דעם „עין״ (דער פסוק וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ „פא״ איז פריער פאַרן פסוק וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן „עין״). זיי ווילן דערפון דרינגען, אַז אין גאָר אַלטע צייטן איז די „פא״ געווען פאַר די „עין״ און אַז דאָס קאַפּיטל שטאַמט פון יענע אַלטע צייטן. אָבער דער מדרש האָט

שוין דאָס באַמערקט און זאָגט וועגן דעם, אַז דאָס איז דערפאַר צו ווייזן, אַז די מענטשן פון ירושלים האָבן אַרויס געזאָגט ווערטער מיטן מויל (פּה) איידער זיי האָבן עס געזען מיטן אויג (עין) (איכה רבתי פּרק ב׳, כה).

„איכה" ווערט געזאָגט תשעה באָב ביינאַכט, ביי דער צערעמאָניע פון זאָגן קינות אויפן חורבן פון ירושלים. מען זאָגט די מגילה מיט אַ ספּעציעלן ניגון, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. מיט אַזאַ ענלעכן ניגון לייענט מען אויך די הפטורה אין די דריי וואָכן, פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באָב. עס איז אַ טרויעריק־מעלאָדישער ניגון, וואָס שטאַמט פון גאָר אַלטע צייטן.

קהלת

דאָס ספר „קהלת" איז דאָס פערטע פון די „פינף מגילות" און דאָס זיבעטע פון די „כתובים". דאָס איז אַ ווערק, וואָס עס ווערט, צום ערשטן מאָל אין דער ביבלישער ליטעראַטור, אַרויסגעבראַכט פרייע פילאָזאָפישע געדאַנקען וועגן גאָט, וועלט און מענטש. פיל פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זיינען זייער געוואָגטע און זיינען אין תוך קעגן דעם יסוד פון דער אידישער רעליגיע. קהלת לייקנט אַז עס איז דאָ אַ באַלוינונג פאַר טאָן גוטס און אַ באַשטראָפונג פאַר טאָן שלעכטס. ער זאָגט: „ומותר האדם מן הבהמה אין" (דער מענטש איז מיט גאָרניט בעסער ווי די בהמה), וואָס עס מיינט, אַז עס איז ניטאָ קיין באַלוינונג אָדער באַשטראָפונג. אַ חוץ דעם זיינען דאָרטן פאַראַן פיל אַנדערע פרייע געדאַנקען אין אויסדרוקן.

אין תלמוד ווערט דערציילט, אַז מען האָט געוואָלט קאָנפיסקירן דאָס „ספר קהלת", ווייל מען האָט דערין געפונען רייד וואָס זיינען נוטה צו די רייד פון די אפּיקורסים. אָבער מען האָט עס אָפּגעראַטעוועט, ווייל אין אָנהויב און צום סוף זיינען דאָ פרומע רייד.

קהלת הויבט אָן זיין ווערק מיטן סוף, מיטן סאַמען שלוס צו וועלכן ער איז געקומען נאָך פיל טראַכטן און פאָרשן. ער דענקט, אַז אַלץ איז נאַרישקייטן, הבל הבלים, נאַרישקייטן איבער נאַרישקייטן. אָט־דאָס איז די אונטערשטע שורה פון אַלעם וואָס אַ מענטש טוט אונטער דער זון, ווי לאַנג ער לעבט. אָבער לאָמיר לאָזן ריידן קהלת'ן (טיילווייז לויט נפתלי גראָס' איבערזעצונג).

קהלת שטעלט אַוועק די פראַגע אָפן:

וואָס קומט אַרויס דעם מענטש פון זיין גאַנצער מי,
וואָס ער טוט זיך מיען אונטער דער זון?

ער ווייזט אויף, אַז אַ דור גייט אַוועק און אַ דור קומט, אָבער די ערד באַשטייט אויף אייביק. אַזוי איז אויך מיט דער זון, מיט די טייכן וועלכע גייען כסדר צום ים און מיט דער גאַנצער וועלט. אַלץ איז דאָס זעלבע.

וואָס עס איז געווען — איז דאָס וואָס עס וועט זיין.

און וואָס עס איז געטאָן געוואָרן — איז דאָס וואָס עס וועט געטאָן ווערן;
עס איז גאָרניט נײַ אונטער דער זון.

און אָט אין דעם גאַנג פון דער נאַטור זעען מיר, אַז אויך מיט די מענטשן איז אַזוי. מענטשן גייען און מענטשן קומען, דורות קומען און פאַר־שווינדן. אָבער מיט די מענטשן איז דאָך אַנדערש. ווייל עס איז שוין דאָ אַ טראַגעדיע. די טראַגעדיע איז דאָס וואָס —
עס איז ניטאָ קיין געדעכעניש פון די ערשטע;
און אויך פון די שפּעטערדיקע וואָס וועלן זײַן, וועט ניט זײַן פון זיי קיין געדעכעניש בײַ די וואָס וועלן זײַן נאָך שפּעטער.

אַזוי איז דער סדר העולם. אָבער דאָס איז זייער טרויעריק.

און קהלת דערציילט, אַז ער איז געווען קעניג אין ירושלים (וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער) און זאָגט:
איך האָב אָפּגעגעבן מײַן האַרץ צו פאָרשן און אויסצוקלײַגן דורך חכמה וועגן אַלץ וואָס עס ווערט געטאָן אונטער דעם הימל.

און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז בכלל קען מען זאָגן וועגן דעם לעבן פון מענטש אויף דער ערד, אַז —
דאָס איז אַ שלעכטער ענין, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן־קינדער צו פּלאָגן זיך מיט דעם; אַלץ איז נאַרישקייט און יאָגן זיך נאָך ווינט;
אַזאַ קרומקייט וואָס קאָן ניט געמאַכט ווערן גלײַך;
און אַזאַ חסרון וואָס קאָן ניט אויסגעבעסערט ווערן.

דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט האָט ניט קיין זין — מיינט קהלת, און אויב איינער וועט זאָגן אַז דאָס בעסטע איז זיך צו פאַרנעמען אויף דער וועלט מיט חכמה און וויסנשאַפט, איז דאָס אויך גאָרניט.
איך האָב אָפּגעגעבן מײַן האַרץ צו פאַרשטיין חכמה
און האָב באַנומען, אַז אויך דאָס איז אַ יאָגן נאָכן ווינט.
ווייל אין אַ סך חכמה, איז אַ סך פאַרדרוס
און וואָס מער וויסן — איז אַלץ מער ווייטיק.

אַלזאָ, אויב אַזוי, וואָס בלײַבט צו טאָן? — אפשר האָבן אַ סך פרייד, אפשר פיל פאַרגעניגנס, ווי הײַזער, גערטנער, אַ סך קנעכט און דינסטן? אפשר האָבן אַ סך גאָלד און זילבער און אפשר גאָר זיך אַרומרינגלען מיט זינגער און זינגערינס, צי גאָר —
די פאַרגעניגנס פון מענטשן־קינדער, ווײַב און לײַב.

זאָגט קהלת אַז ער האָט עס אויך געטאָן און ער קען אייך זאָגן, אַז —
אַלץ וואָס מײַנע אויגן האָבן פאַרלאַנגט האָב איך פון זיי ניט צוריקגעהאַלטן;

איך האָב ניט פאַרמידן מיין האַרץ פון קיין שום פרייד —
אָבער —
איך האָב מיך אַרומגעקוקט אויף אַלע מיינע טואונגען
און אויף דער מי וואָס איך האָב מיך געמיט צו טאָן און געזען —
אַלץ איז נאַרישקייט און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט —
עס קומט גאָרניט אַרויס דערפון.

די הויפט־טראַגעדיע פון לעבן איז אָבער דאָס וואָס דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט ווי אַ נאַר. מעג ער זיין ווי קלוג און ווי געלערנט.

וואָרים עס איז ניטאָ קיין געדעכעניש אויף אייביק פון דעם חכם ביזן נאַר;
וואָרים אין די טעג וואָס וועלן קומען וועט אַלץ שוין לוידער זיין פאַרגעסן.
עס טוט שטאַרבן דער חכם צוזאַמען מיטן נאַר
און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן —
וואָרים שמערצלעך איז מיר געוואָרן די טואונג, וואָס עס ווערט געטאָן אונטער דער זון
וואָרים אַלץ איז נאַרישקייט און אַ יאָגן זיך נאָכן ווינט.
וואָרים וואָס טויג דאָס אַלץ וואָס איך האָב זיך געמיט אויף דער וועלט?
וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס ווען —
איך מוז דאָס אַלץ איבערלאָזן דעם מענטש, וואָס וועט זיין נאָך מיר
און ווער ווייס צי ער וועט זיין אַ חכם אָדער אַ נאַר.

און טאָמער וועט עמיצער זאָגן אַז דאָס בעסטע איז ווען מען איז אויף דער וועלט צו לאָזן זיך וואוילגיין און עסן און טרינקען, זאָגט קהלת, אַז ער האָט דאָס אויך אויספּרובירט. יאָ, ער האָט אויך דאָס געטאָן און געקומען צום באַשלוס אַז —
אויך דאָס איז נאַרישקייט און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט.

קהלת איז דעריבער זייער פעסימיסטיש איבער דעם לעבן פון דעם מענטש אויף דער וועלט. ער געפינט, אַז אַלץ וואָס דער מענטש טוט ווען ער לעבט, איז פון קליינער באַדייטונג און אַז אין סך־הכל איז אַלץ ניט מער, ווי אַ יאָגן זיך נאָכן ווינט. קען מען אפשר זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ העכערע באַשטימונג פאַרן מענטש נאָך זיין טויט, איז דאָס אויך ניט אַזוי:
ווייל דאָס וואָס עס טרעפט די מענטשן־קינדער און דאָס וואָס עס טרעפט דער בהמה איז איין זאַך,
אַזוי ווי עס שטאַרבט דער, אַזוי שטאַרבט דער אַנדערער.
און דער פאָרצוג פון מענטש איבער דער בהמה איז גאָרניט.
וואָרים אַלץ איז נאַרישקייט,
אַלץ טוט גיין אין איין אָרט,
אַלץ איז געשאַפן געוואָרן פון דער ערד

און אַלץ קערט זיך אום צוריק צו דער ערד.
ווער ווייסט צי דער גייסט פון מענטש טוט אַרויפגיין אויבן,
און צי דער גייסט פון דער בהמה טוט אַראָפּנידערן אונטן?

* * *

דאָס זיינען שאַרפע רייד, אָבער דאָך ניט קיין ווידערשפּעניקונג. אמת, אונזער תורה לערנט אונז אָפּטימיזם אין לעבן „ובחרת בחיים" (דו זאָלסט אויסוויילן דאָס לעבן). דאָך האָט ביי אונז דער אָפּטימיזם שטענדיק געהאַט אַ פּעסימיסטישן אונטערשלאַג. דאָס איז אין זין פון דער גמרא, וואָס דערציילט, אַז צוויי און אַ האַלב יאָר האָבן די בית הלל געפירט אַ מחלוקה מיט די בית שמאי, וואָס עס איז בעסער פאַר אַ מענטש, צי ער זאָל געבוירן ווערן אָדער ניט. און ענדליך איז מען געקומען צום באַשלוס, אַז עס וואָלט בעסער געווען פאַרן מענטש ווען ער וואָלט ניט געבאָרן געוואָרן.

אָבער דערפאַר האָט קהלת אַ שטאַרקן זין פאַר גערעכטיקייט און דאָס פאַרלאַנגט ער פון די מענטשן, אַזוי לאַנג ווי זיי לעבן אויף גאָט׳ס וועלט.

קהלת קעמפט כסדר פאַר דעם אָרימאַן און פאַר דעם גע׳רודפ׳טן. ער ווערט בייז ווען ער טראַכט —

און מער נאָך האָב איך געזען אונטער דער זון.
דאָס אָרט פון משפט — דאָרט איז רשעות;
און דאָס אָרט פון גערעכטיקייט — דאָרט איז די שלעכטס;
איך האָב מיך אומגעקוקט און געזען די אַלע באַדריקונגען, וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון.
געזען די טרערן פון די באַדריקטע און עס איז ניטאָ פאַר זיי קיין טרייסט.
דאָס איז די קנאה פון מענטש צו מענטש.

און קהלת איז באַזאָרגט נאָר וועגן איין זאַך, נעמלעך, דאָס וואָס ער דענקט, אַז —

איין טרעפעניש איז פאַר דעם צדיק און פאַר דעם רשע; פאַר דעם ריינעם און פאַרן אומריינעם.

קהלת פירט אויס: פריי דיך, בחור, אין דיין יוגנט און האָב הנאה פון לעבן, אָבער געדענק, אַז — וועגן אַלעם וועט דיך גאָט נעמען צום משפט...

מיט אַנדערע ווערטער: דו ווייסט באַצאָלן, מענטש, מיט פיל צער און ליידן יאָרן לאַנג פאַר די עטלעכע גוטע מינוטן וואָס דו ווייסט אַריינכאַפּן...

לויט דער טראַדיציע האָט שלמה המלך געשריבן דאָס ספר „קהלת" דאָס וואָרט „קהלת" מיינט „איינזאַמלונג", עס מיינט, איינער וואָס פירט אָן מיט אַ „קהל", מיט דער עפנטלעכער מיינונג. די ביבל-קריטיקער זיינען אָבער מיט דער מיינונג, אַז שלמה המלך האָט ניט געשריבן „קהלת", נאָר עס איז געשריבן געוואָרן ערשט אין די טעג פון צווייטן בית המקדש. גרעץ דענקט, אַז דאָס „ספר קהלת" האָט געשריבן הורדוס. אַן אַנדערער ביבל-קריטיקער,

ליימדערפער, דענקט, אַז שמעון בן שטח האָט עס געשריבן. רענאַן דענקט, אַז עס איז געשריבן געוואָרן שפּעטער, אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג און ש. ר. ראַפּאָפּאָרט מיינט, אַז דער מחבר איז געווען איינער פון די איסיים. אַזוי זיינען דאָ נאָך פיל אַנדערע מיינונגען וועגן מחבר. לויט איין מיינונג האָבן דריי פאַרשידענע מחברים געשריבן „קהלת" און זייערע רייד זיינען שפּעטער אויסגעמישט געוואָרן איינס מיטן אַנדערן. אָבער די אַלע געדאַנקען און מיינונגען זעען אויס צו זיין פאַלש, ווייל בן סירא ברענגט שוין אייניקע ערטער פון „קהלת" אַלס אַ ווערק פון תנ"ך, און בן סירא האָט דאָך געלעבט מיט 300 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

אַנדערע ביבל־קריטיקער זאָגן, אַז דאָס איז אַ ווערק פון איינעם פון די העלעניסטן און אין קהלת זיינען דאָ פיל שפּורן פון דער גריכישער קולטור. אָבער ר' נחמן קראָכמאַל לייקנט דאָס און זאָגט „שאין בו לא דבר ולא חצי דבר מחכמת היונים" (עס איז ניטאָ אין בוך קיין זאַך אָדער אַפילו אַ טייל פון דער גריכישער וויסנשאַפט). דאָס זעלבע זאָגט אויך רענאַן.

פון די אידן האָט שד"ל פיל באַוויזן אַז דאָס בוך איז ניט פון שלמה המלך, ווייל עס איז קעגן „משלי", אָבער דוד כהנא און פרידלענדער וויזן אויף פאַרקערט, אַז קהלת איז פיל ענלעך צו משלי. דעריבער קומען זיי ביידע צו דער איבערצייגונג, אַז קהלת איז טאַקע געשאַפן געוואָרן פון שלמה המלך.

צו זיי האָבן אויך צוגעשטימט פיל קריסטלעכע געלערנטע. מען באַוויזט דאָס דורך פיל ווערטער און אידיאָמען וואָס געפינען זיך אין קהלת און אויך אין שלמה המלכ'ס ווערק „שיר השירים" און „משלי", ווי דער אויסדרוק „חסר לב" (אין משלי און קהלת), „שוק" (אין משלי, שיר השירים און קהלת). אַזוי זיינען דאָ נאָך פיל אַנדערע ווערטער און גאַנצע אידיאָמען. אויך דער רוף צו גערעכטיקייט דערמאָנט שטאַרק אין שלמה המלכ'ס תפילה צו גאָט ווען ער איז געוואָרן קעניג, אַז גאָט זאָל אים פירן אויפן וועג צו קענען אויסטיילן גערעכטיקייט צום פאָלק.

די פראַגע איז אָבער דאָס וואָס אין קהלת געפינען מיר אַזעלכע אויסדרוקן וואָס זיינען פריער אין דער ביבל ניט געווען, ווי למשל: דאָס באַנוצן זיך מיט אַ „שין" נעבן אַ צווייט וואָרט, אַנשטאָט דעם וואָרט „אשר" (פון). די נייע פאָרם איז געווען אַראָפּצואוואַרפן די „אַלעף" און „ריש" פון וואָרט „אשר" און די „שין" צוגעבן צום אַנדערן וואָרט. אָבער דאָס איז אַ קנאַפּער באַוויז, ווייל אַפילו אין שיר השירים, וואו עס הויבט זיך אָן מיט „שיר השירים אשר לשלמה", געפינען מיר אויך אין טעקסט פיר מאָל דעם געברויך פון דעם „שין" אַליין אַנשטאָט „אשר", ווי די ווערטער „שהמלך" (שיר השירים א'), „שיפוח היום" (שיר השירים ב') און נאָך אַנדערע. די שין־פאָרם ווערט אויך געברויכט שוין פיל פריער, ווי:

„כחול שעל שפת הים" (שופטים ז׳-י״ב) און ניט „אשר" על שפת הים. און אַזוי איז עס אויך דאָ אין מלכים און אין אַנדערע ספרים.

עס זעט דעריבער אויס נענטער די מיינונג, אַז קהלת איז געשאַפן געוואָרן, ווי די טראַדיציע זאָגט, פון שלמה המלך און דער נאָמען קהלת, וואָס ער גיט אָן אין אָנהויב פון בוך, איז געווען אַ פאַרשטעלטער נאָמען, ווי עס האָבן הייגט־צו־טאָג שרייבער געוויסע פסעוודאָנימען.

קהלת האָט 12 קאַפּיטלען, אָבער פיל מפרשים מיינען, אַז די פרשיות זיינען ניט ריכטיק איינגעטיילט געוואָרן, ווייל פיל פסוקים, וואָס באַלאַנגען נאָך צו אַ פריערדיקן קאַפּיטל, ווערן גאָר צוגעשריבן צו אַ צווייטן. דעריבער האָבן די פאָרשער אָנגענומען מענדעלסאָנ׳ס איינטיילונג, לויט וועלכער קהלת האָט דרייצן קאַפּיטלען מיט אַ צוגאָב. לויט אָט דער איינטיילונג קומט אויס, אַז קאַפּיטל איינס איז פון אָנהויב ביזן פסוק עלף פון קאַפּיטל איינס (ביזן פסוק „אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים"). פון דאָרטן הויבט זיך אָן קאַפּיטל צוויי, וואָס ציט זיך ביזן פסוק עלף פון צווייטן קאַפּיטל. קאַפּיטל דריי — פון דאָרטן, אָנהויבנדיק מיטן פסוק „ופניתי" ביז קאַפּיטל צוויי, פסוק זעקס און צוואַנציק (וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער „ורעות רוח"). קאַפּיטל פיר — אָנהויבנדיק מיט די ווערטער „ולכל זמן" ביז קאַפּיטל 4, פסוק דריי (תחת השמש); קאַפּיטל פינף — פון דאָרטן ביז „ורעיון רוח" (פסוק 17 פון קאַפּיטל פיר); קאַפּיטל זעקס — פון דאָרטן ביז „בשמחת לבו" (קאַפּיטל 7 — 14); קאַפּיטל אַכט — פון דאָרטן ביז „לרע לו" (קאַפּיטל אַכט פסוק ניין); קאַפּיטל ניין — פון דאָרטן ביז „פתאום" (קאַפּיטל ניין — 12); קאַפּיטל צען — פון דאָרטן ביז „ללכת אל עיר" (קאַפּיטל 10, פסוק 12); קאַפּיטל עלף — פון דאָרטן ביז די ווערטער „כאחד טובים" (קאַפּיטל עלף — זעקס); קאַפּיטל צוועלף — פון דאָרטן ביז די ווערטער „אשר נתנה" (קאַפּיטל 12 — 7); קאַפּיטל דרייצן — פון „הבל הבלים" ביז צום סוף פון ספר. די לעצטע זעקס שורות זיינען צוגעשריבן געוואָרן פון די רעדאַקטאָרן, חזקיה און זיין סוויטע.

קהלת ווערט געלייענט אין די שולן שבת חול המועד סוכות און אין אַנדערע ערטער — אין שמיני עצרת, און אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע מגילות, האָט זי ניט קיין באַזונדערן ניגון.

מגילת אסתר

„מגילת אסתר" איז דאָס פינפטע און לעצטע ספר פון די „פינף מגילות" און דאָס אַכטע פון די „כתובים". מגילת אסתר איז אַ דערציילונג פון אַ געשעעניש, וואָס האָט פּאַסירט אין פּערסיען, אין דער צייט פון קעניג אחשורוש, ווען דער עלטסטער פון די מיניסטאָרן, המן, האָט געוואָלט אומ־ברענגען אַלע אידן און אַ דאַנק דעם וואָס דער קעניג איז פאַרליבט געוואָרן

אין אַ אידיש מיידל, אסתר, איז איר געלונגען צו שרייבן צו די אידן, אין נאָמען פון קעניג, אַז זיי האָבן אַ רעכט צו פאַרטיידיקן זיך און פאַרניכטן זייערע שונאים וואָס וועלן אָנפאַלן אויף זיי. אַזוי אַרום זיינען די אידן ניצול געוואָרן פון אַ צרה און זיי האָבן זיך נוקם געווען אין זייערע פיינט. דאָס איז געשען אין די טעג דרייצן און פערצן פון חודש אדר און אין די שטעט וואָס האָבן פעסטונגען — אין פערצנטן און פופצנטן פון חודש אדר. דעריבער האָט מען באַשטימט דעם טאָג פון פערצנטן אדר פאַר אַ טאָג פון יום־טוב און אין אַזעלכע שטעט ווי שושן, איז דער יום־טוב דעם פופצנטן טאָג פון חודש אדר. דער יום־טוב הייסט „פורים" צוליבן „פור" (גורל) וואָס המן האָט געוואָרפן, ווען צו פאַרניכטן די אידן. עס איז באַשטימט געוואָרן צו פאַסטן דעם דרייצנטן טאָג פון אדר (דער תענית ווערט אָנגערופן „אסתר תענית") און צו לייענען אין אָוונט די מגילת אסתר און אויך צו־מאָרגנס אין דער פרי און צו מאַכן אַ גרויסע מאָל־צייט דעם פערצנטן אדר אין אָוונט.

לויט דער אידישער טראַדיציע האָבן די אנשי כנסת הגדולה אָנגעשריבן אָדער רעדאַגירט „מגילת אסתר". עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע דיס־קוסיע צי מען זאָל זי אַריינעמען אין כלל פון די כתבי הקודש.

די ביבל־פאָרשער זיינען אין אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט וועגן דער צייט ווען „אסתר" איז אויפגעשריבן געוואָרן און ווער עס איז געווען איר מחבר, הויפּטזעכלעך, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין צייט אין דער הערשאַפט פון די קעניגן פון פערסיען, ווען די געשיכטע זאָל האָבן פאַסירט. דאָך זיינען דאָ אַ טייל וואָס גיבן אָן די צייט אַלס די פון קעניג אַרטאַקסערקסעס דער ערשטער (געלעבט אין די יאָרן פון 425—465 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג). אַנדערע דענקען, אַז עס איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, און נאָך אַנדערע, אַז גאָר אין דער צייט פון 4טן יאָרהונדערט. אָבער ווי אַזוי שטימט דאָס מיט דער שטעלע פון תלמוד, וואו עס ווערט דערציילט, אַז עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון אַריינעמען אסתר אין תנ"ך, וואָס איז געווען נאָך אין דער צייט פון די אנשי כנסת הגדולה, באַלד נאָך עזרא?

אָבער אויסער די געבראַכטע מיינונגען, זיינען נאָך דאָ פיל אַנדערע השערות, ווי למשל, אַז עס איז אַן איבערזעצונג פון אַן אַנדערע שפּראַך, מעגלעך פון כאַלדעאיש, און עס איז אין אָריגינאַל געווען גאָר אַ שילדערונג פון דעם קאַמף פון גאָט „מאַרדוק" (מרדכי) מיט דער געטין „איסטאַר" (אסתר) איבער דעם גאָט פון עלם — „הומאַן" (המן) און „מאַשתי" (ושתי). נאָך אַנדערע דענקען, אַז די גאַנצע זאַך איז אַן אַלעגאָריע וועגן דעם אייביקן האַס פון די פעלקער צום אידישן פאָלק, וואָס לעבט צווישן זיי. אָבער דאָס זיינען אַלץ נאָר השערות וואָס האָבן ניט קיין גרונד.

אונז איז דעריבער נענטער די אידישע טראַדיציע, וועלכע גיט אָן אַ

גענויע דערקלערונג וועגן דער אַנטשטייאונג פון יום־טוב „פורים״, וועגן דעם נאָמען פון דעם יום־טוב און ווי אַזוי די אידן האָבן זיך אַנטקעגנ־געשטעלט קעגן זייערע שונאים. אין דעם זין איז דאָס בוך אַן ערשטלינג פון פיל אַזעלכע פורים׳ס, ווען אידן האָבן זיך געדאַרפט צו פאַרטיידיקן קעגן שונאים אין פאַרשידענע לענדער, אָבער זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ נס. אין די דאָזיקע ערטער האָבן די אידן באַשטימט יענע טעג אַלס אַ קליינער פורים, אָדער אַלס אַ לאָקאַלער פורים, וואָס ווערט געפייערט אין יענע שטעט ביזן היינטיקן טאָג.

ה. עזרא

דאָס ספר „עזרא״ פאַרנעמט אין די „כתובים״ דעם פערטן אָרט, נאָך די פינף מגילות (אויב מען רעכנט די מגילות פאַר אייצלנע ספרים, פאַרנעמט עזרא דאָס זיינטע אָרט). דער נאָמען פון ספר איז פון עזרא הסופר, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער, נאָכן אומקערן זיך פון די אידן פון גלות בבל קיין ארץ־ישראל, צו בויען דאָרטן דאָס צווייטע בית המקדש און צוריק אָנצוהויבן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן אין לאַנד. ער איז געווען אַ כהן און האָט געפירט אַ יחוס־בריוו ביז צו אהרן הכהן. די געשיכטע פון זיין לעבן ווערט דערציילט אין ספר עזרא אין די קאַפּיטלען 7, 8, 9 און 10 און אויך אין ספר נחמיה, וואָס קומט באַלד נאָך עזרא, אין די קאַפּיטלען 8, 9 און 10.

עזרא איז אָדער געבוירן געוואָרן אין בבל, אָדער האָט געלעבט דאָרטן אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן. אין זיבעטן יאָר פון קעניגן פון קעניג אַרטאַקסערקסעס דער ערשטער פון פּערסיען, האָט ער געקראָגן פון אים אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי איינצואָרדענען דאָרטן דאָס אידישע רעליגיעזע לעבן. די גאַנצע צאָל פון די וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון בבל איז געווען 49,897. כאָטש עזרא האָט געקאָנט מורא האָבן פאַר רויבערס, וואָס פלעגן אין יענע צייטן באַפאַלן די רייזנדע, האָט ער דאָך ניט געבעטן דעם קעניג, אַז ער זאָל אים געבן אַ שוץ־וואַך פון מיליטער, וואָס זאָל באַגלייטן דעם קאַראַוואַן. ענדלעך איז די גאַנצע מחנה אָנגעקומען בשלום קיין ארץ־ישראל, נאָך אַ רייזע פון פיר חדשים. דאָס איז געווען אין יאָר דריי טויזנט 413, אידישע צייט־רעכענונג (347 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג).

דאָס ספר עזרא פאַרנעמט זיך מיט שילדערן די לאַגע פון לאַנד אין יענער צייט, ווען די אידן האָבן זיך אומגעקערט פון בבל. אין יענער צייט האָט מען געבויט דעם צווייטן בית המקדש, אָבער די שונאים פון די אידן האָבן געשיקט מסירות אויף די אידן צום פּערסישן קעניג. אין די מסירות האָבן זיי געזאָגט, אַז די אידן טראַכטן פון אַ רעוואָלוציע קעגן קעניג, וואָס עס איז געווען פאַלש. דער קעניג האָט אויסגעפאָרשט די זאַך און האָט אויס־געפונען, אַז די מסירות זיינען פאַלש און געהייסן די אידן, אַז זיי זאָלן ווייטער בויען דעם בית המקדש.

עזרא האָט פיל אויפגעטאָן פאַר די אידן און אידנטום אין יענער צייט. ער האָט געלייענט פאַר די אידן פון דער ספר תורה און זיי דערקלערט די אידישע געזעצן. אַ גרויסער פּראָבלעם איז געווען פאַר אים דאָס וואָס פיל פון די צוריקגעקומענע האָבן געהייראַט מיט ניט־אידישע פרויען. עזרא האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף זיי מיט גוטן, אַז זיי זאָלן אָפּ׳גט׳ן זייערע ווייבער און חתונה האָבן מיט אידישע טעכטער און דאָס איז אים טיילוויז

געלונגען. עזרא האָט אויך געשאַפן פיל תקנות, אַ טייל פון זיי זיינען געווען אויף אויסצובעסערן דאָס אידישע פאַמיליע־לעבן.

דאָס ספר עזרא האָט צען קאַפּיטלען. עס איז אין אָנהויב געווען פאַר־אייניקט מיטן ספר נחמיה, וואָס איז אַ פאָרזעצונג פון דער געשיכטע פון יענע טעג, אָבער שפּעטער האָט מען עס צעטיילט אין צוויי באַזונדערע ספרים.

אין עזרא געפינען זיך אויך עטלעכע קאַפּיטלען וואָס זיינען אין אַראַ־מעאיש. דאָס איז דערפאַר, וואָס די קאַפּיטלען זיינען גענומען געוואָרן פון אָפיציעלע דאָקומענטן, וועלכע זיינען אין יענער צייט געשריבן געוואָרן אויף אַראַמעאיש. אַזוי ווי אַלע אידן האָבן דעמאָלט געקענט אַראַמעאיש, האָט מען דעריבער די שטעלן ניט איבערגעזעצט אויף העברעאיש.

אין תלמוד ווערט פיל גערעדט וועגן עזרא הסופר אַלס דער באַנייער פון אידנטום. מיט אים הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון די סופרים, וועלכע האָבן געשאַפן די „מסורה" פון תנ"ך און וועלכע זיינען געווען די ערשטע פון דער פרושים־פאַרטיי (די תנאים). עזרא איז דעריבער געווען דער באַנייער פון אידנטום און איינער פון די גרעסטע גייסטער אין אידישן לעבן.

ז. נחמיה

דאָס ספר נחמיה איז דאָס זעקסטע פון די „כתובים" (אויב מען רעכנט די פינף מגילות פאַר איינס — און דאָס צענטע אויב מען רעכנט יעדע פון די מגילות פאַר אַ באַזונדערן ספר). נחמיה דער זון פון חכליה איז געווען אַ גובערנאַטאָר פון יהודה, אָבער מער נאָך ווי דאָס איז ער געווען דער יעניקער, וואָס האָט צוריק אויפגעבויט די אידישע מדינה נאָך דעם ווי די אידן זיינען צוריקגעקומען פון גלות בבל און דאָס לאַנד איז געווען וויסט. ער איז געווען פריער דער „שר המשקים" ביים פערסישן קעניג אַרטאַק־סערקסעס דער ערשטער, אין שושן (סוסא). אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער גע'פועל'ט ביים קעניג, אַז ער זאָל אים דערלויבן צוריק אויפצובויען די מויער אַרום ירושלים אַזוי, אַז זי זאָל באַשיצן די שטאָט קעגן אָנפאַלערס. דער קעניג האָט אים געגעבן די דערלויבעניש. ביסלעכווייז האָט דער קעניג אים געמאַכט פאַרן הערשער פון גאַנץ ארץ־ישראל און ער האָט געהאַט די מאַכט פון אַ וויצע־קעניג. נחמיה האָט ניט נאָר אויפגעבויט די מויער אַרום ירושלים, נאָר אויך געשאַפן אַ נייעם ישוב פון אידן אין לאַנד און אויסגעבעסערט דעם גאַנצן סיסטעם פון אידישן לעבן. ער איז געווען איינער פון אונזערע גרויסע גייסטער, וועלכע זיינען געקומען פונקט אין דער צייט, ווען דאָס פאָלק האָט געדאַרפט צו האָבן אַ גרויסן פירער. עס איז געווען דעמאָלט ווען די אידן האָבן אָנגעהויבן זייער צווייטע הערשאַפט אין לאַנד; ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון צווייטן בית המקדש. נחמיה האָט מיטגעהאָלפן צו שאַפן אַ נייע עפּאָכע אין אידישן לעבן אין ארץ ישראל.

* * *

עס זיינען דאָ מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן דער צייט פון נחמיה און צי ער האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון עזרא הסופר, אָדער ער איז געווען נאָך אים. לויט איין מיינונג האָבן זיי ביידע געווירקט אין איין צייט, אין דער צייט פון קעניג אַרטאַקסערקסעס דער ערשטער פון פּערסיען, אָבער לויטן תנ"ך, איז עזרא געקומען קיין ארץ ישראל אין זיבעטן יאָר פון דער הערשאַפט פון קעניג און נחמיה — אין צוואַנציקסטן יאָר, דאָס מיינט, אַז עזרא איז געקומען קיין ארץ ישראל מיט דרייצן יאָר פריער ווי נחמיה. אויך איז דאָ אַן אונטערשיד פון וואַנען זיי זיינען געקומען, ווייל עזרא איז געקומען פון בבל און נחמיה פון שושן (פּערסיען). לויט יאָזעפוס איז עזרא שוין געווען טויט ווען נחמיה איז געקומען קיין ארץ ישראל — און דעם פסוק „ויאמר נחמיה הוא התרשתא ועזרא הכהן" (נחמיה ה', ט') טייטשט יאָזעפוס, אַז דאָס איז ניט געווען נחמיה בן חכליה, נאָר אַן אַנדערער, וועלכער האָט געלעבט פריער אין לאַנד. לויט דעם קומט אויס, אַז עס זיינען געווען צוויי נחמיה'ס און אויך דער ערשטער איז געווען אַ הערשער אין לאַנד (דאָס וואָרט „התרשתא" מיינט אַ וויצע־קעניג). אַנדערע

געלערנטע ווילן האָבן, אַז פאַרקערט: עזרא איז געקומען ערשט נאָך נחמיה, און אַפילו מיט אַ לענגערע צייט שפּעטער. אָבער פון אַלע מיינונגען זעט אויס, אַז די ביבלישע טראַדיציע איז די בעסטע. עזרא איז געקומען פריער מיט דרייצן יאָר פאַר נחמיה׳ן. אין עזרא׳ס צייט האָט מען אויסגעבויט דעם צווייטן בית המקדש, אָבער דאָס לאַנד איז נאָך געווען וויסט און די מויער אַרום ירושלים פאַרברענט. שפּעטער איז געקומען נחמיה מיטן כח פון דער פּערסישער מאַכט (אַ כח וואָס עזרא האָט ניט געהאַט) און האָט איינגעפירט אָרדענונג אין לאַנד און געהויבן דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן מצב. נחמיה האָט פאָרגעזעצט די אַרבעט פון עזרא׳ן צו פאַרטרייבן די פרעמדע פרויען, וואָס די אידן האָבן געהאַט גענומען אין בבל און שטרענג געקעמפט קעגן געמישטע הייראַטן. ער האָט אויך פאַרשטאַרקט די רעליגיע און באַזונדערס דאָס אָפּהיטן פון שבת. אָרעמע לייט האָט ער אויך געהאָלפן דערמיט, וואָס ער האָט זיי באַפרייט פון די חובות און ער האָט געצוואונגען די רייכע צו געבן געלטער אויף אויסצובעסערן דאָס אידישע לעבן.

אין יענער צייט, ווי עס ווערט דערציילט אין ספר נחמיה, זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען קעגן נחמיה׳ס אַרבעט. דאָס זיינען געווען דער גובערנאַטאָר פון דער שכנישער פּראָווינץ שומרון, מיטן נאָמען סאַנבאַ־לאַט (סנבלט); איינער מיטן נאָמען טוביה (פון פאָלק עמון) און גשם (אַן אַראַבער). זיי איז ניט געפעלן געוואָרן די אַרבעט וואָס נחמיה טוט און זיי האָבן געוואונען אויף זייער זייט אויך דעם כהן גדול אלישיב און נאָך עטלעכע פון די, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַ שטאַרק ירושלים, און זיי האָבן געשיקט מסירות אויף נחמיה׳ן צום קעניג. אָבער דער קעניג האָט ניט גענומען אין אַכט זייערע רייד, ווייל ערשטנס האָט ער געהאַט אַ שטאַרק צוטרוי צו נחמיה׳ן און צווייטנס האָט דער קעניג געוואָלט אַ שטאַרק ירושלים אין ארץ ישראל אַלס קעגן־קראַפט צו עגיפּטן און גריכנלאַנד, וועלכע זיינען געווען די שונאים פון פּערסיען און האָבן כסדר געטראַכט אָנצופאַלן אויף איר.

דאָס ספר נחמיה האָט 13 קאַפּיטלען. עס קאָן איינגעטיילט ווערן אין דריי טיילן. דער ערשטער טייל איז פון קאַפּיטל איינס ביז 7, וואו נחמיה רעדט (אין ערשטער פּערזאָן) וועגן זיין לעבן און דערציילט ווי ער איז געוואָרן אַ שר המשקים ביים קעניג און ווי אַזוי דער קעניג האָט אים געגעבן די דערלויבעניש צו בויען די מויער און ווי ער איז ביסלעכווייז געשטיגן ביז צו ווערן דער וויצע־קעניג פון ירושלים. אין צווייטן טייל (פון 8 ביז 10) רעדט ער וועגן דעם, ווי ער האָט אויסגעפירט ביי די אידן אַז זיי זאָלן היטן די תורה און די אידישע געזעצן. אין דריטן טייל (פון 11 ביז 13) דערציילט ער ווי אַזוי ער איז אַוועקגעפאָרן פון ירושלים און ווי אַזוי ער איז געקומען צוריק און ווידער געוואָרן דער גובערנאַטאָר פון ירושלים און האָט איינגעפירט שטרענגע פאָרמען פון אידישקייט. עס איז, נאָך עזרא, די געשיכטע פון דער אידישער אויפלעבונג נאָך גלות בבל.

ז. דברי הימים א׳ און ב׳

„דברי הימים״ (אלף און בית) איז דאָס זיבעטע בוך פון „כתובים״ (אויב מען רעכנט די חמש מגילות פאַר איינס, און אויב מען רעכנט די מגילות פאַר באַזונדערע ספרים, איז עס דאָס עלפטע פון די כתובים). מיט דברי הימים שליסט זיך אָפּ דער תנ״ך (די ביבל).

דברי הימים איז אַ בוך וואָס דערציילט פון דעם יחוס פון די פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט קיין בבל. דאָס ספר באַשטייט פון צוויי טיילן: „דברי הימים אלף״ און „דברי הימים בית״. אין „דברי הימים אלף״ זיינען פאַראַן 29 קאַפּיטלען און אין „דברי הימים בית״ — 36 קאַפּיטלען. אָבער ווען מען נעמט דאָס ספר דברי הימים „אלף״ און „בית״ אַלס אַ גאַנצעס, דאַרף מען עס איינטיילן אויף דריי חלקים. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין אָנהויב (פון קאַפּיטל איינס ביז 14) ווערט איבערגעגעבן די אַנטוויקלונג פון די דורות פון אדם הראשון ביז צו די צוועלף שבטים; דער צווייטער טייל (פון קאַפּיטל 15 אין דברי הימים א׳ ביז צום קאַפּיטל ניין אין דברי הימים ב׳) דערציילט די געשיכטע פון דוד און שלמה; דער דריטער טייל (פון קאַפּיטל 9 אין דברי הימים ב׳ ביז קאַפּיטל 36, דברי הימים ב׳) רעדט זיך וועגן די מלכים פון יהודה, פון רחבעם ביז צדקיהו. אין אַלגעמיין גענומען איז „דברי הימים״ אַן איבער׳חזר׳ונג פון בראשית, יהושע, שמואל א׳ און שמואל ב׳ און פון מלכים א׳ און ב׳ מיט געוויסע ענדערונגען.

דער הויפּט־צוועק פון דברי הימים איז צו דערציילן פון יחוס פון שבט יהודה און אויך באריכות וועגן מלכות בית דוד און וועגן די כהנים און די לויים. דערפאַר איז ער אָבער שטאַרק מקצר וועגן די מלכי ישראל און די צען שבטים.

דער מאַטעריאַל וואָס געפינט זיך אין דברי הימים באַשטייט פון: א) זאַכן וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון אַנדערע ערטער אין תנ״ך; ב) פון רשימות פון דורות און ג) פון אַזעלכע פאַקטן וואָס ווערן נאָר דערמאָנט אין „דברי הימים״.

ווער איז געווען דער מחבר פון ספרי „דברי הימים״? — לויטן תלמוד איז עס געווען עזרא. אָבער די מאָדערנע ביבל־קריטיק איז מיט דער מיינונג, אַז עס איז געווען אַ שפּעטערדיקער מחבר, איינער פון שבט לוי, ווייל ער שילדערט באַזונדערס די לויים אין בית המקדש. די מיינונג, אַז עס איז געווען אַ שפּעטערדיקער מחבר איז דערפאַר, וואָס עס ווערן דער־מאָנט אין דברי הימים נעמען פון מענטשן וואָס האָבן געלעבט צום ווייניקסטנס 75 יאָר נאָך עזרא׳ן.

אַמאָל זיינען אויך די צוויי ספרים פון „דברי הימים״ געווען איין ספר, אָבער מען האָט עס צעטיילט, ווייל עס איז געווען צו גרויס. בכלל געזאָגט,

ווערן די דריי ספרים — עזרא, נחמיה און דברי הימים — באַטראַכט ווי איין זאַך, ווייל זיי באַהאַנדלען די געשעענישן פון איין צייט, נעמלעך: פון דער תקופה פון אָנהייבן פון צווייטן בית המקדש.

* * *

מיט דעם ספר „דברי הימים" זיינען די הייליקע ביכער פון דער ביבל (תנ"ך) פאַרענדיקט. די דאָזיקע הייליקע ביכער באַשטייען אַלזאָ פון 24 שאַפּונגען: אין אָפּטיילונג פון „תורה" זיינען דאָ 5 ספרים: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים. אין דער אָפּטיילונג פון נביאים זיינען דאָ — אין נביאים ראשונים — 4 ספרים: יהושע, שופטים, שמואל (א' און ב') און מלכים (א' און ב'). אין נביאים אחרונים זיינען אויך דאָ פיר: ישעיה, ירמיה, יחזקאל און „תרי עשר" (וואָס עס מיינט 12, ווייל אין דעם ספר האָט מען צוזאַמענגענומען די רייד פון 12 נביאים און געמאַכט דערפון איין ספר. די 12 נביאים זיינען: הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי). דערנאָך קומט כתובים מיט עלף ספרים (אויב מען רעכנט יעדן ספר באַזונדער). זיי זיינען: תהלים, משלי, איוב, שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר, דניאל, עזרא און נחמיה (אַלס איין ספר) און דברי הימים. צוזאַמען — 24 ספרים. זיי ווערן אויך אָנגערופן „עשרים וארבעה", וואָס עס מיינט אויף העברעאיש — 24.

אויסער די 24 ספרים זיינען אין יענער צייט געווען נאָך אַנדערע ספרים, וועלכע מען האָט ניט קאַנאָניזירט, דאָס הייסט מען האָט זיי אין דער צאָל פון די הייליקע ספרים ניט אַריינגענומען. זיי ווערן דערפאַר אָנגערופן „ספרים חיצונים" (אויסגעבליבענע ספרים), אָדער ווי זיי רופן זיך אויף גריכיש: אַפּאָקריפן. אַ קלאָר בילד וועגן אָט די ספרים וועלן מיר געבן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.18

אַנדערע שאַפונגען אין דער ביבלישער עפּאָכע

ספרים חיצונים (אויסגעלאָזענע ספרים — אַפּאָקריפן)

מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז ביים אָפּשליסן די ביבל זיינען געווען נאָך אַ גאַנצע רייע פון ספרים, וועלכע מען האָט אין דער ביבל ניט אַריינ־גענומען. זיי זיינען געבליבן אין דרויסן און דערפאַר ווערן זיי אָנגערופן אויף העברעאיש „ספרים חיצונים״, וואָס עס איז דער טייטש: אויסגעבליבענע ספרים. אויף גריכיש ווערן אָט די ספרים אָנגערופן „אַפּאָקריפען״, וואָס עס מיינט אויף גריכיש באַהאַלטענע, ווייל מען האָט דעמאָלט אָנגערופן אָט די ספרים אויף העברעאיש אויך „ספרים גנוזים״ (באַהאַלטענע ספרים), צוליב דעם וואָס מען האָט זיי פאַר׳משפּט, לויטן אויסדרוק פון יענער צייט, „לגניזה״, אויף צו באַהאַלטן, דאָס מיינט, ניט צו געברויכן זיי.

די אַפּאָקריפען שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנצע ליטעראַטור. זייער צאָל דערגרייכט ביז עטלעכע און דרייסיק (קיין גענויען ציפער קאָן מען ניט אָנגעבן, ווייל ווען אַ טייל געלערנטע רעכענען געוויסע ספרים צו די אַפּאָק־ריפען, זאָגן די אַנדערע — אַז ניט). יעדנפאַלס וועגן דרייסיק פון זיי איז מען זיכער, אַז זיי געהערן צו די אַפּאָקריפען.

אָט־די ביכער טיילן זיך קודם כל אויף צוויי טיילן, אויף אַזעלכע וואָס זיינען געווען שוין אויפגעשריבן ווען מען האָט קאַנאָניזירט די ביבל און באַשטימט די צאָל פון די כתבי הקודש (די הייליקע שריפטן), נאָר זיי האָט מען אויסגעלאָזט — און אַ צווייטע גרופּע, וועלכע איז ערשט אויפ־געשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי די ביבל איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

די ספרים, וועלכע זיינען געווען אויפגעשריבן שוין אין דער צייט וואָס די ביבל איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן און מען האָט זיי ניט אַריינגע־נומען אין די הייליקע שריפטן, זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן דערפאַר, וואָס די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע האָבן באַשטימט וועלכע ספרים אַריינצונעמען און וועלכע ניט, האָבן געזאָגט וועגן זיי, אַז זיי טאָרן ניט אַריינגענומען ווערן צוליב דעם וואָס: א) זיי זיינען ניט געשריבן געוואָרן מיט רוח הקודש (מיטן הייליקן גייסט) מיט וואָס די אַנדערע הייליקע ספרים זיינען געשריבן געוואָרן; ב) ווייל זיי זיינען געווען קעגן די רייד פון משה רבינו און די נביאים. אין תלמוד ווערן דערמאָנט עטלעכע פון די ספרים אַלס ספרים חיצונים, ווי למשל, דער ספר פון „בן סירא״ אָדער די ספרים פון „בן לענה״.

דאָס ספר בן סירא איז אונז באַקאַנט. עס אַנטהאַלט אַפאָריזמען אויפן שטייגער פון „משלי", אָבער די חכמים האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נאָכגעמאַכט „משלי" און אַז מען דאַרף עס ניט, ווייל „משלי" איז בעסער. די ספרים פון בן־לענה זיינען אונז נישט באַקאַנט, אָבער זיי האָבן געמוזט זיין קעגן דער תורה און קעגן די נביאים (דער נאָמען „בן לענה" איז אַוודאי געווען אַ פסעוודאָנים, ווייל דאָס וואָרט „לענה" מיינט אויף העברעאיש: ביטער גראָז. עס האָט געמיינט איינער וואָס רעדט מיט ביטערקייט קעגן געוויסע אידישע ענינים). די אַנדערע ספרים פון די אַפאָקריפן זיינען געשאַפן געוואָרן שוין נאָכן אָפשלוס פון דער ביבל, ווי למשל, די ספרי החשמונאים און אַנדערע. נאָך אַן אָפּטיילונג איז דאָ פון אַזעלכע ספרים, פון כלומרשטע זעאונגען, אָבער נישט פון קלאַס פון די נביאים. אויף העברעאיש רופט מען זיי אָן „חזיונות" און אויף גריכיש — „אַפּאָקאַליפּסן". אַזעלכע ספרים זיינען דער ספר חנוך, די סיביל־ליטעראַטור און נאָך אַנדערע. אַ חוץ זיי ווערן אויך אַריינגערעכנט אין כלל פון די אַפאָקריפן, ספרים פון משלים און חידות, וואָס זיינען ניט פון גרויסער באַדייטונג. די אַפאָקריפן ווערן אַלזאָ צעטיילט לויט זייער אינהאַלט אויף: 1) געשיכטע; 2) זעאונגען; 3) לויב־געזאַנגען צו גאָט אויפן שטייגער פון תהלים, און 4) משלים און קלוגע רייד. גייען מיר מיט דער איינטיילונג, זעען מיר, אַז אין דער ערשטער קאַטעגאָריע זיינען דאָ 20 ווערק. זיי זיינען: 1) די ספרים חשמונאים א' און 2) חשמונאים ב', וואו עס ווערט דערציילט אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מתתיהו כהן גדול און זיינע קינדער, די מאַקאַבעער און זייערע קאַמפן מיט די גריכן; 3) עזדראַס, וואָס עס מיינט עזרא, אַ צוגאַבע צו עזרא; 4) אַ צוגאַבע צו דניאל, וואו עס ווערט געבראַכט די מעשה שושנה און אַנדערע מעשיות; 5) אַ צוגאַבע צו מגילת אסתר; 6) די תפילה פון קעניג מנשה (לויט דברי הימים ל"ג, י"ח); 7) די מעשה פון יהודית און האליפאָרנעס; 8) די מעשה טוביה; 9) ספר החשמונאים דריטער טייל, אַ מעשה פון די רדיפות אויף די אידן אין עגיפּטן און ווי אַזוי זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן; 10) „ספר היובלים", אַ מין דרש וועגן בראשית; 11) דאָס לעבן פון אדם און חוה, דרשות אין נוסח פון דער אגדה פון תלמוד; 12) די צוואה פון אברהם אבינו, אויך אַ מין דרש לויט די אגדות פון תלמוד; 13)צוואות פון יצחק און יעקב, דאָס זעלבע וואָס פריער; 14) צוואות פון די צוועלף שבטים — דאָס זעלבע; 15) די צוואה פון איוב'ן — דאָס זעלבע; 16) די צוואה פון משה רבינו — אויפן זעלבן שטייגער; 17) די צוואה פון שלמה המלך — תלמודישע לעגענדעס וועגן שלמה המלך; 18) ספור אסנת און יוסף — דאָס זעלבע; 19) עלית ישעיה — אַ לעגענדע וועגן טויט פון ישעיה הנביא, לויט דער לעגענדע פון תלמוד, אַז מנשה האָט אומגעבראַכט ישעיה'ן (יבמות מ"ט) און 20) „אלה דברי ברוך האחרונים" — אַ מעשה פון דער צייט פון חורבן ירושלים.

צום צווייטן טייל געהערן די זעאונגען־ספרים, ווי: 1) ספר ברוך און

אגרת ירמיה; 2) עלית משה, וואָס איז ווי צוואת משה, נאָר מיט מער זעאונגען; 3) נבואות פון אלדד און מידד — זייערע נביאות לויט תלמודישע לעגענדעס. צו דעם קלאַס קען מען אויך צורעכענען די סיביל־ביכער, וועלכע זיינען דאָ אין אַ געוויסער צאָל.

צום דריטן טייל, לויב־געזאַנגען צו גאָט, ווערן גערעכנט: 1) אַ קאַפּיטל פון תהלים, וואָס איז נישטאָ אין תהילים. דאָס איז קאַפּיטל קנ״א — 151 (ווי באַוואוסט האָט תהלים נאָר 150 קאַפּיטלען); 2) תהלים פון שלמה המלך — 18 קאַפּיטלען פון תהלים וואָס זאָלן געהערן צו שלמה המלך; 3) דריי קאַפּיטלען תהלים געשריבן אויף סיריש. איינער איז ווי דער קאַפּיטל 151, דער צווייטער אַ תפילה פון חזקיה און דאָס דריטע — אַ פאָלקס־געבעט ווען מען האָט געקראָגן פון כורש׳ן די דערלויבעניש צו בויען דעם בית המקדש, און דערצו נאָך צוויי אַנדערע אומבאַקאַנטע קאַפּיטלען תהלים פון דוד המלך.

די פערטע אָפּטיילונג באַשטייט פון קלוגע רייד, משלים און ווערטלעך, ווי: 1) ספר בן סירא; 2) ספר חכמת שלמה — ווי אַזוי שלמה ראָט די פעלקער אָוועקצואוואַרפן געצן־דינסט; 3) דאָס ספר חשמונאים, פערטער באַנד, וואו עס ווערט גערעדט פון דער געהויבנקייט פון גלויבן אין גאָט קעגן דעם געדאַנק פון חקירה. אַזוי זיינען דאָ נאָך אייניקע ספרים פון יענער צייט, ווי דער בריוו אגרת אריסטיאַס פון די אידן פון אַלעקסאַנדריע וועגן איבער־זעצן די תורה, און נאָך אייניקע וויניקער וויכטיקע.

די קריסטלעכע קירכע האָט אָבער אַן אַנדערע מיינונג וועגן די אַפּאָקריפן, ווי די אידן. זיי האָבן אַ טייל אַריינגענומען אין דער ביבל און שפּעטער, נאַטירלעך, אויך זייער עוואַנגעליום, וועלכן זיי רופן אָן: דער „נייער טעסטאַמענט״.

אָבער נאָך איידער די קריסטן האָבן אַריינגענומען געוויסע ספרים פון די אַפּאָקריפן אין דער ביבל, זעען מיר שוין, אַז 14 ספרים, פון די דאָזיקע ספרים חיצונים, זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער ביבל פון דער „סעפּטואַגינטאַ״, די אַלטע גריכישע איבערזעצונג פון תנ״ך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין דער צייט פון די תנאים. די 14 ספרים זיינען: 1) און 2) „עזדראס״ (עזרא)ביידע טיילן; 3) „ספר טוביה״; 4) „ספר יהודית״; 5) די צוגאָבע צו מגילת אסתר; 6) „חכמת שלמה״; 7) ספר „בן סירא״; 8) „ספר ברוך״; 9), 10) און 11) דריי צוגאָבן צום „ספר דניאל״; 12) די תפילה פון מנשה און 13) און 14) די ערשטע צוויי ספרים פון די חשמונאים־ביכער, חשמונאים א׳ און חשמונאים ב׳. די זעלבע 14 ספרים האָט אויך אַריינגענומען די וואולגאַטע, ד. ה. די לאַטיינישע איבערזעצונג פון דער ביבל וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין די ערשטע יאָרהונדערטן פון דער קריסט־לעכער קירכע. די דאָזיקע 14 ספרים זיינען, ווי עס זעט אויס, געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון עזרא הסופר אויף העברעאיש אָדער אַראַמעאיש און זיינען געווען באַקאַנט ביים פאָלק אין דער צייט ווען דער „תרגום

השבעים" איז געמאַכט געוואָרן (די איבערזעצונג פון די 70 געלערנטע פון תנ"ך אויף גריכיש, דערפון דער נאָמען „סעפּטואַגינטאַ", וואָס עס מיינט אויף גריכיש „די זיבעציקער"). לויט אַן אַנדערער מיינונג זיינען די ספרים „חשמונאים ב'" און „חכמת שלמה" געשריבן געוואָרן אין אָריגינאַל אויף גריכיש און שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש. דער רוב פון די 14 ספרים, נעמט מען אָן, איז געשריבן געוואָרן אין ארץ ישראל און בלויז אייניקע, ווי „חשמונאים ב'", „חכמת שלמה" און „ספר טוביה" זיינען געשריבן געוואָרן אין עגיפּטן, וואו עס האָט דעמאָלט געהערשט די גריכישע שפּראַך.

* * *

אין אַלגעמיין גענומען, ווען מען קוקט זיך איצט צו צו די דאָזיקע אויסגעלאָזענע ספרים, זעט מען אַז זיי זיינען נישט געווען פון גאָר הויכער קוואַליטעט און אַז עס איז נישט צו באַדויערן וואָס מען האָט זיי נישט אַריינגענומען אין דער ביבל. אָבער דאָך האָבן זיי אַ געוויסן ווערט. אַ טייל פון זיי אַלס היסטאָרישע ביכער, ווי אַלע 4 פון די חשמונאים ביכער; די טיילן פון „עזדראס" (עזרא) און נאָך אַנדערע; אַנדערע ווידער — אַלס אַזעלכע וואָס פּרעדיקן צו טאָן גוטע טאַטן. אַזוי למשל ווערט אין די אויסגעלאָזענע ספרים פון עזרא געלויבט שטאַרק דאָס זאָגן אמת; אין „ספר טוביה" ווערט ווידער באַטאָנט די פליכט פון די לעבעדיקע צו ברענגען צו קבר ישראל די וואָס זיינען אַוועק פון אונז; אין „ספר ברוך" ווערט שטאַרק געטאַדלט זינד מיט פרויען; אין „חכמת שלמה" און אין חשמונאים ב' ווערט באַטאָנט דער געדאַנק פון „השארת הנפש", ד. ה. אַז די נשמה בלייבט לעבן נאָך דעם ווי דער מענטש שטאַרבט. אַזוי ווערט אויך אין ספר „בן סירא" גע־פּרעדיקט אָפּצוגעבן כבוד צו תלמידי־חכמים און צו מענטשן וואָס פאַר־נעמען זיך מיט היילן מענטשן; אַנדערע ווידער האָבן אַ סך תפילות פון גרויסער באַדייטונג; אַ געוויסער טייל פון די אַפּאָקריפן, ווי דער „ספר טוביה", „ספר שושנה", „ספר יהודית" און אַנדערע, האָבן אַ בעלעטריס־טישן ווערט אַלס די ערשטע פון אַ שיינער ליטעראַטור ביי אידן.

* * *

מיר האָבן דאָ פריער דערמאָנט, אַז די קריסטלעכע וועלט האָט אַריינ־גענומען אַ טייל פון די אַפּאָקריפן אין דער ביבל. דאָס פאָדערט אַן אויפ־קלערונג. אין אָנהויב זיינען די 14 ביכער, וואָס מיר האָבן דאָ פריער דער־מאָנט אַז זיי זיינען אַריינגענומען געוואָרן פריער פון דער „סעפּטואַגינטאַ" און דערנאָך פון דער „וואולגאַטע" אין דער ביבל, באַטראַכט געוואָרן פון דער קאַטוילישער קירכע אַלס אַ טייל פון דער ביבל. עס איז צוגעגעבן געוואָרן צום „אַלטן טעסטאַמענט" און דער עוואַנגעליום איז געווען דער „נייער טעסטאַמענט". דאָס איז אַזוי געווען ביז לוטהער'ן, ווען עס האָט

זיך אָנגעהויבן די רעפאָרמאַציע־באַוועגונג און עס זיינען אַנטשטאַנען די פּראָטעסטאַנטישע סעקטן.

איצט איז עס אַזוי: דאָס רוב פון אַלע פּראָטעסטאַנטישע סעקטן אָנער־קענען ניט די 14 ביכער אַלס אַ טייל פון דער אַלטער ביבל. זיי האָבן דע־ריבער נאָר די 24 ביכער, וואָס מיר אידן האָבן אָנערקענט, און דערנאָך אָנערקענען זיי — דעם עוואַנגעליום.

די קאַטוילישע קירכע האָט אויך אין פאַרלויף פון דער צייט געמאַכט אַ געוויסע ענדערונג בנוגע די 14 ביכער. זיי האָבן אויסגעלאָזן דאָס בוך „עזדראס II (עזרא ב׳) און אויך די תפילה פון מנשה, ווייל די צוויי ביכער זיינען נישטאָ אין אַלע סעפּטואַגינטישע אויסגאַבן און ווערן דעריבער פאַר־רעכנט פאַר נישט אַזוי וויכטיק. אַזוי אַרום באַטראַכטן די קאַטאָליקן איצט נאָר 14 ביכער פון די 14 אַלס קאַנאָניזירטע.

אויך אין די קרייזן פון די פּראָטעסטאַנטן איז פאָרגעקומען אַן ענדע־רונג אין דער באַציאונג צו די 14 ביכער. אַזוי למשל האָט די ענגלישע קירכע אַדאָפּטירט אייניקע ביכער. נאָך אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע גרופּן האָבן אַדאָפּטירט אַנדערע ביכער פון די 14. אַזוי אַרום איז צו זען, אַז אין דער הינזיכט הערשט אַ גרויסע מיינונגס־פאַרשידנהייט צווישן די פאַרשידענע קריסטלעכע גלויביקע, וועלכע פון די אַפּאָקריפן־ביכער יאָ צו אָנערקענען און וועלכע נישט.

* * *

אַ פּאָר ווערטער אויך וועגן די ביכער וואָס ווערן אָנגערופן: אַפּאָקאַ־ליפּטישע, וואָס עס מיינט זעאונגען. דאָס איז כמעט אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט פון פאַרשידענע פעלקער. זי האָט איר אָנהויב נאָך אין עגיפּטן. אַ טייל פון די דאָזיקע שריפטן שיל־דערן די צוקונפט פון דער וועלט און פון די מענטשן און זען פאָר דעם סוף פון דער וועלט צוליב די זינד פון די מענטשן; אַנדערע ווידער פאַר־נעמען זיך מיט באַשרייבונגען וועגן דעם לעבן פון די נשמות נאָכן טויט; נאָך אַנדערע ווידער מיט חלומות אין מיסטישע זאַכן.

בכלל ווערן די ביכער פון דער אַפּאָקאַליפּטיק געטיילט אויף זיבן טיילן. די ערשטע שטאַמען, ווי שוין געזאָגט, נאָך פון עגיפּטן. עס זיינען דאָ אַ גאַנצע רייע פון אַזעלכע שאַפונגען. די צווייטע גרופּע זיינען די העברע־אישע. אַלע זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך פאַרן חורבן; 3) אַזעלכע ווערק פון נאָכן חורבן; 4) שאַפונגען פון די ערשטע קריסטן; 5) די נייע העברעאישע אַפּאָקאַליפּטישע ווערק, געשריבן שוין אין דער קריסטלעכער צייט; 6) אַזעל־כע שאַפונגען פון דער איסלאַמישער וועלט און 7) אַזעלכע שאַפונגען אין מיטל־אַלטער.

אין יעדע פון די גרופּן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַ געוויסער צייט, הערשט דער גייסט פון יענער צייט. אין אַ טייל הערשט די פּעסי־

מיסטישע זעאונגען וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער וועלט, ווען אונזער וועלט, וועלכע ווערט געשילדערט אַלס שלעכט און פאַרדאָרבן, וועט אונ־טערגיין און עס וועט דערנאָך אַנטשטיין אַ נייע וועלט, אַ בעסערע. אין אַן אַנדערער צייט איז דער גייסט פון דער צייט געווען צו שילדערן דאָס לעבן נאָכן טויט און מיר האָבן פון יענער עפּאָכע אַ גאַנצע רייע פון אַזעלכע שאַפונגען און אויך באַשרייבונגען פון גן־עדן און גיהנום. אין נאָך אַנדערע, איבערהויפּט פון די פון מיטל־אַלטער, ווערט געשילדערט די אַרבעט פון שטן, פון טייוול און זיינע אונטערטאַנען פון זיין שוואַרץ־מלכות און דאָס שלעכטס וואָס זיי טאָן צו די מענטשן.

בכלל געפונען אָבער זיינען אַלע באַשרייבונגען און שאַפונגען פון דער אַפּאָקאַליפּטיק פון קליינער באַדייטונג. דאָס זיינען על פּי רוב שריפטן פון אַבערגלויבישע, שרעקעוודיקע מענטשן און אַזעלכע מיט אַ קראַנקער פאַנטאַ־זיע. זיי זיינען דעריבער פון קליינער באַדייטונג. עס איז אָבער אַ זייער כאַראַקטעריסטישע ליטעראַטור.

די תלמודישע עפּאָכע

I

.1

ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען דער תלמוד?

די צייט פון עזרא און נחמיה. — די סופרים און „אנשי כנסת הגדולה". — די קאַנאַניזירונג פון תנ"ך. — די פינף דורות פון תנאים. — זייערע נאָכפאָלגער די אמוראים.

נאָכן גלות בבל, ווען די אידן האָבן זיך צוריק אומגעקערט קיין ארץ־ישראל און זיך געשטעלט בויען דעם בית־המקדש, האָט דאָס אידישע לעבן אָנגענומען גאָר אַן אַנדערע פאָרם ווי עס איז געווען פריער. עפעס איז איצט ווי מיט אַ צויבער־שפרוך פאַרשוואונדן דער גאַנצער חשק צום געצן־דינסט, אַ זאַך וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ גרויס אָרט אין אידישן לעבן פריער, איידער די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. נאָכן צוזאַמענברוך פון בבל, וואו געצן־דינסט האָט געהערשט זייער שטאַרק און וואו די אידן האָבן זיך אויך אַסימילירט אין גאָר אַ גרויסער מאָס צווישן די איינוואוינער פון לאַנד, האָט זיך גענומען וועקן אין די אידישע רייען אַ שפּאָגל־נייער גייסט, דער גייסט פון אומקערן זיך צום אידנטום. עס זיינען אַנטשטאַנען איינער נאָך דעם אַנדערן גרויסע אידישע פירער, וועלכע האָבן גערופן צום פאָלק צו באַזינען זיך און — מערקווירדיק, עס איז געשען דאָס, וואָס עס איז פריער אין ארץ־ישראל, ווען די אידן זיינען נאָך געווען אויף זייער אייגענעם באָדן, נישט געשען, נעמלעך — די אידן האָבן זיך גענומען צוהערן צו די רייד פון די מנהיגים, צו די ווערטער פון די ניי־אויפגעשטאַנענע פירער פון פאָלק און אויפריכטיקע לערער.

אין יענער צייט זיינען אויפגעשטאַנען ביים אידישן פאָלק, דריי גרופן פון אידישע געלערנטע, וועלכע יעדע פון זיי האָט געהאַט אַן אַנדערע מיסיע, אָבער וועלכע אַלע צוזאַמען האָבן געהאַט איין ציל און דאָס איז געווען — אויסצובויען און צו שטאַרקן דאָס אידנטום. די דריי גרופן זיינען געווען: די לעצטע נביאים, חגי, זכריה און מלאכי, צוזאַמען מיט עזרא הסופר, נחמיה און אַנדערע; די „סופרים" און — די „אנשי כנסת הגדולה". מיר וועלן דערקלערן דעם מהות פון יעדער איינער פון די דאָזיקע גרופן באַזונדער.

די ערשטע גרופּע, די פון די לעצטע נביאים, איז געווען אַ קלאַס פאַר זיך אַליין. דאָס זיינען געווען נביאים, וועלכע האָבן שוין נישט פאַרמאָגט יענעם גרויסן פייער פון די ערשטע נביאים און זיינען דעריבער אויך נישט געווען אַזוי זעלבסטשטענדיק און אייגנאַרטיק אין זייערע רייד ווי יענע. די לעצטע נביאים האָבן שוין געזען, אַז דאָס גרויסע ליכט פון

דער נבואה, וואָס גאָט האָט געגעבן אַלס אַ מתנה צום אידישן פאָלק, צאַנקט און עס האַלט ביים פאַרלעשן זיך. זיי האָבן דעריבער נישט געוואָלט פאַר־לאָזן זיך אין גאַנצן אויף זיך און אַליין טראָגן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די גרויסע געשעענישן אין אידישן פאָלק, וואָס איז איצט געשטאַנען אויפן שייד־וועג פון זיין און נישט־זיין — אָדער אַריינצולאָזן זיך אין גאַנצן אין געצן־דינסט און ווערן אַ פאָלק גלייך ווי אַלע פעלקער, אָדער גיין צוריק צו זיין קוואַל, צו זיין תורה און צו זיין גאָט אין הימל און דינען אים און זיין אַ פאָלק וואָס לעבט באַזונדער פון דער גאַנצער, גרויסער געצנדינע־רישער וועלט. די לעצטע נביאים האָבן גערופן די אידן צו באַדענקען זיך און אַוועקצואוואַרפן די געצן, אָבער דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט פיל שוועריקייטן: עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אויך ניט ווייניקער געאָגראַפישע, ווייל ארץ־ישראל איז געווען אין סאַמע צענטער פון אַלע געצנדינערישע פעלקער. אָט די נביאים, כאָטש זיי זיינען פון גאָט געשיקט געוואָרן צו ריידן צו זייער פאָלק, האָבן דאָך זיך אַלע מאָל באַראָטן מיט די אָנפירער פון אידנטום פון זייער צייט.

די לעצטע נביאים, פילנדיק אַז זייער כח איז נישט אַזוי גרויס ווי עס איז געווען ביי די נביאים אַמאָל, האָבן דעריבער אין פיל זאַכן וואָס עס האָט געפאָדערט גרויס אחריות אַליין ניט געוואָלט שטיין אין פראָנט פון אַלע געשעענישן. דעריבער זעען מיר, אַז ביים אָנהויב פון דעם נייעם לעבן אין ארץ ישראל, ווען מען האָט געבויט דאָס בית המקדש און די אידן זיינען געקומען צוריק אין זייער לאַנד, האָבן די לעצטע נביאים, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט, זיך נישט צופיל געמישט און בעסער געוואָלט אַז אַנדע־רע פירער זאָלן אָנגיין מיט אַלע טעטיקייטן. אָט דערפאַר ווערן די נעמען פון די לעצטע נביאים נישט פיל דערמאָנט אין שייכות מיט דער נייער אויפלעבונגס־עפּאָכע.

די צווייטע גרופּע, די סופרים, זיינען געווען די ערשטע פון דער פרושים־פּאַרטיי און איז געשאַפן געוואָרן פון עזרא הסופר, וועלכער איז געווען זייער פירער. נאָך זיי זיינען געקומען די ערשטע תנאים. די סופרים האָבן זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט איבערשרייבן די תורה און אויך מיט אויפ־קלערן זי פאַרן פאָלק. זיי האָבן אויך איבערגעציילט אַלע ווערטער און אַלע אותיות פון תנ״ך און פעסטגעשטעלט ווי יעדעס וואָרט דאַרף ווערן געשריבן. די סופרים האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן פאָלק.

פון די „סופרים״ איז שפּעטער אַרויסגעקומען די דריטע גרופּע, וועלכע האָט געהאַט גאָר אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן אידישן לעבן. דאָס איז געווען די „אנשי כנסת הגדולה״ (די מיטגלידער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג), וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן כדי פעסטצושטעלן די יסודות פון אידישקייט.

די כנסת הגדולה איז געווען אַ מין קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג, אַן אינסטיטוציע וואָס האָט געשאַפן פיל תקנות און געזעצן, וועלכע זיינען

אָנגענומען געוואָרן פון פאָלק. די „כנסת הגדולה" האָט איינגעפירט, אַז עס זאָלן זיין רבנים און דיינים אין יעדער אידישער קהלה, וועלכע זאָלן לערנען דעם פאָלק די וועגן פון אידישקייט און אויך אויסגלייכן אַלע סכסוכים וואָס קומען פאָר צווישן אידן. זיי האָבן אויך געשאַפן פיל תפילות, ווי די ברכות, קידוש און הבדלה, און בכלל דעם אָנהויב פון אַ אידישן ריטואַל. אָבער די הויפּט־וויכטיקייט פון זייער טעטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן קאַנאָניזירט די ביבל, דאָס הייסט, זיי האָבן פעסטגעשטעלט וועלכע ספרים עס זיינען די סאַמע וויכטיקסטע און גייען אַריין אין דער ביבל און וועלכע דאַרפן בלייבן פון דרויסן.

נאָך זיי זיינען געקומען די ערשטע און צווייטע תנאים, אָדער חכמים (צי גאָר פרושים). די גרופּע האָט געלעבט אין אַ צייט וואָס האָט זיך געצויגן פון שמעון הצדיק, וועלכער איז געווען פון די לעצטע פון די „אנשי כנסת הגדולה", ביז צו ר' יהודה הנשיא („רבי"), וועלכער האָט מסדר געווען די משנה. די עפּאָכע האָט זיך געענדיקט אין יאָר 219 קריסטלעכע צייט־רעכענונג. די תנאים האָבן עקזיסטירט אין פאַרלויף פון פינף דורות.

אין ערשטן דור פון די תנאים זיינען געווען די „זוגות", דאָס הייסט, פאָרלעך פון צוויי תלמידי־חכמים, וועלכע האָבן געזאָגט זייערע רייד צוזאַמען, אָדער אַמאָל געקעמפט צווישן זיך. דאָס האַלטן זיך צוזאַמען מיט נאָך אַ געלערנטן, סיי אויף צו שטימען מיט אים און סיי אַלס קעגנער, איז געווען אין גייסט פון יענער צייט. די לעצטע פון „זוגות" זיינען געווען הלל און שמאי, וועלכע האָבן שוין געלעבט אין דער צייט פון הורדוס'ן.

נאָך די פינף דורות פון די תנאים זיינען געקומען די אמוראים, וועלכע האָבן אויסגעטייטשט די ווערטער פון די תנאים. די צייט פון די אמוראים האָט זיך געצויגן נאָענט צו 300 יאָר, פון 219 ביזן יאָר 500 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג), ווען מען האָט פאַרענדיקט דעם תלמוד. די צייט פון די אמוראים איז געווען זעקס דורות.

מיר וועלן איצט גיין כסדר. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן פריער אויף די ערשטע תנאים, דערנאָך די צווייטע תנאים. מיר וועלן אַרויסברענגען די הויפּט־פּערזענלעכקייטן פון יענער עפּאָכע און די פּרינציפּן פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט. דערנאָך וועלן מיר גיין צו די אמוראים און צו זייער לערע און מיר וועלן זען וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן.

צום ערשטן אַלזאָ — די ערשטע תנאים.

* * *

.2

די ערשטע תנאים

די פינף „זוגות" (פּאָרלעך) פון געלערנטע, וואָס איינער פון זיי איז געווען דער נשיא און דער צווייטער אב בית דין. — די גרויסקייט פון יוסי בן יועזר. — די צייט ווען דער קעניג ינאי האָט אומגעבראַכט די תלמידי חכמים. — שמעון בן שטח, דער ברודער פון דער קעניגין אַלעקסאַנדראַ. — די צוויי תנאים, שמעיה און אבטליון וועלכע האָבן אָפּגעשטאַמט פון גרים. — די גרויסע פירער הלל און שמאי.

די הערלעכסטע עפּאָכע אין דער אידישער געשיכטע איז, אָן ספק, געווען די צייט פון די תנאים. אָט־די תנאים־עפּאָכע הויבט זיך אָן, ווי שוין געזאָגט, מיט שמעון הצדיק, וועלכער איז געווען פון די לעצטע פון די „אנשי כנסת הגדולה". וואָס איז פאַרמירט געוואָרן אין אָנהויב פון צווייטן בית־המקדש. די עפּאָכע האָט זיך געצויגן ביז הונדערט און פופציק יאָר נאָכן חורבן פון בית־המקדש.

אָבער די דאָזיקע גרויסע עפּאָכע טיילט זיך אויף צוויי טיילן: אין אַ צייט פון ערשטע תנאים און צווייטע תנאים. די ערשטע תנאים האָבן געלעבט אין משך פון 300 יאָר, אין דער צייט, ווען דאָס צווייטע בית־המקדש האָט עקזיסטירט. די צווייטע תנאים האָבן געלעבט שפּעטער, אָנהויבנדיק בערך 60 יאָר פאַרן חורבן פון בית המקדש ביז 150 יאָר נאָכן חורבן, צוזאַמען אַ צייט פון צוויי הונדערט און צען יאָר. די עפּאָכע פון די צווייטע תנאים הויבט זיך אָן כמעט מיט דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג, און זי האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 220 (אָדער לויט אַנדערע, 210) קריסטלעכער צייט־רעכענונג.

* * *

וועגן די ערשטע תנאים ווערט אין תלמוד איבערגעגעבן די כראָנאָ־לאָגיע פון זייער דערשיינונג אויף דער לעבנס־בינע פון אידישן פאָלק. אין מסכת „אבות" (וואָס מען רופט אָן ביי אונז „פרק" און וועלכעס מען לערנט זומער־צייט יעדן שבת נאָכמיטאָג), ווערט באַלד אין אָנהויב געזאָגט אַזוי:

„משה קבל תורה מסיני" — משה רבינו האָט געקראָגן די תורה אויפן באַרג סיני און האָט זי איבערגעגעבן צו די זקנים (דאָס מיינט מען די שופטים, ביז צו דער צייט פון שמואל'ן); די זקנים האָבן זי איבערגעגעבן צו די נביאים, און די נביאים ווידער צו די אנשי כנסת הגדולה (די מענטשן פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג — די פירערשאַפט פון די אידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון עזרא און האָט אָנגעהאַלטן ביז אַ שפּע־

טערדיקער צייט). דערנאָך איז געקומען די צייט פון די ערשטע תנאים, וועלכע זיינען אין אָנהויב דערשינען אין פאָרם פון אַ פּאָר (זוגות). דאָס מיינט צוויי פירער. זיי זיינען געווען, דער נשיא (פּרעזידענט) פון דער סנהדרין; און דער צווייטער אין ראַנג נאָך אים, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל „אב בית דין״ (דער פאָטער (פאָרזיצער) פון גערעכט).

די „סנהדרין״ איז געווען די העכסטע אינסטיטוציע פון לאַנד. דאָס וואָרט „סנהדרין״ איז גריכיש (אָט די אינסטיטוציע האָט מען אויך אַמאָל גערופן „סנהדריא״). די מיטגלידער פון סנהדרין זיינען געווען די פירער פון די אידן. די סנהדרין איז באַשטאַנען פון 71 אָנגעזעענע געלערנטע, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט די העכערע ענינים און באַזונדערס מיט פּראָצעסן, וואו דער אורטייל האָט געקאָנט זיין טויט־שטראָף. עס איז געווען אויך אַ פאָרם פון קלענערע „סנהדרין״ פון 23 מיטגלידער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט וויניקער וויכטיקע ענינים. דער פּרעזידענט פון דער גרויסער „סנהדרין״ איז געווען דער גייסטיקער פירער אין זיין צייט און זיין געהילף האָט זיך פאַרנומען מיט די לעגאַליסטישע ענינים. קלענערע סנהדרין זיינען געווען עטלעכע איבערן לאַנד.

די „זוגות״ (פּאָרלעך) וועלכע זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער גרויסער סנהדרין, דער „נשיא״ און זיין געהילף דער „אב בית דין״, זיינען נאָך שמעון הצדיק געווען די ערשטע תנאים. עס זיינען געווען פינף אַזעלכע „זוגות״, וועלכע זיינען געוואָרן באַרימט דערמיט, וואָס זיי האָבן ממשיך געווען די טראַדיציע און פאַרשטאַרקט דעם בנין פון אידנטום. דער ערשטער „זוג״ איז געווען יוסי בן יועזר איש צרידה (נשיא) און יוסי בן יוחנן איש ירושלים (אב בית דין); דער צווייטער „זוג״ איז געווען יהושע בן פרחיה (נשיא) און נתאי הארבלי (אב בית דין); דער דריטער „זוג״ — יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח; דער פערטער „זוג״ — שמעיה און אבטליון און דער פינפטער „זוג״ — הלל און שמאי. אין „אָבות״ ווערט געבראַכט קלוגע רייד און עטישע כללים פון יעדן פון זיי.

* * *

וועגן דעם לעבן פון די „זוגות״ ווערט אין תלמוד וויניק געבראַכט, אָבער עס איז דאָך דאָ עפּעס וועגן יעדן איינעם פון זיי.

וועגן ערשטן „זוג״, די צוויי „יוסי׳ס״ יוסי בן יועזר איש צרידה און יוסי בן יוחנן איש ירושלים געפינען מיר דאָ און דאָרטן אין תלמוד אייניקע מאמרים, ווי למשל, וועגן די הלכות ביי וועלכע זיי זיינען געווען מחולק. דער נאָמען „יוסי״ איז פאַרצויגן פון יוסף (פּונקט ווי מיר רופן אָן היינט צו טאָג איינעם, וואָס הייסט יוסף מיטן נאָמען יאָסל). מיר געפינען אין חגיגה (ט״ז), אַז זיי זיינען מחולק וועגן אַ דין בנוגע מקריב זיין קרבנות אָן יום־טוב, און אַזוי זיינען זיי אויך געווען מחולק וועגן אַנדערע דינים. אין תלמוד ווערט גערעדט זייער פיל וועגן דער גרויסקייט און איידלקייט

פון יוסי בן יועזר. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ זון, וועגן וועמען דער פֿאָטער האָט געדענקט, אַז ער פֿירט זיך ניט גוט אויף. האָט ער דערפֿאַר דאָס איינציקע גאָלדענע רענדל, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, אַוועקגעגעבן צום בית המקדש (דאָס הייסט ער האָט אָפּגעשריבן זיין ירושה צום בית־המקדש, כדי דער זון זאָל עס ניט האָבן). איז דער זון געגאַנגען און האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פֿון אַ פּרוי, וואָס איז געווען אַ האָר־פּוצערין אין הויף פֿון קעניג ינאי. ווען זיין ווייב איז געוואָרן מעוברת און געבוירן אַ קינד, האָט דער זון פֿון יוסי בן יועזר געקויפֿט אַ פֿיש צו מאַכן פֿאַר איר אַ מאָלצייט. עפֿענענדיק דעם פֿיש האָט ער געפֿונען אין אים טייערע שטיינער. האָט זיין ווייב צו אים געזאָגט: „טראָג עס ניט אַוועק צום קעניג צו פֿאַרקויפֿן, ווייל מען וועט דיר דערפֿאַר ווייניק געבן. טראָג עס בעסער אַוועק צום בית־המקדש, וואו מען קויפֿט טייערע שטיינער פֿאַרן „איפוד״ (אַזאַ מלבוש מיט 12 טייערע שטיינער פֿון כהן גדול). דאָרטן וועט מען דיר געבן אַ בעסערן פּרייז. אָבער דו זאָג גאָרניט, זאָלן זיי עס אָפּשאַצן״. האָט ער אַזוי געטאָן. האָט מען אים געזאָגט, אַז 7 שטיינער וועט מען קויפֿן ביי אים אָבער 6 ניט (פֿון די 13 וואָס ער האָט געהאַט). האָט ער די 6 אַוועקגעגעבן צום בית־המקדש אָן געלט. האָט מען דערנאָך געזאָגט, אַז דער פֿאָטער יוסי בן יועזר האָט געגעבן נאָר איין רענדל צום בית־המקדש, אָבער דער זון, אויף וועלכן ער האָט געמיינט, אַז ער פֿירט זיך ניט גוט אויף, האָט געגעבן גאַנצע זעקס.

וועגן דעם אַנדערן פֿון דעם „זוג״ יוסי בן יוחנן פֿון ירושלים ווערט זייער ווייניק געבראַכט אין תלמוד. אָבער ער איז געווען דער אב בית דין אין דער צייט, ווען יוסי בן יועזר איז געווען דער נשיא.

וועגן צווייטן „זוג״, יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי, ווייס מען מער וועגן ערשטן, יהושע בן פרחיה. ער איז געווען דער נשיא אין דער צייט פֿון קעניג ינאי (יוחנן הורקנוס), און ווען דער דאָזיקער קעניג האָט גענומען רודפֿ׳ן די אידישע געלערנטע און פֿיל פֿון זיי אומגעבראַכט, איז ער, יהושע בן פרחיה, אַנטלאָפֿן קיין אַלעקסאַנדריע. ער איז שפּעטער אָבער געקומען צוריק קיין ירושלים. עס איז דאָ אַ לעגענדע, אַז יעזוס (יש״ו הנוצרי) האָט געלערנט ביי יהושע בן פרחיה, אָבער דאָס זעט אויס צו זיין פֿאַלש, ווייל יהושע בן פרחיה איז געשטאָרבן פֿיל פֿריער איידער יש״ו האָט זיך באַוויזן אויף דער אָרענע אין ירושלים. וועגן דעם צווייטן פֿון „זוג״, נתאי הארבלי, איז זייער ווייניק דערמאָנט אין תלמוד.

וואָס עס איז שייך צום דריטן „זוג״, יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח, איז דאָ אַ מיינונגס־פֿאַרשידנהייט אין דער גמרא, וועגן דעם ווער עס איז געווען דער נשיא. לויט ר׳ מאיר׳ן איז יהודה בן טבאי געווען נשיא און שמעון בן שטח אב בית דין; לויט די חכמים אָבער איז שמעון בן שטח געווען נשיא און יהודה בן טבאי אב בית דין.

שמעון בן שטח איז געווען דער ברודער פֿון דער קעניגין שלומית (וועלכע

האָט זיך גערופן מיט אַ גריכישן נאָמען — אַלעקסאַנדראַ). נאָך אין די לעצטע יאָרן פון קעניג ינאי איז שלומית, זיין פרוי, געווען די רעגענטין פון לאַנד, ווייל דאָס פאָלק האָט שטאַרק פיינט געהאַט דעם קעניג ינאי, צוליב זיין שרעקלעכן טעראָר איבער דער אינטעליגענץ פון לאַנד. דאָס פאָלק האָט געהאַלטן מיט די גרויסע אידישע געלערנטע, די תנאים, און ווען דער קעניג האָט צענדליקע פון זיי אומגעבראַכט אָן שום משפט, האָט דאָס פאָלק אים געגנומען האַסן. עס האָט געהאַלטן ביי אַ רעוואָלוציע, און ער האָט דערפאַר געמאַכט זיין פרוי אַלס רעגענטין.

שלומית איז געווען גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי איר מאַן. זי האָט געהאַלטן מיט די תלמידי־חכמים, און ווען איר מאַן, דער קעניג, איז געשטאָרבן, האָט זי גלייך באַשטימט איר ברודער שמעון בן שטח אַלס נשיא פון די סנהדרין. שמעון בן שטח האָט דעמאָלט געשיקט נאָך זיין פריינט יהודה בן טבאי, וואָס איז אויך געווען אַנטלאָפן קיין אַלעקסאַנדריע, אַז ער זאָל קומען צוריק, ווייל עס איז איצט אַן אַנדערע צייט. יהודה בן טבאי איז טאַקע באַלד געקומען און שמעון בן שטח האָט אים געמאַכט פאַרן אב בית דין.

אָט־די צווי גרויסע תנאים האָבן זייער פיל אויפגעטאָן צו פאַרשטאַרקן דאָס אידנטום. זיי האָבן געשאַפן אַ גאַנצע ריי פון געזעצן און תקנות וועגן דער פראָצעדור פון די געריכט־הייזער, אַז אַלץ זאָל זיין געפירט מיט גערעכ־טיקייט און יושר צוביידע צדדים. זיי האָבן אויך פאַראָרדנט די ריכטער גוט אויספאָרשן די עדות ביי יעדן פראָצעס, און געמאַכט באַזונדערע שווע־ריקייטן ביים אַרויסגעבן אַ טויט־אורטייל. זיי האָבן אויך איינגעפירט, אַז אַן אלמנה ירש׳נט איר מאַן.

באַזונדערס איז געווען וויכטיק שמעון בן שטח׳ס איינפירונג, אַז קינדער זאָלן לערנען אין שולן. אין ירושלים איז אויך געווען אַ סעמינאַר, וואו מען האָט צוגעגרייט לערערס פאַר די שולן. די שולן, וועלכע שמעון בן שטח האָט געשאַפן, זיינען געווען אמת׳ע פאָלקס־שולן. ער האָט איינגעפירט, אַז אַזאַ שולע מוז זיין אומעטום, וואו עס וואוינען אידן, אַפילו אין קלענסטן אָרט.

וועגן פערטן „זוג״ שמעיה און אבטליון איז אויך דאָ ווייניק אין תלמוד. זיי האָבן געשטאַמט פון גרים און אין תלמוד ווערט געזאָגט וועגן זיי „די אייניקלעך פון סנחריב האָבן געלערנט תורה מיטן אידישן עולם און דאָס זיינען געווען שמעיה און אבטליון״ (גיטין נ״ז). פון זיי זיינען געבליבן אייניקע הלכות און דינים און אויך אייניקע קלוגע ווערטלעך. עס איז אויך אין זייער צייט איינגעפירט געוואָרן אַ מין פאָרם פון אַן אָפּצאָל פאַר די, וואָס ווילן לערנען אין בית־המדרש. דער אָפּצאָל איז געווען אַ האַלבער טרפעיק (אַזאַ מין מטבע אין יענער צייט).

דער וויכטיקסטער פון די „זוגות״ איז געווען דער פינפטער, הלל און שמאי — הלל אַלס נשיא און שמאי אַלס אב בית דין. אָבער וועגן זיי אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.3

הלל און שמאי

הלל, איינער פון די גרעסטע גייסטער פון דער מענטש־הייט. — זיין טייטש פון געבאָט, ליב צו האָבן דיין פריינט. — ווי אַזוי ער האָט אויסגעלערנט אַ גוי די גאַנצע תורה אויף איין פוס. — זיין גוטמוטיקייט און פריינטלעכקייט צו אַלע מענטשן. — שמאי זיין קעגנער מיט וועלכן ער האָט געפירט כסדר מחלוקת׳ן וועגן טייטשן פון דער תורה. — די „בית־הלל" און די „בית־שמאי". — די גרויסקייט פון קלענסטן פון הלל׳ס תלמי־דים, רבן יוחנן בן זכאי.

איינער פון די סאַמע גרעסטע געשטאַלטן אין אידנטום, אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, איז אָן אַ ספק געווען — הלל הזקן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן — הלל הבבלי, הלל פון בבל, ווייל ער האָט דאָרטן געלעבט אין זיינע יונגע יאָרן. הלל איז געווען ניט נאָר איינער פון די גרעסטע לערנער פון אידנטום, נאָר אויך איינער וואָס האָט סיי מיט לערע און סיי מיט זיין לעבן, געגעבן אַלע מענטשן, אידן ווי ניט־אידן, דעם העכסטן באַגריף פון עטיק אין די באַציאונגען מיט מיט־מענטשן. עס איז געווען הלל, וועלכער האָט דעם געזעץ פון דער ביבל „ואהבת לרעך כמוך" (דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט אַזוי ווי זיך), וואָס איז שווער אויסצופירן, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך אַ מענטש נאָענטער צו זיך ווי צו יענעם און איז מער אינטערעסירט אין זיין לעבן ווי אין יענעמס, געגעבן אַ מער צוגענגלעכן אויסטייטשונג, דורך דעם וואָס ער האָט געלערנט די נעגאַטיווע זייט דערפון, נעמלעך: נישט צו טאָן יענעם די שלעכטס, וואָס דו ווילסט אַז יענער זאָל עס דיר ניט טאָן („מאי דסנאי לך לחברך לא תעביד") — אַ כלל אין לעבן, וואָס איז פיל לייכטער אויסצופירן, ווי די ביבלישע פּאָזיטיווע פאָרם פון ליב האָבן יענעם פונקט אַזוי ווי זיך.

הלל הזקן האָט אָבער ניט בלויז אַזוי געפּרעדיקט, נאָר אויך אַזוי מקיים געווען. ער האָט אויך מיט זיין לעבן און לערנען געוויזן אַלעמען ווי אַזוי אויסצופירן דעם טייטש וואָס ער האָט געגעבן צום געבאָט פון דער תורה. ער האָט געלערנט אונז אַלעמען די עטיק פון דער מענטשהייט נישט נאָר דורך פּרעדיקן עס, נאָר אויך דורך באַנוצן עס אין זיין אויפפירונג אין לעבן.

הלל הזקן איז געבוירן געוואָרן אָן ערך 140 יאָר פאַר דער קריסט־לעכער צייט־רעכענונג און איז געשטאָרבן אָן ערך 65 יאָר פאַר אָט־דער צייט־רעכנונג, אַזוי אַרום הייסט עס, אַז ער האָט געלעבט 75 יאָר. אין

תלמוד איז דאָ אַ שטעלע וואָס זאָגט, אַז ער האָט געלעבט 120 יאָר. 40 יאָר אין בבל, 40 יאָר האָט ער געלערנט תורה און 40 יאָר איז ער געווען פירער ביי אידן. אָבער דאָס זעט אויס צו זיין לעגענדע, ווי עס גייען בכלל אַרום לעגענדעס וועגן גרויסע מענטשן. אַזוי זיינען אויך דאָ לעגענדעס וועגן זיין אָפּשטאַם און יחוס. לויט אַ טייל האָט ער געשטאַמט פון שבט בנימין, לויט אַנדערע גאָר — פון מלכות בית־דוד. דאָס לעצטע איז אָבער איבערגעטריבן. הלל האָט געהאַט אַ ברודער שבנא, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל און האָט אים געשטיצט אַביסל מיט פּרנסה.

הלל האָט געהאַט אַ זון שמעון, אַן אייניקל גמליאל און אַן אור־אייניקל וואָס האָט אויך געהייסן שמעון, וועלכע זיינען אַלע ווי ער אַליין געווען נשי־אים אין ארץ־ישראל, הונדערט יאָר איידער דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן. הלל אַליין איז געווען נשיא אין ארץ ישראל 30 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג ביז צום יאָר צען, פון דער דאָזיקער צייט־רעכנונג.

הלל איז געקומען קיין ירושלים פון בבל צו לערנען תורה ביי שמעיה און אבטליון, וועלכע זיינען געווען גרויסע דרשנים. ווען ער איז געקומען קיין ירושלים איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און האָט פאַרדינט קוים איין טרפעיק (אַזאַ מטבע) אַ טאָג. האָט ער אַ האַלבן טרפעיק פאַרברויכט פאַר זיך און זיין פאַמיליע און אַ האַלבן טרפעיק האָט ער געגעבן דעם שומר פון בית־המדרש, אַז ער זאָל אים אַריינלאָזן צו הערן וואָס מען לערנט, ווייל אַזוי איז געווען דעמאָלט איינגעפירט. איינמאָל האָט ער ניט געהאַט קיין האַלבן טרפעיק, איז ער אַרויף אויפן דאַך און זיך אַוועקגעלייגט ביים קוימען, כדי צו הערן וואָס מען לערנט. עס איז געווען ווינטער־צייט און עס האָט געשנייט. האָט דער שניי אים איינגאַנצן באַדעקט, און ער איז געפרוירן געוואָרן. ערשט שפּעטער האָט מען אים געפונען ליגן אונטערן שניי, אים אַראָפּגענומען און אים אָפּגעמינטערט. מען האָט קוים מיט צרות אים געבראַכט צום לעבן.

אין תלמוד ווערט דערציילט זייער פיל וועגן זיין גוטמוטיקייט אַזוי, אַז מען האָט אים קיינמאָל ניט געקאָנט אַרויסברענגען פון געדולד. ער האָט געלערנט, אַז מען דאַרף יעדן מענטש, צום ערשטן, דן זיין לכף זכות. ווען עס איז געקומען אַמאָל אַ גוי צו שמאי'ן און אים געזאָגט, אַז ער וויל ווערן אַ איד, בתנאי, אַז מען זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע אידישע תורה, ווען ער וועט שטיין אויף איין פוס. האָט אים שמאי אַרויסגעטריבן. ווען דער דאָזיקער גוי איז געקומען שפּעטער צו הלל'ן, האָט ער צו אים געזאָגט, אַז ער וועט אים אויסלערנען די גאַנצע אידישע תורה, ווען ער וועט שטיין אויף איין פוס און דאָס איז — „וואָס דו האָסט פיינט, אַז מען זאָל דיר טאָן, זאָלסטו יענעם ניט טאָן — אָט דאָס איז די גאַנצע אידישע תורה, האָט הלל צו אים געזאָגט — און אַלדאָס איבעריקע זיינען נאָר פירושים, גיי און לערן!"

הלל פלעגט זאָגן: אויב איך וועל ניט טאָן פאַר מיר, ווער וועט טאָן פאַר מיר; און אַז איך אַליין טו פאַר זיך — ווער בין איך דאָס?

ער האָט אויך געזאָגט: זיי פון די תלמידים פון אהרן הכהן, וואָס זוכן צו שאַפן שלום צווישן מענטשן, און האָב ליב אַלע מענטשן און זע זיי צו ברענגען נאָענטער צום לערנען.

הלל איז אויך געווען אַזוי באַשיידן, אַז עס האָט אים קיינער ניט געקאָנט ברענגען אין כעס אַריין. ווערט דערציילט וועגן דעם אַזאַ מעשה: אין יענער צייט האָט מען גערעדט דערפון, אַז עס איז ניט מעגלעך צו ברענגען הלל'ן אין כעס אַריין. האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך געוועט, אַז ער וועט אים אַריינברענגען אין כעס. דער געוועט איז געווען אויף 400 זוזים (אַזאַ מטבע). דער וואָס האָט געזאָגט יאָ איז אַריין צו הלל'ן פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך געהאַט אויסגעוואַשן דעם קאָפּ לכבוד שבת, און האָט געשריען הויך אויפן קול: „איז הלל דאָ?" (ניט „דער נשיא" (פּרעזי־דענט) הלל" און אַפילו ניט „ר' הלל") כדי אַזוי אַרום אים צו ברענגען אין כעס אַריין. אָבער הלל איז צו אים אַרויסגעגאַנגען מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און אים געענטפערט: „וואָס ווילסטו, מיין קינד?" יענער האָט אים געפרעגט אַ נאַרישע קשיא, אָבער הלל האָט אים דערויף געענטפערט רואיק און אַלץ דערקלערט. איז יענער אַוועק און באַלד צוריקגעקומען און געשריען גאָר הויך: „איז דאָ הלל?" „איז דאָ הלל?" הלל איז ווידער ניט געוואָרן אין כעס און איז אַרויס צו אים און מיט אַ שמייכל אים געפרעגט: „וואָס ווילסטו וויסן, מיין קינד?" — יענער האָט אים ווידער אַמאָל געפרעגט עפּעס אַ ניט־וויכטיקע פראַגע און הלל האָט אים ווידער דערויף גוטמוטיק געענטפערט. איז יענער אַוועקגעגאַנגען און ווידער אַמאָל צוריקגעקומען און זיך שוין גאָר הויך צעשריען: „איז דאָ הלל?" הלל, איז ווי פריער ווידער אַרויס־געקומען צו אים מיט אַ גוטמוטיק פנים און אים געפרעגט וואָס ער וויל און אים ווידער געענטפערט רואיק אויף אַ מינדערוויכטיקע פראַגע. האָט זיך יענער געווענדעט צו אים און געזאָגט: „ביסטו דאָס הלל, וואָס איז דער נשיא פון די אידן?" האָט הלל אים געענטפערט: „יאָ!" האָט ער גע־זאָגט צו הלל'ן: „אויב אַזוי, זאָלן אַזעלכע ניט זיין מער ביי אידן". האָט הלל אים דערויף גוטמוטיק געפרעגט: „פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי?" האָט ער צו אים געזאָגט: „ווייל צוליב דיר האָב איך היינט פאַרלאָרן 400 זוזים" — און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זיך געוועט צו ברענגען אים, הלל'ן, אין כעס אַריין, אָבער ער האָט דאָס ניט געקאָנט אויספירן. האָט הלל צו אים געזאָגט: „זיי פאָרזיכטיק, מיין קינד, מיט דעם וואָס דו זאָגסט! הלל איז ווערט אַז דו זאָלסט פאַרלירן צוליב אים 400 זוזים און אַפילו נאָכאַמאָל 400 זוזים און הלל זאָל אַלץ ניט ווערן אין כעס!"

ווען הלל איז געקומען פון בבל, האָט שוין שמאי געהאַט אַ ישיבה אין ירושלים. איינמאָל איז אויסגעפאַלן ערב פסח אום שבת, האָט קיינער ניט געדענקט דעם דין צי מען מעג אום שבת מאַכן דעם קרבן־פסח, דאָס הייסט,

צי דער קרבן־פּסח איז דוחה שבת. דעמאָלט איז געווען אַ נשיא איינער פון די בני בתירה, אַ באַוואוסטע גרופּע פון געלערנטע, האָט דער נשיא אויסגערופן, אַז דער וואָס ווייסט דעם דין זאָל קומען און זאָגן. האָט עמיצער געזאָגט צום נשיא וועגן הלל׳ן, האָט מען אים גערופן. האָט דער נשיא אים געפרעגט ווי עס איז דער דין, האָט אים הלל געזאָגט: דער דין איז, אַז מען מעג מאַכן דעם קרבן־פּסח, און האָט אים באַוויזן, אַז מען לערנט עס אַראָפּ פון אַ פאַרגלייך מיטן „קרבן־תמיד״, וואָס מען איז מקריב אָן שבת, ווייל דאָרטן ביים קרבן־תמיד שטייט דאָס וואָרט „במועדו״ און ביים קרבן־פּסח שטייט אויך „במועדו״, איז פּונקט אַזוי ווי דעם קרבן־תמיד איז מען מקריב אָן שבת, אַזוי איז אויך דער דין ביים קרבן־פּסח, אַז מען מעג אים מקריב זיין אָן שבת. האָט עס די בני בתירה געפעלן און מען האָט אים באַלד דערפאַר געמאַכט פאַרן נשיא. שפּעטער איז שמאי געוואָרן דער אב בית דין, דאָס הייסט, דער צווייטער צו אים.

די צוויי תנאים: הלל און שמאי.

וועגן הלל׳ן ווערט דערציילט, אַז ער האָט געטאָן דאָס זעלבע ווי עזרא אין זיין צייט צו פאַרשפּרייטן די תורה ביי אידן. די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן אין בבל, איז געקומען עזרא און זי באַנייט. שפּעטער איז זי ווידער פאַרגעסן געוואָרן, איז געקומען הלל פון בבל און זי באַנייט.

דער קאָנטראַסט פון הלל איז געווען שמאי, אָדער שמאי הזקן. ער איז געווען אַ שטרענגער, אַ בייזער און ניט אַזוי ליבעראַל אין אויסטייטשן די געזעצן פון דער תורה, ווי הלל. פונדעסטוועגן געפינען מיר, אַז שמאי האָט געזאָגט אַז מען דאַרף אויפנעמען יעדן איינעם אויף אַ פריינטלעכן אופן (הוי מקבל כל אדם בסבר פנים יפות). אין תלמוד ווערט געזאָגט, אַז „די שטרענגקייט פון שמאי האָט שיער ניט פאַרטריבן אונז פון דער וועלט, אָבער די גוטמוטיקייט פון הלל האָט אונז צוריקגעבראַכט צום לעבן״. הלל האָט געהאַלטן פון הורדוס׳ן און האָט נביאות געזאָגט, אַז ער וועט זיין קעניג. דערפאַר האָט עס געהייסן, אַז הורדוס האָט שטאַרק געהאַלטן פון הלל׳ן. עס איז אויך מעגלעך, אַז הורדוס האָט זיך באַמיט, אַז הלל זאָל ווערן נשיא.

אָט די צוויי גרויסע אידישע גייסטער, הלל און שמאי, האָבן געשאַפן צוויי גרויסע אַקאַדעמיעס, וועלכע ווערן אָנגערופן „בית־הלל״ און „בית־שמאי״. די תלמידים פוןביידע אַקאַדעמיעס זיינען געווען די וויכטיקסטע פירער ביי אידן אין יענער צייט.

די „בית־הלל״ און די „בית־שמאי״ האָבן געפירט מחלוקת׳ן צווישן זיך וועגן טייטשן פון דער תורה, בנוגע דינים און אויך בנוגע דער עטיק פון אידנטום. די קריגערייען זיינען אָנגעגאַנגען נאָך ביים לעבן פון די גרויסע מייסטערס. געווען אַמאָל צייטן, ווען שמאי׳ס תלמידים זיינען געווען מערער אין צאָל ווי הלל׳ס און דעמאָלט איז הלל געזעסן אונטערטעניק און האָט נאָכגעגעבן שמאי׳ן אין אַלעם וואָס ער האָט געזאָגט. בכלל אָבער זיינען געווען מערער תלמידים פון „בית־הלל״ ווי פון „בית־שמאי״, און דעריבער האָט מען באַשטימט, אַז דער דין איז אַזוי ווי די „בית־הלל״, אַ חוץ אין איניקע פאַלן. די מחלוקת׳ן האָבן זיך אָבער ווייטער געצויגן אַ לאַנגע צייט ביז עס איז געקומען רבן גמליאל און האָט פאַרזאַמלט אַלע חכמים פון ביידע שולן כדי צו מאַכן אַ טאָלק צו די פאַרשידענע מיינונגען. דאָס האָט זיך אים אָבער אַזוי לייכט ניט איינגעגעבן, דען די האָבן געזאָגט אַז דער דין איז אַזוי ווי זיי זאָגן און די אַנדערע האָבן געזאָגט ווידער, אַז דער דין איז ווי זיי זאָגן. ענדלעך, נאָך דריי יאָר איז באַשטימט געוואָרן, אַז עס בלייבט אַזוי ווי די בית־הלל. דאָך האָבן די בית־הלל די גאַנצע צייט צוגעטיילט פיל כבוד צו די בית־שמאי און פיל פון זיי האָבן זיך אויך משדך געווען איינער מיטן אַנדערן.

בלויז איינמאָל האָבן זיך פאַרזאַמלט אין געהיים די תלמידים פון בית־שמאי צוזאַמען מיט די תלמידים פון בית־הלל אויפן בוידעם פון חזקיה בן גריון צו באַטראַכטן געוויסע פראַגן. דעמאָלט איז שוין געווען די צייט ווען די חשמונאים, וועלכע זיינען געווען אין תוך צדוקים, האָבן גע׳רודפ׳ט

די פרושים און דעריבער האָבן די פרושים זיך געמוזט היטן פאַר זיי (וועגן די פאַרטייען וועלן מיר רעדן באַזונדער שפּעטער). יענער טאָג איז די צאָל פֿן די תלמידים פון בית־שמאי געווען מער ווי די פון בית־הלל (ווייל חזקיה בן גריון איז געווען פון די פירער פון די בית־שמאי, דעריבער האָבן אַ סך פון די בית־הלל ניט געוואָלט קומען צו אים). האָט מען דאָרטן באַטראַכט אַ רייע זאַכן און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן 18 געזעצן לויט די בית־שמאי. עס איז אויך אויף יענער זיצונג אָפּ־געראַטעוועט געוואָרן דאָס „ספר יחזקאל״, וועלכעס מען האָט געוואָלט פאַר־משפּט׳ן צו גניזה (צו קאָנפיסקאַציע). עס איז געווען טאַקע דער בעל־הבית פון הויז, חזקיה בן גריון, וועלכער האָט גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף עס ניט קאָנפיסקירן (די וואָס האָבן געוואָלט עס קאָנפיסקירן האָבן גע׳טענה׳ט, אַז עס זיינען דאָרטן דאָ אַ סך שטעלן וואָס זיינען קעגן דער תורה) און ער האָט אויסגעפירט. צווישן די 18 געזעצן זיינען געווען אייניקע גזירות, וועלכע די בית־הלל האָבן ניט געוואָלט איינפירן, ווייל זיי זיינען צו שווער פאַרן פאָלק, אָבער די בית־שמאי האָבן זיי יאָ געוואָלט, און אַזוי ווי זיי זיינען געווען אין די מערהייט, האָבן זיי געזיגט.

פון יענע צייטן זיינען געבליבן אַ גאַנצע ריי פון תקנות אין אידישן לעבן. צווישן זיי איז אויך די כתובה וואָס אַ מאַן גיט אַ פרוי ביי דער חתונה. עס איז אַ שריפט, אַז אויב ער וועט איר אַמאָל געבן אַ גט, דאַרף ער איר געבן אַ געוויסע סומע געלט, כדי זי זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין הויז מיט ליידיקע הענט. פאַר אַ בתולה האָט מען באַשטימט די סומע פון 200 זוזים און פאַר אַן אלמנה די סומע פון 100 זוזים (אַזאַ מטבע אין יענער צייט). אַזוי זיינען דאָ נאָך אַנדערע תקנות וואָס שטאַמען פון יענער צייט.

הלל האָט געהאַט 80 תלמידים. דער גרעסטער פון זיי איז געווען יונתן בן עוזיאל (דער וואָס האָט געשאַפן דעם תרגום יונתן — אַן איבערזעצונג פון דער תורה, נביאים און כתובים, אויף אַראַמעאיש). דער קלענסטער פון זיי איז געווען ר׳ יוחנן בן זכאי. אָבער מיר וועלן שפּעטער זען וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע אָט דער קלענסטער פון הלל׳ס תלמידים האָט געשפּילט נאָך הלל׳ס טויט אין אידישן לעבן. מיט הלל און שמאי׳ס טויט האָבן זיך געענדיקט די זוגות. אָבער אַ חוץ די זוגות זיינען אין יענער צייט געווען נאָך פיל אַנדערע תנאים, ווי למשל, די „בני בתירה״, די „חסידים הראשונים״, חוני המעגל און פיל אַנדערע. מיטן טויט פון הלל און שמאי האָט זיך אויך גע־ענדיקט די עפּאָכע פון די ערשטע תנאים. מיט זייערע תלמידים, די בית־הלל און בית־שמאי און פיל אַנדערע, הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון די צווייטע תנאים.

אָבער איידער מיר טרעטן צו צו רעדן וועגן די צווייטע תנאים, מוזן מיר זיך פריער אָפּשטעלן אויף די דריי פאַרטייען וואָס זיינען דעמאָלט אַנטשטאַנען אין אידישן לעבן, נעמלעך, די פרושים־פאַרטיי, די צדוקים־פאַרטיי און די איסיים — אָבער וועגן זיי אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.4

די דריי פּאַרטייען: פּרושים, צדוקים און איסיים

די צדוקים־פּאַרטיי וועלכע איז געווען אַ רעגירונגס־פּאַרטיי. — די פּרושים, וואָס איז געווען אַ פאָלקס־פּאַרטיי. — די איסיים זיינען געווען אַ רעליגיעזע גרופּע, וואָס האָט זיך אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד ניט געוואָלט מישן. — די גרויסע באַדייטונג פון דער אינסטיטוציע „סנהדרין", און די ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט אין אידישן לעבן. — דער בית המקדש און זיין איינפלוס אויף די אידן אין יענער צייט. — די כהנים און די לוויים ביי דער עבודה אין בית המקדש און זייער השפּעה אויפן אידישן לעבן.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען עס איז געוואָרן 50 יאָר, זייט דער הערשאַפט פון די חשמונאים־דינאַסטיע. די חשמונאים האָבן רעגירט איבערן לאַנד מיט אַ פעסטער האַנט און געפירט מלחמות מיט די אַרומיקע שכני'שע לענדער. אין די קאַמפן האָבן זיי טיילמאָל געזיגט און צוגענומען שטיקער לאַנד ביי אַנדערע און טיילמאָל אויך פאַרלוירן, וואָס זיי האָבן פריער גע־וואונען און אַמאָל נאָך מער אויך. אָבער צוליב די מלחמות האָט דער נייער דור זיך באַקענט מערער מיטן לעבן פון די אַנדערע פעלקער, איבערהויפּט מיט די מער געבילדעטע, ווי למשל, די גריכן און גענומען זיי נאָכטאָן, זיך געגומען רופן מיט גריכישע נעמען, האָבן נאָכגעטאָן זייערע ספּאָרט־שפּילן און בכלל אַריינגעבראַכט אין לאַנד דעם פרעמדן גריכישן גייסט, דורך אויפ־בויען בנינים אין גריכישן סטיל פאַר ספּאָרט־שפּילערייען און פאָלקס־ פאַר־ווײַלונגען. איינער אַזאַ פּאַלאַץ, וואָס איז געווען געבויט לויטן גריכישן סטיל מיט זיילן און פאַרפּוצונגען פון אויבן, האָט דער חשמונאים־קעניג יוחנן הורקנוס אויסגעבויט ניט ווייט פון בית־המקדש און אים אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ גריכישן העלד, „קסיסטוס". דאָס איז געווען אַ גרויסער פּאַלאַץ מיט פיל צימערן פאַר פאָלקס־שפּילערייען און פאַרזאַמלונגען. פון דעם פּאַלאַץ איז געווען אַ בריק וואָס איז געגאַנגען איבער אַ טאָל צום בית־המקדש. אַזוי אַרום האָבן די חשמונאים געוואָלט פאַרבינדן דאָס אידישע מיטן גריכישן. הורקנוס האָט אויך אויסגעבויט אַ גרויסן בנין אַלס מאַגיסט־ראַט, וואו די פירער פון דער שטאָט זאָלן אָפּהאַלטן זייערע באַראַטונגען.

דאָרטן איז אויך געווען אַן אַרכיוו פאַר אַלע דאָקומענטן פון דער אידישער מלוכה.

די דאָזיקע פירונגען פון די חשמונאים האָט געבראַכט דערצו, אַז זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט די חכמים, דאָס מיינט, די תנאים און לערנער אין געוויסע ענינים, איבערהויפּט אידעאָלאָגישע. שפּעטער האָט זיך אין זייערע רייען באַוויזן אַ מאַן מיטן נאָמען צדוק, וועלכער איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן די תנאים און זייערע לערעס. די אָנהענגער פון די חשמונאים־לאַגער זיינען דעמאָלט צוגעשטאַנען צו אים און געוואָרן זיינע תלמידים. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צדוקים־פּאַרטיי.

די גרינדער פון דער „צדוקים־פּאַרטיי״, וועלכע איז אין עצם באַשטאַנען פון אַזעלכע וואָס זיינען קרוב למלכות, און אויך אַזעלכע וועלכע האָבן גע־טראָגן, צוליב עפּעס אַ געוויסער סיבה, אַ האַס אויף די תנאים, האָבן געפירט דערצו, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אויך אַ פּאַרטיי פון די תנאים און אַלע זייערע אָנהענגער, וואָס עס איז געווען דער רוב פון פאָלק. מען האָט באַלד גענומען רופן די פירער פון דער פּאַרטיי מיטן נאָמען „פּרושים״, וואָס עס האָט געמיינט, די וואָס טייטשן אויס די תורה (פון וואָרט „פּרוש״ — אויסטייטשן). און אָט דער נאָמען איז געבליבן אויך אויף ווייטער.

צו דער „פּרושים״־פּאַרטיי האָבן באַלאַנגט אַלע תנאים, וועלכע זיינען געוואָרן די אמת'ע פירער פון פאָלק; די סנהדרין, די רבנים פון גאַנצן לאַנד; אַלע ריכטער און מענטשן פון געזעץ און איבערהויפּט דאָס רוב אידן.

ביידע פּאַרטייען, די צדוקים און די פּרושים, האָבן זיך אָבער ניט בלויז פאַרנומען מיטן אויסטייטשן די תורה און מיט די פראַגן וואָס עס זיינען נוגע צו אידנטום, נאָר זיי זיינען אויך געווען פּאָליטישע פּאַרטייען און זיך שטאַרק געמישט אין דער פּאָליטישער פירונג פון לאַנד. אַזוי, למשל, איז די צדוקים־פּאַרטיי, אַ חוץ איר אידעאָלאָגישער אויפפאַסונג פון דער תורה און אַ חוץ דעם וואָס זי איז געווען זייער קאָנסערוואַטיוו און זיך געהאַלטן ביים בוכשטאַב פון געזעץ, אין עצם געווען אַ רעגירונגס־פּאַרטיי, וועלכע האָט געשטיצט אַלץ וואָס די חשמונאים־רעגירונג האָט געוואָלט און געטאָן, צי עס איז געווען פאַר דער טובה פון פאָלק אָדער ניט. גאַנץ אַנדערש אָבער איז געווען די פּרושים־פּאַרטיי, וועלכע מען דאַרף באַצייכענען אַלס „פאָלקס־פּאַרטיי״, ווייל זי האָט זיך אינטערעסירט, אין פּאָליטישן הינזיכט, נאָר מיט די אינטערעסן פון פאָלק און יעדע זאַך אויפגעפאַסט נאָר פון דעם שטאַנד־פּונקט. אויך אין זייער אידעאָלאָגיע פון אידנטום האָבן די פירער געהאַט אַט דעם צוגאַנג. פאַר זיי איז די תורה ניט געווען אַ פאַר'חתמ'עט בוך, וואָס מען מוז אָפּהיטן געגוי לויט די ווערטער וואָס געפינען זיך דאָרטן, נאָר אַ בוך פון לעבן, אַ לערע וואָס איז דינאַמיש. זיי האָבן דעריבער זיך ניט גערעכנט אַזוי ווייט מיט די ווערטער, ווי מיט דעם זין, מיטן געדאַנק וואָס עס איז הינטער זיי.

צוליב דעם, וואָס אָט די ביידע פּאַרטייען האָבן זיך שטאַרק געמישט אין דער פּאָליטישער פירונג פון לאַנד, האָט דאָס געשאַפן אַ נויטווענדיקייט פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אין דער פּאָליטיק ניט געוואָלט מישן און האָבן געוואָלט אויסלעבן זיך בלויז אין אַ גייסטיקער סביבה, צו שאַפן זיך אַן אייגענעם ווינקל. אַזוי איז געשען, אַז עס איז געקומען אויף דער וועלט אין יענער צייט אַ דריטע פּאַרטיי, וועלכע ווערט באַצייכנט אַלס איסיים (פאַרוואָס די פּאַרטיי האָט זיך אַזוי גערופן, איז ניט קלאָר. עס קאָן זיין, אַז אפשר דערפאַר וואָס די ערשטע גרינדער, זיינען אויך געווען היילער, ווייל „איסא״ מיינט אַ היילער, אויף אַראַמעאיש). אין תלמוד ווערט אָט דער נאָמען און בכלל וועגן דער טעטיקייט פון אָט דער פּאַרטיי, ניט דערמאָנט. עס קאָן זיין, אַז דאָס זיינען געווען די גרופּן וואָס ווערן באַצייכנט מיט די אויסדרוקן „חסידים הראשונים״, „ותיקין״ און נאָך אַנדערע אַזעלכע נעמען. וועגן דער איסיים־פּאַרטיי דערוויסן מיר זיך הויפּטזעכלעך פון פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער באַשרייבט זיי אויספירלעך, און פון יאָזעפוס, וועלכער ברענגט אויך אַן ענלעכע שילדערונג וועגן זיי, ווי די פון פילאָן, אָבער ער גיט צו אייניקע פּרטים. אָט די דאָזיקע פּאַרטיי האָט זיך אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד ניט געמישט און זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט גייסטיקע ענינים. זיי האָבן געהאַט זייערע גלויבנס און אָבערגלויבנס, וועלכע זיינען טיילמאָל אַוועק ביז צו אַבסורד.

פון די דריי פּאַרטייען ווערן צוויי, די פּרושים און צדוקים, באַטראַכט פאַר האַלב־פּאָליטישע און האַלב־רעליגיעזע, ווייל זיי האָבן געהאַט באַזונדערע פּאָליטישע פּראָגראַמען און אויך באַזונדערע רעליגיעזע איינשטעלונגען. די צוויי פּאַרטייען האָבן געפירט צווישן זיך אַ פאַרביסענעם קאַמף, וואָס האָט פיל מאָל געפירט אויך צו בלוטיקע הריגות, ווי עס איז געווען דער פאַל אין דער צייט פון קעניג ינאי, ווען זיינע אָנהענגער האָבן פאַר׳משפּט צום טויט פיל פון די פירער פון די פּרושים. אָבער אַפילו נאָך אָט די טרויעריקע געשעענישן, האָבן די פּרושים נישט גערופן אָפּצוטיילן זיך אינגאַנצן פון די צדוקים, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט שפּאַלטן דאָס אידיש פאָלק, אַזוי ווי עס איז געווען אין דער צייט פון ערשטן בית־המקדש, ווען עס איז געווען צוויי באַזונדערע רעגירונגען, אַ מלכות יהודה און אַ מלכות ישראל. די פּרושים האָבן גערופן צו שלום אַפילו ווען עס דאַרף קאָסטן אַ פּרייז. זיי האָבן דעריבער געוואָלט אויך זיך אונטערגעבן אונטער דער רוימישער מאַכט איידער צו קעמפן קעגן איר, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ קאַמף פון אַ קליינער אַרמיי פון אַ קליין לאַנד קעגנאיבער אַזאַ ריזיקע אימפּעריע ווי רוים, מיט אַזאַ ריזיקער גרויסער אַרמיי פון הונדערטער טויזנטער סאָל־דאַטן און מיט פיל געווער, איז פון לכתחילה אויס אַ פאַרשפּילטע זאַך. דעריבער האָט ר׳ יוחנן בן זכאי, איינער פון די תלמידים פון הלל הזקן, וועלכער איז געווען פון די ערשטע אין דער צווייטער תנאים־עפּאָכע, אַ רבי פון פיל תלמידים און איינער פון די הויפּט־פירער פון דער פּרושים־

פאַרטיי, זיך אַרויסגע׳גנב׳עט בשתיקה צום הויפּט־פעלדמאַרשאַל פון די רוימער און אים דערקלערט, אַז די פּרושים־פּאַרטיי איז גרייט זיך אים אונטערצוגעבן פאַר קליינע באַדינגונגען, ווי מיר וועלן עס דערקלערן געגויער שפּעטער.

די צדוקים־פּאַרטיי אַלס אַ רעגירונגס־פּאַרטיי האָט אַלע מאָל געמוזט האַנדלען לויט דעם ווי די רעגירונג האָט געוואָלט, אָבער ניט אַלע מאָל האָבן אָט־די הערשער געוואָלט שלום, כאָטש זיי האָבן זיך אָפּט גע׳חנ׳דלט צו די רוימער. די חשמונאים האָבן געהאַט זייער אָפּט קריגערישע טענדענצן. דאָס איז געווען איבערהויפּט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געזאָרגט שטענדיק נאָר וועגן זיך און פאַר זייער דינאַסטיע און ווייניק פאַר דעם לאַנד גופא, בעת די פּרושים האָבן זיך שטענדיק געקימערט נאָר פאַר דעם וואָס עס וועט זיין בעסער פאַרן פאָלק.

אין אַ זייט פון די צוויי פּאָליטישע פּאַרטייען איז געשטאַנען די איסיים־פּאַרטיי, וועלכע איז געווען דורכאויס אַ רעליגיעזע פּאַרטיי און האָט פון קיין פּאָליטיק ניט געוואָלט וויסן. די פּאַרטיי האָט ניט געוואָלט קיין הערשער און באַהערשטע, קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע און האָט נאָר גע־טראַכט פון געטלעכקייט, פון ברענגען דאָס „מלכות שמים״, דאָס קעניגרייך פון הימל, אויף דער ערד. זיי האָבן זיך דעריבער דערווייטערט סיי פון די פּרושים און סיי פון די צדוקים, כאָטש אין פיל היגזיכטן זיינען זיי געווען מער נאָענטער צו די פּרושים ווי צו די צדוקים. אויספירלעך וועגן די דריי פּאַרטייען וועלן מיר רעדן שפּעטער, ווען מיר וועלן באַטראַכטן זייערע באַזונדערע אידעאָלאָגיעס.

איידער מיר גייען ווייטער, דאַרף מען נאָך זיך אָפּשטעלן אויף צוויי אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געווען דעמאָלט אין ירושלים און וועלכע האָבן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין אידישן לעבן פון יענער צייט. די צוויי אינסטי־טוציעס זיינען געווען: די סנהדרין און דאָס בית־המקדש.

די גרויסע סנהדרין איז באַשטאַנען פון 71 געלערנטע. די דאָזיקע אינסטיטוציע איז געווען דער שטאָלץ פון לאַנד. דאָס איז געווען ווי למשל דער „סופּרים קאָורט״ אין אַמעריקע, אָבער מיט אַ פיל גרעסערע מאַכט און אַנזען. די סנהדרין האָבן דערקלערט די תורה און לויט ווי זיי האָבן זי אויסגעטייטשט, אַזוי איז געווען. זיי האָבן אויך אָפּגעהיט די מסורה, דאָס הייסט, די טראַדיציע וועגן די געזעצן, וועלכע זיינען אין דער תורה נישטאָ און וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס אַזעלכע וואָס גייען איבער פון פאָטער צום זון. צוליב דעם האָט די סנהדרין זיך טיילמאָל צעטיילט אויף צוויי גרופּן, וואָס איינע האָט זיך פאַרנומען מיט טאָג־טעגלעכע ענינים און די אַנדערע מיט אויסטייטשן די איבערגעליפערטע דינים און מצוות. עס זיינען דעריבער אַמאָל געווען צוויי סנהדרינ׳ס: איינע איז געזעסן ביים טויער פון הר־הבית און די צווייטע ביים טויער פון דער עזרה. אויב עס איז געווען

אַ זאַך אין וואָסביידע צדדים זיינען געווען מחולק, זיינען זיך אַלע צוזאַמענ־געקומען אַלס די גרויסע סנהדרין.

די גרויסע סנהדרין איז געזעסן אין „לשכת הגזית" (אַזוי האָט דער פּלאַץ געהייסן) אין מיטן פון בית־המקדש. די „לשכה" האָט געהאַט צוויי טירן, איין טיר צום בית־המקדש און איין טיר צום הויף, צו דער עזרה. די וואָס זיינען געזעסן אין „לשכת הגזית" האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ סימבאָליש בילד, אַז זיי זיצן צווישן דעם הויז פון גאָט און דעם פאָלק. די מיטגלידער פון די סנהדרין האָבן אָפּגעהאַלטן זיצונגען יעדן טאָג, אַ חוץ שבת. אין טאָג פון שבת האָבן זיי געלערנט מיטן עולם, אָדער גערעדט צום עולם אין בית־המדרש וואָס איז געווען אויפן „הר־הבית". אָבער כאָטש די צאָל פון דער גרויסער סנהדרין איז געווען 71, ווען עס איז געווען נאָר 23, האָבן זיי שוין זיך פאַרזאַמלט אויף צו באַטראַכטן ווייניקער וויכטיקע ענינים. וויכטיקע פּראָצעסן זיינען באַטראַכט געוואָרן אָפּן פאַר אַלע. פון דער גרויסער סנהדרין, און אויב עס האָט אַמאָל געפעלט עמעצער פון די 71, האָט מען געבראַכט אַן אַנדערן ריכטער פון אַ קלענערן געריכט און געזעצט אים אויף זיין פּלאַץ.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן „דיני נפשות", פּראָצעסן וואָס קאָנען פירן צו אַ טויט־אורטייל, האָט זיך געפירט, אַז מען האָט געפרעגט צום ערשטן דעם אינגערן ריכטער זיין מיינונג, ווייל אויב דער עלטערער וועט רעדן צום ערשטן, קאָן אַמאָל זיין אַז אַלע וועלן שוין האַלטן מיט אים. דער פון דער סנהדרין וואָס האָט געפאָדערט אַ שווערע שטראָף, האָט געקאָנט ענדערן זיין מיינונג און פאָדערן שפּעטער אַ לייכטערע שטראָף, אָבער דער וואָס האָט געפאָדערט אַ לייכטע שטראָף, האָט מער ניט געקאָנט פאָדערן אַ האַרבערע שטראָף. אַזוי זיינען געווען נאָך פיל אַנדערע ליבעראַלע איינ־ריכטונגען לטובת די באַשולדיקטע.

* * *

די צווייטע אינסטיטוציע אויף וועלכע דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען שטאָלץ, איז געווען דער הר הבית, אויף וועלכן עס זיינען געשטאַנען אַ ריי פון הערלעכע בנינים. אין צענטער איז געווען דאָס בית־המקדש און דאָס קדשי הקדשים, וואו דער כהן גדול איז אַריינגעקומען נאָר איין מאָל אין יאָר — אין יום כפור.

דער כהן גדול איז געווען דער סימבאָל פון העכסטן דינסט צו גאָט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע באַזונדערע קליידער מיט אַ „חושן" און אַן „אפוד", מיט אַ גאָלדענע „ציץ" אויפן שטערן אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן גאָט'ס נאָמען. באַזונדערס ווערט געשילדערט אין תלמוד די צערעמאָניע וואָס עס איז פאָרגעקומען אין בית־המקדש אַרום דעם כהן גדול, אין דער נאַכט פון יום־כפור און צומאָרגנס יום־כפור ווען ער איז אַריין אין קדשי הקדשים מיטן קטורת אין זיין האַנט.

אונטער דעם כהן גדול׳ס רשות האָבן זיך אויך געפונען די כהנים און אויך אַ „בית־דין פון כהנים״, וועלכע האָט אַכטונג געגעבן אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג. צו די כהנים איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג פון לוויים וועלכע האָבן געזונגען און געשפּילט אויף אינסטרומענטן בעת דער עבודה. די לוויים פלעגן שטיין אויף די 15 טרעפּ וואָס האָבן געפירט פון עזרת נשים צו דער עזרת ישראל, און ווען די כהנים האָבן געגאָסן וויין אויפן מזבח, האָבן די לוויים גענומען זינגען און שפּילן אויף זייערע אינסטרומענטן, קאַפּיטלעך פון תהלים. זיי האָבן געהאַט דריי אינסטרומענטן: אַ האַרפע, אַ פידל און אַ צימבל. אין די טעג פון יום־טוב און אין ערב־פּסח, ווען מען האָט מקריב געווען דעם קרבן־פּסח, האָבן זיי אויך געפּייפט אויף אַזאַ פּייפל און עס האָבן צוגעהאָלפן די יונגע קינדער פון די לוויים, וועלכע האָבן זייערע דינע שטימען געמישט מיט די פון די דערוואַקסענע. ביי דער עבודה פון שבת האָבן די לוויים געזונגען „מזמור שיר ליום השבת״, אַ חוץ אַנדערע געזאַנגען.

אָט אויף דער קאַנווע וועלן מיר דאָ פּראָבירן צו שילדערן דאָס לעבן פון די אידן אין די לעצטע זעכציק יאָר פון בית־המקדש און אויך דאָס לעבן אוןווירקן פון דער צווייטער גרופּע פון תנאים, פון די וועלכע האָבן געלעבט ביים חורבן און אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן. די עפּאָכע הויבט זיך אָן מיט ר׳ יוחנן בן זכאי, אָבער וועגן אים אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.5

ר׳ יוחנן בן זכאי

דער צווייטער דור פון די צווייטע תנאים — די תלמידים פון הלל און שמאי. — וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געבעטן ביים רוימישן פעלדמאַרשאַל אַלס פּרייז פון אונטערגעבן זיך. — די ישיבה אין יבנה. — די נייע סנהדרין. — ווי אַזוי ר׳ יוחנן בן זכאי האָט אָפּגעשאַפט געווויסע געזעצן. — ווי אַזוי ער האָט איינגעפירט צו בעטן צו גאָט אויפן אָרט פון קרבנות. — ער האָט לויט דער לעגענדע געלעבט 120 יאָר. — דער נייער נשיא, ר׳ גמליאל פון יבנה.

די צווייטע תנאים, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די גרעסטע גרופּע פון חכמים אין יענער צייט. זיי זיינען געווען טעטיק אין משך פון איבער צוויי הונדערט יאָר: פון 60 יאָר פאָרן חורבן פון בית־המקדש, ביז הונדערט און פופציק יאָר נאָכן חורבן, אַ קיימאַ־לן פון 210 יאָר.

אָט די תנאים ווערן איינגעטיילט אין פינף דורות (לויט אַנדערע — זעקס). אין יעדן דור איז געווען אַ געוויסע פירער־גרופּע, וואָס האָט געווירקט אין איר צייט. מיר וועלן דעריבער באַקענען זיך מיט די הויפּט־תנאים פון יעדן דור, כדי צו זען ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט, ווער זיי זיינען געווען און וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן פאַרן אידנטום, ניט נאָר אַלס גרופּע, נאָר אויך אַלס אינדיווידועלע מענטשן. די צאָל פון אַלע צווייטע תנאים איז געווען, לויט איין מיינונג — 175, לויט אַ צווייטער — 200 און לויט אַ דריטער גאָר ביז 300. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז עס איז ניט מעגלעך אַרויסצופירן אַלע. מיר וועלן דעריבער ברענגען דאָ בלויז די סאַמע פאָרשטייער פון יעדן דור.

די ערשטע, וואָס קומען אין באַטראַכט אין ערשטן דור, זיינען געווען די תלמידים פון הלל און שמאי, כאָטש עס זיינען געווען אויך אַנדערע באַדייטנדיקע, וואָס זיינען ניט געווען קיין תלמידים פוןביידע.

די צאָל פון די תלמידים פון הלל און שמאי איז געווען זייער אַ גרויסע און עס זיינען אויך געווען תלמידים פון די תלמידים, וואָס האָבן זיך גערעכנט צום „בית הלל" אָדער „בית שמאי". זיין אַליין, די גרויסע מייסטער הלל און שמאי, האָבן שוין ניט געלעבט. די צייט איז 60 יאָר פאַרן חורבן (לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג איז עס געווען אין אָנהויב פון זייער ציילונג). יענע עפּאָכע איז געווען זייער אַ שווערע. רוים האָט שוין געהאָט געהערשט איבער ארץ־ישראל און אירע פאָרשטייער האָבן אָנגעפירט מיטן לאַנד. די רוימישע זעלנער האָבן געטאָן אין לאַנד וואָס זיי האָבן נאָר גע־

וואָלט, באַזונדערס אין די טעג פון די דריי ימים־טובים: פסח, שבועות און סוכות, ווען עס איז געקומען אַ גרויסער עולם פון אידן אין ירושלים. דעמאָלט האָבן די רוימישע סאָלדאַטן געפונען אַ געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זייער פאַראַכטונג צו די באַזיגטע און עס איז ניט אַריבער קיין איין יום־טוב אָן בלוט־פאַרגיסונג. די סנהדרין, וואָס האָט נאָך דעמאָלט עקזיסטירט, איז געווען כמעט אָנמעכטיק. צוואַנציק יאָר נאָך הלל׳ס טויט האָט זי מער ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגעבן אַ טויט־שטראָף אורטייל.

די תלמידים פון הלל און שמאי האָבן געפירט צווישן זיך וויכוחים וועגן דינים און הלכות און אַזוי צו טייטשן געוויסע פסוקים פון דער תורה, וועלכע זיינען ניט קלאָר. דער וועג פון די „בית שמאי״ איז געווען אַזוי ווי שמאי אַליין, צו פסק׳ענען לחומרא, דאָס הייסט, צו מאַכן דעם ענין שווערער, צו זיין קאָנסערוואַטיוו בנוגע יעדער זאַך. די „בית הלל״ האָבן גענומען דעם פאַרקערטן וועג, צו פסק׳ענען לקולא, דאָס הייסט, צו פאַרלייכטערן יעדע זאַך, צו זיין מער ליבעראַל. עס זיינען אָבער דאָ אַ קליינע צאָל זאַכן, וואו די בית שמאי זיינען דערביי געווען מער ליבעראַל און די בית הלל, פאַרקערט, מער קאָנסערוואַטיוו.

איינער פון די הויפּט־לייכטנדיקע גייסטער פון יענער עפּאָכע איז געווען ר׳ יוחנן בן זכאי. ער איז געווען דער קלענסטער פון הלל׳ס תלמידים, אָבער הלל אַליין האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט זיין „דער פאָטער פון חכמה, דער פאָרגייער פון דורות״. און דאָס איז ווירקלעך אַזוי געווען, וואָרום מיט זיין חכמה און מיט זיין וויטזען האָט ער געשאַפן נייע זיילן פאַרן בנין פון אידנטום, נאָכדעם ווי דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. אין דער צייט ווען דער גייסטיקער צענטער פון די אידן איז פאַרניכטעט געוואָרן, די כהנים זיינען פאַרטריבן געוואָרן און אַ גרויסער טייל פון די מצוות, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט ירושלים און מיטן בית־המקדש, זיינען בטל געוואָרן, האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געקוקט ווייט און געזוכט אַ נייעם אינהאַלט פאַרן אידנטום און האָט געשטעלט די תורה אין צענטער פון אידישן פאָלק. ער האָט געלערנט זיין פאָלק, אַז אומעטום וואו זיי וועלן גיין, וואו נאָר עס וועט זיי אויסקומען צו וואַנדערן, זאָל די תורה מיטגיין מיט זיי, אַזוי ווי דער ארון איז מיטגעגאַנגען מיט די אידן אין דער מדבר.

צו דעם צוועק האָט ער זיך אויף אַ קונציקן אופן אַרויסגעקראָגן, אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים, אויסער דער מויער, צום לאַגער פון רוימישן פעלדמאַרשאַל אַספּאַסיאַנוס, כדי צו זאָגן אים, אַז די גאַנצע אינטעליגענץ, אַלע תלמידי חכמים זיינען גרייט זיך אונטערצוגעבן, אונטער דער רוימישער מאַכט, און געבעטן פון אים נאָר איין זאַך, נאָר איין תנאי וואָס ער האָט געוואָלט, אַז דער פעלדמאַרשאַל זאָל נאָכגעבן. אָבער בעת דער פעלדמאַרשאַל האָט אַוודאי געטראַכט, אַז דער תנאי וועט זיין זייער אַ שווערער, האָט ר׳ יוחנן אים איבערראַשט מיט זיין קליינער בקשה:

— גיב מיר יבנה מיט אירע געלערנטע! לאָז מיר איבער בלויז די

אַקאַדעמיע פון יבנה! זע, אַז צו די געלערנטע, וואָס זיינען אין יבנה און אויך צו די וואָס ווילן קומען אַהין זאָל קיין שלעכטס ניט געשען! אָט דאָס איז אַלץ וואָס מיר ווילן!

דער גרויסער פעלדמאַרשאַל אַספּאַסיאַנוס האָט זיך זיינע אויערן ניט געגלויבט. ער האָט זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז דער גרויסער אידישער פירער זאָל פאַרן פּרייז פון אונטערגעבן זיך, בעטן אַזאַ קלייניקייט — אַ ישיבה אין אַ קליין אָרט ווי יבנה. ר׳ יוחנן האָט עס אָבער בעסער פאַרשטאַנען. ער האָט געוואָלט שאַפן אַ נייעם צענטער, אַ צענטער פון תורה און ער האָט געבעטן דעריבער יבנה, וואָס איז שוין געווען באַקאַנט אַביסל אַלס מקום תורה.

יבנה געפינט זיך ניט ווייט פון מיטללענדישן ים, צווישן יפו און די אַמאָליקע שטאָט פון די פלשתים, אשדוד. ר׳ יוחנן איז געפאָרן אַהין און האָט אויסגערופן, אַז אַלע תלמידי חכמים זאָלן קומען צו אים, און זיי זיינען טאַקע געקומען אין די הונדערטער. יבנה האָט גענומען וואַקסן. אַ נייער צענטער איז געשאַפן געוואָרן, אָבער דאָך האָט ביי זיי אַלע די הערצער געקלאַפּט און זיי האָבן געציטערט איבערן גורל פון ירושלים און פון בית־המקדש. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַרן ערגסטן. און אָט איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייעס: דאָס בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרן! ירושלים איז חרוב! טויזנטער טויטע אין די גאַסן!

ר׳ יוחנן בן זכאי האָט זיך געריסן קריעה און געוויינט אויפן קול און מיט אים אַלע תלמידים. אָבער אַלע האָבן דערנאָך געשוויגן. דער ערשטער וואָס האָט גענומען שפּעטער דאָס וואָרט איז געווען רבי עקיבא. ער האָט געזאָגט:

— ווי איז צו אונז, אַז דאָס אָרט וואו מען האָט פאַרגעבן די זינד פון די אידן איז חרוב געוואָרן.

האָט ר׳ יוחנן אויך שוין איבערגעריסן זיין שווייגן און געזאָגט צו ר׳ עקיבא׳ן:

— מיין קינד, זאָג ניט אַזוי. מיר וועלן שאַפן אַן אַנדער זאַך וואָס וועט זיין נאָך גרעסער צו קאָנען פאַרגעבן אונז די זינד און דאָס איז — צו טאָן אַ גמילות חסד איינער מיטן אַנדערן, ווייל דער נביא האָט דאָך געזאָגט: „חסד חפצתי ולא זבח״ (איך וויל בעסער, אַז מען זאָל טאָן חסד איינער צום אַנדערן ווי צו ברענגען מיר קרבנות).

האָט אַן אַנדערער ווידער גערעדט וועגן די קרבנות, וואָס מען האָט געבראַכט צו גאָט אין בית־המקדש, האָט ר׳ יוחנן אים דערויף געענטפערט:

— גאָט דאַרף ניט קיין קרבנות. גאָט וויל בלויז, אַז מען זאָל בעטן צו אים, „תפלה במקום עבודה״, בעטן צו גאָט קומט איצט אויפן אָרט פון מקריב זיין קרבנות. אָבער תפלה דאַרף זיין פון אַ צעבראָכן האַרץ, ווייל נאָר די וואָס בעטן צו גאָט פון דער טיפעניש פון זייער האַרצן, נאָר די ענטפערט ער.

און ר׳ יוחנן בן זכאי האָט גענומען פאַרפעסטיקן יבנה אַלס אַ צענטער. ער האָט געשאַפן דאָרטן אַ גרויסע סנהדרין, פון וועלכער ער איז געווען אב בית־דין, ווייל קיין נשיא האָט מען דעמאָלט ניט אויסגעקליבן צוליב דעם וואָס ר׳ גמליאל, דער זון פון שמעון הנשיא, איז נאָך געווען צו יונג. ר׳ יוחנן האָט כסדר געזאָרגט איצט צו שטאַרקן דעם פּרעסטיזש פון יבנה און פון די סנהדרין און האָט זיי אָנגערופן „בית־דין הגדול" און זיך אַליין באַצייכנט אַלס „ראש בית הדין".

ר׳ יוחנן בן זכאי האָט איצט איינגעזען, אַז מען מוז מאַכן געוויסע ענדע־רונגען אין אידנטום, לויט דער נייער לאַגע, כדי עס זאָל קאָנען עקזיסטירן. איינע פון די ערשטע זאַכן וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט אָפּגעשאַפט איז געווען דער ענין פון „סוטה", אַז אויב אַ מאַן איז חושד זיין ווייב אַז זי האָט גע־זינדיקט מיט אַן אַנדערן מאַן, זאָל ער זי, וועלכע הייסט איצט אַ „סוטה", ברענגען צום כהן וועלכער גיט איר צו טרינקען „מים המאררים" (אַזאַ וואַסער געמישט מיט דער ערד פון בית־המקדש) און אויב זי איז שולדיק באַקומט זי איר שטראָף באַלד אויפן אָרט, איר בויך ווערט געשוואָלן און זי פאַלט טויט (במדבר ה׳, י״א—ל״א). עס איז איצט געווען אַ צייט ווען די צניעות פון פרויען איז פאַרשוואונדן און זייער פיל פון זיי האָבן געזינדיקט, האָט ער דעריבער אָט דאָס געזעץ, כאָטש עס שטייט אין דער תורה, אָפּגעשאַפט (סוטה מ״ז). אַזוי האָט ער געטאָן אויך מיט אַנדערע געזעצן.

ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל פון תלמידים, אָבער פינף זיינען געווען פון די סאַמע בעסטע. זיי זיינען געווען: ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ יהושע בן חנניא, ר׳ יוסי הכהן, ר׳ שמעון בן נתנאל און ר׳ אלעזר בן ערך און ער האָט גערעדט וועגן יעדן אייגענעמס מעלות. אויף ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַזוי ווי אַן אויסגעקאַלכטער גרוב, וואו קיין טראָפּן וואַסער גייט ניט פאַרלוירן (ער פאַרגעסט גאָרניט); אויף ר׳ יהושע בן חנניה האָט ער געזאָגט: וואויל איז דעם וואָס האָט אים געבוירן; אויף ר׳ יוסי הכהן — אַז ער איז אַ גאָט־פאַרכטיקער מענטש; אויף ר׳ שמעון בן נתנאל — אַז ער האָט מורא צו באַגיין אַ זינד און אויף ר׳ אלעזר בן ערך — אַז ער איז ווי אַ קוואַל וואָס שטראָמט, און וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אָבער ר׳ יוחנן בן זכאי האָט מיט זיין גאַנצער אַרבעט אויפצובויען אַ נייעם צענטער פאַרן אידנטום דאָך געטרויערט אין זיך אויפן חורבן פון בית המקדש און פון ירושלים. איינמאָל, ווערט דערציילט, איז ער געריטן אויף אַ פערד פון ירושלים צו אַ הויז פון אַ פריינט, ערגעץ אין יהודה. האָט ער אויפן וועג געזען ווי די טאָכטער פון דעם גרעסטן עושר פון ירושלים נקדימון בן גוריון, קלייבט גערשטן פון צווישן די פיס פון אַ פערד, כדי צו שטילן איר הונגער, האָט ר׳ יוחנן אויסגערופן מיט צער צו זיינע תלמידים: „איר זעט אָט די פרוי, וואָס קלויבט גערשטן, איך האָב אונטערגעשריבן איר כתובה. ווייסט איר וואָס דאָרטן איז געשטאַנען? — הערט, אַז זי ברענגט

אַריין פון איר פאָטערס הויז טויזנט גאָלדענע רענדלעך, אַ חוץ דעם וואָס זי האָט געקראָגן פון איר שווער!״ — און ר׳ יוחנן האָט דערנאָך אויסגעשריען פון צער: „מיין אָרעם פאָלק! עס פאַסט זיך וועגן דיר דער פסוק „אויב דו ווייסט ניט ווער עס איז די שענסטע פון די פרויען, גיי אַרויס נאָך די טריט פון דער שאָף״. מיין פאָלק, דו האָסט ניט געוואָלט דינען צו גאָט, מוזט דו דערפאַר זיין פאַרשקלאָפט צו רוים! דו האָסט ניט געוואָלט געבן אַ האַלבן שקל אַלס קאָפּ־אָפּצאָל צום בית המקדש, מוזטו דערפאַר צאָלן 15 שקלים צו רוים; דו האָסט ניט געוואָלט פאַרריכטן די וועגן און די גאַסן פון ירושלים, אַז זיי זאָלן זיין שיין און ריין פאַר די עולי־רגל וואָס קומען אַן אַהין פון גאַנצן לאַנד אויף יום־טוב, מוזטו דאָס איצט טאָן פאַר רוים. אַזוי שטייט אין פסוק: „ווייל דו האָסט ניט געוואָלט דינען צו גאָט, דיין גאָט, מיט פרייד, וועסטו מוזן דינען דיינע שונאים, מיט לייד״.

אָבער פונדעסטוועגן איז נאָך די לאַגע אין יענער צייט אין ארץ־ישראל, געווען צו דערליידן. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען עס האָט געהערשט אין לאַנד דער לעצטער קעניג, אגריפוס דער 2טער, אין דער צייט ווען זיין שוועסטער בירעניקאָ (וואָלעריאָ) האָט געפירט אַ ליבע אין רוים מיט טיטוס׳ן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל ווערן די קייזערין פון רוים. אין יענער צייט האָט רוים ניט אַזוי שטאַרק געדריקט דאָס קליינע לאַנד יהודה און עס איז דעריבער נאָך דאַרטן געווען אַ געוויסע מאָס פון זעלבסטפאַרוואַלטונג. אָבער ווען טיטוס האָט שפּעטער זיך אָוועקגעדרייט פון זיין אידישע געליבטע און זי האָט געמוזט פאַרלאָזן רוים, האָט זיך די לאַגע געביטן, אויף אַזוי ווייט, אַז מען ווייסט אַפילו ניט וואָס עס איז געוואָרן אינגאַנצן מיט דער אידישער קעניגלעכער פאַמיליע. שוין אין יענער צייט זיינען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס, אַז די אידישע פרינצן און פרינצעסינס האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער און געהייראַט מיט פרינצן און פרינצעסינס פון יענע לענדער.

עס איז ניט באַקאַנט ווי לאַנג ר׳ יוחנן בן זכאי האָט אָנגעפירט מיט זיין אַקאַדעמיע אין יבנה, אָבער עס זעט אויס אַז ניט צו לאַנג. יעדנפאַלס, ווייניקער ווי צען יאָר, אָבער אין אָט דער קורצער צייט האָט ער דאָך באַוויזן צו שאַפן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט — אַ נייעם צענטער אויפן פּלאַץ פון ירושלים און אַ מקום תורה אויפן פּלאַץ פון בית המקדש — און דאָס איז געווען ניט נאָר יבנה, נאָר אויך אַלע אַנדערע אַקאַדעמיעס פאַר אידיש וויסן, וואָס זיינען אויפגעקומען נאָך יבנה אין ארץ־ישראל און אויך אין אַנדערע לענדער, וואו אידן זיינען געוואָרן פאַרוואַגלט. דעריבער איז ר׳ יוחנן בן זכאי נאָך ביי זיין לעבן באַצייכנט געוואָרן פון די חכמים אַלס „נר ישראל״ (דאָס ליכט פון די אידן), „עמוד הימיני״ (דער רעכטער זייל) און „פטיש החזק״ (דער שטאַרקער האַמער), ווייל עס איז געווען ער, וועלכער האָט געשאַפן אַ נייעם גייסטיקן צענטער פאַר די אידן, ווען דער אַלטער איז חרוב געוואָרן.

לויט אַ לעגענדע האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געלעבט 120 יאָר. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים: „עס איז מיין ווילן, אַז איר זאָלט מורא האָבן פאַר גאָט, ניט ווייניקער ווי פאַר אַ קעניג וואָס איז אַ בשר ודם״. נאָך ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס טויט האָט מען געזאָגט, אַז מיט זיין טויט איז פאַרשוואונדן די שיינקייט פון „חכמה״ („זיו החכמה״). פון ר׳ יוחנן בן זכאי זיינען גע־בליבן פיל דינים וועלכע זיינען אין גייסט פון זיין גרויסן רבי, הלל. זיי זיינען אַלע ליבעראַלע, ווי עס איז געווען די שטרעבונג פון הלל הזקן אין זיינע אויסטייטשונגען פון דער תורה.

מיר זעען איצט אויף דער אַרענע אַ גאַנצע ריי פון געוויסע געלערנטע, ווי ר׳ חנניה סגן הכהנים, ר׳ צדוק, פון די תלמידים פון בית שמאי; נחום המדי, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון בית־דין פון ירושלים פאַרן חורבן; ר׳ דוסא בן הרכינס, אַ באַרימטער תלמיד פון די „בית הלל״, אַ גרויסער עושר און אַ טיפער דענקער; אבא שאול בן בטנית, אַ תנא וועלכער האָט געהאַנדלט מיט וויין; ר׳ נחוניה בן הקנה און נחום איש גם זו, וועלכן מ׳האָט אַזוי גערופן ווייל ער פלעגט זאָגן אויף יעדער זאַך „גם זו לטובה״ (אַלץ איז צום גוטן). באַזונדערס זעט זיך אָן די פיגור פון דעם נייעם ריז פון גייסט, דער נשיא פון יענער צייט — ר׳ גמליאל, דער זון פון שמעון, וועלכן מען האָט גערופן „ר׳ גמליאל פון יבנה״, אָבער וועגן אים אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.6

רבן גמליאל פון יבנה

פאַרוואָס מען האָט אים גערופן „רבן". — זיין שטרענג־קייט בנוגע צו סטודענטן וואָס מיינען ניט דאָס לערנען. — ווי אַזוי ער האָט זיך אויפגעפירט קעגנאיבער אַנדערע תלמידי חכמים. — זיין קאַמף מיט ר' יהושע בן חנניה. — דער שטורעם קעגן אים און ווי אַזוי מען האָט אים געמאַכט פאַר אוים נשיא. — ווען די געוועזענע שונאים האָבן זיך איבערגעבעטן. — דער נייער שטערן, ר' עקיבא בן יוסף.

דער נייער נשיא ר' גמליאל, אַ זון פון שמעון הנשיא און אַן אייניקל פון הלל הזקן, איז געווען גרויס סיי אין תורה און סיי אין עשירות. זיין טיטל איז געווען „רבן", וואָס איז געווען אין יענער צייט אַ גרעסערער טיטל ווי „רבי". ר' גמליאל איז געגאַנגען אין די וועגן פון ר' יוחנן בן זכאי, צו פאַרשטאַרקן די מאַכט פון יבנה. דערפאַר האָט מען אים גערופן „רבן גמליאל פון יבנה". אין יענער צייט איז נאָך ר' יוחנן בן זכאי געבליבן אַ סך תלמידים וועלכע האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דער דור איז געווען דער צווייטער פון די צווייטע תנאים און האָט געדויערט פון יאָר 80 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג) ביז יאָר 120.

רבן גמליאל איז געווען אַ גרויסער בעל מידות. אַזוי, למשל, האָט ער ניט געוואָלט נעמען קיין שום זאַך פון עמיצן וועמען ער האָט געבאָרגט געלט, כדי עס זאָל ניט הייסן אַז ער נעמט אַפילו אַ שאָטן פון פּראָצענט. ער איז געווען זייער גוט צו זיינע דינערשאַפט און כאָטש ער איז געווען זייער רייך, האָט ער ניט געבלאָזן פון זיך און האָט ניט אַראָפּגעקוקט אויף די אָרעמע. רבן גמליאל איז געווען אויך געלערנט אין אַנדערע וויסנשאַפטן, ווי מאַטע־מאַטיק און אַסטראָנאָמיע און האָט עס באַנוצט אויף פעסטצושטעלן געוויסע ענינים פון דער תורה. ער איז געווען אַ גרויסער בעל רחמנות און פלעגט זאָגן, אַז „ווער עס האָט רחמנות אויף מענטשן, האָט מען אין הימל רחמנות אויף אים".

רבן גמליאל האָט געפירט זיין מאַכט אַלס נשיא (פּאַטריאַרך) מיט אַ פעסטער האַנט כדי צו ווייזן אַלע, אַז די אידן האָבן נאָך אַ געוויסע מלוכה־פאָרם אַפילו ווען זי איז נישט אין דער הויפּטשטאָט, אין ירושלים. ער האָט דעריבער זיך באַמיט אויסצוגלייכן צווישן די „בית הלל" און „בית שמאי", כדי עס זאָל ניט אויסזען אַז די אידן האָבן צוויי תורות. ער האָט ענדלעך

געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל קומען צו אַן אויסגלייך און עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז די הלכה איז אַזוי ווי די „בית הלל״.

רבן גמליאל איז אויך געווען זייער שטרענג מיט די וועלכע זיינען ניט אויסן געווען דאָס לערנען, נאָר האָבן געוואָלט קומען אין בית־המדרש אַריין, כדי מען זאָל זיי האַלטן פאַר לערנער. ער האָט דעריבער אָנגעזאָגט דעם היטער ביי דער טיר, אַז אַזעלכע זאָל ער ניט אַריינלאָזן („כל תלמיד שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש״). דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטיקל אויפ־רעגונג קעגן אים, ווייל די לערנער אין בית המדרש, די סטודענטן, האָבן געוואָלט האָבן אַקאַדעמישע פרייהייט און זיינען ניט געווען צופרידן דערפון, וואָס דער נשיא, דער פרעזידענט, מישט זיך אין זייערע פירונגען. אָבער מען האָט צוליב זיין כבוד דאָס פאַרשוויגן.

רבן גמליאל איז אָבער געווען אַ מענטש וואָס איז געוואוינט צו מאַכט און האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן ווען עמעצער איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים. ער האָט ניט געדולדעט קיין שום קריטיק. דעריבער האָט ער זיך גענומען באַנוצן מיט לייגן אין חרם אַריין די יעניקע, וועלכע זיינען אַרויס־געטראָטן קעגן אים. אין יענע צייטן האָט עס נאָך ניט געהייסן „חרם״ נאָר „נדוי״. „נדוי״ איז געווען אַ מילדערע פאָרם ווי אַ „חרם״ אין די שפּעטער־דיקע צייטן. מיט אַ „נדוי״ האָט מען ניט גערעדט און אַזאַ איינער האָט זיך געדאַרפט אָנטאָן אין שוואַרצע קליידער. אָבער יעדע „נדוי״ האָט ניט אָנגע־האַלטן לענגער ווי 30 טעג. רבן גמליאל האָט אַפילו אַריינגעלייגט אין „נדוי״ זיין אייגענעם שוואָגער, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, דער מאַן פון זיין שוועסטער און דאָס צוליב אַ קלייניקייט, ווייל יענער האָט זיך געשפּאַרט מיט אים אין לערנען, אַז די הלכה דאַרף זיין ווי די „בית שמאי״. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ נייע פאַרביטערונג קעגן אים. אַביסל שפּעטער האָט ער ווידער אַריינגעלייגט אין „נדוי״ אַ תלמיד, ר׳ יוסי בן תדאי פון טבריה, ווייל ער האָט זיך צופיל גע׳פּשט׳לט. אָבער דערמיט האָט ער שוין אַריבערגעטריבן די מאָס און איינער פון זיינע פריינט, ר׳ יהושע בן חנניה, אַ גרויסער געלערנטער, איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים. ר׳ יהושע איז אָבער געווען אַן אָרעמאַן. ער איז געווען פון פאַך אַ שמיד און האָט שווער געאַרבעט צו פאַרדינען אויף זיין ברויט. דערפאַר האָט ער ניט געקאָנט זיך צו שטאַרק אַוועקשטעלן קעגן רבן גמליאל׳ן. אָבער איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז רבן גמליאל האָט געגלויבט עדות וואָס ער, ר׳ יהושע, האָט געדענקט אַז זיי זאָגן ניט דעם אמת. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פעסטשטעלן ווען עס איז ראש השנה. דעמאָלט איז געווען איינגעפירט, אַז מען האָט עס געטאָן לויט דעם ווי מען האָט געזען די לבנה אין אַ געוויסער צייט. זיינען געקומען עדות וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען די לבנה און רבן גמליאל האָט זיי געגלויבט און באַשטימט לויט די עדות דעם טאָג פון ראש השנה. ר׳ יהושע האָט אָבער פאַרהערט די עדות נאָכאַמאָל און געזען אַז זיי זאָגן ליגן. דערצו האָבן אויך צוגעשטימט ר׳ יוחנן בן נורי און ר׳ דוסא בן הרכינס, וועלכע האָבן ביידע געזאָגט צו ר׳

יהושע׳ן: „מיר זיינען איינשטימיק מיט אייך״. רבן גמליאל האָט אָבער ניט געוואָלט ענדערן זיין מיינונג וועגן דעם טאָג פון ראש השנה און פון יום־כפור. האָט ר׳ יהושע געמאַכט זיין אויסרעכענונג און האָט באַשטימט ראש השנה און יום־כפור אויף אַנדערע טעג, ווי רבן גמליאל. ווען רבן גמליאל האָט דאָס דערהערט, האָט ער געשיקט אַ באַפעל צו ר׳ יהושע׳ן מיט די ווערטער:

— איך באַפעל דיר צו קומען צו מיר מיט דיין שטעקן און דיין טאָרבע און דיין געלט אין דעם טאָג פון יום־כפור וואָס וועט אויסקומען לויט דעם ווי דו האָסט גערעכנט.

ווען ר׳ יהושע האָט געקראָגן דעם באַפעל, האָט עס אים זייער ווי געטאָן און ער איז שיער ניט אַוועקגעפאַלן פון האַרצווייטיק. אָבער ר׳ עקיבא און ר׳ דוסא האָבן אים געטרייסט און אים צוגערעדט, אַז ער זאָל פאָלגן דעם פּרעזידענט צוליב אחדות, צוליב דער גאַנצקייט פון אידישן פאָלק.

האָט ר׳ יהושע געפאָלגט און איז געגאַנגען צו רבן גמליאל אין יענעם טאָג. ווען רבן גמליאל האָט אים דערזען, האָט ער אים אַרומגעכאַפּט און געקושט און צו אים געזאָגט: „קום אַריין צו מיר מיין רבי און מיין תלמיד. מיין רבי אין חכמה און מיין תלמיד, ווייל דו האָסט מיר געפאָלגט״.ביידע חכמים האָבן שלום געמאַכט צווישן זיך, אָבער ביי ר׳ יהושע׳ן איז געבליבן אַ טיפער פאַרדרוס אין האַרצן, דערויף וואָס ער, דער נשיא, האָט אַרויסגעוויזן זיין תקיפות בלויז צו אים, דעם אָרעמאַן, אָבער צו ר׳ דוסא׳ן, וועלכער האָט אויך געהאַלטן מיט ר׳ יהושע, האָט ער גאָרניט געזאָגט, ווייל יענער איז געווען רייך. ווען די חכמים פון די סנהדרין האָבן זיך דערוואוסט פון דער מעשה, האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן אויף רבן גמליאל׳ן פאַר זיין שלעכטער האַנדלונג.

באַלד האָט זיך געמאַכט אַזאַ מעשה: אַ תלמיד האָט געפרעגט ר׳ יהושע׳ן: „איז דאַוונען מעריב אַ מוז אָדער ניט?״ האָט ר׳ יהושע אים געענטפערט, אַז עס איז ניט קיין מוז. איז ער אַוועק צו רבן גמליאל און אים אויך געפרעגט די פראַגע. האָט ער אים געזאָגט, אַז עס איז אַ מוז. האָט דער תלמיד אים געזאָגט, אַז ר׳ יהושע האָט געזאָגט אַז עס איז ניט קיין מוז. האָט רבן גמליאל אים געהייסן וואַרטן ביז די חכמים וועלן זיך צונויפזאַמלען אין בית המדרש. דעמאָלט האָט רבן גמליאל דערקלערט, אַז דאָס דאַוונען מעריב איז אַ מוז, און געפרעגט אַלעמען צי עמעצער איז קעגן דעם. האָט ר׳ יהושע אים געענטפערט, אַז קיינער איז ניט קעגן דעם. האָט רבן גמליאל זיך געווענדעט צו אים:

— יהושע שטעל דיך אויף און זאָל דער תלמיד עדות זאָגן קעגן דיר, אַז דו האָסט געזאָגט אַז עס איז ניט קיין מוז.

האָט זיך ר׳ יהושע אויפגעשטעלט און רבן גמליאל האָט אַלץ ווייטער גערעדט און ניט געהייסן ר׳ יהושע׳ן זיך זעצן. האָט דאָס אַרויסגערופן אַ

שטורם קעגן רבן גמליאל, וועלכער האָט געקאָנט אַזוי באַליידיקן אַזאַ גרויסן געלערנטן ווי ר׳ יהושע, און באַלד האָט אויסגעבראָכן אַזאַ אויפרעגונג קעגן רבן גמליאל, אַז אַלע האָבן גענומען שרייען אַז ער זאָל ווערן אויס נשיא. האָט מען גענומען דאָס צו אַן אָפּשטימונג און די מערהייט איז געווען קעגן רבן גמליאל אַלס נשיא. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַז אַלע סטודענטן, וואָס רבן גמליאל האָט ניט געוואָלט צולאָזן, זאָלן איצט אַריינקומען אין בית־המדרש, און נאָך אין זעלבן טאָג זיינען צוגעקומען 300 נייע סטודענטן.

די חכמים זיינען איצט צוגעטראָטן אויסצוקלייבן אַ נייעם נשיא. ר׳ יהושע׳ן האָבן זיי ניט געוואָלט, ווייל צוליב אים איז דאָך אַרויסגעקומען דער גאַנצער שטורם. ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט ניט געטויגט, ווייל ער איז געווען אַ בייזער מענטש און אויך אַ שמאַי׳סט (איינער פון שמאַי׳ס תלמידים). ר׳ עקיבא וואָלט זיך געפּאַסט גוט פאַר אַ נשיא צוליב זיינע גרויסע קענטעניש אין לערנען, אָבער ער האָט ניט געשטאַמט פון אַ יחוס־דיקער פאַמיליע. איז געבליבן, אַז עס זאָל זיין נשיא ר׳ אלעזר בן עזריה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער לערנער און אויך פון גרויסן יחוס און צו דעם אַלעם אויך אַ רייכער מאַן.

יענער טאָג, ווען מען האָט רבן גמליאל׳ן אַראָפּגעזעצט אַלס נשיא, איז געווען אַ היסטאָרישער, ווייל אין יענעם טאָג האָט מען אָנגענומען פיל הלכות וועגן וועלכע רבן גמליאל איז געווען קעגן. מען האָט איצט אויף ס׳ניי באַטראַכט אַלע דינים וואָס רבן גמליאל האָט אַרויסגעגעבן און מען האָט איבער פיל פון זיי אָפּגעשטימט. די וועלכע האָבן געקראָגן אַ מערהייט זיינען אָנגענומען געוואָרן.

אין יענעם טאָג האָט איינער פון די תלמידים, מיטן נאָמען יהודה, אַ גר, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם פאָלק עמון, געפרעגט זיך, צי ער מעג חתונה האָבן מיט אַ אידישער טאָכטער. רבן גמליאל האָט אים געזאָגט: „ניין, דו טאָרסט ניט". אָבער ר׳ יהושע האָט אים געזאָגט, אַז ער מעג יאָ. ווען רבן גמליאל האָט געפרעגט ר׳ יהושע׳ן, ווי אַזוי קאָן ער זאָגן אַז ער מעג, ווען עס שטייט דאָך אין דער תורה בפירוש, אַז איינער פון עמון זאָל ניט הייראָטן מיט אַ אידישער פרוי. האָט אים ר׳ יהושע דערויף געענטפערט: „מען ווייסט דען איצט ווער עס איז עמון און ווער מואב? סנחריב האָט אויסגעמישט אַלע פעלקער און מיר ווייסן מער ניט ווער זיי זיינען". האָבן די חכמים צוגעשטימט מיט ר׳ יהושע׳ן און מען האָט דעם תלמיד געזאָגט, אַז ער מעג חתונה האָבן מיט אַ אידישער טאָכטער. אין זעלבן טאָג האָט מען אָפּגעראַטעוועט די ספרים „קהלת" און „שיר השירים", אַז מען זאָל זיי ניט קאָנפיסקירן (דן זיין לגניזה) ווי אַ טייל חכמים האָבן געוואָלט.

אָבער כאָטש מען האָט רבן גמליאל אַראָפּגעזעצט פון זיין גרויסן אַמט, איז ער געבליבן ווייטער אין בית המדרש און האָט ניט געזאָגט קיינעם קיין שלעכט וואָרט. נאָך מער, ער איז צומאָרגנס אַוועק צו ר׳ יהושע׳ן, כדי אים איבערצובעטן. ווען ער איז געקומען צו זיין וואוינונג און געזען ווי פאַר־

שוואַרצע זיינע ווענט זיינען, האָט רבן גמליאל אים געזאָגט: „פון דיינע ווענט זעט מען אַז דו ביזט אַ שמיד".

דערויף האָט ר' יהושע אים געענטפערט:

— ווי איז צו דעם פאָלק וואָס דו ביזט געווען זיין פירער; ווי איז צו דער שיף וואָס דו ביזט געווען איר קאַפּיטאַן, ווייל דו ווייסט גאָרניט פון דעם צער פון די תלמידי חכמים, ווי אַזוי זיי לעבן און פון וואַנען זיי נעמען אויף פּרנסה.

האָט רבן גמליאל געבויגן זיין קאָפּ פאַר ר' יהושע'ן און צו אים געזאָגט:

— ביזט גערעכט, זיי מיר מוחל!

האָט ר' יהושע געשוויגן.

האָט רבן גמליאל צו אים געזאָגט ווייטער:

— טו עס צוליב מיינע גרויסע עלטערן.

ערשט דעמאָלט האָט ר' יהושע זיך מיט אים איבערגעבעטן.

איצט האָט ר' עקיבא געזאָגט צו ר' יהושע'ן:

— אויב אַזוי, וועלן מיר בידע גיין מאָרגן צו אים, צו רבן גמליאל — איז אַזוי געבליבן. באַלד איז צוגעשטאַנען צו זיי דער נייער נשיא ר' אלעזר בן עזריה. זיינען זיי אַלע געגאַנגען און ר' אלעזר האָט דערקלערט רבן גמליאל'ן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון צו זיין אַ נשיא, פאַר זיין כבוד וועגן. שפּעטער איז געבליבן, אַז רבן גמליאל זאָל ווערן צוריק נשיא, אָבער ר' אלעזר בן עזריה זאָל זיין אב בית דין. דערמיט האָט זיך די מחלוקה געענדיקט און רבן גמליאל איז ווייטער געווען דער נשיא ביז צו זיין טויט.

* * *

אָבער די צייטן האָבן זיך איצט געביטן מיטן אויפשטייגן אויפן טראָן אין רוים פון טיטוס'עס אינגערן ברודער, דאָמיטיאַנוס, וועלכער איז אַ גרויסער אכזר און האָט געזוכט נאָר צו פאַרביטערן דאָס לעבן פון די אידן אין איינגענומענער ארץ־ישראל. ער האָט געהערשט מיט אַ פעסטע פויסט און האָט אַרויסגעגעבן גזירות אָפּצושאַפן אינגאַנצן אידישקייט.

אין יענער צייט איז אויסגעוואַקסן צו פירערשאַפט אַ נייער שטערן, פון וועלכן מען האָט שוין פריער פיל געהאַלטן. דאָס איז געווען רבי עקיבא בן יוסף, וועלכער האָט דרייצן יאָר געלערנט ביי זיין רבי, דעם גרויסן ר' אליעזר און פיל יאָרן אויך ביי אַ צווייטן רבי, ר' נחום איש גם זו. אָבער וועגן רבי עקיבא און וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַרן אידנטום, אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.7

רבי עקיבא

ר' עקיבא איז אין די יונגע יאָרן געווען אומוויסנד. — ווי אַזוי רחל, די טאָכטער פון כלבא שבוע, האָט זיך אין אים פאַרליבט און אים געשיקט לערנען תורה. — ער לערנט 13 יאָר ביי ר' אליעזר בן הורקנוס און 22 יאָר ביי ר' נחום־איש־גמזו. — זיינע חברים און זיינע תלמידים. — אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון ר' עקיבא. — זיין שיטה ווי אַזוי איינצופירן ליבעראַלע געזעצן. — זיין הויכע מאָראַלישע לערע. — זיין הויפּט־תלמיד ר' מאיר.

איינער פון די הערלעכסטע געשטאַלטן אין דריטן דור פון די צווייטע תנאים איז געווען רבי עקיבא בן יוסף. ווען ער איז געבוירן געוואָרן איז ניט אין גאַנצן קלאָר, אָבער ער איז געגאַנגען פון דער וועלט אין יאָר 135 אַדער 136, ווען ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם, דורך דער רוימישער מאַכט. וועגן זיין אָפּשטאַם ווייסט מען אויך זייער ווייניק. מען ווייסט נאָר, אַז זיין פאָטער האָט געהייסן יוסף און עס שיינט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין לוד. עס זאָגט אויך אויס, אַז ער האָט אין זיין יוגנט ניט געקראָגן קיין אידישע דערציאונג און איז אויפגעוואָקסן זייער אומוויסנד אין אידישן זין. ער איז געוואָרן אַ פאַסטוך און האָט געפאַשעט די שאָף פון דעם רייכן אידן כלבא שבוע. איינמאָל האָט אים געזען די שיינע טאָכטער פון כלבא שבוע, רחל, און האָט זיך אין אים פאַרליבט און אים צוגערעדט צו פאָרן לערנען. ער האָט איר אויך ליב געקראָגן און האָט איר געפאָלגט. ער איז געפאָרן לערנען און רחל, זיין געליבטע, האָט אים געשטיצט מיט געלט, ביז ער איז געוואָרן איינער פון די גרעסטע תנאים און פירער אין אידישן לעבן (די איינצלהייטן פון רבי עקיבא׳ס ראָמאַן מיט כלבא שבוע׳ס טאָכטער, ווערן געשילדערט אין אַן אַנדערן טייל פון בוך).

רבי עקיבא האָט געלעבט און געווירקט אין אידישן לעבן אַ געווי־סע צייט ווען דאָס בית המקדש איז נאָך געשטאַנען. ער איז אויך געווען איינער פון די, וואָס זיינען געגאַנגען מיט ר' יוחנן בן זכאי קיין יבנה, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון „בית דין הגדול" און איז אויך געווען זייער אָנגעזען ביים נשיא רבן גמליאל. שפּעטער האָט רבי עקיבא געמאַכט זיין היים אין דאָרף פון די „בני ברק". דעם גרעסטן שבח וואָס מען האָט נאָכ־געזאָגט אויף רבי עקיבא׳ן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געלערנט דרייצן

יאָר ביי ר׳ אליעזר בן הורקנוס און 22 יאָר ביי ר׳ נחום־איש־גמזו. פון דעם לעצטן האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז „וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן" (כל דעביד רחמנא לטב עביד). ער האָט אויך געלערנט אַ צייט ביי ר׳ יהושע בן חנניה.

רבי עקיבא איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען זייער אָרעם און אַפילו נאָכדעם ווען ער האָט שוין חתונה געהאַט מיט די טאָכטער פון כלבא שבוע האָט ער געלעבט מיט איר אין אָרעמקייט, ווייל איר פאָטער האָט איר אַרויס־געטריבן פון הויז צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געוואָלט דעם שידוך. ערשט שפּעטער האָט ער שלום געמאַכט מיט רבי עקיבא׳ן און אים געגעבן אַ טייל פון זיין פאַרמעגן.

רבי עקיבא האָט אַזוי געשטיגן אין תורה און חכמה, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אים געוואָלט מאַכן פאַרן נשיא. ער איז געווען פון די

דער תנא ר׳ עקיבא

פיר גרויסע פירער, וועלכע זיינען געפאָרן קיין רוים צום קעניג דאָמיטיאַנוס, כדי ביי אים צו פּועל׳ן, אַז ער לייכטער מאַכן די גזרות אויף די אידן. אין יענער דעלעגאַציע זיינען געפאָרן אַ חוץ רבי עקיבא, אויך ר׳ אלעזר בן עזריה און ר׳ יהושע בן חנניה. אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע איז געשטאַנען דער נשיא רבן גמליאל בן שמעון, פון יבנה.

די הויפּט־חברים פון רבי עקיבא׳ן זיינען געווען: ר׳ יוחנן בן נורי, ר׳ טרפון, ר׳ יוסי הגלילי און ר׳ ישמעאל בן אלישע. פון זיינע הויפּט־

תלמידים זיינען געווען: ר׳ מאיר, שמעון בן עזאי און שמעון בן זומא און אויך אַ געוויסע צייט, אלישע בן אבויה, וועלכער איז אַוועק פון אידישן וועג און האָט דערפאַר געקראָגן דעם נאָמען „אחר״ (אַן אַנדערער).

רבי עקיבא איז אויך צוגעשטאַנען צום אויפשטאַנד פון בר־כוכבא קעגן רוים, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 134, קריסטלעכער צייט־רעכענונג. רבי עקיבא האָט אויך אָפט געפירט וויכוחים מיטן רוימישן פאַרשטייער אין ארץ־ישראל, טורנוסרופוס. ער האָט זיך שפּעטער אויך באַקענט מיט זיין ווייב, און ווען טורנוסרופוס איז געשטאָרבן, און רבי עקיבא איז געווען אַן אלמן, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט, נאָכדעם ווי זי האָט זיך מגייר געווען. זי האָט אים אַריינגעבראַכט אַ גרויס פאַרמעגן. אָבער ניט לאַנג דערנאָך האָט די רוימישע מאַכט אים אַרעסטירט אַלס אָנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד און אים פאַר׳משפט צו אַן אכזרישן טויט, צו רייסן זיין לייב מיט אייזערנע קעם. רבי עקיבא האָט מיט די גרעסטע יסורים מקדש השם געווען, זאָגנדיק כסדר „שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״ און מיטן וואָרט „אחד״ איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען.

* * *

אָבער אין וואָס איז באַשטאַנען די גרויסקייט פון רבי עקיבא? מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעצייכנט קעגנאיבער אַלע אַנדערע תנאים פון זיין צייט? און וואָס איז געווען זייןביישטייער צום אידנטום?

אַלס ענטפער אויף די פראַגן איז געוויס פעסטצושטעלן, אַז רבי עקיבא איז געווען דער ערשטער צו שאַפן דעם תלמוד. ער איז געווען ממש דער ערשטער אַריינצוברענגען סיסטעם און אָרדענונג אין די הלכות און דינים וואָס מען האָט באַהאַנדלט אין זיין צייט. מען דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט האָט מען נאָך אַלץ געלערנט אויף אויסנווייניק און קיין שום שריפט איז ניט געווען. די חכמים האָבן דעריבער געדאַרפט געדענקען אויפן קאָפּ הונדערטער הלכות און דינים, ביי וועלכע די תנאים זיינען געווען מחולק, און אויך וויסן ווי אַזוי עס בלייבט די הלכה. עס איז דעריבער אויסגעקומען, אַז די דאָזיקע ידיעות און קענטענישן זיינען געווען ניט קלאָר אין די קעפּ ביי פיל פון די לערנער. ווייל עס איז נאָך אַלעם גוואַלדיק שווער צו געדענקען אַלע הלכות וועגן ברכות איבער פאַרשידענע זאַכן; אַלע דינים וועגן שבת; אַלע געזעצן וועגן געשעפטס־ענינים צווישן מענטשן, און נאָך פיל אַנדערע. רבי עקיבא האָט איינגעזען, אַז מען דאַרף אין די אַלע דינים און הלכות אַריינברענגען אַביסל אָרדענונג און ער האָט דעריבער גרופּירט און קלאַ־סיפיצירט די פאַרשידענע הלכות לויט די ענינים וואָס זיי באַהאַנדלען. ער האָט די הלכות נאָך אַלץ ניט אויפגעשריבן, כאָטש טיילווייז האָבן עס אַנדערע געטאָן, לויט דעם וועג וואָס עס האָבן געטאָן די ערשטע תנאים, צו שרייבן אַ פסוק פון דער תורה און צוצוגעבן צו אים אַ פירוש לויט די דינים.

אין יענער צייט האָבן פיל פון די חכמים געהאַט אַזעלכע פאַרצייכענונגען. רבי עקיבא האָט זיך שפּעטער באַנוצט דערמיט און אַלע הלכות איינגעטיילט לויט „מסכתות" „אָפּטיילונגען", ווי די פון שבת באַזונדער, די פון ימים־טובים באַזונדער א. אַ. וו. וואָס עס האָט געמיינט פיל מער סיסטעם און אָרדענונג. אָט די סיסטעמאַטיזירונג און קלאַסיפיצירונג פון די הלכות האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט שפּעטער, אין פערטן דור, רבי יהודה הנשיא (רבי), אַז ער זאָל זיי פאַרשרייבן לדורות. דאָס איז די „משנה" אָדער „משניות" וואָס מיר האָבן. דער אָנהויב אָבער צו דעם איז געמאַכט געוואָרן פון רבי עקיבא'ן. דערפאַר געפינען מיר פיל מאָל אין תלמוד דעם אויסדרוק „משנת רבי עקיבא", ווייל ער איז געווען דער ערשטער צו שאַפן די „משנה" און דערמיט — דעם אָנהויב פון תלמוד. ער איז געווען דער ערשטער צו לייגן דעם פונדאַמענט פאַרן גרויסן בנין, וואָס ווערט גערופן „תורה שבעל פה", די צווייטע תורה וואָס די אידן האָבן אַלס צוגאָבע צו דער „תורה שבכתב", די אויסטייטשערין און אויפקלערערין פון די געזעצן פון וועלכע עס רעדט זיך אין דער ערשטער תורה. אָט דאָס איז דער ערשטער גרויסער פאַרדינסט פון רבי עקיבא און זיין בייטראָג צום בנין פון אידנטום.

רבי עקיבא האָט אָט די סיסטעמאַטיזירונג איבערגעגעבן צו זיינע תלמי־דים, איבערהויפּט צו ר' מאיר, שמעון בן עזאי און שמעון בן זומא, און זיי האָבן פאַרגעזעצט זייער שטודיום אויף דעם וועג. פון יענער צייט שטאַמען די ספרים „מכילתא", „ספרי", „ספרא" און פיל אַנדערע, וועלכע זיינען געווען די ערשטע לערן־ביכער אין די אַקאַדעמיעס פון די אידישע תלמידי חכמים.

* * *

דערצו איז דאָ נאָך אַ זאַך וואָס טיילט אויס רבי עקיבא'ן אַ באַזונדערן אָרט צווישן די תנאים פון זיין צייט און דאָס איז זיין מעטאָדע ווי אַזוי צו דרש'ענען די תורה, אויף אַרויסצודרינגען פון איר הלכות, כאָטש זיי זיינען דאָרטן ניטאָ.

רבי עקיבא האָט איינגעזען, אַז עס איז איצט אַ צייט, ווען מען דאַרף אויסבויען דעם בנין פון אידנטום אויף אַ ליבעראַלן אופן, דאָס הייסט דורך שאַפן ליבעראַלע געזעצן, וועלכע זאָלן זיין גוט פאַרן פאָלק. די צדוקים־פאַרטיי, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין לאַנד, איז געווען אין היניזכט פון רעליגיע זייער קאָנסערוואַטיוו און זיך געהאַלטן גאַנץ גענוי ביי די ווערטער פון דער תורה. זיי, די צדוקים, האָבן ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום ליבעראַלע געזעצן, אויב זיי זיינען ניטאָ בפירוש אין דער תורה. אַזוי האָבן זיי דערקלערט, אַז אַלץ וואָס עס שטייט אין דער תורה מוז אויסגעפירט ווערן גאַנץ גענוי אַזוי ווי עס שטייט געשריבן. מעג דאָס געזעץ זיין ווי האַרב. אויב עס שטייט, למשל, אין דער תורה „עין תחת עין" (אַן אויג פאַר אַן אויג) דאַרף מען אויסהאַקן אַן אויג דעם וואָס האָט עמעצן אויסגעהאַקט

אַן אויג. אַזוי איז עס אויך ביי אַלע אַנדערע געזעצן. די תנאים, די פירער פון דער פרושים־פּאַרטיי, זיינען געווען קעגן אַזעלכע טייטשן. זיי האָבן געוואָלט מאַכן די געזעצן מער ליבעראַל, דעריבער האָבן זיי געזאָגט, אַז אַן „אויג פאַר אַן אויג" מיינט ניט אויסצוהאַקן אַן אויג, נאָר צו מאַכן יענעם צו באַצאָלן געלט פאַרן שאָדן וואָס ער האָט געטאָן און דאָס זעלבע איז אויך מיט אַנדערע געזעצן פון דער תורה.

און רבי עקיבא איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט געשאַפן אַ גאַנצע רייע פון ליבעראַלע געזעצן און דערקלערט אַז זיי שטאַמען פון דער תורה. צו דעם צוועק האָט ער גענומען די זייטיקע ווערטער און אין זיי אַריינגע־טייטשט די ליבעראַלע פאָרמען. דאָס זיינען געווען אַמאָליגע פאַרבינדונגס־ווערטער, ווי למשל, „את", „רק" און ענלעכע, און אַפילו אויך אותיות ווי, למשל, אַ „וואָוו" וואָס פאַרבינדט איין וואָרט מיטן אַנדערן (ווי למשל „שמים וארץ" — הימל און ערד). רבי עקיבא האָט דאָס געטאָן, כדי צו ווייזן די צדוקים, אַז אַלע רעפאָרמען, וואָס ער פירט איין, געפינען זיך אין דער תורה. די צדוקים האָבן אָבער זיינע דערקלערונגען ניט אָנגענומען. אָבער, ניט נאָר די צדוקים אַליין זיינען געווען קעגן זיינע טייטשן, נאָר אַפילו געוויסע תנאים, באַזונדערס ר׳ ישמעאל, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין טענה׳ן, אַז מיט די דאָזיקע פאַרבינדונגס־ווערטער איז די תורה גאָרניט אויסן, ווייל די תורה האָט גערעדט מיטן לשון פון מענטשן (דברה תורה בלשון בני אדם). דאָך איז ר׳ עקיבא׳ס שיטה ביסלעכווייז אָנערקענט געוואָרן, כדי אָנצוהאַלטן די ליבעראַלע געזעצן און צו קאָנען זאָגן אַז מען קאָן זיי אַרויסטייטשן פון דער תורה.

* * *

דאָס איז אַלץ וועגן הלכות. קומען מיר צום געביט פון מאָראַל און עטיק, זעען מיר, אַז רבי עקיבא איז נאָך הלל׳ן, דער גרעסטער הומאַניסט און דער שטאַרקסטער פּרעדיקער פון מענטשן־ליבע. אַזוי האָט ער דער־קלערט, אַז דער מענטש איז באַליבט, ווייל ער איז באַשאַפן געוואָרן אין געשטאַלט פון גאָט (חביב אדם שנברא בצלם אלקים). ר׳ עקיבא נעמט זיך אויך אָן כסדר פאַרן אָרעמען מענטש און דערלאָזט ניט צו מאַכן פּריווילעגיעס פאַר רייכע. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געזעץ וואָס וועט געבן דער קעניגלעכער פאַמיליע מער פּריווילעגיעס, האָט רבי עקיבא רעאַגירט דערויף מיט אַ געשריי: „אַלע אידן זיינען קינדער פון מלכים" (כל ישראל בני מלכים הם). רבי עקיבא נעמט זיך אויך אָן פאַר דער רעכט פון ניט־איד אין דער אידישער געזעלשאַפט און דערלויבט צולאָזן ניט־אידן געבן נדבות פאַרן בית המקדש, קעגן דער מיינונג פון אַנדערע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ניט. ער דערקלערט אויך, אַז דאָקומענטן פון רוימישן געריכט מיט ניט־אידן אַלס עדות דאַרפן אָנערקענט ווערן. אַלס הויפּט־עיקר פון דער תורה דערקלערט

ער דעם געבאָט „דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט אַזוי ווי דיך אַליין״. דאָס, זאָגט רבי עקיבא, איז דער הויפּט־געבאָט פון דער תורה.

* * *

אַלס רבי און לערער האָט זיך רבי עקיבא באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט צוויי מעלות: ערשטנס דערמיט וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיינע תלמידים און אויך זיינע תלמידים האָבן אים ליב געהאַט, און צווייטנס דערמיט וואָס ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעריסן זיין לערנען, צוליב עפּעס אַ געברויך. אַזוי ווערט דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט פאַרקירצט זיינע לעקציעס בלויז אין צוויי טעג: ערב פּסח און ערב יום כפּור. איינמאָל איז זיין זון שטאַרק קראַנק געוואָרן. רבי עקיבא האָט אָבער ניט געוואָלט איבער־רייסן זיינע לעקציעס און געקומען אין בית המדרש. בעת דער לעקציע איז מען געקומען אים אָנזאָגן, אַז מיט זיין זון האַלט שלעכט. רבי עקיבא האָט אָבער ווייטער געלערנט. ענדלעך האָט מען אים געזאָגט, אַז זיין זון איז געשטאָרבן. ערשט דעמאָלט האָט ער געריסן קריעה און אויפגעהערט צו לערנען, צוליב כבוד פון טויטן.

זיין הויפּט־תלמיד איז געווען ר׳ מאיר, אַ ליכטיקע פיגור וואָס איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין גרויסן רבי, אָבער וועגן ר׳ מאיר׳ן — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

8.

רבי מאיר

די לאַגע אין ארץ ישראל נאָכן בר כוכבא אויפשטאַנד. — די טויט־אורטיילן איבער פיל פון די תנאים. — די טראַגעדיע פון ר׳ מאיר׳ס משפחה. — ר׳ מאיר׳ס שאַרפע געדאַנקען, וואָס עס איז געווען שווער צו פאַר־שטיין. — ווי אַזוי ער איז קאָנסערוואַטיוו אין אויס־טייטשן די הלכות. — זיינע הונדערטער משלים. — זיינע ליבעראַלע מיינונגען בנוגע מענטשן פון אַנדערע פעלקער. — זיין חבר ר׳ שמעון בן יוחאי און זיינע ליבעראַלע טייטשן. — די ענדע פון דער דריטער תקופה פון די תנאים.

אין ארץ־ישראל איז עס געווען נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא קעגן דער אכזרישער מאַכט פון רוים, ווען די קליינע אַרמיי פון דעם נייעם אידישן העלד האָט פאַרכאַפּט אַ טייל פון לאַנד און האָט דאָרטן רעגירט אַן ערך פון צוויי און האַלב יאָר. רבי עקיבא איז געווען כמעט דער איינציקער פון די תנאים וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דעם קאַמף און האָט גערופן זיינע תלמידים צו קעמפן מיט געוועער אין די הענט קעגן דער רוימישער מאַכט. די תנאים זיינען דערפון ניט געווען צופרידן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער. צו גלויבן, אַז אַ קליין הייפל פון אידן מיט ווייניק געוועער, זאָל זיגן איבער די ריזיקע אַרמייען פון דער רוימישער אימפּעריע, וועלכע זיינען געווען באַוואָפנט מיט די סאַמע בעסטע קאַמפס־מכשירים פון יענער צייט, איז געווען ביי זיי ממש אַן אומזין. דאָך האָט רבי עקיבא געפילט, אַז מען קאָן מער ניטליידן די רוימישע ברוטאַליטעטן און שווייגן. שפּעטער ווען בר־כוכבא האָט פאַרלוירן, איז ער און פיל פון זיינע תלמידים און אויך אַ טייל פון זיינע בעסטע חברים אַרעסטירט געוואָרן פון דער רוימישער מאַכט און אַלע זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן צום טויט.

צווישן רבי עקיבא׳ס חברים זיינען דעמאָלט געווען די תנאים: רבי טרפון פון לוד, אַ טיפער דענקער און דערצו אַ רייכער מאַן און אַ גרויסער פילאַנטראָפּ. ר׳ טרפון האָט ליב געהאַט צו פאַרפירן אָפט וויכוחים מיט די ערשטע קריסטן און אָפּלאַכן פון זיי (צוליב דעם ווערט זיין נאָמען דערמאָנט מיט שפּאָט אין די שריפטן פון די ערשטע קריסטן, איבערהויפּט אין די ווערק פון יוסטינוס מאַרטין); רבי אלעזר המודעי, אַ באַוואוסטער בעל אגדה; ר׳

יוסי הגלילי, איינער פון די הויפּט־פירער פון די תנאים, אַ זייער איידעלער מענטש. (וועגן אים ווערט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב פון וועלכער ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און ער האָט איר אָפּגע׳גט. האָט די פרוי חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן, אַ פּראָסטן מענטש און דערצו אַן אָרעמאַן, און זי האָט געליטן ביי אים נויט. ווען ר׳ יוסי הגלילי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער איר און איר מאַן אַריינגענומען צו זיך אין הויז און זיי אויסגעהאַלטן מיט אַלעם); ר׳ יהודה בן בבא; רבי חנינא בן תרדיון; ר׳ אלעזר בן חסמא; רבי חלפתא און זיינע זין ר׳ יהודה און ר׳ יוסי. פיל פון זיי זיינען אומגעקומען פון דער רוימישער מאַכט.

* * *

איינער פון די אויבנדערמאָנטע וואָס איז אומגעקומען פון דער שווערד פון דער רוימישער מאַכט — זיי ווערן באַצייכנט אין תלמוד אַלס די „עשרה הרוגי מלכות" — איז געווען רבי יהודה בן בבא. ער האָט געזען, אַז עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ גרויס אומגליק אויף די אידן און אַז עס וועלן שוין באַלד ניט זיין מער קיין פירער צו פירן דאָס פאָלק. האָט ער זיך צוגעאיילט און האָט געגעבן סמיכה צו זעקס באַרימטע תלמידים פון רבי עקיבא. זיי זיינען געווען: רבי מאיר, ר׳ יהודה ברבי אלעאי, ר׳ שמעון בן יוחאי, ר׳ יוסי בן חלפתא, ר׳ אלעזר בן שמוע און רבי נחמיה. ווען די רוימישע מאַכט האָט זיך דערוואוסט (אוודאי פון אַ מסור) פון דער פאַרזאַמלונג אויף צו געבן סמיכה נייע זעקס געלערנטע, האָבן זיי באַלאַגערט ר׳ יהודה׳ס הויז. ר׳ יהודה בן בבא האָט איצט געזאָגט צו די נייע מוסמכים: „אַנטלויפט און ראַטעוועט זיך!" האָבן זיי אים געפרעגט: „און וואָס וועט זיין מיט דיר, רבי?" האָט ער זיי געענטפערט: „עס איז פאַרפאַלן, איך בין שוין אַן אַלטער מאַן און קאָן זיך ניט ראַטעווען, אָבער איר זענט נאָך יונג און קאָנט לויפן!" זיינען זיי טאַקע באַלד אַנטלאָפן, יעדערער אין אַן אַנדער ריכטונג און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פון טויט. אָבער ר׳ יהודה בן בבא איז געבליבן. באַלד זיינען די רוימישע סאָלדאַטן אַריין אין הויז און אים צעשטאָכן מיט זייערע פּיקעס, ביז ער איז געפאַלן טויט.

דער ערשטער פון די נייע זעקס מוסמכים איז געווען ר׳ מאיר. ער האָט אין יענער צייט פון די גרויסע רדיפות אויף אידן געליטן זייער שטאַרק. זיין שווער ר׳ חנינא בן תרדיון איז פאַר׳משפּט געוואָרן פון די רוימער צום טויט, דורך פאַרברענען. זיין שוויגער האָט מען אויך פאַר׳משפּט צום טויט, דורך דער שווערד. אַ שוועסטער פון זיין ווייב ברוריה (די לעצטע האָט זיך געשפּאַרט מיט תלמידי חכמים אין לערנען), האָט מען פאַר׳משפּט, אַז זי זאָל פאַרברענגען איר לעבן אין אַ פּראָסטיטוציע־הויז אין רוים. דער שאָטן פון טויט האָט אויך נאָכגעפאָלגט ר׳ מאיר׳ן אַליין, ווייל דער שונא האָט געוואוסט, אַז ער איז דער ערשטער פון די זעקס נייע מוסמכים. דאָס געזעץ פון רוים האָט געלויטעט קורץ: „ווער עס קריגט סמיכה, דעם קומט טויט־

שטראָף און דאָס זעלבע אויך דעם וואָס גיט די סמיכה". ווען די לאַגע איז פאַר ר' מאיר'ן געוואָרן זייער שלעכט, איז ער אַנטלאָפן קיין בבל. ערשט שפּעטער, ווען די לאַגע איז געוואָרן אַביסל בעסער אין ארץ ישראל און די רוימער האָבן שוין ניט אַזוי שטרענג פאַרפאָלגט די אידישע לערנער, איז ר' מאיר צוריק געקומען קיין ארץ ישראל. אויפן פאַרלאַנג פון זיין ווייב, ברוריה, איז ער פון בבל געפאָרן קיין רוים כדי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן איר שוועסטער פון פּראָסטיטוציע־הויז. ווען ר' מאיר איז געקומען קיין רוים, איז ער אַוועק אין דעם שאַנד־הויז, וואו זי איז געווען און זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ פרעמדן, כדי צו וויסן צי זי איז שוין פאַרדאָרבן. נאָכדעם ווי ער האָט איר אויספּרובירט און אויסגעפונען, אַז זי איז געבליבן אַ כשר'ע אידישע טאָכטער האָט ער אונטערגעקויפט די היטער פון שאַנד־הויז און איר פון דאָרטן אַרויסגעקראָגן. ווען די אויפזעער פון הויז האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי אים נאָכגעיאָגט און געכאַפּט, אָבער ר' מאיר האָט זיי פאַרדרייט די קעפּ אַזוי, אַז זיי האָבן געמיינט אַז ער איז גאָר פון אַן אַנדער לאַנד, ניט פון ארץ ישראל. אַזוי אַרום האָט ער זיך און אויך זיין שוועגערין אָפּגעראַטעוועט פון זייערע הענט און איר געבראַכט צוריק קיין ארץ ישראל.

* * *

וועגן ר' מאיר'ס גרויסקייט ווערט פיל דערציילט אין תלמוד, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט אים גאָט געבענטשט מיט אַ פרוי, וועלכע איז געווען ניט קלענער אין מוט פון אים. דער תלמוד דערציילט אַזאַ מעשה:

איינמאָל איז ר' מאיר געזעסן און געלערנט מיט זיינע תלמידים אין אַ שבת פאַרנאַכט. דערווייל זיינען זיינע צוויי קינדער פלוצלונג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. האָט די מאַמע זיי אַוועקגעלייגט אויפן בעט אין אויבער־שטיבל און זיי צוגעדעקט מיט אַ ליילעך. ווען ר' מאיר איז אַהיים געקומען האָט ער געפרעגט זיין פרוי ברוריה: „וואו זיינען די קינדער?" האָט זי אים געענטפערט, אַז זיי זיינען געגאַנגען אין בית המדרש אַריין. האָט ר' מאיר צו איר געזאָגט: „איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין בית המדרש איידער איך בין אַוועקגעגאַנגען און זיי ניט געזען". האָט זי אים געגעבן אַ כוס וויין צו מאַכן הבדלה. האָט ר' מאיר געמאַכט הבדלה. דערנאָך האָט ער איר ווידער געפרעגט: „וואו זיינען די קינדער?" האָט זי אים ווידער געזאָגט אַ תירוץ, אַז זיי זיינען ערגעץ געגאַנגען און וועלן באַלד קומען צוריק. נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעסן האָט זי צו אים געזאָגט: „רבי, איך האָב אייך צו פרעגן אַ שאלה: איינער האָט מיר געגעבן עפּעס צו באַהאַלטן און איצט וויל ער עס צוריק. זאָל איך עס אים אָפּגעבן?" האָט ר' מאיר צו איר געזאָגט: „געוויס, עס איז דאָך זיינס. גיב עס אים צוריק!" האָט זי אים אַרויפגענומען אין אויבער־שטיבל, האָט אויפגעדעקט דאָס ליילעך און אים געוויזן די טויטע קינדער. האָט ר' מאיר גענומען וויינען. האָט זי געזאָגט צו אים: „האָסט דאָך ערשט געזאָגט, אַז מען דאַרף אָפּגעבן דאָס וואָס מען האָט גענומען.

נו, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען!״ — דערמיט האָט זי אים געטרייסט.

ר׳ מאיר איז געווען זייער איינפאַך אין זיין לעבן און זיך אָפּגעגעבן מיט די פּשוט׳ע מענטשן פון פאָלק. איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט צו הערן זיינע דרשות, האָט זיך פאַרזאַמט צו הערן זיין לערנען אין בית המדרש. ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זיך איר מאַן מיט איר געקריגט און איר געזאָגט, אַז ער וועט איר דערפאַר געבן אַ גט. ער וועט אָבער נאָר דעמאָלט בייטן זיין מיינונג, אויב זי וועט אָנשפּייען ר׳ מאיר׳ן אין פּנים אַריין. ווען ר׳ מאיר האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געשיקט רופן דער פרוי און צו איר געזאָגט, אַז די אויגן טוען אים וויי און אַז דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז כדי ער זאָל געזונט ווערן מוז אַ פרוי אים שפּייען אין פּנים אַריין און אין די אויגן. האָט זי אַזוי געטאָן. האָט ער דערנאָך צו איר געזאָגט: „קאָנסט שוין גיין אַהיים צו דיין מאַן און אים זאָגן, אַז דו האָסט מיר געשפּיגן אין פּנים אַריין, ניט בלויז איין מאָל, נאָר גאַנצע זיבן מאָל״.

* * *

ר׳ מאיר האָט געהאַט אַ זייער שאַרפן קאָפּ, אַזוי אַז די גרויסע לערנער פון זיין צייט האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין אַלצדינג וואָס ער האָט געזאָגט, ווייל עס איז געווען צו טיף פאַר זיי. אַזוי האָט מען געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַזוי שאַרף אַז ער קאָן למשל, מטהר זיין אַ שרץ (אַ וואָרעם) וואָס איז פאַרבאָטן פון דער תורה, מיט הונדערט און פופציק טעמים. די דאָזיקע שאַרפקייט האָט אָבער אַרויסגערופן אויך אַ געוויסע אומצופרידנקייט ביי אַנדערע לערנער, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב אַזוי, קאָן מען דאָך שוין ניט וויסן ביי געוויסע הלכות אויף וויפיל עס איז לויטן דין, אָדער עס איז גאָר אַ שאַרפזיניקער פלפול. דאָך האָט ר׳ מאיר מיט זיין גאַנצן שאַרפזין ניט באַנוצט דאָס צו מאַכן די דינים לייכטער (לקולא), נאָר גראָד פאַרקערט אויף צו מאַכן די געזעצן שאַרפער (לחומרא). אַזוי, למשל, ווען עס איז געקומען צו הייראַטס־ענינים האָט ער געזאָגט, אַז אויב די חתונה איז ניט געענוי לויט דעם ווי די חכמים האָבן גע׳פסקנ׳ט, דאַרף מען געבן דער פרוי אַ גט, און אויב עס איז דאָ אַ קינד, איז עס אַ ממזר. אַזוי פסקנ׳ט ער אויך, אַז אויב מען האָט ניט אַרייגעשריבן אין דער כתובה 200 זוזים פאַר אַ בתולה און 100 פאַר אַן אלמנה, איז די הייראַט ניט גילטיק. ביי ענינים פון איסור והיתר האָט ער גע׳פסקנ׳ט ניט לויטן כלל פון די חכמים, אַז אַז מען גייט לויט דער מערהייט (אחרי רבים להטות), נאָר אַז מען איז חושש אַפילו אויף דאָס קלענסטע כדי צו מאַכן עס טריפה. אַזוי האָט ער אויך אַרויסגעגעבן פיל גזירות און האָט גע׳פסקנ׳ט, אַז ווען אויף איינעם איז דאָ אַ חשד, אַז ער האָט געטאָן איין עבירה, קאָן מען אים שוין מער ניט גלויבן אויך בנוגע אַנדערע ענינים.

צוליב די אַלע חומרות האָט ר׳ מאיר ניט אויסגענומען ביי פיל פון די תנאים, וועלכע זיינען געווען מער ליבעראַל. ר׳ מאיר האָט אויך געהאַלטן אין איין צונויפזאַמלען און איינאָרדענען די פאַרשידענע רייד פון די תנאים, אויף דעם שטייגער פון זיין רבי׳ן, רבי עקיבא. איבערהויפּט זיינען זיי די הלכות, וואָס מען געפינט סתם אין דער משנה. אַזוי אַרום איז געוואָרן אַ כלל אַז „סתם משנה — ר׳ מאיר״. דאָרטן וואו עס ווערן ניט דערמאָנט קיין מיינונגס־פאַרשידנהייטן, איז עס די מיינונג פון ר׳ מאיר.

ר׳ מאיר האָט געהאַט זיין בית המדרש אין אַן אָרט וואָס הייסט חמתן, נעבן טבריה. צווישן אים און דעם נשיא פון יענער צייט, ר׳ שמעון בן גמליאל, איז, זעט אויס, קיין גרויסע ליבע ניט געווען. ר׳ מאיר האָט געלעבט דערפון וואָס ער איז געווען אַ סופר, וועלכער שרייבט ספרי תורה, תפילין און מזוזות, און אַמאָל אויך פון איבערשרייבן אַנדערע ספרים. ער האָט פאַרדינט דריי שקלים אַ וואָך, האָט געלעבט פון 2 שקלים און דעם דריטן צעטיילט פאַר צדקה.

ר׳ מאיר האָט אויך געקאָנט דערציילן משלים (פאַבלען) ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ער האָט געהאַט אַן אַרגומענט מיט עמעצן. עס ווערט דער־ציילט וועגן אים, אַז ער האָט געשאַפן דריי הונדערט משלים בלויז וועגן פוקסן און אַז אַלע זיינען פאַרגעסן געוואָרן, נאָר בלויז דריי זיינען געבליבן.

צווישן די אַנדערע זאַכן וואָס מען דערציילט נאָך פון ר׳ מאיר, אין תלמוד, איז אויך דאָס, אַז ער איז געבליבן אַ תלמיד פון אלישע בן אבויה (איינער פון ר׳ עקיבא׳ס תלמידים) אַפילו נאָכדעם ווי דער אלישע איז קאַליע געוואָרן און האָט אָפּגעשפּאָט פון די רייד פון די חכמים. ר׳ מאיר פלעגט וועגן דעם זאָגן, אַז ער האָט אין אלישע בן אבויה געפונען אַ מילגרוים פול מיט תורה־קערנדלעך, האָט ער דאָס גוטע אַרויסגענומען און די שאָלעכץ אַוועקגעוואָרפן.

וועגן אלישע בן אבויה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תנא, ווערט דערציילט אין תלמוד, אַז ווען ער איז קאַליע געוואָרן האָט מען אים גערופן „אחר״ (אַן אַנדערער), דאָס מיינט, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. מיט וואָס ער איז קאַליע געוואָרן ווערט ניט געזאָגט. עס ווערט אויך ניט געזאָגט, צי ער איז געוואָרן אַ ניט־גלויביקער אין דער תורה און אין די רייד פון די חכמים, אָדער ער האָט געגלויבט אין דער תורה נאָר אין די רייד פון די חכמים — ניט, צי גאָר ער איז אַוועק אויף אַ פאַלשן וועג אין פילאָזאָפיע. יעדנפאַלס זעט אויס, אַז ער איז געווען אַ פּעדאַגאָג און האָט זיך פאַרנומען מיט קינדער־דערציאונג. אין ירושלמי ווערט דערציילט, אַז ער פלעגט אַריינקומען אין בית־המדרש און רופן צו די ישיבה־בחורים: „וואָס זיצט איר דאָ און לערנט? גייט בעסער און לערנט זיך אויס אַ פאַך, אַז איר זאָלט האָבן פון וואָס צו לעבן!״

נו, דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שרעקלעך, ווייל נאָך אַלעמען, ווערט

דאָך ניט פון אַלע יונגע מענטשן קיין אַקאַדעמיקער, מערסטנטיילס לערנען זיך אויס אַ פאַך וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף ברויט. אָבער ווי עס שיינט פון אייניקע שטעלן אין תלמוד, האָט ער באַלאַנגט צו די גנאָסטיקער, אַזאַ פילאָזאָפיש־מיסטישע סעקטע אין יענער צייט, און האָט זיך פאַרנומען מיט דער גריכישער ליטעראַטור. עס ווערט דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט אַלעמאָל געזונגען גריכישע לידער (זמר יוני לא פסק מפומיה).

פון געוויסע שטעלן אין תלמוד איז אויך צו זען, אַז ער האָט קריטיקירט די תורה. אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער געזען ווי איינער איז אַרויף אויף אַ בוים וואו עס איז געווען אַ נעסט פון פייגל און האָט גענומען די מוטער און איר אָוועקגעשיקט און דערנאָך געוואָלט נעמען די איבעריקע פייגל צו זיך, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה (שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך), אָבער ווען ער איז אַראָפּ פון בוים, האָט אַ שלאַנג אים אַ ביס געטאָן און ער איז געשטאָרבן. האָט אלישע געזאָגט: עס שטייט צום סוף פון פסוק „למען ייטב לך והארכת ימים״ (עס זאָל דיר זיין גוט, אויב דו וועסט אַזוי טאָן און דו וועסט לאַנג לעבן), אָבער אָט האָט דאָך אים אַ שלאַנג אַ ביס געטאָן און ער איז געשטאָרבן?...

* * *

אָבער כאָטש ר׳ מאיר איז געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, ווען עס איז געקומען צו הלכות, איז ער דאָך געווען זייער ליבעראַל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנדערע ענינים. אַזוי, למשל, זאָגט ר׳ מאיר, אַז ווען אַ גוי לערנט תורה איז ער פונקט אַזוי גרויס ווי אַ כהן־גדול, ווייל עס שטייט אין פסוק „אשר יעשה אותם האדם״ (די געזעצן וואָס דער מענטש זאָל זיי טאָן). עס שטייט ניט דאָרטן אַז כהנים זאָלן זיי טאָן, לויים זאָלן זיי טאָן, אָדער ישראלים זאָלן זיי טאָן. עס שטייט „האדם״ (דער מענטש), איז דאָס געמיינט יעדן מענטש און אַפילו אַ ניט־איד.

אין יענער צייט האָט אויך געלעבט ר׳ מאיר׳ס חבר ר׳ שמעון בן יוחאי, אַ גרויסער לערנער און אַן אמת׳ער פּאַטריאָט. ער האָט אויך געהאַסט פון טיפן האַרצן רוים, און האָט גערופן אַלעמען צו קעמפן קעגן איר. איינמאָל נאָך אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע קעגן דער רוימישער מאַכט, האָט מען אים געוואָלט אַרעסטירן. איז ער אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין אַ הייל, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיינעם אַ דערוואַקסענעם זון אָפּגעלעבט דרייצן יאָר, ביז די פּאָליטישע לאַגע פון לאַנד האָט זיך געביטן. ר׳ שמעון בן יוחאי איז געווען, אין קעגנזאַץ צו ר׳ מאיר׳ן, אַ ליבעראַל אין טייטשן די געזעצן. ער האָט געהאַט פיל תלמידים און האָט זוכה געווען צו אַ טיפער עלטער. אַזוי האָט ער שוין געזען דעם אָנהויב פון פערטן דור פון די תנאים, און אויך ר׳ יהודה הנשיא („רבי״), דער צוזאַמענשטעלער פון משניות. אָבער וועגן אים וועלן מיר רעדן אויספירלעך אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.9

ר׳ יהודה הנשיא („רבי״)

די צייט פון פערטן דור פון די תנאים. — די רדיפות און גזרות פון רוים. — דער אויפשטייג פון ר׳ יהודה הנשיא („רבי״). — זיין אויטאָריטעט צו געבן סמיכה, וואָס קיין אַנדערער האָט ניט געהאַט. — ער עפנט זיינע שפּייכלערס פאַר אַלעמען אין אַ הונגער־יאָר. — ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן קיין שפּאַס אויף זיין חשבון און רעכנט זיך אָפּ מיט די וואָס שפּאַסן פון אים. — דאָס ווערק „משניות״ וואָס ער האָט געשאַפן, וואָס איז דער פונדאַמענט פון תלמוד.

דער פערטער דור פון די תנאים, אין דער צייט פון יאָר 170 ביז צו 219 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג) איז געווען זייער אַ שרעקלעכע צייט פאַר די אידן אין ארץ ישראל. נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא האָט רוים געהאַלטן אַ וואַכעדיק אויג אויפן קליינעם ארץ ישראל, אַז עס זאָל דאָרטן אַזעלכעס מער ניט פאָרקומען. אין רוים איז דעמאָלט געזעסן אויפן טראָן דער קייזער ווערוס צוזאַמען מיט מאַרקוס אורעליוס. אָבער אין דער צייט ווען דער לעצטער האָט זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט זוכן די ליבע פון פרויען און מיט פילאָזאָפישע ענינים, האָט דער קייזער ווערוס אַ הנאה געהאַט פון פייניקן מענטשן און געמאַכט זייער שווער די לאַגע פון די אידן. אַזוי האָט ער אָפּגעשאַפט אַלע גערעכטס־הייזער וואו מען האָט גע׳משפּט לויט די געזעצן פון דער תורה. ער האָט אויך פאַרבאָטן צו באַשטימען אידן אַלס ריכטער.

דער אידישער צענטער איז אויך אין יענער צייט צוליב די רדיפות אַריבער פון יבנה אין אַן אָרט וואָס האָט געהייסן אושא. דאָרט־אַהין איז אויך אַריבער די סנהדרין. אָבער לויטן באַפעל פון רוים האָט די סנהדרין קיין שום מאַכט מער ניט געהאַט. דער קייזער ווערוס האָט אויך אַרויס־געגעבן גזרות, אַז די אידן זאָלן ניט אָפּהיטן שבת און ניט מל זיין זייערע קינדער. ער האָט אויך באַפוילן, אַז פרויען טאָרן ניט גיין אין מקווה, ווי עס איז דער אידישער דין. ערשט נאָכן טויט פון קעניג ווערוס איז געפאָרן אַ דעלעגאַציע פון געלערנטע, מיט ר׳ שמעון בן יוחאי אין דער שפּיץ, צום קייזער מאַרקוס אורעליוס און ביי אים געפועל׳ט אָפּצושאַפן די גזירות. אין יענער צייט איז דער צענטער פון אידישן לעבן ווידער אַמאָל אַריבער אויף אַן אַנדער אָרט. אַנשטאָט אושא האָבן די חכמים אויסגעקליבן פאַר זיך דאָס אָרט שפרעם, נעבן צפורי.

* * *

ווי אַלע מאָל אין אַן עת צרה, באַווייזט זיך אויף דער אָרענע פון אידישן לעבן איינער, וואָס קאָנצענטרירט אין זיך סיי תורה און סיי פירערשאַפט און ווערט באַלד באַליבט ביים פאָלק און דערמיט טוט ער אויף גרויסעס אין קאַמף פאַרן קיום פון אידישן פאָלק. אַזאַ גרויסער פירער האָט זיך איצט אויך באַוויזן אין דעם קליינעם חרוב'ן לאַנד. דאָס איז געווען רבי יהודה הנשיא.

אַזוי ווי רבן יוחנן בן זכאי האָט מיט פיר דורות צוריק, נאָר געטראַכט דערפון, אַז די תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון די אידן און דערפאַר געשאַפן די אַקאַדעמיע אין יבנה, אַזוי האָט אויך דער נייער פירער, ר' יהודה הנשיא געטראַכט דערפון, וואָס צו טאָן, אַז דאָס אַלץ וואָס די תנאים אין אַלע דורות ביז אים און אויך די פון זיין צייט, האָבן אויפגעטאָן אויפן געביט פון לערנען, זאָל ניט פאַרלוירן זיין און ער האָט געמאַכט אַ שריט וואָס איז געווען רעוואָלוציאָנעריש, נעמלעך: ער האָט באַשלאָסן — און אויך געטאָן — אויפצושרייבן די תורה שבעל פה, אַ זאַך וואָס מען האָט ביז איצט ניט געטאָרט טאָן.

וועגן רבי יהודה הנשיא'ס יוגנט־לעבן ווערט אין תלמוד ווייניק דער־מאָנט. מען ווייסט נאָר, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 150, קריסט־לעכע צייט־רעכענונג, און האָט געלערנט ביי די גרעסטע לערנער פון זיין צייט, ר' שמעון בן יוחאי און ר' אלעזר בן שמוע. דער לעצטער האָט געהאַט זייער פיל תלמידים, אַזוי אַז עס איז געגאַנגען אַ ווערטל, אַז אין זיין בית המדרש זיינען געזעסן זיבן תלמידים אויף איין בענקל.

ר' יהודה איז געווען אַ קינד פון נשיאים, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ גאָלדענע קייט פון הלל הזקן אָן. ער איז געווען אַ זון פון נשיא ר' שמעון בן גמליאל און נאָכן טויט פון זיין פאָטער איז ער געוואָרן דער נשיא. ער האָט אויך גע'ירשנ'ט פון זיין פאָטער אַ גרויס פאַרמעגן און דעריבער האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ביי אים איז „תורה און רייכקייט אין איין אָרט" (תורה וגדולה במקום אחד). אין זיין צייט איז דער אידישער צענטער ווידער אַריבער פון שפרעם קיין בית שערים און פון דאָרטן ווידער קיין צפורי. ר' יהודה הנשיא איז באַלד באַקאַנט געוואָרן ביי אַלע געלערנטע מיטן נאָמען „רבי", וואָס איז כמעט געוואָרן זיין צווייטער נאָמען. אין זיין צייט איז די סנהדרין געווען אַ גרויסע מאַכט און די צאָל איז באַשטאַנען פון פולע 71 זקנים ווי אין די גאָר אַלטע צייטן. ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער הונגער אין לאַנד, האָט ר' יהודה הנשיא געעפנט זיינע שפייכלערס פון תבואה, צו געבן אַלעמען ברויט. פריער האָט ער געוואָלט געבן ברויט בלויז צו תלמידי חכמים און ניט צו עמי־הארצים (פּראָסטע מענטשן). אָבער ווען זיינער אַ תלמיד, ר' יונתן, האָט צו אים געזאָגט: „רבי, שפייז מיך ווי אַ ראָב אָדער אַ הונט" (וואָס עס האָט געמיינט, אַז אַ ראָב אָדער אַ הונט האָט

אויך גאָט געשאַפן צו לעבן אויף דער וועלט), האָט „רבי" געזאָגט: „אויב אַזוי, זאָל מען געבן ברויט צו אַלעמען אָן אונטערשיד".

צוליב דער גרויסקייט פון רבי'ן האָט מען צו אים געהאַט זייער פיל צוטרוי, אַזוי אַז ער האָט געהאַט די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט, ווער עס זאָל אָנערקענט ווערן אַלס רב און פירער ביי די אידן. דאָס האָט דעמאָלט געהייסן קריגן סמיכה — און צוליב זיין כבוד האָט די סנהדרין אין זיין צייט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אויב אַ בית־דין באַשטימט עמעצן פאַר אַן אַמט, אָן דער צושטימונג פון נשיא (דאָס מיינט, אָן רבי'ן) איז עס ניט גילטיק, אָבער ווען דער נשיא באַשטימט עמעצן פאַר אַן אַמט, אָן דער צושטימונג פון די סנהדרין, איז עס יאָ גילטיק. דעריבער איז רבי געוואָרן דער איינציקער, וועלכער האָט געקאָנט געבן סמיכה און באַשטימען וועמען ער האָט געוואָלט פאַר אַ רב אָדער פאַר אַן אַנדערן אַמט אין אידישן לעבן.

אַ צייט לאַנג איז דעריבער רבי געווען דער יעניקער, וועלכער האָט געגעבן סמיכה צו רבנים און זיי באַשטימט פאַר פאַרשידענע שטעט. ניט בלויז אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין די אַרומיקע גלות־לענדער. ער האָט אויך באַשטימט די אידישע ריכטער פון די געריכטס־הייזער און אויך ווער עס זאָל זיצן אין די „סנהדרין". רבי האָט אויך ניט געהאַט אַ געהילף, אין דער פאָרם וואָס איז געווען פריער, אַן „אב בית דין", ווייל נאָר ער, „רבי" אַליין האָט באַשטימט וועגן יעדער זאַך. אָבער צוזאַמען מיטן דערציילן די גרויסקייט פון רבי'ן, ברענגט דער תלמוד אויך אַ טייל פון זיינע חסרונות. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ביי זיין גאַנצער גרויסקייט, האָט רבי געליטן פון איבערגעטריבענעם שטאָלץ און האָט ניט געקאָנט אַריבער־טראָגן דעם קלענסטן שפּאַס אויף זיין חשבון. עס האָט אים געפעלט אַ חוש פאַר הומאָר און אויב עמעצער האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַס וועגן אים, האָט ער עס יענעם ניט געקאָנט מוחל זיין. אין יענער צייט איז ביי אידן אין ארץ ישראל ניט געווען אַ מענטש וואָס זאָל האָבן אַ גרעסערע מאַכט ווי רבי, אָבער אין בבל איז יאָ געווען, און דאָס איז געווען דאָרטן דער ראש הגולה, וועלכער האָט פון די באַבילאָנישער מאַכט געקראָגן פיל מער רעכט ווי די, וואָס עס האָט געהאַט ר' יהודה הנשיא אונטער די רוימער. ווערט דערציילט, אַז רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים, ר' חייא (אַן אַראַמעאיזירטער נאָמען פון העברעאישן „חיים") פון וועלכן ער האָט שטאַרק געהאַלטן, אַז ער, ר' יהודה הנשיא, וועט ניט טאָן אַזוי ווי עס האָט אַמאָל געטאָן איינער פון די בני בתירה, וועלכער איז געווען דער נשיא און וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון נשיאות צוליב זיין עלטער־זיידע, הלל הזקן. אויב עס וועט קומען אַהערצו, האָט געזאָגט רבי, דער ראש הגולה פון בבל, רב הונא, וועל איך אים מיין פּלאַץ ניט אָפּגעבן. איך וועל אים אַוועקזעצן אויבן־אָן און אים צוטיילן פיל כבוד, אָבער ניט מיין שטול. האָט פּאַסירט, אַז רב הונא איז געשטאָרבן און האָט געהייסן אַריבערפירן זיינע

ביינער קיין ארץ ישראל, כדי זיי דאָרטן ברענגען צו קבורה. רבי האָט דערפון ניט געוואוסט, ר׳ חייא האָט אָבער געהערט פון איינעם, וואָס איז געקומען פון בבל, אַז מען האָט קיין ארץ ישראל געבראַכט דעם אָרון פון רב הונא׳ן. איז ר׳ חייא אַריין צו רבי׳ן און צו אים געזאָגט אין אַ שפּאַס:

— רבי, ר׳ הונא איז געקומען אַהער פון בבל!

איז רבי געבליבן זיצן אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. ווען ר׳ חייא האָט געזען, אַז זיין מיטטיילונג האָט אַרויסגערופן ביי רבי׳ן אַן אויפרעגונג, האָט ער זיך געאיילט עס אויסצובעסערן און געזאָגט צו רבי׳ן:

— כ׳מיין צו זאָגן, אַז עס איז געקומען אַהער זיין אָרון, ווייל ער איז געשטאָרבן און זיינע ביינער וועט מען באַגראָבן דאָ אין ארץ ישראל.

רבי האָט זיך איצט באַרואיקט, אָבער ער האָט פאַר דעם שפּאַס ר׳ חייא׳ן גוט אָנגעזידלט און דרייסיק טעג האָט ער זיך פאַר רבי׳ן ניט געטאָרט ווייזן.

אַ צווייטן מאָל האָט ער זיך באַליידיקט פון אַ שפּאַס וואָס דער גרויסער תנא און געלערנטער, בר קפּרא, אַ גלעצנדיקער שאַפער פון משלים אויף העברעאיש, האָט געמאַכט איבער רבי׳ס איידעם, בר אלעשה, וועלכער איז געווען רייך, אָבער ניט אין גייסט, און די תלמידי חכמים האָבן פון אים ניט געהאַלטן. בר קפּרא האָט געשאַפן וועגן אים אַן עפּיגראַם, וואָס איז געווען אַ מין רעטעניש. ווען רבי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער אָנגעשריען אויף בר קפּרא: „ווער ביסטו דאָס? איך האָב דיך קיינמאָל ניט געקענט!" אָט דער שפּאַס האָט געקאָסט בר קפּרא׳ן, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געקראָגן קיין סמיכה פון רבי׳ן.

אויך אַן אַנדער תלמיד, שמואל, וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר און אַן אַסטראָנאָם און וועלכער האָט אויסגעהיילט רבי׳ן פון אַ שווערער קראַנקייט, האָט פון רבי׳ן ניט געקראָגן קיין סמיכה בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געוויזן רבי׳ן, אַז ער קען מער פון אים אין אַנדערע וויסנשאַפטן, אַ זאַך וואָס רבי האָט ניט געקאָנט מוחל זיין. אַזוי האָט ער זיך אויך אָפּגערעכנט מיט אַנדערע, ווי למשל, מיט ר׳ חנינא, דערפאַר וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט צו רבי׳ן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין לייענען אַ וואָרט אין דער תורה. אויך ער האָט דערפאַר שוין ניט געקראָגן פון אים קיין סמיכה.

אָט די חסרונות זיינען טאַקע אַזעלכע פעלערן וואָס פּאַסטן ניט פאַר אַזאַ גרויסן מענטש ווי רבי איז געווען, אָבער דאָך איז דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַרן אידנטום אַזוי גרויס, אַז מען קאָן אים די דאָזיקע חסרונות פאַרגעבן.

* * *

מיר האָבן געזאָגט פריער, אַז רבי האָט אויפגעטאָן אַ זאַך וואָס עס איז געווען רעוואָלוציאָנעריש, נעמלעך: אויפצושרייבן די תורה שבעל פּה. דאָס איז געווען אַ גרויסער און געוואַגטער שריט, ווייל ביז אים האָבן אַלע

תלמידי חכמים, אַלע תנאים זיך געהאַלטןביים כלל, אַז די תורה שבעל פה, די דינים וואָס מען לערנט אַרויס פון דער תורה און אַלע טייטשן פון די פסוקים, טאָר מען ניט אויפשרייבן. רבי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס אַלץ וועט פאַרגעסן ווערן און ער האָט זיך גענומען דערצו אַלץ צו פאַר־שרייבן. און עס איז גוט געווען וואָס אַזאַ אויטאָריטעטישע פּערזענלעכקייט ווי רבי האָט זיך גענומען דערצו, ווייל ווען אַן אַנדערער וואָלט עס געטאָן, וואָלט מען עס זיכער ניט דערלאָזט. רבי האָט איינגעזאַמלט אַלע העפטן, אַלע פאַרצייכענונגען פון אַלע תנאים, און יעדעס שטיקל מאַטעריאַל, וואָס עמעצער פון די תנאים האָט נאָר געהאַט. אַזעלכע זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל, ווי „משנת ר׳ עקיבא״, „ספרי״, „ספרא״, „מכילתא״ און נאָך אַנדערע. ער האָט די אַלע דינים סאָרטירט לויט דעם אופן ווי עס האָט געטאָן רבי עקיבא און שפּעטער זיין תלמיד רבי מאיר, און איינגעטיילט אַלע הלכות אין מסכתות און אין סדרים. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די „משנה״ אָדער „משניות״ וואָס עס איז דאָס ווערק פון זעקס טיילן און וואָס יעדעס טייל באַזונדער האָט אַ גאַנצע רייע פון מסכתות. די זעקס טיילן זיינען: „זרעים״ (וועגן געוויקסן), „מועד״ (וועגן ימים טובים), „נשים״ (וועגן מאַן־און־פרוי ענינים), „נזיקין״ (וועגן געלט־לאַדענישן ציווישן איינעם און אַ צווייטן), „קדשים״ (וועגן קרבנות) און „טהרות״ (וועגן ריינקייט).

יאָ, צו דעם אַלעם איז רבי בטבע געווען אַ גרויסער ליבעראַל בנוגע די אידישע געזעצן. אַזוי האָט ער ניט געוואָלט אַז מען זאָל באַשטימען מער די ימים טובים דורך זען די לבנה און אָנגעהויבן דאָס צו טאָן דורך אַ לוח (קאַלענדאַר). ער האָט אויך באַזייטיקט אַ טייל פון די מצוות וועלכע אידן האָבן געדאַרפט אָפּהיטן ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, ווי תרומה, מעשר און אַנדערע. ער האָט אויך געוואָלט אָפּשאַפן דאָס געזעץ פון שמיטה, אָבער מען איז אים געשטאַנען אין וועג און ניט געלאָזט. רבי האָט אויך געוואָלט אָפּשאַפן דאָס פאַסטן תשעה באָב.

מיטן אויפשרייבן די הלכות פון די חכמים, האָט זיך ממש געענדיקט די גרויסע עפּאָכע פון די תנאים און כאָטש עס איז נאָך געווען אַ דור פון תנאים נאָך רבי׳ן, האָבן זיי שוין קיין גרויסע ווירקונג ניט געהאַט. דער כלל איז געווען „ר׳ נתן ור׳ יהודה הנשיא סוף משנה״ (מיט ר׳ נתן און ר׳ יהודה הנשיא איז די ענדע פון דער משנה), ווייל ר׳ נתן האָט פיל צוגעהאָלפן רבי׳ן אין דער אַרבעט.

ר׳ יהודה הנשיא האָט געלעבט אַן ערך 70 יאָר, און פון זיי איז ער 30 יאָר געווען נשיא. פאַרן טויט האָט ער באַשטימט, אַז זיין זון גמליאל, זאָל ווערן דער נשיא און אַזוי איז געווען.

די „משניות״ וואָס רבי האָט איבערגעלאָזן איז געבליבן דער פונדאַמענט פון תלמוד. נאָך די תנאים זיינען געקומען די אמוראים אין ארץ ישראל און אין בבל און פאַרטייטשט די רייד פון די תנאים און קלאָר געמאַכט

די הלכות. דאָס איז שוין די גמרא, דער צווייטער טייל פון תלמוד, געשאַפן פון יאָר 219 ביזן יאָר 500 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג). דיביידע טיילן צוזאַמען שטעלן מיט זיך פאָר דעם תלמוד, וואָס עס איז דאָס צווייטע גרויסע ווערק ביי אידן, נאָך דער ביבל.

* * *

איצט, אַז מיר האָבן שוין אַרויסגעפירט די הויפּט־פירער אין דער צייט פון די ערשטע תנאים און אין דער צייט פון די צווייטע תנאים, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן באַזונדער אויף זייער לערע, זייערע פּרינציפּן און זייער קאַמף פאַר אַ ליבעראַל אידנטום. דאָס וועלן מיר טאָן אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

.10

וואָס פאַר אַ ווערק איז דער תלמוד?

וויפיל תורה'ס האָבן די אידן? — דער ענטפער איז צוויי: „תורה שבכתב" און „תורה שבעל פה". — קאָן מען זיין אַ איד אויב מען האַלט נאָר פון איין תורה? — וואָס איז אַזוינס די מסורה? — וואָס זיינען די גאָר אַלטע אידישע געזעצן? — פאַרוואָס רופט מען דעם „תלמוד" — ש"ס?

דער תלמוד איז דאָס ריזיקע ווערק וועגן די אידישע געזעצן פון אידישן פאָלקס־לעבן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַ גאַנצער רייע אידישע געלערנטע, וועלכע ווערן אָנגערופן „תנאים" און „אמוראים", און וועלכע האָבן געלעבט אין אַ צייט פון 850 יאָר. די שאַפונג פון תלמוד הויבט זיך אָן גלייך מיטן צוריקקערן זיך פון עזרא און נחמיה פון גלות בבל, ווען זיי האָבן זיך גענומען אויפבויען דעם צווייטן בית־המקדש. דאָס איז געווען אין יאָר 3408 לויט אידישער צייט־רעכענונג (אַן ערך 350 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), אָדער ביז 430 יאָר נאָך דעם חורבן פון צווייטן בית־המקדש.

דער תלמוד באַשטייט פון צוויי טיילן: פון דער משנה (אָדער „משניות") וואָס עס האָבן געשאַפן די תנאים (זיי ווערן אויך טייל מאָל אָנגערופן „חכמים"), און פון דער גמרא וואָס עס האָבן געשאַפן די אמוראים, וועלכע זיינען געקומען נאָך די תנאים.

דאָס וואָרט „תנא" (פאַר אַ יחיד) מיינט אַ לערער, אַ רבי, אָדער ווי מען וואָלט עס היינט־צו־טאָג גערופן — אַ פּראָפעסאָר. די עפּאָכע פון די תנאים האָט זיך געצויגן, ווי שוין געזאָגט, אין אַ משך פון פינף דורות. עס איז אָנגענומען, אַז עס זיינען געווען אַן ערך פון 175 תנאים. אַנדערע רעכענען אָבער אויך צו די נעמען וואָס מען געפינט אין אַנדערע ספרים פון יענער צייט, אויסער דער משנה, ווי אין „ספרי", „ספרא", „מכילתא" א. ד. גל. און זיי גיבן־אָן די צאָל פון די תנאים ביז 200; און נאָך אַנדערע רעכענען־צו נאָך אַנדערע נעמען — ביז 300. די ענדע פון דער תנאים־עפּאָכע איז געווען מיט דער שליסונג פון דער משנה, דאָס הייסט, מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון אַלע משנה'ס פון די תנאים אין איין ווערק, וואָס הייסט משניות. דאָס איז געטאָן געוואָרן פון ר' יהודה הנשיא (ער ווערט אויך גערופן „רבי") אין יאָר 3979 לויט אידישער צייט־רעכענונג (219 לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג). פון יענער צייט אָן ביז דעם יאָר 500

(לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג) זיינען געווען די „אמוראים", די וועלכע האָבן געשאַפן די גמרא. די גמרא איז אַן אויסטייטשונג פון דער משנה, פונקט אַזוי ווי די משנה איז אַן אויסטייטשונג פון תורת משה, פון חומש. עס איז דעריבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן אַ „תנא" און אַן „אמורא". דאָס באַשטייט אין דעם, וואָס די תנאים האָבן געהאַט צווישן זיך דיסקוסיעס און מיינונגס־פאַרשידנקייטן וועגן געוויסע אויסטייטשונגען פון דער תורה און זיי האָבן געקענט ניט שטימען איינער מיטן אַנדערן וועגן דעם טייטש פון אַ געוויסן פסוק. די אמוראים, אָבער, וועלכע זיינען געקומען נאָך די תנאים, האָבן שוין געהאַט פאַר זיך די „משניות" אַלס אַ פאַרטיקע זאַך. זיי האָבן דעריבער ניט מער געקענט זיין איינשטימיק מיט אַ געוויסן תנא, וועגן זיין אויסטייטשן פון אַ פסוק אין דער תורה, אָדער וועגן אַ געוויסן דין. זייער אויפגאַבע איז געווען בלויז אויסצוטייטשן די משנה און צו זען צי זי איז אין גאַנצן אויסגעהאַלטן, אָבער קיינמאָל ניט אַרויס־צוטרעטן קעגן אַ מיינונג פון דער משנה, אָדער קעגן איינעם פון די תנאים.

די צאָל פון די אמוראים איז געווען פיל, פיל גרעסער ווי די פון די תנאים. זיי האָבן געלעבט אין זעקס דורות, פון יאָר 219 (די צייט פון שליסונג פון דער משנה) ביזן יאָר 500 (די צייט פון דער שליסונג פון דער גמרא). מען נעמט־אָן, אַז זייער צאָל דערגרייכט ביז 1,800. נאַטירלעך זיינען ניט אַלע געווען פון איין מדרגה. עס זיינען געווען צווישן זיי גרעסערע און קלענערע, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן דעם תלמוד.

דאָס וואָרט „אמורא" (פאַר אַ יחיד) מיינט אַ נאָכזאָגער, אַן אויסטייטשער, אָדער ווי מען וואָלט עס איצט גערופן — אַ לעקטשורער. די תנאים האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל. פון די אמוראים האָבן די גרעסטע צאָל געלעבט אין בבל און בלויז אַ קלענערע צאָל האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. די אמוראים פון בבל זיינען עס געווען די שאַפער פון דער גמרא וואָס הייסט „תלמוד בבלי", דער תלמוד פון בבל, דאָס מיינט די אויסטייטשונג פון דער משנה ווי עס האָבן עס פאַרשטאַנען די אמוראים פון בבל. די אמוראים פון ארץ־ישראל האָבן געלעבט נאָר אין דריי דורות (פון יאָר 219 ביזן יאָר 359). זייער צאָל איז געווען אַן ערך פון דריי הונדערט און זיי זיינען געווען די שאַפער פון אַן אַנדער גמרא, „תלמוד ירושלמי", וואָס עס מיינט דער תלמוד פון ירושלים, פון ארץ־ישראל.

באַלד פון אָנהויב־אָן האָבן די תנאים זיך באַמיט, אַז זייערע אויס־טייטשונגען פון דער תורה זאָלן אָנגענומען ווערן ביים גאַנצן פאָלק אַלס אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אידישער לערע און זאָל באַטראַכט ווערן צוזאַמען מיט תורת משה פאַר דעם ווערק פון אידנטום, אַלס די תורה פון אידישן פאָלק. צוליב דעם צוועק האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דעם כלל, אַז די אידישע תורה באַשטייט פון צוויי טיילן: איינע אַ געשריבענע (תורה שבכתב) און אַ צווייטע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויסנווייניק (תורה שבעל־

פה). עס האָט געהייסן, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט צוויי תורה׳ס, און אַז די ניט־געשריבענע תורה איז אַ דערגענצונג און אַן אויסטייטשונג צו דער געשריבענער תורה. און נאָך עפּעס האָבן די תנאים פעסטגעשטעלט, נעמלעך, אַז די תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די אידן בכתב, די געשריבענע תורה, טאָר מען ניט לערנען פון אויסנווייניק, און פאַרקערט ווידער, די אַנדערע תורה, די ניט־געשריבענע (די תורה שבעל־פה), טאָר מען ניט אויפשרייבן. אַזוי ווערט דערציילט אין „ספרי״ (וזאת הברכה), אַז אַ פּירשט האָט געפרעגט רבן גמליאל׳ן: „וויפיל תורה׳ס האָבן די אידן?״ און רבן גמליאל האָט געענטפערט: „צוויי, איינע בכתב, אַ געשריבענע, און אַ צווייטע בעל פה, אַ ניט געשריבענע״. נאָך ברייטער ווערט אַרומגערעדט דער ענין אין דער גמרא (גטין ס׳). דאָרטן ווערט געזאָגט אַזוי: ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: די תורה איז על־פי־רוב געשריבן געוואָרן און נאָר אַ קליינער טייל איז געגעבן געוואָרן אויף אויסנווייניק. ר׳ יוחנן זאָגט: דער רוב איז געגעבן געוואָרן בעל־פה און נאָר אַ קלענערער טייל איז געגעבן געוואָרן בכתב. ווער פון זיי איז גערעכט? דער אמת איז אַזוי: די לערעס וואָס מען האָט אונז געגעבן אויפגעשריבן, טאָר מען ניט לערנען פון אויסנווייניק; און די לערעס וואָס מען האָט געגעבן פון אויסנווייניק, טאָר מען ניט אויפשרייבן. (רש״י דערקלערט דאָרטן אַזוי: „פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דעם תלמוד טאָר מען ניט אויפשרייבן״).

אַזוי געפינען מיר אויך אַ שטעלע אין תלמוד, וואו עס ווערט דערציילט, אַז אַ גוי איז געקומען צו שמאי׳ן און אים געפרעגט די זעלבע פראַגע: „וויפיל תורה׳ס עס האָבן די אידן?״ — שמאי האָט אים געענטפערט: צוויי. איינע וואָס איז בכתב און די צווייטע וואָס איז בעל־פה. האָט דער גוי צו אים געזאָגט, אַז ער וויל זיך מגייר זיין, אָבער ער וועט האַלטן נאָר פון דער תורה וואָס איז בכתב, די וואָס איז אויפגעשריבן. דאַקעגן, פון דער אַנדערער, די וואָס איז בעל־פה, פון אויסנווייניק, וויל ער ניט האַלטן. האָט אים שמאי אַרויסגעטריבן. איז ער געקומען צו הלל׳ן און אים געזאָגט דאָס זעלבע וואָס ער האָט געזאָגט צו שמאי׳ן. האָט אים הלל אָנגענומען און אים געמאַכט פאַר אַ איד. אָבער שפּעטער האָט ער אים געזאָגט, אַז ביידע תורות זיינען איינס און אַז עס איז ניט מעגלעך איינע אָן דער אַנדערער (שבת ל״א).

די תורה שבכתב באַשטייט פון די פינף טיילן פון דער תורה, חמשה חומשי תורה, וואָס זיינען: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים. מען רופט עס אַן: חומש, ווייל חומש מיינט אַ ווערק פון פינף. אָט־די תורה האָט מען געדאַרפט לערנען פון אינעווייניק. פאַרוואָס? — ווייל עס שטייט אין דער תורה, אַז מען טאָר ניט צולייגן אָדער אַראָפּנעמען עפּעס אַ וואָרט אָדער אַפילו אַן אות פון דער תורה. אַלזאָ, האָט מען געמוזט לערנען די תורה נאָר פון אינעווייניק, כדי אַריינצוקוקן און זען ווי אַזוי עס שטייט געשריבן (די נביאים און כתובים רעכענען זיך ניט, ווייל זיי זיינען ניט קיין געזעץ־ביכער).

די תורה שבעל־פה, די מינדלעכע תורה, די תורה וואָס איז ניט געווען אויפגעשריבן, פריער „משניות" און שפּעטער אויך די גמרא, האָט מען אין די אַמאָליקע צייטן, אין דער ערשטער עפּאָכע פון זייער שאַפונג, געלערנט פון אויסנווייניק, ווייל אויפשרייבן האָט מען זיי נישט געטאָרט. אָבער, ווילט איר פרעגן, פאַרוואָס? וואָס איז דער שכל פון דעם? — איז דער ענטפער דערויף אַזוי: ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין אין דעם ענין, זעט מען, אַז דער געדאַנק איז געווען אַז די תורה, וואָס מען האָט געגעבן צו די אידן, זאָל ניט זיין אין גאַנצן אויפגעשריבן, כדי אַז דאָס געשריבענע וואָרט זאָל ניט צופיל באַהערשן דעם מענטשן. די גרינדער פון אידנטום האָבן געוואָלט, אַז די תורה זאָל ניט זיין קיין סטאַטישע זאַך, נאָר מער אַ דינאַ־מישע; אַז עס זאָל ניט ווערן פון דער תורה אַ באַרג פון דאָגמעס, וואָס וועלן מיט דער צייט נאָר בינדן דעם פרייען ווילן פון דעם מענטשן און מאַכן אים פאַר אַ קנעכט צום געשריבענעם וואָרט, צום געזעץ. דעריבער האָט מען פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו טיילן די תורה אויף צוויי טיילן, איין טייל זאָל זיין אויפגעשריבן און זאָל זיין אַ שטייגער ווי אַ קאָנסטיטוציע, וואו עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר די געזעצן פון אַ לאַנד. דעם טייל זאָל מען ניט טאָרן שטודירן פון אויסנווייניק, נאָר מען זאָל מוזן אַלע מאָל אַריינקוקן און זען גענוי וואָס עס ווערט דאָרטן געזאָגט. דער אַנדערער טייל, ווידער, זאָל זיין אַ „תורה שבעל־פה", אַ תורה וואָס מען זאָל לערנען פון אויסנווייניק, ניט אויפשרייבן, זי זאָל זיין אַ דינאַמישע, אַזעלכע, וואָס זאָל צופּאַסן די תורה שבכתב צו די לעבנס־באַדינגונגען פון דער צייט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער גרויסער אידישער געניוס, משה רבינו, וועלכער האָט אונז געגעבן די תורה אין נאָמען פון גאָט, האָט געוואָלט, אַז די תורה זאָל זיין אַ תורת חיים, אַ לערע פון לעבן, אָן דאָגמעס; אַז די געבאָטן און פאַרבאָטן זאָלן ניט ווערן אַ מעכאַנישע זאַך — דאָס וואָס דער נביא האָט שפּעטער אָנגערופן „מצוות אנשים מלומדה", אַן אויסגעלערנטע זאַך, עפּעס וואָס מען טוט, אָן צו טראַכטן דערביי און וועלכע האָט מיט דער צייט פאַרלוירן איר זין.

משה האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז ביי יעדער זאַך וואָס עקזיסטירט אין לעבן, קומט פאָר אַ פּראָצעס פון עוואָלוציע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועלן מוזן זיין געוויסע טייטשונגען, צופּאַסונגען צום לעבן און אַפילו איבערענדערונגען פון געוויסע געזעצן. ער האָט דעריבער ניט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל אויפגעשריבן ווערן, ווייל אַזוי אַרום וועט עס ווערן נאָר פאַר־האַרטעוועט, סטאַטיש. עס וועלן צוקומען געזעצן צו געזעצן און דער עיקר קאָן אַמאָל פאַרגעסן ווערן. אָבער, אויב זיי וועלן ניט אויפגעשריבן ווערן וועט די צייט וועט פאַרגיין, וועלן זיי אַוועקגיין און מאַכן פּלאַץ פאַר נייע טייטשן, לויטן נייעם גייסט פון דער צייט. אָט־דאָס איז די מיינונג פון מדרש, וואָס פרעגט: „מי נברא בעד מי, ישראל בעד התורה או התורה בעד

ישראל?" — ווער איז געשאַפן געוואָרן פאַר וועמען, די אידן פאַר דער תורה, אָדער די תורה פאַר די אידן? און דער ענטפער איז, אַז „התורה נבראה בשביל ישראל" — די תורה איז געשאַפן געוואָרן פאַר די אידן, ווייל „אלמלא ישראל לא היה מקום לתורה" — ווען ניט אידן, וואָלט דאָך ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר דער תורה...

* * *

אָבער צוזאַמען דערמיט איז געשאַפן געוואָרן ביי אידן אַ זאַך, וואָס עס איז ניטאָ ביי קיין אומה ולשון. דאָס איז די „מסורה".

„מסורה" קאָן מען פאַרטייטשן אויף אידיש — טראַדיציע, אָבער עס וועט ניט זיין דאָס, ווייל „מסורה" איז מער ווי טראַדיציע. מסורה איז די איבערליפערונג, דאָס איבערגעבן, דאָס וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, בלויז פון מויל צו מויל. דאָס איז געווען און איז דער גייסטיקער פאַדעם, וואָס ציט זיך פון משה רבינו אָן ביזן סוף פון די דורות און וועט קיינמאָל ניט איבערגעריסן ווערן.

די פרקי אבות" הויבן זיך אָן: „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה"...

אין אַזוי גייט עס כסדר — דאָס איבערגעבן דעם גייסטיקן פאָדעם — און דעריבער איז גענוג געווען, ווען עמעצער פון די חכמים זאָל זאָגן „מסורה היא בידי" (דאָס איז ביי מיר אַ „מסורה"), אַז די הלכה זאָל זיין אַזוי ווי ער. אַמאָל האָט איינער אַפילו ניט געזאָגט דאָס וואָרט „מסורה", נאָר בלויז „כך שמעתי", אַזוי האָב איך געהערט. אין „מסכת עדיות", למשל, זיינען דאָ זייער פיל אַזעלכע איבערליפערונגען.

אָט־די „מסורה" איז ביזן היינטיקן טאָג די הייליקסטע זאַך ביי אידן. עס איז דער המשך, די אינערלעכע פאַרבינדונג, וואָס ציט זיך פון באַרג סיני ביז צום לעצטן אידן.

פאַראַן זאַכן, וואָס זיינען אונז ניט פאַרשטענדלעך, אָבער ווען מען זאָגט, אַז עס איז „מסורה", איז עס שוין אַן אַנדער זאַך. עס איז ווי אַ צוואה פון אַ זיידן צו זיינע קינדס־קינדער.

אָבער דאָך איז „מסורה" קיינמאָל ניט געווען קיין דאָגמאַ, ווייל יעדע „מסורה" פאַר זיך האָט אויך איר זין און איר שכל.

* * *

ווי געזאָגט, איז די געשריבענע תורה די יעניקע, וועלכע איז אונז געגעבן געוואָרן פון משה רבינו. דאָס זיינען די חמשה חומשי תורה, די פינף טיילן פון דער תורה. די ניט־געשריבענע תורה, ווידער, באַשטייט פון פאַרשידענע טיילן, ווי למשל: 1) הלכות קדומות, פאַרצייטיקע געזעצן, אַזעלכע וואָס זיינען געווען איינגעפירט ביי אידן נאָך איידער זיי האָבן גענומען די תורה אויפן באַרג סיני; 2) מסורה, טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונגען, וואָס האָבן באַגלייט די געשריבענע געזעצן, ווי, למשל, דעם ענין שחיטה.

עס שטייט אין דער תורה, אַז מען זאָל שחט'ן די בהמה, עס שטייט אָבער ניט ווי אַזוי און מיט וואָס, און אויך ניט ווען עס איז כשר און ווען טריפה. אָבער וועגן דעם זיינען געווען טראַדיציאָנעלע איבערליפערונגען פון מויל צו מויל; 3) טייטשן פון די געזעצן פון די חכמים; 4) תקנות, וואָס די חכמים האָבן געשאַפן און 5) גזרות, וואָס דאָס העכסטע בית־דין אין ירושלים האָט אַרויסגעגעבן און וועלכע זיינען גילטיק ביז צום היינטיקן טאָג.

די חכמים האָבן, ווי שוין געזאָגט, אַוועקגעשטעלט די ניט־געשריבענע געזעצן אויף דער זעלבער מדרגה ווי די געשריבענע און זיי געגעבן די זעלבע אויטאָריטעט און הייליקייט, כאָטש טיילמאָל ענדערן די ניט־געשריבענע געזעצן (אָין זיינען אַפילו אויך מבטל) די געשריבענע. וועגן דעם האָבן די חכמים געזאָגט, אַז „פעמים בטולה של תורה — זהו יסודה", טיילמאָל איז דאָס מבטל מאַכן פון אַ געזעץ פון דער תורה, גאָר איר יסוד. זיי האָבן גע'דרשנ'ט אַ פסוק, וואָס שטייט ביי די לוחות, וואָס משה האָט צעבראָכן, אַז גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן: „אשר שברת", מיינט, עס קומט דיר אַ יישר כח דערפאַר וואָס דו האָסט זיי צעבראָכן (מנחות צ"ט). דאָס מיינט, אַז דאָס צעברעכן איז אַמאָל פונקט אַזוי וויכטיק ווי דאָס שאַפן. דערמיט האָבן די חכמים אַוועקגעשטעלט אַ כלל, אַז ווען זיי האָבן געענדערט אָדער אַפילו מבטל געווען געוויסע געזעצן, איז עס ניט געווען קעגן דער תורה, נאָר פאַרקערט, אין גייסט פון דער תורה.

* * *

דער געבאָט, אַז די תורה שבעל־פה זאָל ניט אויפגעשריבן ווערן, איז פון די שאַפער פון תלמוד שטאַרק אָפּגעהיט געוואָרן און מען האָט זי געלערנט אויף אויסנווייניק. אָבער אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך צו געדענקען אַלץ אויפן קאָפּ, האָט מען געזוכט מיטלען און וועגן ווי אַזוי מען זאָל קאָנען עפּעס פאַרצייכענען. ענדלעך איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז מען זאָל אויסטייטשן דעם פסוק פון דער תורה וואָס זאָגט „לא תוסיפו ולא תגרעו" (איר זאָלט גאָרניט צולייגן און גאָרניט אַראָפּנעמען), וואָס האָט פאַרווערט צוצולייגן עפּעס צו אַ פסוק אָדער אַראָפּצונעמען עפּעס פון אים, אַז דאָס מיינט ניט אויף טייטשן אַ פסוק, ווייל טייטשן, דאָס מעג מען; דאָס מיינט, אַז מען מעג זיך מאַכן סימנים, פאַרצייכענונגען א. ד. גל. צו געדענקען דעם דין.

אָט־די אויסטייטשונג פון פסוק האָט אויפגעטאָן זייער פיל. דער נייער טייטש איז ממש געווען אַ רעוואָלוציע אין אידישן לעבן, ווייל איצט האָט זיך געעפנט אַ וועג, ווי אַזוי צו קאָנען פאַרצייכענען די טייטשן און די דינים וואָס מען האָט געהאַט אויף יעדן פסוק פון דער תורה, און וועלכע מען האָט ביז איצט אַלץ געמוזט האַלטן אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען זייער שווער און כמעט אוממעגלעך. אָט־דער נייער טייטש פון דעם פסוק האָט געמאַכט מעגלעך צו קאָנען שאַפן די משנה. מען האָט עס געטאָן אויף

אַזאַ אופן: מען האָט אויפגעשריבן אַ פּסוק פון דער תורה און צוגעגעבן די פאַרטייטשונג, דאָס מיינט די דינים, וואָס מען פאַרשטייט פון דעם פּירוש, דעם טייטש דערפון — דאָס האָט מען געמעגט טאָן. אַזוי אַרום איז ביסלעכ־ווייז אויסגעוואַקסן דער גאַנצער באַרג פון געזעצן, וועלכע מען האָט שפּעטער גערופן משניות. מיט דער צייט האָבן די תנאים אַפילו שוין אויפגעהערט צו ברענגען דעם פּסוק אין אָנהויב און געבראַכט דעם פּירוש אַליין, אָן פּסוק.

מיר וועלן ברענגען דאָ אַ קורצן ביישפּיל. עס איז דאָ אַ דין אין דער תורה, וואָס שטאַמט נאָך פון גאָר אַלטע צייטן און וואָס איז איצט ניט מער גילטיק, אַז אויב מען זעט אַ פלעק אין דער וואַנט (אַ „נגע"), דאַרף מען רופן דעם כהן, אַז ער זאָל זאָגן וואָס עס איז אַזוינס. איצט לאָמיר צוגיין צו אַ משנה פון אַלטער פאָרם (אין מסכת נגעים, פּרק י"ב, משנה ה'), וואו עס שטייט אַזוי: „כיצד רואים את הבית?" (ווי אַזוי זעט מען דאָס הויז צי עס האָט אַ נגע?) , דאָס איז אַ פראַגע וואָס מען האָט געמעגט אויפשרייבן. אַלס ענטפער קומט דער פּסוק פון דער תורה „ובא אשר לו הבית והגיד לכהן" (עס זאָל קומען דער אייגנטימער פון הויז און זאָגן צום כהן): „כנגע נראה לי בבית" (אַזוי ווי אַ נגע האָב איך געזען אין הויז). פון דעם אויסדרוק „כנגע" (אַזוי ווי אַ „נגע") האָבן די חכמים געלערנט, אַז מען דאַרף ניט זאָגן אויף זיכער, אַז עס איז אַ „נגע" און אַפילו ווען איינער איז אַ תלמיד־חכם און ווייסט זיכער, אַז עס איז אַ נגע, זאָל ער אויך אַזוי ניט זאָגן („אפילו אם הוא תלמיד חכם א. אַ. וו.). אָט־דעם פּירוש האָט מען צוגעגעבן, ווייל דאָס האָט מען געמעגט.

שפּעטער זיינען שוין געקומען די נייע פאָרמען, אָן צו ברענגען אַ פּסוק אין אָנהויב, ווייל מען האָט זיך פאַרלאָזט דערויף, אַז די לערנער ווייסן עס סיי ווי סיי.

אָט־דאָס איז געווען די רעפאָרם וועגן אויפשרייבן די רייד פון די חכמים, וואָס האָט געמאַכט מעגלעך אויפצושרייבן די משנה. אָבער וואָס איז וועגן דער גמרא, וואָס איז געקומען נאָך דער משנה?

אָט־די פראַגע פאָדערט שוין אַ לענגערן ענטפער, אָבער מיר וועלן עס שפּעטער טאָן, נאָכדעם ווי מיר וועלן קלאָר מאַכן עטלעכע זאַכן, וואָס עס איז נויטיק צו וויסן פריער וועגן דער גמרא בכלל.

משניות איז איינגעטיילט אין זעקס טיילן און אין יעדן טייל גייען אַריין אַ רייע פון מסכתות. „מסכתא" (מעסעכטע) מיינט אַ בוך וועגן אַן ענין. אָבער ניט אַלע טיילן האָבן אַ גלייכע צאָל פון מסכתות. אַ טייל האָבן מער און אַנדערע — ווייניקער.

די זעקס טיילן פון משניות הייסן מיט די פאָלגנדע נעמען: 1) זרעים, 2) מועד, 3) נשים, 4) נזיקין, 5) קדשים, 6) טהרות. אין „זרעים" זיינען דאָ 11 מסכתות, אין „מועד" — 12, אין „נשים" — 7, אין „נזיקין" — 8, אין „קדשים" — 11 און אין „טהרות" — 12. דערפאַר הייסט דער תלמוד

אין קורצן — „ש״ס״, וואָס עס איז די ראשי תיבות (די אָנהויב ווערטער) פון „ששה סדרים״ (זעקס טיילן). פאַר אונז זיינען גילטיק נאָר 4 טיילן און אַז מען וויל איז עס נאָר דריי און אַ האַלב, ווייל אין די לעצטע צוויי טיילן, אין „קדשים״ און „טהרות״ רעדט זיך נאָר פון קרבנות און פון ענין „טומאה״ און „טהרה״ וואָס עס איז איצט ניט גילטיק. אַזוי זיינען אויך פון די עלף מסכתות פון ערשטן טייל „זרעים״ נאָר גילטיק איצט די ערשטע „ברכות״, אָבער ניט די איבעריקע 10, וועלכע זיינען געווען גילטיק נאָר אין דער צייט ווען דער בית־המקדש האָט עקזיסטירט. די גמרא קומט אַלס פירוש צו דער משנה און איז אין דער פאָרם פון אַ דיסקוסיע פון די אמוראים.

אָבער ניט אַלע סדרים פון משניות האָבן אַזעלכע דיסקוסיעס פון אַמוראים. אַזוי, למשל, איז אויף סדר „זרעים״, וואָס האָט 11 מסכתות, פאַראַן גמרא בלויז אויף דער ערשטער מסכתא, וועלכע הייסט „ברכות״. גמרא איז דאָ אויף גאַנץ „מועד״ (אויף אַלע 12 מסכתות), אויף גאַנץ „נשים״ (אויף אַלע זיבן) און אויף „נזיקין״ (אויף אַלע אַכט). די מסכתות בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא ווערן פאַררעכנט פאַר איין גאַנצעס. אויף אַ טייל פון „קדשים״ און כמעט אויף גאַנץ „טהרות״ איז קיין גמרא ניטאָ, פשוט דערפאַר, ווייל דאָרטן ווערן באַהאַנדלט מערסטנס דינים, פאַר וועלכע מען האָט אין גלות קיין שום אינטערעס מער ניט געהאַט.

די משניות, דאָס הייסט די משנה׳ס, זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין ארץ־ישראל, וואו מען האָט גערעדט העברעאיש. דערפאַר זיינען זיי גע־שריבן אין אַ שיינעם העברעאיש. די גמרא, אָבער, איז שוין פאַרפאַסט געוואָרן אין בבל, וואו די אידן האָבן גערעדט די שפּראַך פון לאַנד, אַראַ־מעאיש, איז דעריבער די שפּראַך פון דער גמרא — אַראַמעאיש, אָבער עס איז ניט קיין ריינער אַראַמעאיש. עס איז אַ געמיש פון אַראַמעאיש מיט סיריש. סיריש איז ענלעך צו אַראַמעאיש, אָבער דאָך אַביסל אַנדערש. סיריש איז געווען מער די שפּראַך פון פאָלק, פון המון, אין דער צייט ווען אַראַמעאיש איז געווען די שפּראַך פון די אַריסטאָקראַטן. אין תלמוד געפינען מירביידע סאָרטן, אי אַראַמעאיש, אי סיריש. על־פּי־רוב האָבן די אמוראים גערעדט די שפּראַך פון פאָלק און זייערע דיסקוסיעס זיינען דעריבער אָנגע־פירט געוואָרן אויף דער סירישער שפּראַך.

די גמרא באַשטייט אָבער ניט בלויז פון דיסקוסיעס וועגן דער משנה. עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן: איין סאָרט איז, ווי געזאָגט, די דיסקוסיע וועגן דער משנה; דער צווייטער טייל אָבער איז שוין שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן און באַשטייט פון מעשיות און לעגענדעס. דער ערשטער טייל הייסט „הלכה״ און דער אַנדערער טייל הייסט „אגדה״. אָבער וועגן דעם וועלן מיר ריידן אויספירלעך שפּעטער. מיר ווילן דעריבער דאָ זיך פריער אָפּשטעלן אויף דער אַרבעט פון די תנאים, אויף דעם וואָס זיי האָבן געטאָן פאַרן אידנ־טום. דאָס וועלן מיר טאָן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.11

וואָס די תנאים האָבן אויפגעטאָן פאַרן אידנטום

מוז דער מענטש זיך צופּאַסן צום געזעץ, אָדער דאָס געזעץ צום מענטשן. — די ליבעראַלע טייטשן פון דער תורה. — אַ פּראַזע, וואָס יעזוס האָט ניט געשאַפן, נאָר די פּרושים. — ווי אַזוי די תנאים האָבן אויפגעפּאַסט דאָס אידנטום.

נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן איז געשטעלט געוואָרן פון אונזערע חכמים די פראַגע: וואָס איז אַזוינס אידנטום? איז דאָס אַ באַרג פון געזעצן, וואָס דער איד דאַרף אָפּהיטן, צי זיי זיינען גוט פאַר אים אָדער ניט, אָדער איז עס אַ לערע, וואָס איז אויסן צו העלפן אים ווי אַזוי צו לעבן אויף גאָטס וועלט? מיט אַנדערע ווערטער: מוזן די געזעצן בלייבן שטענדיק אַזוי ווי זיי זיינען, און אויב זיי זיינען האַרב — איז פאַרפאַלן, דער מענטש מוז זיך בויגן צו זיי? אָדער זיינען די געזעצן געשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש, און דעריבער דאַרפן די געזעצן אויסגעטייטשט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן צוגעפּאַסט ווערן צו די מענטשן?

אויף אָט־דער פראַגע האָבן אונזערע חכמים געגעבן דעם ענטפער, אַז די געזעצן דאַרפן צוגעפּאַסט ווערן צום מענטש. דאָס קאָן מען זען פון אַ דערקלערונג פון תנא, ר׳ שמעון בן מנסיה (געלעבט אין דער צייט פון ר׳ יהודה הנשיא). דעם פּסוק, וואָס שטייט אין דער תורה וועגן שבת „כי קודש היא לכם" (דער שבת איז הייליק צו אייך), האָט ער געטייטשט, אַז דער שבת איז געגעבן געוואָרן צו אייך און ניט איר צום שבת („לכם שבת מסורה ואין אתם מסורים לשבת". מכילתא פ׳ כי תשא). דאָס איז זייער אַ וויכטיקער טייטש, ווייל דאָס ווייזט אויפן ליבעראַלן גייסט פון אונזערע חכמים, אַז זיי האָבן אויפגעפּאַסט די תורה אין אַ זין, אַז דער געזעץ איז געשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש און ניט דער מענטש פאַרן געזעץ. דאָס האָט געמיינט, אַז דאָרטן וואו דער געזעץ איז האַרב אָדער עס איז אומ־פאַרשטענדלעך, האָבן די פירער פון אידנטום דאָס רעכט צו טייטשן עס אַזוי, אַז עס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַרן מענטשן.

אגב, ווייזט אויך די שטעלע, ווי פאַלש עס איז דאָס, וואָס די קריסטן רימען זיך אויס, אַז יעזוס איז געווען דער וואָס האָט געזאָגט, אַז „דער מענטש איז דער בעל־הבית איבערן שבת" (מאַטיוס 12—8) און איז דערמיט

אַרויסגעטראָטן קעגן דער מיינונג פון די פּרושים, וועלכע האָבן געזאָגט פאַרקערט. ווי עס איז צו זען, האָט דאָס געזאָגט ר׳ שמעון בן מנסיה. דערפון, וואָס קיינער איז ניט געווען קעגן דעם, איז צו זען, אַז דאָס איז געווען די מיינונג פון די פּרושים. דאָס איז, אַלזאָ, געווען די מיינונג פון יעזוס׳עס רביים. ער האָט עס געהערט פון זיי.

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונזער ענין, ווי אַזוי די תנאים האָבן אויסגעטייטשט די תורה. וואָס מער מיר באַקענען זיך מיט זיי, זעען מיר זייערע ליבעראַלע טייטשן אויף שריט און טריט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווען די תורה וואָלט געווען איין שטיק, וואָס מען קאָן ניט ענדערן, וואָלטן מיר קיין שום קיום ניט געהאַט („אולי נתנה תורה חתיכה, לא היה לרגל עמידה״, ירושלמי סנהדרין פ״ט). זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז די תורה איז געגליכן צו אַ פלאַנץ (התורה נמשלה לנטיעה). אַזוי ווי אַ פלאַנץ מערט זיך און פרוכפּערט זיך, אַזוי איז אויך מיט די ווערטער פון דער תורה (מה נטיעה פרה ורבה, אף דברי תורה כן). דאָס מיינט, אַז תורה איז ניט אַ זאַך וואָס איז ניט באַוועגלעך, סטאַטיש, נאָר פאַרקערט, אַן ענין וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. עס איז דינאַמיש און עס קומען דעריבער פאַר כסדר ענדערונגען ווי אין אַ פלאַנץ, וואָס אַ טייל בלעטער קומען צו און אַנדערע פאַלן אַראָפּ.

אין דעם גייסט האָבן אונזערע חכמים געטייטשט ניט נאָר פּסוקים, נאָר אויך גאַנצע פּרשיות פון דער תורה.

לאָמיר זען ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געטאָן.

* * *

מיר וועלן נעמען צום ערשטן דעם ענין פון „בן סורר ומורה״. דאָס איז אַ גאַנצע פּרשה אין דברים (כ״א—י״ח). בקיצור שטייט דאָרטן אַזוי: אויב ביי עמעצן אין הויז וועט זיין אַ זון, וואָס וועט ווידערשפּעניקן די עלטערן און זיי האָבן אים באַשטראָפט דערפאַר און עס העלפט ניט, זאָלן זיי, די עלטערן, ברענגען דעם זון צו די עלטסטע פון שטאָט און זאָלן זאָגן צו זיי: „אונזער זון איז אַ ׳סורר ומורה׳, אַ פאַרדרייער פון אונזערע ווערטער און אַ ווידערשפּעניקער קעגן אונז, ער פאָלגט אונז ניט. ער איז אויך אַ ׳זולל וסובא׳ (אַ פרעסער און אַ זויפער)״. דעמאָלט זאָלן די זקנים אים פאַר׳משפּט׳ן צום טויט דורך פאַרשטיינען, און די גאַנצע שטאָט זאָל אים פאַרשטיינען מיט שטיינער ביז ער וועט שטאַרבן.

דאָס איז זייער אַ שווערע פּרשה, ווייל עס איז ניט קלאָר ווען אַזאַ זון הייסט אַ „סורר ומורה״? מיט וואָס הייסט ער אַ פאַרדרייער און אַ ווידערשפּעניקער? און וואָס מיינט אַ פרעסער און אַ זויפער? וויפיל דאַרף ער עסן, אַז ער זאָל הייסן אַ פרעסער, און וויפיל טרינקען, אַז ער זאָל הייסן אַ זויפער? דאָס אַלץ דאַרף מען דערקלערן.

האָבן די תנאים גענומען טייטשן די פּסוקים, כדי קלאָר צו מאַכן דעם

ענין, אַז עס זאָל זיין אַ באַוואָרעניש, אַז מען זאָל ניט באַגיין אַמאָל אַ מאָרד קעגן דעם ווילן פון דער תורה, און טאַקע אויך, אַז דער געזעץ זאָל זיין צוגעפּאַסט צום לעבן. האָט מען געטייטשט, לויט די באַגריפן פון יענער צייט, אַז אַ פּרעסער הייסט איינער וואָס האָט אויפגעגעסן צוויי פונט פלייש מיטאַמאָל, און אַ זויפער הייסט איינער וואָס האָט אויסגעטרונקען מיטאַמאָל אַ קוואָרט וויין. אָבער דאָס האָט אַלץ ניט באַרואיקט אונזערע חכמים און איינער האָט זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— נו, אויב אַ אינגל עסט־אויף מיטאַמאָל צוויי פונט פלייש און טרינקט אויס מיטאַמאָל אַ גאַנצע קוואָרט וויין, קומט אים דערפאַר טויט־שטראָף?

האָבן די חכמים ווייטער געטייטשט די פסוקים און געשאַפן איין באַוואָרעניש נאָך דער אַנדערער, ביז נאָך 26 באַוואָרענישן האָט מען געשאַפן אַ 27טע, די סאַמע לעצטע, וועלכע האָט געמאַכט די גאַנצע זאַך פאַר אוממעגלעך. דער לעצטער טייטש איז געווען אויפן פסוק „איננו שומע בקולנו", די עלטערן דאַרפן זאָגן, אַז דאָס אינגל הערט זיך ניט־צו צו זייער קול. לויט גראַמאַטיק האָט געדאַרפט זיין אין וואָרט „בקולנו" אַ „יוד" נאָך דער „למד" („בקולינו"), וואָס עס זאָל מיינען אַ לשון רבים, וויילביידע עלטערן דאַרפן דאָס זאָגן, איז עס דאָך מערצאָל. עס שטייט אָבער געשריבן בלשון יחיד „בקולנו", וואָס עס מיינט, נאָר איין קול. איז דערפון געדרונגען, אַז דאָס קול פון ביידע עלטערן דאַרף זיין ווי איין קול. דאָס הייסט, אַז זייערע שטימען, די שטימע פון טאַטן מיט דער מאַמען, דאַרפן זיין גלייך. שפּעטער האָבן די חכמים געלערנט פּשט, אַז ניט נאָר דאַרפן די שטימען פון ביידע עלטערן זיין גלייך, נאָר אַז זיי דאַרפן אויך אויסזען גלייך, סיי אין זייערע געזיכטער און אויך אין דער וואוקס.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך. אָבער אַזוי אַרום האָבן זיי געמאַכט, אַז דעם געזעץ פון „בן סורר ומורה" זאָל מען ניט קאָנען אויספירן אין לעבן. דערפאַר האָבן די חכמים געזאָגט „בן סורר ומורה לא היה ולא עתיד להיות" (סנהדרין ע"א).

איצט וועלן מיר נעמען אַ צווייטע שטעלע פון חומש, די פּרשה פון „עיר הנדחת". דאָס איז אויך אַ שווערע פּרשה, וואָס געפינט זיך אין דברים (י"ג). אין קורצן ווערט דאָרטן געזאָגט אַזוי: אויב עס וועט אויפשטיין ערגעץ־וואו אין אַ שטאָט אַ פאַלשער נביא, וואָס וועט פּרעדיקן אָפּצוטרעטן פון גאָטס לערע, און עס וועלן זיך געפינען עטלעכע, וואָס וועלן צושטיין צו אים, דאַרף מען פאַרניכטן די גאַנצע שטאָט אויפן פייער און פאַרברענען אַלץ, די מענטשן, די בהמות און אַלע הייזער, אַלצדינג.

איז דאָס אַ שווערע זאַך צו פאַרשטיין, וואָרים אויב עטלעכע מענטשן פון דער שטאָט האָבן געזינדיקט, וואָס זיינען שולדיק די וואָס האָבן ניט געזינדיקט? און פאַרוואָס דאַרף מען אומברענגען די בהמות? וואָס זיינען

זיי שולדיק? און פאַרוואָס דאַרף מען פאַרברענען די גאַנצע שטאָט? מיט וואָס האָבן די הייזער זיך פאַרזינדיקט?

האָבן די חכמים גענומען טייטשן די פסוקים און געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער געבאָט צו פאַרברענען אַלץ מיינט דאָך אַפילו ספר־תורה׳ס אויך, מזוזות אויך און תפילין אויך — עס שטייט דאָך, אַז מען זאָל פאַרברענען אַלץ („ושרפת באש את העיר ואת כל שללה״) — אָבער ספר־תורה׳ס טאָר מען ניט פאַרברענען. תפילין און מזוזות אויך ניט. איז דאָך שוין ניט אַלץ. איז אַזוי ווי עס איז ניט אַלץ, קאָנען אַנדערע זאַכן אויך ניט פאַרברענט ווערן. מיינט דאָס, אַז מען דאַרף גאָרניט פאַרברענען, און אויב מען דאַרף גאָרניט פאַרברענען, מיינט דאָס, אַז מען דאַרף משפט׳ן בלויז די שולדיקע, אָבער ניט די אומשולדיקע. אַזוי אַרום איז אויך דער ענין פון „עיר הנדחת״ געוואָרן אַן אוממעגלעכע זאַך.

ענלעכעס האָבן די חכמים אויך געטאָן מיטן ענין פון „נגעים״. דאָס איז אויך אַ פרשה אין ויקרא (י״ד ל״ג—נ״ח), וואו עס שטייט, אַז אויב עס וועט זיך באַווייזן אַ פלעק אין אַ וואַנט, זאָל מען רופן דעם כהן, וועלכער זאָל אויספאָרשן די זאַך. פריער זאָל ער פאַרשליסן דאָס הויז פאַר זיבן טעג און אויב דער פלעק וועט זיך דערנאָך פאַרגרעסערן, זאָל מען איינ־וואַרפן די וואַנט, וואו דער פלעק איז, מען זאָל אַוועקראַמען די שטיינער און איינמויערן אַנדערע שטיינער, און אויב עס וועט זיך ווידער באַווייזן דער פלעק, דאַרף מען דאָס גאַנצע הויז אומוואַרפן, און אַלע, וואָס זיינען געוועזן אין הויז, זאָלן זיין טמא אַ טאָג א. אַ. וו.

די גאַנצע פרשה איז אומפאַרשטענדלעך און האָט געדאַרפט אַן אויס־טייטשונג און די חכמים האָבן זי אויסגעטייטשט אויפן שטייגער, ווי די פריער־דערמאָנטע צוויי פרשיות, אין דעם זעלבן ליבעראַלן זין און די גאַנצע זאַך בטל געמאַכט.

אָט־דאָס איז געוועזן דער גרויסער כח פון די תנאים. זיי האָבן אויף זיך גענומען די אויטאָריטעט אויסצוטייטשן די תורה אַזוי, אַז זי זאָל זיין צוגעפּאַסט צום לעבן. זיי האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן קיין שום טרוקענע דאָגמאַס, נאָר זיי זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז אַלץ זאָל זיין אין די גרענעצן פון פאַרשטאַנד.

אָבער נאָך עפּעס ווערן מיר געוואויר אין תלמוד, און דאָס איז, אַז אין געוויסע צייטן, ווען די חכמים האָבן געזען, אַז עס איז אַ נויטווענדיקייט, האָבן זיי געמאַכט ענדערונגען, אַפילו אָן טייטשונגען, בלויז דערפאַר ווייל די צייט איז געוואָרן אַנדערש. מיר זעען דאָס פון אַ שטעלע אין דער משנה (סוטה מ״ט, ע״א), וואו עס ווערט געזאָגט: „משרבו הרצחנין, בטלה עגלה ערופה״, ווען עס האָבן זיך גענומען מערן די מערדער, האָט מען אָפּגעשאַפט דעם גאַנצן ענין פון „עגלה ערופה״, וואָס עס ווערט געזאָגט אין דער תורה. דאָ האַנדלט זיך אויך וועגן אַ קאַפּיטל אין דברים (כ״א), וואו עס ווערט

געזאָגט בקיצור אַזוי: אויב מען געפינט אַ גע׳הרג׳עטן אין פעלד, דאַרפן די זקנים אַרויסגיין און אויסמעסטן דעם פּלאַץ צו זען, צו וועלכער שטאָט דער הרוג איז נאָענט. דערנאָך דאַרפן די זקנים פון דער נאָענטסטער שטאָט אַרויסגיין צוזאַמען מיט די כהנים און ברענגען אַ קאַלב פאַר אַ קרבן, און די זקנים פון דער נאָענטסטער שטאָט זאָלן זיך וואַשן די הענט אין טייך און זאָגן: „אונזערע הענט האָבן אָט דאָס בלוט ניט פאַרגאָסן״. דער דאָזיקער ענין, וואָס הייסט „עגלה ערופה״, האָט פילע דינים און אויסטייטשונגען, אָבער ווען אונזערע חכמים האָבן געזען, אַז עס קומען פאַר פילע מאָרדן, האָבן זיי אָפּגעשאַפט די גאַנצע זאַך, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער ענין איז געזאָגט געוואָרן נאָר צו מאַכן מאָרד פון אַ מענטשן אַ זעלטנהייט ביי אידן. דעריבער, ווען עס טרעפט אַ מאָרד, זאָל זיין אַ גאַנצע צערעמאָניע וועגן דעם. אָבער ווען מאָרדן זיינען געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג, איז די גאַנצע זאַך איבעריק.

אַ צווייטע זאַך, ביי וועלכער אונזערע חכמים האָבן אויך אַזוי גע־האַנדלט און אָפּגעשאַפט אַ געזעץ אָן שום טייטשונגען, איז דער ענין פון אַ סוטה. דאָס איז אויך אַ גאַנצע פּרשה אין דער תורה. עס שטייט אין במדבר (ה׳ י״ב—ל״א), אַז אויב אַ מאַן איז חושד זיין ווייב, אַז זי האָט געלעבט מיט אַן אַנדערן, זאָל ער זי ברענגען צום כהן, און נאָכדעם ווי דער כהן וועט ברענגען אַ קרבן זאָל ער אַריינטאָן אין אַ כלי ערד, פון דער ערד פון משכן (אָדער בית־המקדש) און אַריינטאָן דאָרטן אויך הייליק וואַסער; ער זאָל אויפדעקן די האָר פון דער פרויס קאָפּ און איר באַשווערן מיט אַ שבועה, צו זאָגן דעם אמת און אויפשרייבן אַלץ אויף אַ פּאַפּיר און דערנאָך עס אָפּמעקן אין וואַסער. די פרוי דאַרף זאָגן „אמן״ נאָך זיינע רייד און דערנאָך זאָל ער איר געבן צו טרינקען פון דעם וואַסער (מים המאררים). אויב זי איז אומשולדיק, וועט עס איר ניט שאַדן. אויב ניט, וועט ביי איר געשוואָלן ווערן דער בויך.

וועגן דעם ענין סוטה איז דאָ ביי אונז אַ גאַנצע „מסכת״ אין תלמוד, וואָס באַשטייט פון ניין פּרקים און אַנטהאַלט „מ״ט דפים״. אָבער ר׳ יוחנן בן זכאי האָט דעם גאַנצן ענין „סוטה״ אין זיין צייט אָפּגעשאַפט, ווי מיר זעען עס פון דער משנה (סוטה מ״ט) „משרבו המנאפים פסקו המים המאררים ור׳ יוחנן בן זכאי הפסיקן״ (ווען עס האָבן זיך געמערט די געשלעכטלעכע זינדיקער, האָט ר׳ יוחנן בן זכאי אָפּגעשאַפט דעם גאַנצן ענין פון סוטה, צו געבן אַזאַ פרוי צו טרינקען פון „מים המאררים״. מיר האָבן שוין דאָס דער־קלערט אויספירלעך פריער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן ר׳ יוחנן בן זכאי).

גאָר פון אַ באַזונדערן אינטערעס אָבער איז דער אופן, ווי אַזוי אונזערע חכמים האָבן אויסגעטייטשט דעם ענין פון שבת אין אַ העכסט ליבעראַלן זין. אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

12.

די ליבעראַלע געזעצן וועגן שבת

נאָך דער אידייע פון מאָנאָטעאיזם, קומט די אידייע פון שבת. — שבת איז מער ווי אַ רו־טאָג נאָך זעקס טעג פון אַרבעט. — ווי אַזוי די חכמים האָבן אויסגע־טייטשט די געזעצן פון שבת. — די באַדייטונג פון די ווערטער „זכור" און „שמור".

די אינסטיטוציע פון שבת איז נאָכן מאָנאָטעאיזם, ד. ה. דאָס אויסרופן גאָטס נאָמען איבער דער וועלט אַלס איין־און־איינציקן גאָט, די צווייטע גרעסטע דערגרייכונג פון אידישן געניוס. עס איז געווען, אין יענער צייט, דאָס ערשטע מאָל, ווען אין אַ וועלט פון שקלאַפעריי און געצוואונגענער אַרבעט האָט אָפגעהילכט דאָס קול פון דעם גרויסן געזעצגעבער משה רבינו אין נאָמען פון גאָט: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אין זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען. עס איז שבת!"

מעגן זיך די אַנטיסעמיטישע ביבל־קריטיקער שטעלן אויפן קאָפּ צו ווען באַווייזן — ווי זיי טוען עס ביי אַלע גרויסע אויפטואונגען פון די אידן — אַז שבת איז ניט קיין אָריגינעלע שאַפונג פון די אידן, ווייל אין אַלטן בבל איז שוין געווען אַ טאָג, וואָס האָט געהייסן „שאַבאַטום" (עס איז יעדנפאַלס ניט געווען אַ טאָג פון רו, נאָר אַ שלעכטער טאָג, אַ טאָג פון טרויער), דאָס האָט צו אונזער שבת קיין שום שייכות ניט. שבת איז אינגאַנצן אַ אידישע זאַך.

שבת האָט אַ דאָפּלטע באַדייטונג: עס איז אַ טאָג פון רו, נאָך זעקס טעג פון אַרבעט, פון קערפּערלעכער רו, אָבער אַ חוץ דעם אויך אַ גייסטי־קער רו־טאָג, אַ טאָג פון מנוחת הנפש, פון דערהויבונג, פון הייליקייט.

וועגן שבת ווערט אונז אָנגעזאָגט פיל מאָל אין דער תורה און אין די נביאים, אָבער דריי שטעלן זיינען די סאַמע וויכטיקסטע: דאָס איז די שטעלע פון „בראשית" (פ' ב', א—ג); דערנאָך אין די „עשרת הדברות", אין „שמות" (כ', ח—י"א), און שפּעטער אין „דברים" (ה', ב—ט"ז). אין „בראשית" ווערט בלויז געזאָגט, אַז גאָט האָט געענדיקט זיין אַרבעט אין זעקס טעג און גערוט אין זיבעטן טאָג און „גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און אים געהייליקט". דאָרטן שטייט ניט, אַז מיר זאָלן אויך אַזוי טאָן, אַרבעטן זעקס טעג און דערנאָך רוען אַ טאָג. עס ווערט בלויז דערציילט דאָס, וואָס גאָט האָט געטאָן.

אין „שמות" ווערט שוין אונז געגעבן דער געבאָט פון שבת. עס איז דער פערטער געבאָט פון די צען געבאָט (עשרת הדברות). דאָרטן ווערט שוין געזאָגט, אַז מען זאָל אַרבעטן זעקס טעג און רוען אין דעם זיבעטן טאָג, ווייל עס איז שבת. און עס ווערט אָנגעגעבן אַלס מאָטיוו דאָס, וואָס גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג און גערוט אין זיבעטן.

אין „דברים" ווערט איבערגע׳חזר׳ט אין די „עשרת הדברות" דער געבאָט פון שבת אויך אַלס דער פערטער געבאָט, אָבער דאָרטן ווערט אָנגעגעבן אַלס מאָטיוו דאָס, וואָס „דו ביסט געווען אַ קנעכט אין מצרים און גאָט האָט דיר פון דאָרטן אַרויסגענומען מיט דער שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטער אָרעם, צוליב דעם האָט גאָט דיר געבאָטן, אַז דו זאָלסט אָפּהיטן דעם טאָג פון שבת".

האָבן מיר אַלזאָ צוויי מאָטיוון, אָבער זיי זיינען זיך ניט סותר, ווייל ביידע זיינען אויסן איין זאַך, גייסטיקע און פיזישע רו אין שבת. דער מאָטיוו פון „שמות" רעדט וועגן גייסטיקער רו. גאָט האָט דעם טאָג גע־בענטשט און געהייליקט. דעריבער זאָל דער טאָג זיין פאַר דיר הייליק. אין צווייטן מאָטיוו רעדט זיך וועגן יציאת מצרים, וועגן פיזישער רו, ווייל אין מצרים ביזטו געווען אַ שקלאַף, און גאָט האָט דיך פון דאָרטן באַפרייט.

דערפאַר האָבן די חכמים געזאָגט, אַז „זכור ושמור" זיינען געזאָגט געוואָרן אין איין אָטעם. דאָס מיינט: דער געבאָט וועגן שבת אין „שמות" הויבט זיך אָן מיטן וואָרט „זכור" (געדענק), און דער געבאָט וועגן שבת אין „דברים" הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „שמור". די צוויי ווערטער „זכור" און „שמור" זיינען ביידע אויסן איין זאַך. עס איז איין שטרעבונג שבת זאָל זיין אַ טאָג סיי פון פיזישער רו און סיי פון גייסטיקער דערהויבונג.

* * *

אונזערע חכמים האָבן געמאַכט פון שבת די קרוין פון אַלע מצוות. זיי האָבן זיך אַזוי באַגייסטערט פאַר דער הייליקייט פון שבת, זיי האָבן דעם טאָג אַזוי עקזאַלטירט, אַז שבת איז געוואָרן ביי זיי דער הויפּט־זייל פון אידישקייט. זיי האָבן דעם טאָג באַזונגען און האָבן אים פּערזאָניפיצירט אַלס קעניגין, אַלס „שבת מלכתא". די חכמים זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט אין זייער באַגייסטערונג פאַר שבת, אַז זיי האָבן געזאָגט, אַז ווער עס היט אָפּ שבת ווי עס דאַרף צו זיין, אַפילו ווען ער דינט צו דער עבודה זרה, איז מען עס אים אויך מוחל (שבת קי"ח). דאָס, פאַרשטייט זיך, איז אַ גוזמא, אָבער עס ווייזט אויף זייער הויכער מיינונג וועגן שבת אַלס רו־טאָג פאַר די אידן און פאַר דער מענטשהייט. עס הייסט, אַז אַפילו איינער וואָס דינט דער עבודה זרה און היט אָפּ שבת, איז שוין גרויס דערמיט אַליין.

ווייטער געפינען מיר, אַז דער נביא ישעיה זאָגט אין איינער פון זיינע נביאות: „וקראת לשבת עונג" (ישעיה נ"ח), דו זאָלסט האַלטן שבת פאַר אַ טאָג פון פאַרגעניגן. דעריבער האָבן די חכמים געזאָגט, אַז „לא ניתנה שבת

אלא לתענוג״, שבת איז נאָר פאַר פאַרגעניגן וועגן, און דעריבער איז דער, וואָס איז זיך משמח אין שבת, זוכה אַז מען גיט אים נאָך אַלץ וואָס זיין האַרץ פאַרלאַנגט (כל המענג את השבת נותנין לו כל משאלות לבו — שבת קי״ח).

אין דעם ליכט געזען, האָבן די חכמים אויפגעפּאַסט די געזעצן וועגן שבת אין אַ ליבעראַלן גייסט.

ווי אַזוי? אָט־דאָס וועלן מיר באַלד זען. לאָמיר אָנהויבן פון דעם פסוק אין דער תורה „אל יצא איש ממקומו ביום השביעי״ (שמות ט״ז) (אַ מענטש זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין אָרט אין זיבעטן טאָג). וואָס מיינט עס? לויטן טייטש פון די ווערטער דאַרף עס הייסן, אַז דאָרטן וואו מען איז געווען, ווען עס איז געוואָרן שבת, דאָרטן דאַרף מען בלייבן אַ גאַנצן טאָג, און קיינער טאָר ניט אַרויסגיין פון זיין אָרט דעם גאַנצן טאָג. אָבער ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? וואָס פאַר אַ רו־טאָג וועט עס זיין? און וואָס פאַר אַ תענוג?

זיינען געקומען די חכמים און האָבן גענומען טייטשן וואָס עס מיינט „ממקומו״ — פון זיין אָרט. דער ערשטער טייטש איז געווען — זיינע פיר איילן. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל מוזן פאַרברענגען בלויז אין אַ שטח פון פיר איילן, אַ גאַנצן טאָג? איז געקומען אַ צווייטער און האָט געטייטשט, אַז „ממקומו״ מיינט זיין הויז, אַז מען זאָל ניט אַרויס־גיין פון הויז. האָט אַן אַנדערער געזאָגט, אַז „ממקומו״ מיינט „חצרו״, זיין הויף. האָט אַ פערטער געטייטשט, אַז „ממקומו״ מיינט „עירו״, זיין שטאָט. שפּעטער האָט מען צוגעגעבן, אַז מען קען גיין „אלפים אמות לרוח אחד״ (2000 איילן אויסער דער שטאָט אין איין ריכטונג); נאָך שפּעטער איז עס געוואָרן „אלפים אמות לכל רוח״ (2000 איילן אין יעדער ריכטונג), ביז מען האָט געשאַפן דעם „עירוב תחומין״, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט צו גיין 2000 איילן נאָך די 2000 איילן, וואָס זיינען שוין דערלויבט.

די חכמים האָבן אויך געדאַרפט באַשטימען וועלכע מלאכות מען טאָר ניט טאָן אין שבת, ווייל אין פסוק שטייט בלויז „ולא תעשה בו מלאכה״ (דו זאָלסט ניט טאָן אין אים קיין אַרבעט), אָבער וואָסער אַרבעט מען זאָל ניט טאָן, דאָס שטייט ניט. האָבן זיי געזאָגט, אַז אַזוי ווי ביים בויען דעם משכן שטייט אויך דאָס וואָרט „מלאכה״, מיינט מען אַלזאָ די אַרבעטן וואָס זיינען געטאָן געוואָרן ביים משכן. האָט מען אויסגערעכנט, אַז ביים משכן זיינען געווען 39 מלאכות, הייסט עס אַלזאָ, אַז 39 מלאכות טאָן מען אום שבת ניט טאָן. אָבער דערביי האָבן זיך די חכמים צוגעגעבן פאָלגנדע ליבעראַלע דערקלערונגען:

א) אַז באַשטראָפט דאַרף ווערן נאָר איינער, וואָס טוט אַ גאַנצע מלאכה, אָבער ניט אַ האַלבע. דעריבער, אויב איינער טוט אַ האַלבע אַרבעט, איז

ער פטור. לאָמיר זאָגן, איינער הויבט אויף אַ פּאַק, כדי צו טראָגן אים ערגעץ־וואו, דאַרפן דערביי זיין צוויי טאָטן: איינע, דאָס אויפהויבן דעם פּאַק פון אָרט און די צווייטע — דאָס אַראָפּלאָזן אים אויפן אַנדערן אָרט. אָבער אויב מען לאָזט אים ניט אַראָפּ אויפן אַנדערן אָרט, איז עס אַ האַלבע מלאכה (עס דאַרף זיין לויטן דין אַן „עקירה והנחה").

ב) די מלאכה וואָס מען טוט, דאַרף זיין אַזאַ, וואָס מען זאָל זי טאָן פאַרן צוועק פון דער מלאכה גופא, אָבער ניט צוליב עפּעס אַנדערש. למשל, גראָבן אַ גרוב, כדי צו האָבן נוצן פון אַ גרוב, איז אַ מלאכה, אָבער ווען איינער גראָבט אַ גרוב ניט ווייל ער דאַרף דעם גרוב, נאָר די ערד וואָס מען נעמט אַרויס פון גרוב, איז ער פטור (שבת ע"ג).

ג) אויב ער טוט די מלאכה דורך אַ שינוי, אַן ענדערונג, דאָס הייסט, אַנדערש ווי מען טוט עס געוויינלעך, איז ער פטור. למשל, ווען מען טראָגט אַ משא אויפן קאָפּ, ווייל אַזוי טראָגט מען ניט (שבת צ"ב).

ד) אויב ער האָט ניט געוואָלט טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, איז ער פטור. צום ביישפּיל, אויב ער האָט געוואָלט אָפּשניידן אַ געוויסע גרינצייג פון דער ערד און האָט אָפּגעשניטן אַן אַנדער גרינצייג (שבת ע"ב).

ה) אַז מען טוט אַ צעשטערונגס־אַרבעט איז מען פטור. אויב די אַרבעט איז בלויז פאַרניכטונג, ווי למשל, צערייסן אַ מלבוש, ניט פאַרן צוועק, כדי שפּעטער עס איבערצומאַכן, נאָר בלויז אויף צערייסן אַליין, אָדער יעדע אַנדערע פאָרם פון אַרבעט וואָס מען האָט גאָרניט פון איר (סמ"ג פ' י"ב).

מיר האָבן בכיוון געבראַכט די פּונקטן, כדי צו ווייזן, אַז אונזערע חכמים האָבן שטענדיק נאָכגעזוכט ביי יעדן פאַרבאָט, אַז ער זאָל זיין שכל'דיק און ניט סתם אַ דאָגמאַ. ווי מיר האָבן שוין געזען, זיינען ביי מלאכות פאַראַן פיל פאַלן, ווען עס איז בכלל ניט אין גדר פון אַרבעט. דעריבער, אויב מען זאָל פאַרבאָטן אַלץ, וועט עס זיין אַ פאַרבאָט אָן שכל. אונזערע חכמים האָבן אָבער שטענדיק געזוכט די שכל'דיקע זייטן פון געבאָט און פאַרוואָרפן די ניט־שכל'דיקע.

אין דעם זין האָבן די חכמים אויך געזאָגט, אַז „פּקוח נפש דוחה שבת", ווען אַ מענטש ווערט קראַנק, מעג מען מחלל שבת זיין, כדי אים צו ראַטעווען, און ניט נאָר מעג מען, נאָר מען מוז, ווייל שבת איז געשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש און ניט דער מענטש פאַרן שבת. און קראַנק זיין מיינט אַפילו אַ פאַרקילונג.

און דערפאַר האָבן זיי גע'פּסקנ'ט, אַז אין צייט פון מלחמה מעג מען קעמפן קעגן שונא אין שבת, ווייל עס שטייט אין פּסוק „עד רדתה", ווען דו פירסט אַ מלחמה, זאָלסטו קעמפן מיטן שונא ביז צו פאַרניכטונג. האָבן זיי געטייטשט, אַפילו צו קעמפן אין שבת.

אָט־דאָס איז געווען דער ליבעראַלער גייסט פון אונזערע חכמים ביי אַלע זייערע געבאָטן. דער קלאָרער שכל איז געווען זייער וועג־ווייזער

צו זאָגן וואָס עס איז יאָ גוט פאַרן מענטש און וואָס ניט, און אין דעם זין האָבן זיי אויפגעבויט דעם בנין פון אידנטום.

* * *

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט פריער, איז שבת ביי אונז ניט נאָר אַ טאָג פון רו, נאָר פיל מער. ער איז ניט גלייך צום זונטיק־רו פון די קריסטן און צום פרייטיק־רו פון די מאַכמעדאַנער, אָדער צו די רו־טעג נאָך זעקס טעג פון אַרבעט, וואָס אַן אַרבעטער קריגט אין מיטן דער וואָך. ניין, שבת איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז אַ טאָג, וואָס קיין פאָלק האָט ניט, נאָר בלויז מיר, אידן. און דאָס מיינט — די הייליקייט פון שבת. עס איז דאָס, וואָס עס שטייט ביי שבת „ויקדש אותו״ (און גאָט האָט דעם טאָג געהייליקט), און אַזוי אויך דער „זכור את יום השבת לקדשו״ (געדענק דעם טאָג פון שבת צו הייליקן אים). דאָס מיינט ניט בלויז די פיזישע רו, נאָר פיל, פיל מער. עס מיינט די גייסטיקע רו. עס מיינט, אַז אין טאָג פון שבת, ווען גאָט האָט גערוט נאָך דער יצירה, זאָלן מיר אין גאַנצן רוען פון אונזער הו־האַ און זיך אויפהויבן איבער אַלעם אין לעבן, אין אַ העכערער וועלט. עס זאָל זיין אַ טאָג, וואָס זאָל האָבן גרויסע גייסטיקע השפּעה אויף די זעקס טעג פון אַרבעט, אַ טאָג פון עקסטאַז און באַגייסטערונג.

דעריבער האָבן די חכמים גע׳פּסק׳נט, אַז אויב איינער איז אין וועג און ווייסט ניט ווען עס איז שבת, זאָל ער אָפּציילן זעקס טעג און רוען אין זיבעטן. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַזוי ווי די מנוחת הנפש פון שבת קאָן ער שוין ניט האָבן, ווייל ער ווייסט דאָך ניט ווען עס איז שבת, זאָל ער כאָטש האָבן דעם מנוחת הגוף, רוען אַ טאָג און דאָס מאַכט ניט אויס ווען דער טאָג איז.

אַזוי אַרום איז אידנטום געוואָרן גאָר אַן אַנדער זאַך ווי אַ רעליגיע. עס איז אַ לערע, אַ וועלט־לערע, און דערפאַר הייסט דאָס בוך וואָס משה האָט אונז געגעבן — „ספר תורה״, אַ בוך פון לערע.

.13

די אידעאָלאָגיעס פון די דריי פּאַרטייען

I

די „פּרושים" אַלס העכסט-עטישע מענטשן

פּאַרוואָס די קריסטלעכע וועלט האָט זיי באַשמוצט. — ווי אַזוי די נייע קריסטלעכע געלערנטע האָבן צוריק־געשטעלט דעם גוטן נאָמען פון די „פּאַריסייער". — די ליבעראַלע טייטשן פון אונזערע חכמים.

עס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אַלטע דאָקומענטן זאָלן דאַרפן האָבן אַ פּירוש. שריפטן פון אַמאָל זיינען ניט אָפט פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם, ווייל די צייט לייגט אַרויף איר חותם אויף אַלעם און איבער־הויפּט אויף שריפט. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז מיטן גאַנג פון דער צייט, פעלט אונז עפּעס צו קאָנען פאַרשטיין געוויסע זאַכן פונעם „אַמאָל", וואָס עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער שריפט.

דאָס איז אמת בנוגע יעדער שריפט, אָבער נאָך מער בנוגע געזעצ־געבערישע דאָקומענטן. אַזעלכע שאַפונגען ווערן געשריבן בדרך כלל אין אַ געוויסער צייט, און זיי קענען ניט, פאַר קיין פאַל, כולל זיין אין זיך די ענדערונגען וואָס וועלן פאָרקומען אין לעבן אין שפּעטערדיקע דורות.

דאָס איז אמת בנוגע אַלע רעליגיעס פון דער וועלט, וואָס האָבן אין זיך געזעצגעבערישע עלעמענטן און באַזונדערס בנוגע אַלע קאָנסטיטוציעס פון די פעלקער, אָנהויבנדיק פון דער „מאַגנאַ קאַרטאַ", וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן פון קעניג דזשאָן פון ענגלאַנד אין יאָר 1215, ביז צו דער אינגסטער קאָנסטיטוציע פון וועלכן ניי־געבוירן לאַנד. אַלע דאַרפן זיי, אָדער וועלן דאַרפן, שפּעטער פּירושים און אויסטייטשונגען.

ביי אונז, אין אַמעריקע, האָבן אונזערע פאָטערס, די שאַפער פון דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד, דאָס פאַרגעזען און גלייכצייטיק מיט די אַנדערע צוויי טיילן פון דער רעגירונג, געשאַפן אויך דעם סופרים קאָורט, אַלס אַ שטענדיקע אינסטיטוציע אויף אויסצוטייטשן די קאָנסטיטוציע און ברענגען איר אין קאָנטאַקט מיטן לעבן. דאָס איז די אַרבעט וואָס עס טוען די ניין ריכטער פון העכסטן געריכט פון אונזער מדינה.

אויך אונזער תורה, ווי אַלע קאָנסטיטוציעס, האָט זיך געניטיקט אין אויסטייטשער און אויטאָריטעטן, וואָס זאָלן זאָגן דעם פאָלק וואָס זי, די תורה,

האָט געמיינט אין אירע קורצע זאַצן און אין אירע גענעראַליזמען. אַ סך פון די געבאָטן דאַרפן האָבן אַ טייטש אום צו פאַרשטיין דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט אין זיי. אַנדערע ווידער זיינען אונז געזאָגט געוואָרן צוויי אָדער גאָר דריי מאָל און יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער מאָטיוו; נאָך אַנדערע קלינגען מאָדנע, ווי אַ זאַך פון אַמאָליקע צייטן.

דאָס אַלץ פאָדערט אויפקלערונג און פון מענטשן, וואָס ווייסן ווי און וואָס און פון אַזעלכע וואָס זייער מיינונג קאָן אָנגענומען ווערן ביים פאָלק. אָט־די אַרבעט האָבן געטאָן די תנאים, וועלכע האָבן געלעבט אין דער צייט פון סוף פון צווייטן בית־המקדש און אויך שפּעטער. די תנאים זיינען געווען פאַקטיש די יעניקע, וועלכע האָבן אויסגעבויט דעם בנין פון אידנטום; זיי האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט, אויפגעשטעלט די ווענט, אַריינגעשטעלט די פענסטער און אויך איינגעאָרדנט די טירן. דאָס איז געווען יענע גרויסע און הערלעכע עפּאָכע אין אידישן לעבן, ווען עס האָבן געלעבט און געווירקט אַזעלכע ריזן ווי הלל און שמאי, ר׳ גמליאל הזקן און זיין ר׳ שמעון, ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ עקיבא, ר׳ מאיר און ר׳ יהודה הנשיא, צו דערמאָנען נאָר אייניקע, וועלכע מיר האָבן פריער געשילדערט. אָט־די עפּאָכע איז געווען, נאָך דער פון די נביאים, די סאַמע הערלעכסטע אין לעבן פון אידישן פאָלק. אַן עפּאָכע פון העכסט־עטישע מענטשן, פון טיפע דענקער און ליבעראַלן.

יאָ, ליבעראַלן, וואָרים אויסטייטשער פון קאָנסטיטוציע טיילן זיך אויף צוויי קאַטעגאָריעס: אויף ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע. מיר, אין אַמעריקע, האָבן דאָס געזען ניט איין מאָל פאַר אונזערע אויגן. מיר האָבן געהאַט אַ „סופרים קאָורט״, וואָס זיין מערהייט איז באַשטאַנען פון ליבעראַלע ריכטער און זיי האָבן געגעבן די פּונקטן פון דער קאָנסטיטוציע וויטגייענדיקע ליבעראַלע אויסטייטשונגען. אַן אַנדערש מאָל, ווידער, איז די מערהייט געווען פון קאָנסערוואַטיווע, און דעמאָלט זיינען די אויסטייטשונגען געווען גאָר אַנדערש.

אָט־די תנאים, די פירער פון אידנטום אין יענער עפּאָכע, האָבן זיך גערופן (אָדער מען האָט זיי גערופן) „פרושים״. די פרושים האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע און זיינען געווען אַממערסטן באַליבט ביים פאָלק. וועגן די עטישע אייגנשאַפטן פון די „פרושים״ דערציילט אונז יאָזעפוס פאָלגנדעס: „די פרושים באַגנוגענען זיך מיט ווייניק, זיי ווילן ניט פירן קיין לוקסוס־לעבן, סיי אין עסן און סיי אין קליידונג! זיי יאָגן זיך ניט נאָך פאַרגעניגנס; זיי גייען מיטן וועג פון בעסערן פאַרשטאַנד און אַזוי פירן זיי זיך אויף אין לעבן. זיי זיינען זייער פלייסיק און טיילן צו כבוד אַן עלטערן מענטשן. זיי ווייסן ניט פון קיין שום גאווה און באַזיצן זייער פיל אַנדערע גוטע מידות. דערפאַר זיינען זיי אַזוי באַליבט ביים פאָלק״ (אַנטיקוויטעטן, קאַפּיטל 18).

איצט לאָמיר זען ווי אַזוי די קריסטלעכע וועלט האָט באַהאַנדלט אָט־די ערלעכע און נשמה־ריינע מענטשן. דאָס וואָרט „פּרושים" ווערט אויף ענגליש איבערזעצט „פאַריסייער". לאָמיר איצט נעמען וועבסטער׳ס ווערטער־בוך און מיר וועלן זען ווי ער טייטשט עס אויס. ער גיט אָן דריי טייטשן: 1. מאַכן אַן אָנשטעל וועגן רעליגיע אָדער מאָראַל אָן צו גלויבן אין דעם; 2. היפּאָקריט; 3. דענקענדיק וועגן זיך, אַז מען איז מער מאָראַליש ווי אַנדערע, וואָס עס איז געווען די טעאָריע און פּראַקטיק פון די „פאַריסייער".

אַזוי האָט די קריסטלעכע וועלט פאַרשוואַרצט דעם גוטן נאָמען פון די „פּרושים" און אָט דער באַגריף וועגן זיי האָט געלעבט אין דער קריסטלעכער וועלט ביז גאָר לעצטנס. די קריסטלעכע געלערנטע האָבן כסדר פאָרגעשטעלט די „פּרושים" פאַר דער וועלט, אַלס אוממאָראַלישע מענטשן, היפּאָקריטן, אָפּנאַרער און פאַרפירער.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס? פון נייעם טעסטאַמענט. דאָרטן רעדן זייערע אַפּאָסטאָלן אַזוי וועגן די פּרושים (כאָטש אָט־די אַפּאָסטאָלן האָבן די פּרושים פאַר די אויגן ניט געזען, ווייל זיי, די אַפּאָסטאָלן, זיינען געבוירן געוואָרן ערשט צווישן הונדערט ביז הונדערט און פופציק יאָר נאָך קריסטוס׳ן און זיינען דעריבער געווען ווייט פון די צווייטע תנאים מיט איבער הונ־דערט יאָר, און פון די ערשטע — נאָך מער).

אָט ווי אַזוי דער אַפּאָסטאָל מאַטיוס דערציילט וועגן דעם ווי יעזוס האָט גערעדט צו די פּרושים. ער געברויכט ניט קיין שום אַנדערן אויסדרוק, נאָר, „איר פּרושים, היפּאָקריטן", און אַזוי טוען אויך די אַנדערע אַפּאָסטאָלן. אָבער די גאַנצע זאַך איז שוא ושקר, ווייל עס איז אוממעגלעך, אַז יעזוס, אַ תלמיד פון די תנאים, זאָל האָבן אַזוי גערעדט צו זיינע רביים.

אַזוי האָט עס געדויערט פיל הונדערטער יאָר, ביז עס איז געקומען אַ גרויסער קריסטלעכער געלערנטער, דער גייסטלעכער טרייוואוס ר. הערפאָרד, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו דערגיין דעם אמת וועגן די פּרושים. ער האָט שטודירט דעם תלמוד אין אָריגינאַל און זיך דער־וואוסט פון דאָרטן דעם אמת׳ן אמת. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די פּרושים זיינען געווען העכסט־עטישע מענטשן, די שענסטע גייסטער פון יענער צייט און ער איז אַרויס מיט אַ בוך „די פאַריסייער" (אין יאָר 1912), וואו ער זאָגט דעם אמת וועגן די פּרושים, אַז זיי זיינען געווען העכסט־אידעאַלע מענטשן.

הערפאָרד זאָגט: „די פאַריסייער זיינען געווען גרויסע מענטשן, מענטשן מיט גרויסע נשמות, וועלכע האָבן געלעבט אַ העכער לעבן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר גאָט און געטאָן וואָס עס איז גוט און רעכט אין זיינע אויגן און זיינען געווען אַריינגעטאָן אין העכערע זאַכן"... „איך וויל", זאָגט ער ווייטער, „געבן מיינע לעזער אַ קלאָרע אידייע, ווער די „פאַריסייער"

זיינען געווען און פאַרוואָס זיי האָבן געקעמפט, כדי דער לעזער זאָל זען ווי ווייט זיי זיינען געווען פון דער באַצייכענונג „היפּאָקריטס".

דאָס בוך האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. מיט אַ צייט שפּעטער איז דער זעלבער מחבר אַרויס מיט אַ צווייטן בוך אונטערן נאָמען: „וואָס די וועלט איז שולדיק די פאַריסייער", וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די געדאַנקען וועגן די פאַריסייער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט פריער.

נאָך אים זיינען געקומען שוין פיל אַנדערע קריסטלעכע געלערנטע, ווי פּראָפ. דזש. פּ. מור אין זיין בוך „דזשודאַאיזם" (צוויי טיילן, 1924), וואו ער האָט דערקלערט צווישן אַנדערעס: „צו זאָגן, אַז די „פאַריסייער" זיינען געווען „היפּאָקריטן", איז אַ שאַנדע, ווייל זיי זיינען געווען הויך־אידעלע מענטשן, די גרויסע גייסטער פון יענער עפּאָכע און די שאַפער פון אידנטום".

אַזוי אַרום איז ביסלעכווייז שוין געוואָרן אָנגענומען איצט ביי די קריסטלעכע געלערנטע ניט צו רעדן מער וועגן די פּרושים אַלס היפּאָקריטן און שווינדלער, נאָר פאַרקערט, אַלס העכסט־אידעלע מענטשן.

* * *

איצט לאָמיר זען, ווי ליבעראַל די תנאים זיינען געווען, און ווי אויפריכטיק און פאַרשטענדלעך אין זייערע האַנדלונגען.

דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז זייער צוטריט צו דער תורה, זייער אויפפאַסונג פון אידנטום, אַז זי זאָל זיין ניט אַ רעליגיע, נאָר אַ לערע, אַ לערע וואָס איז צוגעפּאַסט צום לעבן, אַ „תורת חיים", אַ תורה פון לעבן. זיי האָבן דעריבער אָוועקגעשטעלט אַלס אַ סלאָגאַן דעם פּסוק: „וחי בהם" (ער זאָל לעבן מיט זיי, מיט די געזעצן פון דער תורה), מיטן טייטש: „ולא שימות בהם" (און ניט ער זאָל געטויט ווערן פון זיי). די תורה מוז זיין אַזאַ לערע, וואָס זאָל פאַרבעסערן דאָס לעבן פון מענטשן, אָבער ניט פאַרערגערן עס.

דעריבער האָבן די חכמים זיך גענומען דאָס רעכט אויסצובעסערן אַ גאַנצע רייע געזעצן פון דער תורה, דורך אויסטייטשונגען, ווי מיר האָבן שוין פריער דערקלערט, אַז „עין תחת עין" (אַן אויג פאַר אַן אויג), מיינט געלט, כאָטש אין דער תורה שטייט בפירוש „אַן אויג" און אַזוי אויך אַנדערע שטעלן, דורך געוואַגטע ליבעראַלע טייטשן. בכלל איז ביי זיי געוואָרן אָנגענומען אַלס סלאָגאַן: „כוחא דהיתרא עדיף" (חולין ב"ח), דאָס מיינט, אַז דער כוח פון מתיר זיין זאַכן איז בעסער און אַז מען דאַרף שטענדיק זוכן גיכער מתיר צו זיין ווי צו אסר'ן, ווייל אסר'ן קאָן יעדער איינער. וויכטיקער איז צו פאַרטיפן זיך אין דער תורה און פאַר־שטיין ווי אַזוי מתיר צו זיין, דאָס הייסט, צו האַנדלען אין אַ ליבעראַלן גייסט.

און דאָס איז געבליבן אַ גרונד־געזעץ אין דער אידישער געזעצגעבונג — זוכן שטענדיק די ליבעראַלע זייט, וואו נאָר מען קאָן זי געפינען.

II

דער גערעכטנקען-גאַנג פון די „צדוקים"

ווי אַזוי די צדוקים האָבן אויסגעטייטשט די געזעצן פון דער תורה. — דער אונטערשייד צווישן דעם קאָנסער־וואַטיזם פון די צדוקים און דער פון דער „בית שמאי". — די קעגנערשאַפט פון די צדוקים צו דער נייער אידעאָלאָגיע פון די תנאים.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, זיינען אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש געווען 3 פּאַרטייען: די פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך גערופן „פּרושים" (וואָס עס מיינט די תנאים); דאַן די אַריסטאָקראַטישע פּאַרטיי — „צדוקים"; און צום לעצט — די מיסטיקער, וועלכע האָבן זיך גערופן „אסיים". די „פּרושים" זיינען געווען פּאָפּולער ביים פאָלק און האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין לאַנד, אין מיט זיי האָט געהאַלטן דער רוב פון אידישן פאָלק. די „צדוקים" זיינען געווען אַ גרופּע וואָס האָבן געהאַט צווישן זיך מענטשן מיט הויכע פּאָליטישע און מיליטערישע ראַנגען, און אויך סתם רייכע מענטשן, און דערפאַר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. די „אסיים" זיינען געווען מיסטיקער און אַזעלכע וואָס אַנטלויפן פון לעבן. אין אַ טייל פאַלן זיינען זיי געשטאַנען נאָענט צו די „פּרושים" און אין אַנדערע — ניט.

דער הויפּט־קאַמף אַלזאָ וועגן אויסטייטשן שווערע שטעלן אין דער תורה און אויך וועגן שאַפן פעסטע כללים פאַרן אידנטום איז אָנגעגאַנגען נאָר צווישן די פּרושים און צדוקים.

מיר האָבן שוין געשילדערט די אידעאָלאָגיעס פון דער פּרושים־פּאַר־טיי, איצט וועלן מיר זען וואָס די צדוקים האָבן געפּרעדיקט און ווי קאָנסער־וואַטיוו זיי זיינען געווען.

די צדוקים זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקוקט אויף דער תורה ווי אַן אָפּגעשלאָסענע זאַך, וואָס נאָך איר איז גאָר ניטאָ. זיי האָבן זי באַטראַכט ווי אַ סטאַטישע געזעצגעבונג, וואָס מען קאָן ניט ענדערן אויף אַ האָר. דאָס קאָן מען זען פון זייערע טייטשן, וואָס עס ווערן געבראַכט אין תלמוד. דער הויפּט־כלל זייערער איז געווען „ככתוב", דאָס מיינט: אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה, אַזוי מוז עס זיין. מען טאָר ניט טייטשן אַנדערש. מען טאָר ניט אַוועקגיין פון פשוט'ן טייטש פון די ווערטער.

לויט אָט־דעם כלל האָבן זיי געטייטשט, אַז דאָס וואָס ס'שטייט אין דער תורה „עין תחת עין", אַן אויג פאַר אַן אויג, איז ממש, ד. ה. ווען איינער שטעכט אויס עמעצן אַן אויג, זאָל מען אים אויך דערפאַר אויסשטעכן זיין

אויג, און דאָס זעלבע אויך ביי אַנדערע גלידער פון מענטשן. די תנאים, ווי באַוואוסט, האָבן די ווערטער געגעבן אַ מער ליבעראַלע אויסטייטשונג — „ממון", וואָס עס מיינט, אַז מען זאָל באַצאָלן געלט פאַרן אויג. די צדוקים זיינען אָבער געווען אין דער הינזיכט קאָנסערוואַטיוו און גע'טענה'ט, אַז עס מוז זיין בוכשטעבלעך אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה.

און אַזוי האָבן זיי אויך געטייטשט אַלע אַנדערע געזעצן, גענוי אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה. למשל, עס איז דאָ אַ שטעלע אין דער תורה, וואו עס שטייט „והבאתם את עומר ראשית קצירכם אל הכהן, והניף את העומר לפני ה' לרצונכם ממחרת השבת יניפנו הכהן" (ויקרא כ"ג). דאָס איז געווען אַ געבאָט צו ברענגען אַ מעסטל פון דעם ערשטן שניט צום כהן, אַלס דאַנקזאָגונג פאַר דער ברכה אויפן פעלד. אָבער ווען זאָל מען דאָס ברענגען? אין פסוק שטייט „ממחרת השבת", צומאָרגנס פון שבת. האָבן די תנאים געטייטשט, אַז עס מיינט, צומאָרגנס פון ערשטן טאָג יום־טוב פסח, ווייל יום־טוב הייסט אויך שבת. די צדוקים האָבן אָבער גע'טענה'ט: ניין, ווען עס שטייט „שבת", מיינט מען נאָר „שבת", אויב ניט, האָט געדאַרפט שטיין „ממחרת הפסח" אָדער „ממחרת החג". דעריבער מיינט עס זונטיק. ביי אידן האָט מען אָבער קיינמאָל ניט באַשטימט אַ יום־טוב אויף אַ באַשטימטן טאָג פון דער וואָך. די תנאים האָבן דעריבער געזאָגט, אַז מען דאַרף די ווערטער „ממחרת השבת" פאַרשטיין ניט בוכשטעבלעך „שבת", נאָר צומאָרגנס פון יום־טוב, פון ערשטן טאָג פסח (דאָס הייסט, דעם 16טן טאָג אין ניסן, ווייל פסח איז אין 15טן). די צדוקים האָבן אָבער געזאָגט: ניין, נאָר זונטיק.

אַזוי האָבן זיי אויך געטייטשט דעם אויסדרוק, וואָס עס שטייט געשריבן ביי חליצה „וירקה בפניו", אַז די פרוי, וואָס נעמט חליצה פון איר מאַנס ברודער (ווען איר מאַן איז געשטאָרבן אָן קינדער), זאָל נאָך דעם אַראָפּנעמען דעם שוך פון שוואָגערס פוס, אָנשפּייען אים אין פּנים אַריין. די צדוקים האָבן געזאָגט, אַז דאָס מיינט ממש, אַז זי דאַרף אים שפּייען אין פּנים אַריין. די חכמים האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ מליצה'דיקער אויסדרוק, פּונקט ווי מען זאָגט „ער האָט אים אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים", מיינט דאָס טאַקע אַ פול פּנים? עס איז נאָר אַזאַ אויסדרוק פון באַליידיקונג. אָבער כדי נאָכצוגעבן אַביסל האָבן די תנאים געזאָגט, אַז עס זאָל זיין אַ שפּיי אויף דר'ערד, אָבער ניט אין געזיכט. יענע האָבן אָבער גע'טענה'ט: ניין, נאָר אין פּנים אַריין.

און אָט איז נאָך אַ פּסוק, וואָס די צדוקים האָבן געטייטשט בוכשטעבלעך, גענוי אַזוי ווי עס שטייט געשריבן. עס איז דאָ אַ פּרשה אין דער תורה, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם, אַז ווען איינער האָט חתונה מיט אַ מיידל און שפּעטער מאַכט ער איר אַ שלעכטן נאָמען, אַז זי איז ניט געווען קיין מיידל צו דער חתונה, דאַרף מען קומען צו די זקנים פון דער שטאָט

און באַווייזן אַז דאָס איז אַ ליגן. איז דאָרטן דאָ אַן אויסדרוק: „ופרשו את השמלה", מ׳זאָל אויסשפּרייטן דאָס קלייד. אָט־דער אויסדרוק איז אַ מליצה׳־דיקער און מיינט, אַז דער מאַן מוז באַווייזן, אַז זיינע רייד זיינען אמת, פונקט ווי מען זאָגט: באַווייזן דעם נאַקעטן אמת. אָבער די צדוקים האָבן געטייטשט דעם אויסדרוק, אַז עס מיינט טאַקע פאַרשפּרייטן דאָס קלייד, אַזוי דאַרף מען טאָן. אַזוי זיינען דאָ נאָך פיל אַנדערע אַזוינע טייטשן לויטן בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

די צדוקים האָבן זיך אַפילו ניט גערעכנט מיט ניט־געשריבענע געזעצן אָדער אויסטייטשונגען, וואָס זיינען געווען איינגעפירט אין פאָלק זייט יאָרן לאַנג. זיי האָבן ניט אָנערקענט ניט די פּאַרציייטיקע געזעצן, ניט די „מסורה", די איבערליפערונגען וואָס זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל, פון טאַטע צום זון און אויך ניט די נייע תקנות, וואָס די תנאים האָבן איינגעפירט. פאַר זיי איז געווען נאָר איין כלל: מען דאַרף טאָן נאָר דאָס, וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה און גענוי אַזוי און אַז עס איז ניטאָ קיין שום „תורה שבעל־פה". אַזוי אַרום האָבן זיי ניט געהאַלטן דערפון, אַז אידן האָבן צוויי תורות, אַ „תורה שבכתב" און אַ „תורה שבעל־פה". דאָס לעצטע האָט פאַר זיי גאָרניט עקזיסטירט.

* * *

איצט לאָמיר פאַרגלייכן דעם פרייען, ברייטן און ליבעראַלן וועג, ווי אַזוי צו פאַרשטיין די תורה, פון די פרושים, מיט דעם ענג־האַרציקן וועג פון די צדוקים. ערשט איצט וועט מען זען, וואָס פאַר אַ גרויסע דענקער די פרושים זיינען געווען, ווי פריי עס איז געווען זייער גייסט, און ווי קליינקעפּיק און קאָנסערוואַטיוו די צדוקים־פּאַרטיי איז געווען.

דאָ גייט ניט בלויז אין דעם, וואָס די פרושים האָבן געהאַט אַ טענדענץ צו פאַרלייכטערן זאַכן, בעת די צדוקים האָבן אַלץ פאַרשווערט, ניין, וואָרים נאָך אַלעם זיינען ניט אַלע פרושים געווען מקילים. די „בית שמאי" און נאָך אַנדערע אַזעלכע זיינען געווען גאָר מחמירים, דאָס מיינט אַזעלכע וואָס האָבן געזוכט די געזעצן צו פאַרשווערן. אָבער זייער קאָנסערוואַטיזם איז געווען גאָר אַנדערש פון דעם קאָנסערוואַטיזם פון די צדוקים. די בית שמאי, פונקט ווי די בית הלל, האָבן געהאַלטן פון כלל, אַז מען מעג טייטשן די שווערע פסוקים פון דער תורה. ניט מער, וואָס זיי, די בית שמאי, האָבן געטייטשט על פּי רוב אויף צו מאַכן די געזעצן שווערער, און די בית־הלל — אויף צו מאַכן די געזעצן לייכטער. דער פּרינציפּ פון „טייטשן" אָבער איז בייביידע געווען אָנגענומען. אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַלטן פון אַ תורה שבעל־פה, פון אַ ניט־געשריבענער תורה, וואָס גייט צוזאַמען מיט דער געשריבענער, אין דער צייט, ווען די צדוקים האָבן דעם פּרינציפּ פון „טייטשן" אין גאַנצן ניט אָנערקענט. זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום אַנדערע תורה, אויסער די פון משה׳ן און האָבן ניט דערלאָזט זי אויס־

צובריייטערן און צו געבן איר אַ מאָדערנעם אויסזען, דורך צופּאַסן זי צום גייסט פון דער צייט. אַזוי אַרום האָבן זיי געמאַכט פון אידנטום אַן ענג־נאַציאָנאַלע רעליגיע, אָן שוםברייטן וועלטלעכן אויסבליק; אַ באַרג פון האַרטע, שווערע געזעצן, וואָס אַ איד מוז אויספאָלגן צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט; אַ קופּע פון דאָגמעס, וואָס דאַרפן ליגן ווי אַ משא אויפן קערפּער און פון וועלכע ער קאָן זיך ניט באַפרייען, כאָטש ער הויבט זיי ניט אָן צו פאַרשטיין און ווייסט ניט וואָס מען וויל פון אים.

דערפאַר האָבן די צדוקים פאַרשפּילט. דאָס פאָלק איז געווען קעגן זיי, פּונקט ווי דאָס לעבן איז געווען קעגן זיי, און אין גאָר אַ קורצער צייט נאָכן חורבן איז די פּאַרטיי אין גאַנצן פאַרשוואונדן.

אָבער צוזאַמען מיטן אָפּזאָגן זיך פון אַ גאַנצער ריי פון געזעצן, וואָס די חכמים האָבן אויפגעטאָן, האָבן די צדוקים אויך געקעמפט קעגן דער נייער אידעאָלאָגיע, וואָס די פּרושים האָבן אַריינגעפירט אין אידנטום. דאָס איז די נייע וועלט־אַנשויאונג, וואָס די פּרושים האָבן אויפגעבויט אַלס אַ מאָס פון גערעכטיקייט, ווי דער געדאַנק פון באַלוינונג און באַשטראָפונג (שכר ועונש) פאַר די וואָס טוען גוטס און פאַר יענע וואָס טוען שלעכטס; אַן אויסבליק אין דער צוקונפט פון אידישן פאָלק דורך דעם קומען פון משיח, וואָס וועט צוריק אויפבויען דאָס אידישע קעניגרייך ווי אַמאָל, און עס וועלן קומען דערנאָך בעסערע טעג סיי פאַר דעם אידישן פאָלק, סיי פאַר דער גאַנצער וועלט; און אויך אַ טרייסט פאַרן יחיד, אַז ער שטאַרבט ניט אויף אייביק, וואָרים דער טויט איז נאָר אַ מין שלאָף ביז אַ געוויסער צייט, ווען עס וועט קומען דער וואונדער פון תחית המתים, פון צוריק אויפשטיין פון די טויטע צום לעבן.

די צדוקים האָבן געקעמפט קעגן דער דאָזיקער נייער אידעאָלאָגיע און זי בשום אופן ניט געוואָלט אָנערקענען. די סיבה פון דעם קאַמף איז ביי זיי געווען דאָס, ווייל דאָס אַלץ שטייט ניט געשריבן אין דער תורה. אין דער תורה איז גאָר ניטאָ וועגן אַ שכר ועונש אויף יענער וועלט, וועגן אַ גיהנום און אַ גן־עדן, און אַזוי אויך ניט וועגן קומען פון משיח און אַוודאי ניט וועגן תחית המתים.

ווי מיר זעען פון דער גמרא סנהדרין (צ׳ ביז צ״ד), האָבן די חכמים געפּרוווט צו באַווייזן פון פאַרשידענע ערטער פון דער תורה, נביאים און כתובים, אַז די דאָזיקע נייע אידעאָלאָגיע איז באַרעכטיקט און האָט איר שורש אין די אַלטע שריפטן, אָבער אַלע פּסוקים, וואָס די פּרושים האָבן געבראַכט אַלס באַווייזן, האָבן די צדוקים געטייטשט לויטן פּשוט׳ן זין פון די ווערטער און קיין אויסטייטשונגען, וואָס זאָלן געבן אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן לויט דער נייער אידעאָלאָגיע, האָבן זיי ניט דערלאָזן.

די נייע אידעאָלאָגיע האָט געהאַט אָנהענגער און קעגנער אין פאָלק אויסער די גרענעצן פון די פּרושים און צדוקים. עס זיינען געווען געוויסע שיכטן

פון פאָלק, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די פרושים, און אַנדערע, וואָס זיינען געווען קעגן דעם. איבערהויפּט איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף וועגן תחית המתים. די אָנהענגער האָבן זיך געשטיצט אויפן פסוק פון דניאל, וואו עס ווערט געזאָגט: „ורבים מישני אדמת עפר יקומו" (דניאל י"ב), וואָס עס הייסט, אַז פיל פון די וואָס זיינען שוין טויט וועלן אויפשטיין צוריק צום לעבן. פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָבן די וואָס האָבן געהאַלטן מיט די צדוקים און ניט געגלויבט, אַז עס וועט זיין אַ תחית המתים, געבראַכט אַ גאַנצע רייע פון פסוקים, וואָס רעדן קעגן דעם. אַזוי, למשל, האָבן זיי געבראַכט אַלס באַווייז דעם פסוק פון תהלים, ס"ח: „הלמתים תעשה פלא, אם רפאים יקומו יודוך סלה" (וועסטו פאַר טויטע טאָן וואונדער? וועלן דען טויטע אויפשטיין דיך צו לויבן?). דערפון זעט מען, אַז דער משורר האָט ניט געגלויבט אין תחית המתים. עס איז אויך דאָ אַ שטעלע אין איוב (ז־ט) וואָס זאָגט: „כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה" (דער וואָלקן האָט זיך געענדיקט און איז אַוועק, אַזוי וועט דער וואָס שטאַרבט, ניט מער אויפשטיין פון דאָרטן), און אַזוי זיינען דאָ נאָך פסוקים אין איוב, וואָס זאָגן דאָס זעלבע, ווי למשל, דער פסוק „ויגוע אדם ואין" (דער מענטש פאַרגייט און איז מער ניטאָ) (איוב י"ד־י'). איבערהויפּט זיינען דאָ פיל אַזעלכע שטעלן אין קהלת.

אָבער פונקט אַזוי ווי די צדוקים, און אַלע וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו זיי, האָבן געלייקנט אין דער נייער אידעאָלאָגיע וועגן משיח, שכר ועונש און תחית המתים, האָט גראָד די דריטע פאַרטיי, די אסיים, שטאַרק געהאַלטן דערפון, אַפילו נאָך מער ווי די פרושים. זיי האָבן וועגן אָט־די ענינים שטאַרק פאַנטאַזירט און אויסגעבויט וועגן דעם אַלעם גאַנצע לופט־שלעסער. די אסיים זיינען געווען גענויגט מער צו מיסטיק און מעטאַפיזיק, און זיי האָבן גראָד אין דער נייער אידעאָלאָגיע געפונען פאַר זיך אַ ברייט פעלד. אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

III

די מיינונגען וועגן די „איסיים"

וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען זיי געווען? — ערלעכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט מאָדנע וועגן. — אַ טייל האָט אָנגעפירט מיט אַ קאָמוניסטישער סיסטעם. — איסיים וואָס האָבן ניט געוואָלט הייראַטן, ווייל דאָס פאַרשוועכט די הייליקייט פון מענטשן. — וואָס די חכמים האָבן געזאָגט וועגן זיי.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט די דריטע פאַרטיי זיך גערופן „איסיים". פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי גערופן, איז ניט באַקאַנט. אויף לאַטיין ווערט זייער נאָמען באַצייכנט „עסעני" (אַזוי איז עס אין די שריפטן פון אַ פאַרצייטיקן שרייבער מיטן נאָמען „פליני"). אין דער משנה און אין דער גמרא ווערן זיי אונטער דעם נאָמען „איסיים" ניט דערמאָנט, אָבער עס ווייזט אויס, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט פריער, אַז די פאַרטיי ווערט באַצייכנט מיט אַנדערע נעמען, ווי למשל, „חסידים הראשונים", „ותיקין", אָדער גאָר „טובלי שחרית", ווייל זיי האָבן געהאַט אַ מנהג צו טובל'ען זיך באַלד אין דער פרי. גענויער וועגן זיי איז אין דער משנה און אין דער גמרא ניטאָ. דערפאַר אָבער דערציילט פיל וועגן זיי, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, יאָזעפוס, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, און נאָך מער דער פילאָזאָף פילאָן.

מיר וועלן ברענגען פריער דאָס וואָס פילאָן זאָגט וועגן זיי. פילאָן איז געווען אַ אידישער געלערנטער, וואָס האָט געוואוינט אין אַלקסאַנדריע (עגיפּטן) אַן ערך דרייסיק יאָר איידער דער צווייטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן (ער האָט געלעבט זעכציק יאָר און צוואַנציק פון זיי פאַר דער קריסטלעך־כער צייט־רעכענונג). ער ווערט אויך אָנגערופן ידידיה פון אַלעקסאַנדריע. אין איינעם פון זיינע ביכער (געשריבן אויף גריכיש) דערציילט ער אויספירלעך וועגן אַט־דער סעקטע אָדער פאַרטיי, וואָס רופט זיך „איסיים", וועגן זייער אויפפירונג, ווי אויך וועגן זייער לערע. ער זאָגט, אַז אין זיין צייט איז די פאַרטיי באַשטאַנען פון אַן ערך 4,000 מיטגלידער. זיי האָבן געוואוינט אין ארץ־ישראל און אויך אין סיריע. ער דערציילט אויך, אַז זיי פאַרנעמען אַ חשוב'ן אָרט אין אידישן לעבן. דאָס איז אַ סעקטע, זאָגט ער, וואָס גייט אויף איר אייגענעם וועג. די איסיים ווילן ניט דינען גאָט דורך קרבנות, ווי עס טוען עס די כהנים אין בית המקדש, נאָר דורך באַמיען זיך צו האַלטן זיך ריין און הייליק. זיי ווילן בעסער וואוינען אין דערפער ווי אין שטעט,

ווייל אין די שטעט גייט־אָן האַנדל און פאַרקער, וואָס איז, לויט זיי, פול מיט שווינדל, גנבה און גזלה. זיי ווילן אויך בעסער באַאַרבעטן די ערד און לעבן אַ ריין, ערלעך לעבן, אָדער זיין פּשוט'ע בעל־מלאכה'ס; זיי באַ־גנוגענען זיך מיט זייער ווייניק און ווילן ניט באַזיצן קיין גאָלד און זילבער. קיינער פון זיי איז ניט רייך; ביי זיי זיינען ניטאָ קיין סוחרים, קיין מעקלערס, קיין קויפער און פאַרקויפער. זיי זאָגן זיך אויך אָפּ פון צו גיין אין אַ מלחמה און באַזיצן ניט קיין געווער. זיי האָבן ניט קיין קנעכט און זיי ווילן אויך ניט זיין קנעכט צו קיינעם, ווייל ביי זיי הערשט אַ כלל, אַז אַ מענטש דאַרף ניט אַרבעטן פאַר אַן אַנדער מענטשן אָדער באַדינען אים. זיי האַלטן, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך, אַלע זיינען ברידער און קיינער טאָר ניט הערשן איבערן אַנדערן.

זיי האָבן בלויז דריי הויפּט־פּרינציפּן: צו דינען גאָט פון ליבשאַפט; ליב האָבן אַלע מענטשן און צו אונטערדריקן דעם חשק צו פאַרשידענע זאַכן. זיי שווערן ניט ביים נאָמען פון גאָט און היטן זיך אויס ניט צו זאָגן קיין ליגן. זיי האָבן אויך אַ כלל, אַז דאָס וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן (דאָס ווערט אויך געבראַכט אין גמרא, אַז נחום איש גמזו האָט געזאָגט: „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד"). זיי מיידן אויס אַלע קערפּערלעכע פאַרגעניגנס און לעבן אַ פּשוט'ן לעבן. זיי האַלטן זיך נאָענט צו יעדן איינעם, נעמען אויף מענטשן מיט פרייד און העלפן אַרויס איינער דעם אַנדערן. פאַראַן אויך צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן אין זייערע פלעצער אַ מין קאָמונע־סיסטעם, דאָס הייסט, איין קאַסע. אַלע מיטגלידער אַרבעטן און דאָס פאַרדינסט ווערט אַריינגעטראָגן אין איין פּלאַץ און אַלע לעבן צוזאַמען אַ בשותפות'דיק לעבן. זייערע הייזער זיינען שטענדיק אָפן פאַר נייע חברים און תלמידים.

אין די ערטער, וואו עס איז דאָ אַ קאָמונע, פירט זיך, אַז אויב איינער ווערט קראַנק און קאָן ניט פאַרדינען, קריגט ער דאָס זייניקע צום לעבן פונקט אַזוי ווי פריער. אַ חוץ דעם טוט מען אַלץ, וואָס מען קאָן, אים צו היילן. זיי רעספּעקטירן זייער שטאַרק די עלטערע מענטשן. אין געוויסע ערטער זיינען דאָ אויך אַזעלכע וואָס הייראַטן ניט, ווייל צוליב זייער הייליקייט ווילן זיי זיך ניט צורירן צו אַ פרוי. דערפאַר זיינען אין יענע ערטער כמעט ניטאָ קיין קינדער.

אַזוי וויפּט פילאָן. איצט וועלן מיר זען וואָס יאָזעפוס, וועלכער האָט אויך געלעבט אין יענער צייט, דערציילט וועגן זיי אין זיינע ווערק. אין זיין בוך „קאַמפּן פון די אידן" שרייבט ער וועגן זיי אויספירלעך. זיינע ווערטער שטימען על־פּי־רוב מיט דעם וואָס פילאָן האָט שוין דערציילט וועגן זיי, אָבער ער גיט־צו צום ערשטן פיל זאַכן. ראשית, וועגן זייער פרומקייט. ווי ער גיט איבער, זיינען זיי שטאַרקע מחמירים, דאָס הייסט, זיי זוכן נאָר צו מאַכן שווערער די געזעצן פון אידנטום. אַזוי למשל, שבת

טוען זיי ניט איבערטראָגן קיין שום זאַך פון איין אָרט צום אַנדערן און בכלל זיך ניט צופּיל באַוועגן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס טוען ניט אַפילו אין שבת זייערע נאַטירלעכע באַדערפעניש. זיי האַלטן אויך ניט פון עונג שבת און עסן ניט קיין פליש און טרינקען ניט קיין ווין אום שבת, נאָר בלויז אַן אָרעם שטיקל ברויט מיט וואַסער. זיי זיינען זיך אויך כסדר טובל אין קאַלט וואַסער. אַזוי זיינען זיי אויך מחמיר אין די ענינים פון נידה. אויך איז ביי אַ טייל פון זיי געוואָרן אַן איינפירונג ניט צו הייראַטן אין גאַנצן; זיי קליידן זיך נאָר אין ווייסע מלבושים און זיינען אָפּגעהיט, אַז עס זאָל אויף זיי ניט זיין קיין שום פלעק. אָט דאָס איז וואָס יאָזעפוס גיט־צו וועגן די „איסיים".

* * *

עס איז קלאָר פון דעם וואָס סיי פילאָן און סיי יאָזעפוס גיבן איבער, אַז בנוגע די דינים און געזעצן, זיינען די איסיים געווען נאָך גרעסערע מחמירים ווי די צדוקים. זיי, די איסיים, האָבן אַפילו זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קיין שום קאַמפן מיט די פרושים, וועגן טייטשן פון פסוקים, נאָר אַליין אויף זיך גענומען אַן עול פון שווערע געזעצן, וואָס עס איז גאָרניט נויטיק און וואָס איז בכלל ניט אין גייסט פון דער תורה. די תנאים (אָדער פרושים) זיינען דעריבער ניט געווען צופרידן דערפון, אָבער זיי האָבן זיי געלאָזט צורו און ניט געפירט מיט זיי קיינע קאַמפן, ווייל די לעצטע, די איסיים, וואָלטן דערויף סיי־ווי־סיי ניט געענטפערט, לויט זייער לערע, ניט צו פירן קיין קאַמפן מיט קיינעם. די חכמים האָבן דעריבער זיי באַטראַכט פאַר פאַנטאַזיאָרן, פאַר אַזעלכע וואָס פרעדיקן אַ לערע וואָס איז ווייט פון לעבן, און געזאָגט וועגן זיי, אַז דער וואָס זאָגט אָדער טוט דאָס וואָס זיי פרעדיקן, איז אַ „חסיד שוטה"...

אַנדערע פון די תנאים זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און געזאָגט, אַז זיי, די איסיים, גיבן אַ פאַלשן טייטש צו תורת משה. משה רבינו האָט געוואָלט, אַז אונזער תורה זאָל זיין אַ תורה פון לעבן, אַ לערע פון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס זאָל זיין גוט פאַר די מענטשן. זיי, אָבער, האָבן דערפון געמאַכט אַ מין רעליגיע, וואָס באַשווערט גאָר דאָס לעבן; אַ באַרג פון דאָגמעס, וואָס לאָזן ניט אויפהויבן דעם קאָפּ און וועלכע פאַרלאַנגען די פאַרניינונג פון אַלע לעבנס־פאָרמען.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַ טייל פון די געזעצן פון די איסיים, צו זען ווי ווייט זיי זיינען אַוועק אין מאַכן זיי שווערער. די חכמים האָבן מתיר געמאַכט פיל זאַכן אין שבת, כדי שבת זאָל זיין אַ טאָג פון פאַרגעניגן, אָבער די איסיים האָבן בכיוון פאַרבאָטן פיל זאַכן, וואָס זיינען דערלויבט פון דער תורה. אַזוי, למשל, האָבן די חכמים געטייטשט דאָס וואָרט „ממקומו" אויף אַזאַ אופן, אַז עס איז געוואָרן אַ דין, אַז מען קאָן זיך שבת באַוועגן אין דער

גאַנצער שטאָט און אויך אויסערן שטאָט. די איסיים אָבער האָבן געזאָגט, אַז מען קאָן זיך שבת ניט באַוועגן, און אַז מען טאָר זיך פשוט שבת ניט רירן פון אָרט. לויט די תנאים האָט מען אויך געמעגט טאָן אין שבת פיל זאַכן, וואָס ווערן ניט פאַררעכנט פאַר אַ מלאכה, אָבער די איסיים האָבן געזאָגט, אַז אַפילו אַ מעסער פון טיש טאָר מען ניט אַראָפּנעמען. די איסיים זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געזאָגט, אַז ווען אַ פרוי איז אַ נידה, טאָר זי זיך ניט פוצן און ניט נוצן קיין שום קאָסמעטיק אויף איר פּנים. דאָס איז געווען קעגן גייסט פון דער תורה. האָט טאַקע ר׳ עקיבא אָנגעשריען אויף זיי און געזאָגט, אַז אויב אַ פרוי וועט זיך ניט פוצן און ניט מאַכן שיין איר פּנים, וועט זי ווערן פאַר׳מיאוס׳ט ביים מאַן און עס וועלן זיין אַ סך גט׳ן. ר׳ עקיבא האָט דעריבער מתיר געמאַכט פיל זאַכן פאַר אַ פרוי, ווען זי איז אַ נידה (שבת ס״ד).

באַזונדערס זיינען די תנאים אַרויסגעטראָטן קעגן די פון די איסיים, וואָס האָבן געפּרעדיקט צו זיין אָפּגעשיידט פון פרויען און ניט חתונה האָבן. די איסיים האָבן געזאָגט, אַז נאָר ווען מען באַקעמפט אין זיך די תאווה פון געשלעכט אינגאַנצן, איז מען זוכה צו קדושה. דערויף האָבן די תנאים געענטפערט מיט אַ פאַרקערטער מיינונג, אַז צווישן מאַן און פרוי רוט די שכינה. די תנאים האָבן אויך געזאָגט, אַז איינער וואָס האָט ניט חתונה איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרגאָסן בלוט (יבמות ס״ג), און אַז עס איז פאַלש זייער לערע, וואָס צעשטערט נאָר די אידישע היים און שטעלט אין סכנה די גאַנצע עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק.

* * *

אָבער אויסער די דינים זיינען די איסיים געווען גרויסע פאַנטאַזיאָרן און מיסטיקער און שטאַרקע איבערטרייבער פון דער בייער אידעאָלאָגיע פון אידנטום, לויט דעם ווי די פרושים האָבן עס פאַרשטאַנען. דאָס זיינען געווען פיל פאַרגרעסערטע באַגריפן וועגן דעם קומען פון משיח; שכר און עונש אויף יענער וועלט און תחית המתים. די איסיים האָבן בכלל געהאַט אַ טבע איבערצוטרייבן זאַכן; ווען עס איז געקומען צו דינים, האָבן זיי אַזוי ווייט איבערגעטריבן, ביז עס איז געוואָרן אַן אַבסורד, ווי למשל, דאָס וואָס יאָזעפוס דערציילט, אַז זיי האָבן שבת ניט געטאָן זייערע נאַטיר־לעכע באַדערפענישן, וואָס מאַכט דאָס גאַנצע אָפּהיטן פון שבת פאַר אַ לעכערלעכער זאַך. פונקט דאָס זעלבע האָבן זיי אויך געטאָן בנוגע די פונקטן פון דער בייער אידעאָלאָגיע, ווי מיר וועלן עס דערקלערן ווייטער.

זיי האָבן אויך בנוגע דעם גורל פון מענטש געגעבן דערקלערונגען, וואָס קלינגען פרעמד און מאָדנע. אַזוי, למשל, האָבן זיי געזאָגט, אַז אַ מענטש קאָן זיך ניט געבן אַ ריר, אויב עס איז ניט אַזוי פון הימל אָנגעצייכנט געוואָרן. (די מיינונג פון די איסיים ווערט געבראַכט אין דער גמרא.

ווי איינער (אַוודאי פון זייערע) האָט זיך אויסגעדריקט: „אין אדם נוקף את אצבעו למטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה" — אַ מענטש גיט זיך ניט אַ קלאַפּ אין פינגער אונטן, סיידן עס איז אויבן אַזוי באַשטימט געוואָרן — חולין ז'). אָבער דאָס איז ניט געווען די מיינונג פון די תנאים, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז דער מענטש האָט די בחירה צו קאָנען טאָן וואָס ער וויל. עס זיינען דאָ צוויי כוחות אין דער וועלט, האַלטן די פּרושים, דער כוח פון הימל, וואָס באַשטימט זאַכן פריער־אויס, און דער כוח פון מענטש, וואָס האָט אַן אויסוואַל. געוויסע זאַכן ווערן באַשטימט פון הימל, אָבער מצוות און עבירות הענגען־אָפּ פון מענטש גופא. די תנאים האָבן אַזוי געזאָגט, ווייל אויב עס איז אַלץ פון פריער באַשטימט, קאָן דאָך ניט זיין אַז אַ מענטש איז שולדיק דערין וואָס ער טוט שלעכטס, ער איז דאָך אויף אַזאַ אופן קיין רשע ניט, ווייל עס איז דאָך פון פריער־אויס אַזוי באַשטימט געוואָרן. אַזוי איז אויך דער וואָס טוט גוטס, ניט דערמיט קיין צדיק, ווייל אויך וועגן אים איז אַזוי געווען באַשטימט. דעריבער האָבן די תנאים געזאָגט, אַז אַ מענטש האָט יאָ די בחירה: ער קאָן אויסקלייבן צו טאָן וואָס ער וויל טאָן, גוטס אָדער שלעכטס. און דעריבער קאָן ער ווערן באַלוינט אָדער באַשטראָפט.

אָבער אָט־די ,שטעלונג רופט אַרויס אַ פראַגע, דהיינו: אויב גאָט ווייסט וואָס דער מענטש וועט אויסקלייבן צו טאָן, הייסט עס דאָך שוין פון פריער־אויס באַשטימט און וואָס פאַר אַ פרייען ווילן האָט ווידער דער מענטש? מיט דער פראַגע פאַרנעמען זיך שפּעטער די אידישע פילאָזאָפן פון מיטל־אַלטער. אָבער לויטן גאַנג פון תלמוד איז די זאַך אַזוי: די תנאים האָבן געהאַלטן, אַז דער מענטש האָט די בחירה, ער קאָן אויסקלייבן פאַר זיך דעם וועג ווי אַזוי ער זאָל זיין, אַ צדיק אָדער אַ רשע. אויב ער קלייבט זיך אויס דעם וועג אויף צו זיין אַ צדיק, וועט ער דערפאַר באַלוינט ווערן; פאַרקערט, אויב ער קלייבט זיך אויס דעם וועג צו זיין אַ רשע, וועט ער דערפאַר באַשטראָפט ווערן. אָבער גאָט, וואָס ווייסט אַלץ, ווייסט פריער וואָס דער מענטש וועט זיך אויסקלייבן, אָן צו האָבן אַ השפעה אויף אים, וועלכן וועג ער זאָל אויסקלייבן פאַר זיך. דער מענטש ווייסט אָבער ניט וואָס גאָט ווייסט וועגן אים. גאָטס וויסן האָט דעריבער ניט קיין שייכות צו זיין בחירה, צו זיין אויסוואַל, אַז ער זאָל זיין אַזוי אָדער אַנדערש.

די צדוקים ווידער האָבן גע'טענה'ט, אַז עס ווערט גאָרניט באַשטימט פאַראויס און אַז דער מענטש האָט אַבסאָלוט אַ פרייען ווילן און דעריבער איז ער אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך. זיי האָבן אָבער צוזאַמען דערמיט אויך דערקלערט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום באַלוינונג אָדער באַשטראָפונג אויף יענער וועלט, אַלץ איז אויף דער וועלט.

די איסיים ווידער זיינען אין דער הינזיכט פון קומען פון משיח, שכר און עונש און אויך תחית המתים אַוועק נאָך ווייטער ווי די פרושים. זיי

האָבן פון די אַלע ענינים געמאַכט מיסטישע באַגריפן. זיי האָבן געשאַפן גאַנצע פאַנטאַזיעס בנוגע דעם קומען פון משיח, ווי אויך בנוגע דער באַלוינונג און באַשטראָפונג אויף יענער וועלט און גאָר באַזונדערס וועגן דעם ענין פון תחית המתים.

עס איז דעריבער כדאי צו זען, ווי אַזוי די אַלע דריי פאַרטייען האָבן זיך פאָרגעשטעלט אָט־די ענינים. וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען וועגן קומען פון משיח, וועגן גן־עדן און גיהנום און וועגן אויפשטיין צוריק צו לעבן פון די וואָס זיינען שוין טויט. פריער לאָמיר באַטראַכטן דעם ענין משיח. וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.14

ווען האָט זיך אָנגעהויבן ביי אידן די משיח־אידייע?

די רייד פון די נביאים. — דער געדאַנק וועגן אַ נייער פאַראייניקונג פון יהודה מיט ישראל. — פאַרוואָס האָט מען געהאָפט אויף משיח בן דוד? — פאַרשידענע באַגריפן וועגן משיח

די נייע אידעאָלאָגיע פון די תנאים, וועלכע האָבן געלעבט ביים סוף פון צווייטן בית־המקדש און אויך נאָכן חורבן, איז אָנגענומען געוואָרן פון רוב פון אידישן פאָלק. די אידעאָלאָגיע איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: הילף פאַרן אידישן פאָלק, פאַרן כלל ישראל און גערעכטיקייט צום אידישן יחיד, צו ר׳ ישראל. דאָס פאָלק האָט אָנגענומען די אידעאָלאָגיעס אָן שום רעזערוואַציעס.

אָבער אַ חוץ דער איינטיילונג פון דער אידעאָלאָגיע אויף אַ נאַציאָנאַלער און אַן אינדיווידועלער, האָט זי נאָך געהאַט אַ חילוק דערמיט, וואָס איין טייל, דער ערשטער, וועגן הילף פאַרן כלל ישראל, איז געקומען פון אינעווייניק, פון פאָלק גופא. דאָס איז געווען די האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ משיח צום אידישן פאָלק, אים אויסצולייזן פון גלות. די דאָזיקע האָפענונג איז געקומען פון די סאַמע טיפענישן פון אידישן פאָלק. די אידייע איז דעריבער געווען אַ ריין־נאַציאָנאַלע. דער אַנדערער טייל פון דער אידעאָלאָגיע וועגן גערעכטיקייט צום יחיד, דורך געבן באַלוינונג צום גערעכטן און באַשטראָפונג צום זינדיקן, אין דער פאָרם פון אַ גן־עדן און אַ גיהנום, איז שוין געווען פון אַן אויסערלעכער השפעה. דאָס זעלבע איז אויך געווען בנוגע דער אידייע פון תחית המתים, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די טויטע וועלן אויפשטיין צום לעבן, וועלכע איז אויך אַ השפעה פון דרויסן.

לאָמיר דעריבער אָנהויבן מיט דער נאַציאָנאַלער אידייע, מיטן ענין פון משיח.

ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן די אידייע, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ משיח, וואָס וועט אויסלייזן די אידן?

דער מדרש גיט וועגן דעם אַ פסיכאָלאָגישע אויפקלערונג אין דער פאָרם פון אַ מעשה, פון וועלכער די ענדע איז, אַז אין טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן משיח (איכה רבתי ל״ד). דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אינעם מאָמענט פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג

פון אידישן פאָלק, ווען עס איז געשען דער חורבן פון בית המקדש, איז געבוירן געוואָרן (לויטן געזעץ פון זעלבסט־דערהאַלטונג, וואָס איז גילטיק ביי אַ פאָלק ווי ביי אַ יחיד) די האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ משיח, וואָס וועט צוריק אויסלייזן די אידן פון גלות. די אידן וועלן צוריקקומען קיין ארץ־ישראל, דער בית־המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערן און אַ אידישער קעניג וועט צוריק הערשן איבער זיי.

דאָס האָבן אַזוי פאָרגעזאָגט אַלע נביאים. עס זיינען געווען זיי, די נביאים, וועלכע האָבן געגעבן דעם פאָלק אָט־די האָפענונג. די דאָזיקע גרויסע גייסטער האָבן דאָס געוועבט דעם פאַרבנרייכן חלום פון אידישער אויסלייזונג, אַזוי ווי עס איז אַמאָל געווען, ווען די אידן זיינען געווען פאַר־שקלאַפט אין מצרים.

דער נביא ירמיהו, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטן פון ערשטן בית־המקדש און האָט געקלאָגט איבער דעם חורבן אין זיין „איכה", און אַזוי אויך דער נביא יחזקאל, וועלכער האָט געלעבט אין גלות בבל אין דער צייט נאָכן חורבן פון ערשטן בית המקדש, זיינען געווען די הויפט־טרעגער פון דער משיח־אידייע. דאָס זעלבע האָט פאַרטראַכט שוין פריער דער נביא ישעיה. די האָפענונג האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ ווילן צו זען אַ צוריקקערונג פון די אידן פון בבל קיין ארץ־ישראל און אַ פאַראייניקונג פון יהודה און ישראל אין איין מלכות, אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, ווי אין דער שיינער עפּאָכע פון די קעניגן דוד און שלמה. די נביאים האָבן זיך דעריבער פאָרגעשטעלט, אַז דער, וועמען עס וועט געלינגען צו שאַפן אַזאַ פאַראיי־ניקונג פון יהודה מיט ישראל, וועט זיין איינער וואָס וועט שטאַמען פון דער דוד־דינאַסטיע, אַ „חוטר מגזע ישי" (אַ שפּראָצלינג פון ישי־שטאַם), אַ דינאַסטיע וועלכע איז געווען באַליבט ביי אַלע אידן, ווייל נאָר אַזאַ איינער, האָבן זיי געטראַכט, וועט האָבן אַ דערפאָלג, ווען ער וועט רופן צו אַ פאַראיי־ניקונג פון „כל בית ישראל", ווייל צו אים וועלן זיך צוהערן אַלע אידן.

נאַטירלעך וועט דער, וואָס וועט שאַפן די פאַראייניקונג, זיין דער נייער הערשער, דער קעניג. ער איז דערפאַר אָנגערופן געוואָרן ביי די נביאים „משיח", וואָס איז אייגנטלעך אַ סינאָנים פאַר אַ קעניג (משיח מיינט, אַ געזאַלבטער, ווייל אַ קעניג ווערט געזאַלבט. „משיח" האָט געקאָנט מיינען אויך אַ ניט־אידישער קעניג, ווי מיר זעען פון פסוק „כה אמר ה׳ למשיחו לכורש"). די ערשטע נביאים האָבן אַלזאָ געהאָפט אויף דעם קומען פון אַזאַ קעניג פון בית דוד, וועלכער וועט שאַפן דעם גרויסן וואונדער פון דער פאַראייניקונג.

ירמיה זאָגט: „בימים ההמה ילכו בית יהודה על בית ישראל, ויבואו יחדו מארץ צפון על הארץ אשר הנחלתי את אבותיכם" (ירמיהו ג׳, י"ח), אָדער ער זאָגט: „והקימותי לדוד צמח צדיק"... (ירמיהו כ"ג, ה־ו), אָדער

ווי ער דריקט זיך אויס מיט די ווערטער: „וכרתי את בית ישראל ואת בית יהודה ברית חדשה" (ירמיה ל"א, ל').

יחזקאל האָפט, אַז „יצמיח ה' קרן לבית ישראל" (כ"א, כ"ט). ער זעט דעם טאָג, ווען יהודה און אפרים וועלן ווערן פאַראייניקט ווי „שני עצים שהם אחוזים ודבוקים יחד" (י"ט, ל"ז), ווי צוויי בוימער וואָס זיינען פאַראייניקט. ער זעט די וויזיע פון די „עצמות היבשות", די פאַרטריקנטע ביינער, וועלכע שטייען אויף צוריק צום לעבן (י"ד, ל"ז).

ישעיה האָט געווידמעט זיין גאַנצע נביאות פון 27 קאַפּיטלען (פון מ' ביז ס"ז) צו דער משיח־אידייע, פון אַ פאַראייניקונג פון יהודה און ישראל דורך אַ בן־דוד.

אַזעלכע רייד געפינען מיר אויך ביי די איבעריקע נביאים, וועלכע האָבן זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט דער פאַראייניקונגס־אידייע, און עס איז קיין ספק ניט, אַז אין יענער צייט איז די משיח־אידייע, דער פאַראייניקונגס־פּלאַן דורך אַ בן־דוד, אויך געווען די האָפענונג פון גאַנצן אידישן פאָלק, פון יהודה און פון ישראל.

אָבער האָפענונגען ווערן ניט אַלע מאָל מקוים, און אַזוי זיינען אויך די דערוואַרטונגען פון די נביאים ניט אינגאַנצן פאַרווירקלעכט געוואָרן. די אידן האָבן זיך טאַקע אומגעקערט קיין ארץ־ישראל, מען האָט צוריק אויפגעבויט דעם בית־המקדש, אָבער צו אַ פאַראייניקונג פון יהודה און ישראל, אונטער דעם סצעפּטער פון אַ בן־דוד, איז ניט געקומען. עס איז אויך ניט פאַרגעקומען קיין פולע באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. דער, אויף וועמען מען האָט אַזוי געהאָפט, איז ניט געקומען. דאָס האָט געבראַכט צו אַ געפיל פון פאַרצווייפלונג ביי די מאַסן. די שפּעטערדיקע נביאים, ווי עס איז צו זען, האָבן דעריבער זיך פאַרטראַכט וועגן געבן יענע דערוואַרטונגען אַ נייע אויסטייטשונג אין דעם זין, אַז זיי זיינען ניט געזאָגט געוואָרן אויף דער נאָענטסטער צוקונפט, נאָר אויף אַ ווייטערדיקער, אויף אַ צייט וואָס איז פון אונז פאַרהוילן. זיי האָבן דאָס געטאָן, כדי אָפּצושאַפן די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן ביים פאָלק. דער דאָזיקער געדאַנק געפינט זיין אויסדרוק אין דעם געבעט פון עזרא (קאַפּיטל ט') און אין דניאל (אין די קאַפּיטלען יא" און י"ב), איבערהויפּט אין די ווערטער: „סתומים וחתומים הדברים עד עת קץ" (ט', י"ב). די שפּעטע נביאים האָבן קיין באַשטימטע צייט ניט געוואָלט אָנגעבן, כדי דאָס פאָלק ניט צו אַנטמוטיקן, אויב, חלילה, די צייט זאָל קומען און די דערוואַרטונג וועט ניט דערפילט ווערן.

די דאָזיקע נייע אינטערפּרעטאַציע פון דער משיח־אידייע האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט ביים פאָלק. דאָס פאָלק אַליין האָט אויך ניט געוואָלט פאַרלירן די האָפענונג אויף דער אויסלייזונג. עס איז דעריבער פאַר אים בעסער געווען אויסצוטייטשן די רייד פון די ערשטע נביאים אויף אַ ווייטערער

צוקונפט, איידער צו טראַכטן, אַז עס איז ניטאָ מער קיין האָפענונג און אַז די נביאים זיינען געווען פאַלשע זעער. לויט דער נייער משיח־אידייע, וואָס האָט זיך איצטצ פאַרשפּרייטביים פאָלק, וועט קומען אַמאָל אַ צייט ווען עס וועט אויפשטיין אַן אָפּשטאַמער פון דער ישי־פאַמיליע, וועלכער וועט זיין דער יעניקער, וואָס וועט מיטן כח פון זיין וואָרט שאַפן צוריק אַ פאַראייניגט אידיש פאָלק פון יהודה און ישראל אויפן באָדן פון ארץ־ישראל און עס וועלן זיך אומקערן אַלע אידן פון אַלע גלות־לענדער. אָט דער „חוטר מגזע ישי" וועט זיין דער משיח, דער געזאַלבטער, דער קעניג פון דעם אויפסנייַ פאַראייניקטן אידישן פאָלק.

די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע זיינען געווען אין אָנהויב פון צווייטן בית־המקדש און וועלכע האָבן קאַנאָניזירט די אידישע הייליקע ספרים, האָבן געשטיצט אָט־די דאָזיקע משיח־אידייע, וואָס איז איצט אָנגענומען געוואָרן ביי דער מערהייט פון פאָלק. צוליב דעם האָבן זיי געמוזט ציען אַ ליניע צווישן אַזעלכע ספרים וואָס זיינען געווען פאַר אָט־דער משיח־אידייע און צווישן די וואָס האָבן געפּרעדיקט אַן אַנדער אידייע. די וואָס האָבן געפּרעדיקט די משיח־אידייע אין אָט דעם זין זיינען אַריינגענומען געוואָרן; די אַנדערע זיינען געבליבן אין דרויסן און זיינען ניט קאַנאָניזירט געוואָרן. (אַ טייל פון יענע ווערק זיינען אונז געבליבן באַקאַנט אונטערן נאָמען — די אַפּאָקריפן, אָדער „ספרים חיצונים". אָבער, כאָטש מען האָט די ווערק ניט אַריינגענומען, האָבן דאָך די שרייבער פון יענע ווערק פאַרטראָטן אַן אַנדער באַשטימטן משיח־באַגריף, לויט ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין זייערע ווערק). זיי האָבן אין דער הינזיכט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מינדערהייטס־גרופּע. אָט־די גרופּע, צו וועלכער עס זיינען אויך שפּעטער צוגעשטאַנען אַ טייל פון די האָמילעטיקער (בעלי אגדה), האָבן געגעבן אַנדערע אויס־טייטשונגען צו די רייד פון די נביאים. זיי האָבן דערקלערט, אַז דער באַגריף „משיח" מיינט ניט אַ מענטש, אַ באַשאַף פון פלייש און בלוט, נאָר גאָט אַליין. דאָס הייסט, אַז גאָט אַליין בכבודו ובעצמו וועט, ווען די צייט וועט קומען, אויסלייזן די אידן. דאָס האָט ניט געשטימט מיט דער אידייע פון די פּרושים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער משיח וועט זיין אַ מענטש, וואָס וועט אָפּשטאַמען פון דער ישי־דינאַסטיע, און וועט קומען, ווען גאָט וועט וועלן.

אָבער די אָנהענגער פון דער גאָט־אידייע האָבן זיך אויך געטיילט אויף צוויי טיילן: אייניקע פון זיי האָבן געזען גאָט אַלס משיח בלויז פון די אידן, דאָס הייסט, אַ נאַציאָנאַלן משיח; די אַנדערע באַטראַכטן גאָט אַלס אוניווערסאַלן משיח, אַ משיח פון דער גאַנצער וועלט. צו דער ערשטער גרופּע געהערן דאָס „סיביל בוך", איבערהויפּט דער דריטער טייל, דאָס „יובילעען בוך", דאָס „עטיאָפּישע בוך", „ספר חנוך", „תהלים של שלמה" און „ספר ברוך". אַזוי, למשל, זאָגט דער „סיביל בוך": „פון מזרח

וועט גאָט שיקן אַ קעניג, וואָס וועט מאַכן אַן ענדע צו אַלע מלחמות, און ער וועט שאַפן דאָס קעניגרייך פון גערעכטיקייט. אָבער פון דעמאָלט אָן וועט גאָט זיין דער אמת׳ער קעניג, און דער מענטשלעכער קעניג וועט נאָר אויספילן זיין ווילן״... אין „יובילעען בוך״ ווערט אין דעם זין אויך גע־רעדט אין קאַפּיטל 29: „גאָט וועט זיין דער משיח אין דער גאַנצער וועלט״. די זעלבע געדאַנקען מיט אַנדערע ווערטער ווערן אויסגעדריקט אין „ספר חנוך״ (ביי דער ענדע פון בוך), אין „תהלים של שלמה״ און אין „ספר ברוך״.

צו זיי זיינען צוגעשטאַנען עטלעכע פון די בעלי־אגדה. אַזוי געפינט מען, אַז איינער דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז די צווייטע גאולה וועט זיין פּונקט אַזוי ווי די ערשטע. אַזוי ווי ביי דער ערשטער איז די אויסלייזונג געווען דורך גאָט אַליין, אַזוי וועט אויך זיין די צווייטע גאולה פון גאָט אַליין. אויך אין אייניקע פון אונזערע תפלות האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער געדאַנק, אַז גאָט איז דער משיח, ווי למשל, די תפלה „ותמלוך אתה ה׳ לבדך על כל מעשיך, בהר ציון משכן כבודך״. אָבער די אנשי כנסת הגדולה האָבן דאָס באַלד אויסגעבעסערט דערמיט, וואָס זיי האָבן צוגעגעבן די תפלה פון „וכסא דוד מהרה לתוכה תכין״. אויך פילאָן (20 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) איז געווען אַן אָנהענגער פון דער אידייע וועגן גאָט אַלס אוניווערסאַלער משיח. די ספרים חיצונים וואָס זיינען שוין געשאַפן געוואָרן שפּעטער, ווי די פאַרשידענע צוואות (צוואות אברהם, יצחק, יעקב, שנים עשר שבטים, משה און שלמה), וועלכע האָבן אַ לעגענדאַרישן אינהאַלט, זעען שוין גאָט אַלס נאַציאָנאַלן משיח, וואָס וועט אויסלייזן בלויז די אידן. פילע פון די אידייען פון אָט־די שרייבער האָבן איבערגענומען אַ טייל פון די „איסיים״, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט מער אויף פאַנטאַזיע ווי אויף רעאַליסטיק.

איצט לאָמיר זען ווי אַזוי עס האָבן געטראַכט און גע׳חלומ׳ט די אָנהענגער פון די צוויי פאַרטייען וועגן דעם משיח־געדאַנק. מיט דעם אויסדרוק „צוויי פאַרטייען״ מיינען מיר — די פּרושים און די איסיים, ווייל די צדוקים האָבן דאָך קיין שום משיח אידייע ניט געהאַט. לאָמיר דעריבער פריער באַטראַכטן די משיח אידייע פון די פּרושים. וועגן זיי אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.15

דער משיח־געדאַנק פון די פרושים

דער ווידערווילן פון די חכמים צו דער משיח־אידייע פון די מיסטיקער. — די אַנטוויקלונג דערויף, וואָס דער רעיון פון משיח האָט געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער קריסטלעכער סעקטע. — משיח אַלס אויסלייזער פון די אידן פון גלות און ניט אַלס אויסלייזער פון זינד. — דער משיח־געדאַנק אַלס צוקונפט־מוזיק.

ווי מיר האָבן געזען, האָבן די מיסטישע סעקטעס אינגאַנצן צעטרענצלט דעם שיינעם געדאַנק פון דער משיח־אידייע. די פאַרשידענע גרופן, וואָס זיינען געווען אין דער איסיים־פאַרטיי, האָבן פון איין זייט דערפירט דעם משיח־געדאַנק ביז צו אַן אַבסורד, און פון דער אַנדערער זייט — אים צוגעגעבן אַזעלכע פרעמדע עלעמענטן, וואָס האָבן געמאַכט פון דעם משיח־חלום אַ זאַך וואָס איז אַבסאָלוט ניט אידיש.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פאַר די פרושים איז דער גאַנצער ענין געווען זייער פיינלעך. זיי האָבן דערוואַרט, אַז די משיח־האָפענונג זאָל שטאַרקן דאָס פאָלק, אָבער צום סוף האָט עס אָנגעטאָן שאָדן. דעריבער איז דער גאַנצער ענין פון משיח זיי געווען ניט צום האַרצן. זיי האָבן שוין איצט געזען, אַז די משיח־אידייע איז געוואָרן אַן עסק פאַר פאַנטאַזיאָרן, מיסטיקער און אויך אָפּטריניקע, און זיי האָבן געזוכט פון זיי זיך אינגאַנצן אָפּצוטיילן.

עס איז אָבער געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט דעם ענין משיח ניט צוגעגעבן קיין חן אין די אויגן פון די פרושים. דאָס איז געווען די רדיפות וואָס זיי האָבן איצט געהאַט אויסצושטיין פון די צדוקים, וועלכע האָבן זיך געחבר׳ט מיט דער הערשנדיקער מאַכט פון לאַנד. די דאָזיקע צדוקים האָבן געפירט זייערע וויכוחים מיט די פרושים ניט בלויז מיטן מויל, ווי אַ דיסקוסיע צווישן געלערנטע דאַרף געפירט ווערן, נאָר אויך דורך דער שווערד, ווייל וואו נאָר אַ צדוקי איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער אָנגעטאָן צרות די פרושים. די צדוקים האָבן אַפילו געפירט צו דער שחיטה די בעסטע און גרעסטע פון די פרושים.

פאַר די חכמים איז דעריבער קלאָר געוואָרן, אַז די דיקטאַטאָרישע מאַכט פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, איז אַן אומגליק פאַרן לאַנד. זיי האָבן איצט שוין איינגעזען, אַז „אי סייפא לא ספרא אי ספרא לא סייפא" — אויב מען וויל זיך אָפּגעבן צו דער שווערד, קאָן מען זיך ניט אָפּגעבן צום בוך און אויב צום בוך, איז ניט צו דער שווערד. די תנאים זיינען געווען

די טרעגער פון בוך און האָבן ניט געקאָנט פירן קיין מלחמות, ניט מיטן אויסערלעכן שונא און אויך ניט מיטן אינערלעכן. דאָס האָט געמיינט, אַז עס מוזן זיין אַנדערע, וואָס זאָלן פירן די מלחמות. אָבער די שווערד־העלדן וועלן זיין קעגנער פון בוך און פון די בוך־מענטשן. זיי האָבן דעריבער ניט געזען אַזאַ גרויס גליק אין באַפרייען דאָס לאַנד פון די רוימער, די פרעמדע באַדריקער, ווייל עס איז שוין געשטאַנען גרייט אַן אַנדער שונא, אַן אינערלעכער — די רעשטלעך פון די חשמונאים־דינאַסטיע, וועלכע זיינען געווען אמת׳ע אינערלעכע באַדריקער. אויב אַזוי, וואָס איז שוין די גאַנצע האָפענונג, אַז עס זאָל קומען אַ משיח, וואָס זאָל פאַראייניקן יהודה און ישראל אונטער דער פאָן פון אַ אידישן קעניג? און ווי וועט זיין, ווען דער אידישער קעניג וועט זיין איינער פון די חשמונאים און וועט דריקן איבער זיי, די בוך־מענטשן און הערשן ביד־רמה, מיט אַ שטאַרקער האַנט? די פרושים האָבן איצט געקראָגן אַן אַנטיפּאַטיע בכלל צו אַלע שווערד־מענטשן.

צוליב אָט־די אַלע סיבות האָבן די תנאים אויסגעטייטשט די גאַנצע משיח־אידייע אַלס אַ צוקונפט־מוזיק, אַלס אַ זאַך, וואָס וועט ווען עס איז געשען אין דער ווייטער צוקונפט. זיי האָבן דעם משיח־ענין ניט געקאָנט אינגאַנצן אָפּשאַפן, ווייל דער משיח־באַגריף, די האָפענונג אויף זיין קומען, איז שוין געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין פאָלק און מען האָט אים ניט געקאָנט מער אַרויסרייסן אינגאַנצן. אָבער זיי האָבן אַפילו ניט געוואָלט רעדן וועגן אַ משיח בן דוד, ווייל דער באַגריף „בן־דוד" איז שוין געוואָרן פאַרהאַסט ביי זיי, דערפאַר וואָס די דיקטאַטאָרן פון דער חשמונאים־דינאַסטיע האָבן גע׳טענה׳ט, אַז זיי שטאַמען אָפּ פון בית דוד, פון דוד המלך, פון דער ישי־דינאַסטיע.

אויף ווי ווייט דער משיח־ענין איז די תנאים ניט געווען צום האַרצן, קאָן מען זען דערפון, וואָס ר׳ יהודה הנשיא („רבי"), וועלכער האָט מסדר געווען די משנה, האָט ניט דערמאָנט אינגאַנצן אין „משניות" דעם ענין פון משיח. עס ווערט אויך דערציילט, אַז ער, רבי, האָט געוואָלט אָפּשאַפן תשעה־באב אַלס אַ נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג („רצה לעקור את תשעה באב"). דאָס מיינט, אַז ער האָט געוואָלט אויסרייסן דעם שורש פון משיח־געדאַנק, דעם טרויער איבערן פאַרלוסט פון די צען שבטים פון מלכות ישראל. אַן אַנדער תנא, דער גרויסער ר׳ עקיבא, האָט אַפילו געמאַכט אַ פּאָזיטיוון שריט וועגן דעם, דערמיט וואָס ער האָט דערקלערט, אַז „עשרת השבטים אינן עתידים לחזור" (סנהדרין פרק י׳ משנה ג׳) — די צען שבטים וועלן זיך מער ניט אומקערן. דאָס האָט ער געזאָגט בכיוון, כדי אונטערצוהאַקן דעם גאַנצן בוים פון משיחיזם, וועלכער שטאַמט דאָך, ווי באַוואוסט, פון דער האָפענונג, אַז די צען שבטים וועלן זיך צוריקקומען און זיך ווידער פאַראייניקן מיט יהודה. אָבער אויב זיי וועלן זיך מער ניט אומקערן, הייסט עס, אַז אַזאַ האָפענונג איז מער ניטאָ.

דער גליק איז געווען, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַלטן כסדר מיט די פּרושים. ראשית, האָט דאָס פאָלק אויך געהאַסט די פאַרשידענע פאַנטאַזיאָרן און מיסטיקער מיט זייערע משונה׳דיקע גרופּן, וואָס פון זיי איז אַרויסגעקומען די קריסטלעכע סעקטע; צווייטנס, האָט דאָס פאָלק ניט ווייניקער אויך געהאַסט די חשמונאים, וועלכע האָבן דאָס פאָלק געדריקט. זייענדיק אַנטוישט אין די אייגענע הערשער, איז דאָס פאָלק אויך ניט געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר דער משיח־אידייע. דעריבער איז מעגלעך געווען צו מאַכן דערפון אַ זאַך פון דער צוקונפט, וואָס עס האָט געמיינט — אַ פּאָליטישע אויסלייזונג אין דער ווייטער צוקונפט דורך איינעם וואָס וועט קומען און וועט צוריק־ברענגען אַלע אידן קיין ארץ־ישראל, און וועט הערשן איבערן לאַנד מיט חסד און ניט ווי אַ באַדריקער.

אָט דאָס איז געווען די משיח־אויפפאַסונג פון די תנאים, וואָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו די אמוראים. איין אמורא, שמואל, האָט עס דערקלערט שפּעטער מיט אַ קורצער פאָרמולע: „אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכות בלבד״ (ברכות ל״ד). דאָס הייסט, דער אונטערשיד צווישן איצט און דער צייט ווען משיח וועט קומען, וועט זיין נאָר אין דעם, וואָס שפּעטער וועלן די אידן באַפרייט ווערן פון גלות און זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל, מער גאָרניט.

די מיינונג ווערט באַזונדערס קלאָר אין פסיקתא רבתי (פרק ל׳): ניט אַזוי ווי די ערשטע גאולה וועט זיין די צווייטע גאולה. ביי דער ערשטער גאולה זיינען געווען מופתים, ביי דער צווייטער גאולה וועט דאָס ניט זיין; ביי דער ערשטער גאולה איז נאָכדעם געקומען נאָך אַ גלות און אונטערגע־וואָרפנקייט צו פעלקער, נאָך דער צווייטער גאולה וועט עס מער ניט זיין, אידן וועלן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל און מער ניט גיין אין גלות אַריין.

אָט־די אויפפאַסונג פון דער משיח־אידייע, די פאָרשטעלונג פון משיח׳ן אַלס אַ פּאָליטישער דערלייזער, איז געבליבן די אָנגענומענע מיינונג פון אַלע בעלי־הלכה פון תלמוד. נאַטירלעך זיינען אין דער צייט פון דער גאַנצער תלמוד־עפּאָכע, פון משניות ביז ענדע פון תלמוד (אַן עפּאָכע פון פינף הונ־דערט יאָר), געווען אויך פאַנטאַזיאָרן, האָמעליטיקער (בעלי אגדה) און אַנדערע, וואָס האָבן גע׳דרשנ׳ט אַנדערש דעם ענין משיח. עס זיינען אויך געווען מיסטיקער, וואָס האָבן געהאַט זייערע מיינונגען, אָבער זיי אַלע זיינען געווען אין דער מינדערהייט. דער הלכה׳שער משיח איז געווען דער משיח פון דער מערהייט פון פאָלק.

צווישן די פאַרשידענע מינדערהייטן, וואָס האָבן געהאַט זייערע אייגענע משיח־אידייען, דאַרף מען דערמאָנען אויך די חזקיה־גרופּע, וועלכע ווערט דערמאָנט עטלעכע מאָל אין תלמוד. די גרופּע האָט זיך געצויגן פון די צייטן פון די תנאים ביז צום אָנהויב פון די אמוראים. דאָס זיינען געווען אָנהענגער פון חזקיה אַלס משיח. חזקיה איז געווען אַ חוטר מגזע ישי,

און ווי עס ווערט דערציילט אין דברי הימים (ל׳ ט״ז), האָט ער צעשטערט אַלע במות פון די געצן־דינער. ער האָט צוריק איינגעפירט די עבודה צו גאָט אין בית־המקדש פון ירושלים און האָט גערופן אַלע אידן אָפּצוהיטן תורת משה. ער האָט זיך אויך באַמיט צו פאַראייניקן יהודה מיט ישראל אין איין פאָלק. עס ווערט אויך דערציילט, אַז ווען ער האָט געפייערט דעם חג המצות אין ירושלים, איז געווען אַזאַ שמחה אין לאַנד, ווי עס איז ניט געווען זייט די צייטן פון שלמה. חזקיה האָט געקיניגט 25 יאָר און איז אין זיין צייט פּראָקלאַמירט געוואָרן פון זיינע פריינט און אָנהענגער („חזקיה וסיעתו״) אַלס משיח פון גאָט. אָבער ווען צום סוף פון זיין הערשן זיינען די עשרת השבטים פאַרטריבן געוואָרן, האָט דער גלויבן אין אים אַלס משיחביים רוב פון פאָלק אויפגעהערט, דאָך איז דאָס נאָך געבליבן ביי אַ טייל פון פאָלק. אין תלמוד געפינען מיר איין אמורא וואָס האָט נאָך אַלץ געזאָגט, אַז חזקיה איז געווען משיח. דאָס זעען מיר פון דעם מאמר: „אמר ר׳ הילל אין להם משיח לישראל, שכבר אכלוהו בימי חזקיה״ (סנהדרין צ״ח) — די אידן האָבן מער ניט קיין משיח, ווייל ער איז שוין געקומען אין די צייטן פון חזקיה, דאָס הייסט — ער איז עס געווען. עפּעס ענלעכס געפינען מיר אויך אין דעם מאמר פון בר קפרא אין אַ ברייתא: „דרש בר־קפרא ביקש הקב״ה לעשות חזקיה משיח, אמרה מידת הדין וכו׳״ (סנהדרין צ״ד). אויך דער מאמר ווייזט, אַז אַ לאַנגע צייט נאָך חזקיה׳ס טויט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן אַז ער איז געווען אַ משיח.

* * *

די פאָרמולע פון ענין משיח ביי די תנאים איז דעריבער קלאָר: זיי האָבן ניט געזען קיין שום ענדערונג אין דער וועלט, ווען משיח וועט קומען. אַלץ וועט זיין אַזוי ווי געווען, בלויז די אידן וועלן זיך אומקערן פון די גלות־לענדער קיין ארץ־ישראל, וואָס וועט ווערן צוריק אויפגעריכט דורך אַן אויסדערוויילטן פון גאָט, וואָס וועט קומען צו זיי אין איינע פון די טעג אין דער ווייטער צוקונפט. דער משיח וועט ניט האָבן קיין שייכות מיט זינד. ער וועט ניט פאַרגעבן קיין עבירות, ער וועט אויך ניט ליידן צוליב אַנדערעס חטאים, ווי עס גלויבן די קריסטן. משיח וועט אויסלייזן די אידן פון גלות, אָבער ניט פון זינד.

עס וועלן אויך ניט זיין קיין שום באַזונדערע נסים און מופתים אין דער צייט ווען משיח וועט קומען, ווי די מיסטיקער האָבן געפּרעדיקט. דאָס וועט זיין אַ ריין־פּאָליטישער אַקט, אָן שום אויסערגעוויינלעכע זייטיקע דערשיינונגען.

אָט־דאָס איז די מיינונג פון די תנאים. אַזוי איז עס אין דער משנה און אַזוי אויך אין דער גמרא, אַפילו די בעלי־אגדה, וועלכע האָבן געלאָזט פריי זייער פאַנטאַזיע וועגן ענין משיח, זיינען ניט אַרויסגעטראָטן קעגן אָט־דער משיח־פאָרמולע און האָבן ניט געגעבן קיין שום אַנדער בילד פון משיח׳ן. זיי האָבן נאָר גערעדט פון די „ימות המשיח״, די טעג ווען משיח

וועט קומען, אָבער ניט וועגן משיח גופא. די משיח־פּאָרמולע איז געבליבן די זעלבע ביי אַלע, סיי די בעלי־הלכה און סיי די בעלי־אגדה.

וואָס שייך די „ימות המשיח", די טעג פון משיח'ס קומען, האָבן די בעלי אגדה ליב געהאַט זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי וועלן זיין שווערע טעג פאַר די אידן. זיי האָבן גע'דרשנ'ט, אַז איידער משיח וועט קומען, וועלן זיין חבלי משיח, משיח־ווייען, פונקט אַזוי ווי אַ פרוי האָט „חבלי לידה", געבורטסווייען, איידער זי געבוירט אַ קינד. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין דור וואָס משיח וועט קומען, וועלן תלמידי חכמים ווערן ווייניק, און עס וועלן אויך זיין גרויסע עקאָנאָמישע און גייסטיקע צרות (סנהדרין צ"ז). זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז „בעקבות משיחא חוצפה יסגי ויוקר יאמיר" — אין די טעג פון משיח וועט די חוצפה שטייגן און דער יקרות וועט זיין גרויס, די חכמה פון די געלערנטע וועט ניט זיין גילטיק, דעם אמת וועט מען ניט טאָרן זאָגן, יונגע־לייט וועלן לאַכן פון עלטערע מענטשן, אַ זון וועט באַליידיקן זיין פאָטער, אַ טאָכטער — איר מוטער און אַ שנור — איר שוויגער. דער גאַנצער דור וועט האָבן אַ הינטישן אויסזען (סוטה מ"ט).

אויך האָבן די בעלי אגדה זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַ חוץ וואָס משיח וועט אויסלייזן די אידן פון די גלות־לענדער אין פּאָליטישן זין און זיי אומקערן צו זייער אייגן מלכות אין ישראל, וועט ער אויך אויסלייזן די אידן פון זייער מאָראַלישער געפאַלנקייט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער לאַנגער גלות וועט די אידן קיין גוטס ניט האָבן געטאָן. עס וועט זיין אַ ירידה פון וואָס די אידן וועלן מוזן אויפגעהויבן ווערן. אָבער דאָס וועט זיין ערשט ווען זיי וועלן קומען צוריק אין זייער לאַנד. דאָרטן וועט זייער מאָראַלישער כח זיך ערשט שטאַרקן און זיי וועלן שטייגן העכער און העכער.

דער רמב"ם, וועלכער האָט געגעבן פאָרמולירט די מיינונגען פון די חכמי התלמוד, האָט דעריבער אין זיין „יד החזקה" אַ פולשטענדיק קלאָר בילד וועגן דעם משיח־געדאַנק, ווי אַזוי ער ווערט פאַרשטאַנען לויט הלכה'שן זין. ער זאָגט (אין הלכות מלכים פרק י"ב):

„עס זאָל קיינעם ניט איינפאַלן, אַז אין די ימות המשיח וועט עפּעס בטל ווערן פון דעם שטייגער פון דער וועלט, אָדער עס וועט זיין עפּעס אַ חידוש אין די מעשי בראשית. ניין, די וועלט וועט זיך ווייטער פירן אַזוי ווי זי האָט זיך געפירט. די תנאים האָבן געזאָגט, אַז עס וועט ניט זיין קיין אונטערשיד צווישן איצט און די טעג פון משיח נאָר בלויז דערמיט, וואָס די אידן וועלן אויפהערן צו זיין אונטערגעוואָרפן אונטער פרעמדע הער'שער. אָט־דאָס אַלץ".

דאָס איז געווען דער אופן ווי אַזוי די תנאים האָבן אויפגעפאַסט דעם טייל פון דער נייער אידעאָלאָגיע, וועגן קומען פון משיח. אָבער עס זיינען איצט אויפגעשטאַנען מיסטישע סעקטן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן דעם ענין. וועגן זיי — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.16

די משיח־אידייען פון די מיסטישע סעקטן

די פאַרשידענע מיסטישע גרופּן אין לאַנד, וואָס האָבן געהאַט אייגנאַרטיקע משיח־אידייען. — די „כת־היודעים" אָדער „גנאָסטיקער". — די סעקטע פון שמעון מאגי. — די „אביונים"־סעקטע, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעקומען ישוע.

די אומרואיקע צייטן, וואָס די אידן אין ארץ־ישראל האָבן מיטגעמאַכט, אין דער צייט ווען רוים האָט שוין געהערשט איבערן לאַנד, זיינען געווען אַ גוטע געלעגנהייט פאַר געוויסע אומקלאָרע קעפּ צו פּרעדיקן פאַרשידענע מיסטישע געדאַנקען, וועלכע זיינען פאַרנעפּלט און דערפירן אין ערגעץ ניט. אַזעלכע טיפן האָבן אָבער ניט געקאָנט אויסוואַקסן אויפן באָדן פון די פּרושים, וואו דער שכל הישר איז געווען דער הויפּט־וועגווייזער ביי אַלע פאַרפלאָנטערטע ענינים פון לעבן — און אַוודאי ניט ביי די צדוקים, וואָס זיינען געווען זייער שטרענג אויף ניט אַריינצולאָזן זיך אין קיין פאַל אין קיין שום טייטשן פון דער תורה. דערפאַר אָבער איז געווען אַ גוטער באָדן פאַר זיי דער לאַגער פון די איסיים, און אַהין זיינען טאַקע געגאַנגען אַלע פאַנטאַזיאָרן און בעלי חלומות, וואו צוזאַמען מיט פּראַקטישער ערד־אַרבעט האָט מען זיך אויך אַריינגעלאָזט אין ווילדע חקירות. וואָרים די איסיים, די דריטע פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש און אויך נאָכן חורבן, איז ניט געווען אַזוי ווי די פּרושים אָדער ווי די צדוקים, אַ פּאַרטיי מיט איין פּנים, מיט איין שיטה, נאָר אַ מיש־מאַש פון פאַרשידענע שיטות. עס זיינען געווען ביי זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ טענדענץ צו אַסקעטיזם, צו זיין אָפּגעשיידט פון דער וועלט און ניט וועלן געניסן פון איר; עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָמוניסטישע טענדענץ, אַז אַלע פאַרדינסטן זאָלן אַריינגיין אין איין קאַסע און די קאַסע זאָל פאַרטיילן אירע געלטער צווישן אַלעמען גלייך. צוזאַמען דערמיט זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט הייראַטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט באַרירן קיין פרוי. אַזוי אַרום איז די איסיים־פּאַרטיי ניט געווען איין פּאַרטיי מיט אַ באַשטימטער פיזיאָגנאָמיע, נאָר אַ פּאַרטיי פון פאַרשידענע גרופּן און סעקטעס. אָבער מיט איין זאַך זיינען אַלע גרופּן געווען גלייך, נעמלעך, מיט אַ נייגונג צו מיסטיציזם.

אויף ווי ווייט מיר ווייסן, האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין דער פּאַרטיי די „כת היודעים", וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס

„גנאָסטיקער". די דאָזיקע גרופּע האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים ביז זי איז אין דריטן יאָרהונדערט אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן פון קריסטנטום. (עס איז דאָ אַ טענדענץ ביי קריסטלעכע געלערנטע צו מאַכן פון די אָנהענגער פון אָט דער גרופּע אַ מין פאָרלויפער פאַר קריסטנטום. דאָס איז פאַלש. די ערשטע גרינדער פון דער „כת היודעים" זיינען געווען פרומע אידן, וועלכע האָבן געהאַט מיסטישע טענדענצן). דער נאָמען „כת היודעים" איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן מיטן גריכישן וואָרט „גנאָסיס־טיק", וואָס עס מיינט „וויסן". דערפאַר דער נאָמען „גנאָסטיקער". אָבער דער „וויסן" האָט ניט געמיינט ביי זיי אין אַ וועלטלעכן זין, דהיינו, צו באַזיצן וויסן וועגן דער וועלט און די מענטשן, נאָר אין אַ מיסטישן זין. עס האָט געהייסן, אַז פון הימל טוט מען צו זיי אויפדעקן זאַכן, וואָס קיינער ווייסט ניט. עס איז געווען מער אין זין פון אויפדעקונגען (התגלות).

די דאָזיקע סעקטע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין לאַגער פון די איסיים, אַן ערך 150 יאָר פאַרן חורבן פון בית־המקדש. אין אָנהויב זיינען זיי געווען, ווי געזאָגט, פרומע אידן, אָבער נאַטירלעך, לויט זייערע השגות, פּונקט אַזוי ווי די צדוקים. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פראַגן וועגן באַשאַף פון דער וועלט, וואָס ווערט אין תלמוד באַצייכנט מיטן נאָמען „מעשי בראשית". זיי האָבן זיך אויך אינטערעסירט מיט פראַגן וועגן דער גאָטהייט, וואָס עס ווערט אויך אין תלמוד באַצייכנט אַלס „מעשה מרכבה" (צוליב דעם וואָס דער נביא יחזקאל שילדערט די געטלעכקייט ווי אַ „מרכבה"). אָבער שוין אין אָנהויב האָט זיך אין דער סעקטע אַריינגעגנב'עט אויסערלעכע איינפלוסן פון די פּערסיער און פון די גריכישע העלעניסטן, אויסצוטייטשן די געטלעכקייט אַלס אַ פיל־פּנימ'דיקע. די תנאים האָבן זיך דעריבער אָפּגעקערט פון זיי און צו זיי געזאָגט די ווערטער פון „פּרקי אבות" (פּ"ד) „לידע ולהודיע שהוא אל אחד, הוא היוצר והוא הבורא" (צו וויסן און צו מאַכן וויסן אַנדערע און צו זיך אַליין, אַז ער איז איין גאָט, ער איז דער שאַפער און ער איז דער וואָס גיט די פאָרם). דערמיט האָבן זיי געוואָלט מאַכן קלאָר, אַז דאָס וואָס אַ טייל פון די גנאָסטיקער האָבן געזאָגט, אַז גאָט איז טאַקע דער שאַפער פון יעדן וועזן, אָבער די פאָרם גיט אַ פאַרטרעטער פון אים, איז פאַלש. עס איז ניטאָ קיין אַנדערער, ווייל אַלץ קומט פון אים.

אָבער צווישן די גנאָסטיקער גופא זיינען אויך געווען עטלעכע גרופּן. איין גרופּע איז געווען אָנגעפירט דורך איינעם, שמעון מאגי, וועלכער האָט געשטאַמט פון די שומרונים. און אַזוי איז געווען איינער מיטן נאָמען מענאנדעס, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַן אַנדערער גרופּע, און ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז משיח און אַז ניט גאָט אַליין האָט געשאַפן די וועלט, נאָר אויך זיינע מלאכים. עס איז אויך געווען נאָך איינער, וואָס האָט געהייסן מלכיו (ער האָט געלעבט אין דער צייט פון ר' עקיבא), וועלכער האָט אַריינגעמישט אין זיין לערע וועגן אידנטום פיל פון דער אינדישער

מיסטיק און אַזוי זיינען געווען נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען מיט זייערע מיסטישע לערעס אַוועק אין ווייטע דרכים, שוין אויסער די גרענעצן פון אידנטום.

* * *

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן ביי די איסיים אַ נייער באַגריף וועגן משיח: משיח, אַלס ליידנדער צוליב די זינד פון די אידן און אַלס פאַרגעבער פון זינד. די געדאַנקען זיינען געווען פאַלש און פרעמד צום אידישן גייסט, ווייל לויטן אידישן דין איז גאָרניט פאַראַן אַזאַ זאַך, אַז עמעצער זאָל ליידן צוליב אַנדערנס זינד. דער אויסדרוק איז „איש בעונו ימות" (יעדער איינער שטאַרבט צוליב זיינע אייגענע זינד), און די גמרא לאַכט פון אַזאַ געדאַנק און ברענגט אַ ווערטל, וואָס דאָס פאָלק פלעגט זאָגן וועגן אַזאַ פאַל: „טוביה חטא וזיגוד מינגיד?" (טוביה האָט געזינדיקט און זיגוד זאָל קריגן געשלאָגן?).

אויך דער געדאַנק, אַז משיח זאָל קאָנען פאַרגעבן זינד, איז פרעמד דעם אידישן גייסט, ווייל קיינער קאָן ניט מוחל זיין קיין זינד, אויסער גאָט אַליין. אָט־דאָס איז דער אידישער שטאַנדפונקט: „הקדוש ברוך הוא בלבדו ממרק את עוונותיהן של ישראל" (נאָר גאָט אַליין קאָן פאַרגעבן די זינד פון די אידן). יאָ, אַ צדיק קאָן אַמאָל העלפן, ווען ער מישט זיך אַריין, דערמיט וואָס ער בעט צו גאָט, אַז ער זאָל מוחל זיין יענעמס זינד. גאָט טוט אַמאָל צוליב דעם צדיק: „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים" (דער צדיק איז גוזר און גאָט איז מקיים), אָבער גאָט מוז אַליין זיין דער פאַרגעבער, און ניט קיין אַנדערער. דער צדיק אַליין קאָן ניט מוחל זיין קיינעמס זינד. אַפילו גאָט איז נאָר דעמאָלט מוחל, ווען דער זינדיקער טוט תשובה פון גאַנצן האַרצן און באַשליסט ביי זיך, אַז ער זאָל מער ניט זינדיקן, און קומט צו גאָט מיט אַ צעבראָכן האַרץ — און אַפילו דעמאָלט זיינען פאַראַן אַזעלכע עבירות, אויף וועלכע מען קאָן קיין תשובה ניט טאָן, ווי למשל, „אַ חוטא ומחטיא את הרבים" (איינער וואָס האָט געזינדיקט און געמאַכט אַנדערע צו זינדיקן), אָדער איינער וואָס האָט פאַרשוועכט גאָטס נאָמען. ביי אַזאַ איינעם ווערט געזאָגט, אַז אַפילו ווען עס איז געקומען יום־כפור און ער האָט תשובה געטאָן — העלפט עס אויך ניט, און אַפילו ווען עס קומען אויף אים יסורים, העלפט עס אים אויך ניט, ביז זיין טויט, ווייל נאָר זיין טויט קאָן אָפּווישן זיינע זינד (יומא פ"ה).

ווי מיר זעען, אַלזאָ, איז ניט פאַראַן ביי אידן אַזאַ זאַך, אַז עמעצער זאָל אויסלייזן די זינד פון אַנדערע, דורך זיינע ליידן. עס קאָן דעריבער גאָרניט זיין קיין רייד פון אַ משיח אַלס ליידנדער, אַלס זינד־טראָגער. דאָס איז דורכאויס פרעמד דעם אידישן גייסט.

פון דעם אַלעם איז שוין צו זען, אַז עס איז געוואָרן אַ גאַנצער מיש־מאַש פון דער משיח־אידייע. אָט־די אידייע, וואָס איז געקומען אין אָנהויב

אַלס אַ טרייסט פאַר די אידן, אַלס אַ קוואַל פון האָפענונג, איז אין די הענט פון די מיסטיקער געוואָרן גאָר עפּעס אַנדערש ווי עס איז געמיינט געוואָרן פריער. אָבער דאָך האָבן די אָנהענגער פון געדאַנק וועגן משיח אַלסליידנדער געהאַט אַ דערפאָלג און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק געדאַנקען, אַז דאָס בית־המקדש וועט חרוב ווערן צוליב די זינד פון אידן; אַז גאָט איז אין כעס אויף די אידן און וועט דערפאַר צעשטערן זיין הויז און די אידן פאַרטרייבן. אַ טייל בעלי אגדה האָבן שוין אַפילו גע׳דרשנ׳ט, אַז גאָט איז אַזוי אין כעס אויף די אידן, אַז ער זאָגט „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״ (הלוואי וואָלטן די אידן מיך פאַרלאָזן, אָבער מיין תורה וואָלטן זיי אָפּגעהיט). די נייע אינטערפּרעטאַציע וועגן זינד איז באַזונדערס שטאַרק געוואָרן ביים פאָלק באַלד נאָכן חורבן. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע דרשנים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן צוליב די אידישע זינד. ווען די שטאַרקע פויסט פון רוים האָט פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק, זיינען אַנטשטאַנען צוויי לאַגערן אין אידישן פאָלק: די זעלאָאַיטן (קנאים), וואָס איז באַשטאַנען איבערהויפּט פון דער יוגנט, וועלכע האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך ניט מייאש זיין, מען דאַרף קעמפן קעגן די רוימער, כאָטש זיי זיינען שטאַרקער פאַר אונז. אָט־די גרופּע האָט געפירט דעם קאַמף ביי דער מויער פון ירושלים און אַ צווייטע גרופּע — די דעפּיטיסטן — וועלכע האָבן זיך מייאש געווען און געזאָגט, אַז גאָט וויל אונז ניט העלפן, ווייל מיר זיינען זינדיק. עס איז אומזיסט די גאַנצע מי. מיר וועלן פאַרלירן. דאָס בית־המקדש וועט צעשטערט ווערן, ווייל מיר זיינען איינגעטונקען אין זינד.

ווען דאָס בית־המקדש איז שפּעטער חרוב געוואָרן און רוים האָט פולשטענדיק געזיגט, איז דאָס געווען אַן אמת׳ער צייכן פאַר די דעפּיטיסטן, אַז גאָט שטראָפט די אידן פאַר זייערע זינד. דאָס איז דעמאָלט שוין ביי זיי געוואָרן אַ זיכערע זאַך און דאָס פאָלק האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן אַזוי צו גלויבן.

* * *

אין יענער חורבן־שטימונג איז דאָס געבוירן געוואָרן די נייע אידייע וועגן משיח און דאָס איז, אַז עס וועט קומען אַ משיח, כדי צו לייטערן די אידן פון זייערע זינד.

די דאָזיקע אידייע איז אַנטשטאַנען אין אַ קליינער גרופּע צווישן די איסיים, וועלכע האָט זיך גערופן „אביונים״. ביי דער גרופּע האָט משיח אָנגענומען אַן אַנדער געשטאַלט אינגאַנצן. פאַר זיי איז ניט געווען אַזוי וויכטיק, אַז משיח זאָל קומען, כדי צו פאַראייניקן אַלע אידן, צוריקצוברענגען די צען שבטים און שאַפן אַ פאַראייניקט פאָלק פון יהודה און ישראל. ניין, דאָס איז שוין ביי זיי געווען אַ קליינער ציל, ווייל וויכטיקער פון דעם איז געווען אַן אַנדער געדאַנק, נעמלעך, צו לייטערן די נשמות פון די אידן,

אַז משיח זאָל אַראָפּברענגען דעם קעניגרייך פון גאָט אויף דער ערד און עס זאָלן פאַרגעסן ווערן אַלע זינד.

אָבער אויך די „אביונים" האָבן זיך געטיילט אויף צוויי לאַגערן: אויף אוניווערסאַליסטן און נאַציאָנאַליסטן. די אוניווערסאַליסטן האָבן זיך געזאָרגט פאַר די זינד פון אַלע מענטשן, אידן און ניט־אידן צוגלייך, און האָבן געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ זינד אויף דער וועלט, קאָן די געט־לעכקייט ניט האָבן קיין מנוחה, און נאָר ווען עס וועט קומען משיח און ער וועט אָפּשאַפן אַלע זינד פון אַלע מענטשן אָן אונטערשייד, וועט די וועלט אויסגעלייזט ווערן. די נאַציאָנאַליסטן האָבן אָבער געזאָגט, אַז משיח וועט קומען נאָר צו די אידן און ניט צו דער גאַנצער וועלט. די אידן האָבן געזינדיקט און דעריבער וועט גאָט שיקן זיין משיח צו זיי.

די איסיים איז איצט געווען אַ פּאַרטיי אין וועלכער עס האָבן געהערשט פאַרשידענע מיינונגען וועגן דער משיח־אידייע. די פּרושים האָבן געהאַט וועגן ענין משיח אַ קלאָרע פאַרשטעלונג — אַ פאַראייניקונג פון יהודה און ישראל. די צדוקים האָבן אויך געהאַט זייערס אַ קלאָרע פאַרשטעלונג — אַז עס וועט ניט קומען קיין משיח און עס וועט דעריבער צו אַזאַ פאַראייניקונג ניט קומען. ביי די איסיים איז שוין געווען וועגן ענין משיח זייער פיל מיינונגען. יעדע גרופּע און יעדע סעקטע פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָט געהאַט וועגן דעם ענין משיח איר פאַרשטעלונג.

ווי ווייט האָט עס דעריבער איצט געדאַרפט געדויערן, אַז עס זאָל קומען איינער מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע און זאָגן: איך בין דער משיח, וואָס איז געקומען אויסצולייזן די אידן און די גאַנצע וועלט? דאָס האָט געטאָן יעזוס און כדי צו פאַרשטאַרקן זיינע רייד פאַרוואָס האָט גאָט פונקט אים אויסגעוויילט צו שיקן צו די מענטשן, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז גאָטס זון. און אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס קריסטנטום, וואָס איז אַרויס פון די גרענעצן פון אידנטום.

איצט וועגן דעם צווייטן טייל פון דער אידעאָלאָגיע וועגן אַ „יענער וועלט", אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

17.

ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער געדאַנק וועגן אַ „יענער וועלט״?

אין דער תורה ווערט גערעדט נאָר פון באַלוינונג און באַשטראָפונג אויף דער וועלט און וועגן אַ „יענער וועלט״ ווערט גאָרניט דערמאָנט. — ווען דאָס פאָלק האָט גענומען פרעגן קשיות: פאַרוואָס גייט דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט? — אַנדערע קשיות אין די נביאים און כתובים. — וואָס מיינט דער באַגריף „עולם הבא״?

צוזאַמען מיטן גלויבן אינעם קומען פון אַ משיח, וואָס איז געווען אַן ענין פאַר אַלע אידן, פאַרן כלל ישראל, האָט אויך די נייע אידעאָלאָגיע פון די פרושים זיך געזאָרגט פאַרן יחיד, פאַר דעם איינצלנעם. זיי האָבן דערי־בער דערקלערט, אַז דער יחיד, יעדער איד באַזונדער, ווערט באַלוינט אָדער באַ־שטראָפט פאַר טאָן גוטס אָדער פאַר טאָן שלעכטס, ווייל עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פאַרגעלטונג און באַשטראָפונג, שכר ועונש.

אָבער ווען קומט דער שכר און אין וואָס דריקט ער זיך אויס? און וואָס איז דער עונש? אין וואָס באַשטייט ער?

אין דער תורה, וואָס משה רבנו האָט אונז געגעבן, רעדט זיך זייער פיל וועגן שכר און וועגן עונש, אָבער — נאָר אויף דער וועלט. פון אַ „יענער וועלט״ ווערט דאָרטן אינגאַנצן ניט דערמאָנט. עס ווערט גערעדט פון אַ פאַרגעלטיקונג פאַרן כלל און אויך פאַרגעלטיקונג פאַרן יחיד, ווען מען טוט דאָס גוטע אין גאָטס אויגן. בנוגע דעם כלל ווערט געזאָגט: „אויב איר וועט גייט אין וועג פון מיינע געזעצן און וועט אָפּהיטן מיינע געבאָטן און איר וועט זיי טאָן, וועל איך (אַזוי זאָגט גאָט) געבן אייערע רעגנס אין צייט, און די ערד וועט אַרויסגעבן איר תבואה, און דער בוים פון פעלד זיין פרוכט... און איר וועט עסן ברויט צו דער זאַט און איר וועט זיצן רואיק אין אייער לאַנד, און איך וועל געבן שלום אין לאַנד און איר וועט שלאָפן רואיק, און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל ציטערן און איך וועל פאַרשטערן די ווילדע חיה פון אייער לאַנד, און עס וועלן נאָכ־יאָגן פון אייך פינף — הונדערט, און הונדערט פון אייך — צען טויזנט, און אייערע פיינט וועלן פאַלן פאַר אייער שווערד, און איך וועל זיין מיט אייך און איר וועט זיך פרוכפּערן און מערן... און איך וועל מאַכן מיין

געצעלט צווישן אייך... און איך וועל זיין צו אייך אַ גאָט, און איר צו מיר — אַ פאָלק״.

אָט־דאָס זיינען די ברכות, די פאַרגעלטיקונג, וואָס די אידן וועלן קריגן, לויט משה׳ן, אַלס פאָלק, אויב זיי וועלן אויספאָלגן גאָטס געזעצן. זיי וועלן האָבן: 1) אַ גערעטעניש אין שפּייז; 2) שלום אין לאַנד, און אויב אַ שונא וועט זיי באַפאַלן, וועלן זיי אים באַלד פאַרניכטן; 3) פּרוכפּערן זיך און מערן; 4) גאָט וועט וואוינען צווישן זיי און וועט זיין צו זיי אַ גאָט, און זיי צו אים — אַ פאָלק.

אָבער אויב די אידן וועלן ניט אויספאָלגן די געזעצן, רעכנט די תורה אויס אַ גאַנצע רייע פון קללות, וואָס וועלן קומען אויף זיי. דאָס זיינען מורא׳דיקע שטראָפן, גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דער באַלוינונג, און זיי ענדיקן זיך דערמיט, אַז גאָט וועט זיי, די אידן, אַרויסטרייבן פון זייער לאַנד, ביז זיי וועלן חרטה האָבן אויף זייערע זינד און דאַן וועט ער זיי צוריק אויסלייזן (ויקרא ל״ג).

אָט־דאָס אַלץ איז פאַרן כלל. פאַרן יחיד ווידער ווערט געזאָגט, אַז ער זאָל פאָלגן גאָטס געזעצן צוליב צוויי זאַכן: 1) „למען ייטב לך ולבניך אחריך״, כדי עס זאָל זיין גוט דיר און דיינע קינדער נאָך דיר און 2) כדי דו זאָלסט לאַנג לעבן. אָט־די באַלוינונג פון לאַנג לעבן שטייט ביי עטלעכע מצוות, ווי למשל, ביי „כיבוד אב״ — „למען יאריכון ימיך״ — כדי עס זאָלן פאַרלענגערט ווערן דיינע טעג (דברים ה׳), און אויך ביי דער מצווה פון „שילוח הקן״ שטייט „והארכת ימים״ — דו וועסט לעבן לאַנג (דברים כ״ב) און אַזוי אויך ביי אַנדערע מצוות.

כדי צו שטאַרקן ביי אידן דאָס אָפּהיטן פון די מצוות און דאָס ניט טאָן קיין עבירות, האָט משה אָנגעזאָגט די אידן, אַז ווען זיי וועלן אַריבערגיין דעם ירדן און אַריינקומען אין לאַנד, זאָלן זיי דורכפירן פאָלגנדיקע צערע־מאָניע: די פאָרשטייער פון זעקס שבטים — שמעון, לוי, יהודה יששכר, יוסף און בנימין זאָלן זיך אַוועקשטעלן אויפן באַרג גריזים און אויף אים בענטשן די אידן. זיי זאָלן אויסרעכענען אַלע ברכות, וואָס זיינען די פאַרגעלטיקונג פאַר די וואָס טוען גוטס און פירן אויס די געבאָטן פון גאָט. דאַן זאָלן די פאָרשטייער פון די אַנדערע זעקס שבטים: ראובן, גד, אשר, זבולון, דן און נפתלי זיך אַוועקשטעלן אויפן באַרג עיבל און אויף אים שעלטן די אידן וואָס וועלן עובר זיין אויף די געבאָטן פון גאָט. דאָס זיינען די קללות פאַר ניט פאָלגן. סיי די ברכות און סיי די קללות זיינען די, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט.

* * *

אָט אַזוי האָט משה, דער געטלעכער מאַן, גערעדט צו די אידן וועגן באַלוינונג און באַשטראָפונג. ווי געזאָגט, רעדט ער נאָר וועגן דער וועלט; אָבער וועגן „יענער וועלט״, וועגן אַן עולם הבא, דערמאָנט ער אינגאַנצן ניט.

מיט אַנדערע ווערטער: דער געדאַנק, אַז פאַר גוטס וועט מען באַלוינט ווערן אויף „יענער וועלט" און אַז אויך דאָרטן וועט מען באַשטראָפט ווערן פאַר טאָן שלעכטס, איז אין דער תורה ניטאָ. דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך. אָבער ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו?

דאָס האָט צו טאָן מיט דער אַנטוויקלונג פון פאָלק ישראל אויף זיין לאַנד. פּונקט אַזוי ווי אַ יחיד, ווען ער איז יונג, גלויבט ער אין פיל זאַכן באמונה שלמה, אָבער ווען ער ווערט עלטער הויבט ער אָן צו צווייפלען אין פיל פון די זאַכן, אין וועלכע ער האָט פריער געגלויבט, אַזוי איז עס אויך ביי אַ פאָלק. ווען דאָס פאָלק איז יונג, גלויבט עס אין אַ סך זאַכן, אָבער ווען עס ווערט עלטער און מער אַנטוויקלט, הויבט עס אָן צו צווייפלען אין פיל פון די זאַכן אין וואָס עס האָט פריער געגלויבט.

דאָס זעען מיר אויך ביים אידישן פאָלק: דאָס פאָלק וואָס האָט פריער בלינד געגלויבט, האָט שפּעטער אָנגעהויבן צו פרעגן קשיות. די ערשטע קשיה איז געווען: צי עס איז טאַקע אמת, אַז דער וואָס טוט גוטס קריגט דערפאַר גוטס, און דער וואָס טוט שלעכטס קריגט דערפאַר שלעכטס? ווייל מיר זעען אין לעבן, אַז עס איז ניט אַזוי. עס איז געווען די פראַגע פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו" — מיר זעען, אַז איינער וואָס איז אַ צדיק און עס גייט אים שלעכט, און מיר זעען אויך, אַז איינער וואָס איז אַ רשע און עס גייט אים גוט. אויב אַזוי, וואו איז דאָ די באַלוינונג און באַשטראָפונג? — אָט די סקעפּטישע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויך אין שריפט — אין תהלים, וואו עס ווערט געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס עס איז פאַלש די גאַנצע באַשאַפונג פון מענטש („על מה שוא בראת כל בני אדם"), און אויך אין פיל אַנדערע שטעלן.

גאָר באַזונדערס געפינען מיר סקעפּטישע געדאַנקען אין ספר „איוב", וואָס איז אינגאַנצן געווידמעט אָט־דער פראַגע. עס הויבט זיך אָן מיט אַ דערציילונג פון אַ מאַן, וואָס האָט געלעבט אין לאַנד עוץ און האָט געהייסן איוב, און וועלכער איז געווען אַ גרויסער צדיק און געטאָן אַלדאָס גוטס אין גאָטס אויגן, און דאָך זיינען געקומען אויף אים פיל צרות, איינע נאָך דער אַנדערער. עס קומען צו אים זיינע דריי פריינט און מען רעדט אַרום דאָס וואָס עס איז אים געשען פון אַ ברייטערן שטאַנדפּונקט, נעמלעך, צי עס איז דאָ באַלוינונג און באַשטראָפונג פאַר גוטס און שלעכטס און צי איז גאָט גערעכט אין אַלעם, וואָס ער טוט בנוגע מענטשן. צום סוף הערט זיך די שטימע פון גאָט, וואָס מוסר'ט איוב'ן וועגן די צווייפלען און קשיות איבער זיין אויפפירונג. אין איוב געפינען מיר שוין אַזעלכע געוואַגטע רייד ווי: קאָן דען אַ מענטש דערוואַרטן גערעכטיקייט פון גאָט? קאָן פאַר זיין באַ־שעפער אַ מענטש זיין ריין? ווען ער גלויבט ניט אין זיינע קנעכט און אין זיינע מלאכים געפינט ער טאַדלונג? („האנוש מאלוה יצדק? אם מעושיהו יטהר גבר? הן בעבדיו לא יאמין ובמלאכיו ישים תהלה", איוב ד, י"ג).

אָבער נאָך פיל שאַרפער איז דער סקעפּטיציזם פון „קהלת". דאָרטן געפינען מיר אַפילו רייד, אַז עס איז קיין פּעולה ניט צו זיין אַ צדיק, ווייל אַ רשע און אַ צדיק האָבן דעם זעלבן גורל. קהלת זאָגט: „הכל כאשר לכל מקרה אחד לצדיק ולרשע, לטוב ולטהור ולטמא ולזובח ולאשר איננו זובח" (קהלת ט׳, ב׳) (עס איז דאָ איין שיקזאַל פאַרן צדיק און פאַרן רשע, פאַרן גוטן און פאַרן שלעכטן, פאַרן ריינעם און פאַר דעם וואָס איז טמא, פאַר דעם וואָס ברענגט קרבנות און פאַר דעם וואָס טוט עס ניט). אין אַן אַנדערע שטעלע זאָגט ער: „ומותר האדם מן הבהמה אַין" (דער מענטש איז ניט בעסער ווי אַ בהמה, ביידע טרעפט איין גורל — קהלת ג׳, י״ט). דאָס זיינען אָפענע רייד פון ניט־גלויבן, אַז דער צדיק קריגט אַ באַלוינונג פאַר דעם גוטס, וואָס ער טוט און דער רשע — אַ באַשטראָפונג.

אין דער גמרא געפינען מיר, אַז דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן דעמאָלט צו פרעגן אַזאַ קשיא: די תורה זאָגט, אַז אויב דו וועסט געפינען אַ נעסט פון פייגל און דו ווילסט די פייגל האָבן פאַר זיך, זאָלסטו די מוטער אַוועקשיקן און די פייגל קאָנסטו דערהאַלטן. דערביי ווערט אָנגעגעבן די באַלוינונג, וואָס מען וועט קריגן דערפאַר, נעמלעך — „והארכת ימים" — דו וועסט לאַנג לעבן. האָט פּאַסירט, אַז איינער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים אַראָפּצונעמען אַזאַ נעסט פון פייגל. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען אַוועקצושיקן די מוטער פון די קינדער, אַזוי ווי די תורה הייסט טאָן, דאַן איז ער אַראָפּ מיט די פייגל פון דעם לייטער און איז געפאַלן און איז געשטאָרבן. טאָ ווי אַזוי האָט ער די באַלוינונג, וואָס שטייט געשריבן דערביי, אַז „דו וועסט דערפאַר לאַנג לעבן"? (חולין קמ״ב).

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די תנאים האָבן זיך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן דעם, כדי דאָס פאָלק זאָל ניט אויפהערן אויסצופאָלגן די רייד פון דער תורה, און זיי האָבן געטאָן דאָס זעלבע ווי ביים ענין פון משיח. דאָרטן האָט מען געמוזט אָפּלייגן דעם ענין פון משיח אויף שפּעטער, אויף דער צוקונפט, ווייל אין דער קעגנוואַרט איז עס געווען אַנדערש. דאָ, ווידער, ביים ענין פון באַלוינונג און באַשטראָפונג, האָט מען געמוזט אָפּלייגן די זאַך אויף אַן אַנדער אָרט, ד. ה. ניט אויף דער וועלט, נאָר — אויף יענער וועלט. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער באַגריף פון „עולם הבא".

אָבער באַלד נאָכדעם ווי דער באַגריף איז געשאַפן געוואָרן דורך די פּרושים (די צדוקים זיינען געווען קעגן דעם, ווי מיר האָבן עס שוין דערקלערט), איז ער געווען נעפּלהאַפט און ניט קלאָר, אַפילו אין די אייגענע רייען פון די תנאים. די באַגריפן פון אַ „גן עדן" און אַ „גיהנום" זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען. דאָס איז געקומען ערשט שפּעטער. אָבער אַפילו דער באַגריף „עולם הבא" (יענע וועלט) איז נאָך ניט געווען גענוג קלאָר פאַר אַלע. ווײַרים קודם כל האָט דאָס געפאָדערט, אַז מען זאָל גלויבן

אַז די נשמה בלייבט לעבן, דאָס מיינט — „השארת הנפש". דער גוף ווערט צעפוילט, איז דאָך פון גוף ניטאָ מער וואָס צו רעדן, בלייבט, אַלזאָ, נאָר די נשמה. זאָל עס הייסן, אַז עס איז דאָ אַ מין צווייטע עקזיסטענץ? אָבער ווי אַזוי לעבט די נשמה? ווי לאַנג קאָן זי לעבן? קאָן די נשמה אַליין אָן גוף טאָן גוטס, אָדער פאַרקערט, טאָן שלעכטס? קאָן זי האָבן פאַרגעניגן פון גוטס, וואָס מען טוט איר, און פון ליידן, וואָס מען וועט איר פאַרשאַפן?

אין דער גמרא (חולין קמ"ב) — וואָס מיר האָבן פריער געבראַכט, וועגן דער קשיא פון פאָלק בנוגע דעם אָוועקשיקן פון דער מוטער פון די פייגל — ווערט געגעבן אַזאַ ענטפער: „דער פסוק זאָגט: „למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך", דאָס מיינט: „למען יאריכון ימיך בעולם שכולו ארוך ולמען ייטב לך בעולם שכולו טוב" (דו זאָלסט לאַנג לעבן אין דער וועלט, וואָס איז לאַנג, און עס זאָל דיר זיין גוט אין דער וועלט, וואָס עס איז נאָר גוט). דאָס ווייזט, אַז אין אָנהויב האָט מען געטראַכט פון „עולם הבא" נאָר אַלס באַלוינונג. דער באַגריף „עולם הבא" האָט געמיינט בלויז גוטס און עס איז דעמאָלט געווען נאָר איין פאָרם פון יענער וועלט — אַ וועלט, וואָס איז לויטער גוטס. עס האָט געהייסן אַזוי: אַלע וואָס פאָלגן אויס גאָטס רייד און טוען דאָס וואָס ער האָט געבאָטן קומען שפעטער אויף יענער וועלט, וואָס באַשטייט פון לויטער גוטס, און געניסן דאָרטן פון דעם גוטס וואָס עס איז דאָרטן דאָ. די אַנדערע, די וואָס טוען ניט דאָס וואָס עס איז גוט אין גאָטס אויגן, וועלן קיין „עולם הבא" ניט האָבן. דאָס איז געווען די באַשטראָפונג. דערפאַר זאָגט די משנה (אין סנהדרין): „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא" — אַלע אידן האָבן אַ חלק אויף עולם הבא, אַ חוץ אייניקע, וואָס מען רעכנט אויס דאָרטן, אַז זיי קריגן ניט.

אָבער אַפילו אין דער פאָרם איז נאָך דער ענין „עולם הבא" ניט געווען קלאָר פאַר אַלע. עס איז ניט געווען קלאָר, וואָס עס מיינט „השארת הנפש" — דאָס בלייבן לעבן פון דער נשמה נאָכן טויט. אַזוי זיינען אויך געווען וועגן דעם אַנדערע מיינונגען ביים פאָלק, דעריבער האָבן ניט אַלע גלייך אָנגענומען די נייע טעאָריע פון די פרושים.

די תנאים האָבן דעריבער אָוועקגעשטעלט די אַקסיאָמע, אַז די נשמה בלייבט לעבן נאָכן טויט (השארת הנפש), אַלס יסוד צו קאָנען אויפבויען דערויף זייער שיטה, אַז עס איז דאָ אַ „יענע וועלט" (עולם הבא), וואו מען באַלוינט צדיקים מיט גוטס פאַר די גוטע מעשים, וואָס זיי האָבן געטאָן. אָבער דער געדאַנק האָט אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט, ניט נאָר ביי דער צדוקים־פאַרטיי, וועלכע האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלאַכט פון דעם, נאָר אויך צווישן פשוט'ן פאָלק, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן מיט די פרושים. אויך דאָס פאָלק האָט ניט אַזוי גערן אָנגענומען די דערקלערונג וועגן אַן „עולם הבא", אַלס ענטפער אויף דער פראַגע פון שכר ועונש. עס איז דעריבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען די פרושים איינצופירן אָט־די אידעאָלאָגיע ביים פאָלק.

וועגן דער צדוקים־פּאַרטיי איז דאָך אָפּגערעדט. זיי האָבן שטענדיק פאַר־לאַנגט, אַז אַלץ זאָל שטיין אַרויסגעשריבן אין דער תורה, און אויב ניט — איז ניט. די תנאים האָבן גע׳טענה׳ט, אַז די תורה האָט ניט אַלעמאָל קלאָר אַרויסגעשריבן אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן. די תורה דאַרף מען פאַר־שטיין, האָבן זיי געזאָגט, אויף פיר אופנים: „פשט" — דאָס מיינט אַזוי ווי עס שטייט געשריבן; „רמז" — אַ וואונק וועגן עפּעס, וואָס איז ניט קלאָר אַרויסגעשריבן; „דרש" — דורך דרש׳ענען און מאַכן פאַרגלייכונגען פון איין פּסוק מיטן צווייטן, און „סוד" — דורך אַ מיסטישן אופן. די ראשי תיבות פון די אַלע פיר אופנים איז — „פרדס" („פשט, רמז, דרוש, סוד"). די צדוקים אָבער האָבן געהאַלטן נאָר פון איין זאַך — פשט.

די תנאים האָבן, למשל, וועגן „השארת הנפש" געזאָגט, אַז אויב עס שטייט ניט בפירוש אַרויסגעשריבן אין דער תורה, איז דאָ אַ רמז דערויף. אין די פּרשיות ביי די אָבות, ווען זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט, געפינען מיר אָפט דעם אויסדרוק: „ויאסף אל עמיו" (איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק). דאָס מיינט, אַז די נשמה איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו די נשמות, וואָס זיינען שוין געווען דאָרטן פון פריער. מיר געפינען אויך אַזעלכע רמזים ביי די נביאים און אין די כתובים. אביגיל האָט געזאָגט צו דוד המלך: „והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ה׳ אלוקיך ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע" (שמואל א׳, כ״ה). אַפילו ביי קהלת׳ן, וואָס איז אַ גרויסער סקעפּטיקער וועגן באַלוינונג און באַשטראָפונג, געפינען מיר די שטעלע וואו ער זאָגט, אַז „והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה" — די נשמה וועט זיך אומקערן צו גאָט, וועלכער האָט זי אַריינגעגעבן אין מענטשן (קהלת י״ב). אַזוי זיינען דאָ נאָך פיל שטעלן. קיין אָפענע רייד זיינען טאַקע וועגן דעם בלייבן לעבן פון דער נשמה, נאָכן טויט, ניטאָ, אָבער רמזים זיינען דאָ.

די צדוקים האָבן אָבער ניט געוואָלט הערן דערפון. זיי האָבן גע׳־טענה׳ט, אַז נאָכן טויט איז גאָר ניטאָ, און אַז די נשמה שטאַרבט צוזאַמען מיטן גוף — דעריבער איז ניטאָ קיין „יענע וועלט", קיין „עולם הבא". עס איז נאָר דאָ איין וועלט, זאָגן די צדוקים, אָט די וועלט אין וועלכער מיר לעבן. און ווען אַ מענטש שטאַרבט, שטאַרבט ער פאַר גוט. די נשמה גייט ניט אַוועק ערגעץ אַנדערש־וואו. עס איז קיין שום עולם הבא ניטאָ. דאָס זיינען אַלץ בבא־מעשיות. די תנאים האָבן דעריבער מתקן געווען אַ תפילה ביים דאַווענען, אַז מען זאָל זאָגן ניט נאָר „מן העולם" (פון דער וועלט), נאָר „מן העולם ועד העולם" (פון דער וועלט ביז יענער וועלט) (ברכות נ״ד). זיי האָבן אויך געשאַפן די תפילה, וואָס אידן זאָגן אין דער פרי ביים דאַוונען: „אלוקי, נשמה שנתת בי טהורה היא" א. א. וו., וואו עס ווערט באַטאָנט דער געדאַנק, אַז די נשמה באַלאַנגט צו יענער וועלט.

אין קעגנזאַץ צו די צדוקים האָבן די מיסטיקער, די שרייבער פון די ספרים חיצונים, וועלכע מען האָט ניט אַריינגענומען אין תנ״ך, גראָד יאָ געהאַלטן

פון „השארת הנפש". אַזעלכע שטעלן געפינען מיר אין ספר „חכמת שלמה" (וואָס אַ טייל זאָגן, אַז עס שטאַמט פון שלמה המלך), וואו עס שטייט: „דער גוף איז פון דער ערד, אָבער די נשמה איז פון הימל און איז געשלעך, און זי האָט עקזיסטירט נאָך איידער דער גוף איז געווען אויף דער וועלט" (דאָרטן, קאַפיטל אַכט, פסוק 19 און 20), אָדער „דער גוף איז אַ משא פאַר דער נשמה, דערפאַר איילט זיך די נשמה באַלד נאָכן טויט אומצוקערן זיך צו גאָט" (דאָרטן, קאַפיטל 6, פסוק 20).

וועגן „השארת הנפש" ווערט אויך גערעדט אין ספר „היובלים" (קאַפיטל 23, 31), אין ספר „חנוך" (קאַפיטל 31, 4), אין „בן סירא", אין „ספר החשמונאים" און אין פיל אַנדערע.

די איסיים בכלל האָבן גאַר שטאַרק געהאַלטן פון „השארת הנפש", אָבער, ווי זייער שטייגער איז געווען, האָבן זיי וועגן דעם אויך שטאַרק איבערגעטריבן. ווי יאָזעפוס דערציילט אונז, האָבן זיי געגלויבט, אַז עס איז דאָ אין הימל אַן אוצר וואו מען האַלט אַלע נשמות, איידער מען שיקט זיי אַראָפּ אויף דער ערד אין אַ קערפּער פון אַ מענטשן. די נשמות ווילן ניט אַראָפּנידערן אויף דער ערד, אָבער זיי טוען דאָס, נאָכדעם ווי מען באַפעלט זיי אַזוי צו טאָן. די גאַנצע צייט, וואָס אַ נשמה איז אויף דער ערד, פילט זי זיך ווי זי וואָלט געווען אין תפיסה, און ליידט שטאַרק פון די גלוסטונגען פון גוף און פון זיינע פאַלשקייטן און האָפט שוין אויפן טאָג ווען זי וועט אויסגעלייזט ווערן פון גוף און אומקערן זיך צו איר מקור. דעריבער, ווען אַ מענטש שטאַרבט, איז ביי דער נשמה אַ גרויסע שמחה. זי פרייט זיך דערויף, וואָס זי איז באַפרייט געוואָרן פון אַ מענטשלעכן גוף, און פליט אַרויף צום הימל, ווי אַ פרייער פויגל. אָבער דער געדאַנק אַז די נשמה האָט געלעבט פריער, איידער זי איז אַראָפּ אויף דער וועלט און איז אַריין אין אַ גוף און אַז זי קומט שפעטער צוריק אין הימל — איז ניט געווען אַ אידישער. מיר געפינען דאָס שוין ביים גריכישן פילאָזאָף פלאַטאָ און ביי פיל אַנדערע גריכישע פילאָזאָפן, וואָס זיינען געווען פאַר אים, ווי אויך ביי פיל פון דער אינדישער רעליגיע. ביי פלאַטאָ'ן געפינט זיך, למשל, דער געדאַנק וועגן אַן אוצר הנשמות, אין וואָס די איסיים האָבן געגלויבט. דאָס געפינען מיר אויך שפעטער אין די אגדות פון תלמוד. אויך דאָס וואָס עס שטייט אין דער אגדה, אַז די נשמה האָט געלערנט תורה פריער, איידער זי איז אַראָפּ אויף דער וועלט, איז אַ פלאַטאָניש׳ער געדאַנק און ווערט קלאָר אַרומגערעדט אין זיינע „דיאַלאָגן". דאָס ווייזט, אַז דער געדאַנק פון אַ לעבן פון דער נשמה נאָכן טויט, איז ביי די אידן ניט געווען איינגאַנצן ניי, ווייל ער איז שוין געווען דעמאָלט טיילווייז אויך ביי אַנדערע פעלקער. אַפילו דער געדאַנק וועגן אַ זיווג פון צוויי נשמות, וואָס ווערן פריער פאַרן געבורט געפאָרט, און אויב זיי טרעפן זיך דאָ אויף דער וועלט איז עס גוט פאַר

ביידן, געפינען מיר שוין ביי פּלאַטאָן װעלכער רופט אָן אַזאַ פּאַראַיי־ניקונג, אַ גליק פאַר די מענטשן.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אין דער פאַרמולירונג פון דער אידעאָלאָגיע פון „עולם הבא", האָבן געווירקט אויך השפעות פון דרויסן, פון פרעמדע געלערנטע און פון אַנדערע רעליגיעס.

* * *

אָבער וואָס איז אַזוינס דער „עולם הבא", וואָס צדיקים וועלן עס קריגן און די רשעים ניט? פון וואָס באַשטייט ער? וואָס פאַר אַ גוטס וועלן דאַרטן די צדיקים האָבן, וואָס די רשעים וועלן ניט זוכה זיין דערצו?

דער אמת איז, אַז דאָס איז פאַר די שאַפער פון דער אידעאָלאָגיע אַליין אויך ניט געווען קלאָר. זיי האָבן פאַרשטאַנען בדרך כלל, אַז די פאַרגעניגנס פון עולם הבא וועלן זיין גייסטיקע און ניט קיין פיזישע, ווייל אַנדערש איז דאָך ניט מעגלעך. אויף יענער וועלט, האָבן די חכמים געזאָגט, וועט ניט זיין קיין פאַרגעניגנס פון עסן און טרינקען; עס וועט ניט זיין קיין פאַרגע־ניגנס פון פאַרקער צווישן אַ מאַן און אַ פרוי; עס וועט ניט זיין קיין שום האַנדל; עס וועט ניט זיין קיין קנאה און שנאה, קיין קאָנקורענץ און קיין שום פאַרמעסטונג. דאָס אַלץ וועט ניט זיין, אָבער וואָס וועט יאָ זיין? דערצו קומט דער ענטפער „אלא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה" (נאָר די צדיקים זיצן מיט די קרוינען אויף זייערע קעפּ און האָבן אַ הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה — ברכות ט"ז). אָבער וואָס מיינט די לויטערקייט פון דער שכינה? דאָס איז ניט קלאָר. בלויז אין אַן אַנדער אָרט ווערט געזאָגט, אַז דער פאַרגעניגן איז גרעסער ווי אַלע פאַרגעניגנס פון דער וועלט: „יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה" (עס איז בעסער איין שעה פון פאַרגעניגנס אויף יענער וועלט, ווי דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט — אבות פרק ט"ו, י"ז). אויך האָבן די חכמים געזאָגט, אַז ווער עס גיט זיך אָפּ צו פאַרגעניגנס פון דער וועלט, דער וועט ניט קריגן די פאַרגעניגנס פון יענער וועלט (אָבות נתן פרק כ"ה, ו'). פון דעסטוועגן זעען מיר געציילטע, וואָס האָבן גע־האַט ביידע וועלטן, די וועלט און יענע וועלט, ווי, למשל, ר' יהודה הנשיא און נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען געווען זייער רייך און האָבן געהאַט אַ גוט לעבן אויף דער וועלט און אויך אַ גרויסן חלק אויף יענער וועלט. אָבער וועגן זיי ווערט געזאָגט, אַז „לאו כל אדם זוכה" — ניט יעדער איינער האָט אַ זכיה דערצו.

אַלזאָ פון דעם פאַרגעניגן פון „עולם הבא", ווי ניט קלאָר עס איז, וועלן דערפון זוכה זיין נאָר צדיקים, און פאַר די רשעים וועט זיין אַ שטראָף דאָס וואָס זיי וועלן צו דעם פאַרגעניגן ניט זוכה זיין; זיי וועלן ניט האָבן די זכיה צו האָבן אַ הנאה פון דער לויטערקייט פון דער שכינה, וואָס אַזוינס עס זאָל ניט זיין.

אין דעם זין האָבן די פּרושים אויך געטייטשט די שטראָף „כרת״, וואָס געפינט זיך אין דער תורה פאַר געוויסע עבירות (אומעטום, וואו עס שטייט „כרת״, שטייט אויך דאָס וואָרט „נפש״, ווי „ותכרת הנפש הזה״ א. ז׳. גל.). דאָס מיינט, אַז די שטראָף וואָס אַזאַ איינער וועט האָבן, וועט זיין דאָס, וואָס זיין נשמה, זיין נפש, וועט פאַרשניטן ווערן פון דער זכיה פון עולם הבא. זי וועט די זכיה ניט האָבן.

* * *

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, איז דאָס פאָלק, וואָס האָט געוויינלעך כּסדר געהאַלטן מיט די פּרושים, בנוגע דער אידעאָלאָגיע פון שכר ועונש און עולם הבא, ניט אינגאַנצן געווען מיט זיי. דערצו דאַרף מען צוגעבן אַז אויך צווישן די תנאים גופא איז געווען אַ מינדערהייט וואָס האָט ניט געהאַלטן פון דעם גאַנצן ענין פון השארת הנפש און עולם הבא, אַלס באַלוינונג פון צדיקים פאַר זייערע מצוות, און ניט צו די רשעים, אַלס שטראָף פאַר זייערע עבירות. עס זיינען געווען אַזעלכע תנאים, וואָס זיי האָט דער גאַנצער ענין פון באַלוינונג ניט אינטערעסירט און זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף גאָרניט קיין עולם הבא, ווייל דער שכר ליגט אין דער טאַט גופא. אַזוי זאָגט בר קפּרא: „שכר מצוה — מצוה״ (דער שכר וואָס מען האָט ווען מען טוט אַ מצוה, איז דאָס וואָס מען טוט אַ מצוה, אַ גוטע טאַט). אויב מען העלפט עמעצן איז דאָס אַליין, וואָס מען האָט געהאָלפן אַ מענטשן אין נויט, די גרעסטע באַלוינונג, און אַזוי אויך פאַרקערט: ווען מען טוט אַ שלעכטע זאַך איז דאָס אַליין די באַשטראָפונג. עפּעס אַנדערש איז ניטאָ. דעריבער זעען מיר, אַז אנטיגנוס איש סוכו זאָגט: „אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פּרס. אלא היו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פּרס״ (זייט ניט ווי קנעכט, וואָס באַדינען דעם האַר דערפאַר, וואָס זיי ווילן קריגן אַ באַלוינונג, נאָר זייט אַזוי ווי קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר, כדי ניט צו קריגן קיין באַלוינונג — אבות א׳, ג׳). מיר געפינען אויך, אַז געוויסע חכמים האָבן געטייטשט דעם פּסוק „ובמצוותיו חפץ מאד״ (תהלים ק״ב) — ער, וואָס האָט ליב צו טאָן גאָטס געבאָטן — ווי עס וואָלט געשטאַנען „ולא בעד שכר מצוותיו״ (אָבער ניט פאַרן שכר, וואָס ער וועט קריגן פאַר די מצוות).

אַזעלכע אויסדרוקן זיינען דאָ אין תלמוד פיל. דאָס ווייזט אַלזאָ אויף אַ געוויסער שולע, אַ מינדערהייט, וואָס האָט ניט געהאַלטן אינגאַנצן פון דער אידעאָלאָגיע פון אַן „עולם הבא״ פון די פּרושים, ווייל פאַר זיי איז געווען גענוג אָפּצוהיטן די געזעצן פון דער תורה, אָן שום באַלוינונג, בלויז דערפאַר ווייל אַזוי איז געווען דער ווילן פון גאָט. אָבער די מערהייט פון די פּרושים איז דאָך געווען פאַר דער אידעאָלאָגיע פון אַן עולם הבא. דאָס פאָלק האָט אָבער געוואָלט האָבן מער קלאָרהייט וועגן דעם. אָט דאָס איז באַלד

געקומען דורך דעם וואָס די תנאים האָבן גענומען מער פּאַרפּעסטיקן דעם בנין פון „עולם הבא" און האָבן דאָס פאַרשטאַרקט דערמיט וואָס זיי האָבן געשאַפן צוויי נייע באַגריפן פאַר באַלוינונג און באַ־שטראָפונג. זיי האָבן געזאָגט, אַז צדיקים וועלן האָבן זייער עולם הבא אין אַ געוויסן פּלאַץ, אין גן־עדן, און אַז די רשעים וועלן, אַ חוץ דעם שטראָף פון ניט געניסן פון עולם הבא, אויך נאָך געפּייניקט ווערן אין אַ גיהנום. די צוויי באַגריפן „גן־עדן" און „גיהנום" זיינען געווען נייע. ווי אַזוי די אידן זיינען דעמאָלט געקומען צו זיי, און וואָס דאָס פאָלק האָט געטראַכט וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.18

דער געדאַנק פון אַ גן־עדן און אַ גיהנום

דאָס איז געווען אַ נייע אויסטייטשונג פון „עולם הבא". — צוויי אינסטיטוציעס, וואָס זיינען דאָ אויף יענער וועלט, איינע פאַר צדיקים און די צווייטע פאַר רשעים. — דער געדאַנק פון אַ „גן עדן של מעלה". — פאַרוואָס האָט דאָס ניט שטאַרק אויסגענומען ביי דעם פאָלק. — אַ נייער געדאַנק וועגן „תחית המתים".

די פּרושים האָבן זיך איצט געזען געצוואונגען צו געבן צו דער נייער אידעאָלאָגיע פון „עולם הבא" אַן אויסטייטשונג, פון אַ „גן־עדן" און אַ „גיהנום". זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער באַגריף „עולם הבא" אַליין איז ניט גענוג. צו זאָגן בלויז, אַז די צדיקים וועלן געניסן פון „דער לויטער־קייט פון דער שכינה" און רשעים ניט, איז ניט בכח אויפצוהאַלטן דעם עולם אין די ראַמען פון מצוות און מעשים טובים. זיי האָבן איצט איינגעזען, אַז מען דאַרף האָבן עפּעס מער קאָנקרעטעס, מער ממשות׳דיקעס, באַשטימ־טעס, און זיי האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן צוויי אינסטיטוציעס: איינע פאַר צדיקים, וואו זיי זאָלן האָבן פאַרגעניגן, און די צווייטע פאַר רשעים, וואו זיי זאָלן האָבן יסורים און ליידן. היות ווי דער ענין פרייד איז בטבע באַגרענעצט, און דער ענין ליידן קאָן זיין אָן אַ שיעור, איז דעריבער אויס־געקומען, אַז די אינסטיטוציע פון פרייד פאַר צדיקים זאָל זיין באַגרענעצט אין פאַרגעניגן, אין פאַרגלייך מיט די כפול־שמונה׳דיקע יסורים פונ׳ם גיהנום.

וואָרים אַט־דאָס ליגט שוין אין כאַראַקטער פון פרייד און לייד. דאָס ניט האָבן לייד, איז שוין פרייד. דעריבער איז די ליסטע פון ליידן פיל גרעסער ווי די ליסטע פון פרייד. ווען מען זאָגט צו אַ מענטש, אַז ווען ער וועט טאָן גוטס, וועט ער דערפאַר האָבן פרייד, איז די מאָס וואָס ער וועט האָבן אַ באַשטימטע. עס איז אַזעלכעס וואָס מען קאָן זאָגן מיט עטלעכע ווערטער. אָבער ווען מען קומט זאָגן דאָס פאַרקערטע, אַז אויב ער וועט ניט טאָן דאָס גוטע, וועט ער האָבן צרות, קאָן שוין די מאָס זיין אָן אַ שיעור. דאָס זעען מיר אויך אין חומש, ביי די ברכות און קללות, וואָס משה האָט געזאָגט צו די אידן. די ברכות זיינען ווייניק אין צאָל. די קללות אָבער, די תוכחה, זיינען אין די הונדערטער. אויף אַזאַ אופן האָבן די חכמים געשאַפן די צוויי נייע אינסטיטוציעס פון „גן־עדן" פאַר די צדיקים און „גיהנום" פאַר די רשעים. דעם גן־עדן — מיט באַגרענעצטע פרייד, אָבער דעם גיהנום — זאָל גאָט אָפּהיטן... שבעה מדורי גיהנום...

די פּרושים זיינען איצט געווען זיכער, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג און אַז דאָס פאָלק וועט האָבן אַן אמת׳ן ענטפער וועגן פאַרגעלטיקונג און באַשטראָפונג, שכר ועונש, און שוין מער קיין קשיות ניט פרעגן. דערמיט האָבן זיי מבטל געמאַכט דעם אַלטן באַגריף פון „עולם הבא״, אַלס אַ באַגריף פון גוטס בלויז פאַר צדיקים, וואָס די רשעים וועלן ניט קריגן. „עולם הבא״ איז צוריק געוואָרן אַ פשוט וואָרט, דער היפוך פון „עולם הזה״, בלויז יענע וועלט און ניט מער. נאָר אויף יענער וועלט זיינען ערשט דאָ צוויי אינסטיטוציעס, איינע פאַר צדיקים — „גן־עדן״, און די צווייטע פאַר רשעים — „גיהנום״.

די צדוקים, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך פון דעם ווידער אויסגע־לאַכט. זיי, וואָס האָבן ניט געגלויבט אינגאַנצן אין אַ יענער וועלט, האָבן דאָך אויך ניט געקאָנט גלויבן אין אַ „גן עדן״ און „גיהנום״. דערפאַר אָבער האָבן די איסיים זיך אָן דעם נייעם טייטש פון אַ „גן־עדן״ און אַ „גיהנום״ גאָר שטאַרק אָנגעכאַפּט, און ווידער זיינען זיי אַוועק אין עקסטרעמען, ווי זייער שטייגער איז געווען.

וואָס האָט אָבער געזאָגט דאָס פאָלק? וואָס האָבן געזאָגט די גרויסע מאַסן, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַלטן מיט די פּרושים? ווי אַזוי האָבן זיי רעאַגירט דערויף? — דער ענטפער איז, אַז די אויפנאַמע פון דעם געדאַנק איז אויך געווען אַ קאַלטע. עס האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט צום פאָלק, וואָס האָט געקוקט אויף זאַכן רעאַליסטיש. דאָך האָבן די נייע באַגריפן עפּעס יאָ געמיינט פאַר זיי, ווייל דאָס זיינען געווען ווערטער ניט אינגאַנצן נייע; עס זיינען געווען ווערטער, וועלכע האָבן געהאַט עפּעס אין זיך, אַזוינס פון וואָס דאָס פאָלק האָט שוין געהאַט אין זיין היסטאָרישן זכרון. דאָס זיינען געווען פּסיכאָלאָגישע באַגריפן און טאַקע דערויף האָבן די חכמים געבויט. זיי, די תנאים, זיינען אַ חוץ גרויסע געזעצגעבער, אויך געווען פּסיכאָלאָגן (כאָטש מען האָט נאָך דעמאָלט פון דעם וואָרט ניט געוואוסט). זיי האָבן געוואוסט ווי אַזוי אונטערצוטראָגן די באַגריפן וועגן די נייע אינסטיטוציעס צום פאָלק און וועלכע נעמען צוצוקלייבן פאַר זיי. די צוויי ווערטער „גן־עדן״ און „גיהנום״ זיינען געווען זייער צוגעפּאַסט.

פאַרוואָס אַזוי? דאָס וועלן מיר באַלד זען.

* * *

פון דעם אויסדרוק „גן־עדן״ ווייסט יעדער איד, וואָס האָט געלערנט חומש. דאָס איז באַשריבן באַלד אין אָנהויב פון „בראשית״. אדם און חוה זיינען געווען אין גן־עדן, איידער זיי האָבן געזינדיקט. ערשט ווען די שלאַנג האָט צוגערעדט חוה׳ן צו עסן דעם עפּל, וואָס גאָט האָט ניט געהייסן עסן און זי, חוה, האָט געגעבן אים צו אדם׳ען און ער האָט אויך געגעסן, האָט זיי גאָט דערפאַר אַרויסגעטריבן פון גן־עדן.

דען „גן־עדן״ איז אַלזאָ אַן אָרט פאַר די וואָס האָבן ניט געזינדיקט.

אויב אַזוי, מיינט עס דאָך פּאַר צדיקים, וואָרים דער באַגריף פון אַ צדיק ביי די חכמים איז געווען „מי שלא טעם טעם חטא״ (איינער וואָס האָט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד). הייסט עס דאָך, אַז די צדיקים, די וואָס האָבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון זינד, דאַרפן זיין אין גן־עדן. דאָס איז אי לאָגיש און אי יושר׳דיק און איז געשטיצט דערויף, וואָס שטייט אין דער תורה.

אָבער אין חומש ווערט דערציילט, אַז דער גן־עדן איז געווען אויף דר׳ערד. עס ווערט אַפילו אָנגעגעבן גענוי זיין געאָגראַפיע. אָט וואָס עס שטייט: „און גאָט האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עדן צו מזרח זייט און האָט דאָרטן אַריינגעטאָן דעם מענטש, וואָס ער האָט געשאַפן. און עס האָט גע־מאַכט וואַקסן, גאָט, פון דר׳ערד אַרויס, יעדן גלוסטיקן בוים צו זען און גוט צו עסן, און עס איז געווען אַ בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס. און אַ טייך גייט אַרויס פון עדן אָנצוטרינקען דעם גאָרטן, און פון דאָרטן טיילט ער זיך אויף פיר הויפּטן. דער נאָמען פון איינעם איז פּישון. דאָס איז דער, וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד חווילה, וואָס דאָרטן איז דאָס גאָלד און דאָס גאָלד פון יענעם לאַנד איז גוט. דאָרטן געפינט זיך אויך דער בדולח און דער אבן השוהם. דער נאָמען פון דער צווייטער טייך איז גיחון, דאָס איז דער, וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד כוש; דער נאָמען פון דריטן טייך איז חידקל, דאָס איז דער, וואָס גייט צו מזרח אויף אשור; און דער נאָמען פון פערטן טייך איז פרת (בראשית ב׳, ח־ט־י). אַלזאָ: כוש, חידקל, אשור און פרת — דאָס זיינען דאָך געווען באַקאַנטע נעמען און טאַקע ניט ווייט פון ארץ ישראל. הייסט עס, אַ באַשטימטע געגנט אין קליין־אַזיע. טאָ ווי אַזוי קומט עס, אַז אָט דער גן־עדן, וואָס איז אויף דער וועלט, זאָל פלוצים זיין אויף יענער וועלט?

איז דאָס געווען אַ האַרטע נוס צו קנאַקן. אָבער די חכמים האָבן זיך געגעבן דערויף אַן עצה. זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע ריכטיק, דער גן־עדן איז געווען אויף דער וועלט, אָבער דאָס איז נאָר דער גן־עדן של מטה, דער גן־עדן פון אונטן, אָבער היות ווי פון דאָרטן האָט מען אַרויסגעטריבן אדם און חוה, די ערשטע מענטשן וואָס האָבן געזינדיקט, קאָנען דאָרטן מער קיין מענטשן ניט זיין, ווייל וואָס איז די פאַרזיכערונג אַז די קינדער און קינדס־קינדער פון אדם און חוה וועלן ניט נאָכטאָן דעםביישפּיל פון זייערע אור־עלטערן און דאָרטן נאָכאַמאָל זינדיקן? דערפאַר האָט גאָט געשאַפן אַ גן־עדן של מעלה, אַ גן־עדן פון אויבן, אויף יענער וועלט, וואו עס וועלן זיין נאָר די נשמות פון די צדיקים, וועלכע האָבן ניט געזינדיקט. יאָ דאָרטן, אין יענעם גן־עדן וועלן זיין בלויז נשמות און ניט קיין גופים, און נשמות אַליין קאָנען ניט זינדיקן. אָט דער אָרט, דער גן־עדן, וועט זיין אַ באַלוינונגס־אָרט פאַר די וואָס זיינען געווען אויפן עולם הזה און האָבן דאָרטן ניט געזינדיקט.

אָבער דאָך האָט וועגן ענין גן־עדן געהערשט אַ גרויסער כאַאָס און די

גאַנצע זאַך איז געווען שטאַרק פאַרנעפּלט, אַפילו פאַר די חכמים אַליין. ווער גייט אין גן־עדן און ווער ניט? ווער באַשטימט דאָס? און וואָס זיינען די פאַרגעניגנס פון גן־עדן? און אַזוי זיינען דאָ נאָך און נאָך קשיות.

אין דער גמרא ווערט דערציילט, אַז אַלעקסאַנדער מוקדון איז געקומען צום טויער פון גן־עדן (תמיד ל״ב) אויף דער ערד, אָבער ריש לקיש האָט ניט געוואוסט וואו דער גן־עדן איז, און ער האָט געזאָגט: „אויב דער גן־עדן איז אין ארץ־ישראל, איז עס אין בית־שאן; אָבער אויב ער איז אין די אַראַבישע לענדער — איז ער אין בית גרם (ערובין י״ט). שפּעטער זיינען אָנגעשריבן געוואָרן גאַנצע לעגענדעס וועגן גן־עדן, איבערהויפּט דורך די האָמעליטיקער (בעלי אגדה). איינער פון זיי, ר׳ יהושע בן לוי, האָט אַפילו דורכשפּאַצירט דעם גאַנצן „גן־עדן״ (של־מעלה) און גענוי באַשריבן וואָס דאָרטן געפינט זיך (זע די קליינע מדרשים אין „בית המדרש״ פון יעלינעק און אויך אין „אוצר המדרשים״ פון אייזנשטאַט׳ן).

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן ווי אַזוי דער באַגריף „גיהנום״ איז געשאַפן געוואָרן.

דאָס וואָרט „גיהנום״ באַשטייט אייגנטלעך פון צוויי ווערטער: „גי הינום״, פאַרקירצט פון דריי ווערטער (אין תנ״ך): „גי בן הינום״. עס רעדט זיך וועגן דעם אָרט אין יהושע, וואו עס ווערט באַשריבן דער טייל לאַנד, וואָס יהודה האָט געקראָגן. דער פּסוק זאָגט „ועלה הגבול גי בן הינום״, און דערנאָך שטייט, אַז אין „גי בן הינום״ האָט מען אויפגעבויט מזבחות צו די אָפּגעטער צו פאַרברענען דאָרטן זייערע זין און טעכטער אויפן פייער (ירמיה ח, ל״א). און אין נחמיה ווערט אויסגערעכנט ווי די צוריקגעקומענע פון בבל האָבן זיך באַזעצט און עס ווערט צווישן אַנדערע ערטער דערמאָנט אויך „גיא הינום״ (נחמיה י״א, ו׳). „גיהינום״ איז געווען אַ באַקאַנטער פּלאַץ אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש. דאָס אָרט געפינט זיך אויף דרום־מערב פון ירושלים (די אַראַבער רופן אָן דעם פּלאַץ „וואַדי אל רבה״). דאָרטן איז פאַרצייטנס געווען אַ צענטער פאַר דער געצן־דינסט, וואָס הייסט אויף העברעאיש „מולך״, צו ברענגען די ערשטע זין און אַמאָל אויך די ערשטע טעכטער אַלס קרבן צום אָפּגאָט. אין יענע צייטן, ווען געצן־דינסט איז נאָך געווען אין קראַפט, האָט דאָרטן געברענט אַ שטענדיקער פייער, כדי די וואָס זיינען געקומען מקריב צו זיין זייערע ערשט־געבוירענע, זאָלן גלייך קאָנען זיי פאַרברענען אַלס קרבן צום אָפּגאָט. מיט דער צייט האָט זיך געשאַפן אַ לעגענדע ביים פאָלק, אַז אין „גי הינום״ ברענט אין דער טיפקייט פון דער ערד אַ באַטירלעכער פייער און אַז דערפאַר האָבן די אַמאָליקע געצן־דינער אויסגעקליבן דעם פּלאַץ אויף צו פאַרברענען דאָרטן זייערע קינדער צום אָפּגאָט (ערובין י״ט). נאָך שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַ צווייטע לעגענדע, אַז ווען מען גייט פאַרביי דעם „גי הינום״ איז, אויב מען איז אַ רשע, פאַלט מען דאָרטן אַריין און

מען ווערט פאַרברענט; אויב אָבער מען איז אַ צדיק, געשעט גאָרניט. פאַר־שטייט זיך, אַז דער „גי הינום" האָט זיך גוט צוגעפּאַסט פאַר אַן אָרט וואו די רשעים ווערן באַשטראָפט. אויך דאָ, ווי ביים באַגריף „גן־עדן", איז באַלד געשאַפן געוואָרן אַ דאָפּלטע אינסטיטוציע, אַ „גיהנום של מטה" (אַ גיהנום וואָס איז דאָ אונטן, אויף דער וועלט) און אַ „גיהנום של מעלה" (אַ גיהנום וואָס איז דאָ אויבן, אויף יענער וועלט).

אָבער פּונקט אַזוי ווי ביים באַגריף „גן־עדן" איז ניט געווען קלאָר אַפילו פאַר די חכמים, וואָס עס איז אַזוינס, איז דאָ אויך אַלץ געווען פאַרנעפּלט. מען האָט ניט געוואוסט וואָס עס זיינען די שטראָפן, צי בלויז דורך ווערן פאַרברענט אין פייער, אָדער עס זיינען דאָ אויך אַנדערע שטראָפן. אַזוי האָט מען אויך ניט געוואוסט ווער עס גייט אין גיהנום, ווי לאַנג איז מען אין גיהנום? איז מען דאָרט אייביק? אָדער נאָר אַ געוויסע צייט? און אויב אַ געוויסע צייט, וואָס געשעט מיט דער נשמה שפּעטער? וואוהין גייט זי? אין גן־עדן אָדער אין אַן אַנדער פּלאַץ?

אַביסל צוגעהאָלפן, אַז די נייע טערמינען זאָלן זיך פאַרשפּרייטן ביים פאָלק האָט דאָס, וואָס אַזעלכע אינסטיטוציעס פאַר גוטע און שלעכטע מענטשן זיינען שוין געווען באַקאַנט דעמאָלט פון אַנדערע רעליגיעס. אַזוי האָט די אינדישע רעליגיע געהאַט גאַנצע לעגענדעס וועגן אַ גן־עדן פאַר גוטע מענטשן און אויך בנוגע די שלעכטע, זיינען געווען אַזעלכע שרעקלעכע אינ־סטיטוציעס כמעט ביי אַלע פּאַרצייטיקע פעלקער און אויך מיט אומקלאָרע באַגריפן. אַזוי זיינען געווען פאַרשידענע לעגענדעס וועגן אַ שטראָף־אָרט פאַר שלעכטע מענטשן ביי די הינדוסן, ביי די עגיפּטער, ביי די פּערסיאַנער און ביי אַלע אַנדערע גלויביקע פון אַלע אַנדערע פאַרצייטיקע רעליגיעס. דער ענין „גן־עדן" און „גיהנום" איז דעריבער ניט געווען אינגאַנצן שפּאָגל־ניי, כאָטש זיי האָבן ביי יענע פעלקער געהאַט אַנדערע נעמען.

דאָך האָבן זיך די דאָזיקע באַגריפן ניט אינגאַנצן צוגעקלעפּט צום פאָלק. אַביסל איז עס געווען דערפאַר, וואָס פאַר די חכמים אַליין איז דער ענין נאָך ניט געווען גענוג קלאָר. זיי אַליין האָבן נאָך געהאַט פיל קשיות וועגן יעדער אינסטיטוציע באַזונדער און ניט געקאָנט דעם ענין קלאָר מאַכן דעם פאָלק; און אַביסל אויך דערפאַר, וואָס דאָס זיינען אַלץ געווען זאַכן פון יענער וועלט, און דאָס פאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ רעאַלן חוש פאַרן לעבן, האָט פון זיי ניט געהאַלטן. די פשוט'ע מענטשן זיינען געווען געוואוינט צו טראַכטן אין ממשות'דיקע טערמינען פון דער וועלט. אויב באַלוינונג — דאַרף עס זיין דאָ, אויף עולם הזה, און אַזוי אויך די באַשטראָפונג, און ניט ערגעץ אַנדערש־וואו. די חכמים האָבן זיך דעריבער פאַרטראַכט וועגן דעם און עס איז געבוירן געוואָרן אַ גאָר נייער געדאַנק וועגן „תחית המתים", דאָס הייסט, אַז די טויטע וועלן ווערן צוריק לעבעדיק — אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.19

דער געדאַנק פון תחית המתים

אַ נייער טייטש וועגן באַלוינונג און באַשטראָפונג אויף דער וועלט דורך דעם, וואָס די טויטע וועלן ווערן צוריק לעבעדיק. — פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם ווי אַזוי דאָס וועט זיין. — די צדוקים קעמפן שטאַרק קעגן דער אידייע און פאָדערן אויף די פּרושים צו ווייזן זיי וואו עס איז דאָ אין דער תורה. — ניט־אידן ווערן אויך פאַראינטערעסירט אין דער זאַך. — די קעניגין...... קלעאָפּאַטראַ פרעגט אַ קשיא דעם תנא ר׳ מאיר. — ווי אַזוי די אידייע איז אַריין אין פאָלק.

דער געדאַנק פון תחית המתים, וואָס די חכמים האָבן איצט געפּרע־דיקט, איז געווען אויף צו פאַרענטפערן די קשיות פון פאָלק און צו דער־קלערן, אַז סוף כל סוף איז דאָ אַ באַלוינונג און אַ באַשטראָפונג אויף דער וועלט. דאָס וועט אָבער זיין ערשט נאָכן קומען פון משיח. דעמאָלט וועט זיין „תחית המתים״, דאָס הייסט די טויטע וועלן ווערן צוריק לעבעדיק און שוין לעבן אייביק. דערמיט האָבן זיי דערקלערט, אַז דאָס לעבן איצט איז נאָר צייטווייליק און אַפילו דאָס זיין אויף „דער וועלט״ איז נאָר אַ צייטווייליקע זאַך. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ פאָדער־הויז פאַרן פּאַלאַץ. דאָס אמת׳ע לעבן וועט זיך ערשט אָנהויבן שפּעטער, ווען די טויטע וועלן אויפשטיין צוריק צום לעבן. ביי דעם פּונקט אָבער איז פאַר די חכמים אַליין ניט געווען נאָך קלאָר, וואָס עס וועט טאַקע דעמאָלט זיין. וואָס וועט געשען מיט די צדיקים און וואָס מיט די רשעים. לויט אַ טייל, וועלן די צדיקים אויפשטיין צום אייביקן לעבן, און די רשעים צום אייביקן שאַנד, ווי עס שטייט אין דניאל: „אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם״ (דניאל י״ב, ב׳). אין ספר „חנוך״ פון די „אַפּאָקריפן״ איז דאָ עפּעס אַנדערש. עס שטייט דאָרטן אַזוי: „נאָכדעם ווי משיח וועט קומען, וועט ער זיצן אויף זיין טראָן־שטול און משפּט׳ן די מענטשן. ער וועט הייסן אַלע טויטע אויפוועקן און אַרויסנעמען זיי פון די קברים, און אַלע וועלן ווערן לעבעדיק. דערנאָך וועט ער אָפּטיילן די צדיקים באַזונדער און די רשעים באַזונדער און יעדן איינעם באַצאָלן לויט זיינע מעשים״. לויט נאָך אַן אַנדער נוסח, וועלן נאָר די צדיקים אויפשטיין צו תחית המתים, און די רשעים — ניט, און דאָס וועט זיין די באַלוינונג פאַר די צדיקים און די שטראָף פאַר די רשעים. און ווידער, לויט נאָך אַן אַנדערן נוסח וועט זיין אַזוי: מען וועט אויפוועקן

אַלע, אַלע טויטע, און סיי צדיקים און סיי רשעים וועלן ווערן לעבעדיק, אָבער די צדיקים וועלן ניט צוריקגיין מער אין קבר אַריין און די רשעים — יאָ. דאָס איז די מיינונג וואָס ווערט געבראַכט אין דער גמרא: „צדיקים שהקדוש ברוך הוא עתיד להחיותם אינם חוזרים לעפרם״ (סנהדרין צ״ב) — די צדיקים וואָס גאָט וועט זיי מאַכן לעבעדיק, וועלן זיך ניט אומקערן צו דער ערד.

ווי מיר זעען, אַלזאָ, איז קיין איינהייטלעכע מיינונג וועגן דעם ענין פון „תחית המתים״ ניט געווען. דאָס ווייזט, אַז דער געדאַנק איז ניט געווען גענוג קלאָר, אַפילו צווישן די חכמים גופא און אַז עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע אומקלאָרקייט ביי די תנאים וועגן דעם גאַנצן ענין.

עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער צוגאָב צו דער נייער אידעאָלאָגיע, דער געדאַנק פון תחית המתים, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן שטורם קעגן די חכמים סיי פון זייערע שטענדיקע קעגנער, די צדוקים, וועלכע האָבן איצט ממש געקערט וועלטן; און סיי פון אַ סך אַנדערע. די צדוקים האָבן זיך ניט געקימערט וועגן די רייד פון די חכמים, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן גערעדט בלויז פון „יענער וועלט״ און אַפילו פון אַ „גן עדן״ מיט אַ „גיהנום״. דאָס האָט זיי ניט שטאַרק געאַרט. וואָרים די צדוקים האָבן געקוקט אויף די פרושים ווי אויף פאַנטאַזיאָרן, וואָס לעבן מיט דער האָפענונג אויף אַ לעבן נאָכן טויט, און זיך געטראַכט, זאָלן זיי גלויבן אין דעם, ווענמען אַרט עס. אָבער ווען די חכמים האָבן גענומען דערקלערן, אַז די באַלוינונג און די באַשטראָפונג איז טאַקע ניט אויף יענער וועלט, נאָר אויף דער וועלט, דורך דעם וואָס עס וועט זיין „תחית המתים״, האָט דאָס שוין ביי די צדוקים אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. זיי האָבן דעריבער איצט גע׳טענה׳ט צו די פרושים:

— וואָס טראַכט איר ווידער אויס עפּעס אַ נייע זאַך? פון וואַנען נעמט איר עס, אַז עס וועט זיין אַ תחית המתים? וואו שטייט דאָס געשריבן אין דער תורה? נו, אדרבה, ווייזט אונז!

דערויף האָבן די חכמים געענטפערט, אַז אמת, אין דער תורה שטייט עס בפירוש ניט אַרויסגעשריבן, אָבער עס זיינען דאָ רמזים (וואונקען) דערויף. נאָך מער, עס זיינען דאָ פסוקים אין דער תורה, וואָס מען קען אַזוי טייטשן.

וואָס איז דער אמת וועגן דעם? דער אמת איז, אַז אין חומש שטייט גאָרניט וועגן דעם, אָבער אין די „נביאים״ און אויך אין די „כתובים״ זיינען יאָ דאָ שטעלן, וואָס מען קאָן אָננעמען, אַז זיי האָבן געגלויבט אין „תחית המתים״. אָבער פונקט אַזוי זיינען דאָ ווידער אַנדערע שטעלן, וואָס זאָגן פונקט קאַפויער, צום ביישפּיל, די חכמים האָבן געבראַכט דעם פסוק פון שמואל (א׳, ב׳): „גאָט טויטעט און מאַכט לעבעדיק, ער נידערט אַראָפּ אין גרוב און ברענגט צוריק אַרויף״ („ה׳ ממית ומחיה, מוריד שאול ויעל״). אָדער דעם פסוק פון ישעיה (כ״ו, י״ט): „שטייט אויף און זינגט אַלע גע־

שטאַרבענע״ („הקיצו ורננו שוכני עפר״) און נאָך אַזעלכע, וואו עס איז דאָ דער געדאַנק, אַז די טויטע וועלן ווערן צוריק לעבעדיק. איז אָבער ביים זעלבן ישעיה דאָ אַ פּסוק, מיט אַ פּונקט פאַרקערטן געדאַנק, ווען ער זאָגט: „מתים בל יחיו, רפאים בל יקומו״ (די טויטע וועלן מער ניט ווערן לעבע־דיק, פאַרשטאַרבענע וועלן מער ניט אויפשטיין צוריק צום לעבן). אַזוי זיינען דאָ ענלעכע פּסוקים אין תהלים, אין איוב און אין נאָך אַנדערע ערטער. עס זיינען דאָ פּסוקים וואָס זאָגן אַזוי און פּסוקים וואָס זאָגן אַנדערש.

האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ האַמפּעריניש צווישן די צדוקים און די פּרושים וועגן דעם ענין. די צדוקים האָבן כסדר פאַרפאָלגט די פּרושים, אַז זיי זאָלן זיי ווייזן, וואו עס געפינט זיך וועגן תחית המתים אין דער תורה. די צדוקים האָבן די פראַגע געשטעלט צו רבן גמליאל: „מנין לתחית המתים מן התורה?״ (פון וואַנען איז געדרונגען, אַז תחית המתים איז שוין דערמאָנט אין דער תורה?) די פּרושים האָבן די פראַגע געענטפערט פון דעם פּסוק „הנך שוכב עם אבותיך וקם העם הזה וזנה״ (דו וועסט פאַרגיין מיט דיינע עלטערן און עס וועט אויפשטיין דאָס פאָלק און וועט זינדיקן — דברים ל״א, ט״ז). דאַרף מען טייטשן, זאָגט רבן גמליאל, די ווערטער אַזוי: „דו וועסט פאַרגיין מיט דיינע עלטערן און אויפשטיין״, ווייל דאָס וואָרט „וקם״ (און אויפשטיין) גייט צוזאַמען מיטן ערשטן זאַץ. הייסט עס, אַז זיי וועלן אויפשטיין נאָכן טויט. דאָס איז תחית המתים. האָבן די צדוקים ניט געוואָלט הערן ־ערפון און האָבן געזאָגט, אַז ניין. דאָס וואָרט „וקם״ (און אויפשטיין) גייט צום סוף פון פּסוק און מיינט: „און עס וועט אויפשטיין דאָס פאָלק און וועט זינדיקן (סנהדרין צ׳).

ווען די צדוקים האָבן ניט געוואָלט אָננעמען דעם דערמאָנטן טייטש פון דעם פּסוק, האָבן אַנ־ערע חכמים זיי באַוויזן דאָס פון אַנדערע פּסוקים. אָבער אויך יענע באַווייזן זיינען געווען אויפן זעלבן שטייגער. פון אַ טייטש אָדער אַ קוועטש אויף אַ וואָרט, וואָס זאָל באַדייטן, אַז דאָס מיינט תחית המתים. אָבער די צדוקים האָבן זיך איינגעשפּאַרט און פאַרטייטשט דעם פּסוק אויף אַן אַנדערן, פּשוט׳ערן אופן, אַן קיין שום אָנווייז אויף „תחית המתים״. זיינען די פּרושים ווידער געקומען מיט אַן אַנדער פּסוק, האָבן די צדוקים עס ווידער געמאַכט צו ניט. און אַזוי האָט זיך געצויגן דער קאַמף פאַר יאָרן לאַנג.

* * *

אויסער די צדוקים האָבן זיך אין דער זאַך אינטערעסירט אויך אַנדערע, אַפילו ניט־אידישע מענטשן, ווייל פאַר זיי איז די אידייע אויך געווען שפּאָגל־ניי. מיר געפינען אין דער גמרא, אַז די רוימער האָבן געפרעגט ר׳ יהושע בן חנניה: „פון וואַנעט נעמט איר דאָס, אַז עס וועט זיין תחית המתים?״ האָט זיי ר׳ יהושע אויך געזאָגט וועגן דעם פריער־דערמאָנטן פּסוק. איז עס זיי אויך ניט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן געטייטשט דעם פּסוק אַנדערש.

אַזוי ווערט אויך דערציילט, אַז די קעניגין קלעאָפּאַטראַ האָט זיך אינטעי־רעסירט אין דער זאַך און האָט געפרעגט ר׳ מאיר׳ן וועגן דעם. אָבער איר פראַגע איז ניט געווען, צי די טויטע וועלן צוריק אויפשטיין צום לעבן, דעריין האָט זי געגלויבט, זי האָט אָבער געוואָלט וויסן, צי די טויטע וועלן אויפשטיין נאַקעט, אָדער אין מלבושים. האָט איר ר׳ מאיר געזאָגט, אַז מען קאָן עס פאַרגלייכן צו אַ ווייץ: אַזוי ווי אַ ווייץ באַגראָבט מען אין דער ערד (ווען מען פאַרזייט זי) נאַקעט און זי שטייט אויף אין פיל קליידער — די צדיקים, וועלכע מען באַגראָבט אין קליידער (די תכריכים) וועלן דאָך אַוודאי אויפשטיין אין קליידער. אָבער וואָס וועט זיין מיט די רשעים? וועלן זיי אויפשטיין (אויב זיי וועלן בכלל אויפשטיין) נאַקעט, צי אין מלבו־שים? דאָס האָט ר׳ מאיר ניט געזאָגט.

בכלל זעען מיר פון תלמוד, אַז עס זיינען אָנגעגאַנגען גרויסע דיסקוסיעס וועגן דעם, ניט נאָר צווישן אידן, נאָר אויך מיט ניט־אידן. נאַטירלעך האָט מען די ניט־אידן ניט געקאָנט ענטפערן מיט רמזים פון דער תורה, ווייל דאָס וואָלטן זיי ניט פאַרשטאַנען. איז דעריבער די גאַנצע דיסקוסיע געווען צי עס לייגט זיך אויפן שכל, צי עס איז מעגלעך, אַז טויטע זאָלן צוריק ווערן לעבעדיק, אָדער ניט. אויך ר׳ מאיר האָט דער קעניגין קלעאָפּאַטראַ געענטפערט מיט אַ לאָגישן תירוץ און פאַרגליכן דעם מענטש צו אַ ווייץ, וואָס שטייט אויף אין פיל קליידער. בכלל איז דער משל מיט דער ווייץ אויסגענוצט געוואָרן פון פיל חכמים, ניט נאָר צו ווייזן, אַז די צדיקים וועלן אויפשטיין אין קליידער, נאָר צו ווייזן בכלל, אַז עס איז מעגלעך תחית המתים, ווייל פונקט אַזוי ווי מען לייגט אַריין די ווייץ אין דער ערד און זי שטייט אויף צוריק צום לעבן אין פיל חדשים שפּעטער, אַזוי קאָן אויך אַ מענטש, וועלכן מען באַגראָבט אין דער ערד, אויפשטיין צוריק צום לעבן. אָבער אויך אויף דעם האָט איינער פון די צדוקים געענטפערט, אַז עס איז ניט אַ גלייכער משל, ווייל די ווייץ, וואָס מען באַגראָבט אין דער ערד, איז אַ לעבעדיקע. אַ סימן איז, אַז מען קאָן פון איר מאַכן ברויט. דערפאַר ווערט פון לעבן — לעבן, אָבער דער מענטש, וואָס מען באַגראָבט איז שוין טויט, ווי אַזוי קאָן פון טויט ווערן לעבן?

אויפן וועג פון שכל האָבן די חכמים געהאַט נאָך פיל ענטפערס. איין ענטפער איז געווען אַ מין „קל וחומר" און עס איז אַזוי: מאי דאָך אַ מענטש ווערט געבוירן פון אַ טויטן טראָפּן און ווען גאָט גיט אין אים אַריין לעבן, לעבט ער; אַ מענטש, וואָס האָט שוין געלעבט, קאָן דאָך גאָט אים אַוודאי אַריינגעבן לעבן (ברכות ט״ו); אָדער אַזאַ משל: גלעזערנע כלים ווערן גע־שאַפן דורך דעם וואָס מען בלאָזט אַריין אין זיי — אַ מענטש, וואָס איז עפּעס מער ווי אַ טויט שטיק גלאָז, קאָן דאָך אַוודאי ווערן לעבעדיק, אויב גאָט זאָל אַריינבלאָזן לעבן אין אים. אַזוי זיינען געגעבן געוואָרן נאָך פיל אַנדערע

לאָגישע און האַלב־לאָגישע ענטפערס צו די וואָס האָבן ניט געוואָלט גלויבן אין תחית המתים.

מיט דעם אַלעם איז די אידייע פון תחית המתים ניט געוואָרן געווּג קלאָר און עס האָט געהערשט איבער איר אַ שטאַרקער נעפּל. עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פיל מיינונגען, וואָס איינע איז סותר די אַנדערע און עס איז ניט געוועזן קיין קלאָר בילד וועגן דעם. כדי צו מאַכן אַן ענדע צו דער דיסקוסיע, האָבן די חכמים געזאָגט, אַז ווער עס לייקנט אין תחית המתים, דער וועט ניט ווערן צוריק לעבעדיק. דאָס איז אָבער געווען אַ גאַנץ קליינע שטראָף פאַר די יעניקע, וואָס לייקענען אין דעם. זיי גלויבן דאָך סיי ווי סיי ניט, אַז דאָס וועט זיין, האָבן זיי דאָך ממילא ניט קיין אורזאַך פון וואָס צו האָבן עגמת נפש.

די שפּעטערדיקע אידישע פילאָזאָפן האָבן זיך גאָר שטאַרק געמאַטערט אַרום אָט־דעם טייל פון דער נייער אידעאָלאָגיע. דער רמב״ם האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ ביכל וועגן דעם ענין (מאמר תחית המתים), אָבער שוין ר׳ סעדיה גאון פריער אין זיין ספר „האמונות והדעות״ פאַרנעמט זיך דערמיט און אויך ער וויל באַווייזן דאָס על פי שכל. דאָס טוען אויך שפּעטער אַלע אַנדערע אידישע פילאָזאָפן, כאָטש ניט אַלע האָבן געהאַלטן דאָס פאַר אַן עיקר פון אידישקייט. אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן אויספירלעך ווען מיר וועלן קומען צו דער צייט פון די פילאָזאָפן.

דער פאַקט אָבער איז, אַז נאָכדעם ווי די צדוקים־פאַרטיי איז אונטערגעגאַנגען, און די פּרושים און זייערע נאָכפאָלגער, די אמוראים, האָבן פאַרגעזעצט זייער לערע, איז דער גלויבן אין תחית המתים אַלץ מער אָנגענומען געוואָרן ביים פאָלק און איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ טייל פון גלויבן אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע: משיח, עולם הבא (גן־עדן און גיהנום) און — תחית המתים.

איצט אַז מיר זיינען פאַרטיק מיט די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס פון יענער צייט, וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צום תלמוד און זען פון וואָס ער באַשטייט, הויפּטזעכלעך וועגן די צוויי טיילן, הלכה און אגדה, אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.20

„הלכה" און „אגדה" אין תלמוד

די זעקס דורות פון אמוראים, וועלכע האָבן געשאַפן דעם תלמוד. — די הויפּט־פירער זיינען געווען ראשי־ישיבה פון באַרימטע תורה־אַנשטאַלטן. — די פּאָרלעך פון תלמידי־חכמים וואָס האָבן געפירט דיסקוסיעס אין לערנען. — די אגדה טיילט זיך אויף 12 טיילן.

דער תלמוד באַשטייט פון צוויי סאָרטן שאַפונגען: פון „הלכה" (האַלאָכע) און פון „אגדה" (אַגאָדע). הלכה מיינט: געזעצגעבונג, דאָס הייסט די אויס־טייטשונג פון די דינים וואָס עס ווערן געבראַכט אין משניות. אגדה, ווידער, מיינט: לעגענדעס, מעשה'לעך, ווערטלעך און געוויסע טייטשן פון פסוקים. די הלכה איז דער ערנסטער טייל פון תלמוד און דער סאַמע עיקר. די אגדה איז דער לייכטערער, אַמוזירנדיקער טייל און שטעלט מיט זיך פאָר דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט, אין יענער צייט, צווישן צווייטן און פינפטן יאָרהונדערט (לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), געטראַכט און ווי אַזוי עס האָט געלעבט. די הלכה־ענינים פאַרנעמען אַן ערך פון צוויי־דריטל פון תלמוד, די אגדה פאַרנעמט נאָר איין דריטל.

די פאָרם פון דער הלכה איז אַ באַשרייבונג פון אַ שמועס, אָדער אַ דיסקוסיע אין בית־המדרש צי ערגעץ אַנדערש־וואו, וועגן דער אויסטייטשונג פון די דינים וואָס ווערן געבראַכט אין דער משנה. די דיסקוטאַנטן זיינען געווען אַ קאָלעקטיוו פון אַן ערך 1,800 אמוראים, וועלכע האָבן געלעבט אין פאַרלויף פון דריי הונדערט יאָר, אָבער די סאַמע וויכטיקסטע פון זיי, די וועלכע נעמען זייער אָפּט אַן אָנטייל אין די דיסקוסיעס, זיינען ניט מער ווי אַן ערך פון הונדערט. דערביי טרעפן מיר זיי אָפּט אין פּאָרלעך, דאָס הייסט, צוויי וואָס פירן זייער אָפּט וויכוחים צווישן זיך. עס זיינען געווען זעקס דורות פון אמוראים און עס זיינען אין יעדן דור געווען באַוואוסט עטלעכע אַזעלכע דיסקוטאַנטן. די פּאָרלעך וואָס האָבן כסדר געפירט צווישן זיך וויכוחים וועגן דער משנה זיינען אין ערשטן דור געווען די סאַמע ערשטע צוויי אמוראים פון בבל, רב (ראַוו) און שמואל. רב איז גע־ווען אַ תלמיד פון „רבי'ן", וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט די משנה אָדער משניות. ער איז געקומען פון ארץ־ישראל קיין בבל און איז געוואָרן דער ראש פון דער ישיבה פון דער שטאָט סורא. שמואל איז אויך געווען אַ ראש־ישיבה פון דער שטאָט נהרדעא (נהאַרדאָע). זיי האָבן ביידע געלעבט אין דער צייט צווישן 219 ביז 259. מיר געפינען אָט־די צוויי נעמען אָפּט

אין תלמוד, ווי זיי פירן וויכוחים וועגן טייטש פון דער משנה. רב איז שטענדיק מחמיר, ער איז זייער שטרענג, אָבער שמואל איז אַלע מאָל דער־פאַר צו פאַרלייכטערן דעם געזעץ, כדי צו שאַפן אַן אויסגלייך צווישן זיי.

אַזוי איז אויך אין יענער צייט אָנגענומען געוואָרן אַ כלל וועגן דעם ווער פון זיי עס איז גערעכט. דער כלל איז אַזוי: יעדעס מאָל ווען רב פירט אַ וויכוח מיט שמואל׳ן וועגן כשר און טריפה, איז דער געזעץ אַזוי ווי רב זאָגט; אָבער ווען עס איז וועגן געלט־ענינים, איז עס אַזוי ווי שמואל. רב איז געווען אַ גרעסערער תלמיד־חכם ווי שמואל.

אין צווייטן דור, פון 259 ביז 330, איז אויך געווען אַזאַ פּאָרל, ר׳ חסדא און ר׳ ששת, ביידע תלמידים פון רב׳ן. אַזוי זעען מיר אויך אין דריטן דור צוויי שטענדיקע דיסקוטאַנטן, אביי (אַבאַיע) און רבא (ראָווע). אביי איז געווען דער ראש ישיבה פון פומבדיתא (פּומבעדיטע) און רבא ראש־ישיבה פון מחוזא (מעכוזע), און אַזוי גייט עס כסדר אויך אין די אַנדערע דורות, ווי רב פפא (פּאָפּע) און רב אשי (אַשע), און אַזוי זיינען געווען נאָך פיל אַנדערע אַזעלכע פּאָרלעך.

עס איז אויך כדאי צו באַמערקן אַן אינטערעסאַנטן כלל אין דער גמרא בנוגע דעם, ווי אַזוי עס דאַרף זיין די הלכה אין פאַל פון אַ דיסקוסיע. מיר זען פיל מאָל, אַז די הלכה ווערט אַנטשידן לויט דעם ווי עס זאָגט דער אינגע־רער. אַלס טעם דערויף ווערט אָנגעגעבן „דבתראי הוא״, דאָס מיינט, ווייל ער איז דאָך דער לעצטערער. דער אינגערער האָט, הייסט עס, געהאַט די מעג־לעכקייט צו וויסן דאָס סאַמע נייעסטע וועגן דעם דין, פיל מער ווי דער עלטע־רער. דער עלטערער ווייסט נאָר דאָס וואָס ער האָט געלערנט פון זיין רבי׳ן, אָבער דער אינגערער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו הערן אויך פון אַנדערע און ער ווייסט דעריבער בעסער. אָבער דאָך איז ניט אַלע מאָל אַזוי.

די הלכה (מערצאָל: הלכות) ווערט אויך איינגעטיילט אין „סוגיות״. „סוגיא״ מיינט אַ שמועס וועגן אַ געוויסן ענין. דאָס הייסט, באַטראַכטן און אַרומרעדן אַ געוויסן דין פון אַלע זייטן. אַט אַזאַ שמועס אָדער דיסקוסיע האָט זיך גערופן אויף גמרא־לשון „שקלא וטריא״ (שאַקלאָ וועטאַריאָ). דאָס זיינען צוויי אַראַמעאישע ווערטער וואָס מיינען — אַנצונעמען און אָפּצוואַרפן, צו באַטראַכטן הין און צוריק, ווי עס איז דער שטייגער אין אַ דיסקוסיע.

* * *

די „אגדה״ איז דער טייל וואָס איז ניט קיין הלכה און באַשטייט, ווי געזאָגט, פון לעגענדעס, חקירה, מוסר, שמועסן און קלוגע ווערטלעך. דאָס וואָרט „אגדה״ איז אַראַמעאיש און האָט דעם זעלבן טייטש ווי דאָס וואָרט „הגדה״ אויף העברעאיש, וואָס עס מיינט — זאָגן, דערציילן.

די „אגדה״ (זי ווערט אויך אָנגערופן „אגדתא״ (אַגאַדעטאַ) ווערט גע־טיילט אויף פאָלגנדיקע 12 טיילן:

1. לעגענדעס וועגן אידישן פֿאָלק אָדער וועגן צדיקים, ווי למשל, דאָס מעשה׳לע וועגן ווערעמל וואָס איז אַריין אין מוח פון טיטוס׳ן, אָדער דאָס מעשה׳לע וועגן חוני המעגל, וואָס איז געשלאָפן 70 יאָר. די לעגענדעס זיינען דערציילט געוואָרן פון פאָלק, אָבער זיי זיינען געשאַפן געוואָרן פון מענטשן מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע, מיטן ציל אַרויסצובברענגען עפּעס אַ מוסר־השכל.

2. וויכוחים. עס ווערט אָפט דערציילט אין תלמוד וועגן וויכוחים וואָס די אידישע געלערנטע האָבן געהאַט מיט קעניגן, מיט אפיקורסים און אויך מיט סתם מענטש פון אַן אַנדער גלויבן, וועגן אידן און אידישקייט. איינער פון די וואָס האָבן געפירט אַ סך וויכוחים איז געווען דער אמורא ר׳ אבהו (אַבוהו), וואָס האָט געלעבט אין קיסרין (ארץ־ישראל). עס זעט אויס, אַז ער האָט געפירט די וויכוחים מיט די ערשטע קריסטן, און כדי צו ווייזן זיי, אַז עס איז ניט מעגלעך דאָס וואָס זיי זאָגן, ווי, למשל, אַז יעזוס איז געפלויגן אין הימל אַריין, האָט ער געזאָגט, אַז קיינמאָל איז קיין מענטש ניט געפלויגן אין הימל אַריין, דערפאַר האָט ער געזאָגט, אַז אַפילו משה רבינו און אליהו הנביא זיינען אויך ניט אַרויף אין הימל (סוכה ה׳). ווען די ערשטע קריסטן האָבן אים געפרעגט און וואָס איז וועגן חנוך׳ן, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז ער איז אַרויף אין הימל, האָט ער צו זיי געזאָגט, אַז די ווערטער „לקח אותו אלקים״ מיינען, אַז ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַ חוץ ר׳ אבהו׳ן זיינען געווען נאָך אַנדערע, וואָס האָבן געפירט אַזעלכע וויכוחים.

3. פילאָזאָפישע שמועסן, ווי למשל, אַז אדם הראשון איז פריער געווען אַ ליימענער גולם און גאָט האָט אים אַריינגעגעבן אַ לעבן, אָדער אַז גאָט האָט געשאַפן וועלטן און דערנאָך זיי חרוב געמאַכט ביז ער האָט געשאַפן אונזער וועלט. אַנדערע ווידער האָבן אויסגעדריקט דעם געדאַנק, פון ערשטן גריכישן פילאָזאָף, טהאַלעס, אַז אַלץ איז געשען פון וואַסער, און אַנדערע אַזוינע פילאָזאָפישע מיינונגען.

4. משלים. פאַבלען פון לעבן פון חיות און עופות. אַזוי האָט, למשל, ר׳ מאיר געהאַט געשאַפן בלויז וועגן פוקסן דריי הונדערט משלים. עס זיינען אויך דאָ משלים וועגן קעניגן און אַנדערע.

5. ווערטלעך וואָס דאָס פאָלק זאָגט. דאָס ווערט געבראַכט מיט דעם אָנהויב „היינו דאמרי אינשי״ (עס איז דאָס וואָס דאָס פאָלק זאָגט), און נאָכדעם ווערט געבראַכט דאָס ווערטל וואָס דאָס פאָלק האָט געזאָגט אין יענער צייט.

6. רפואות. עצות און מיטלען ווי אַזוי צו פאַרהיטן זיך פון פאַרשידענע קראַנקייטן און וואָס צו טאָן אין פאַלן פון אַ געוויסער קראַנקייט, ווי אויך וועגן געוויסע סגולות און אָפּשפּרעכונגען.

7. פאַנטאַזיעס. מעשה׳לעך פון אַ ווילדער, צעלאָזענער פאַנטאַזיע,

ווי, למשל, די מעשה׳לעך פון רבה בר בר חנא, וועלכער איז געווען אַ קינסט־לער אויף צו דערציילן אַזעלכע ווילדע זאַכן, ווי, למשל, „קום, וועל איך דיר ווייזן וואו הימל און ערד קושן זיך״ און דאָס גלייכן.

8. שפּיל אין ווערטער. טייטשן פון פסוקים דורך אַ שפּיל פון ווער־טער, כדי אַרויסצוברענגען אַ געוויסן געדאַנק.

9. טייטשן דורך אויסלייגן פון ווערטער. דאָס ווערט גערופן אין תלמוד „נוטריקון, גימטריאות״. טייטשן דורך באַטראַכטן אַ וואָרט, ווי אַ שטייגער עס וואָלט באַשטאַנען פון בלויז איניציאַלן, אָדער באַטראַכטן בלויז די אָנהויב אותיות פון אַ רייע ווערטער, און דעסגלייכן.

10. קבלה. מיסטישע שטעלן וואָס זיינען גענומען פון דער קבלה, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אין יענער צייט. טייטשן אַ פּסוק אַנדערש ווי עס איז די מיינונג, כדי אַרויסצוברענגען אַ נייעם געדאַנק.

11. אַ טייטש, וואָס זאָל שטיצן די הלכה. דאָס טרעפט ניט פיל מאָל, אָבער אין געוויסע פאַלן האָבן זיי געטייטשט אַ פּסוק אַזוי, אַז די הלכה זאָל זיך קאָנען שטיצן דערויף. אַזוי, למשל, האָבן זיי געטייטשט אַנדערש דעם פּסוק וואָס ווערט געבראַכט אין חומש (בראשית), ווען גאָט האָט געשאַפן חוה׳ן. דער אויסדרוק איז „ויבן את הצלע״, וואָס דער טייטש דערפון איז „און ער (גאָט) האָט אויסגעבויט די זייט״, וואָס ער האָט גענומען פון אָדם׳ען און דערפון געשאַפן חוה׳ן. אָבער דאָס וואָרט „ויבן״ קאָן מען אויך טייטשן פון וואָרט „הבנה״, פאַרשטיין. דעריבער האָבן זיי געזאָגט, אַז עס מיינט, גאָט האָט אַריינגעגעבן אַ באַזונדערן פאַרשטאַנד צו אַ פרוי, ווי צו אַ מאַן און דעריבער ווערט זי פריער רייפער ווי דער מאַן. דאָס איז צוליבן דין וואָס זאָגט, אַז אַ פרוי ווערט רייפער מיט אַ יאָר פריער ווי אַ מאַן.

12. סאַטירע און שפּאַס. טיילמאָל באַנוצט זיך די אגדה אויך מיט סאַטירע און שפּאַס, ווי למשל, די שטעלע וואָס דערציילט ווי אַזוי קורח האָט אָפּגעשפּאַסט פון די דינים פון משה׳ן א. ד. גל.

* * *

שוין אין דער צייט פון דער משנה איז געווען אַן אונטערשיד צווישן די וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט הלכה און צווישן די וואָס האָבן זיך פאַר־נומען מיט אגדה. די „בעלי הלכה״ זיינען געווען פון אַ העכערער מדרגה, פונקט אַזוי ווי אַ שטייגער, עס איז אין דער אַלטער היים געווען אַן אונטער־שיד צווישן דעם רב פון שטאָט און אַ בעל־דרשן. געוויס איז מען געקומען אין שול אַריין אָדער אין בית־המדרש אַריין צו הערן דעם בעל־דרשן, אָדער דעם „מגיד״, אָבער דער רב איז געווען דער פירער, דער טאָן־געבער, דער וועלכער האָט געפּסקנ׳ט שאלות; דער, ביי וועלכן מען האָט אָפּגעהאַלטן דין־תורה׳ס א. ד. גל. דער בעל־דרשן אָבער האָט ניט געהאַט אַזאַ הויכע אויטאָריטעט. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין יענע צייטן דער אונטערשיד צווישן אַ „בעל הלכה״ און „בעל אגדה״. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז

ווען ר׳ עקיבא, דער גרויסער בעל־הלכה, האָט אַמאָל גענומען זאָגן עפּעס אויפן שטייגער פון אגדה, האָבן זיינע חברים אים באַלד געזאָגט: „עקיבא, מה לך אצל אגדה? כלך לך אצל הלכה״ (עקיבא, וואָס האָסטו צו טאָן מיט אגדה? דו גיי בעסער צוריק צו דער הלכה!).

אָבער דאָך האָט זיך די אגדה ביסלעכווייז שטאַרק אַנטוויקלט. אין די לעצטע צייטן פון תלמוד האָבן די, וועלכע האָבן אים אָפּגעשלאָסן, אָפּגעגעבן אַ געוויסן פּלאַץ פאַר דער אגדה און דרוש.

* * *

דעריבער, ווען מ׳קוקט זיך צו צו אַ בלאַט גמרא, וואָס באַשטייט בלויז פון הלכה און אַ בלאַט גמרא, וואָס באַשטייט פון אגדה, זעט מען אַ גרויסן אונטערשיד. דער אונטערשיד איז צום ערשטן אין אויסזען. אַ בלאַט גמרא פון הלכה איז אַרומגערינגלט פוןביידע זייטן מיט קאָמענטאַרן. אויף איין זייט איז דער פירוש רש״י, וועלכער פאַרטייטשט אַלצדינג, און אויף דער צווייטער זייט איז „תוספות״, פון די אייניקלעך און תלמידים פון רש״י׳ן און אויך שפּעטערדיקע רבנים, וועלכע פאַרטייטשן אַמאָל אויך, אָבער על־פּי־רוב פרעגן זיי קשיות און פאַרענטפערן זיי. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז עס איז דאָ גאַנץ ווייניק פּלאַץ פאַרן טעקסט פון דער גמרא. גאַנץ אַנדערש אָבער זעט אויס אַ בלאַט גמרא, וואָס אַנטהאַלט בלויז אגדה. דאָ זעט מען אין אַ זייט אַ שטיקעלע רש״י און גאָר ווייניק „תוספות״ און דער טעקסט פון דער גמרא איז גרעסער און פילט־אויס די גאַנצע זייט (אָדער „דף״, ווי עס רופט זיך געוויינלעך). די, וואָס קאָנען לערנען, ווייסן די סיבה דערפון. אין דעם בלאַט גמרא פון הלכה איז אַלץ בצמצום, ניט אַרויסגעשריבן, און רש״י און „תוספות״ זיינען, ווי צוויי שיפס־קאַפּיטאַנען, וואָס פירן דורך די שיף דורך די געפערלעכע וואַסערן. זיי האַלטן דעם קאָמפּאַס אין זייער האַנט, כדי מ׳זאָל וויסן ווי אַזוי נאָכצופאָלגן דעם גאַנג פון דער גמרא. אָבער אין אַ בלאַט פון אגדה דאַרף מען ניט די שיפס־קאַפּיטאַנען, ווייל דאָס וואַסער איז רואיק און גלאַטיק. דאָס הייסט, אין דער אגדה ווערט אַלץ אַרומגערעדט און אַרויסגעזאָגט. עס איז ניט קיין שפּראַך אויפן וואונק, ווי אין אַ בלאַט גמרא פון הלכה. דאָ איז אַלץ קלאָר און אויב מען פאַרשטייט נאָר דאָס לשון, פאַרשטייט מען שוין אַלץ אַליין. בלויז אין געוויסע פאַלן איז אויך דאָס לשון פון דער אגדה בקיצור און סטענאָגראַפיש.

עס איז אויך דאָ אַן אונטערשיד צווישן דעם לשון פון דעם בלאַט הלכה און אגדה. אין הלכה איז דאָס לשון מער אין העברעאיש־אַראַמעאיש, ווייל די דיסקוסיעס זיינען געפירט געוואָרן פון די העכערע אמוראים. אין אגדה, אָבער, איז דאָס לשון מער אַראַמעאיש־סיריש, אָדער גאָר אינגאַנצן סיריש, וואָס עס איז געווען אַ מין פאָלקס־אַראַמעאיש, וואָס דאָס פאָלק האָט גערעדט. עס איז געווען אַ מין אַראַמעאישער „סלענג״ מיט פיל סירישע אויסדרוקן און מען האָט עס דערפאַר טאַקע גערופן „סיריש״.

תורה אור

ולמאן דאמר הילך פטור אמאי איצטריך קרא למעוטי קרקע משבועה הא כל קרקע הילך הוא אמר לך איצטריך קרא היכא דחפר בה בורות שיחין ומערות אי נמי היכא דטענו כלים וקרקעות והודה בכלים וכפר בקרקעות ת״ש דתני רמי בר חמא ארבעה שומרין צריכין כפירה במקצת והודאה במקצת שומר חנם והשואל נושא שכר והשוכר היכי דמי לאו דא״ל הילך לא דאמר ליה ג׳ פרות מסרתי לך ומתו כולהו בפשיעה וא״ל אידך חדא לא היו דברים מעולם וחדא מתה באונס וחדא מתה בפשיעה דבעינא שלומי לך ולאו הילך הוא תא שמע דתני אבוה דרבי אפטוריקי לדרבי חייא קריתא מנה לי בידך והלה אומר אין לך בידי כלום והעדים מעידים אותו שיש בידו חמשים זוז יכול ישבע על השאר ת״ל על כל אבידה אשר יאמר כי הוא זה על הודאת פיו אתה מחייבו ואי אתה מחייבו על העדאת עדים מתני׳ קא רמית עליה דר׳ חייא ורבי חייא תנא הוא ופליג והא קרא קאמר והתנא למודה מקצת הטענה ואבוה דרבי אפטוריקי אמר לך כתיב הוא וכתיב זה חד למודה מקצת הטענה וחד להעדאת עדים דפטור ואידך חד למודה מקצת הטענה וחד למודה ממין הטענה ואידך מודה ממין הטענה לית ליה דסבר ליה כרבן גמליאל דתנן טענו חטין והודה לו בשעורין פטור ורבן גמליאל מחייב הנהו רעיא דהוו מסרי ליה כל יומא חיותא בסהדי יומא חד מסרו ליה בלא סהדי לבסוף אמר להו לא היו דברים מעולם אתו סהדי אסהידו ביה דאכל תרתי מינייהו אמר רבי זירא אם איתא לדרבי חייא קמייתא משתבע אשארא אמר ליה אביי אם איתא משתבע הוא גזלן הוא אמר ליה שבועה קאמינא השתא נמי דליתא לדרבי חייא מדרבה מדרב נחמן דתנן מנה לי בידך אין לך בידי פטור ואמר רב נחמן משביעין אותו שבועת היסת דרב נחמן תקנתא היא ותקנתא

אַ בלאַט גמרא מיט רש״י און תוספות